STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08032

IN SOTSYALN SHTUREM

Boris Yelensky

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

באָריס יעלענסקי

אין סאָציאַלן שטורעם

באָריס יעלענסקי

אין סאָציאַלן שטורעם

(זכרונות פון דער רוסישער רעוואָלוציע)

ב ו כ ג ע מ יי נ ש אַ פ ט
ביי דער
יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט
ב ו ע נ אָ ס א י י ר ע ס, 1967

מײַן אָנקומען קײן רוסלאַנד

דעם 18טן יולי 1917 בין איך אָנגעקומען אין דער שטאָט נאָוואָראָסײסק, וואָס געפינט זיך בײַם ברעג פון שוואַרצן ים און בײַ די קאַווקאַזער בערג. אין אָט דער שטאָט בין איך דערצויגן געוואָרן און דאָרטן בין איך צוערשט אַרײַנגעטראָטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

נאָוואָראָסײסק האָט געהאַט הינטער זיך אַ געשיכטע פון רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. אין דער צײַט פון דער רעוואָלוציע פון 1905, האָט אין נאָוואָראָסײסק עקסיסטירט אין משך פון זעקס וואָכן צײַט אַ סאָוויעטישע רעפּובליק. אין גאַנץ רוסלאַנד האָבן צו יענער צײַט בלויז פּעטערבורג און נאָוואָראָסײסק באַוויזן צו אָרגאַניזירן סאָוויעטן, וואָס האָבן איבערגענומען די פּאָליטישע פירערשאַפט פון אָט די צוויי שטעט.

נאָוואָראָסײסק האָט געהאַט אַ גרויסן פּאָרט און עס איז דאָרטן געווען אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער עלעמענט, וועלכער האָט דערצויגן צו אַ הויכן גראַד באַוווסטזיניקייט די מאַסן אַרבעטערס פון פּאָרט, פון די צעמענט־פאַבריקן און פון די אײַזנבאַנען.

איך וויל דאָ ברענגען נאָר איין בײַשפּיל פון דער דערצויגנקייט פון די דעמאָלסטיקע נאָוואָראָסײסקער מאַסן. די שרעקלעכע כוואַליע פון פּאָגראָמען אויף ייִדן, נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905, האָט אויך דערגרייכט נאָוואָראָסײסק, ווו עס זענען געווען אַרום הונדערט ייִדישע פאַמיליעס. די דאָרטיקע שוואַרץ־מאהדיקע כוליגאַנעס האָבן פון זיך געריסן די הויט, אָבער זיי האָבן נישט געקענט באַאײַנפלוסן די רוסישע באַפעלקערונג פון נאָוואָראָסײסק צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויף די ייִדן. האָבן זיי באַשלאָסן צו אימפּאָרטירן פון ראָסטאָוו־דאָן אַ כאָפּטע כוליגאַנעס.

ווען די כוליגאַנעס זענען אָנגעקומען קײן נאָוואָראָסײסק און אָנגעהויבן אַרויסווײַזן ווער זיי זענען, האָט מען גלײַך געלאָזט וויסן די פּאָרט־אַרבעטערס. אין אַ קורצער צײַט אַרום זענען די כוליגאַנעס אַרומגערינגלט געוואָרן פון די פּאָרט־אַרבעטערס און מען האָט זיי אַזוי צעבלוטיקט, אַז זיי זענען צופרידן געווען צו אַנטלויפן פון שטאָט לעבעדיקע. און נאָוואָראָסײסק האָט קײן מאָל נישט געהאַט קײן פּאָגראָם אויף ייִדן.

ביז דער רעוואָלוציע פון 1917 איז אין נאָוואָראָססייסק נישט געווען קיין אַנאַרכיסטישע גרופּע. אין די פּרי׳ערדיקע יאָרן פלעגן פון צייט צו צייט קומען אין שטאָט אַנאַרכיסטן און מע פלעגט זיי טרעפן אויף די „סכאָדקעס“ (פאַרזאַמ־לונגען). ווען איך בין אָנגעקומען צוריק קיין נאָוואָראָססייסק, נאָך לאַנגע יאָרן אָפּוועזנהייט, האָב איך נישט געוווסט צי דאָרטן זיינען פאַראַן חברים אָדער צי עס עקסיסטירט אַ גרופּע. איך האָב יאָ געטראָפן עטלעכע, וואָס איך האָב צו־זאַמען מיט זיי אַמאָל באַלאַנגט צו דער מאַקסימאַליסטישער באַוועגונג, אָבער די אינפאָרמאַציע, וואָס איך האָב געזוכט, האָבן זיי מיר נישט געקענט געבן. אָנגעקומען בין איך אין דער צייט פון די ביטערע קאַמפן, וואָס די לינקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און באָלשעוויקעס האָבן אָנגעפירט קעגן קערענסקיס צייטוויילקער רעגירונג.

חוץ טעגלעכע פאַרזאַמלונגען אויף די גאַסן, פלעגן יעדן זונטיק פאָרקומען די פאַרזאַמלונגען פונעם סאָוויעט. דאָרטן האָב איך אָנגעהויבן צו מאַכן באַ־קאַנטשאַפט און געוואָרן אַ ביסל אַקטיוו.

ביי אַט די פאַרזאַמלונגען האָבן אַלע ריכטונגען געהאַט טישלעך אויף צו פאַרקויפן זייער ליטעראַטור. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך אָנגעהויבן צו קריגן פּעקלעך מיט אונדזערע צייטונגען און בראָשורן. פון פּעטראָגראַד פלעג איך קריגן „גאָלאָס טרודאַ“, פון מאָסקווע — „אַנאַרכיאַ“ און פון ראָסטאָוו — „כליעב אי וואָליאַ“. אַזוי בין איך אַריין אין „געשעפט“ פון פאַרשפּרייטן אונדזער ליטעראַטור.

ס׳איז שווער צו באַשרייבן די גרויסע באַגייסטערונג פון יענער צייט, די זוכעניש פון נייע אידעען, פון אַ נייעם געדאַנק. דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק האָט געשטראָמט פאָרויס. ס׳איז געווען אַ נאַטירלעכע זאַך אין יענער צייט, וואָס ווי נאָר איך האָב צעלייגט אויפן טיש די צייטונגען מיט די נייע נעמען ווי „ברויט און פרייהייט“ (כליעב אי וואָליאַ), „דאָס אַרבעטער־קול“ (גאָלאָס טרו־דאַ) און „אַנאַרכיאַ“, זאָל מען אין אַ גאָר קורצער צייט די אַלע צייטונגען און אויך בראָשורן צעכאַפּן ווי הייסע לאַטקעס.

אַרום מיין טיש האָט זיך געשאַפן אַ באַזונדערע פאַרזאַמלונג. מע האָט מיר געשטעלט פראַגעס און מיר האָבן אָנגעהויבן דעבאַטירן וועגן אַנאַרכיזם. עס איז געוואָרן אַזוי הייס, אַז דער פאָרזיצער פון סאָוויעט האָט אָנגעהויבן קלאַפּן מיט זיין האַמער און געזאָגט: „חבר אַנאַרכיסט, איר האָט פולע רעכט צו פאַר־קויפן אייער ליטעראַטור, אָבער איר דאַרפט ניט שטערן אונדזער פאַרזאַמלונג“.

בעת עס האָט זיך געטומלט אַרום מיר האָב איך באַמערקט, אַז לעבן מיר שטייט אַ פרוי און אַ יונגערמאַן. ביידע האָלטן אַלע דריי צייטונגען, וואָס איך האָב פאַרקויפט און זיי ביידע שמייכלען צו מיר זייער פריינדלעך. ווען דער עולם האָט זיך צעזעצט צוריק אויף זייערע פלעצער, זענען אָט די צוויי מענטשן געבליבן שטיין לעבן מיר. באַלד טאַקע האָט זיך די פרוי דערנענטערט צו מיר, גענומען שטאַרק דריקן מיין האַנט און געזאָגט, אַז זי איז קאַטיאַ גאַר־באָווא, אַן אידעען־חברטע, און אַז דער יונגערמאַן איז וואַניאַ בודניק, אויך

אַ חבר. זי האָט צוגעגעבן, אַז אין שטאָט זענען פאַראַן נאָך עטלעכע חברים, וועלכע וועלן זיין זייער גערן צו באַקאַנען זיך מיט מיר. האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז אויף מאָרגן זאָלן מיר האָבן אַ צוזאַמענטרעף מיט אַלע חברים, וואָס געפינען זיך אין שטאָט.

צום צוזאַמענטרעף זענען געקומען 8 חברים, פון וועלכע 5 זענען שוין זינט לאַנגע יאָרן געווען טעטיק אין דער באַוועגונג. קאַטיאַ גאַרבאַוואַ האָט זיך אומגעקערט פון קאַטאָרגע, 3 חברים זענען געקומען פון אַמעריקע, ווו זיי זענען געווען טעטיק.

ביים צוזאַמענקום האָבן מיר באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ גרופּע און, ווי געוויינטלעך, איז אַרויפגעשוווּמען די פראַגע פון אונדזער טעטיקייט און אויך וואָס פאַר אַ שטעלונג מיר זאָלן אַנעמען אין שייכות מיטן קאַמף, וואָס די לינקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן פירן קעגן קערענסקיס רעגירונג.

וועגן דער פראַגע פון דער פּאָליטישער לאַגע פון יענער צייט האָבן מיר אַרויסגעטראָגן אַ רעזאָלוציע, אַז היות אונדזערע אידעען זענען קעגן אַלע רעגירונגען, וועט אונדזער גרופּע נישט נעמען קיין אָנטייל אין פּאָליטישן קאַמף, וואָס די פּאָליטישע פּאַרטייען פירן אין איצטיקן מאָמענט, אַז מיר זענען גרייט צוצוהעלפן צו פאַרטיפן דעם גאַנג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און מיר זאָלן אָנווענדן אונדזער גאַנצע ענערגיע צו אָרגאַניזירן די אַרבעטערס און פרוּוון איבערנעמען די אינדוסטריע און די פאַבריק־קאָמיטעטן זאָלן איבער־נעמען די פונקציע צו פאַרוואַלטן די פאַבריקן. צו דעם ציל האָבן מיר באַ־שלאָסן אָנצוהייבן צו אָרגאַניזירן אַן עקאָנאָמישן סאָוויעט, וועלכער זאָל אָנ־פירן די פּראָדוקציע און אַז קאָאָפּעראַטיוועס זאָלן איבערנעמען די גאַנצע פונקציע צו באַזאָרגן די באַפעלקערונג מיט לעבנסמיטלען.

מיר האָבן אויך באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַט אין סאָוויעט, אָן שטים־רעכט, נאָר צו באַאָבאַכטן וואָס דאָרטן קומט פאָר.

די רעזאָלוציע האָט צווישן אונדז 8 אַרויסגערופן אַ הייסע דעבאַטע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע פאַרזאַמלונגען. די סיבה איז געווען, וואָס צווישן אונדזערע חברים זענען געווען גרויסע מיינונג־פאַרשיידנקייטן. די דריי ניי־צו־געקומענע חברים זענען נאָך געווען פריש אין אונדזער באַוועגונג און זיי האָבן נישט געהאַט קיין דערפאַרונג. די דריי אַמעריקאַנער האָבן דורכגעמאַכט אַ שול פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט און זיי האָבן שטאַרק פאַרטיידיקט די רעזאָלוציע. קאַטיאַ גאַרבאַוואַ און נאָך אַ חבר האָבן נאָך געלעבט און געחלומט מיטן ראָמאַנטישן אַנאַרכיזם פון אונדזער באַוועגונג פון אַמאָליקע יאָרן. די לעצטע צוויי חברים האָבן נאָר געוואָלט, אַז אונדזער ניי־געגרינדעטע גרופּע זאָל זיך בלויז פאַרנעמען מיט אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע און זיי זענען נישט געווען קעגן מאַכן עקספּראָפּריאַציע צו קריגן געלט פאַר דער גרופּע.

די פראַגע וועגן עקספּראָפּריאַציעס האָט אַרויסגערופן הייס בלוט, אָבער מיט דער הילף פון די דריי נייע חברים איז אונדז געלונגען צו איבערצייגן, באַזונדערס קאַטיאַ גאַרבאַוואַן וואָס איז געווען אַ זייער פעיִקע פרוי, אַז די

עקספּראָפּריאַציעס קענען נישט דערפירן צו קיין שום קאָנסטרוקטיווע אויפטוען. אויך דער לעצטער חבר האָט שפּעטער איינגעזען, אַז מיר זענען גערעכט און אונדזער גרופּע איז צוגעטראָטן צו איר אַרבעט.

בעת מיר האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אונדזער ליטעראַטור און פּרעסע ביי די זיצונגען פון סאָוויעט, האָט דער עולם עס געקויפט צוליב נייגעריקייט — אין יענער צייט האָבן די ברייטע מאַסן געזוכט עפּעס נייס. אָבער עס איז אַריבער אַ שטיקל צייט און עס האָבן זיך געוויזן סימנים, אַז אונדזער געדרוקט וואָרט מאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף די לייענערס. באַזונדערס האָט געלאָזט אַ ווירקונג די צייטונג „גאָלאָס טרודאַ״.

אין אָנהייב פלעגט מען אונדז קיבעצן וועגן „באָמבעס און עקספּראָפּריאַציעס״, אָבער ווען די אַרבעטער־מאַסן האָבן זיך גוט באַקענט מיט די אידעען פון „גאָלאָס טרודאַ״, האָבן זיי דערפילט, אַז אונדזער גרופּע איז עפּעס אַנדערש ווי די פּאָליטישע פּאַרטייען. די אַרבעטערס האָבן דערפילט, אַז מיר יאָגן זיך נישט נאָך דער מאַכט און די באַציִונג צו אונדז איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. אונדזער גרופּע האָט געוואָונען קריגן פאַרבעטונגען צו קומען רעדן אויף די פאַבריק־מיטינגען. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר דערפילט, אַז אונדזער פּראָפּאַגאַנדע האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף די מאַסן אין שטאָט.

די גרופּע באַשליסט צו זיין נענטער מיט די אַרבעטער־מאַסן, אַז די מענער פון דער גרופּע זאָלן קריגן שטעלעס אין די פאַבריקן און גאָר אין גיכן זענען מיר געוואָרן דירעקט פאַרבונדן מיט די אַרבעטערס.

מיר זענען אַזוי פאַרכאַפּט און באַגייסטערט געוואָרן פון אונדזער דערפאָלג, אַז מיר האָבן נישט באַמערקט די שווערקייט פון דער גרויסער אַרבעט, וואָס מיר האָבן זיך אונטערגענומען דורכצופירן. אָבער די נאַטור האָט אונדז אין גיכן וועגן דעם געלאָזט וויסן: די אָפטע פאַרזאַמלונגען און מיטינגען האָבן אונדזערע פּאָר מענטשן אויסגעמאַטערט.

ביי אַ זיצונג פון אונדזער גרופּע איז אַרויפגעשוווּמען די פראַגע ווי קריגט מען צו עטלעכע חברים און אויך ליטעראַטור, וועלכע זאָלן אונדז העלפן אין אונדזער אַרבעט. מיר האָבן געוווּסט, אַז אין ראָסטאָוו־דאָן איז פאַראַן אַ גרופּע, וואָס גיט אַרויס אַ צייטונג „ברויט און פרייהייט״, אַז אין כאַרקאָוו זענען דאָ צוויי גרופּעס: די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן מיט אַ צייטונג „דער אַרבעטער־וועג״ און די אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישע גרופּע. אונדזער גרופּע באַשליסט, אַז איך זאָל מאַכן אַ רייזע אין די צוויי שטעט און פּרווון פאַראינטערעסירן עטלעכע חברים צו קומען אַרבעטן אין אונדזער גרופּע. איך האָב זיך אונטערגענומען דורכצופירן אָט די מיסיע.

ערב אָקטאָבער 1917

— — — אַלץ און אַלע, וואָס האָבן געפּרוווט אָפּצושטעלן דעם גאַנג פונעם מעכטיקן סאָציאַלן שטראָם, זענען געוואָרן צעשמעטערט און פאַרניכטעט. דער קלענסטער פאַרזוך צו פּרווון גיין קעגן אָט דעם מעכטיקן שטראָם איז געשיכטלעך געווען פאַרמשפּט צו ווערן צעשמעטערט.

ווען מיר גיבן אַ מיש צוריק די בלאַט פון יענע שטורעמדיקע יאָרן, קענען מיר זען פאַקט נאָך פאַקט וואָס פון אַזעלכע פּרווון האָט זיך אויסגעלאָזט: צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין טראָן, די דומע ווערט ליבעראַלער און זאָגט צו אייניקע רעפאָרמען, אָבער דער שטורעם וויל פון דעם נישט וויסן און מאַרשירט פאָרויס. קערענסקי פאָרמירט אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג, עס ווערט פאַררופן אַ פאָלק־צוזאַמענפאָר פון אַלע ליבעראַלע און ראַדיקאַלע שיכטן פון רוסלאַנד; אָבער קערענסקיס רעגירונג וויל אָנגיין מיט דער מלחמה — ווערט דער סאָציאַלער שטורעם נאָך שטאַרקער, זאָגט זיין מעכטיקן „ניין" און טראָגט זיך ווייטער.

דאָס רוסישע פויערטום האָט געוואַרט איבער דריי הונדערט יאָר צוריקצוקריגן די ערד, וואָס מע האָט ביי דעם צוגענומען. קערענסקי און די סאָציאַליסטן טענהן, אַז פריִער פאַר אַלץ דאַרף מען אויסוויילן אַ גרינדונג־פאַרזאַמלונג און שאַפן געזעצן און ערשט נאָך דעם וועט מען קענען דורכפירן די אַגראַר־רעפאָרמען. אָבער דער גרויסער סאָציאַלער שטורעם זאָגט צו די פויערים: זייט נישט קיין נאַראָנים, איר האָט שוין גענוג געוואַרט! אויף וועמען און אויף וואָס וואַרט איר? די ערד באַלאַנגט צו אייך!

אויך די ברייטע מאַסן אַרבעטערס ווילן איבערנעמען די אינדוסטריעס פון לאַנד, און אויך זיי הייסט מען וואַרטן.

יעדער טאָג ברענגט נייע פאַסירונגען. עס ווערן געמאַכט אַ סך פּרוּוון אָפּצושטעלן דעם קאָסמישן שטורעם, אָבער עס איז נישטאָ אַזאַ כוח, וואָס זאָל אים קענען האַמעווען. לאָמיר געבן אַ קוק וואָס פאַר אַ ווירקונגען און רעזולטאַטן אָט דער מעכטיקער שטורעם האָט געבראַכט אין דער שטאָט נאָוואָראָסייסק!

קערענסקיס פּרווו דורכצופירן אַן אַטאַקע אויפן דייטשן פראָנט האָט גע־

האָט אַ מאָראַלישן און פיזישן דורכפאַל. דער גאַנצער פראָנט האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמענברעכן, און דער דאָזיקער פרווו איז געווען די עיקרדיקע סיבה, פאַר וואָס קערענסקי איז פאַרמשפט געוואָרן צעריבן צו ווערן פון די גרויסע געשעענישן. די חדשים אויגוסט, סעפּטעמבער און אָקטאָבער זיינען געווען חדשים, ווען ווער עס האָט נאָר געוואָלט זען, וואָס עס קומט פאַר איבער גאַנץ רוסלאַנד, האָט געקענט דערפילן דעם פּולס, וואָס פירט צו גרויסע געשעענישן. מען האָט עס געפילט אין דאָרף, שטעטלעך, אין די גרויסע שטעט און באַזונדער, אין פּעטראָגראַד און מאָסקווע. אין פּעטראָגראַד זענען געווען צוויי פאַרמען פון מאַכט: די אָפיציעלע רעגירונג, וואָס בראש פון איר איז געשטאַנען קערענסקי, מיט דער דומע, און פּאַראַלעל, זענען געווען די סאָוויעטן, וועלכע זענען פון טאָג צו טאָג געוואָרן שטאַרקער, מיט די ברייטע מאַסן אַרבעטערס, פּויערים און סאָלדאַטן. זייער אָפּט האָבן די סאָוויעטן געהאַט מער מאַכט אויף די ערטער, ווי די קאָמיסאַרן פון קערענסקיס רעגירונג.

אין נאָוואָראָסייסק מיט איר גרויסן רעוואָלוציאָנערן עלעמענט, וואָס איז דערצו נאָך געלעגן ווייט פונעם צענטער, האָט נאָך אַ סך פריִער פאַר אָקטאָבער אָנגעהויבן זיך צו באַפרייען פון דער הערשונג פון קערענסקיס רעגירונג. אמת, דער סאָוויעט און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס זענען אָפיציעל אָנגעפירט געוואָרן פון קערענסקיס רעגירונג, אָבער, פּאַקטיש, איז אַלץ געווען גרייט, אַז אַזוי שנעל, ווי אין צענטער פון רוסלאַנד וועט פאַרקומען די דערוואַרטע איבערקערעניש, וואָס איז איצט באַקאַנט אונטערן נאָמען אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זאָל אַלץ, אָן קיין שום בלוט־פאַרגיסונג אַריבערגיין אויף די נייע יסודות פון דעם סאָציאַלן צוזאַמענלעבן.

נאָוואָראָסייסק איז געווען צוגעגרייט און פאַרטיק צו יעדער פּאַסירונג, און אין דעם האָט אונדזער גרופּע געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, מען קען מיט זיכערקייט זאָגן, די גרעסטע ראָלע. אמת, מיר האָבן אין שטאָט געהאַט אַ סך אַ גרעסערע אָרגאַניזאַציע פון באָלשעוויקעס און לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אָבער אונדזער קליינע אַנאַרכיסטישע גרופּע האָט געהאַט אַ גרעסערן איינפלוס אויף די אַרבעטער־מאַסן. דערצו האָט די אינטעליגענטערע מיטגלידערשאַפט סיי ביי די באָלשעוויקעס און סיי ביי די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט דער טעטיקייט פון אונדזער גרופּע. אַט די קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, וואָס אונדזער גרופּע האָט אַנטוויקלט, האָט צוגעצויגן די סימפּאַטיע נישט נאָר פון די ברייטע אַרבעטער־מאַסן, נאָר אויך פון די אַזוי גערופענע פּאָליטישע קעגנערס.

ווען איך בין צוריקגעקומען, צוזאַמען מיט די צוויי חברים, פון כאַרקאָוו און איבערגעגעבן אַ באַריכט פון אַלע פּאַסירונגען פון מיין רייזע און אָנגעוויזן, אַז איך זע נישט קיין מעגלעכקייט צו קריגן מער חברים, וואָס זאָלן אונדז העלפן אין דער אַרבעט, האָב איך פאָרגעשלאָגן, אַז אויב מיר ווילן אויפטאָן עפּעס קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, מוזן מיר עס דורכפירן מיט די כוחות, וואָס אונדזער גרופּע פאַרמאָגט.

אָבער אָט איז ווידער אויפגעקומען די פראַגע וועגן „געלט". דאָס מאָל, האָט עס אַרויפגעבראַכט חבר דזשאַרדזש, וועלכער איז געקומען מיט מיר פון כאַרקאָוו. דאָס האָט געמיינט די פראַגע פון עקספּראָפּריאַציעס, אָבער דאָס מאָל האָט לאַנג נישט גענומען איבערצוצייגן אונדזער נייעם ח' דזשאַרדזש, אַז אונ־דזער גרופּע האָט נישט בדעה צו פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע זאַכן, ווייל מיר פּראָיעקטירן צו פּרוּוון בויען אַ נייעם לעבן באַזירט אויף סאָציאַלער גערעכ־טיקייט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיטינגען ביז שפּעט ביי נאַכט. דאָס האָט געדויערט ביי אַ וואָך צייט, און אין משך פון אָט דער צייט, אין גאַנג פון אונדזערע דיסקוסיעס, האָט זיך ביי אונדז אָנגעהויבן צו קריסטאַליזירן אַ בילד פון דעם, וואָס מיר ווילן אָנהייבן צו טאָן.

דער ערשטער פּלאַן איז ביי אונדז געבוירן געוואָרן, אַז מיר דאַרפן אָנהייבן אַגיטירן צווישן די אַרבעטערס, אַז זיי מוזן קאָנפיסקירן די גאַנצע אינדוסטריע און אַז דערצו דאַרף מען אָרגאַניזירן אין יעדער פאַבריק און אין יעדן זאַוואָד „קאָמיטעטן פאַר אינערלעכע ענינים". דאָס איז דאָס זעלביקע, וואָס איז באַ־קאַנט אונטערן נאָמען „וואַרשטאַט־קאָמיטעטן", אָבער די מיסיע פון די דאָזיקע קאָמיטעטן איז באַגרענעצט בלויז צום עקאָנאָמישן אַספּעקט פון די אַרבעטערס אין די וואַרשטאַטן, בעת אונדזערע „קאָמיטעטן פאַר אינערלעכע ענינים" האָבן געדאַרפט אויספירן גאָר אַן אַנדער פונקציע: דערמעגלעכן די אַרבעטערס אָנצו־פירן מיט דער אינדוסטריע אָן קיין שום באַלעבאַטים.

די גרופּע האָט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פון דריי חברים אויס־צואַרבעטן אַ פּראָיעקט פון אַ סטאַטוט. חברטע קאַטיאַ גאַרבאָוואַ איז געווען אַ זייער פעיִקע פרוי און זי האָט זיך זייער אויסגעטויגט צו אַזעלכע אַרבעטן. צו איר האָט מען צוגעקליבן חבר וואַניאַ בודניק און דעם שרייבער פון די שורות. אויף מאָרגן האָט די קאָמיסיע געהאַט אַ זיצונג און חברטע קאַטיאַ גאַרבאָוואַ האָט פאַר אונדז פאָרגעלייגט דעם פּראָספּעקט פונעם סטאַטוט. נאָך אַ קורצער דיסקוסיע און אייניקע קאָרעקטורן, האָבן מיר אָנגענומען דעם פּראָספּעקט. עס וועט שוין באַלד אַ האַלבער יאָרהונדערט (זינט 1917) זינט יענער צייט און קיין קאָפּיע פונעם פּראָספּעקט האָב איך נישט. וועל איך מוזן איבערגעבן דעם אינהאַלט פון זכרון:

דער נאָמען אין רוסיש איז געווען: „אוסטאַוו קאָמיטעטאָוו וונוטרענאַוואַ ראַספּאָריאַדקאַ", און דאָס זענען די פונקטן:

1) אין אַלע פאַבריקן און זאַוואָדן קלייבט יעדער צעך אויס אַ דעלעגאַט, און פון די דעלעגאַטן ווערט צוזאַמענגעשטעלט אַ „קאָמיטעט פאַר אינערלעכע ענינים", וועלכער נעמט איבער אַלע פונקציעס אָנצופירן מיט דער פּראָדוקציע און פאַרטייל. דער קאָמיטעט נעמט אויך איבער די אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט. יעדער צעך פירט פאַר זיך אַליין אָן די אינערלעכע אַרבעט. דער אַלגעמיינער קאָמיטעט האָט נאָר דאָס רעכט צו קאָאָרדינירן אַלע פאָרשלאָגן, וואָס קומען פון די אַרבעטערס פון די צעכן.

2) פונעם קאָמיטעט ווערט אויסגעוויילט אַ פּרעזידענט און אַ סעקרעטאַר, וועלכע ווערן באַפֿרייט פֿון דער אַרבעט און זיי נעמען איבער די אַדמיניסטראַ־טיווע טעטיקייט.

3) צו דעם צוועק ווערט אָרגאַניזירט אַן עקאָנאָמישער סאָוויעט, וועלכער ווערט צוזאַמענגעשטעלט פֿון צוויי דעלעגאַטן פֿון יעדער פֿאַבריק אָדער זאַוואָד. דער עקאָנאָמישער סאָוויעט האָט נישט קיין דירעקטיווע מאַכט. דער סאָוויעט האָט די אויפֿגאַבע צו קאָאָרדינירן די אַרבעט אויף די פּלעצער און קומען צו הילף דאָרטן, ווו עס איז נייטיק.

דער עקאָנאָמישער סאָוויעט האָט די מיסיע זיך צו פֿאַרבינדן מיט דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, כדי די קאָאָפּעראַטיוון זאָלן איבערנעמען די אויס־געאַרבעטע פּראָדוקטן און אויסבייטן זיי אויף די רווישטאָפֿן, וואָס די זאַוואָדן און פֿאַבריקן האָבן געדאַרפֿט, אויף קאָנסום־פּראָדוקטן פֿאַר די אַרבעטערס און זייערע משפּחות און אויך צו קריגן, מיט דער הילף פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג, פּראָדוקטן פֿאַר דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿון שטאָט.

4) די אַלע אָרגאַניזאַציעס ווערן געבויט פֿון אונטן אויף אַרויף. יעדער בירגער איז מאָראַליש פֿאַראַנטוואָרטלעך ביי זיין אַרבעט און אין זיין פּריוואַטן לעבן. דאָס נייע סאָציאַלע לעבן ווערט געבויט מיט קאָלעקטיווער פֿאַראַנט־וואָרטלעכקייט. דער יחיד קען נישט דערוואַרטן, אַז אַ צווייטער זאָל פֿאַר אים זאָרגן אָדער אַרבעטן. דער יחיד ווערט דער שאַפֿער פֿון זיין אייגענעם לעבן, און אַלע צוזאַמען וועלן שאַפֿן די נייע געמיינדע, וועלכע וועט שטרעבן צו פֿאַרטיפֿן די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע.

5) נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז אין דעם מאָמענט איז נישטאָ קיין פֿיזישע מעגלעכקייט אָפּצושאַפֿן געלט, ווערט רעקאָמענדירט, אַז יעדער אַרבעטער, וואָס פֿאַר אַן אַרבעט ער זאָל נישט טאָן, זאָל קריגן פֿאַר זיין אַרבעט דריי הונדערט רובל אַ חודש און 25% פֿאַר יעדער פּערזאָן, וואָס לעבט פֿון זיין אַרבעט. מיט אַנדערע ווערטער, עס ווערט איינגעפֿירט אַ גלייכער לוין. פֿונעם פּראָסטן אַרבעטער ביזן אינזשעניער — אַלע קריגן גלייכע שכירות.

עס זענען געווען נאָך אַ סך טעכנישע פֿאָרשלאָגן אינעם פּראָיעקט פֿונעם סטאַטוט פֿון די אינערלעכע קאָמיטעטן, אָבער די דערמאָנטע פּונקטן זענען געווען די עיקרדיקע. דער פּראָספּעקט איז דיסקוטירט געוואָרן עטלעכע טעג ביי גרופּע־זיצונגען. ווען די גרופּע האָט אָנגענומען דעם סטאַטוט, האָבן מיר באַשלאָסן צו פֿאַררופֿן פֿאַרזאַמלונגען אויף די זאַוואָדן און פֿאַבריקן און אָנצו־הייבן צוצוגרייטן די אַרבעט־מאַסן צום נייעם סאָציאַלן לעבן, וואָס מען האָט געשפּירט אין דער לופֿט, אַז עס דאַרף אָנקומען גאָר אין גיכן.

נאָך עטלעכע וואָכן פֿון אַזעלכע פֿאַרזאַמלונגען, ביי וועלכע מיר האָבן גוט באַקאַנט געמאַכט די אַרבעטערס מיט דעם, וואָס מיר שלאָגן פֿאָר, און אַז זיי אַליין דאַרפֿן זיך אונטערנעמען צו טראָגן די גאַנצע מאָראַלישע פֿאַראַנט־וואָרטלעכקייט, האָט מען דיסקוטירט דעם פֿאָרגעשלאָגענעם סטאַטוט ווי די באַזע פֿון דער רעאָרגאַניזאַציע פֿונעם גאַנצן סאָציאַלן לעבן אויף נייע יסודות.

ווען מיר זיינען געווען פּאַרטיק מיט דער אַרבעט צו באַקענען די אַרבעטנדיקע מאַסן מיט אונדזער פּראָיעקט און איינזעענדיק, אַז קערענסקיס מאַכט אין אונדזער שטאָט איז געשוווּמען אין דער לופטן, האָט אונדזער גרופּע באַשלאָסן אונטערצונעמען אַ ביסל אַ ריזיקאַלישן שריט: אויף דער קומענדיקער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג האָבן מיר פאָרגעשלאָגן, אַז מע זאָל גלייך, דערווייל נישט אָפיציעל, אָנהייבן אויסצוווײלן דעלעגאַטן פון יעדן צעך, כדי די דעלעגאַטן זאָלן זיך גלייך אָנהייבן לערנען און צוקוקן זיך, ווי עס ווערט אָנגעפירט די אַרבעט אין זייערע צעכן. אין דער זעלביקער צייט, זאָל אַלע וואָך דער אינערלעכער קאָמיטעט האָבן אַ זיצונג און באַהאַנדלען וואָס עס קומט פאָר אין יעדן צעך. מיר האָבן אויך פאָרגעשלאָגן, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל גלייך אויסוויילן דעלעגאַטן צום עקאָנאָמישן סאָוויעט.

אין צוויי וואָכן צייט האָט אונדזער פּלאַן פון אינערלעכע קאָמיטעטן און אַן עקאָנאָמישן סאָוויעט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן מיט דער פולער קראַפט. די אַדמיניסטראַציעס פון די זאַוואָדן און פאַבריקן און דער פּאָליטישער סאָוויעט, וועלכער איז געווען קאָנטראָלירט פון קערענסקיס אָנהענגערס האָבן געוווּסט וואָס עס קומט פאָר, אָבער אָפּשטעלן אָט די נייע סאָציאַלע איבערקערעניש האָבן זיי נישט געקענט.

אונדזער גרופּע האָט געפילט זייער שאַרף, אַז מיר האָבן צוגעגרייט און אַז מיר זענען געווען פאַרטיק פאַרן גרויסן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן איבערבוי, וואָס די מענטשהייט האָט נאָך אַזאַ מין עקספּערימענט נישט דורכגעמאַכט אין דער געשיכטע פון סאָציאַלע איבערקערענישן.

דער גרויסער עקספּערימענט אין נאָוואָראָסייסק

די לאַנג דערוואַרטע סיטואַציע איז ענדלעך אָנגעקומען. די ערשטע נייעסן וועגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זענען אָנגעקומען קיין נאָוואָראָסייסק, נאָך איידער מיר האָבן געוווּסט אויף זיכער, צי די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז דער־פירט געוואָרן צו אַ דערפאָלג. האָט מען אין נאָוואָראָסייסק פאַררופן אַ ספּע־ציעלע פאַרזאַמלונג פון דעם פּאָליטישן סאָוויעט. תיכף ווי דער פּרעזידענט האָט דערעפנט די פאַרזאַמלונג, איז געמאַכט געוואָרן אַ פאָרשלאָג, אַז מע זאָל באַלד מאַכן נייע וואַלן פון באַאַמטע פון סאָוויעט, אַריינגערעכנט אויך דעם פּרעזידענט. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן דורך דער מערהייט דעלע־גאַטן און, גלייך ווי מע האָט דורכגעפירט די נייע וואַלן, האָט דער נייער פּרע־זידענט דערקלערט, אַז די גאַנצע מאַכט גייט אַריבער צו די סאָוויעטן פון די אַרבעטערס, פּויערים און סאָלדאַטן, און אַ נייע עפּאָכע האָט זיך אָנגעהויבן. אין דער זעלביקער צייט, ווען דער נייער פּרעזידענט האָט דערקלערט, אַז די גאַנצע מאַכט גייט איבער צו די סאָוויעטן, האָט ער דערמיט אַרויסגעבראַכט צום רעאַלן לעבן אַ זאַך, וואָס איז אין סאָציאַלן לעבן און געבוי געווען קעגן דעם פּאָליטישן סאָוויעט: דאָס איז געווען דער עקאָנאָמישער סאָוויעט, וועלכער האָט גלייך אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן ווי אַזעלכער. עס האָבן אויך אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אין די אינדוסטריעס די אינערלעכע קאָמיטעטן.

איך וויל באַמערקן, אַז אין נאָך צוויי ערטער האָט מען געמאַכט אַ פּרווו צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער־מאַסן אויף דעם אופן, ווי מען האָט עס געטאָן אין נאָוואָראָסייסק. מע האָט דאָס געפּרוווט טאָן אין דאָנעצער געגנט צווישן די קוילן־גרעבערס. אָבער איידער זיי האָבן זיך באַוויזן צו אָרגאַניזירן, זענען די דאָנער קאָזאַקן איבערגעפאַלן די גרופּע און דערהרגעט דעם וויכטיקסטן אָרגאַ־ניזאַטאָר, חבר קאָנעוו, און דאָס האָט צעשטערט אין סאַמע אָנהייב די אָרגאַני־זאַציע פון די עקאָנאָמישע סאָוויעטן.

דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט אין סיביר, אויך צווישן קוילן־גרעבערס. דאָ האָט רעבעלירט דאָס טשעכאָסלאָוואַקישע מיליטער, וואָס האָט

זיך דאָרטן געפונען. אַזוי, אַז די ביידע פּרוון זענען ליקווידירט געוואָרן אין זייער אָנהייב דורך דערהרגענען די פירערס און אָרגאַניזאַטאָרס. איצט וועלן מיר זיך צוריקקערן צו די געשעענישן אין נאָוואָראָססיסק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען דורכגעפירט געוואָרן וואַלן, ביי וועלכע מען האָט אויסגעקליבן צו צוויי דעלעגאַטן אין דעם עקאָנאָמישן סאָוויעט. גלייך נאָך דעם איז פאָרגעקומען די קאָנפערענץ פון די דעלעגאַטן צום עקאָנאָמישן סאָוויעט, און עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ גרופּע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן געדאַרפט אָרגאַניזירן די פּראַקטישע אַרבעט אין עקאָנאָמישן סאָוויעט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר שוין געהאַט אַ זיצונג, אויף וועלכער מיר האָבן אָרגאַניזירט קאָמיסיעס, וואָס זאָלן קאָאָרדינירן געוויסע אַרבעטן.

מיר האָבן גלייך איינגעלאַדן פאָרשטייערס פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג און מיר זענען געקומען צו אַ הסכם, אַז די קאָאָפּעראַטיוועס זאָלן איבערנעמען די מיסיע צו פאַרזאָרגן און צו פאַרטיילן די נייטיקע פּראָדוקטן פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג פון שטאָט. זיי האָבן אויך געדאַרפט איבערנעמען די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן די פּראָדוקטן, וואָס וועלן אויסגעאַרבעט ווערן אין די פאַבריקן און זאַוואָדן פון שטאָט.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס צווישן די טוערס פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג זענען געווען אַלטע באָלשעוויקעס, זענען זיי אָבער געווען גערן מיטצואַרבעטן מיט אונדז און עס איז זיי געפעלן די גאַנצע אידייע פון דעם עקאָנאָמישן סאָוויעט.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און דער פּאָליטישער סאָוויעט איז געבליבן אַ הוילער גומענער שטעמפּל. נישט בלויז די אַרבעטערס, נאָר אויך די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן צו ווענדן צו אונדזער עקאָנאָמישן סאָוויעט. די דאָזיקע פּאַסירונג איז נישט געווען צום האַרצן פון אייניקע אַקטיווע טוערס אין דעם פּאָליטישן סאָוויעט.

איך וועל איבערגעבן אַן עפּיזאָד, וואָס וועט אויפקלערן די אויבן דערמאָנטע לאַגע: גלייך ווי מען האָט אַראָפּגעזעצט די פאָרשטייערס פון קערענסקיס רעגירונג, האָט מען אָרגאַניזירט די רויטע גוואַרדיע, וועלכע האָט איבערגענומען די פונקציע צו באַשיצן די שטאָט. די גוואַרדיע איז באַשטאַנען פון אַרבעטערס, וועלכע האָבן אַ געוויסע צאָל שעהען געדאַרפט אָפּגעבן פאַר דער זיכערקייט פון דער שטאָט.

ווען דער פּאָליטישער סאָוויעט האָט איבערגענומען די מאַכט, האָבן זיי געשלאָסן און פאַרזיגלט די בענק פון שטאָט. בשעת מעשה האָבן זיי פאַרגעסן אַרויסצונעמען געלט פאַר די טעגלעכע באַדערפעניש און פאַר די נייטיקע אַקטיוויטעטן, וועלכע האָבן געפאָדערט געלט.

די בענק זענען געווען אָפּגעהיט דורך די רויטע גוואַרדייצעס. ווען אַ קאָמיסיע פון פּאָליטישן סאָוויעט איז געקומען אין באַנק, מיט אַן אָפיציעלער באַפולמעכטיקונג אַרויסצונעמען אַ געוויסע סומע געלט, האָבן די רויטע גוואַרדייצעס זיך אָפּגעזאָגט אַריינצולאָזן די דעלעגאַציע ביז וואַנען זיי וועלן נישט

האָבן אַ פאַרשטייער פונעם עקאָנאָמישן סאָוויעט. די דעלעגאַציע האָט זיך גע־
פילט געטראָפן פון דער פאָדערונג, אָבער עס האָט איר גאָר נישט געהאָלפן
און זי האָט זיך געמוזט ווענדן אין עקאָנאָמישן סאָוויעט. ערשט ווען אַ פאָר־
שטייער פון דעם לעצטן איז געקומען צום באַנק, האָבן די רויטע גוואַרדיי־צעס
דערלויבט צו עפענען די באַנק און אַרויסנעמען די נייטיקע סומע געלט.

דער דאָזיקער אינצידענט האָט אַרויסגערופן הייס בלוט ביי איניקע
באָלשעוויקעס, אָבער די מערהייט פון די אַקטיווע באָלשעוויסטישע טוערס
האָבן עס פאַרשטאַנען און זיי האָבן באַגריפן, אַז די קליינע אַנאַרכיסטישע
גרופּע האָט געהאַט מער איינפלוס און אַז דאָס איז נישט דערגרייכט געוואָרן
מיט פּאָליטישע רעדעס און מיט צוזאָגן, נאָר מיט אַ געזונטן רעאַליזם, וואָס
האָט דעם אַרבעטער איבער נאַכט פאַרוואַנדלט אין שאַפער און בויער פון זיין
לעבן און פון לעבן פון זיינע מיטמענטשן. דער פאַקט איז געווען, אַז איניקע
פון די אַלטע באָלשעוויקעס האָבן געזען, אַז דער עקאָנאָמישער סאָוויעט טוט
גוטע און נוצלעכע אַרבעט און אַנטוויקלט דעם באַוווסטזיין פון די אַרבעטער־
מאַסן.

אַפילו די אינזשעניערן, טעכניקערס, בוכהאַלטערס, פאַרוואַלטערס און
אַנדערע אַדמיניסטראַטיווע אַרבעטערס, וועלכע זענען פאַרבליבן אויף זייערע
פּלעצער, האָבן קאָאָפּערירט מיט די אינערלעכע קאָמיטעטן.

וואָס עס האָט געמאַכט דעם גרעסטן איינדרוק אויף די אַרבעטער־מאַסן,
וואָס עס האָט אויפגעהויבן זייער מוט און זיי געמאַכט פילן ווי גלייכע מענטשן
און ווי בויערס פון זייער אייגענעם לעבן, איז געווען דאָס, וואָס דער עקאָנאָ־
מישער סאָוויעט האָט באַשלאָסן איינצופירן גלייכע שכירות. די לאָזונג „גלייכ־
הייט" איז פון אַ פוסטן וואָרט געוואָרן אַווירקלעכקייט. אַלע, פון אַ פּראָסטן
אַרבעטער ביז אַן אינזשעניער האָבן געקריגן די זעלביקע שכירות, און דערצו
האָט מען אויך אָפּגעשאַפט אַלע פּריווילעגיעס, חוץ פאַר קינדער און פאַר
קראַנקע.

מען קען זאָגן, אַז דעמאָלט האָט די אוטאָפּיע פון אַ פרייער געזעלשאַפט
אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכט ווערן אין רעאַלן לעבן. ווי אַן איניציאַטאָר און
אַקטיווער אָנטיילנעמער אין דער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, האָב איך געהאַט די
מעגלעכקייט טעגלעך צו אָבסערווירן אויף די פּלעצער — האָט זיך נישט גע־
וואָלט גלייבן דאָס, וואָס די אויגן האָבן געזען, ווי נעכטיקע פּשוטע אַרבעטערס
האָבן אין דעם נייעם היינט געבויט אַליין זייער נייעם מאָרגן.

אין נאָוואָראָסייסק זענען געווען צוויי גרויסע צעמענט־זאַוואָדן, אין וועלכע
עס האָבן געאַרבעט טויזנטער אַרבעטערס.ביידע זאַוואָדן זענען געווען מאָדערנע,
מיט קאָמפּליצירטע מאַשינעס. איז מיר איין מאָל אויסגעקומען צו ריידן מיט
איינעם פון די הויך־באַצאָלטע אינזשעניערן, וואָס איז טאַקע געבליבן אַרבעטן
אויף זיין פּלאַץ, אָבער מיר האָבן געוווסט, אַז ער שטאַמט פון דער אַלטער
אַריסטאָקראַטיע און אַז ער איז געווען קאָנסערוואַטיוו אין זיין אופן דענקען.
אים האָט געדאַרפט זיין שווער צוצוגעוווינען זיך צו דער נייער אָרדענונג, ווייל

אַמאַליקע צייטן האָט ער געהאַט פאַר זיך אַן אויטאָמאָביל מיט אַ שאָפער, אָבער איצט, אַז ער האָט געדאַרפט פאָרן, האָט ער זיך געמוזט ווענדן צום אינערלעכן קאָמיטעט און אָנגעגעבן צוליב וואָס ער דאַרף האָבן דעם אויטאָ־מאָביל.

ווען איך האָב געהאַט מיט אָט דעם אינזשעניער אַ שמועס — דאָס איז געווען אין עטלעכע חדשים אַרום, ווי די אַרבעטערס האָבן איבערגענומען די אינדוסטריעס — זאָגט ער צו מיר: איר ווייסט, חבר יעלענסקי, איך בין שוין זינט אַ לאַנגער צייט אַן אינזשעניער און איך האָב די גאַנצע צייט געאַרבעט צוזאַמען מיט די פּראָסטע אַרבעטערס, אָבער איך האָב קיינמאָל נישט געוווּסט, אַז זיי פאַרמאָגן אַזאַ שעפערישן כוח. אָט די פּשוטע אַרבעטערס פירן אַליין אָן אין דער אמתן מיט דער גאַנצער קאָמפּליצירטער אַרבעט אין די זאַוואָדן. אַפילו ווען זיי מאַכן קליינע טעותן, שפּילט דאָס נישט קיין גרויסע ראָלע. מיר, די אינזשעניערן, זענען געוואָרן בלויז מיטאַרבעטערס צווישן דער גרויסער מאַסע מיטאַרבעטערס. וואָס פאַר אַ כּישוף האָט איר אַריינגעבלאָזן אין די קעפּ און הערצער פון דער גרויסער מאַסע אַרבעטערס און אַרויסגעבראַכט פון זיי זייער שעפערישן כוח? איך קוק זיך צו — זאָגט ער — און מיינע אויגן גלייבן נישט וואָס איך זע. פאַר מיר איז דאָס אַ גרויסער סאָציאַלער און טעכנישער נס.

און מע קען זאָגן, אַז עס האָט פּאַסירט אַ גייסטיק־מאָראַלישער נס. חוץ אַ קליינער צאָל פון דער נאָוואָראָסייסקער באַפעלקערונג (70 טויזנט מענטשן), זענען אַלע געווען צופרידן. די מענטשן, וואָס זענען פריִער געווען פּריווילע־גירט און האָבן געלעבט באַקוועם, זענען נאַטירלעך נישט געווען צופרידן פון אַזאַ ראַדיקאַלן איבערבייט אין זייער אופן לעבן. אָבער נישט געקוקט אויף זייער אומצופרידנקייט, זענען זיי געווען גלייכבאַרעכטיקט צו קריגן אַלץ וואָס די גאַנצע באַפעלקערונג האָט געקראָגן. אָבער בכלל האָט זיך די באַפעלקערונג באַצויגן מיט פריינדשאַפט צו דער נייער לאַגע. אינטערעסאַנט, אַז שכרות איז כמעט אין גאַנצן פאַרשוווּנדן, און ווען מע האָט געזען אַ שיכּורן מענטשן, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן אויף דער גאַס, האָבן די אַנדערע מענטשן אויף דער גאַס געזוכט צו ווירקן אויף אים מאָראַליש און אויפוויזן אים, אַז אין אַזאַ צייט איז אַ חרפּה, אַז אַ מענטש זאָל זיין שיכּור. די ווערטער „אין אַזאַ צייט" האָבן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער מערהייט פון דער באַפעלקערונג. עס האָט זיך געפילט אַ קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און די נייע געזעל־שאַפטלעכע לאַגע האָט געשאַפן נייע באַציִונגען צווישן מענטשן אין דער דאָזי־קער גרעסערער שטאָט.

אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז עס זענען פאַרשוווּנדן די גנבות און רויבערייען אין שטאָט. אונדז האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז מיר וועלן קענען אָנגיין מיט אונדזער נייער סאָציאַל־קאָנסטרוקטיווער אַרבעט פאַר אַ נייער און פרייער וועלט. אָבער אונדזערע חלומות האָבן זיך אָנגעשטויסן מיט דער ווירק־לעכקייט, און שוואַרצע וואָלקנס האָבן זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט.

די קאָנטראַרעוואָלוציע באַדראָט נאָוואָראָסייסק

איך געדענק נישט איצט, צי דאָס איז געווען אין דעצעמבער 1917 אָדער אין יאַנואַר 1918, איז צו אונדז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז גענעראַל קאָרנילאָוו מיט אַ גרויסער גרופּע אָפיצירן און קאַדעטן זענען אַראָפּגעקומען קיין קראַס־נאָדאַר און אָנגעהויבן צו מאָביליזירן די קובאַנער קאָזאַקן.

אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט קאָרנילאָוו געעפנט דעם ערשטן פראָנט פונעם בירגערקריג. ער האָט געמאַכט אַ פּרווו דורכצורייסן זיך קיין נאָוואָ־ראָסייסק כדי צו האָבן אַן אַרויסגאַנג צום שוואַרצן ים.

דערהערט די טרויעריקע נייס, האָט דער עקאָנאָמישער סאָוויעט פאַררופן אַ מאַסן־מיטינג צו וועלכן עס איז געקומען אַן אַרבעטער־דעלעגאַציע פון קראַסנאָדאַר און איבערגעגעבן אַ באַריכט פון קאָרנילאָווס טעטיקייטן.

אויסגעהערט דעם באַריכט, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ שטורמישע דע־מאָנסטראַציע, נאָך וועלכער מע האָט געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז אַלע אַרבעטערס און פירערס פון דיביידע סאָוויעטן זאָלן באַוואָפנט ווערן און זיי זאָלן אַרויס־טרעטן אויפן פראָנט און צעשמעטערן גענעראַל קאָרנילאָוון מיט זיין באַנדע אָפיצירן. אין דער באַגייסטערטער שטימונג, האָט מען אָנגענומען דעם פאָר־שלאָג, אָבער באַלד האָט מען זיך געכאַפּט, אַז ווען אַלע וועלן אַוועקפאָרן צום פראָנט, וועט נישט בלייבן ווער עס זאָל היטן דעם אַריעגאַרד און די שטאָט. האָט מען געביטן דעם פאָרשלאָג אַזוי, אַז צו ערשט זאָלן אַרויסטרעטן אויפן פראָנט אַזעלכע, וואָס זענען שוין געווען אַמאָל אין דער אַרמיי. אַזעלכע האָבן מיר געהאַט אַ גרופּע פון אַ פּאָר הונדערט מענער. צווישן די דאָזיקע איז אויך געווען אַ יונגער געוועזענער אָפיציר, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר קאָמאַנדיר פון דער רויטער גוואַרדיע. געווער און מלחמה־זאַפּאַסן האָבן מיר געהאַט — האָבן מיר אין אַ פּאָר טעג אויסגעמושטירט אַ קליינע אַרמיי. גראָד זענען דעמאָלט אָנגעקומען אַ גרופּע מאַטראָסן, וועלכע זענען געפאָרן אין צענטער פון רוסלאַנד, אָבער זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז קאָרנילאָוו האָט אָפּ־געשניטן די באַן־ליניע, האָבן זיי באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אין אונדזער אַרמיי.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אונדזער אַרמיי אַרויס אויפן פראָנט און געהאַט איר ערשטע שלאַכט. מען האָט פאַרטריבן קאָרנילאָווס באַנדעס פון דער אייזנ־באַן־ליניע, אָבער מיר האָבן פאַרלוירן אונדזער יונגן קאָמאַנדיר און די געווע־זענע סאָלדאַטן האָבן אַליין געדאַרפט אָנפירן דעם בירגערקריג. דעם ערשטן קרבן פון קריג, דעם יונגן אָפיציר, האָט מען געבראַכט קיין נאָוואָראָסייסק און מע האָט אָרגאַניזירט אַ לוויה, צו וועלכער עס זענען געקומען עטלעכע צענדליק טויזנט מענטשן. נאָך אַ שורה רעדעס, האָבן די פאַרזאַמלטע גע־שוווירן צו פאַרניכטן די מערדערס פונעם יונגן אָפיציר.

אָבער פאַר אונדזער גרופּע איז קלאָר געוואָרן, אַז פאַר אונדז שטייט אַ ביטערער און שווערער קאַמף. מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר קענען נישט דער־

וואַרטן קיין הילף פון צענטער רוסלאַנד, ווייל דער בירגערקריג האָט זיך גענומען פונאַנדערשפּרייטן איבער רוסלאַנד.

אונדזער גרופּע האָט איינגעלאַדן צו אונדזערער אַ זיצונג אייניקע באָלשעװיקעס און לינקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זענען געווען זייער פריינדלעך מיט אונדז און מיר האָבן באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דער מיליטערישער סיטואַציע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר מוזן אָנהייבן אָרגאַניזירן אַ שטאַרקע רויטע גוואַרדיע. וועלן מיר עס נישט טאָן, וועט לאַנג נישט געדויערן און קאַרנילאָוו מיט זיינע באַנדעס וועלן קומען קיין נאָוואָראָסייסק און צעשטערן אַלץ, וואָס מיר האָבן אויפגעבויט פאַר דער צייט.

איז אויפגעשוווּמען די פראַגע ווי מע נעמט געווער און אַנדערע קריגזאַפּאַסן — האָט מען אונדז געלאָזט וויסן, אַז אין טרעפּיזאָנד, אין טערקיי, וואָס איז געווען אָקופּירט פון דער רוסישער אַרמיי אין דער צייט פון מלחמה, איז פאַרבליבן גענוג זאַפּאַסן פאַר אַ גרויסער אַרמיי.

עס ווערט פאַררופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פוןביידע סאָוויעטן און מע באַהאַנדלט די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ שטאַרקע רויטע גוואַרדיע, וועלכע זאָל זיך ווידערשטעלן קאַרנילאָווס באַנדעס, וואָס האָבן אָפּערירט אויף דער אייזנבאַן־ליניע און דערמיט אונדז אָפּגעשניטן פון צענטראַלער רוסלאַנד. נאָך לאַנגע דעבאַטן, האָט אונדזער גרופּע אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג, אַז קיין געצוווּנגענע מאָביליזאַציע זאָל מען נישט דערקלערן, נאָר מע זאָל רופן מאַסןפאַרזאַמלונגען און אויפקלערן פאַר די אַרבעטערס די איצטיקע לאַגע. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן און טאַקע אויף מאָרגן האָט מען פאַררופן עטלעכע גרעסערע פאַרזאַמלונגען און אַ גרויסע צאָל אַרבעטערס האָבן זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אָן דער רויטער גוואַרדיע און מע האָט זיך גענומען גרייטן אַרויסצוטרעטן אויפן פראָנט קעגן קאַרנילאָווס באַנדעס.

אין דער זעלביקער צייט, האָבן די צוויי סאָוויעטן באַשטימט צו שיקן אַ קאָמיסיע פון צוויי קיין טרעפּיזאָנד. מע האָט צו דעם אויסגעוויילט צו איין דעלעגאַט פון ביידע סאָוויעטן. פון דעם פּאָליטישן סאָוויעט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פּאָרט־אַרבעטער און פון דעם עקאָנאָמישן סאָוויעט, דער שרייבער פון די שורות.

אין נאָוואָראָסייסקער פּאָרט זענען געווען גענוג שיפן און אויך אַ קליינע קריגשיף. האָבן מיר אויסגעקליבן דריי שיפן, און די קריגשיף איז געווען וויליק אונדז צו באַגלייטן. פּאָרט־אַרבעטערס האָבן מיר געהאַט גענוג. מיר האָבן געדאַרפט נאָך האָבן אַרבעטערס, וואָס זאָלן קענען אַרומגיין אַרום פערד כדי צוצופירן די זאַפּאַסן צום ברעג ים, ווו די פּאָרט־אַרבעטערס האָבן געדאַרפט עס אָנלאָדן אויף די שיפן. איז אונדז איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו לאָזן וויסן אין די אַרומיקע קאָזאַקישע דערפער, אַז ווער עס וועט פאָרן מיט אונדז קיין טרעפּיזאָנד און אַרבעטן ביז מיר וועלן אָנלאָדן די שיפן, וועט קענען ברענגען מיט זיך אַ וואָגן און צוויי פערד, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָרטן געפינען זיך טויזנטער פערד, וועלכע זענען איבערגעלאָזט געוואָרן, ווען די

רוסישע אַרמיי האָט פּאַרלאָזט טערקיי. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר געהאַט מער אַרבעטער, ווי מיר האָבן געדאַרפט, און אין אָנהייב 1918 האָבן זיך די דריי שיפן מיט דער קריגשיף אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין.

אויפן צווייטן טאָג זענען מיר אָנגעקומען קיין טרעפּיזאָנד. קיין רעגולערער פּאָרט איז דאָרטן נישט געווען. די שיפן האָבן זיך געדאַרפט אָפּשטעלן נישט ווייט פון ברעג, און מיר זענען צוגעפאָרן מיט אַ שיפל צום ברעג פון דער טערקישער שטאָט.

ווען מיר זענען צוגעקומען צום ברעג האָבן מיר דערזען אַ טראַגיש בילד. אויפן ברעג ים האָבן זיך געפונען עטלעכע טויזנט אַרמענישע פּליטים, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די טערקן, וועלכע וואָלטן זיי אַלע אויסגעקוילעט.

מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ נייעם אומשטאַנד, וועגן וועלכן מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג. ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון נאָוואָראָ־סייסק: בהסכם מיטן ברעסט־ליטאָווסקער שלום־אָפּמאַך, האָט רוסלאַנד גע־דאַרפט עוואַקויִרן טרעפּיזאָנד אין אַ טערמין, וואָס האָט זיך געדאַרפט ענדיקן אין דריי טעג אַרום ווי מיר זענען אָנגעקומען אין יענעם פּאָרט. די טערקישע אַרמיי איז שוין געווען נישט ווייט פון דער שטאָט.

מיר זענען גלייך אַוועק אין סאָוויעט, ווו מע האָט שוין געוווּסט, אַז מיר דאַרפן אָנקומען. דאָרטן האָבן מיר געקראָגן אַלע נייטיקע אינפאָרמאַציעס. מיר האָבן גענומען אַ פּאָר פערד און אַוועק באַקוקן די מאַגאַזינען פון דער מיליטער־רישער באַזע. מיר האָבן דאָרט געפונען אַלץ, וואָס מיר האָבן געדאַרפט. מיר האָבן זיך אומגעקערט צו די שיפן, ווו די אַרבעטערס זענען געווען, און איינ־געאָרדנט, אַז מע זאָל אויף מאָרגן אָנהייבן אָנצולאָדן די שיפן. נאָך דעם בין איך און דער אַנדערער דעלעגאַט אַוועקגעפאָרן צוריק אין סאָוויעט, ווו מיר האָבן איבערגענעכטיקט די נאַכט.

אויף מאָרגן, אַרום זעקס אַ זייגער אין דער פרי, זענען מיר אַרויסגע־פאָרן רייטנדיק צו דער מיליטערישער באַזע, ווו מיר האָבן זיך געדאַרפט טרעפן מיט אונדזערע אַרבעטערס. אויפן וועג האָבן מיר שוין געטראָפן אייניקע פון זיי זיצנדיק אויף נייע וועגענער און פאָרנדיק צו דער באַזע. ווען מיר זענען צוגעקומען נענטער צו דער באַזע, האָבן מיר שוין אָנגעטראָפן אייניקע אָנגעלאָדענע וועגענער אויפן וועג צו די שיפן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען צו דער באַזע, האָבן מיר דאָרטן געטראָפן אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָבן זיך געטומלט אַרום עפּעס. עס האָט זיך אויסגע־לאָזט, אַז מע האָט געפונען אַ פּאָר קאַסטנס מיט רעוואָלווערן, און מיר האָבן געטראָפן עטלעכע חברה־לייט מיט העק אין די הענט, ווי זיי ברעכן אויף קאַסטנס אויף צו זוכן נאָך רעוואָלווערן. מיר האָבן, מיט אונדזערע אויטאָמאַ־טישע רעוואָלווערן, געצווונגען די חברה אַרויסצוגיין פון מאַגאַזין. דערווייל איז אָנגעגאַנגען די אַרבעט פון אָנלאָדן די וועגענער מיט אַמוניציע און אַלץ, וואָס מיר האָבן געפונען פאַר נייטיק פאַרן בירגערקריג.

אַרומפאָרנדיק פון איין מאַגאַזין צום צווייטן, האָבן מיר פלוצלינג דער־הערט אַ שרעקלעכן דונער. מיר האָבן אינסטינקטיוו אַ קוק געטאָן צום הימל און דעמאָלט האָבן מיר דערזען, אַז נישט ווייט פון אונדז איז אויפגעריסן געוואָרן אַ מאַגאַזין מיט אַמוניציע. עס האָט נישט געדויערט לאַנג און עס האָבן גענומען אויפרייסן איין מאַגאַזין נאָכן צווייטן. אַזעלכע מאַגאַזינען זענען געווען איבער צוואַנציק. אַרום אונדז איז געוואָרן אַ ריכטיקער גיהנום — קאַנאָנען־קוילן און שראַפּנעלן זענען געפלויגן אַרום אונדז.

וויזט אויס, אַז מיין פערדל האָט דורכגעמאַכט גענוג מיליטערישע שלאַכטן, וואָרעם אַזוי שנעל, ווי ער האָט דערפילט די סכנה, האָט ער אָנגעהויבן צו לויפן מיט דער שנעלקייט פון אַ קויל. איך פאַרשטיי נישט ביז איצט ווי איך האָב מיך איינגעהאַלטן אויפן לויפנדיקן פערד. ער איז געלאָפן אָן אָפּשטעל איבער טאָלן און וואַסערן, און די קאַנאָנען־קוילן זענען געפאַלן אַרום אונדז. אָבער מיט גרויס גליק זענען מיין פאַרטנער, איך און אויך אונדזערע פערד אַרויס גאַנצע.

אַ צען מייל ווייט פונעם גיהנום, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, ווייל אַהין זענען שוין קיין קוילן נישט דערגאַנגען. באַלד האָבן גענומען אָנקומען נאָך מענטשן, אייניקע פון זיי פאַרוווּנדעט. פון דער טערקישער אַרמיי זענען אָנגע־קומען דאָקטוירים און פעלדשערס. מע האָט אויך צוגעשיקט אַ מיליטערישע קיך מיט עסנוואַרג.

די שיסעריי און אויפרייסן האָבן אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט. ערשט פאַר טאָג איז געוואָרן שטיל. גאַנץ פרי האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט צו אונדזערע שיפן, וועלכע זענען אַוועק ווייטער אין ים. פון דער מיליטערישער באַזע איז נישט געבליבן קיין סימן, אָבער, צו אונדזער גרויסן גליק, האָבן זיך אַלע אונדזערע אַרבעטערס געראַטעוועט פונעם שרעקלעכן אויפרייס. דערפאַר האָבן די אַרמענישע פּליטים באַצאָלט זייער טייער — הונדערטער פון זיי זענען דערהרגעט געוואָרן און נאָך מער זענען געוואָרן פאַרוווּנדעט.

ווער עס האָט פאַראורזאַכט דעם גרויסן אומגליק, איז געווען שווער אויס־צוגעפינען. עס איז געווען אַ גרויסער חשד אויף דער טערקישער אַרמיי, וועלכע האָט נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז מען זאָל צונעמען די מיליטערישע זאַפּאַסן און דערמיט באַקעמפן קאָרנילאָווס באַנדעס.

דעם זעלביקן טאָג האָבן מיר אַרויפגענומען אויף די שיפן אַלץ, וואָס מיר האָבן געקענט ראַטעווען, אָדער, בעסער געזאָגט, אַלץ וואָס איז געבליבן גאַנץ. מיר האָבן אויך מיטגענומען אַזוי פיל פון די פּליטים, וויפל מיר האָבן געקענט און זיך געלאָזט צוריק קיין נאָוואָראָסייסק. דאָרטן האָט מען שוין איבערגע־טראַכט, אַז מיר זענען אומגעקומען אין דעם גרויסן אויפרייס.

נאָוואָראָסייסק לייזט פּראָבלעמען פון בירגערקריג

דער בירגערקריג, קען מען זאָגן, האָט זיך אָנגעהויבן אויפן שוועל פון נאָוואָראָסייסק. מיר זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן געמוזט שטעלן דעם ווידערשטאַנד צום ערשטן פּרווו צוריקצוברענגען צום לעבן דעם צאַריזם מיט אַלץ, וואָס איז דערמיט געווען פאַרבונדן. אָט די לאַגע האָט פאַרשאַפט אַ סך שוועריקייטן און אַריינגעבראַכט קאָמפּליקאַציעס אין דעם נייעם סאָציאַלן לעבן, וואָס מיר האָבן איינגעשטעלט. דערצו זענען מיר ס׳רוב געווען אָפּגעשניטן פון צענטראַלן רוסלאַנד, מחמת קאָרנילאָווס באַנדעס פלעגן אָפט איבערשניידן די באַנליניעס און פאַרכאַפּן פּראָדוקטן און מאַטעריאַלן, וואָס זענען געפירט געוואָרן קיין נאָוואָראָסייסק. אָבער נישט געקוקט אויף דער שווערער סיטואַציע, איז נישט געפאַלן דער מוט פון די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. אדרבא, וואָס שווערער די לאַגע איז געוואָרן, אַלץ מער מוט און עקשנות האָבן די אַרבע־טערס אַרויסגעוויזן.

איך וועל פּרווון באַשרייבן דריי פּאַסירונגען, וועלכע וועלן וואַרפן אַ שיין אויף דעם אופן, ווי די אַרבעטערס אַליין האָבן זיך אַן עצה געגעבן מיט דער שווערער לאַגע.

די זיבעציק טויזנטיקע באַפעלקערונג האָט געפאָדערט אַ גרויסע צאָל לעבנס־מיטלען. דער שוואַרצער ים האָט געגעבן גענוג פיש, מיר האָבן פאַר־מאָגט עטלעכע מיליאָן עמערס ווײַן און טויזנטער טאָן צעמענט, אָבער דאָס האָט נאָך נישט געלייזט די פּראָבלעם פון באַשפּייזן אַזאַ גרויסע באַפעלקערונג.

אין מענטשלעכן לעבן פּאַסירן אָפט אומדערוואַרטע זאַכן, וואָס ראַטעווען אַרויס פון אַן ענגער לאַגע. עפּעס אַזוינס האָט דעמאָלט פּאַסירט מיט אונדז. די צאָל אַקטיווע טוערס איז געווען אַ קליינע און איטלעכער איז געווען אַזוי פאַרנומען, אַז מע האָט אָפט נישט געפונען קיין צייט צו געבן אַ טראַכט ווי געהעריק. אָבער איין מאָל, ווען מיר זענען געזעסן ביי אַ גרופּע־פאַרזאַמלונג און גערעדט וועגן דער שפּייז־סיטואַציע, איז ווי אַ בליץ ביי איינעם פון אונדז דורכגעלאָפן דער זעלביקער געדאַנק. מיר האָבן זיך דערמאָנט, אַז נאָוואָראָ־סייסק איז געווען די מיליטערישע הויפּטבאַזע פאַרן טערקישן פראָנט. אינעם גרויסן נאָוואָראָסייסקן פּאָרט האָט זיך געפונען אַן עלעוואַטאָר, וועלכער האָט געקענט אַרייננעמען מיליאָנען פּוד ווייץ און קאָרן. דערצו זענען אַרום פּאָרט געווען אַרום הונדערט גרויסע לאַגער־הייזער, וועלכע האָבן געקענט אַריינ־נעמען הונדערטער וואַגאָנען מיט זאַכן. די גרופּע באַשליסט צו פאַררופן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג פון עקאָנאָמישן סאָוויעט און מאַכן אַ פאָרשלאָג, אַז מ׳זאָל אָרגאַניזירן ספּעציעלע קאָמיסיעס, וועלכע זאָלן דורכקוקן דעם עלע־וואַטאָר און די לאַגערהייזער. אין משך פון איין וואָך איז די דאָזיקע אַרבעט געוואָרן דורכגעפירט און די רעזולטאַטן זענען געווען זייער גוטע: מע האָט געפונען גענוג ווייץ, צוקער, קאָנסערוון, אַרטיקלען פאַר ערדאַרבעטערס. מע האָט אויך געפונען געווער. מיט איין וואָרט, מיר האָבן דאָרטן געפונען אַן אוצר.

מיר האָבן גלייך געלאָזט וויסן צווישן די דערפער, אַז מיר האָבן אַרטיקלען אויף אויסצובייטן אויף פרישע דאָרפישע פּראָדוקטן. פון אָנהייב האָבן זיך די קאָזאַקן באַצויגן מיט אַ געוויסן חשד און זיי זענען געקומען מיט בלויז קליינע סכומים עסנוואַרג. אָבער ווען זיי האָבן דערזען, אַז מע וויל זיי נישט נאַרן, האָבן זיי גענומען ברענגען גענוג פרישע שפּייז־פּראָדוקטן. אויב עפּעס פלעגט אויספעלן, פלעגט מען שיקן קאָמיסיעס אין די דערפער אויף אויסצובייטן אַרטיקלען אויף די נייטיקע פּראָדוקטן.

אָבער דער עיקר איז די זעלבסט־איניציאַטיוו אַרויסגעקומען בולט אויף די צעמענט־זאַוואָדן. די אַרבעט איז דאָרטן אָנגעגאַנגען מיטן גאַנצן ראָזמאַך. אייניקע קלענערע טערקישע שיפן זענען געקומען קויפן צעמענט און די זאַוואָדן האָבן אַזוי אַרום אַריינגעקראָגן וואַליוטע. די טערקן האָבן אויך צוגעזאָגט צו ברענגען סחורות, אין וועלכע די אַרבעטערס האָבן זיך גענייטיקט. דער עיקר, האָבן זיי באַדאַרפט האָבן האָלץ אויף צו מאַכן פעסער, ווייל אין יענער צייט פלעגט מען אין רוסלאַנד פּאַקן דעם צעמענט אין ספּעציעלע פעסער. די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז אויב מען וואָלט נישט קריגן אין צייט קיין האָלץ, וואָלט מען געדאַרפט אָפּשטעלן די גאַנצע אַרבעט אויף די זאַוואָדן.

מיר האָבן טאַקע געוווּסט ווו מע קען קריגן די נייטיקע האָלץ, אָבער די פראַגע איז געווען, ווי קומט מען צו אַהין: מיט דער באַן האָט מען דעמאָלט נישט געקענט פאָרן. דער בירגערקריג איז שוין אויסגעשפּרייט געוואָרן איבער אַ סך ערטער אין רוסלאַנד. אויף צו קויפן האָלץ האָט מען אויך געדאַרפט האָבן גרייט געלט.

ביי אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג פון די צוויי צעמענט־זאַוואָדן האָט מען אויסגעקליבן אַ פאַרגרעסערטע קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט אָנפירן מיט דער גאַנצער אַרבעט. מע האָט אויך באַשלאָסן, אַז די קאָמיסיע זאָל מיטנעמען גרייט געלט און אויך אָנלאָדן אַ שיף מיט צעמענט, כדי, אין פאַל מע וועט נישט נע־מען דאָס געלט, זאָל מען אויסבייטן דעם צעמענט אויף האָלץ. די שיף האָט געדאַרפט גיין דורכן שוואַרצן ים און אַריינגיין אין אַזאָווישן ים ביז צו אַ פּאָרט, ווו מע וועט קענען איבערלאָדן דעם צעמענט אויף וואַגאָנעס און צופירן מיט דער באַן ביז צו אַן אָרט, ווו מע וועט קענען דעם צעמענט אויסבייטן אויף האָלץ.

וואָס די גרופּע אַרבעטערס האָבן איבערגעלעבט ביז זיי זענען אָנגעקומען גאַנץ מיטן צעמענט — דאָס איז אַ מעשה פאַר זיך. עס זענען אַריבער זעקס וואָכן און מיר האָבן שוין אויפגעגעבן די האָפענונג צו זען צוריק די גרופּע אַרבעטערס, מחמת מיר זענען שוין געווען זיכער, אַז זיי זענען אומגעקומען אין שטורעם פונעם בירגערקריג. אָבער ווי גרויס איז געווען אונדזער פרייד, ווען מיר האָבן דערזען צוריק די שיף, אַ פול אָנגעלאָדענע מיט האָלץ, און אויף די אויסגעמאַטערטע פּנימער פון די אַרבעטערס אַ גרויסן שטאָלץ, דער שטאָלץ האָט געזאָגט, אַז אַ פרייער מענטש קען אויפטאָן וווּנדער אַפילו אין די שווער־סטע אומשטאַנדן. מיר איז אויפגעקלערט געוואָרן באַקוניס באַרימטער זאָג, אַז „דער צעשטערנדיקער גייסט איז דער בויענדיקער גייסט". מיר האָבן צעבראָכן

די קייטן, וואָס האָבן געהאַלטן צוגעשמידט גייסטיק דעם שאָפּערישן אַרבעטער און, ווי נאָר דער אַרבעטער האָט זיך דערפילט פריי, איז ער געוואָרן דער בויער פון זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן. ווי לאַנג אָדער קורץ דאָס זאָל נישט האָבן אָנ־געהאַלטן, אָבער דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט, אַז ווען דער מענטש ווערט אַ זעלבשטענדיקער שאַפער, אַ שאַפער פאַר זיין אייגענער עקסיסטענץ און פאַר דער עקסיסטענץ פון זיינע מיטמענטשן — אַזוי אַנטוויקלט זיך ביי אים אַ זעלבסט־אינטערעס צו זיך גופא און צו זיינע מיטמענטשן. ער ווערט אין פולן זינען פונעם וואָרט אַ באַוווסטזיניקער הומאַניטאַרער מענטש!

נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן — און שוועריקייטן זענען געווען איבער גענוג — האָט זיך נישט געפילט קיין אַנטוישונג. מע האָט געקענט פילן אין דער לופט, אַז קיין צוריק איז נישטאָ, אַז מיר מוזן מאַרשירן פאָרויס. חוץ לאָקאַלע שוועריקייטן, האָבן זיך אָנגעהויבן פילן די רעזולטאַטן פונעם שלום (?), וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געשלאָסן מיט די דייטשן אין ברעסט־ליטאָווסק. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן צו אָקופּירן אוקראַינע, די שטאָט אָדעס איז געוואָרן אָקופּירט דורך די עסטרייכער. די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן האָבן זיך גע־דאַרפט עוואַקויִרן און אַ גרויסע צאָל פון זיי זענען אָנגעקומען קיין נאָוואָ־ראָסייסק.

מיר האָבן געהאַט אַ צייטווייליקן גליק, וואָס עס האָט זיך געגרינדעט די ווייסע אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל דעניקין, און קאָרנילאָוו מיט זיינע באַנדעס האָבן פאַרלאָזט די קובאַנער געגנט. דורך דעם האָבן מיר צוריק־געקראָגן דעם אייזנבאַן־וועג, און דאָס רוב טוערס, וואָס זענען געקומען פון אָדעס, האָבן פאַרלאָזט נאָוואָראָסייסק.

איידער קאָרנילאָווס באַנדעס זענען אַוועק, האָט אונדזער רויטע גוואַרדיע פאַרכאַפּט אַ פולן וואַגאָן מיט עלטערע אָפיצירן און קאַדעטן, יונגע יינגלעך, וואָס זענען געווען טויט דערשראָקן, ווען מע האָט זיי געבראַכט קיין נאָוואָראָ־סייסק. דאָס זענען געווען אונדזערע ערשטע געפאַנגענע, און עס איז אַרויפגע־שווומען די פראַגע וואָס מע טוט מיט זיי? מיר האָבן באַשלאָסן זיי נישט אַוועק־צופירן אין טורמע, נאָר אַריינזעצן זיי אין אַ גרויסן צימער, ווו עס האָט זיך געפונען דער עקזאַמישער סאָוויעט. די שטוב איז געווען די געוועזענע וווינונג פונעם גובערנאַטאָר. דאָרטן האָט מען זיי באַזעצט און געגעבן זיי צו עסן. היות מיר האָבן נישט געהאַט קיין טריבונאַל, האָבןביידע סאָוויעטן אויסגעקליבן קאָ־מיסיעס, וועלכע האָבן געדאַרפט צוזאַמען באַשליסן וואָס צו טאָן מיט די גע־פאַנגענע.

אויף מאָרגן האָבן די קאָמיסיעס געהאַט אַ פאַרזאַמלונג, און דאָ האָבן מיר געהאַט דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן גע־וואָלט אויסנוצן די געפאַנגענע ווי אַ מיטל אויף צו קריגן דעם צוטרוי און אויך דעם קאָנטראָל איבער די אַרבעטערס. דער אמת איז טאַקע געווען, אַז קאָרנילאָוו האָט דערשאָסן אייניקע געפאַנגענע רויטע גוואַרדייצעס — האָבן די באָלשעווי־קעס אי געוואָלט נעמען נקמה און אי אַריינקריגן מער מאַכט אין זייערע הענט.

אונדזער גרופּע האָט גלייך פאַרשטאַנען וווהין די באָלשעוויקעס צילן. האָבן מיר תיכף געמאַכט אַ פּרינציפּיעלע דערקלערונג, אַז מיר טוען נישט דאָס, וואָס קאָרנילאָוו האָט געטאָן. דערצו, האָבן מיר דערקלערט, אַז ווי באַלד די מענטשן האָבן נישט קיין וואָפן און מיר קענען נישט וויסן גענוי צי זיי האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל ביי קאָרנילאָוון, קען נישט זיין קיין רייד וועגן טויטשטראָף, ספּעציעל נישט וועגן די קינדער. מיר האָבן געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז אַלע קינ־דער־קאַדעטן זאָלן אָפּגעשיקט ווערן צו זייערע עלטערן און די אַלטע אָפיצירן זאָלן געהאַלטן ווערן ווי מלחמה־געפאַנגענע. אונדזער פאָרשלאָג האָט אַרויסגע־רופן הייס בלוט און גרויסע דעבאַטעס. אָבער, נאָך אַ לענגערער זיצונג, האָבן די אַרבעטערס, און אַפילו אַ טייל באָלשעוויקעס, געשטימט פאַר אונדזער פאָר־שלאָג.

די קינדער האָבן מיר אַוועקגעשיקט צו די עלטערן, אָבער די אָפיצירן האָבן אָפּגעשניטן זייער שלעכט: ווען דער פלאָט פון שוואַרצן ים איז אין עטלעכע חדשים אַרום געקומען קיין נאָוואָראָסייסק, האָבן אַ גרופּע מאַטראָסן פון אַ קריגשיף אַרויסגעגנבעט ביי נאַכט די אָפיצירן, אַרויפגעזעצט זיי אַלעמען אויף אַ באַרזשע און דערטרונקען. מיר האָבן געהאַט אַ חשד, אַז דאָס איז געטאָן גע־וואָרן מיט דער הילף פון די אָרטיקע באָלשעוויקעס.

נאָך אָט דער פּאַסירונג האָבן מיר בכלל גענומען פילן דעם דרוק פון די געשווירענע באָלשעוויקעס, און מיר האָבן געדאַרפט זיין אַלע מאָל אויף דער וואַך. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די ברייטע אַרבעטער־מאַסן זענען געווען מיט אונדז און וואָס דאָס שטאָטישע עקאָנאָמישע לעבן איז אָנגעגאַנגען נאָרמאַל אין דער אָרדענונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן ווי פון דער רעוואָלוציע אַליין, האָבן די באָלשעוויקעס נאָכן ברעסט־ליטאָווסקער שלום געזוכט איבערצונעמען די גאַנצע מאַכט, ווי זיי האָבן עס געטאָן איבערן גאַנצן לאַנד.

אין דער זעלביקער צייט האָבן אַפילו די פאַנאַטישסטע באָלשעוויקעס גוט געוווסט, אַז די קליינע אַנאַרכיסטישע גרופּע האָט געשאַפן אַזאַ סיטואַציע, אין וועלכער די אַרבעטערס האָבן געפילט, אַז זיי זענען אַליין די שאַפערס פון זייער סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן און זיי ווילן נישט אויפגעבן דאָס, וואָס האָט פאַר זיי געשאַפן דאָס נייע און פרייע לעבן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פילן אין דער לופט אַן אָנגעצויגנקייט. איינע פון די סיבות איז געווען דער ברעסט־ליטאָווסקער שלום מיט די דייטשן: אוקראַינע און קרים זענען פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשע און עסטרייכישע אַרמייען. מיט דער הילף פון די דייטשן זענען אין אוקראַינע געשאַפן געוואָרן נאַציאָנאַלע רעגירונגען — סקאָראָפּאַדסקיס, פּעטליוראַס און נאָך. דאָס דאָזיקע האָט גע־צוווּנגען אַ גרויסע צאָל מענטשן זיך צו עוואַקויִרן פון יענע געגנטן. קיין נאָ־וואָראָסייסק זענען געקומען אַ היפּשע צאָל פון די דאָזיקע עוואַקויִרטע, פון וועלכע מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום גרויסן נחת.

די דאָזיקע עוואַקויִרטע זענען געווען אַ ספּעציפישער עלעמענט וואָס האָט פאַרלוירן דעם חוש פאַר קאָנסטרוקטיווער אַרבעט. דער עולם האָט זיך שוין

צוגעווינט אַרומצופאָרן, זייער ווייניק האָבן געטראַכט וועגן אַרבעט. זיי זענען געווען אַ פּראָדוקט פון דעם צעשטערנדיקן כוח, וואָס אַ רעוואָלוציאָנערע סיטואַ־ציע שאַפט. אין האַרצן זענען זיי טאַקע געווען געשטימט רעוואָלוציאָנער און אַ סך פון זיי זענען געווען גרייט מקריב צו זיין זייערע לעבנס פאַר דער רע־וואָלוציע, אָבער, ווען עס איז געקומען צו בויען דעם נייעם לעבן, זענען זיי נישט געווען פעיִק עפּעס צו טאָן. די דאָזיקע דערשיינונג האָט זיך געמערקט אין אַלע ריכטונגען, וועלכע זענען געווען פאַר דער גרויסער רוסישער רעוואָ־לוציע.

און נאָוואָראָסייסק האָט געקראָגן איר חלק פון אָט די עוואַקויִרטע, אָבער מיר האָבן אָנגעשטרענגט אַלע אונדזערע כוחות צו מאַנעווּרירן אַזוי, אַז דער עלעמענט זאָל נישט קענען שטערן אונדזער קאָנסטרוקטיווע אַרבעט און נישט צו דערלאָזן די באָלשעוויקעס אויסצונוצן אָט די שווערע סיטואַציע. די איינציקע זאַך, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געקענט טאָן, איז צו שיקן קיין מאָסקווע אַ דעלעגאַציע, וועלכע זאָל פאַר זיי ברענגען אינסטרוקציעס און אויך הילף.

טאָמער האָבן מיר געהאַט ווייניק מיט דער פּראָבלעם פון די עוואַקויִרטע, האָט זיך אויף אונדז אָנגערוקט אַ נאָך שווערערע פּראָבלעם.

נאָך דעם ברעסט־ליטאָווסקער שלום מיט די דייטשן, האָבן די באָלשעווי־קעס, בהסכם מיטן אָפּמאַך, געדאַרפט איבערגעבן דעם קריגספלאָט פון שוואַרצן ים צו די דייטשן. די באַזע פונעם פלאָט איז געווען אין סעוואַסטאָפּאָל, אין קרים. זענען פון דאָרטן דערגאַנגען צו אונדז ידיעות, אַז די מאַטראָסן פונעם קריגספלאָט טראָגן אַרויס רעזאָלוציעס נישט איבערצוגעבן די שיפן צו די דייטשן, נאָר אַוועקצוגיין אין דעם נאָוואָראָסייסקער פּאָרט. אָט די נייס האָט אונדז אַוועקגעשטעלט פאַר אַ ספּעציפישער פּראָבלעם:

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין רוסלאַנד געווען פאַרבאָטן צו פאַרקויפן אַלקאָהאָלישע געטראַנקען, און דער זעלביקער פאַרבאָט איז געבליבן גילטיק אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע. איז אָפּיציעל האָט מען טאַקע נישט געטאָרט קריגן קיין שטאַרקן געטראַנק, אָבער ווער עס האָט גע־וואָלט שטאַרק, האָט זיך געקענט אַן עצה געבן. ספּעציעל, אין נאָוואָראָסייסק און אין דעם אַרומיקן געגנט איז געווען אַ גרויסע פּראָדוקציע פון ווײַן. מײַלן אַרום דער שטאָט זענען געווען קליינע און גרויסע ווײַנגערטנער. יאָ רעוואָלו־ציע צי נישט רעוואָלוציע — ווײַנטרויבן זענען געוואַקסן און מע האָט געמאַכט ווײַן.

די גרעסערע און פאַראַנטוואָרטלעכערע ווײַנגערטנער האָבן געהאַלטן מי־ליאָנען עמערס ווײַן אין זייערע קעלערס. אָבער אייניקע, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן „מער פּרנסה", האָבן אין דער שטיל פאַרקויפט זייער ווײַן, און טאַקע מיטן אָנקומען פון די עוואַקויִרטע האָבן זיך אויף די גאַסן געגומען ווײַזן אַלץ מער און מער שיכורע מענטשן. מע האָט אין אייניקע פאַלן געדאַרפט אָננעמען שטרענגערע מיטלען דערצו, ווײַל מיט די עוואַקויִרטע צוזאַמען האָט מען אויך

אַריינגעשיקט מענטשן אויף שפּיאָנאַזש און פּראָוואָקאַציע — דאָס זענען געווען אַגענטן פון דעניקינס אַרמיי.

אונדזער גרופּע האָט ביי אַ זיצונג באַהאַנדלט די פראַגע, וואָס צו טאָן מיט דער פאַרמערונג פון די שיכורים? מע האָט באַהאַנדלט דעם פאַל וואָס מע האָט געכאַפּט אַ פּאָר דעניקינישע אַגענטן. דער עיקר איז אָבער געווען די פּראָבלעם וואָס צו טאָן, אויב דער פלאָט פון שוואַרצן ים וועט קומען קיין נאָוואָראָסייסק, ווו עס געפינען זיך אַזוי פיל אַלקאָהאָלישע געטראַנקען. דער פלאָט מיט זיינע עטלעכע צענדליק טויזנט מאַטראָסן קענען אָנמאַכן אַ חורבן אין אונדזער גאַנצער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט.

די גרופּע האָט, נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע, באַשלאָסן צו רופן אַ פאַרזאַמלונג פוןביידע סאָוויעטן און אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג, אַז די סאָוויעטן זאָלן אָרגאַניזירן אַ באַזונדערע גרויסע קאָמיסיע, וועלכע זאָל מאַכן „אָביסקעס״ און, ווו מע וועט געפינען וויין אָדער בראָנפן, זאָל מען דאָס פאַרניכטן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פאָרגעקומען אַזאַ מין פאַרזאַמלונג פון די צוויי סאָוויעטן און אַפילו די באָלשעוויקעס האָבן געשטימט פאַר אונדזער פאָרשלאָג. מע האָט נאָר געמאַכט איין אויסבעסערונג: אָנשטאָט איין גרעסערע קאָמיסיע, זאָלן אַלע מיטגלידער פון ביידע סאָוויעטן זיך אָרגאַניזירן אין געגנטן און אין איין באַשטימטער נאַכט זאָל דורכגעפירט ווערן אָט די וויכטיקע אַרבעט. דאָס הייסט, מע זאָל פאַרניכטן דעם גאַנצן וויין און שנאַפּס, וואָס מע וועט געפינען אין און אַרום דער שטאָט.

מע האָט באַשלאָסן צו וואַרטן אַ פּאָר טעג, כדי מע זאָל קענען אויסגעפינען ווו אַן ערך מע האַנדלט־צו מיט וויין און בראָנפן און אויך אויסצוגעפינען, צי אין די וויינגערטנער איז פאַראַן וויין.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען זיך די דעלעגאַטן פון ביידע סאָוויעטן צוזאַמענגעקומען און מע האָט זיך אָרגאַניזירט אין גרופּעס. איטלעכער גרופּע איז צוגעטיילט געוואָרן אַ טייל שטאָט. אין מיטן נאַכט האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער שלאָפנדיקער שטאָט און אין אַ פּאָר שעה אַרבעט האָבן די גרופּעס צעשטערט טויזנטער עמערס וויין און בראָנפן.

דאָס שטיקל אָפּגעטוענע אַרבעט האָט אויף מאָרגן אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל אין שטאָט. אַזוי, אַז אייניקע, וועלכע מע האָט דורכגעלאָזט ביי נאַכט, זענען אַליין געקומען אין עקאָנאָמישן סאָוויעט און דערקלערט, אַז זיי האָבן אַ צאָל עמערס וויין.

די זעלביקע אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן אין די וויינגערטנער אַרום דער שטאָט.

ביידע סאָוויעטן האָבן אַרויסגעלאָזט אַן עפנטלעכע דערקלערונג, אַז די פאַרניכטונג פונעם וויין איז דורכגעפירט געוואָרן כדי אויסצומיידן שיכרות און מעגלעכע פּראָוואָקאַציעס אין דער צייט, ווען דער פלאָט וועט אָנקומען קיין נאָוואָראָסייסק. די אויפקלערונג האָט באַרויִקט די שטאָט. די באַפעלקערונג האָט פאַרשטאַנען, אַז כדי אויסצומיידן מעגלעכע עקסצעסן, האָט מען עס געמוזט טאָן.

די אַרבעט פון מאַכן אָביסקעס איז נאָך אָנגעגאַנגען אין שטאָט און אַרום דער שטאָט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער עקאָנאָמישער סאָוויעט אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג. צו דער זיצונג איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון דריי אַרבעטערס (פון וואַנען און דורך וועמען זיי זענען געשיקט געוואָרן — דאָס איז אַ באַזונדער געשיכטע פאַר זיך) און פאַרגעבראַכט אַ וויכטיקן ענין.

25 וויאָרסט פון נאָוואָראָסייסק, הויך אין די בערג, האָט זיך געפונען אַ גרויסער מאַיאָנטעק, וועלכער האָט געהערט צו דער צאַרישער פאַמיליע. אין אָט דעם גוט האָט זיך געפונען אַ ווייַנגאָרטן פון עטלעכע טויזנט אַקערס לאַנד. דאָרטן האָט מען אויסגעאַרבעט וויין, שאַמפּאַניער און קאָניאַק פאַרן געברויך פון דער צאַרישער פאַמיליע און אויך צום פאַרקויפן. דער נאָמען פונעם פּלאַץ איז געווען אַבראַו דוירסאָ.

אָט די דריי דעלעגאַטן זענען געקומען צום סאָוויעט מיט אַ ביטע, אַז מע זאָל נישט פאַרניכטן זייער פּלאַץ, ווייל די איבעריקע 300 מענטשן וואָס זענען דאָרטן פאַראַן, וועלן בלייבן אָן אַרבעט.

דער עקאָנאָמישער סאָוויעט האָט נישט געוואָלט געבן קיין ענטפער, וואָס מע וועט טאָן מיט אַבראַו דוירסאָ. מיר האָבן געזאָגט דער דעלעגאַציע, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועלן מיר זיי לאָזן וויסן אונדזער באַשלוס.

מיר האָבן ווידער פאַררופן אַ ספּעציעלע זיצונג פון דיביידע סאָוויעטן און מיר האָבן דאָרטן איבערגעגעבן די ביטע פון די דריי דעלעגאַטן. תיכף האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסע דעבאַטע. די אַרגומענטן זענען געווען גערעכטע: מיר קענען נישט מאַכן קיין פּשרות אָדער געבן פּריווילעגיעס. נאָך אַ הייסער דיס־קוסיע האָט מען איינשטימיק אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אַ ספּעציעלע קאָמיסיע זאָל דעלעגירט ווערן קיין אַבראַו דוירסאָ מיט דער אינסטרוקציע צו פאַרניכטן דאָרטן אַלע שטאַרקע געטראַנקען. עס ווערט אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פון דריי: אַ באַן־אַרבעטער, אַן אַרבעטער פון צעמענט־פאַבריק און דער שרייבער פון אָט די שורות.

אויף מאָרגן האָבן מיר געקראָגן דריי רייטפערד, געווער און אַמוניציע, אַריינגערעכנט דינאַמיט און מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין קיין אַבראַו דוירסאָ אויסצופירן די מיסיע, וואָס ביידע סאָוויעטן האָבן אונדז איבּ־סטרויִרט דורכצופירן. איידער מיר זענען אַרויסגעפאָרן, האָט מען קיין אַבראַו דוירסאָ געלאָזט וויסן דורכן טעלעפאָן וועגן אונדזער רייזע.

דער וועג קיין אַבראַו דוירסאָ שלענגלט זיך איבער טאָלן און בערג. מע ווערט פאַרכאַפּט פון דער פּראַכטפולער באַרגיקער לאַנדשאַפט. נעענטער צו אַבראַו דוירסאָ, ווערט דיין אויג פאַרכאַפּט פון די גרויסע ווייַנגערטנער, וואָס ציִען זיך אויף מיילן און מיילן. נאָך דעם הייבט מען אָן אַרויפצופאָרן באַרג־אַרויף, ביז מע קומט צו אַ גרויסן פּלאַטאָ, ווו עס געפינען זיך אַלע ווייַנקעלערן, די אַדמיניסטראַטיווע געביידעס און די וווינונגען פון די איינוווינערס. ביי דער זייט פון די בנינים פליסט אַ פּרעכטיקער און גרויסער טייך. מע האָט אונדז

באַגעגנט אַ פּאָר מייל פון דעם פּלאַץ און מע האָט אונדז צוגעפירט צו אַ גע־ביידע, וואָס האָט אויסגעזען גאָר אַנדערש ווי די אַנדערע בנינים. ווען מיר זענען אַריין אינעווייניק, האָבן מיר דערזען אַן אמתן פּאַלאַץ. מע האָט אונדז דערקלערט, אַז דער דאָזיקער בנין איז געווען רעזערווירט פאַר דער צאַרישער פאַמיליע. די שטוב האָט געהאַט עטלעכע באַדינערס מיט אַן אייגענער קיך. ווען מיר זענען אָנגעקומען, האָט שוין אויף אונדז געוואַרט אַ גרויסער מאָלצייט מיט גוטע געטראַנקען פון די, וואָס אַבראַו דוירסאָ האָט פּראָדוצירט.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עס זענען שוין געווען אַריבער באַלד פינף חדשים זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט זיך דאָ נאָך געפילט גאַנץ שטאַרק דער גייסט פון צאַרישן רעזשים. די דעלעגאַציע, וואָס האָט אונדז באַגעגנט אויפן וועג און די באַדינערס האָבן מיר דערקלערט, אַז פון היינט אָן ווערט אָפּגעשאַפט אָט דער פּריווילעגירטער כאַראַקטער פון דעם קליינעם פּאַלאַץ. די באַדינערס פונעם פּאַלאַץ וועט מען געבן אַן אַנדער אַרבעט, אָדער זיי וועלן האָבן דאָס רעכט צו פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. פונעם פּאַלאַץ וועט מען נאָר איבער־לאָזן אייניקע צימערן ווי אַ גאַסטהויז, און איין מענטש וועט אויף דעם אַכטונג געבן. די איבעריקע צימערן וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין וווינונגען פאַר די אַרבעטערס, וואָס נייטיקן זיך אין אַ דירה.

נאָכן עסן האָבן מיר גענומען אויספרעגן די דעלעגאַציע, וואָס האָט אונדז באַגעגנט, וויפל ווייַן און שנאַפּס עס געפינט זיך אין אַבראַו דוירסאָ. אויף דעם האָט מען אונדז געענטפערט, אַז מיט קיין ווערטער קען מען עס נישט איבער־געבן — דאָס מוז מען זען מיט די אייגענע אויגן. האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז מאָרגן אין דער פרי זאָלן מיר דורכשפּאַצירן איבער אַלע קעלערן. אויף אונ־דזער פראַגע, ווער עס פירט אָן מיט דער גאַנצער אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט פונעם פונקט, האָט מען אונדז געענטפערט, אַז מיט די אַרבעטן אין די אָפּטיי־לונגען פון ווייַן און קאָניאַק פירט אָן אַ ספּעציאַליסט, מיטן נאָמען ווידעל, וועלכן מע האָט אַראָפּגעבראַכט פון דייטשלאַנד. איבער דער אָפּטיילונג, וואָס אַרבעט־אויס שאַמפּאַן, גיט אַכטונג אַ פראַנצייזישער ספּעציאַליסט. אָט די צוויי, צוזאַמען מיטן הויפּט־בוכהאַלטער, פירן אָן מיט דער גאַנצער אַרבעט אין אַבראַו דוירסאָ.

אויף דער פראַגע, ווי אַזוי די גאַנצע אַרבעט ווערט געפירט זינט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט מען אונדז געענטפערט, אַז עס זענען דאָ פאַראַן עטלעכע פאַרשטייערס זינט דער צייט פון דער קערענסקי־רעגירונג, אָבער דאָס גאַנצע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לעבן אין אַבראַו דוירסאָ איז פאַרבליבן דאָס זעלביקע, ווי פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די קערענסקי־פאַרשטייערס זע־נען סאָציאַל־דעמאָקראַטן, מענשעוויקעס און אייניקע רעכטע סאָציאַל־רעוואָלו־ציאָנערן. זיי פירן די פּאָליטישע גרענדע אין אַבראַו דוירסאָ. די דעלעגאַציע זאָגט אונדז, אַז היינט ביי נאַכט וועט פאָרקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און מיר וועלן זיך באַקענען מיט די פירערס און בכלל מיט די מענטשן פון אַבראַו דוירסאָ.

בעת מיר האָבן גערעדט מיט דער דעלעגאַציע און דיסקוטירט די פראַגע, וואָס די צוויי סאָוויעטן האָבן באַשלאָסן צו פאַרניכטן אַלע שאַרפע געטראַנקען, וואָס געפינען זיך אַרום דער שטאָט נאָוואָראָסייסק, האָב איך באַמערקט ווי עס איז אַריינגעקומען אין צימער אַ הויך־געבויטער מאַן, מיט אַ פּנים פון אַ זייער ערנסטן מענטש, אָבער מיט זייער אַ טימפּאַטישן שמייכל אויף זיין פּנים. ווען די אַרבעטערס פון דער דעלעגאַציע האָבן אים באַמערקט, האָבן זיי גענומען זיך פילן אַ ביסל צוריקגעהאַלטן און זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן. דעמאָלט איז דער הויכער מענטש צוגעקומען צו אונדז און זיך פאָרגעשטעלט ווי דער וויין־ספּעציאַליסט ווידעל.

ער האָט אונדז געזאָגט, אַז ער איז נישט געקומען צוליב נייגעריקייט אויס־צוהערן וואָס די געסט זאָגן, אָדער צו הערן וואָס פאַר אַ קריוודעס די אַרבע־טערס האָבן צו דער אַדמיניסטראַציע. זיין צוועק איז נאָר צו זיין נוצלעך אַבראַו דוירסאָ און וויל ער וויסן, אַז די דריי דעלעגאַטן זענען געקומען פון שטאָט מיט דער מיסיע צו פאַרניכטן דעם גרויסן פאַרמעגן פון אַבראַו דוירסאָ. ער פערזענלעך איז נישט פאַראינטערעסירט אין פּאָליטיק — ער איז אַ וויין־ספּעציאַליסט, וועלכער האָט דעם גרעסטן חלק אין דעם אויפבוי פונעם פּלאַץ, וואָס איז אַ קולטור־פּונקט, וועלכער איז באַקאַנט אין די ציוויליזירטע לענדער. ער ווייס, אַז מיר האָבן די מאַכט צו צעשטערן דעם גאַנצן פּונקט, אָבער ער מיינט, אַז ווען די דעלעגאַציע וועט אַליין באַקוקן דאָס גרויסע פאַרמעגן, וואָס גע־פינט זיך אין אַבראַו דוירסאָ, וועלן זיי זיך ערנסט פאַרטראַכטן וועגן זייער מי־סיע. ער גופא איז גרייט אונדז צו ווייזן דעם גאַנצן פּונקט מיט אַלץ, וואָס גע־פינט זיך דאָרטן.

ווידעל, דער טעכניקער פון אַבראַו דוירסאָ, האָט גערעדט מיט עמאָציע און זייער ערנסט און מע האָט געקענט פילן, אַז דער מענטש לעבט איבער דאָס, וואָס ער רעדט. פון דעם ערשטן מאָמענט, וואָס איך האָב אים דערזען און בעת ער האָט גערעדט, האָט זיך ביי מיר געשאַפן אַ פריינדלעך געפיל צו דעם מענטשן. איך האָב אויך געפילט, אַז ער איז נישט פאַראינטערעסירט אין קיין פּאָליטיק, נאָר אַז ער האָט געמיינט טויט־ערנסט דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט. איך האָב געמוזט זאָגן צו זיך אַליין: „טראַכט איבער ערנסט נאָך אַ מאָל, איידער דו וועסט באַשליסן דורכצופירן דעם באַשלוס, וואָס צוליב אים ביסטו געקומען!"

אַ פּאָר אַרבעטער זענען צו אונדז געקומען צו לאָזן אונדז וויסן, אַז דער עולם איז זיך צוזאַמענגעקומען און מע וויל עפענען די פאַרזאַמלונג. ווען מיר זענען געקומען צום פּלאַץ, ווו די פאַרזאַמלונג האָט געדאַרפט פאָרקומען, האָבן מיר געטראָפן דאָרטן די גאַנצע באַפעלקערונג פון אַבראַו דוירסאָ. אויף דער בינע איז געזעסן אַ קליינע גרופּע מענטשן — דאָס איז געווען דער סאָוויעט פון קערענסקיס צייטן.

ווען די מאַסן־פאַרזאַמלונג איז דערעפנט געוואָרן, האָט דער פאָרזיצער דערקלערט, אַז עס איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון שטאָט מיט דער מיסיע צו פאַרניכטן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון אַבראַו דוירסאָ. ער האָט גערעדט מיט

פאַרביסנקייט און מיט אַ ציל צו שאַפן אַ שטימונג קעגן אונדז. ער האָט גערעדט אָן אָפּשטעל. עס האָט אויסגעוויזן, ווי ער זאָל וועלן פאַרצי:ען די פאַרזאַמלונג אַזוי, אַז מיר זאָלן נישט האָבן גענוג צייט צו מאַכן קלאָר צוליב וואָס מיר זענען געקומען קיין אַבראַו דוירסאָ. אָבער מיליטאַנטישערע אַרבעטערס זענען אונדז געקומען צו הילף און אָפּגעשטעלט דעם פאָרזיצער. זיי האָבן דערקלערט, אַז די אַרבעטערס און די באַפעלקערונג זענען געקומען אויסהערן די דעלעגאַטן פון די צוויי סאָוויעטן אין שטאָט. זיי האָבן געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז די פלאַטפאָרמע זאָל איבערגעגעבן ווערן צו אונדז. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן פון אַלע פאַרזאַמלטע. צווישן אונדז דריי, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז צוערשט זאָל רעדן איינער פון אונדז. דער גורל איז געפאַלן, אַז אָט דער איינער זאָל זיין איך.

איך האָב אין קורצן איבערגעגעבן ווי די אַרבעטערס אין נאָוואָראָסייסק פירן אָן די גאַנצע אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט אין די פאַבריקן; אַז מע האָט דאָרטן איינגעפירט גלייכע שכירות פאַר אַלעמען; אַז מע האָט אָפּגעשאַפט אַלע פריווילעגיעס; אַז דער אַרבעטער אַליין שאַפט זיין נייעם סאָציאַלן לעבן. איך האָב זיי דערציילט וועגן אַלע שוועריקייטן, וואָס דער בירגערקריג האָט געשאַפן, אָבער אַז נישט געקוקט אויף די אַלע שוועריקייטן, גייט אָן די סאָציאַל־קאָנ־סטרוקטיווע אַרבעט מיט אַ פולן טעמפּאָ.

איך האָב געמאַכט אַ באַמערקונג, פאַר וואָס די אַרבעטערס פון אַבראַו דוירסאָ האָבן ביז איצט נישט איבערגענומען די גאַנצע פירערשאַפט, ווי דאָס האָבן געטאָן די אַרבעטערס אין נאָוואָראָסייסק און אַז עס איז שוין צייט, אַז די אַרבעטערס זאָלן אָפּשאַפן אַלע פערזענלעכע פריווילעגיעס און אָרגאַניזירן אַ קאָמיטעט פון אַלע צעכן און אָנהייבן פונקציאָנירן ווי אַ שאַפערישער פאַקטאָר.

איך האָב זיי דערקלערט וועגן גענעראַל קאָרנילאָווס באַנדעס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן דעם בירגערקריג. איך האָב זיי אויך דערציילט וועגן דעם, אַז אין נאָוואָראָסייסק דערוואַרט מען דעם פלאָט פון שוואַרצן ים, מיט עטלעכע טויזנט מאַטראָסן. די עוואַקוי:רטע, וואָס זענען אָנגעקומען אין אַ גרויסער צאָל, האָבן שוין דערפירט דערצו, אַז אין שטאָט זאָלן זיך באַווייזן פאַלן פון שיכרות, און די לאַגע וועט זיך פאַרערגערן מיטן אָנקומען פון דער מאַסע מאַטראָסן. האָבן די סאָוויעטן באַשלאָסן, אַז כדי אויסצומיידן אינצידענטן, זאָלן מיר פאַרניכטן אַלע שאַרפע געטראַנקען אין און אַרום דער שטאָט. אין שטאָט און אין די גאָענ־טע ערטער אַרום דער שטאָט האָט מען שוין דעם באַשלוס דורכגעפירט, און איצט זענען מיר דעלעגי:רט געוואָרן צו אייך דורכצופירן דעם דאָזיקן באַשלוס פון די צוויי סאָוויעטן. איך האָף, אַז איר וועט מיך פאַרשטיין, אַז פערזענלעך האָבן מיר גאָר נישט קעגן אייך און אַז מיר פאַרשטייען, אַז מיטן פאַרניכטן די געטראַנקען וועט זיך שאַפן אַ שווערע לאַגע אויפן פעלד פון אייער פרנסה. מיר פאַרשטייען זיכער אָט די' שווערע לאַגע, אַז די שוואַרצע עלעמענטן זאָלן נישט קענען צעשטערן די געווינסן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

צום סוף האָב איך באַמערקט, אַז נישט מיר און נישט די סאָוויעטן אין שטאָט זענען געווען באַקאַנט מיט דעם, וואָס אַבראַו דוירסאָ שטעלט מיט זיך

פּאַר. מיר האָבן נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן דעם, וואָס פריינד ווידעל האָט אונדז אין קורצן דערציילט. איך גלייב, אַז מיינע צוויי קאָלעגן וועלן מיט מיר איינשטימען, אַז מיר זאָלן מאָרגן, צוזאַמען מיט אייערער אַ קאָמיסיע, מאַכן אַ פולע אינספּעקציע פון דעם, וואָס אין אייערע קעלערן געפינט זיך. דערנאָך וועלן מיר האָבן אַ באַראַטונג מיט אייערער אַן אויסגעוויילטער קאָמיסיע, כדי צו זען וואָס מע קען טאָן, אַז דער גרויסער פאַרמעגן, וואָס געפינט זיך דאָ ביי איך, זאָל נישט דאַרפן צעשטערט ווערן. אָבער דער ענדגילטיקער באַשלוס הענגט אָפּ פון די צוויי סאָוויעטן, וואָס האָבן אונדז געשיקט.

די אַנדערע צוויי דעלעגאַטן האָבן צוגעשטימט צו דעם, וואָס איך האָב געזאָגט, און איינער פון זיי האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די הייניקע פאַרזאַמלונג זאָל געשלאָסן ווערן. אויף מאָרגן, נאָך דעם ווי די דעלעגאַטן וועלן מאַכן די פולע אינספּעקציע, זאָל מען פאַררופן נאָך אַ מאַסן-פאַרזאַמלונג און דאָרטן וועלן מיר אַרויסזאָגן אונדזער פּראַקטישע מיינונג. דער פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן. איידער מע האָט געשלאָסן די פאַרזאַמלונג, האָט מען אויסגעוויילט אַ קאָמיסיע פון דריי, וואָס זאָל אונדז ווייזן דעם גרויסן פאַרמעגן פון אַלערליי ווייַנען, וואָס אַבראַו דוירסאָ פאַרמאָגט.

צו מאָרגנס אין דער פרי זענען מיר אַרויסגעגאַנגען מאַכן די פולע אינספּעקציע.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין אַבראַו דוירסאָ, האָבן מיר זיך געוווּנדערט ווי עס געפינען זיך די קעלערן, ווו מע האַלט די ווייַנען, ווייל פאָרנדיק, ווו מע האָט נאָר געוואָרפן אַ בליק, האָבן מיר געזען אַלץ גרויסע ווייַנגערטנער. מיר זענען געוואָרן איבערגעראַשט, ווען מיר זענען צוגעפאָרן צו אַ טיר, וואָס איז געווען גרויס ווי אַ טויער, און אין דער טיר איז געווען נאָך אַ קלענערע טיר, דורך וועלכער מיר זענען אַרייַן אין נישט קיין גרויסן צימער, ווו עס זענען געווען אייניקע טירן און אויך אַ ווינדע. דאָ האָט אונדז באַגעגנט דער ווייַן-טעכניקער ווידעל, וועלכער האָט אונדז פאַרבעטן אין זיין אָפּיס און לאַבאָראַטאָריע. ער האָט אונדז פאָרגעשלאָגן צו באַקענען אונדז פריִער מיט דער געשיכטע פון אַבראַו דוירסאָ. ווען דער פאַרוואַלטער איבערן צאַרס פאַרמעגנס האָט פאַרטראַכט אָנצוהייבן פּראָדוצירן ווייַן און שאַמפּאַניער פאַר דער צאַרישער משפחה, האָט ער אויסגעקליבן דעם פּלאַץ, ווו עס געפינט זיך איצט אַבראַו דוירסאָ. אָבער אַזוי ווי ווייַן דאַרף האָבן אַ באַשטענדיקע טעמפּעראַטור, האָט מען אויסגעקליבן דעם באַרג, ווו מיר געפינען זיך איצט און, נאָך עטלעכע יאָר שווערער אַרבעט, האָט מען אויסגעגראָבן אַ דריי-שטאָקיקן קעלער, צו וועלכן די דרויסנדיקע וועטער-בייטן זענען נישט צוגעקומען. אָט די דריי קעלערן האָט מען איינגעטיילט אויף צוויי טיילן: אין איינעם האָט מען פּראָדוצירט דעם ווייַן און אין דעם צווייטן טייל האָט מען אויסגעאַרבעט שאַמפּאַניער. דעמאָלט האָט מען אימפּאָרטירט פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך ספּעציאַליסטן, אַ צאָל ווייַן-אַרבעטערס, וועלכע האָבן אַנטוויקלט די פּראָדוקציע פון ווייַן און שאַמפּאַניער.

נאָך דעם האָט אונדז ווידעל דערקלערט, אַז אין דעם מאָמענט האָבן זיך

געפונען איבער אַ מיליאָן עמערס ווײַן און איבער אַ האַלבן מיליאָן עמערס שאַמפּאַניער. חוץ דעם האָבן זיי דאָרטן געהאַט עטלעכע טויזנט עמערס ווײַן־ספּירט אויף צו פּראָדוצירן קאָניאַק. לסוף האָט ער באַמערקט, אַז אויב מיר װעלן באַשליסן צו פאַרניכטן דעם גאַנצן ווײַן, וואָס געפינט זיך אין די קעלערן, וועלן מיר מאַכן אין אַבראַו דוירסאָ אַ נײַעם טײַך, אַ טײַך פון ווײַן און שאַמפּאַניער.

נאָך ווידעלס הקדמה האָבן מיר אָנגעהויבן מאַכן אונדזער אינספּעקציע. מיר זענען אַרונטערגעפאָרן מיט דער ווינדע אין דעם טיפסטן קעלער און מיר האָבן דערזען פאַר זיך טויזנטער גרויסע פעסער פול מיט ווײַן. אין דרײַ קע־לערן האָבן מיר געפונען הונדערטער טויזנטער פלעשער שאַמפּאַניער און אויך פעסער ווײַן, פון וועלכע מע האָט פּראָדוצירט שאַמפּאַניער. אומעטום האָבן מיר געטראָפן אַרבעטערס, וואָס האָבן געטאָן זייער טעגלעכע אַרבעט. מיר האָבן, חוץ אַלעמען, געלערנט אַ לעקציע, אַז ווײַן איז אַ דעליקאַטער פּראָדוקט, וועל־כער פאָדערט ספּעציאַליסטן.

נאָך דעם, ווי מיר זענען דורכגעגאַנגען איבער אַלע גרויסע קעלערן און זענען, אויסגעמאַטערטע, געקומען צוריק אין ווידעלס אָפיס, האָבן מיר שוין געהאַט רײַף דעם געדאַנק, אַז פאַרניכטן אַזאַ ריזיקן פאַרמעגן איז נישט לאָגיש. מע דאַרף זוכן מיטלען, אַז דאָס אַלץ זאָל נישט אָנגערירט ווערן אַפילו פון די טויזנטער מאַטראָסן פון נאָוואָראָסייסק.

די דרײַ דעלעגאַטן פון די סאָוויעטן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג צווישן זיך, און נישט צוזאַמענרעדנדיק זיך פריִער, זענען מיר אַלע געווען איינ־שטימיק, אַז מע טאָר אַפילו נישט טראַכטן וועגן צעשטערן דאָס, וואָס מיר האָבן געזען. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אין אונדזער באַריכט זאָלן מיר רעקאָ־מענדירן אַז אַבראַו דוירסאָ זאָל נישט ווערן צעשטערט.

דעם זעלביקן אָוונט איז ווידער פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון דער גאַנ־צער באַפעלקערונג פון אַבראַו דוירסאָ. באַלד אין אָנהייב האָבן די מענשעווי־קעס און די רעכטע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זענען לכתחילה געווען אָנגעשטעלט פון דער קערענסקי־רעגירונג, געמאַכט אַ דערקלערונג, אַז אַבראַו דוירסאָ געהערט צו דער צענטראַלער רעגירונג און דעריבער האָבן די סאָוויעטן פון נאָוואָראָסייסק נישט קיין רעכט אַרײַנצומישן זיך דאָרטן. מיר האָבן תיכף פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע „רעדלפירערס" האָבן געזוכט אָפּצוציִען, אַז מע זאָל ביי זיי נישט צונעמען די מאַכט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן ביטערע דיסקוסיעס, בעת וועלכע די „רעדלפי־רערס" זענען אַוועק אַזוי ווייט — נישט געקוקט אויף זייער סאָציאַליזם (?) — אַז זיי האָבן עטלעכע מאָל איבערגעחזרט די באַמערקונגען וועגן דעם „פרעמדן". מיט דעם האָט מען געמיינט מיך, ערשטנס, ווײַל זיי האָבן געוווּסט, אַז איך בין אַ פּאָליטישער עמיגראַנט און, צווייטנס, ווײַל איך שטאַם פון אַ ייִדישער משפחה. ווי אַזעלכער בין איך טאַקע געווען דער ערשטער צו געפינען זיך אויף אָט דעם פאַרבאָטענעם פּלאַץ, ווו ייִדן האָבן נישט געטאָרט זײַן. די דיסקוסיע האָט

אַרויסגערופן אַ סך בייז בלוט, אָבער מיר האָבן געזען, אַז 95 פּראָצענט פון די אַרבעטערס האָבן געהאַלטן מיט אונדז.

מיר האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז די „רעדלפירערס" זאָלן קענען זאָגן, אַז מע האָט זיי נישט געלאָזט אַרויסזאָגן זייער מיינונג, אָבער נאָך דעם ווי זיי האָבן גערעדט צו עטלעכע מאָל, האָב איך, אין נאָמען פון אונדזער דע־לעגאַציע, געמאַכט אַ דערקלערונג. איך האָב געזאָגט, אַז נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך באַקענט מיט דעם, וואָס אַבראַו דוירסאָ שטעלט מיט זיך פאָר, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן צוריק קיין נאָוואָראָסייסק און דאָרטן רעקאָמענדירן די סאָ־וויעטן, אַז אַבראַו דוירסאָ זאָל נישט צעשטערט ווערן און אַז מיר וועלן אויך רעקאָמענדירן אָנצונעמען מיטלען, אַז אַבראַו דוירסאָ זאָל פאַרהיט ווערן און קיינער זאָל אַהין נישט קענען אַריינקומען אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. צו־ליב דעם, וועלן די אַרבעטערס גופא דאַרפן אָרגאַניזירן אַן אָפּטיילונג פון דער רויטער גוואַרדיע, וועלכע זאָל טאָג און נאַכט היטן דעם אַריינגאַנג קיין אַבראַו דוירסאָ. מיר וועלן פאַר דעם צוועק קריגן די נייטיקע וואָפן. לסוף, האָב איך געמאַכט אַ פּראַקטישע באַמערקונג, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל גלייך אויסוויילן אַ צייטווייליקע קאָמיסיע, וועלכע זאָל דורכפירן וואַלן אין יעדן צעך און איינ־שטעלן די זעלביקע סיסטעם, וואָס מיר האָבן אין שטאָט. אויך אַז די קאָמיסיע זאָל אָפּשאַפן אַלע פּריווילעגיעס און איינפירן גלייכע שכירות, ווי מיר האָבן דאָס אין שטאָט, און אַז די גאַנצע אַרבעט זאָל קאָאָרדינירט ווערן מיטן עקאָ־נאָמישן סאָוויעט אין נאָוואָראָסייסק.

אונדזער דערקלערונג, אַז מיר וועלן רעקאָמענדירן נישט צו צעשטערן אַבראַ דוירסאָ, האָט אַרויסגערופן אַלעמענס פרייד, אָבער אונדזערע רעקאָמענ־דאַציעס מכוח אויסוויילן אַ קאָמיסיע, איינפירן גלייכע שכירות און אָפּשאַפן פּריווילעגיעס האָט גורם געווען אַ ביטערע דיסקוסיע. אין מיטן פון דער דיס־קוסיע האָט ווידעל געבעטן אַ וואָרט און געמאַכט אַ קורצע דערקלערונג: היות אין לאַנד איז פאָרגעקומען אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע און דאָס לאַנד האָט איינ־געשטעלט אַ נייע סאָציאַלע אָרדענונג, איז גלייכער, אַז מיר זאָלן די געשעעענישן אָננעמען ווי פרייע בירגערס און אויסמיידן, אַז מע זאָל אויף אונדז די נייע אָר־דענונג אַרויפצווינגען מיט גוואַלד. דעריבער שטיצט ער חבר יעלענסקיס רע־קאָמענדאַציעס און דערפאַר וועט די דעלעגאַציע ווירקן אין נאָוואָראָסייסק, אַז אַבראַו דוירסאָ זאָל נישט צעשטערט ווערן. ער בעט דעם פאָרזיצער אָפּצושטי־מען די פאָרגעלייגטע רעקאָמענדאַציעס.

דער פאָרזיצער האָט זיך געקווענקלט, אָבער די פאַרזאַמלונג האָט געפאָ־דערט, אַז מע זאָל אָפּשטימען די רעקאָמענדאַציע. די שטימונג איז געווען אַזאַ, אַז אַפילו די אומצופרידענע האָבן אויך געשטימט פּאָזיטיוו, און די רעקאָמענ־דאַציעס זענען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. אויפן אָרט איז אויך אויסגע־ווילט געוואָרן אַ קאָמיסיע פון זיבן אַרבעטערס.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן מיר געהאַט אַ זיצונג מיט דער ניי־אויס־

געווייַלטער קאָמיסיע, און נאָך מיטיק־צייַט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, צוריק קיין נאָוואָראָסייסק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך אונדזער צוריקקער קיין נאָוואָראָסייסק, איז פֿאָרגעקומען אַ זיצונג פֿונעם עקאָנאָמישן סאָוויעט און מיר אַלע דרײַ האָבן אָפּגעגעבן אַ פֿולן באַריכט וועגן דעם, וואָס אַבראַו דוירסאָ שטעלט מיט זיך פֿאָר. מיר האָבן רעקאָמענדירט, אַז מע זאָל איבערלאָזן אַבראַו דוירסאָ ווי אַ פּראָדוקטיווע אונטערנעמונג און אַז מיר זאָלן זײַ העלפֿן אין זייער אַרבעט און אַז, קאָאָרדינירט מיטן פּאָליטישן סאָוויעט, זאָל מען זײַ געבן די נייטיקע וואָפֿן, כּדי אָפּצוהיטן דעם צוגאַנג קיין אַבראַו דוירסאָ. מיר האָבן אויך געעצהט אָנצונעמען אַ באַשלוס, אַז מע זאָל קיינעם נישט דערלאָזן צוצוקומען צו אַבראַו דוירסאָ אָן אַ דערלויבעניש פֿון די סאָוויעטן.

די דעלעגאַטן פֿונעם עקאָנאָמישן סאָוויעט זענען געוואָרן איבערגעראַשט פֿון אונדזער באַריכט, פּונקט ווי מיר, די דרײַ דעלעגאַטן זענען געוואָרן געפּלעפֿט, בעת מיר האָבן דערזען דעם גרויסן אוצר, וואָס געפֿינט זיך אין גאַנצן אַ 25 מייל פֿון שטאָט, און וואָס קיינער האָט פֿון דעסט וועגן נישט געוווסט וואָס דאָרט קומט פֿאָר. אונדזערע רעקאָמענדאַציעס זענען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק. מע האָט וועגן דעם געלאָזט וויסן דעם פּאָליטישן סאָוויעט, וועלכער האָט אויך אָנגענומען אונדזערע רעקאָמענדאַציעס.

אין די ווינקעלערן פֿון דער צאַרישער פֿאַמיליע

איך, פֿערזענלעך, האָב געטראַכט, אַז איך האָב פֿאַרענדיקט די מיסיע, וואָס די סאָוויעטן האָבן אַרויפֿגעלייגט אויף מיר צוזאַמען מיט די אַנדערע צוויי דעלעגאַטן. אָבער עס איז פֿאַראַן אַ ווערטל: „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט”. אין אַ צוויי וואָכן אַרום נאָך אונדזער צוריקקער פֿון אַבראַו דוירסאָ, זענען פֿון דאָרטן געקומען צוויי דעלעגאַטן צום עקאָנאָמישן סאָוויעט מיט אַ בקשה, אַז מע זאָל זײַ העלפֿן דורכפֿירן די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט: די אויסגעווייַלטע צייַטווייליקע קאָמיסיע דאָרטן קען נישט אַליין דורכפֿירן די אָנגענומענע רעקאָמענדאַציעס, ווייל נישט אַלע האָבן זיך שוין צוגעווינט צום געדאַנק, אַז אין לאַנד איז פֿאָרגעקומען אַ סאָציאַלע איבערקערעניש. דערצו האָט די קאָמיסיע נישט דעם מוט אַנטקעגן צו שטעלן זיך קעגן די, וואָס ערשט נעכטן זענען זײַ געווען דאָרטן די פּירערס און פּריווילעגירטע.

די דאָזיקע דעלעגאַציע האָט געבעטן, דער סאָוויעט זאָל דעלעגירן כאָטש איין חבר, וואָס זאָל זיך באַזעצן אין אַבראַו דוירסאָ און זײַ העלפֿן צו אָרגאַניזירן דאָרטן די אַרבעט. זיי האָבן געבעטן, אַז אויב מעגלעך זאָל דער סאָוויעט דעלעגירן דעם חבר יעלענסקי.

פֿאַר מיר איז די דאָזיקע פּאַסירונג געווען אַן איבערראַשונג. היות איך בין געווען זייער אַקטיוו אין דעם עקאָנאָמישן סאָוויעט און היות איך האָב דערצו

געוווּסט, אַז וואַניאַ בודניק און איך זענען מיר געווען דער „באַלאַנס אָװ פּאַוער“ (ווי מע זאָגט עס אין דער דיפּלאָמאַטישער וועלט) אין אונדזער גרופּע, האָב איך זיך דורכגערעדט מיט וואַניאַ בודניק, וועלכער האָט מיר געעצהט, אַז איך זאָל פאָרן קיין אַבראַו דוירסאָ. נאָך דעם האָב איך דעם ענין געבראַכט פאַר דער גרופּע, וועלכע האָט, נעמענדיק אין אַכט אַז די אַרבעט אין עקאָנאָמישן סאָוויעט אַנטוויקלט זיך אָן שוועריקייטן, אויך געעצהט, אַז איך זאָל, צוזאַמען מיט מיין משפּחה, אַריבערפאָרן קיין אַבראַו דוירסאָ און דורכפירן דאָרטן די נייטיקע אַרבעט.

וואָס מער איך האָב אַרומגעטראַכט דעם ענין, אַלץ מער האָט מיר באַזומ־רויקט דער געדאַנק, אַז אין שטאָט איז פאַראַן אַ גרופּע חברים, וועלכע טוען די אַרבעט וואָס איז נייטיק, בעת אין אַבראַו דוירסאָ וועל איך דאַרפן זיין אַליין און דערצו וועל איך האָבן קעגן זיך אַ גרופּע מענטשן, וואָס וועלן פּרווון טאָן אַלדאָס מעגלעכע אויף מיר צו שטערן. אָבער נישט געקוקט אויף דער דאָזי־קער זאָרג און אויף דעם, וואָס איך מיט בעסיען און אונדזער זון וועלן דאָרטן זיין אַליין, אָפּגעריסן פון אַלעמען און אין אַ פרעמדער אַטמאָספער, האָט אָבער מיין עגאָ געדערעדט צו מיר: „דו האָסט מיט דיין ענערגיע און איניציאַטיוו גע־האָלפן אָרגאַניזירן אַ גאַנץ גרויסע שטאָט אויף נייע יסודות פון סאָציאַלן צוזאַ־מענלעבן. בכן דאַרפסטו נישט טראַכטן אַזוי פיל — פאָר קיין אַבראַו דוירסאָ און טו אָפּ די נייטיקע אַרבעט, אַן אַרבעט, וואָס צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער האָט נישט געחלומט פאַר זיין גרויסן מאַיאָנטעק“. האָב איך מיט בעסיען באַ־שלאָסן אַריבערצופאָרן וווינען אין אַבראַו דוירסאָ.

ביי דער נאָענטער זיצונג איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן שיקן עמעצן צו העלפן אָרגאַניזירן אַן אינערלעכן קאָמיטעט און קאָאָרדינירן די אַר־בעט מיטן עקאָנאָמישן סאָוויעט. די דעלעגאַציע פון אַבראַו דוירסאָ האָט אונ־טערגעשטראָכן, אַז זיי וואָלטן געוואָלט, אַז איך זאָל פאָרן צו זיי. איך בין דער־וויילט געוואָרן ווי דער דעלעגאַט פון עקאָנאָמישן סאָוויעט.

אַזוי האָב איך געקראָגן אַ פּעקל אַרבעט, וואָס איך בין פון אָנהייב נישט געווען זיכער צי איך וועל זי קענען דורכפירן ביי די דעמאָלטיקע אומשטאַנדן אין אַבראַו דוירסאָ. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום זענען מיר שוין דאָרט געווען און איך בין גלייך צוגעטראָטן צו דער נייטיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט.

תיכּף ווי מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט אין דער נייער דירה, האָב איך פאַררופן אַ זיצונג פון דער אויסגעוויילטער צייטווייליקער קאָמיסיע און דאָרטן האָבן מיר באַשלאָסן צו רופן אַ פאַרזאַמלונג אויף צו באַהאַנדלען אָט די פראַ־געס:

1) אָרגאַניזירן אַן אינערלעכן קאָמיטעט פון דעלעגאַטן פון אַלע פאַכן, וואָס געפינען זיך אין אַבראַו דוירסאָ;

2) אַלע פאַכן זאָלן האָבן אַ פאַרזאַמלונג אויף וועלכער עס זאָלן אויסגע־וויילט ווערן צוויי דעלעגאַטן;

3) מע שאַפֿט אָפּ אַלע פּריווילעגיעס און עס ווערן איינגעפֿירט גלייכע שכירות, אויף דעם זעלביקן שטייגער ווי עס איז איינגעשטעלט אין נאָוואָ־ראָסייסק;

4) אָרגאַניזירן אַ רויטע גוואַרדיע, וואָס זאָל באַוואַכן דעם צופֿאָר קיין אַבראַו דורסאָ;

5) אָרגאַניזירן דעם אינערלעכן קאָמיטעט, וואָס נעמט איבער די גאַנצע אַדמיניסטראַטיווע און קאָנסטרוקטיווע אַרבעט און פֿירט אָן מיטן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן פֿון די וואָס אַרבעטן אין אַבראַו דורסאָ.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פֿאָרגעקומען די פֿאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס איז טאַקע געקומען די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון אַבראַו דורסאָ.

נאָך איידער איך בין געגאַנגען צו דער פֿאַרזאַמלונג, האָב איך געפֿילט, אַז אַלץ וועט נישט אַראָפּגיין גלאַט, ווייל איך האָב געקראָגן אינפֿאָרמאַציע, אַז די געוועזענע פֿירערס און די העכערע ביוראָקראַטיע פֿירן אָן אַ שטילע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטערס, אַז מע דאַרף נישט קיין פֿרעמדע, וואָס זאָלן קו־מען קאָמאַנדעווען מיט זיי. בקיצור, די מענער און זייערע פֿרויען האָבן געטאָן דאָס מעגלעכסטע אויף צו באַאיינפֿלוסן די אַרבעטערס, אַז אַלץ זאָל בלייבן ווי געווען. די קליינע צאָל פּריווילעגירטע האָבן נישט געוואָלט פֿאַרלירן זייערע פּריווילעגיעס.

אַזוי ווייט איז געגאַנגען די פֿאַרביסנקייט פֿון די פּריווילעגירטע, אַז מיט אַ טאָג פֿריִער פֿאַר דער פֿאַרזאַמלונג, ווען איך און בעסיע און אונדזער זון האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים פֿון איינקויפֿן עסנוואַרג, האָבן מיר געטראָפֿן לעבן דער טיר פֿון אונדזער הויז אַ גרויסן בוקעט מיט רויזן און ווילדע בלומען, מיט וועלכע גאַנץ אַבראַו דורסאָ איז געווען באַדעקט. אין אַ ווײַלע אַרום איז צו אונדז גראָד געקומען איינער פֿון דער קאָמיסיע. ווען דער דאָזיקער האָט דערזען די בלומען, האָט ער גלייך געפֿרעגט צי עמעצער פֿון אונדז האָט נישט געפּרוווט אַ שמעק טאָן די בלומען. עס איז געווען אַ גליק, וואָס מיר האָבן עס נישט גע־טאָן, ווייל דער חבר האָט אונדז אָנגעוויזן אויף אַ שיינער בלום וואָס ווען עמע־צער רירט זיך צו צו דעם מיטן פּנים, ווערט די הויט פֿון זיין פּנים פֿאַרסמט און ס'נעמט יאָרן ביז עס היילט זיך אויס.

אויף דער פֿאַרזאַמלונג האָב איך דערציילט וועגן דעם אינצידענט מיט די בלומען און דאָס האָט געווירקט אויף אַרויסצורופֿן סימפּאַטיע פֿאַר מיר. אַזוי אַז ווען איינער פֿון דער ספּעציעלער קאָמיסיע האָט געעפֿנט די פֿאַרזאַמלונג און געבעטן צו באַשטימען אַ פֿאָרזיצער, האָט מען גלייך אָנגערופֿן מיין נאָמען צום ערשטן. נאָך דעם האָט מען אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון איינעם פֿון די אַלטע פֿירערס.

די קליינע גרופּע פּריווילעגירטע האָט באַשלאָסן אָנצופֿירן אַ ביטערן קאַמף. ווען מע האָט אָנגערופֿן די צוויי קאַנדידאַטן אויף פֿאָרזיצער, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ דעבאַטע, בעת וועלכער די פּריווילעגירטע האָבן געטענהט, אַז איך בין אַ פֿרעמדער און איך בין נישט באַקאַנט מיטן לעבן פֿון אַבראַו דורסאָ. אַ

גאַנצע ריי אַרבעטערס האָבן גערעדט און אויפגעוויזן, אַז בעת קערענסקיס רע־גירונג האָט אַריינגעשיקט אַ גאַנצע גרופּע פּרעמדע, האָט קיינער נישט געהאַט קיין טענות, אָבער איצט, ווען די פּריווילעגירטע האַלטן ביים פאַרלירן זייערע פּריווילעגיעס, שרייען זיי אַז חבר יעלענסקי איז אַ פּרעמדער.

ווען עס איז געקומען צום אָפּשטימען, האָבן אַלע, חוץ דער קליינער גרופּע, געשטימט פאַר מיר. פאַרן צווייטן קאַנדידאַט האָט קיינער נישט געשטימט. איך האָב געדאַנקט די אַלע, וואָס האָבן מיר אַרויסגעוויזן זייער צוטרוי און האָב צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ אויף ווערט צו זיין זייער פאַרטרויען. נאָך דעם האָב איך דערמאָנט דעם אינצידענט מיט די בלומען און האָב דערקלערט, אַז די, וואָס טראַכטן מיך צו פאַרטרייבן מיט אַזעלכע מיטלען, מאַכן אַ גרויסן טעות. אויב אַזאַ זאַך זאָל פּאַסירן, וועט דער איבערלעכער קאָמיטעט אין אַבראַו דוירסאָ און דער עקאָנאָמישער סאָוויעט אין נאָוואָראָסייסק אָננעמען אַזעלכע שטרענגע מיטלען, אַז די סאַבאָטירערס וועלן האָבן חרטה וואָס זיי האָבן זיך אָנגעהויבן מיט מיר. איך האָב פאַרגעלייגט, אַז אָנשטאָט שמוציקע שטיקלעך אַרבעט, זאָלן זיי בעסער מיטהעלפן, אַז די אַרבעט אין אַבראַו דוירסאָ זאָל אָנגיין נאָרמאַל. איך האָב דערקלערט, אַז איך בין נישט געקומען אויף צו פאַרפאָלגן עמעצן אָדער צו נעמען נקמה — אין גאַנץ רוסלאַנד איז פאָרגעקומען אַ גרויסע רע־וואָלוציע. אין נאָוואָראָסייסק האָבן מיר, אויף וויפל דאָס איז געווען מעגלעך אין דעם מאָמענט, אויסגעבויט אַ נייע סאָציאַלע סטרוקטור, ווו דער מענטש האָט די פולע פרייהייט צו אַנטוויקלען זיין איניציאַטיוו און ווערן דער בויער פון זיין פרייען לעבן און פונעם פרייען לעבן פון זיינע מיטמענטשן.

נאָך האָב איך געזאָגט, אַז איך בין נישט געקומען צו זיי זיין דער הויפּט־קאָמיסאַר און קאָמאַנדעווען מיט זיי אַלעמען. מיין מיסיע איז בלויז צו העלפן אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט און נאָר זיי אַליין וועלן דאַרפן בויען זייער נייעם לעבן, אַ לעבן פון גלייכקייט און גערעכטיקייט, סיי פאַרן יחיד און סיי פאַר דער געמיינדע. און געקומען בין איך אויף דער איינלאַדונג פון זייער ספּעציעלער קאָמיסיע. פאַר אַ געוויסער צאָל מענטשן, וואָס האָבן געהאַט קלענערע אָדער גרעסערע פּריווילעגיעס, איז שווער צוצוגעוווינען זיך צום געדאַנק, אַז זיי וועלן דאַרפן פאַרלירן אָט די אַלע פּריווילעגיעס. אַזוי שנעל אָבער, ווי זיי וועלן אָנהייבן צו פאַרשטיין, אַז אין רוסלאַנד איז פאָרגעקומען אַ סאָציאַלע איבערקערעניש, וועט זיי ווערן לייכטער צוצוגעוווינען זיך צום געדאַנק און עס וועט זיי ווערן גרינגער דאָס לעבן. און אויב איינער וועט פאַרט פּרווון שטערן דעם גאַנג פונעם סאָציאַלן איבערבוי פון רוסלאַנד, וועט ער זיך מוזן רעכענען מיט דעם, אַז די רעוואָלוציאָנערע מאַסן וועלן דאָס נישט דולדן און וועלן אָננעמען די נייטיקע מיטלען אויף צו באַזייטיקן אַזעלכע מענטשן. איך האָב געענדיקט מיין וואָרט מיט פאַרלייגן אַלעמען מיין אויסגע־שטרעקטע האַנט פון אַ פריינד און מיט אויסדריקן די האָפענונג, אַז אַלע צוזאַמען וועלן פּרווון איינפירן דאָס נייע לעבן און טאָן אַלצדינג, אַז די פּראָ־דוקטיווע אַרבעט אין אַבראַ־דוירסאָ זאָל אָנגיין אָן אַן איבעררייס.

נאָך מיר האָבן גערעדט עטלעכע אַרבעטערס, וואָס האָבן אויסגעדריקט זייער באַגייסטערונג פאַר מיינע באַמערקונגען און פאַר מיינע רעקאָמענדאַציעס.

פון די פריווילעגירטע ווידער האָט גערעדט דער ווייַן־טעכניקער ווידעל, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער פערזענלעך וועט קאָאָפּערירן מיט דער אינער־לעכער קאָמיסיע און אַז ער איז גרייט צו העלפן מיט אַלץ וואָס ער קען. ער ווייס, אַז ער וועט קריגן וויניקער שכירות, אָבער דאָס שרעקט אים נישט — ער פאַרשטייט, אַז מע וועט אים נישט לאָזן שטאַרבן פון הונגער. ער ווענדט זיך צו די איבעריקע, אַז זיי זאָלן אָננעמען דאָס, וואָס דאָס רעאַלע לעבן האָט געשאַפן און מאַכן דאָס בעסטע פון דעם.

ווען מע איז פאַרטיק געוואָרן מיט אַלע רעדעס, האָט מען אָנגענומען אַלע רעקאָמענדאַציעס. דערצו האָט מען נאָך אַריינגעבראַכט אַ פאָרשלאָג, אַז איך זאָל זיין דער פאָרזיצער פון דער אינערלעכער קאָמיסיע. דאָס האָט מען אויך אָנגענומען אָן קיין שום אָפּאָזיציע.

די דערפאַרונג אין אַבראַו דוירסאָ

אויף מאָרגן איז זיך צוזאַמענגעקומען די צייטווייליקע קאָמיסיע און, די ערשטע זאַך, האָט מען באַשלאָסן, אַז מע דאַרף האָבן אַ צוויי־דריי צימערן, ווו דער אינערלעכער קאָמיטעט זאָל האָבן זיין דירה. די פראַגע איז געלייזט געוואָרן לייכט: אין דעם קליינעם פּאַלאַץ זענען געווען גענוג צימערן. האָבן מיר גלייך גערופן דעם הויפּט־אויפזעער פונעם פּאַלאַץ און אים געבעטן צוצו־גרייטן די פּאָר צימערן. דערנאָך האָבן מיר באַשטימט די צייט, ווען יעדער צעך זאָל האָבן אַ פאַרזאַמלונג און אויסוויילן צו צוויי דעלעגאַטן צום אינערלעכן קאָמיטעט.

עס האָט גענומען עטלעכע טעג ביז די וואַלן אין די צעכן זענען דורכ־געפירט געוואָרן און מיר האָבן געהאַט אַן אינערלעכן קאָמיטעט פון צוועלף אַרבעטערס. מיר האָבן צוגעצויגן ווי אַ מיטגליד מיט באַראַטונג־רעכט דעם ווייַן־ספּעציאַליסט ווידעל, וועלכער האָט עס אָנגענומען מיט פרייד. ס׳איז, אגב, דאָרטן אויך געווען אַ פראַנצייז, דער ספּעציאַליסט אויף שאַמפּאַניער, אָבער ער איז געזעסן אין זיין שטוב און נישט געהאַט מיט קיינעם קיין מגע־ומשא.

מען האָט פאָרגעשלאָגן דעם אינערלעכן קאָמיטעט צוזאַמענצושטעלן אַ פינאַנציעלן באַריכט און אויך צו אינפאָרמירן ווער עס זענען די קויפערס פון אַבראַ־דוירסער פּראָדוקטן. דער בוכהאַלטער האָט אונדז גלייך געזאָגט, אַז אין דער קאַסע געפינט זיך אַ גרויסע סומע געלט, וואָס וועט קלעקן אויף אויס־צוצאָלן די שכירות אין משך פון עטלעכע חדשים.

עס איז דאָרטן געווען אַ סטראַזשניק. האָבן מיר אים גלייך גערופן און אינסטרויִרט צו העלפן צוזאַמענצושטעלן אַ קליינע גרופּע מענטשן פאַר דער רויטער גוואַרדיע. מיר האָבן אים אויך געבעטן אויסצוקלייבן דעם פּאַסיקן

פּלאַץ, וווּ מע זאָל קענען אַוועקשטעלן אַ פּאָר מאַשין־ביקסן, כדי נישט־גע־בעטענע געסט זאָלן נישט קענען צוקומען קיין אַבראַו־דוירסאָ.

ס׳רוב אַרבעטערס האָבן געהאַט לעם זייערע הייזער שטיקער לאַנד, אויף וועלכע זיי פּלעגן זומער־צייט האָבן גרויסע גערטנער און אויך האַלטן בהמות, היגער אַאַז״וו. די אַדמיניסטראַציע האָט געהאַט אַ קראָם. מיר האָבן די קראָם רעאָרגאַניזירט אין אַ קאָאָפּעראַטיוו און זי פֿאַרבונדן מיט דער קאָאָפּעראַטי־ווער רעאָרגאַניזאַציע אין נאָוואָראָסייסק.

די הויפּט־נערוון זענען געווען אָרגאַניזירט, אָבער נאָך יאָרן לעבן אין האַלב־שקלאַפֿעריי, איז די דעלעגאַטן צום אינערלעכן קאָמיטעט געווען שווער זיך צוצוגעוווינען צום געדאַנק, אַז זיי האָבן עס געדאַרפֿט פֿירן די אַדמיניס־טראַטיווע אַרבעט. די נעכטיקע ביוראָקראַטן ווידער, וועלכע פּלעגן באַלעבאַ־טעווען איבער די אַרבעטערס, איז געווען שווער שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איצט דאַרפֿן זיי אָפּט אָנקומען צו די אַרבעטערס. ווי דער פֿאָרזיצער פֿונעם אינערלעכן קאָמיטעט, האָב איך, צוזאַמען מיט די איבעריקע מיטגלידער זיך באַמיט אויפֿצווייזן די פֿרי:ערדיקע ביוראָקראַטן, אַז זיי זענען איצט גלייכע מיטגלידער פֿון אָט דער קליינער געמיינדע. איך האָב מיך באַמיט איינצו־פֿלאַנצן דעם פֿרייהייטלעכן גייסט מיט ווערטער און מיטן ביישפּיל פֿון מיין באַצי:ונג צו זיי, און איך קען זאָגן, אַז חוץ אַ פּאָר פֿאַרביסענע מאָנאַרכיסטן, האָבן ס׳רוב ספּעציאַליסטן אָנגענומען אין ערנסט די נייע סיסטעם און געטאָן מיט איבערגעגעבנקייט זייער טעגלעכע אַרבעט. אייניקע פֿון זיי האָבן זיך אַפֿילו פֿאַראינטערעסירט מיט אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור.

בלויז די ערשטע פּאָר חדשים האָט מען געקענט פֿילן אַ געוויסע אָנגע־צויגנקייט, נישט נאָר צווישן די ביוראָקראַטן, נאָר אויך צווישן אייניקע אַרבע־טער. אָבער צו ביסלעך האָט די אָנגעצויגנקייט גענומען פֿאַרשווינדן. דאָס איז געקומען נישט אַזוי ווי אַ רעזולטאַט פֿון ריידן און אַגיטירן, נאָר צוליב די פּראַקטישע אויפֿטוען, וואָס דער אינערלעכער קאָמיטעט האָט באַוויזן צו רעאַ־ליזירן.

אויף צו ברענגען פּראָדוקטן פֿון שטאָט פּלעגט מען פֿרי:ער שיקן אַ וואָגן, אין וועלכן עס זענען געווען איינגעשפּאַנט צוויי פֿערד. איך בין צוגעפֿאָרן אין שטאָט און, דורך די צוויי סאָוויעטן, געקראָגן צוויי לאַסט־אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן געקענט פֿירן דריי מאָל אַזוי פֿיל משא, ווי דער וואָגן, און דערצו געקענט מאַכן צוויי רייזעס אין משך פֿון טאָג. די לאַסט־אויטאָמאָבילן האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דער באַפֿעלקערונג.

פֿון צייט צו צייט פּלעגן קומען קיין נאָוואָראָסייסק נישט קיין גרויסע שיפֿן צו קויפֿן צעמענט. האָבן מיר פֿאַראינטערעסירט די קויפֿערס פֿון צעמענט אַז זיי זאָלן אויך קויפֿן וויין און שאַמפּאַניער. מיר האָבן אויך אַרויסגעשיקט אַ גרעסערע צאָל פֿעסער וויין און שאַמפּאַניער קיין מאָסקווע, אָבער קיין גע־צאָלט פֿאַר דעם האָבן מיר נישט געקראָגן. דער פֿאַקט וואָס די אַלע זאַכן

זענען דורכגעפירט געוואָרן פון פשוטע אַרבעטערס, האָט געמאַכט די נעכטיקע ביוראָקראַטן צו פאַרטראַכטן זיך גאָר שטאַרק.

סוף חודש מאַרץ איז דער ווין־ספּעציאַליסט ווידעל ווידער געקומען אויף אַ זיצונג פון דעם אינערלעכן קאָמיטעט און דערקלערט, אַז אין חודש אַפּריל, ווען די ווייַנטרויבן הייבן אָן צו בליִען, קומט אָן אַזאַ מין זשוק, וואָס מע קען אים נישט צעשטערן מיט קיין שום כעמישן מיטל. דער איינציקער מיטל קעגן דעם אינזעקט איז אויסצונוצן די פאַרטאָגיקע שעהען, ווען די דאָזיקע זשוקעס זיצן אונטער די ביימער און וואַרטן ביז דער טוי וועט זיך אויסטריקענען. דעמאָלט דאַרף מען זיי כאַפּן פשוט מיט די הענט און צו דעם דאַרף מען האָבן אַ פּאָר טויזנט מענטשן, דער עיקר יונגוואַרג און קינדער. אויב מע צעשטערט נישט די זשוקעס, צעשטערן זיי די ווייַנטרויבן־ביימער.

דער אינערלעכער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו רופן אַ פאַרזאַמלונג פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. איך האָב דערקלערט פאַר דער פאַרזאַמלונג דעם מאָטיוו פון אונדזער צוזאַמענרוף. נאָך דעם האָט גערעדט ווידעל, וועלכער האָט דערקלערט, אַז דאָס יאָר דערוואַרט מען מער זשוקעס ווי געוויינטלעך און, היות איצט זענען מיר אַליין די באַלעבאַטים, וועט די גאַנצע באַפעלקערונג דאַרפן אַרויסגיין דורך עטלעכע פרימאָרגנס אין די ווייַנגערטנער צו קעמפן מיט די אינזעקטן.

מיר האָבן אויך געלאָזט וויסן אין שטאָט אונדזער גרופּע, אַז זי זאָל פּרוּוון ווירקן אויף דער יוגנט, אַז זי זאָל אַרויסקומען פאַר אַ שבת און זונטיק און אונדז העלפן אין דער אַרבעט.

ווען ווידעל האָט געגעבן דעם סיגנאַל, האָב איך גלייך געלאָזט וויסן אין שטאָט און עס זענען אָנגעקומען צוויי לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט יונגוואַרג. עס זענען אויך אָנגעקומען פון דער געגנט אַ צאָל פאַרמערס מיט זייערע ווייבער און קינדער. דערצו איז אַרויס אויך די גאַנצע אַבראַו־דוירסער באַפעלקערונג, אַרייַנגערעכנט די פריִערדיקע ביוראָקראַטן, און אין צוויי טעג האָט מען אויסגערייניקט די ווייַנגערטנער פון דער פּעסט.

אָט די גרויסע און דערפאָלגרייכע אַרבעט האָט געהאַט אַ שטאַרקע מאָראַלישע ווירקונג אויף אַלע קלאַסן מענטשן פון אַבראַו־דוירסאָ. מע האָט געקענט שפּירן אין דער לופט, אַז יעדער איינער האָט אָנגעהויבן צו פילן, אַז נישט ער, דער איינצלנער, נאָר מיר אַלע זענען די שאַפערס און בויערס פון אָט דער קליינער געזעלשאַפט. איך האָב אָנגעהויבן צו פילן אָן איבערבייט אויך אין דער באַציִונג צו מיר — מיט יעדן טאָג איז געוואַקסן די פריינדלעכקייט צו אונדז, די פרעמדע. איך וועל דערציילן אַ פּאַסירונג, וואָס וועט אילוסטרירן אָט דעם איבערבייט.

אַ רעוואָלוציע, און באַזונדערס אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע, קען שאַפן אַלערלייַ אומשטאַנדן. למשל, די פריִערים האָבן פאַר זייערע פּראָדוקטן אָט געוואָלט בלויז גרויסע געלט און אָט האָבן זיי מיט אַ מאָל גענומען פאָדערן בלויז קליינגעלט. פּלוצלינג איז דאָס קלענערע געלט אין גאַנצן פאַרשוואונדן פון צירקו־

לאַציע. אין אַבראַו־דוירסאָ האָט מען געצאָלט די שכירות איין מאָל אַ חודש. איז איין מאָל געקומען דער הויפּט־בוכהאַלטער און דערקלערט דעם אינערלעכן קאָמיטעט, אַז ער האָט געלט מער ווי מען דאַרף אויף אויסצוצאָלן די שכירות פאַר אַלעמען, אָבער ער האָט נאָר גרויסע געלט.

מיר האָבן געוווּסט, אַז די אַרומיקע קאָזאַקן־פּויערים האָבן גענוג קליינע מטבעות. אָבער וואָס טוט מען אויף צו קריגן ביי זיי די נייטיקע קליינגעלט? מיר האָבן געהאַט אַ טעכניקער, אַ קאָזאַק, וואָס האָט געהאַט אַ סך באַקאַנטע אין די אַרומיקע דערפער, אָבער ער האָט זיך אין אָנהייב געהאַלטן אָן אַ זייט און ער האָט אויסגעזען צו זיין ברוגז אויף אַלץ און אויף אַלעמען. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט ער גענומען איינזען, אַז דאָס אַלגעמיינע לעבן ווערט איינ־געשטעלט אויף גערעכטערע יסודות. דער דאָזיקער טעכניקער האָט, ווי בכלל די פריערדיקע ביוראָקראַטן, גענומען פאַרשטיין דעם גלייכהייטלעכן שטייגער לעבן און געטאָן זיין אַרבעט זייער איבערגעגעבן.

איין מאָל האָט דער דאָזיקער שוויגער פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס. ער איז געווען פאַראינטערעסירט צו וויסן וועגן אַמעריקע, וועגן די טעכנישע דער־גרייכונגען דאָרטן און וועגן דעם אַלגעמיינעם לעבן אין יענעם לאַנד. אין דער פרייער צייט פלעגן מיר שוין נאָך דעם פאַרברענגען גאַנץ אָפט, דיסקוטירן איבער פאַרשיידענע פראַגעס.

ווען עס זענען אויפגעקומען די שוועריקייטן מיטן קליינגעלט, איז אָט דער טעכניקער איין מאָל אַריינגעקומען אין דער דירה פונעם אינערלעכן קאָמיטעט און דערקלערט, אַז ער קען קריגן אַ גרויסע סומע קליינע מטבעות אין די אַרומיקע דערפער און אַז ער איז גרייט מיך צו באַגלייטן אויף דורכצופירן אָט די מיסיע. זיין פאָרשלאָג האָט מיך איבערגעראַשט. איך האָב נישט דער־וואַרט, אַז גראָד ער זאָל זיך אָנבאָטן צו העלפן אונדז לייזן די דרינגענדיקע פּראָבלעם. איך האָב מיט פרייד איינגעזען, אַז די פּרוּוון צו בויען אַ לעבן אויף גערעכטע יסודות הייבן אָן צו ברענגען צוזאָגנדיקע רעזולטאַטן.

מיר האָבן די זאַך באַהאַנדלט אין אינערלעכן קאָמיטעט ביי אַ ספּעציעלער זיצונג, צו וועלכער מיר האָבן אויך איינגעלאַדן דעם הויפּט־בוכהאַלטער. מיר האָבן באַשלאָסן אויסצובייטן אַ היפּשע סומע געלט אויף קלענערע מטבעות, אָבער איין זאַך האָט מיך אָפּגעהאַלטן — דאָס, וואָס איך וועל דאַרפן פאָרן אין אַ קאָזאַקישן דאָרף: אמת, די אַרומיקע קאָזאַקן האָבן זיך געהאַלטן נייטראַל, אָבער איך בין געווען זיכער, אַז זיי האָבן געוווּסט וועגן מיינע סאָציאַלע אָנ־שויונגען און אַז איך שטאַם פון ייִדן.

איידער איך האָב אונטערגענומען די מיסיע צו פאָרן, האָב איך דירעקט געפרעגט דעם טעכניקער צי ער רעכנט נישט, אַז מיין רייזע אין אַ קאָזאַקישן דאָרף איז פאַרבונדן מיט אַ סכנה פאַר מיר. אויף דעם האָט ער מיר געענט־פערט, אַז אַזוי לאַנג, ווי איך פאָר מיט אים, איז פאַר מיר נישטאָ קיין סכנה. ער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט שוין מיט אייניקע קאָזאַקן זיך געזען און זיי האָבן אים צוגעזאָגט צו העלפן. דערצו האַלט ער, אַז מיין קומען צו די קאָזאַקן

און דאָס דערקלערן זיי וואָס פּאָר אַ צילן מיר זוכן צו דערגרייכן אין אַבראַו־דוירסאָ, קען ברענגען גוטע רעזולטאַטן.

אויף מאָרגן נאָך מיטאָג זענען מיר אַרויסגעפאָרן, מיטנעמענדיק אַ גרויסע סומע געלט. מיר זענען פאַרפאָרן צום טעכניקערס אַ קרוב, וואָס איז געווען אַן אָנגעזעענער בירגער אין דאָרף. אין אַ צימער איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשטעלט עסנוואַרג. מיר האָבן געבראַכט מיט זיך אַ פּאָר עמער וויין. אין גיכן איז אָנגעקומען אַ גרופּע קאָזאַקן און מען האָט זיך אַוועקגעזעצט צו דער סעודה. דאָס איז געווען אַ ריכטיקער באַנקעט.

נאָכן עסן זענען מיר אַלע אַוועק אויף אַן אָרט, ווו דער גאַנצער דאָרף איז זיך צוזאַמענגעקומען צו אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג. דער סטאַראָסטאַ האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג און דערקלערט, אַז זיי האָבן צוויי געסט פון אַבראַו־דוירסאָ, וועלכע זענען געקומען צוליב אַ באַשטימטן צוועק. מיך האָט ער פאָרגעשטעלט ווי דער סטאַראָסטאַ פון אַבראַו־דוירסאָ.

אין אַ קורצער רעדע האָב איך זיי דערקלערט, אַז אַבראַו־דוירסאָ, איז איבערגעגאַנגען צו די אַרבעטערס, וואָס אַרבעטן דאָרטן, אַז קיינער פון זיי האָט נישט קיין שום פּריווילעגיעס און אַז אַלע אַרבעטערס קריגן גלייכע שכירות; אַז אַ קאָמיטעט פון אַרבעטערס פירט אָן מיט דער אַרבעט אויף גלייכע יסודות. איך האָב צוגעגעבן, אַז מיר זענען געקומען צו זיי אויף צו באַקענען זיך נענטער און אַז מיר זענען אַלע מאָל גרייט צו העלפן זיי מיט וואָס מיר קענען. נאָך מיר האָט גערעדט דער טעכניקער און דערקלערט דעם הויפּט־צוועק פון אונדזער קומען צו זיי אין דאָרף און ער האָט געבעטן, אַז זיי זאָלן אונדז העלפן.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט מען אָנגעהויבן צו ברענגען גרעסערע און אַ סך פּעקלעך קליינע פּאַפּיר־געלט, און אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען מיר שוין געווען אויף אונדזער וועג צוריק קיין אַבראַו־דוירסאָ מיט גענוג קליינגעלט אויף צופרידנשטעלן אַלעמען.

ווען מיר זענען געפאָרן זיך צו באַזעצן אין אַבראַו־דוירסאָ, האָבן מיר געמיינט, אַז עס וועט זיין אַ שווערער און לאַנגער פּראָצעס צו אָרגאַניזירן דאָס סאָציאַלע לעבן צווישן די אַרבעטערס. מיר האָבן דערצו געוווסט, אַז אין אַבראַו־דוירסאָ איז אין משך פון לאַנגע יאָרן, אויפגעצויגן געוואָרן אַ דור, וואָס האָט געציטערט פאַר די „טשינאָווניקעס", אָבער, צו אונדזער צופרידנקייט, האָבן מיר געמאַכט אַ טעות אין חשבון. אין אַן ערך דריי חדשים איז דאָס סאָציאַלע לעבן געביטן געוואָרן. אַ זייער קליינע צאָל מענטשן איז אין דער שטיל געבליבן אומצופרידן, אָבער אין אַלגעמיין איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען נאָרמאַל. די אומבאַוווסטזיניקע אַרבעטערס האָבן, נאָכן אָפּזיין אַ שטיקל צייט אין אינערלעכן קאָמיטעט, דורכגעפירט און באַהאַנדלט אַרבעטן, וואָס אַפילו די ספּעציאַליסטן האָבן זיך געוווּנדערט פון וואַנען עס נעמט זיך די דאָזיקע וויסנשאַפט צו מענטשן אָן קיין שום שול־דערפאַרונג.

מיין פּערזענלעכע עקספּעריענץ סיי אין נאָוואָראָסייסק און סיי אין אַבראַו־

דוירסאָ, האָט מיר געלערנט, אַז, ווען מע גיט דעם מענטשן די פרייהייט צו אַנטוויקלען זיין איניציאַטיוו און ווען דער מענטש פילט אַז ער איז דער שאַפער פון זיין אייגענעם לעבן, ווערט ער איבער נאַכט אַן אַנדער מענטש׳ ער ווערט אַ מענטש מיט געפילן צו העלפן זיינע מיטמענטשן. די אַלע פוסטע רייד פון די פּאָליטיקערס פאַרלירן זייער ווערט, ווען מען קען שאַפן אַ לאַגע, אַז דער מענטש זאָל פילן, אַז ער איז דער איינציקער שאַפער פאַר זיך און פאַר זיינע מיטמענטשן. איך האַלט, אַז מיין דערפאַרונג איבערצייגט נאָך אַ מאָל ווי גערעכט עס איז געווען באַקונין, בעת ער האָט געזאָגט, אַז „סאָציאַליזם אָן פרייהייט איז אַ חזיר־שטאַל״.

די קליינע אַנאַרכיסטישע גרופּע האָט געשאַפן אַ סיטואַציע, אין וועלכער סאָציאַליזם האָט געהאַט אַ זינען. עס איז געווען דער זינען פון פרייהייט, וואָס האָט גאָר נישט צוגעזאָגט, נאָר געוויזן די אַרבעטערס, אַז בלויז זיי אַליין זענען די בויערס פון זייער אייגענעם לעבן. דער עקספּערימענט, וואָס איך האַלט איצט אין פאַרצייכענען, איז דער איינציקער דערפאָלגרייכער פּרווו אין גאַנג פון דער גאַנצער גרויסער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

עפּיזאָדן אין אַבראַו - דוירסאָ

באַלד ווי מיר זענען געקומען קיין אַבראַו־דוירסאָ און ווי נאָר די אינער־לעכע קאָמיסיע איז אָרגאַניזירט געוואָרן, האָבן מיר ביי דער ערשטער זיצונג באַהאַנדלט ווי צו פאַרהיטן דעם גרויסן וויין־פאַרמעגן קעגן אַ מעגלעכן איבער־פאַל פון בעלנים אויף שאַרפע געטראַנקען.

דאָס איז געווען אַן ערנסטער ענין: מיר האָבן טאַקע געהאַט עטלעכע מאַשין־ביקסן און אונדזערע אַ וואַך האָט געהיט טאָג און נאַכט דעם צופאָר קיין אַבראַו־דוירסאָ, אָבער קעגן דעם דערוואַרטן פלאָט פון שוואַרצן ים, איז דאָס געווען אַ קינדער־שפּילעכל.

האָט די אינערלעכע קאָמיסיע צוזאַמענגעשטעלט אַ ספּעציעלע סוב־קאָמי־סיע פון עטלעכע מיטגלידער, פון דעם וויין־ספּעציאַליסט ווידעל, דעם אינזשע־ניער און די צוויי טעכניקערס, וואָס זענען דאָרט געווען. דער עיקר האָט מען געוואָלט אָפּהיטן די אונטערערדישע צוויי קעלערן, ווו עס האָבן זיך געפונען די טייערסטע וויינען און דער שאַמפּאַניער. האָט די סוב־קאָמיסיע צוגעשטעלט אַ רעקאָמענדאַציע, אַז מע זאָל פאַרמאַסקירן די ווינדע מיט ליידיקע פעסער, מע זאָל פאַרמויערן אַלע טירן וואָס פירן צו די אונטערשטע קעלערן און איבער־לאָזן נאָר איין פאַרמאַסקירטן אַריינגאַנג פאַר די אַרבעטערס, וואָס האָבן דאָרט געדאַרפט אַרבעטן. די דאָזיקע רעקאָמענדאַציעס זענען אָנגענומען געוואָרן און זיי זענען דורכגעפירט געוואָרן אַזוי פּאַרזיכטיק, אַז אַפילו איניקע אַרבעטערס האָבן נישט געוווסט ווו עס געפינט זיך דער געהיימער אַריינגאַנג צו די אונ־טערשטע קעלערן.

צום גליק איז אונדזער שרעק געווען אַן אומזיסטע. מיר זענען אָפּגעקומען מיט איין קליינעם אינצידענט. ווען דער פּלאַט איז אָנגעקומען קיין נאָוואָראָ־סייסק, האָבן זיי געהאַט געגוג פּאָליטישע רייסערייען, אָבער וועגן דעם וועלן מיר דערציילן שפּעטער. נאָר דער אינצידענט, וואָס מיר האָבן געהאַט, איז פאַרגעקומען אַ ביסל פריִער.

איין אַ טאָג, איז אַרום מיטאָג־צייט, אָנגעקומען אַ מעלדונג פון דער וואַך, אַז עס קומען אָן דריי אויטאָמאָבילן מיט מאַטראָסן. די גאַנצע אינערלעכע קאָמיסיע איז אַוועק צום פּלאַץ, ווו די וואַך האָט געהאַט די מאַשין־ביקסן. מיר האָבן געקענט זען פון גאָר ווייט, אַז מע פאָרט צו אונדז, אָבער די פאָרנדיקע האָבן פון דעם נישט געוווּסט.

ווי דער פאָרזיצער פון דער אינערלעכער קאָמיסיע, האָב איך פאָרגעשלאָגן צו לאָזן די אויטאָמאָבילן צופאָרן נישט מער ווי אויף אַ האַלבן מייל פון אונדז און דעמאָלט געבן עטלעכע שאָסן ווי אַ וואָרענונג, אַז זיי קענען ווייטער נישט פאָרן. ווען די אויטאָמאָבילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זענען מיר עטלעכע מיטגלידער, צוגעגאַנגען צו זיי און זיי געפרעגט צי זיי האָבן אַ דערלויבעניש פון די סאָוויעטן צו פאָרן קיין אַבראַו־דוירסאָ. אַזאַ מין דערלויבעניש האָבן זיי נישט געהאַט, אָבער איינער פון זיי, מיטן נאָמען אוטקין, האָט אַרויסגענומען מאַנדאַטן, לאַנג ווי דער מענטשלעכער גלות. דערצו האָט ער אונדז געוויזן אַ קאַרטל, אַז ער איז אַן אַלטער באָלשעוויק. ער האָט דערקלערט, אַז ער איז געקומען קריגן ווײַן פאַר זיין אַטריאַד, וואָס געפינט זיך אין שטאָט. ער איז טאַקע געווען אַ מיטגליד פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי, אָבער מע האָט תיכף געקענט באַמערקן, אַז ער האָט אַוואַנטוריסטישע געוווינהייטן, ווי באַלד ער האָט אונדז געוואָלט איבערשרעקן מיט דעם קאַרטל פון דער פאַרטיי.

מיר האָבן דעם אוטקינען דערקלערט, אַז אָן אַ דערלויבעניש פון סאָוויעט קען ער נישט אַרײַנפאָרן קיין אַבראַו־דוירסאָ. דערצו האָבן מיר אים געזאָגט, אַז קיין ווײַן גיבן מיר קיינעם נישט. אוטקין האָט, ווייזט אויס, געמיינט אַז מיט זיין שטרענגער האַלטונג וועט ער אונדז איבערשרעקן און ער האָט טאַקע געהייסן די אויטאָמאָבילן פאָרן ווייטער. ער האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז די וואַך אויבן האָט געהאַט אַן אָנזאָג, אַז אויב די אויטאָמאָבילן וועלן דווקא פאָרן ווייטער, זאָל מען נאָך אַ מאָל אויסשיסן ווי אַ צווייטע וואָרענונג. מיר זענען אַוועק אַן אַ זייט און אַרויף צום פּלאַץ, ווו די וואַך האָט זיך געפונען.

אוטקין האָט דערזען, אַז מיר מיינען ערנסט, איז ער צוגעקומען צו אונדז און, שוין מיט אַ מילדן, פריינדלעכן טאָן, אונדז דערקלערט, אַז זיי זיינען אַלע הונגעריקע, נאָר זיי האָבן געבראַכט מיט זיך געגוג שפּייז. האָב איך אים דערקלערט, אַז אויב זיי וועלן איבערלאָזן זייער געווער ביי אונדזער וואַך און זיי וועלן געבן אַ וואָרט אויפצופירן זיך ווי רעוואָלוציאָנערן, וועלן מיר דאָס מאָל זיי לאָזן אַרײַנפאָרן קיין אַבראַו־דוירסאָ. ווען זיי האָבן אָנגענומען אונדזער באַדינגונג, האָבן מיר זיי אַוועקגעפירט צום געוועזענעם פּאַלאַץ, ווו זיי

האָבן געגעסן זייער מאָלצייט. ווי געסט האָבן מיר זיי מכבד געווען מיט ווײַן צו זייער סעודה. מיר האָבן זיי געוויזן די אַרומיקע פּלעצער און דערקלערט ווי עס ווערט אָנגעפירט די אַרבעט, אָבער אויטקינען איז געלעגן אין קאָפּ נאָר איין זאַך: ווי מען קריגט אַ פּאָר פעסלעך ווײַן. סײַ־ווי האָט עס אים נישט געהאָלפן — ער און זײַנע חברים האָבן געמוזט אָוועקפאָרן אָן ווײַן.

די צײַט איז געלאָפן שנעל און ביסלעכווײַז האָט זיך דער עולם אַלץ מער אַרײַנגעפּאַסט אין דער נײַער לאַגע. אַפילו די געוועזענע פּריווילעגירטע האָבן זיך צוגעוווינט צו זײַן גלײַכע מיט אַלעמען. דער עיקר האָט געווירקט דער בײַשפּיל, וואָס די באַאַמטע פון דער אינערלעכער קאָמיסיע מיטן פּאַרזיצער בראָש האָבן אויך נישט געהאַט קיין שום פּריווילעגיעס.

עס וועט זײַן אינטערעסאַנט צו דערציילן אַ קליינעם עפּיזאָד, וואָס האָט אָבער געהאַט אַ גאַר היפּשע ווירקונג אויף דער פּסיכיק פון די אַבראַו־דוירעסער. די פּריווילעגירטע דאָרטן פלעגן אַמאָל קריגן צו אַלע גרויסע ימים־טובים ווײַן און שאַמפּאַניער. די אַרבעטער, ווידער, פלעגן גאָרנישט קריגן, הגם זיי האָבן זיך צו יעדער צײַט געפונען אין אַ ים מיט ווײַן, וואָס זיי גופא האָבן געשאַפן.

די אינערלעכע קאָמיסיע האָט עטלעכע וואָכן פאַר פּסח באַהאַנדלט די פראַגע ווי מען זאָל זיך נוהג זײַן מיט ווײַן אויף יום־טוב. עס זײַנען געווען שטימען, אַז די געוועזענע פּריווילעגירטע זאָלן נישט קריגן קיין ווײַן אויף פּסח, אָבער אַלע האָבן זיך נאָך דעם געאייניקט אויפן פאָרשלאַג, אַז יעדער איינער, וואָס אַרבעט אין אַבראַו־דוירסאָ, זאָל קריגן צו אַ פערטל עמער ווײַן און איין פלעשל שאַמפּאַניער און אַז די זעלביקע מאָס זאָל יעדער איינער קענען קויפן. ווען מען האָט דעם דאָזיקן פאָרשלאַג געבראַכט פאַר דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, איז ער אָנגענומען געוואָרן אָן אָפּאָזיציע.

אָט די קליינע זאַך פון אַ פערטל עמער ווײַן און אַ פלעשל שאַמפּאַניער האָט געמאַכט צו פאַרטראַכטן זיך אַפילו אַ צאָל צוריקגעשטאַנענע אַרבעטערס — זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז זיי זענען גלײַכע שותפים צום פאַרמעגן, וואָס זיי האָבן געהאָלפן שאַפן און אַזוי זענען זיי געוואָרן די שאַפערס פון זייער אייגענעם לעבן.

אָט דער קליינער עפּיזאָד האָט דערפירט דערצו, אַז אַלע האָבן גענומען באַטראַכטן דעם גרויסן ווײַנגאָרטן ווי אַ בשותפותדיקע זאַך, און מע האָט מער נישט געדאַרפט האָבן קיין אויפזעערס מען זאָל אַרבעטן און אויסאַרבעטן אַ גוטן טאָג אַרבעט. עס איז געוואָרן אַ פרייהייטלעכע זעלבסט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

איך בין זיך מודה, אַז אָפט האָט זיך מיר נישט געגלייבט וואָס מײַנע אויגן האָבן געזען. בפרט ווען איך האָב געוווּסט, אַז דער גאַנצער סאָציאַלער איבערבוי, איז בלויז אַלט געווען עטלעכע חדשים.

דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער יום־טוב, דער ערשטער מײַ, האָט אַרויסגעבראַכט אין דרויסן די גאַנצע אַבראַו־דוירסער באַפעלקערונג. קיין פּראָפעסיאָנעלע רעדנערס האָבן מיר נישט געהאַט. דער שרײַבער פון די

שורות האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געהאַלטן אַ רעדע וועגן ערשטן מיי. פשוטע אַרבעטערס און אַפילו דער וויין־ספעציטליסט, ווידעל, זענען אַרויס־געטראָטן מיט קורצע רעדעס און אַרויסגעזאָגט זיך, אַז אין גאַנץ רוסלאַנד הייבט זיך אָן צו בויען אַ ניי לעבן, אַ לעבן מיט יושר.

דער גלויבן ביי די גרויסע מאַסן איז געווען אַזוי גרויס און שטאַרק, אַז עס האָט זיך נישט געגלייבט, אַז מע וועט דאָס קענען צעברעכן. דאָס קערנדל, וואָס מע האָט פאַרזייט אין דער פעטער ערד, איז אויפגעגאַנגען און זיך אַנטוויקלט מיט כוח.

שאָטנס פון מאָסקווע

קאַטיאַ גאַרבאָווא, פון אונדזער גרופּע אין נאָוואָראָססייסק, האָט מיר געלאָזט וויסן דורכן טעלעפאָן, אַז מע דערוואַרט, אַז דער פלאָט פון שוואַרצן ים זאָל אַ ליאַדע טאָג אָנקומען קיין נאָוואָראָססייסק און זי וויל, אַז איך זאָל אַראָפּקו־מען אין שטאָט, כדי מיר זאָלן זיין אַלע צוזאַמען בעת דער פלאָט וועט אָנ־קומען.

האָב איך פאַרופן אַ ספּעציעלע זיצונג פון דער אינערלעכער קאָמיסיע און זיי איבערגעגעבן, אַז מע פאַרלאַנגט איך זאָל קומען אויף אַ פּאָר טעג אין שטאָט. די קאָמיסיע האָט צוגעשטימט, אַז איך זאָל פאָרן.

דעם זעלבן טאָג בין איך אָנגעקומען קיין נאָוואָראָססייסק און דאָרטן גלייך באַמערקט אַן אומרו. די מענטשן אין שטאָט זענען עפּעס געווען ווי דערשראָקן.

ווען איך בין געקומען צו קאַטיאַ גאַרבאָווא, ביי וועמען די גרופּע־זיצונ־גען פלעגן פאָרקומען, האָב איך דאָרטן געטראָפן עטלעכע חברים, וואָס זענען אַלע געווען צעטראָגן. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז עטלעכע קריגס־שיפן זע־נען שוין דאָ און זיי האָבן אָפּגעטאָן אַ שרעקלעכע זאַך: זיי האָבן דערטרונקען די געפאַנגענע אָפיצירן, וועגן וועלכע איך האָב געהאַט דערציילט פריִער. מען האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז אויף מאָרגן דערוואַרט מען דעם גאַנצן פלאָט.

אונדזערע חברים האָבן אויסגעפונען פון אייניקע באָלשעוויקעס, אַז דער מאָסקווער סאָוויעט פון קאָמיסאַרן האָט אָפיציעל געלאָזט וויסן דעם פלאָט פון שוואַרצן ים, אַז זיי זאָלן איבערגעבן די שיפן צו די דייטשן אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל און אין דער זעלבער צייט האָט מען געשיקט פון מאָסקווע אַ שליח קיין סעוואַסטאָפּאָל, וואָס זאָל זען אַז דער פלאָט זאָל זיך רעבעלירן און אַוועק־גיין קיין נאָוואָראָססייסק. אין סעוואַסטאָפּאָל זענען פאָרגעקומען הייסע פאַר־זאַמלונגען און דער גרעסטער טייל פונעם פלאָט איז אַוועק קיין נאָוואָראָ־סייסק, ווו מע האָט ווידער אָנגעהויבן צו דיסקוטירן. עס איז געווען אַ מאָ־מענט, ווען מע האָט מורא געקריגן, אַז ביידע צדדים זאָלן נישט אָנהייבן צו שיסן איינער אויפן אַנדערן, אָבער צום גליק פאַר דער שטאָט איז דערצו נישט געקומען. דער סוף איז געווען, אַז די קריגסשיפן מיט אַ רעכטער פּי־

דערשאַפּט זענען אַוועק קיין טערקיי און די איבעריקע האָבן באַשלאָסן צו דער־טרינקען זייערע שיפן.

עס איז געווען אַ פּראַכטפולער פרילינג־טאָג, ווען אַרום מיטיק־צייט האָט אַ גרויסע קריגס־שיף אָנגעהויבן אַרויסגיין פון פּאָרט. נאָך איר זענען אַרויס עטלעכע קלענערע שיפן. ווען אָט די שיפן זענען געווען אין מיטן ים, האָבן די איבעריקע שיפן אָנגעהויבן אַרויסגיין פון פּאָרט. אָפּגעפאָרן עטלעכע מייל, זענען זיי געבליבן שטיין, די מאַנשאַפט איז אַרונטער און מע האָט אָנגעהויבן אויפצורייסן די שיפן. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז דער גאַנצער פלאָט געווען געזונקען.

ביי די ברעגן פון נאָוואָראָסייסק איז געשטאַנען כמעט די גאַנצע באַפעל־קערונג און די גאַנצע געשעעניש האָט געהאַט דעם אויסזען ווי אַ גרויסע לוויה. ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק האָבן די גרויסע און מעכטיקע שיפן פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ ריזיקע צעשטערנדיקע קראַפט, און איצט ליגן זיי אין שוואַרצן ים, נישט ווייט פון נאָוואָראָסייסק.

די פּאַסירונג האָט איבערגעלאָזט אַ מאָדנעם איינדרוק אויף דער שטאָט. נאָוואָראָסייסק איז געווען ווייט פון מאָסקווע און דאָס בילד פון דער באָלשע־וויקישער פּאָליטיק איז נאָך אַהין נישט דערגאַנגען. די מענטשן האָבן נישט געקענט צעקייען די טאָפּלטע שפּיל פון אָפּיציעלן איבערגעבן די שיפן צו די דייטשן און טערקן און פּאַקטישן זינקען די זעלביקע שיפן אין ים. די מענטשן האָבן געפרעגט איינער דעם אַנדערן: „וואָס קומט דאָ פּאָר? איז דאָס די נייע מאָראַל פון דער רעוואָלוציע?" די אַרבעטערס און די גאַנצע באַפעלקערונג האָט נאָך נישט געקענט באַגרייפן וואָס די באָלשעוויקעס שטעלן מיט זיך פאָר. זיי איז פּרעמד געווען דער יעזויִטישער סלאָגאַן, אַז „דער צוועק הייליקט די מיטלען".

אַ צאָל באָלשעוויקיש־געשטימטע מאַטראָסן זענען געבליבן אין נאָוואָ־ראָסייסק און דאָס האָט דערמוטיקט די אייניקע באָלשעוויקעס, וואָס זענען לכתחילה נישט געווען צופרידן, למאַי נישט זיי, נאָר דער עקאָנאָמישער סאָ־וויעט האָט די גאַנצע השפּעה אויף דער נאָוואָראָסייסקער באַפעלקערונג. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ הינטער די קוליסן־פּאָליטיק. מע האָט געמאַכט עטלעכע פּרוּוון צו באַהערשן די אינעוויינִיקסטע קאָמיסיעס. אָבער אונדזער איינפלוס אין משך פון עטלעכע חדשים האָט געשאַפן ביי דער באַפעלקערונג אַ טיפן צוטרוי צו אונדזער גרופּע, און די אַרבעטערס האָבן צוריקגעוויזן די הינטער־פּאָליטיק.

די אַנאַרכיסטישע גרופּע האָט ביי אירע פאַרזאַמלונגען באַהאַנדלט די נייע פּאַסירונגען, דער עיקר, וואָס די באָלשעוויקעס זוכן צו שאַפן אַ לאַגע, אַז זיי זאָלן קענען פאַרכאַפּן די גאַנצע מאַכט. מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען וואָס מע קען דערוואַרטן מיט דער צייט פון די „פּאַרביסענע", מחמת אַ צאָל אינ־טעליגענטערע באָלשעוויקעס האָבן אָפּגעשאַצט, וואָס אונדזער גרופּע האָט אויפגעטאָן און די רעוואָלוציאָנער־עטישע באַציִונג צווישן די אַרבעטערס

וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן. די דאָזיקע באָלשעוויקעס האָבן געהאַלטן מיט אונדז.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו פילן און איינזען, אַז עס דערוואַרט אונדז אַ גרוי־סער קאַמף — און נישט אין דער ווייטער צוקונפט!

דערווייל האָט זיך דער בירגער־קריג געגומען אויסשפּרייטן איבער גאַנץ רוסלאַנד. גענעראַל קאָרנילאָוו איז געוואָרן אויס מיליטערישער הויפּט־פירער און אויף דער פּאָליטישער סצענע איז אַרויף גענעראַל דעניקין. ער האָט אָר־גאַניזירט אַן אַרמיי פון דאָנער און קובאַנער קאָזאַקן און דערצו אַ סך אַלטע אָפיצירן. אַפילו אַ געוויסע טייל פון די רעכטע סאָציאַליסטן זענען צוגעשטאַ־נען צו דעניקינס אַרמיי. עס האָט אָנגעהויבן צו שמעקן מיט שטאַרקן פּולווער.

אַזוי ווי אין אַבראַו־דוירסאָ איז די אַרבעט אָנגעגאַנגען גלאַט און איך האָב דאָרטן געהאַט אַ געהילף, אויף וועלכן איך האָב זיך געקענט פאַרלאָזן, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו זיין אָפטער אין שטאָט און העלפן אין דער אַרבעט, ווו עס איז געווען נייטיק.

פון דער געלאַסענער און רויִקער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט איז מען אַרי־בער אין אַ שטורמישן פּעריאָד. גענעראַל דעניקין איז טאַקע געווען ווייט פון אונדז פאַר עטלעכע הונדערט מייל, אָבער מע האָט זיך געווענדט קיין נאָ־וואָראָסייסק נאָך הילף. אַ גאַנצע ריי אַקטיווע און באַוווסטזיניקע האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַן אָפּטייל און אָפּגעפאָרן צום פראָנט. דאָס האָט זיך איבער־געחזרט עטלעכע מאָל, אַזוי אַז די אַקטיווערע און באַוווסטזיניקערע אַרבע־טערס זענען אַוועק קעמפן מיט דעניקינס אַרמיי. צו דעם אַלעמען האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג — מיר האָבן אין דעם לאַנג חושד געווען די באָלשעוויקעס — אַז די דייטשן קלייבן זיך צו אָקופּירן נאָוואָראָסייסק.

איין מאָל, אין יענער צייט, בעת איך בין געווען אין אַבראַו־דוירסאָ, האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז מיטן אָנקומען פון די דייטשן קיין נאָוואָראָסייסק קען פּאַסירן, אַז די ווייסע עלעמענטן זאָלן מאַכן אַן איבערפאַל אויף דער שטאָט. אין אַזאַ פאַל וועלן די אַנאַרכיסטן זיין די ערשטע קאַנדידאַטן אויף פאַרניכ־טונג. מיך פּערזענלעך האָט מען געעצהט תיכף צו פאַרלאָזן אַבראַו־דוירסאָ. האָב איך גלייך פאַררופן די אינערלעכע קאָמיסיע און דערקלערט די לאַגע. מע האָט גלייך אויסגעקליבן אַ צייטווייליקן פאָרזיצער און אַלע ווי איינער האָבן פאַרזיכערט, אַז אויב עפּעס וועט פּאַסירן, וועלן זיי פאַרהיטן בעסיען און אונדזער זון.

ווען איך בין געקומען קיין נאָוואָראָסייסק, האָב איך שוין קיינעם פון דער גרופּע נישט געטראָפן. אייניקע זענען אַרויסגעפאָרן אויסער דער שטאָט, און אַנדערע זענען אַוועקגעפאָרן קיין קראַסנאָדאַר. מיך האָט אינטערעסירט צו וויסן וואָס אין קראַסנאָדאַר קומט פאָר, און אין פיר שעה אַרום בין איך שוין דאָרט געווען. אין סאָוויעט האָב איך אויסגעפונען, אַז היות קראַסנאָדאַר איז נישט קיין אינדוסטריעלע שטאָט, איז דער סאָוויעט דאָרטן געווען מער אַ פאָרמאַליטעט ווי אַ סאָציאַלע רעאַליטעט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר געקראָגן ידיעות פון נאָוואָראָסייסק, אַז עס זענען אַהין אָנגעקומען עטלעכע דייטשע אונטערוואַסער־שיפן, אַז אַ דעלע־גאַציע איז געקומען אין שטאָט צום פּאָליטישן סאָוויעט און די שיפן האָבן פאַר־לאָזט נאָוואָראָסייסק. דאָרטן האָב איך שוין געטראָפן מיין משפחה, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון אַבראַו־דוירסאָ.

פון דעם וואָס עס האָט פּאַסירט אין שטאָט פאַר די עטלעכע טעג, וואָס מיר האָבן דאָרט געפעלט, איז אונדז געוואָרן קלאָר, אַז די באָלשעוויקעס האָבן בכיוון אַרויסגעלאָזט דעם קלאַנג, אַז די דייטשן גייען אָקופּירן נאָוואָראָסייסק. זייער צוועק איז געווען דורכצופירן אַ קאָנטראַ־רעוואָלוציע קעגן דעם אַלעמען, וואָס די אַנאַרכיסטישע גרופּע האָט אויפגעטאָן אין משך פון די אַכט חדשים.

אויף מאָרגן נאָך אונדזער צוריקקער קיין נאָוואָראָסייסק איז פאַררופן געוואָרן אַ ספּעציעלע זיצונג פון דער עקאָנאָמישער קאָמיסיע. איידער די זיצונג האָט זיך אָנגעהויבן, זענען אַ צאָל דעלעגאַטן געקומען אויפגערעגטע צוליב דעם, וואָס בעת עטלעכע דעלעגאַטן האָבן געוואָלט אַריינגיין צום פאָרזיצער פון דעם פּאָליטישן סאָוויעט, האָבן זיי געטראָפן ביי דער טיר אַ רויטן גוואַר־דייעץ, וועלכער האָט זיי נישט אַריינגעלאָזט. די פּאַסירונג האָט אונדז אַלעמען אויפגעבראַכט און מיר זענען אַלע אַוועק צום פאָרזיצער. מיר האָבן אָפּגע־שטופּט דעם גוואַרדייעץ אָן אַ זייט און מיר זענען אַריין אינעווייניק. אויף אונ־דזער פראַגע צו וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט די שמירה לעם זיין טיר, האָט אונדז דער פאָרזיצער געענטפערט, אַז ער האָט דערהאַלטן אַ צושריפט פון מאָסקווע, אַז דער פּאָליטישער סאָוויעט זאָל איבערנעמען די גאַנצע מאַכט איבער דער שטאָט און אַז די גאַנצע אינדוסטריע וועט קאָנטראָלירט ווערן דורכן פּאָליטישן סאָוויעט. ווען מיר האָבן אים געפרעגט וואָס ער וועט טאָן אויב די אַרבעטערס מיטן עקאָנאָמישן סאָוויעט וועלן זיין קעגן דעם מאָסקווער באַשלוס, האָט דער פאָרזיצער דערפילט, אַז ער קען האָבן גרויסע שוועריקייטן מצד די רעוואָלוציאָנער געשטימטע אַרבעטער־מאַסן. האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרזיכערן אונדז, אַז מע וועט קענען אויסאַרבעטן אַ וועג, אַז ביידע סאָוויעטן זאָלן קענען ווייטער אַרבעטן האַרמאָניש.

פון זיינע אַלע פאַרזיכערונגען האָבן מיר איינגעזען אַז עס קאָן קומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט די באָלשעוויקעס. מיר זענען אַרויס פון דעם פאָרזיצער מיט אַ טיפן געפיל, אַז עס וועט נישט נעמען לאַנג ביז עס וועט מוזן קומען צו אַ שאַרפן קאַמף.

איך געזעגן זיך מיט אַבראַו־דוירסאָ

ווען די פאַרזאַמלונג פון נאָוואָראָסייסקער עקאָנאָמישן סאָוויעט איז דער־עפנט געוואָרן, זענען אַלע דעלעגאַטן, חוץ עטלעכע באָלשעוויקעס, געווען אין אַ געדריקטער שטימונג. מיר האָבן בלויז באַהאַנדלט די וויכטיקסטע פראַגעס און

נאָך דעם האָבן מיר באַשלאָסן צו רופן אַ ספּעציעלע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דעם עקאָנאָמישן סאָוויעט, צו וועלכער מע זאָל,חוץ די דעלעגאַטן, אויך פאַרבעטן אַלע אַקטיווע אַרבעטערס פון אַלע פאַבריקן און זאַוואָדן און אויך דעם פּרעזידיום פונעם פּאָליטישן סאָוויעט.

אונדזער גרופּע האָט געהאַט אַ ספּעציעלע זיצונג אויף צו באַהאַנדלען די געשאַפענע סיטואַציע. אַגב, האָבן די מיטגלידער פון דער גרופּע אויסגעדריקט זייער מיינונג, אַז, אין די איצטיקע אומשטענדן, איז מיין זיין אין שטאָט וויכטיקער ווי מיין זיין אין אַבראַו־דוירסאָ.

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך אַוועקגעפאָרן קיין אַבראַו־דוירסאָ צו ליק־ווידירן מיין אַמט פון אַ פאָרזיצער פון אינערלעכן קאָמיטעט און, אין דער זעלביקער צייט, העלפן אויסוויילן אַ נייעם פאָרזיצער, וואָס זאָל מיך פאַרטרעטן.

אין דעם זעלביקן טאָג, ווען איך בין אָנגעקומען, איז פאַררופן געוואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, צו וועלכער עס איז געקומען די גאַנצע באַפעלקע־רונג פון אַבראַו־דוירסאָ. איך האָב דערוואַרט, אַז די געוועזענע פּריווילעגירטע וועלן זיין צופרידן מיט דעם, וואָס איך מוז פאַרלאָזן אַבראַו־דוירסאָ, אָבער צו מיין איבעראַשונג, האָט גראָד אָט דער עלעמענט שטאַרק באַדויערט, וואָס איך מוז זיי פאַרלאָזן. די פאַרזאַמלונג איז פאַר מיר געווען אַ סורפּריז און אַ באַפרידיקונג. איך האָב נישט דערוואַרט אַזוינס פון מענטשן, וועלכע האָבן ס׳רוב צום ערשטן מאָל זיך באַקענט מיט דער אידייע פונעם אַנאַרכיזם און וועלכע האָבן דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן פאַרבראַכט אונטער אַ שטרענגן צאַרישן רעזשים.

די אויסדרוקן פון פאַרדראָס, וואָס מיר פאָרן אַוועק, און די לויב־געזאַנגען זענען געווען אַזוי האַרציק און וואַרעם, אַז איך האָב געמוזט פילן אַ באַפרידי־קונג, וואָס מיר איז געלונגען עפּעס אויפצוטאָן פאַר דער צייט, וואָס איך האָב דאָרטן פאַרבראַכט. אין די ערשטע טעג, ווען מיר זענען אָנגעקומען אַהין, האָבן אייניקע אַרבעטערס אַרויסגעוויזן אַנטיסעמיטישע שטימונגען און אַנדערע האָבן אַפילו אָנגעזאָגט זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן זיך ניט שפּילן מיט אונדזער זון, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען דריי יאָר. אָבער איצט האָבן אָט די פּשוטע, אומבאַוווסטזיניקע אַרבעטערס גענומען אַ וואָרט און האָבן זיך מתוודה געווען אויף זייערע עבירות קעגן אונדז און אַלע ווי איינער האָבן זיי געווונטשן, אַז איך, בעסיע און אונדזער זון זאָלן קומען צוריק ווינען מיט זיי אין אַבראַו־דוירסאָ.

די פאַרזאַמלונג האָט אויסגעקליבן אַ נייעם אינערלעכן קאָמיטעט און האָט באַשלאָסן אויף מאָרגן אַ זיצונג פונעם נייעם קאָמיטעט, כדי איך זאָל האָבן די געלעגנהייט איבערצוגעבן אַלע געשעפטן דעם נייעם פאָרזיצער. די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרצויגן זייער שפּעט. דער עולם האָט זיך נישט געוואָלט צעגיין. מע האָט געפילט אין דער לופט, אַז די מענטשן ווילן זיך נישט צעשיידן מיטן נייעם לעבן, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר זעלבשטענדיקע און גלייכע מיט־מענטשן אין אַ פרייהייטלעכער געזעלשאַפט, אָן פּריווילעגירטע. איך האָב פאַר

די אַרבעטערס סימבאַליזירט דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן געוווּנען, און איטלעכער האָט געוואָלט אויסדריקן דעם גרויסן פאַרדראָס, וואָס איך מוז זיי פאַרלאָזן.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז זיך צונויפגעקומען דער ניי־דערוויילטער אינערלעכער קאָמיטעט און איך האָב איבערגעגעבן דעם נייעם פאָרזיצער אַלע געשעפטן. דערצו האָב איך געמאַכט פאַרשיידענע באַמערקונגען וועגן דער אַרבעט פון קאָמיטעט און צוגעגעבן מוט. דער עיקר האָב איך געוואָרנט נישט צו דערשרעקן זיך. אויב אייניקע אַמאָליקע פּריווילעגירטע וועלן פּרוּוון צוריק־קריגן זייערע פּריווילעגיעס. דאָס טאָר נישט דערלאָזט ווערן, האָב איך איבער־געחזרט, און איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז פון שטאָט וועט מען זיי העלפן אין זייער אַרבעט.

די שטימונג אויף דער זיצונג איז געווען די זעלביקע ווי אויף דער נעכטיקער פאַרזאַמלונג. ווען די זיצונג האָט זיך געענדיקט, האָט דער נייער פאָרזיצער צווישן געגעבן, אַז ער פאַרבעט דעם גאַנצן קאָמיטעט צו זיך אויף מיטאָג. ווען מיר זענען אָנגעקומען צו זיין שטוב, האָבן מיר דערזען, אַז עס איז צוגעגרייט אַ גאַנצער באַנקעט. חוץ דעם קאָמיטעט, זענען אויך געקומען עטלעכע אַקטיווע אַרבעטערס און אַפילו דער וויין־ספּעציאַליסט ווידעל (נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך זיך דערוווּסט דורך זיינעם אַ זון, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע, אַז זיין פאָטער איז דערשאָסן געוואָרן ווי אַ „קאָנטררעוואָלוציאָניר״, ווען סטאַלין האָט דורכגעפירט זיין מאַסנמאָרד).

איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב נישט געוווּסט פון וואַנען האָט זיך גענומען אַזוי פיל עסנוואַרג און געטראַנקען. דער עולם איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ פריילעכער פון אויסטרינקען אַזוי פיל וויין. עס האָבן נישט גע־פעלט קיין רעדעס און קיין ווידויִים אין שייכות צו מיר און מיין ייִדישער אָפּשטאַמונג.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איך בין שוין געווען היפּשלעך פאַרטשאַדעט פון טרינקען, האָב איך קלאָר געדענקט, אַז אין אָוונט דאַרף פאָרקומען אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג ביי וועלכער דער נייער קאָמיטעט האָט געדאַרפט אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דעם, וואָס איך האָב איבערגעגעבן דעם נייעם קאָמי־טעט. אין דער זעלביקער צייט וועל איך האָבן אַ געלעגנהייט צו זאָגן אַ זיי־געזונט צו די, וואָס וועלן זיין אויף דער פאַרזאַמלונג. האָב איך געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז מיר זאָלן איבעררייסן די סעודה און, אויב עס איז נאָך געבליבן געטראַנקען, זאָל מען דאָס פאַרענדיקן נאָך דער פאַרזאַמלונג. מע האָט אָנגענ־נומען מיין פאָרשלאָג און, היות עס איז נאָך געבליבן עטלעכע שעה ביז צו דער פאַרזאַמלונג, האָט מען דערווייל געכאַפּט אַ דרעמל אויפן פריש־אָפּגע־שניטענעם היי.

די מאַסן־פאַרזאַמלונג איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער זעלביקער שטי־מונג ווי די נעכטיקע פאַרזאַמלונג. די געזעגענונג איז געווען אַ האַרציקע.

אין אַזאַ קליינעם אָרט קענען נישט זיין קיין סודות. די גרעסטע טייל פון דער באַפעלקערונג האָט געוווּסט, אַז מיר האָבן געהאַט אַ סעודה ביים נייעם

פֿאַרזיצער און פּונקט אַזוי האָט מען זיך דערוווסט, אַז נאָך דער פֿאַרזאַמלונג וועט מען פֿאַרענדיקן די סעודה און די געטראַנקען. ווען איך בין צוגעקומען צו דעם פֿאַרזיצערס שטוב, האָב איך שוין דאָרטן געטראָפֿן אַ גרויסע צאָל מענטשן פֿון דער פֿאַרזאַמלונג. אין דרויסן זענען געשטאַנען עטלעכע גרויסע טישן מיט עסנוואַרג און געטראַנקען. נאָך מיר זענען אָנגעקומען נאָך אַ צאָל אַרבעטערס מיט זייערע פֿרויען. איטלעכער פֿון זיי האָט מיטגעבראַכט עפּעס צו עסן און אַ פּאָר פֿלעשער וויין. אַזוי אַז כמעט די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון אַבראַו־דוירסאָ איז זיך דאָרטן צוזאַמענגעקומען.

ווי שפּעט מע איז דאָרטן געזעסן און געטרונקען, דאָס ווייס איך נישט ביזן היינטיקן טאָג. איך ווייס אויך נישט ווי אַזוי איך בין געקומען צום פּלאַץ, ווו איך האָב געדאַרפֿט שלאָפֿן. איך ווייס נאָר, אַז אַ זייגער זיבן אין דער פֿרי איז צוגעפֿאָרן דער אויטאָמאָביל, וואָס האָט מיך געדאַרפֿט נעמען אין שטאָט אַריין. ווען דער שאָפֿער האָט מיך אויפֿגעוועקט, האָב איך געהאַט אַ שטאַרקן קאָפּווייטיק. ווען איך בין אַ ביסל געקומען צו זיך, האָב איך דערזען, אַז לעם מיין בעט שטייען דריי פּערטל־עמערדיקע פֿלאַשן מיט וויין און צו דעם אַ קעסטל מיט פֿלעשער וויין און שאַמפּאַניער און אַ קעסטל עסנוואַרג. ווען איך בין געווען גרייט צו פֿאָרן, האָט דער שאָפֿער אָנגעגאָסן צוויי גרויסע גלעזער וויין און געזאָגט, אַז דאָס וועט אונדז פֿאַרלייכטערן דעם קאָפּווייטיק נאָך דער נעכטיקער וועטשערינקע.

אַזוי ווי איך בין נישט געווען זיכער, צי איך וועל האָבן נאָך אַ מאָל אַ מעגלעכקייט צו באַזוכן אַבראַו־דוירסאָ, האָב איך געבעטן דעם שאָפֿער, אַז ער זאָל אַרויפֿפֿאָרן אויפֿן העכסטן פּלאַץ, פֿון וואַנען מען האָט געקענט אָנזען די פּראַכטפֿולע געגנט פֿאַר מיילן ווייט. די גאַנצע געגנט איז אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג און טיפֿע טאָלן — אַ זעלטענע שיינקייט, וואָס פֿאַרכאַפּט דאָס אויג און פֿאַראַליזירט דעם אָטעם.

דעם וועג פֿון אַבראַו־דוירסאָ האָט מען גערופֿן דער „שיכורער וועג“. ערשטנס, דערפֿאַר וואָס דער רוב מענטשן, וואָס זענען געפֿאָרן צוריק פֿון אַבראַו־דוירסאָ זענען געווען מער אָדער ווייניקער אָנגעטרונקען. צווייטנס, האָט די נאַטור אַרום ממש פֿאַרשיכורט מיט איר שיינקייט און מיטן אַראָמאַט פֿון די ווילדע בלומען, וואָס זענען געווען צעשאָטן אומעטום. דריטנס, האָט זיך דער וועג ביים אַרונטערלאָזן זיך פֿון באַרג, זיך געדרייט ווי אַ שלאַנג. פֿון דעסטוועגן האָט אונדזער אויטאָמאָביל זיך געטראָגן שנעל ווי אַ טייוול. טאַקע בלויז די געניטע הענט פֿונעם יונגן שאָפֿער האָבן אונדז פֿאַרהיט פֿון אַרונטער־פֿאַלן אין אַ טיפֿן אָפּגרונט.

האַלב־דרעמלענדיק, האָב איך גענומען אונטערצי'ען אַ סך־הכל פֿון דער אַרבעט אין משך פֿון דער קורצער צייט, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין אַבראַו־דוירסאָ.

די הויפּט־פֿראַגע, אויף וועלכער איך האָב געזוכט אַן ענטפֿער, איז צי דער איצטיקער מענטש, וועלכער איז אויפֿגעצויגן געוואָרן אין פֿעאָדאַליסטיש־

קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, קען איבערמאַכן איבער נאַכט אי זיך אי די סביבה און ווערן דער פּיאָנער פון אַ נייער געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף פרייהייט און גלייכהייט. מע זאָגט אונדז, אַז מיר זענען אוטאָפּיסטן — האָב איך געוואָלט געפינען אַן ענטפער, צי די אוטאָפּיע קען פאַרווירקלעכט ווערן איצט, אָט מיט די מענטשן, וואָס ערשט נעכטן האָבן זיי נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן דעם וואָס עס מיינט סאָציאַליזם און, ספּעציעל, אַנאַרכיזם!

אין מיינע געדאַנקען זענען דורכגעלאָפן בילדער פון דער פריערדיקער אַבראַו־דורסאָ, בעת איך בין אָנגעקומען אַהין איז דאָס געווען איינע פון די גיטער, וואָס די צאַרישע פאַמיליע האָט פאַרמאָגט איבער גאַנץ רוסלאַנד. אין די דאָזיקע גיטער פלעגן די ביוראָקראַטן־טשינאָווניקעס האַלטן די אַרבע־טערס אין אַ צושטאַנד פון האַלבער שקלאַפעריי.

מיטן אויסנאַם פון אַ פּאָר מענטשן, וואָס האָבן אפשר געהאַט עפּעס אַ פאַרבינדונג מיט דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָבן די מאַסן דאָרטן נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. און אָט די גרויסע מאַסע אַרבעטערס, וואָס האָבן נישט געוווּסט וואָס עס קומט פאַר אַרום זיי, האָבן באַוויזן אין אַ קורצער צייט צו געבן דער וועלט אַ ביישפּיל, אַז ביי ריכטיקע פרייהייטלעכע אומשטאַנדן קען דער מענטש ווערן אַ פרייער שאַפער פון זיין לעבן, פון זיינע מיטמענטשן און טראָגן די גאַנצע מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיט אַנדערע ווערטער, ווען די אַנאַרכיס־טישע אוטאָפּיע דערגייט צום רעאַלן לעבן, פאַרלירט דער פּאָליטישער שאַנ־טאַזש זיין גאַנצן איינפלוס אויף די ברייטע מאַסן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין נאָוואָראָסייסק, בין איך געווען זיכער ביי זיך, אַז מיין אַרבעט אין אַבראַו־דורסאָ איז געווען נוצלעך. עס איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז דער גרויסער עקספּערימענט, סיי אין אַבראַו־דורסאָ און סיי אין נאָוואָראָסייסק האָט געגעבן דער וועלט אַ באַווייז, אַז מיטן גוטן ווילן קען מען בויען אַ נייע און פרייהייטלעכע געזעלשאַפט.

די באָלשעוויקעס צעשטערן אונדזער אַרבעט אין נאָוואָראָסייסק

ביים אָנקומען קיין נאָוואָראָסייסק, האָב איך גלייך געקראָגן נייס, וואָס האָבן געפאָדערט אַ תיכפדיקע שטעלונג: צי מיר זאָלן נישט אָנהייבן קיין בירגערקריג מיט די באָלשעוויקעס אין דער שטאָט נאָוואָראָסייסק.

אַן אינזשעניער און אַ טעכניקער, וואָס האָבן געאַרבעט אין די צעמענט־זאַוואָדן און וועלכע האָבן געהאַט שטאַרקע סימפּאַטיעס פאַר דער אַנאַרכיס־טישער באַוועגונג, זענען געקומען צו קאַטיאַ גאַרבאָוואַ און האָבן איר דער־ציילט, אַז זיי האָבן באַקומען אַ בריוו מיט דער אונטערשריפט פונעם סעקרע־טאַר פון דער באָלשעוויקישער פּאַרטיי און דעם פאָרזיצער פון פּאָליטישן

סאָוויעט. אין די בריוו האָט מען זיי פאַרבעטן צו קומען צו אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מע וועט באַהאַנדלען די פראַגע, אַז די געוועזענע אַדמיניסטראַציעס פון די פאַבריקן און זאַוואָדן זאָלן צוריק איבערנעמען זייער אַרבעט און אַז דיווירקלעכע קאָמיסיעס זאָלן ווערן ליקווידירט. דאָס האָט געמיינט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן זיך געקליבן דערקלערן מלחמה די אַנאַרכיסטן.

חוץ די אויבן דערמאָנטע צוויי, זענען אויך געקומען אַנדערע אַמאָליקע פּריווילעגירטע און אונדז געשטעלט די פראַגע וואָס זיי זאָלן טאָן. די גרעסטע טייל פון זיי האָבן זיך צוגעווינט צו דער נייער לאַגע. מע האָט ביי זיי טאַקע צוגענומען אַלע פריִערדיקע פּריווילעגיעס, אָבער זיי האָבן זיך געפילט ווי מענטשן גלייך מיט אַלע איבעריקע מיטאַרבעטערס. מע האָט נישט גענומען פון זיי קיין נקמה, ווי די באָלשעוויקעס האָבן גענומען פּראַקטיצירן. צוליב דעם אַלעמען, האָבן זיי געקראָגן גרויס צוטרויען צו אונדזער גרופּע. מיר האָבן זיי געגעבן צוואָרטן אַ טאָג אָדער צוויי: פאַר דער צייט וועט אונדזער גרופּע אָננעמען אַ שטעלונג און זיי לאָזן וויסן וועגן דעם.

אויפן צווייטן טאָג נאָך מיין קומען קיין נאָוואָראָסייסק, האָט די גרופּע אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג פון אַ קאָנספּיראַטיוון כאַראַקטער — קיין שום פריינד אָדער סימפּאַטיזירער האָט נישט געוווּסט ווו און ווען די זיצונג איז פאָרגעקומען. אַלע פאַרזאַמלטע זענען געווען ערנסט פאַרטראַכט אַרום דער פראַגע וואָס זאָל מען טאָן. מיר האָבן אַלע זייער גוט געוווּסט, אַז מיר דאַרפן נאָר אָן אַגיטיר טאָן די אַרבעטערס, וועלכע זענען אַלע געווען באַוואָפנט, און די באָלשעוויקעס וואָלטן תיכף געקראָגן אַזאַ בלוט-באָד, אַז די לעבן-געבליבענע וואָלטן פאַרזאָגט זייערע קינדס-קינדער, אַז זיי זאָלן נישט „פאַרכאַפּן די גאַנצע מאַכט". אָבער, חוץ איינעם, זענען מיר אַלע געווען קעגן „בלוטבעדער". דער קאַמף וואָלט, חוץ אַלע זאַכן, געווען אַ שווערער, ווייל אַ גרעסערע צאָל באַוווּסטזיניקע אַרבעטערס זענען אַוועק אויפן פראָנט פונעם בירגערקריג און אונדזערע רייען זענען געוואָרן שטאַרק פאַרקלענערט. אין דער זעלביקער צייט האָבן די באָלשעוויקעס צוגעקראָגן אַ גרויסע צאָל פאַרטיי-חברים, וועלכע זענען געווען עוואַקויִרט פון די אַנדערע שטעט, חוץ אַ צאָל, וואָס איז געבליבן אין שטאָט, ווען דער קריגספּלאַץ האָט זיך געפונען אין נאָוואָראָסייסק.

קענענדיק די פּלענער פון די באָלשעוויקעס און אויך די אַלגעמיינע לאַגע פונעם בירגערקריג, האָט די גרעסטע טייל פון אונדזער גרופּע נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר עפענען אַ נייעם פראָנט פון אַ בירגערקריג. איך ווייס נישט אַפילו איצט, נאָך באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט, צי אונדזער שטעלונג אויפצוגעבן דעם גרויסן עקספּערימענט איז געווען אַ ריכטיקע. איך לאָז איבער פאַר דער צוקונפט, אַז זי זאָל אַרויסטראָגן דעם פּסק־דין.

אין זאַך האָבן מיר געוווּסט, אַז אונדז איז געראָטן, אין משך פון ביין חדשים, איבערצייגן אַז די אויטאָפּיע פון אַן אַנאַרכיסטישן פרייהייטלעכן צו־

זאַמענלעבן איז מעגלעך היינט צו טאָג דורכצופירן אין פּראַקטישן טעגלעכן לעבן.

דעם דערפאָלג פון נאָוואָראָסייסק קען מען נישט צושרייבן, ווי דאָס האָט געטאָן דער פאַרשטאָרבענער ג. מאַקסימאָוו, צו דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער טעטיקייט, ווייל אין אונדזער גרופּע זענען נישט געווען מער ווי איינער אָדער צוויי חברים פון דער דאָזיקער ריכטונג. די טעטיקייט פון דער גרופּע אין נאָוואָראָסייסק און אין אַבראַו דוירסאָ קען נישט איינגעשלאָסן ווערן אין די ענגע ראַמען פון איין סעקטאָר פון דער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע. דער ווירקלעכער פאַקט איז, אַז אונדז איז געלונגען דורכצופירן די גרויסע אַרבעט מיט אַ קליינער גרופּע, וואָס האָט דערצו געהאַט פאַרשיידנאַרטיקע מיינונגען. אָבער דאָס האָט מיטגעווירקט צו אונדזער באַשלוס נישט צו לאָזן זיך אויפן וועג פון אַ בירגערקריג.

עס איז געווען נאָך אַ גרויסע סיבה, וואָס האָט געשטויסן צום „פּאַציפיסטישן וועג": אַ צאָל מיטגלידער פון דער גרופּע האָבן אָנגעהייבן צו ווייזן סימנים, אַז דער „ראָמאַנטישער אַנאַרכיזם" האָט זיי גענומען מאַכן אומרויִק. די פּראַקטישע טעגלעכע אַרבעט צווישן די מאַסן האָט זיי אויפגעהערט צו אינטערעסירן צו פיל. די פרע־רעוואָלוציאָנערע „קאָנספּיראַציעס", „עקספּראָפּיאַציעס" און אַזוינע זאַכן האָבן זיי נישט געלאָזט רוען. עס איז אַלץ מער געוואָרן קלאָר, אַז אַ טייל חברים זענען געווען גרייט אין אַ ליאַדע מינוט צו פאַרלאָזן אונדזער גרופּע, וואָס דאָס וואָלט געשטעלט אין סכנה אונדזער קאָנסטרוקטיווע אַרבעט.

אָט די אַלע מאָטיוון האָבן אונדז לסוף דערפירט אָנצונעמען אונדזער באַשלוס, ווי שווער מיר זאָלן זיך נישט האָבן געפילט מאָראַליש.

די גרופּע האָט באַשלאָסן צו פאַררופן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג פון אַלע דעלעגאַטן אין עקאָנאָמישן סאָוויעט. מיר האָבן געוואָלט נישט דערלאָזן אַז די באָלשעוויקעס זאָלן אויסנוצן אונדזער באַשלוס אויפצוגעבן די אַרבעט וואָס מיר האָבן געטאָן, און אין דער זעלביקער צייט באַקאַנט מאַכן די אַרבעטערס וועגן דעם צירקולאַר־בריוו, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן צעשיקט צו אַלע באַאַמטע פון די זאַוואָדן און פאַבריקן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז פאָרגעקומען די ספּעציעלע פאַרזאַמלונג פון עקאָנאָמישן סאָוויעט. חוץ די דעלעגאַטן, זענען אויך געקומען אַלע אַקטיווע און פאַראינטערעסירטע אַרבעטערס. אונדזער „קאָנספּיראַציע" צו האַלטן בסוד פאַר די באָלשעוויקעס דעם צוועק פון דער פאַרזאַמלונג האָט זיך אונדז איינגעגעבן אויף אַלע 100 פּראָצענט. ערשט נאָכן באַריכט פון אונדזער גרופּע, האָט איינער פון די אָנוועזנדיקע באָלשעוויקעס געלאָזט וויסן וועגן דעם דער הויפּט־פירערשאַפט פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן געהאַט אַ זיצונג אין דער זעלביקער געביידע.

אונדזער באַריכט איז געווען קורץ און שאַרף, אַז מיר האָבן אויסגעפונען, אַז די באָלשעוויקעס זוכן אַלע מיטלען צו ליקווידירן דעם עקאָנאָמישן סאָוויעט און אויך די אינערלעכע קאָמיסיעס און אַלצדינג וואָס מיר האָבן געשאַפן זינט

דעם ערשטן טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. מיר האָבן צוגעגעבן, אַז מיר האָבן באַטראַכט פון אַלע זייטן די דאָזיקע לאַגע, וועלכע קען פירן צו אַ „בלוט־באָד", און היות מיר זוכן נישט דאָס, האָבן מיר באַשלאָסן זיך צוריקצוציִען פון דער אַרבעט.

די געקומענע פירערס פון די באָלשעוויקעס האָבן נישט געוווסט, אַז מיר ווייסן וועגן געהיימען צירקולאַר, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשיקט. האָט דער סע־קרעטאַר, רובין (דערהרגעט געוואָרן פון די ווייסע), געבעטן דאָס וואָרט. ער האָט געוואָלט שפּילן די ראָל פון אַ נעבעכל, וואָס ווייס פון גאָר נישט — עס וווּנדערט אים, וואָס די אַנאַרכיסטן גיבן אויף זייער נוצלעכע אַרבעט; זיי, די באָלשעוויקעס קומען אַפּילו נישט צו שטערן די פּראָדוקטיווע אַרבעט, וואָס דער עקאָנאָמישער סאָוויעט טוט. אין דעם גייסט האָט ער גערעדט ביי אַ האַל־בער שעה. עס האָט זיך די באָלשעוויקעס נישט געחלומט, אַז זיי גייען דאָ „אויפרייסן אַ באָמבע".

מיר האָבן געהאַט באַשלאָסן פון פריִער, אַז אויב די באָלשעוויקעס זאָלן קומען צו דער פאַרזאַמלונג, און מע וועט דאַרפן ענטפערן, זאָל דאָס טאָן קאַ־טיאַ גאַרבאָוואַ און דער שרייבער פון די שורות.

איצט, ווען קאַטיאַ גאַרבאָוואַ האָט געדאַרפט ענטפערן רובינען, האָט זי אָנגעהויבן מיט אַן אויפפאָדערונג צו די פאַרזאַמלטע, אַז, וואָס זי אָדער באָריס יעלענסקי זאָלן נישט אַרויסברענגען, זאָלן זיך אַלע פאַרהאַלטן רויִק און נישט דערלאָזן צו קיין אַגרעסיווע האַנדלונגען.

נאָך דעם האָט זי געגעבן אַ קורצן איבערבליק וועגן דעם וואָס נאָוואָראָ־סייסק מיט איר אַרבעטער־באַפעלקערונג האָט דערגרייכט אין משך פון די ביין חדשים. די רעזולטאַטן, האָט זי געזאָגט, האָבן געדאַרפט זיין אַ ביישפּיל פאַר גאַנץ רוסלאַנד, וויל מיר האָבן איבערגעשטיגן דעם חלום פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אונדז איז געלונגען אָנצוהאַלטן די גאַנצע אינדוסטריע פון שטאָט, מיר האָבן דערצויגן, באַוווסטזיניק געמאַכט די אַרבעטער־מאַסן, וועלכע האָבן איבערגענומען די אינדוסטריע און פירן־אָן די אַרבעט דורך אינערלעכע קאָ־מיטעטן און, נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן צוליבן בירגערקריג, גייען זיי וויטער אָן מיט זייער פּראָדוקטיווער אַרבעט.

די שטאָטישע באַפעלקערונג, — האָט זי ווייטער געזאָגט — אַפּילו די צאָל בירגערס וואָס זענען נישט איינשטימיק מיט דער נייער אָרדענונג, ווייזן נישט אַרויס קיין קעגנערשאַפט. אין אַלגעמיין, קען מען זאָגן, אַז די שטאָט נאָוואָ־ראָסייסק מיט איר גרויסער באַפעלקערונג קאָאָפּערירט. דערצו זענען אַ גרויסע צאָל ארבעטערס אַוועק פרייוויליק אויפן פראָנט צו באַקעמפן די ווייסע אַרמיי, פריִער קאָרנילאָוון און איצט דעניקינען. וויל זי, קאַטיאַ גאַרבאָוואַ, שטעלן אַ פראַגע די באָלשעוויקעס: איר זיינט געווען פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציִע, איר האָט צוגעזאָגט די אַרבעטערס, אַז זיי און נאָר זיי וועלן איבערנעמען די אינדוסטריע. איר האָט געשריִען, אַז דער אַרבעטער איז דער שאַפער פון דער נייער געזעלשאַפט — איז ווי קומט עס, וואָס נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די

נאָוואָראָסייסקער אַרבעטערס זענען אַוועק נאָך ווייטער ווי די סלאָגאַנעס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט איר נישט געפונען פאַר נייטיק זיך צו באַ־ראַטן מיט די אַרבעטערס און הינטער זייערע פלייצעס און נישט פרעגנדיק ביי זיי, האָט איר אַרויסגעשיקט אַ געהיימען בריוו צו די געוועזענע אָנפירערס פון דער אַרבעט אויף די זאַוואָדן און פאַבריקן און איר רופט אַ געהיימען צוזאַ־מענטרעף מיט זיי, מיטן ציל אַז די געוועזענע ביוראָקראַטן זאָלן איבערנעמען די פירערשאַפט פון די אינערלעכע קאָמיטעטן? ס'הייסט דאָך, אַז איר זענט גרייט צו פאַרניכטן אַלץ, וואָס די אַרבעטערס האָבן געשאַפן פאַר די נייַן חדשים! און ווו האָט איר גענומען, אָדער ווער האָט אייך געגעבן אויף דעם דאָס מאָראַלישע רעכט?

ווען קאַטיאַ גאַרבאָוואַ האָט פאַרענדיקט איר רעדע, איז פאַר אַ מאָמענט אין צימער געווען שטיל ווי אויף אַ בית־עולם. עס האָט אָבער לאַנג נישט גע־דויערט און די באָמבע האָט אויפגעריסן.

דער סעקרעטאַר פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי האָט דערקלערט, אַז די פאַרטיי האָט דערהאַלטן אַ צושריפט פון מאָסקווע מיט אַ פאָדערונג, אַז די פאַרטיי זאָל צוציִען אַלע אינזשיניערן, טעכניקערס און אדמיניסטראַטיווע באַ־אַמטע און פּרווון, אַז זיי זאָלן צוריק איבערנעמען די אָנפירערשאַפט פון דער אינדוסטריע. דער סעקרעטאַר האָט מודה געווען, אַז ער האָט געהאַט אַ געהיימע פאַרזאַמלונג מיט די געוועזענע באַאַמטע און אַז דער פּאָליטישער סאָוויעט וועט אויף דער קומענדיקער זיצונג באַהאַנדלען די פראַגע אָפיציעל. אין דער זעל־ביקער צייט האָט דער סעקרעטאַר פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי געפרווט פאַרזיכערן אונדז, אַז מע וועט קענען אויסאַרבעטן אַזוי, אַז סיי דער פּאָליטישער סאָוויעט און סיי דער עקאָנאָמישער זאָלן קענען אַרבעטן צוזאַמען, ווי אַ קאָנ־טראָל איבער די געוועזענע אַדמיניסטראַציעס פון די אינדוסטריעס. אָבער וועגן דער ראָל פון די אינערלעכע קאָמיסיעס האָט ער פאַרשוויגן.

פאַרניכטן מיט איין מאָל אַלץ, וואָס אונדזער קליינע גרופּע האָט געשאַפן אין משך פון דער קורצער צייט אין די רייען פון דער אַרבעטערשאַפט, האָבן די באָלשעוויקעס מורא געהאַט — די באָלשעוויקעס האָבן גוט געוווּסט, אַז ווען די אַנאַרכיסטן וועלן אַרויס מיט אַ רוף צו די אַרבעטערס צו צעשטערן די באָל־שעוויקישע פּלענער, וועלן די אַרבעטערס פאַרניכטן אַלץ און אַלעמען, וואָס שטייען אויפן וועג פון שאַפן אַ נייעם לעבן.

די פאַרזאַמלונג פון עקאָנאָמישן סאָוויעט האָט זיך פאַרצויגן ביז פאַרטאָג, נאָר די מיטגלידער פון אונדזער אַנאַרכיסטישער גרופּע זענען נישט געקומען צו קיין באַשלוס און מיר האָבן באַשטימט, אַז מיר זאָלן האָבן אַ ספּעציעלע זיצונג פון דער גרופּע און באַטראַכטן די לאַגע פון אַלע זייטן. מיר האָבן דער־קלערט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דעם, ווי דער פּאָליטישער סאָוויעט וועט האָבן זיין פאַרזאַמלונג, וועט מען פאַררופן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג פונעם עקאָנאָמישן סאָוויעט אויף צו באַהאַנדלען די געשאַפענע לאַגע.

אויף מאָרגן האָט די גרופּע געהאַט אַ זיצונג, וואָס האָט געדאַרפט באַשליסן

וועגן דער שווערער פראַגע, וואָס פאַר אַ שטעלונג אָנצונעמען לגבי דער לאַגע, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן געשאַפן.

עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ הייסע און ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע. אין דעם אומנאָרמאַלן צושטאַנד פון אַ רעוואָלוציאָנערן פעריאָד, שאַפן די אומשטאַנדן אַלערליי שטימונגען און געדאַנקען. די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז נישט גע־ווען קיין אויסנאַם און מע האָט צוגעזען ווי מענטשן רעאַגירן אויף ערנסטע פראַגעס נישט נעמענדיק אין באַטראַכט די פאַקטן און לאַגעס און נישט באַ־נוצנדיק קיין לאָגיק.

גלייך ביים אָנהייב פון דער גרופע־זיצונג, זענען אייניקע חברים געווען מיט דער מיינונג, אַז די גרופע זאָל דערקלערן אַ בירגערקריג און איבערנע־מען די גאַנצע פירערשאַפט פון דעם געגנט. אַלע אַרגומענטן קעגן זייערע גע־דאַנקען, אַלע פאַקטן וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער פראַגע האָבן זיי נישט אינטערעסירט — זיי האָט בלויז אינטערעסירט צו האַנדלען. דער אַלטער ראָמאַנטיזם פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָט ווידער געפרוווט אַרויפ־שווימען. צוויי פון אונדזערע מיטגלידער האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזט נאָוואָ־ראָסייסק. זאַק, דער אימיגרירטער שאָפער מיט זיין פאַמיליע, זענען אַוועק־געפאָרן קיין פיאַטיגאָרסק, ווו עס האָבן זיך געפונען אַ צאָל אַלטע אַנאַרכיסטן מיט דעם באַוווּסטן אַלעקסאַנדערגע. זיי זענען נאָך דעם אַלע דערהרגעט גע־וואָרן בעת אַן איבערפאַל פון דער ווייסער אַרמיי.

די אויסערלעכע לאַגע איז געווען שטאַרק קאָמפּליצירט. דער גענעראַל דעניקין האָט איבערגענומען די מיליטערישע אָנפירערשאַפט פון די ווייסע. ער האָט גענומען אָרגאַניזירן די דאָנער און קובאַנער קאָזאַקן און אויפגעעפנט אַ פראָנט אויף די גרענעצן פון אוקראַינע קעגן די באָלשעוויקעס און קעגן נעסטאָר מאַכנאָס פאַרטיזאַנער.

דערביי האָט פאַסירט אַ געשיכטע, וואָס ל. טראָצקי, וועלכער איז נישט געווען קיין גרויסער ליבהאָבער פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, האָט פאַר־טראַכט אַ סטראַטעגישן צוג אויף צו שיסן צוויי האָזן מיט איין מאָל: די רויטע אַרמיי האָט געהאַט געקראָגן קלעפּ פון דעניקינען, און צו מאַכנאָס פאַרטיזאַנער האָט טראָצקי נישט געהאַט קיין גרויסן צוטרוי — האָט טראָצקי פאַרטראַכט צו עפענען אַ פראָנט, אַז דעניקין זאָל קענען פאַרניכטן נעסטאָר מאַכנאָס פאַרטי־זאַנער.

דאָ האָט טראָצקי גראָד נישט געטראָפן. ס׳איז פאַראַן אַ ווערטל, אַז „דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט״. טראָצקי האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דער פריי־הייטלעכער גייסט קען שאַפן וווּנדער. נעסטאָר מאַכנאָס אַרמיי איז טאַקע געווען אויסגעשטעלט דער סכנה צו ווערן אַרומגערינגלט, אָבער די בראַווע פאַרטיזאַ־נער האָבן באַוויזן דורכצוברעכן דעם פראָנט און פאַרניכטן אַ גרויסע טייל פון דעניקינס אַרמיי. און ל. טראָצקי האָט באַצאָלט טייער פאַר זיין פּרווו צו פאַרראַטן די פאַרטיזאַנער פון נעסטאָר מאַכנאָ.

טאָמער איז דאָס אַלץ געווען ווייניק, האָט נאָך דער ברעסט־ליטאָווסקער

„שלום“ מיט די דייטשן געשאַפן אַ סיטואַציע, אַז גאַנץ אוקראַינע איז געוואָרן אָקופּירט דורך די דייטשע און עסטרייכישע אַרמייען און אוקראַינע איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה אונטער פּעטלוראַ און סקאָראָפּאַדסקי.

אָט די אַלע געשיכטלעכע פאַקטן האָבן געצוווּנגען אונדזער גרופּע נישט צו שפּילן זיך אין ראָמאַנטיזם און אָנצונעמען די רעאַלע פאַקטן. און נאָך פיר טעג דיסקוטירן אויף אונדזער גרופּע־זיצונג, האָבן מיר באַשלאָסן, אַז מיר זענען נישט בכוח אויפצופעגען נאָך אַ בירגערקריג־פראָנט. מיר האָבן אויך באַשלאָסן צו דערציילן די אַרבעטערס וואָס עס האָט פּאַסירט און אַז מיר נעמען אַראָפּ פון זיך די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

מיר האָבן אויך אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז וואָס די אַרבעטערס וועלן באַשליסן צו טאָן, וועט די אַנאַרכיסטישע גרופּע מיט גיין מיט זיי.

די ספּעציעלע פאַרזאַמלונג פון דעם עקאָנאָמישן סאָוויעט איז געווען זייער אַ הייסע. אַ גרויסע צאָל אַרבעטערס זענען געקומען באַוואָפנט און געווען גרייט צו מאַכן אַ סוף צו די באָלשעוויקעס.

אייניקע מיטגלידער פון אונדזער גרופּע זענען אַרויסגעטראָטן און דער־קלערט די גאַנצע לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע סיטואַציע. מע האָט אויך באַהאַנדלט די מעגלעכקייטן צו שטעלן אַ מיליטערישן ווידערשטאַנד. אַלע פראַגעס זענען באַהאַנדלט געוואָרן, און אונדזער מיסיע איז דערביי געווען צו באַקענען די אַר־בעטערס און קלאָר צו מאַכן זיי, אַז בלויז צו פאַרגיסן בלוט און אַרבעטערס זאָלן הרגענען אַרבעטערס אָן קיין שום סאָציאַלע רעזולטאַטן, האָט נישט קיין זינען. די מיטגלידער פון אונדזער גרופּע האָבן דערקלערט, אַז מיר זוכן נישט די מעגלעכקייט צו פאַרגיסן בלוט און אַז מיר זוכן אויך נישט צו נעמען נקמה.

די פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן, אַז מע זאָל פאַררופן מאַסן־פאַרזאַמלונגען אויף יעדער פאַבריק און זאַוואָד און דאָרטן זאָל מען באַקאַנט מאַכן די אַרבע־טערס, וואָס עס האָט פּאַסירט און וואָס דער עקאָנאָמישער סאָוויעט האָט באַ־שלאָסן צו טאָן. די דעלעגאַטן פון די אינערלעכע קאָמיסיעס, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן, האָבן אַלע דערקלערט אין איין קול: די באָלשעוויקעס ווילן פאַרניכטן די אינערלעכע קאָמיסיעס, וועלן זיי אַליין אויך דאַרפן טאָן די אַר־בעט. ספּאָנטאַן האָט זיך געשאַפן אַ שטימונג פון פּאַסיוון באָיקאָט פון דער אַרבעט.

אין משך פון אַ וואָך צייט זענען דורכגעפירט געוואָרן די מאַסן־פאַרזאַמ־לונגען אויף די פאַבריקן און זאַוואָדן. די אַרבעטער־מאַסע איז געווען מאָראַ־ליש דערשלאָגן און איז געווען גרייט צו עקסטרעמע עקסצעסן. די מיטגלידער פון אונדזער גרופּע, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין די פאַרזאַמלונגען, האָבן געהאַט אַ שווערע אַרבעט איינצוהאַלטן די אַרבעטערס. אָבער איין זאַך איז גע־בליבן פעסט: אומעטום האָט געהערשט דער גייסט פון פּאַסיוון סאַבאָטאַזש.

איבער אַ חודש צייט האָט נאָך עקסיסטירט דער עקאָנאָמישער סאָוויעט און די אינערלעכע קאָמיסיעס האָבן פונקציאָנירט, אָבער די גאַנצע פרייע אי־ניציאַטיוו פון די אַרבעטערס איז איבער נאַכט פאַרשוווּנדן. סטיכיש איז אויפ־

געקומען אַ לאָזונג, אַז די באָלשעוויקעס און די אַלטע ביוראָקראַטיע זאָלן אַר־בעטן, זאָלן זוכן און ברענגען די נייטיקע מאַטעריאַלן. די גרויסע מאַסע אַרבע־טערס זענען געוואָרן פּאַסיווע צוקוקערס. עס איז געגאַנגען לאיבוד די גאַנצע שווערע אַרבעט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטערס, די אינערלעכע קאָמיסיעס און, דער עיקר, דאָס דערפירן צו אַ שטופּע, אַז דער מענטש זאָל אָנהייבן צו פילן, אַז נאָר ער אַליין איז דער שאַפער און בויער פון דעם נייעם סאָציאַלן צוזאַמענ־לעבן. אוי, איז דאָס שווער געווען אין אָנהייב! דער דורות־לאַנגער פאַרשקלאַפּ־טער אַרבעטער, וועלכער איז אין משך פון הונדערטער יאָרן געווען בלויז אַ שקלאַף, האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די קליינע גרופּע מענטשן אונדזערע מיינט טאַקע גוט אין זייערע רעדעס, אָבער אין דער פּראַקטיק וועלן זיי עס נישט קענען דורכפירן.

לאָמיר צוגעבן, אַז אייניקע פון אונדזער גרופּע, וועלכע האָבן געלעבט מיט דעם ראָמאַנטיזם פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, האָבן אויך נישט געגלייבט צו־שטאַרק, אַז עס איז מעגלעך, אַז די אַרבעטערס זאָלן איבערנעמען און אָנ־פירן מיט דער גאַנצער אינדוסטריע און מיטן גאַנצן לעבן פון די איינוווינערס פון אַזאַ גרויסער שטאָט.

די נאָוואָראָסייסקער דערפאַרונג האָט געקאָסט אַ גוואַלדיקע אָנשטרענגונג אין די ערשטע צייטן, אָבער זי האָט געוויזן, נישט טעאָרעטיש נאָר אין טאָג־טעגלעכן לעבן, אַז ווען מע שאַפט די נייטיקע אומשטאַנדן און עס איז נישטאָ דער פּאָליטיקאַניש־פּאַרטייאישער אינטערעס, הייבט אָן דער מאָראַליש־עטישער פאַקטאָר פון קעגנזייטיקער הילף צו שפּילן אַ גרעסערע ראָל ווי דער עקאָנאָ־מישער פאַקטאָר און עס שאַפט זיך אַ צושטאַנד, בעת די אַרבעטערס הייבן־אָן צו בויען אַ פרייע געזעלשאַפט. אָט דאָס האָט פּאַסירט אין נאָוואָראָסייסק.

אָט די געשאַפענע פרייע געזעלשאַפט, געבויט אויף דער באַזע פון קעגנ־זייטיקער הילף, האָט נישט געשמעקט דער באָלשעוויקישער פּאַרטיי שוין באַלד אין אָנהייב. אָבער די נאָוואָראָסייסקער באָלשעוויקישע פירערס האָבן נישט גע־שפּילט קיין שום ראָלע און זיי האָבן געמוזט נאָכגיין די אַלע פּאַסירונגען און צושטימען צו די באַשלוסן, וואָס די אַרבעטערס האָבן אַליין אָנגענומען.

אויך איצט האָבן זיי מורא געהאַט דורכצופירן מיט אַ מאָל זייער טייוולאָ־נישן פּלאַן צו צעברעכן און פאַרניכטן דעם אַנאַרכיסטישן איינפלוס אויף די אַרבעטער־מאַסן. זיי האָבן געוווסט, אַז איין וואָרט פון די אַנאַרכיסטן וואָלט געקלעקט, אַז די אַרבעטערס זאָלן זיי צעשמעטערן.

דעריבער האָבן זיי געוואָלט, אַז דער עקאָנאָמישער סאָוויעט זאָל בלייבן, נאָר די גאַנצע הויפּט־דעה זאָל האָבן דער פּאָליטישער סאָוויעט אָדער, בעסער געזאָגט, די באָלשעוויקעס. אָבער די אַנאַרכיסטישע גרופּע האָט נישט געוואָלט זיין קיין שפּילצייג אין די הענט פון די באָלשעוויקעס און טראָגן די מאָראַלישע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פּאָליטיק פון דער באָלשעוויקישער פּאַרטיי.

די געשעענישן אין לאַנד זענען זיך דערווייל געגאַנגען זייער וועג און, ווי איך האָב שוין אַ סך מאָל זיך אויסגעדריקט, האָבן די אומשטאַנדן און די פּאַ־

סירונגען מיטגעהאָלפן, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן קענען פאַרכאַפּן און פאַרפעס־טיקן זייער מאַכט איבער גאַנץ רוסלאַנד.

די אַנאַרכיסטן, ווי אַן אָרגאַניזירטע גרופּע, האָבן, חוץ דער מאַכנאָ־באַוועגונג און חוץ נאָוואָראָסייסק, נישט געהאַט אין ערגעץ קיין אַמתן מאָראַלישן און פּראַקטישן איינפלוס אויף די ברייטע מאַסן, און די באָלשעוויקעס האָבן עס אויסגענוצט.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע איז געווען מער פאַראינטערעסירט אין שפּילן פּאָליטיק ווי אין צופרידנשטעלן דעם פּויער, וועלכער האָט געוואַרט דריי הונדערט יאָר אַז מע זאָל צעטיילן די ערד, האָבן פאַרזען ווי ביים פּויער פּלאַצט די געדולד. די סאָציאַליסטן האָבן געהייסן דעם פּויער וואַרטן ביז מע וועט שאַפן אַזאַ מין געזעץ. די באָלשעוויקעס האָבן דאָס אויסגענוצט און געזאָגט דעם פּויער: די ערד איז אייערס און איר דאַרפט אויף קיינעם נישט וואַרטן — נעמט עס אייך! (וואָס די באָלשעוויקעס האָבן דערביי געטראַכט און מיט וואָס די זאַך האָט זיך אויסגעלאָזט — דאָס איז אַן אַנדער ענין!).

ווידער איז געווען אַ פאַקט, אַז ווי די אַרבעטערס און די פּויערים זענען נישט געווען קעגן די באָלשעוויקעס, האָט אָבער קיינער פון זיי נישט געוואָלט, אַז דער צאַריזם זאָל קומען צוריק. זענען געקומען די אַליאירטע מלוכות און געגומען העלפן קאָרנילאָוון, דעניקינען, וראַנגלען און אַנדערע, וועלכע האָבן אָקופּירט טיילן פון רוסלאַנד. דאָס רוסישע פאָלק האָט אָפּגעשטעלט און צע־טריבן די אָקופּאַציע־מיליטער און די באָלשעוויקעס האָבן עס אויסגענוצט: זיי האָבן צוגעקראָגן די וואָפן, וואָס די אָקופּאַציע־אַרמייען האָבן איבערגעלאָזט.

מען האָט געקענט אויסרעכענען נאָך אַ גאַנצע שורה געשיכטלעכע פּאַסי־רונגען, וואָס האָבן געהאָלפן פאַרשטאַרקן דעם באָלשעוויזם אין גאַנץ רוסלאַנד. נאָוואָראָסייסק האָט אויך נישט געקענט זיין קיין אויסנאַם. אין ראָסטאָוו אויפן דאָן האָט זיך קאָנצענטרירט דעניקינס אַרמיי און אָנגעהויבן פאַרכאַפּן די דאָ־נער און די קובאַנער קאָזאַקן, וועלכע זענען שוין געווען אָנגערירט פון דער באָלשעוויקישער דיקטאַטור. דעניקין האָט אָנגעהויבן צו מאַרשירן אויפן וועג קיין נאָוואָראָסייסק, כדי צו האָבן אַ פּאָרט דורך וואַנען ער האָט געקענט אַריינ־קריגן הילף פון אויסלאַנד.

דער בירגערקריג איז געגאַנגען אויפן וועג צו נאָוואָראָסייסק, גראָד ווען ביי אונדז איז געשטאַנען די פראַגע, צי מיר זאָלן שטעלן אַ ווידערשטאַנד די באָלשעוויקעס. דאָס דאַזיקע האָבן מיר געקענט טאָן גאַנץ לייכט, אָבער דאָס וואָלט זיכער געהאָלפן דער ווייסער אַרמיי, וועלכע האָט זיך געריסן קיין נאָ־וואָראָסייסק. האָט אונדזער גרופּע באַשלאָסן, אַז מיר וועלן נישט העלפן נישט די באָלשעוויקעס און אוודאי נישט די ווייסע.

מיר האָבן צוזאַמענגערופן די אַקטיווע אַרבעטערס פון דעם עקאָנאָמישן סאָוויעט און, נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע, האָט מען באַשלאָסן צו ליקווידירן דעם עקאָנאָמישן סאָוויעט. נאָר דאָ האָט פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך, אַז גראָד די באָלשעוויקעס זענען געווען קעגן דער ליקווידאַציע פון דעם עקאָנאָמישן סאָוויעט.

די סיבה איז געווען, וואָס די באַלשעוויקעס האָבן זיך געניטיקט אין דער מאָראַלישער הילף פון אונדזער גרופע, וועלכע האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף די אַרבעטערס. די באַלשעוויקעס האָבן גוט געוווסט, אַז מיט דער ליקווידאַציע פונעם עקאָנאָמישן סאָוויעט וועט פאַרניכטעט ווערן די פרייע איניציאַטיוו פון די אַרבעטערס און דער באַגייסטערטער אינטערעס צו באַקעמפן די ווייסע אַר־מיי, וועלכע האָט זיך גערוקט אויפן וועג קיין נאָוואָראָסייסק.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די באַלשעוויקעס האָבן שטאַרק אַפּע־לירט, אַז דער עקאָנאָמישער סאָוויעט זאָל נישט ווערן ליקווידירט, איז דער פאָרשלאָג אויפצולייזן דעם דאָזיקן סאָוויעט אָנגענומען געוואָרן.

און דאָס איז געווען דער סוף פון דעם גרויסן אוטאָפּיסטישן עקספּערימענט, וואָס האָט געשאַפן אַ סיטואַציע, ווו דער פּראָדוצירנדיקער אַרבעטער האָט אי־בערגענומען אַלע שאַפערישע פונקציעס, ווי אַ זעלבשטענדיקער מענטש, וועל־כער האָט געשאַפן זיין נייעם לעבן אויף די פּרינציפּן פון קעגנזייטיקער הילף.

אונדזער באַוועגונג אין ראָסטאָוו־דאָן

ראָסטאָוו־דאָן איז, דער עיקר, געווען אַ האַנדל־שטאָט, נאָר זי האָט אויך פאַרמאָגט אייניקע אינדוסטריעס. אָבער דער הויפּט־קאָנטינגענט אַרבעטערס זענען געווען פון די אייזנבאַנען, ווייל ראָסטאָוו איז געווען די הויפּט־טיר פון די באַנען צו גאַנץ קאַווקאַז, צום שוואַרצן ים און צום קאַספּישן.

דעם זעלביקן טאָג, ווען איך בין אָנגעקומען קיין ראָסטאָוו, האָב איך באַזוכט דעם קלוב פון דער גרופּע „ברויט און פרייהייט“. איך האָב דאָרטן געטראָפן אַ גרויסע צאָל מיטגלידער פון דער גרופּע, וועלכע זענען באַשטאַנען פון אַרבעטערס און אַ סך סטודענטן. גראָד יענעם טאָג איז אַרויסגעקומען זייער וועכנטלעכע צייטונג „ברויט און פרייהייט“.

אין גאַנצן קלוב איז אָנגעגאַנגען אַ טעטיקייט: אין איין צימער האָט מען געפּאַקט די צייטונג, אין אַ צווייטן האָט מען דיסקוטירט טאָג־פראַגעס. אין אַ גרויסן צימער האָט אַ סטודענט געהאַלטן אַ לעקציע אויף דער טעמע „וואָס איז אַנאַרכיזם און זיינע צילן?“ דער עולם האָט אויסגעהערט מיט טיפן אינטע־רעס וואָס דער לעקטאָר האָט אַרויסגעבראַכט וועגן דער אַנאַרכיסטישער אידייע, וואָס איז פאַרן רוב צוהערערס געווען אַ נייע זאַך.

ס'איז געווען שוין שפּעטלעך אין דער נאַכט, ווען דער עולם איז זיך צע־גאַנגען און עס זענען נאָר פאַרבליבן די אַקטיווע מיטגלידערס פון דער גרופּע. דעמאָלט האָבן מיר געהאַט אַ גרופּע־מיטינג. איך האָב איבערגעגעבן אַ באַריכט וואָס מיר טוען אין נאָוואָראָסייסק און וועגן דעם ציל פון מיין רייזע. די חברים האָבן זיך ערנסט פאַראינטערעסירט מיט אונדזער אַרבעט־פּלאַן, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט גענוג חברים אויף צו שיקן צו אונדז; זיי האָבן אַליין געזוכט אַקטיווע חברים און זיי האָבן מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל בלייבן מיט זיי.

איך האָב איינגעזען, אַז אין ראָסטאָוו וועל איך מיט מיין מיסיע נישט האָבן קיין דערפאָלג. האָב איך מיט דער גרופּע אָפּגעמאַכט, אַז זיי זאָלן אונדז שיקן זייער צייטונג רעגלמעסיק און אויף מאָרגן בין איך אַוועקגעפאָרן קיין כאַרקאָוו.

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין כאַרקאָוו

אין כאַרקאָוו האָב איך זיך געטראָפן מיט אייניקע אַמעריקאַנער פּאָליטישע עמיגראַנטן. עטלעכע האָבן זיך שווערלעך צוגעוווינט צו די פּאַסירונגען, וואָס די רעוואָלוציע האָט יעדן טאָג אַרויסגעבראַכט. אַנדערע האָט שטאַרק אויסגעפּעלט דער אַמעריקאַנער אופן לעבן.

אָבער איידער איך גיי ווייטער, מוז איך זיך אָפּשטעלן וועגן אַ זאַך, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין די „האָניק־חדשים" פון דער רוסישער רעוואָלוציע:

תיכף, ווי די רעוואָלוציע האָט צעשטערט דעם אַלטן רעזשים, האָבן אַלע רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען אָנגעהויבן צו פאַרנעמען גרויסע הייזער, דרוקערייען א״אַוו, כדי צו קענען אויסוויקלען זייערע טעטיקייטן.

די זעלביקע זאַך האָבן אויך געטאָן די אַנאַרכיסטן אין אַ סך שטעט. עס איז געווען, למשל, דער פאַל מיט דער „דאַטשע דורנאָוואָ" לעבן פּעטראָגראַד, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן פאַרנומען און די פּאָליציי, צוזאַמען מיט קאַדעטן פון דער מיליטערישער שול, זענען באַפאַלן און געפּרוווט זיי אַרויסטרייבן. אין יענער שלאַכט איז אַ יונגער חבר דערהרגעט געוואָרן.

אין מאָסקווע איז געווען דער „דאָם אַנאַרכיִ" (הויז פון דער אַנאַרכיע), וואָס די באָלשעוויקעס זענען באַפאַלן מיט קאַנאָנען נאָך דעם, ווי זיי האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט. אויך אין אַנדערע שטעט איז דאָס פאָרגעקומען אויף קלענערע מאַסשטאַבן און דאָרט האָט עס אויך אָנגעהאַלטן ביז נאָך אָקטאָבער, ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך גענומען ליקווידירן די פאַרכאַפּטע הייזער און דרוקערייען.

איז גראַד, ווען איך בין אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו, בין איך אַריינגעפאַלן בעת אַ פּאַסירונג, וואָס האָט געקאָסט ברענגען אַ גרויסע צאָל קרבנות: ווי איבער גאַנץ רוסלאַנד, האָט דאָרטן די גרופּע אַנאַרכאָ־קאָמוניסטן פאַרכאַפּט אַ הויז, וואָס האָט פאַרנומען אַ פּאָר גאַסן — מע קען זאָגן, ממש אַ פּאַלאַץ. ביז איצט קען איך נישט פאַרשטיין פאַר וואָס מע האָט אין ניינצנטן יאָרהונדערט אויסגעבויט אַזאַ מין פּאַלאַץ. אונטערן הויז זענען געווען טונעלן, וואָס זענען אַרויסגעקומען מיט עטלעכע גאַסן ווייטער פונעם פּאַלאַץ.

ווען איך בין אָנגעקומען, האָט זיך שוין אין כאַרקאָוו געטומלט, אין שטאָט און אין דער פּרעסע, וועגן דעם, אַז דער פּאָליטישער קאָמיסאַר פון קערענסקיס רעגירונג האָט געגעבן די אַנאַרכיסטן אַן אולטימאַטום, אַז ביז אַ געוויסן טאָג מוזן זיי פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ.

דעם טאָג, ווען איך בין געקומען קיין כאַרקאָוו, האָט די גרופּע געהאַט אַ ספּעציעלע זיצונג צו באַטראַכטן וואָס פאַר אַ שטעלונג אָנצונעמען לגבי דעם אולטימאַטום. ווייל אויף מאָרגן, האָט דער קאָמיסאַר געסטראַשעט, אַז ער וועט מיט מיליטערישע מאַכט פאַרכאַפּן דעם פּאַלאַץ.

די גרופּע־זיצונג איז געווען אַ שטורעמדיקע. הייסע רעדעס זענען געפלויגן

איינע נאָך דער אַנדערער. דער אַלטער אַנאַרכיסטישער ראָמאַנטיזם איז געקומען צוריק צום לעבן. דער גרעסטער טייל רעדנערס האָבן געהאַלטן, אַז די אַנאַרכיסטן מוזן אַרויסווייזן אַ ווידערשטאַנד. געווען אויך ניכטערערע חברים, וואָס האָבן אָנגעוויזן, אַז אין דעם פּאַלאַץ וווינען אויך פרויען און קינדער און אונדזער ווידערשטאַנד וועט ברענגען אַ גרויסע צאָל אומשולדיקע קרבנות — האָט מען אָט די רעדנערס פאַרשריִען, אַז זיי האָבן נישט (?) דעם אַנאַרכיסטישן מוט צו קעמפן.

דאָ האָט מען גערעדט און, אין דער זעלביקער צייט, האָט מען אין די טונעלן אונטערן פּאַלאַץ אונטערגעלייגט דינאַמיט און דורכגעפירט עלעקטרישע דראָטן. אויפן דאַך און אין די אויבערשטע צימערן האָט מען אַוועקגעשטעלט מאַשין־ביקסן. אין איינעם פון די צימערן איז געווען אַ ריכטיקער אַרסענאַל מיט ביקסן, רעוואָלווערן און באָמבעס. אַלץ איז געווען גרייט אָנצופירן אַ קליינע מלחמה און די זיצונג האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז אויב מען וועט באַפאַלן דעם פּאַלאַץ און מען וועט נישט קענען אָפּשלאָגן די אַטאַקע, זאָל מען אויפרייסן דעם פּאַלאַץ מיט די צוגעגרייטע באָמבעס אין די טונעלן.

די לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז אַפילו די, וואָס זענען געווען קעגן שטעלן אַ ווידערשטאַנד און דערפאַר, אַז מע זאָל זוכן אַ מיטל אויסצומיידן אַ בלוט־באָד, האָבן נישט געקענט פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ — זיי האָבן געפילט, אַז מאָראַליש קענען זיי נישט פאַרלאָזן די חברים אין אַזאַ מאָמענט.

וואָס שייך מיך פּערזענלעך, בין איך געקומען זוכן מיטאַרבעטערס פאַר אַ קאָנסטרוקטיווער אַנאַרכיסטישער אַרבעט, און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ מיליטערישער אונטערנעמונג, אין וועלכער איך האָב נישט איינגעזען קיין שום לאָגיק.

וואָס־וואָס, נאָר מע מוז זאָגן, אַז די גאַנצע אונטערנעמונג פון ווידערשטאַנד איז מיליטעריש געווען זייער גוט אָרגאַניזירט. נאָך דער זיצונג, האָט דער יונגער עלעמענט פאַרנומען זיין פּאָסטן. דורך דער גאַנצער נאַכט זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן „ראַזוויעדקעס" צו אויסגעפינען צי די מיליטערישע כוחות פונעם פּאָליטישן קאָמיסאַר הייבן זיך אָן קאָנצענטרירן אַרום פּאַלאַץ. אָבער אַלע באַריכטן זענען געווען, אַז אַלץ איז רויִק אין שטאָט. ס׳איז געוואָרן פאַרטאָג, ס׳איז אָנגעקומען דער פרימאָרגן, נאָר קיין מיליטערישע אַטאַקעס זענען נישט פאָרגעקומען. שפּעטער האָט מען אויסגעפונען, אַז אייניקע אָנגעזעענע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך אַריינגעמישט און זיי האָבן געפּועלט ביים פּאָליטישן קאָמיסאַר, אַז ער זאָל זיך נישט באַנוצן מיט קיין מיליטער אויף צו פאַרנעמען דעם פּאַלאַץ. דערמיט איז אויסגעמיטן אַן אומנייטיקע און גרויסע בלוט־באָד. איך בין געקומען זוכן חברים פאַר אַ קאָנסטרוקטיווער אַרבעט און איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ נישט־דערוואַרטער סיטואַציע, וואָס האָט געקענט דערפירן צו טרויעריקע רעזולטאַטן...

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך יענער נאַכט, ווען מיר האָבן געקענט דערוואַרטן יעדע מינוט צו ווערן אויפגעריסן צוזאַמען מיטן גרויסן בנין, ווען די

שטימונג איז געוואָרן אַ ביסל רויִקער, בין איך געקומען צו אַ גרופּע־זיצונג און איך האָב אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן די פּלענער פון דער נאָוואָראָסייסקער גרופּע און האָב דערציילט וועגן דעם הויפּט־צוועק פון מיין קומען קיין כאַרקאָוו.

מיין באַריכט האָט אַרויסגערופן אַ הייסע דעבאַטע. קודם־כל, האָבן אַ צאָל חברים געקראָגן אַ פאַרדאַכט, אַז מיר זענען אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן — ווי אַזעלכע זענען מיר טריף ווי חזיר. די גרעסטע צאָל חברים האָבן אָנגענומען זייער פריינדלעך די פּלענער, וואָס מיר האָבן אָנגעוואָרפן און זיי האָבן באַ־גריסט אונדזער אַרבעט, אָבער פאָרן מיט מיר און העלפן אין דער גרויסער אַרבעט האָבן איינגעשטימט בלויז צוויי חברים: זשאָרזש דער שאָפער, אַן עמי־גראַנט פון פּאַריז, און נאָך אַ יונגער חבר מיטן נאָמען וואָלאָדיאַ. דעם ערשטן האָט נישט אַזוי געצויגן אונדזער אַרבעט, ווי זיין פרוי און אַ קינד האָבן גע־וואָלט זיין אין די קאַווקאַזער וואַרעמע וועטערס ווינטער־צייט. דער צווייטער איז ערנסט באַגייסטערט געוואָרן פון אונדזערע פּלענער.

ס׳איז געווען אַ פּסיכאָלאָגישע סיבה, צוליב וועלכער, פון אַזאַ גרויסער צאָל חברים, זענען בלויז צוויי געווען גרייט צו פאָרן. די עיקר סיבה איז געווען דער אַלטער ראָמאַנטיזם, וואָס האָט געהערשט אין דער אַנאַרכיסטישער באַ־וועגונג. דער גרעסטער טייל חברים זענען געווען נאָר־וואָס באַפרייטע פון קאַטאָרגע אָדער פאַרשיקונג און זיי זענען נאָך נישט געקומען צו זיך און האָבן נאָך נישט געקענט אויפכאַפּן דעם רעאַלן לעבן, וואָס די רעוואָלוציע האָט געשאַפן.

דער פאַקט איז, אַז דער גרעסטער טייל פון זיי זענען אין גיכן אַרונטער פון דער סצענע און זיי זענען פאַרלוירן געגאַנגען פאַר דער רוסישער אַנאַרכיס־טישער באַוועגונג. הגם זיי זענען געווען גרייט צו מקריב זיין זייערע לעבנס, ווי זיי האָבן דאָס באַוויזן אין יענער פינצטערער נאַכט, האָט מען זיי נישט געקענט פאַראינטערעסירן אין קאָנסטרוקטיווער אַרבעט.

נאָכן בייזיין ביי עטלעכע זיצונגען פון דער גרופּע (און זיצונגען זענען פאָרגעקומען טעגלעך), האָב איך איינגעזען, אַז קיין גרויסן דערפאָלג וועל איך שוין דאָרטן נישט האָבן. איז ווי נאָר די צוויי חברים זיינען געוואָרן גרייט צו פאָרן צו מיר, האָבן מיר איינגעפּאַקט אַ גרעסערע צאָל ליטעראַטור, וואָס די גרופּע האָט פאַרמאָגט, אויף מיטצונעמען מיט אונדז און מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער רייזע צוריק קיין נאָוואָראָסייסק.

וואָס שייך דער גרופּע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, האָט זיך דאָרטן נישט גע־פונען קיין איינער, וואָס זאָל וועלן פאָרן מיט מיר. אין יענער גרופּע האָב איך געהאַט עטלעכע באַקאַנטע חברים פון דער עמיגראַציע. די גרופּע האָט אַרויס־געגעבן אַ צייטונג „דער אַרבעטער־וועג״ און די הויפּט־אַרבעט האָבן זיי אָנ־געפירט אויף די פאַבריקן און צווישן די באַן־אַרבעטערס. קיין גרויסע צאָל מיטגלידערס האָט די גרופּע נישט פאַרמאָגט. עס פלעגן פאָרקומען אָפטע דעבאַטעס צווישן די אַנאַרכאָ־קאָמוניסטן און די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן. די

דאָזיקע דיסקוסיעס פלעגן פאָרקומען אין אַ פּאַרק אין צענטער פון כאַרקאָוו, ווו עס פלעגן אַלע אָוונט פאָרקומען עפנטלעכע מיטינגען און דעבאַטן.

אויפן וועג צוריק קיין נאָוואָראָסייסק האָב איך, זיצנדיק אין די האַלב־טונקעלע וואַגאָנען, געהאַט גענוג צייט נאָכצוטראַכטן וועגן דעם וואָס איך האָב צוגעזען אין כאַרקאָוו. דער עיקר, האָב איך געטראַכט, אַז ווען די צוויי גרופּעס וואָלטן זיך ווייניקער פאַרנומען מיט אַטאַקירן איינער דעם אַנדערן און זיי וואָלטן זיך בכלל פאַרנומען אויף אַ קאָנסטרוקטיוון וועג, צו פּרוּוון בויען אַ נייעם לעבן אויף פרייהייטלעכע יסודות, וואָלט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע געהאַט צו פאַרצייכענען אַ סך מער געשיכטלעכע פּאַסירונגען.

איצט וועלן מיר זיך אומקערן צוריק קיין נאָוואָראָסייסק און זען וואָס דאָרטן האָט אויפגעטאָן די קליינע אַנאַרכיסטישע גרופּע.

די סטראַטעגיע פון די באָלשעוויקעס זיך אַרויסצודרייען פון קלעם

אמת, דאָס מזל האָט צוגעשפּילט די באָלשעוויקעס פון אַלע זייטן. אָט האָט שוין אויסגעזען, אַז זיי ווערן פאַרניכטעט, און, ווי אַ כּישוף, האָט זיך איבער נאַכט געשאַפן אַזאַ לאַגע, וועלכע האָט זיי געהאָלפן אַרויסקריכן פון קלעם. פון זייער זייט, האָט זיי, דער עיקר, געדינט זייער גאַנג אויסצונוצן אַלע מעג־לעכקייטן און נישט אָפּצושטעלן זיך צוליב שוועריקייטן. דערצו האָבן זיי פאַר־מאָגט אַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער יעדער מיטגליד איז געווען פאַרפליכטעט אויסצופירן וואָס זייער פּאַרטיי האָט באַשלאָסן צו טאָן.

ביי די אַנאַרכיסטן פון אַלע שאַטירונגען האָט עקסיסטירט אַ גרויסער כאַאָס. מ׳קען, אמת, געפינען די געשיכטלעכע סיבות פאַר אָט דער סיטואַציע.

קודם־כל, האָט געשטערט דער ראָמאַנטיזם, וואָס האָט באַהערשט די אַנאַר־כיסטישע גרופּעס. אַפילו די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, וועלכע האָבן יאָ געגלייבט אין אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, האָבן זייער ווייניק אויפגעטאָן אין קאָנסטרוק־טיוון זינען. אייניקע געציילטע גרופּעס האָבן געפּרוּווט טאָן קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. דער עיקר, האָט זיך אין דעם אויסגעצייכנט נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטי־זאַנער־אַרמיי. געווען אויך פּרוּוון פון קלענערע פּאַרטיזאַנער־גרופּירונגען, ווי די פון מאַקס טשערניאַק (אַ פאַבריקמאַכער פון טשיקאַגאָ), מאַרוסיאַ ניקאַפּאָ־ראָוואַ און אַנדערע. אָבער אָט די גרופּירונגען זענען געווען מיליטערישע לויט זייער כאַראַקטער און, ביים בעסטן ווילן, האָבן זיי, אין יענע אומשטענדן, נישט געקענט זיין שטענדיק אויפן זעלביקן פּלאַץ — פלעגן די געשאַפענע קאָנסטרוק־טיווע אַרבעטן חרוב ווערן, ווען זיי האָבן געמוזט אָפּטרעטן אויף נייע פּאָזיציעס.

דער ראָמאַנטישער גייסט פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָט אין די צייטן פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע געשאַפן אַ קלאַס חברים, וואָס

איך וואָלט זיי אָנגערופן גאַסטראַליאָרן — דאָס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן נישט געקענט איינזיצן אויף איין אָרט. מען פלעגט אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט. דערצו האָט זיך צוגעקלעפּט צו דער באַוועגונג אַ פרעמדער עלע־מענט, די „נאַליאָטשיקעס״, ביי וועמען דער גאַנצער אַנאַרכיזם איז באַשטאַנען אין מאַכן עקספּראָפּיאַציעס, אָדער נאָך ערגערע זאַכן.

נאָוואָראָסייסק איז נישט געווען קיין אויסנאָם אין זינען פון האָבן די פריִער דערמאָנטע „גאַסטראָליאָרן״. אָבער ביזן סוף פון אונדזער עקספּערימענט, האָבן די ביי אונדז נישט געהאַט וואָס צו טאָן. מע פלעגט זיי פּראָסט און פּשוט דערקלערן, אַז מע וועט אויף זיי אַכטונג געבן — פלעגן זיי אין אַ פּאָר טעג אַרום פאָרן ווייטער. אָבער ווען מיר האָבן ליקווידירט דעם עקאָנאָמישן סאָוויעט און אונדזער גרופּע האָט נישט געהאַט קיין דירעקטע אַקטיוויטעט, האָבן עטלעכע חברים פון נישט האָבן וואָס צו טאָן, זיך אומגעקערט צו זייער ראָמאַנ־טישקייט, און דאָ איז געקומען דער סוף פון אונדזער גרופּע. דאָס איז געשען, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר האָבן אין משך פון ביין חדשים געבויט צוזאַמען אַ נייע סאָציאַלע אָרדענונג.

פון אָנהייב פלעגן מיר זיך צוזאַמענקומען יעדן טאָג צו אַנאַליזירן און דיס־קוטירן די געשעענישן אין לאַנד. אָבער מיט אַ מאָל האָבן זיך די מיטינגען אָפּגעשטעלט. די צוזאַמענקומען פלעגן פאָרקומען ביי קאַטיאַ גאַרבאָוואַ, אָבער מיט אַמאָל האָט גענומען פאַסירן, אַז ווען מיר פלעגן קומען צו גאַרבאָוואַס הויז, פלעגן מיר זי טרעפן פאַרשלאָסן. מיר האָבן נישט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָ האָט פאַסירט.

האָבן מיר זיך איין מאָל צוזאַמענגערעדט, וואַניאַ בודניק און איך, און מיר זענען אַוועק צו אָלגאַ לייקס שטוב. מיר זענען געוואָרן איבעראַשט, ווען מיר האָבן דאָרטן געטראָפן עטלעכע מיטגלידער פון אונדזער גרופּע, קאַטיאַ גאַר־באָוואַ צווישן זיי, וואָס זענען געזעסן און פאַרבראַכט ביי אַ טיש מיט עסנוואַרג און גוטע געטראַנקען. צוויי פון די אָנוועזנדיקע זענען פאַר אונדז געווען נייע פּנימער און ביידנס אויסזען האָט נישט געוווּנען אונדזער סימפּאַטיע. עס האָט זיך געלאָזט מערקן, אַז אונדזער אומדערוואַרטער אָנקומען האָט צעשטערט די גוטע שטימונג, וואָס האָט דאָ פריִער געהערשט.

היות איך בין נישט פון די שעמעוודיקע, האָב איך דירעקט געשטעלט די פראַגע פאַר וואָס מע האָט אָפּגעשטעלט די טעגלעכע צוזאַמענקומען און נישט געפונען אַפילו פאַר נייטיק צו לאָזן וויסן וועגן דעם, און ווער זענען אָט די צוויי „גאַסטראָליאָרן״.

אָלגאַ לייק, אַ נייע און תמימותדיקע חברטע, האָט, די ערשטע זאַך, פאַר אונדז פאָרגעשטעלט די צוויי טיפּן. איינעם האָט מען גערופן סאַפּיין — דער נאָמען איז מיר געווען באַקאַנט ווי איינער פון די אָדעסער נאַליאָטשיקעס. דעם צווייטן האָט מען גערופן, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, חבר סערגעי דער מאַטראָס. אָלגאַ לייק האָט זיך אויך אַנטשולדיקט פאַר וואָס מע האָט אונדז נישט געלאָזט וויסן — זי האָט געמיינט, קאַטיאַ גאַרבאָוואַ האָט אונדז געלאָזט וויסן.

האָב איך געשטעלט די צווייטע פראַגע: צי מע קען וויסן צוליב וואָס פאַר אַ צוועק זענען צו דער נאָוואָראָסייסקער גרופּע געקומען די חברים סאַפּיין און סערגעי. אַזוי ווי קאַטיאַ איז געזעסן ווי אַ באַגראָבענע צוליב איר נישט חבר־לעכער האַנדלונג, האָט אָלגאַ לייק גענומען אויף זיך די מיסיע צו דערקלערן אונדז וואָס דאָ קומט פאָר און דעם צוועק צוליב וועלכן סאַפּיין און סערגעי זענען געקומען קיין נאָוואָראָסייסק:

— זיי האָבן אַ גרויסע מיסיע דורכצופירן. זיי פירן מיט זיך אַ גרויסע סומע געלט און, היות איצט קומט אומעטום פאָר אַ בירגער־קריג, ווילן זיי אַז קאַטיאַ גאַרבאָוואַ און איך זאָלן פאָרן מיט זיי. חוץ דעם ווילן זיי, אַז די איבעריקע חברים זאָלן אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער אַרמיי אין די קאַווקאַזער בערג און זיי זענען גרייט צו געבן פאַר דעם צוועק אַ גרויסע סומע געלט.

אויף מיין פראַגע צו ווען עס געהערט דאָס געלט, האָט מען מיר גע־ענטפערט, אַז עס געהערט צו דער מאָסקווער סאָוויעטישער רעגירונג. האָב איך ווידער געפרעגט צו וואָס זאָל מען איינשטעלן דאָס לעבן פון פיר חברים, ווען דער לייכטסטער וועג איז איבערצוגעבן דאָס געלט צו דער באָלשעוויקי־שער פּאַרטיי דאָ אין שטאָט, נעמען פון זיי אַ קבלה אין איינציקע קאָפּיעס און די מיסיע וועט זיין פאַרענדיקט. אויב איר ווילט אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער אַרמיי, זענען מיר ווילליק אייך צו העלפן, אָבער איר מוזט זיין פון די איניציאַטאָרן און פאַרבלייבן דאָ אויפן פּלאַץ.

ביידע, סאַפּיין און סערגעי, האָבן אָנגעהויבן צו אַרגומענטירן, אַז נאָר זיי זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן געלט צו דער סאָוויעטישער רעגירונג און דערי־בער קענען זיי נישט אָננעמען מיין פאָרשלאָג איבערצוגעבן דאָס געלט צו די באָלשעוויקעס דאָ אין נאָוואָראָסייסק און זיי קענען נישט בלייבן דאָ צו העלפן אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער אַרמיי.

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער מאַטראָס סערגעי האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער נאַיווער און גוטהאַרציקער אָלגאַן און אַז זי איז פאַרשיכורט געוואָרן, ווייל זי האָט געמיינט אַז די גרויסע אַוואַנטורע איז אַ וויכטיקע אַנאַר־כיסטישע אַרבעט און זי האָט זיך געלאָזט פאַרפירן און שפּעטער ווערן סער־געיס פרוי.

וואָס איז געוואָרן מיטן געלט און פון וואַנען עס האָט זיך גענומען — ווייס איך נישט. וואָס איך ווייס יאָ איז, אַז אין יענער צייט האָט ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ גאָט אין האַרצן געדרוקט געלט. איך האָב אַ חשד, אַז סאַפּיין און סערגעי האָבן געהאַט אַ דרוקמאַשין און געמאַכט געלט. די גאַנצע געשיכטע איז געווען אַן אויסרייד, אַז די אומשולדיקע אָלגאַ און די פּראַקטישע קאַטיאַ זאָלן פאָרן מיט זיי.

וואַניאַ בודניק און איך האָבן, נישט צוזאַמענגערעדט זיך, ביידע דער־קלערט, אַז מיר וועלן נישט נעמען קיין אָנטייל אין דער אַוואַנטורע צו אָרגאַני־זירן אַ פּאַרטיזאַנער אַרמיי און אַז מיר ווילן נישט האָבן צו טאָן מיט זייער געלט, אויך אַז מיר קענען נישט טראָגן די אַחריות פאַר אָלגאַ לייק און קאַטיאַ גאַר־

באָוואַ — אויב זיי ווילן פאָרן ווי צוויי פרויען, קענען זיי עס טאָן, אָבער נישט ווי צוויי מיטגלידערס פון אונדזער גרופּע. אַז דערמיט פאַרענדיקן מיר אונדזער מיטאַרבעט אין דעם גרויסן עקספּערימענט, וואָס די נאָוואָראָסייסקער גרופּע האָט דורכגעפירט אין לעבן אין משך פון ניין חדשים צייט. נאָך דעם זענען מיר בײדע אַרויס פון אָלגאַ לייקס שטוב, נישט זאָגנדיק אַפילו קיין „זיי געזונט".

דעם זעלביקן אָוונט האָט מיך אָלגאַ געטראָפן אין גאַס און אָנגעהויבן צו איבערצייגן, אַז זי וועט אין צוויי וואָכן אַרום זיין צוריק און מיר וועלן ווידער אַרבעטן צוזאַמען. זי האָט געטענהט, אַז זי פילט אַז עס איז אין איר חוב צו העלפן די צוויי חברים און אַז דאָס זעלבע פילט קאַטיאַ גאַרבאַוואַ. איך האָב זייער אָפּגעשאַצט אָלגאַ לייק, ווי אַ חבר און מענטש און עס האָט מיר ווייט געטאָן וואָס זי פאַלט אַריין אין אַ מיאוסער פאַסטקע. איך האָב איר אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגן דער אַוואַנטורע, אָבער מיינע רייד האָבן נישט געהאָלפן. אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען די פיר אַוועקגעפאָרן פון נאָוואָראָסייסק און דאָס איז געווען דער אָנהייב פון סוף פון אונדזער גרופּע. אין אַ קורצער צייט אַרום זענען אַוועקגעפאָרן וואַניאַ בודניק און קאַטיאַ איזוויעקאָוואַ — זענען מיר נאָר פאַרבליבן אַ פּאָר מענטשן פון דער גרופּע. אַזוי איז געחתמעט געוואָרן דער סוף פון אַ גרויסן סאָציאַלן עקספּערימענט צו שאַפן אַ סביבה, ווו דער איינצלנער מענטש זאָל אָנהייבן טראַכטן פון אַ וועג פון אַ זעלבשטענדיקער איניציאַטיוו און נישט פאַרלאָזן זיך אויף פּאָליטישע אַוואַנטוריסטן, וואָס זאָגן צו און פירן קיין מאָל נישט דורך וואָס זיי זאָגן צו.

ווי שווער עס איז נישט געווען זיך צוצוגעוווינען צום געדאַנק, אַז אָט דער שיינער אופן פון פרייען מענטשלעכן צוזאַמענלעבן איז פאַרניכטעט געוואָרן, אָבער די געשיכטלעכע אומשטאַנדן פון יענער צייט האָבן אָנגעהויבן צו ווייזן בולטע סימנים פון פאַרניכטונג פון דעם, וואָס די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן שאַפן.

ביז היינטיקן טאָג באַשולדיקט מען די באָלשעוויקעס, אַז זיי האָבן גייסטיק אַרונטערגעפירט פון וועג די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע. דער פאַקט איז אַ ריכטיקער, אָבער מע מוז, אין דער זעלביקער צייט, שטעלן אַ פראַגע: וואָס פאַראַ מאָראַלישע און פיזישע קראַפט האָט געקענט אָפּשטעלן די באָלשעוויקישע פּאַרטיי?

דער איינציקער מאָראַלישער כוח איז געווען דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל, וועלכער האָט געקענט אינספּירירן, אַז די רעוואָלוציע זאָל זיך טיפער אַנטוויקלען איבער דעם גרויסן רוסישן לאַנד. דער אַנאַרכיזם האָט געהאַט דעם נייטיקן גייסטיקן כוח דאָס צו טאָן, אָבער, צום גרויסן באַדויערן, האָט דער אַלטער אַנאַרכיסטישער ראָמאַנטיזם, וועלכער האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט בעת יענער רעוואָלוציע, נישט דערלאָזט צו שאַפן די גרויסע קאָדרען קאָנסטרוקטיווע אַרבעטערס אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. מענטשן האָבן געחלומט אַ שיינעם חלום, אָבער זיי האָבן נישט געטאָן קיין שום קאָנסטרוקטיווס, אַז דער שיינער חלום זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן. דער פּרווו אין נאָוואָראָסייסק און אין

נאָך אייניקע פלעצער האָבן נישט געהאַט גענוג מעגלעכקייטן און כוחות אָפּצושטעלן אַליין דעם פאַלשן פּאָליטישן גאַנג פון די באָלשעוויקעס. אָבער אָט די מיניאַטורע עקספּערימענטן האָבן יאָ באַוויזן צו איבערצייגן געשיכטלעך, אַז מע קען פון דער אויטאָפּיע מאַכן אַ גרויסע און שיינע ווירקלעכקייט.

נאָכן דורכפאַל פון נאָוואָראָסייסקער עקספּערימענט

די יעניקע חברים, וואָס זענען פאַרבליבן אין נאָוואָראָסייסק, פלעגן זיך אָפּט צוזאַמענקומען. עס פלעגן זיין דערביי אויך די געוועזענע אַקטיווע טוערס אין און אַרום דעם עקאָנאָמישן סאָוויעט. מיר פלעגן אַרומריידן די אַלגעמיינע לאַגע פון לאַנד און, באַזונדערס, די סיטואַציע אַרום נאָוואָראָסייסק. פון געוויסע קוואַלן האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז גענעראַל דעניקינס ווייסע אַרמיי רוקט זיך שנעל אויפן וועג קיין נאָוואָראָסייסק.

היות מיר האָבן אָפיציעל איבערגעריסן אונדזערע באַציונגען מיט די באָלשעוויקעס, האָבן מיר ביי זיי נישט געקענט אַרויסקריגן קיין אינפאָרמאַציע וועגן דער לאַגע און אויך נישט צי זיי האָבן פלענער פאַר עוואַקואַציע אויב דעניקין וועט צוקומען צו נאָוואָראָסייסק. אויף אַלע אונדזערע פראַגעס פלעגט מען אונדז ענטפערן, אַז אויפן פראָנט גייט אַלץ גוט און אַז דעניקין וועט קיין מאָל נישט קענען צוקומען צו נאָוואָראָסייסק. אָבער אין זייערע פאַרזיכערונגען האָט מען אַרויסגעפילט אַ נאָטע, אַז נישט אַלץ איז אַזוי גוט ווי זיי ריידן.

די באָלשעוויקעס האָבן אונדז נישט אויסגעזאָגט דעם ריכטיקן אמת — די לאַגע אַרום נאָוואָראָסייסק איז געווען זייער אַ קריטישע. דערצו איז דער איינציקער וועג צו פאַרלאָזן די שטאָט געווען דער שוואַרצער ים, און קיין מיטלען מיט וואָס אַרויסצופאָרן איז אויך נישט געווען. די איינצלנע קליינע שיפן זענען געווען אונטערן קאָנטראָל פון די באָלשעוויקעס. צו דעם אַלעמען, איז נישט געווען קיין אָרט וווהין צו פאָרן: דער קרימער האַלבאינדזל איז געווען פאַרנומען דורך דער קרימער דעמאָקראַטישער (?) רעגירונג, וואָס האָט געקוקט קרום אויף איטלעכן, וואָס איז געקומען פון נאָוואָראָסייסק. דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט אין דער אומאָפּהענגיקער גרוזינישער רעפּובליק. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַ פאַסטקע פאַר די, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן די שטאָט אין פאַל די ווייסע אַרמיי זאָל זי אַטאַקירן.

אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז דאָס געווען דעם 18טן אויגוסט אָדער סעפּטעמבער, ווען איך בין אַריין אין סאָוויעט און געפּרוווט אַ טאַפּ טאָן דעם דופק ווי עס האַלט אויפן פראָנט. אין דעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט האָב איך געהאַט אַ נאָענטן פריינד, וואָס איז געווען דער מיליטערישער קאָמיסאַר. דער מענטש פלעגט אַלע מאָל האָבן אַ ליבן שמייכל אויפן פּנים, אָבער דאָס מאָל האָב איך באַמערקט, אַז ער איז טיף פאַרזאָרגט. ווען איך האָב אים געשטעלט דירעקט די פראַגע, האָט ער געמאַכט אַ זשעסט, וואָס האָט אויסגעדריקט, אַז די

לאַגע איז נישט גוט. דערצו האָב איך געזען, אַז ער לייגט אַריין אַ טייל פון זיינע פּאַפּירן אין אַ פּאָרטפעל און די גרעסטע טייל הייבט מען אָן צו פאַרניכטן. האָב איך שוין פאַרשטאַנען ווי די לאַגע האַלט.

עס האָט גענומען עגבערן דער געדאַנק ווי פאַרלאָזט מען די שטאָט. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז בעסי מיטן זון זאָלן דערוויל פאַרבלייבן אין נאָוואָראָסייסק, וויל מיר זענען געווען מער אָדער ווייניקער זיכער, אַז פרויען און קינדער וועט מען נישט טשעפּען. גייענדיק אַזוי פאַרטראַכט מיט דער הויפּטגאַס, האָט מיט אַמאָל גענומען אויפרייסן אין דער לופט קאַנאָנען־קוילן, און באַלד איז געוואָרן אַ פּאַניק אין שטאָט. די רעשטלעך פון דער רויטער אַרמיי האָבן אָנגעהויבן צו עוואַקוירן זיך אין דער ריכטונג פון די קאַווקאַזער בערג.

מע זאָגט, אַז די געשיכטע חזרט זיך איבער. מיט מיר האָט עס פּאַסירט: נאָך דער באַרימטער זעקס־וואָכיקער סאָוויעטישער רעפּובליק אין 1905, ווען די צאַרישע מיליטערישע אָפּטיילונגען האָבן אַטאַקירט נאָוואָראָסייסק, בין איך געווען אויפן זעלביקן פּלאַץ וואָס אין 1918. גיין צו זיך אַהיים איז נישט געווען קיין פּלאַן, ווייל תיכף, ווי מע האָט גענומען שיסן אויף דער שטאָט, האָבן זיך אין גאַס באַוויזן עלעמענטן מיט פאַרדעכטיקטע פּנימער.

בין איך גלייך אַריין אין אַ געשעפט פון אַ היטלמאַכער, וואָס איז געווען אַ פריינד פון אונדזער משפחה. ער האָט באַלד פאַרמאַכט די קלייט און איך האָב געהאַט ווו איבערצושלאָפן די ערשטע נאַכט. דער פריינד האָט געלאָזט וויסן בעסיען ווו איך געפין זיך.

פאַרנאַכט־צו האָט אַריינגעמאַרשירט גענעראַל דעניקינס אַרמיי און די גאַנ־צע צייט זענען אָנגעגאַנגען אָביסקן און אַרעסטן. פאַרבלייבן אין דעם געשעפט לאַנג האָב איך נישט געקענט. בין איך אויף מאָרגן אין דער פרי אַריבער צו אַן אַנדער פריינד, וועלכער האָט געהאַט אַ וועשעריי. אָבער דאָ האָבן מיר די אַר־בעטערס געקענט. דערצו האָט דער געשעפט געהאַט אַן אָפענע טיר און אַ גאַנצן טאָג פלעגן זיך דאָרטן דרייען סאָלדאַטן און אָפיצירן פון דער ווייסער אַרמיי. האָט מען ווידער געדאַרפט זוכן אַ פּלאַץ ווו איך זאָל זיך קענען באַהאַלטן ביז עס וועט זיך אַ ביסל איינשטילן.

אַזאַ מין פּלאַץ האָט זיך אָפּגעזוכט. דאָס איז געווען אין צענטער שטאָט, ביי אַ פאַמיליע, וואָס איז געווען זייער נאָענט באַפריינדט מיט מיין משפחה. זיי האָבן געהאַט אַ שניידעריי. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך דאַרף האָבן אַ פּלאַץ ווו זיך צו באַהאַלטן, האָבן זיי גלייך געלאָזט וויסן, אַז פאַרנאַכט זאָל איך אַריבער צו זיי און אַז זיי האָבן פאַר מיר אַ ספּעציעלן צימער. דאָס אַריבערגיין פון איין פּלאַץ אויפן צווייטן איז געווען איינגעשטעלט, ווייל אין צענטער שטאָט האָבן זיך אַרומגעדרייט שפּיאָנען. די איינוווינערס, וועלכע האָבן געליטן פינאַנ־ציעל פון דער נייער אָרדענונג, האָבן צוגעהאָלפן די ווייסע און יעדערן, אויף וועמען עס איז נאָר געפאַלן אַ חשד, האָט מען גלייך אַרעסטירט. אָבער ווייזט אויס, אַז מיין מזל האָט מיר געדינט און איך בין בשלום צוגעקומען צו דעם הויז, ווו מע האָט געהאַלטן די טיר אָפן, כדי איך זאָל גלייך קענען אַריין.

איך בין טאַקע אָנגעקומען בשלום צו מײַנע פֿרײַנד, װוּ איך האָב געטראָפֿן אַ גוטע װעטשערע און אַ בעט צו שלאָפֿן, אָבער שלאָפֿן האָב איך נישט געקענט די גאַנצע נאַכט, װײַל ביים עסן האָב איך דערהערט אַ טומל אין דרויסן און, אַז איך האָב אַ קוק געטאָן דורכן האַלב־פֿאַרמאַכטן פֿענצטער, האָב איך אַ ציטער געטאָן — איך האָב דערזען, אַז אױפֿן גרױסן הױף האָט מען באַזעצט אַן אָפּ־טײלונג פֿון קובאַנער קאָזאַקן, װעלכע האָבן אָנגעהױבן אַרײַנצוקומען אין שטוב צוליב פֿאַרשײדענע זאַכן. אַ גאַנצע נאַכט איז געװען אַ גרױסער טומל פֿון די קאָזאַקן, װעלכע האָבן געמאַכט אַביסקעס און דערװײַל צוגענומען זאַכן, װאָס זענען זײ געקומען צו דער האַנט.

אַ גאַנצע װאָך בין איך געװען פֿאַרשפּאַרט אין צימער און אַרומגערינגלט פֿון דרויסן מיט די קאָזאַקן. איך װעל דערצײלן פֿון יענער צײַט בלויז אײן עפּיזאָד פֿון די, װאָס קענען דערפֿירן צו אַ האַרצשלאָג: אײן טאָג, װען איך בין געזעסן בײַם פֿענצטער און אַרױסגעקוקט אין דרויסן אַרױס, דערזע איך מיט אַמאָל, אַז דער באַלעבאָס פֿון מײַן מוטערס דירה גײט אַרײַן אין געשעפֿט, באַ־גלײט דורך צװײ אָפֿיצירן. איך האָב אַנדערש נישט געקענט טראַכטן, װי אַז דאָס פֿירט ער די אָפֿיצירן מיך צו אַרעסטירן, װײַל דער חברה־מאַן איז געװען קאַפּאַבל אױף יעדער שמוציקער אַרבעט און אױף מיר איז ער געװען מלא־רציחה, װײַל מיר האָבן ביי אים בשעתו פֿאַרניכט עטלעכע הונדערט עמערס װײַן. ער איז טאַקע געװען בײַ מײַן מוטער כדי אױסצוגעפֿינען װוּ איך געפֿין זיך. האָב איך אַרױסגענומען מײַן אױטאָמאַטישן רעװאָלװער און בין שוין געװען גרײט צו באַגעגענען די „געסט" שטײענדיק בײַ דער זײַט פֿונעם פֿענצטער.

דער חברה־מאַן מיט די אָפֿיצירן זענען געװען צװײ צימערן װײַט פֿון מיר. איך האָב געהערט, אַז זײ רײדן מיט אונדזער פֿרײַנד, אָבער װאָס זײ האָבן גע־רעדט האָב איך נישט געקענט הערן. ערשט מיט אַריבער אַ שעה שפּעטער זענען די לײַט אַװעק און דער פֿרײַנד איז אַרײַן צו מיר — לאָזט זיך אױס, אַז דאָס האָט דער חברה־מאַן געבראַכט די אָפֿיצירן, צו באַשטעלן בײַ אונדזער פֿרײַנד מיליטערישע קלײדער.

װאָס דער גורל קען אָפּטאָן! דער חברה־מאַן האָט מיך אַרומגעזוכט איבער דער גאַנצער שטאָט, און דאָ איז ער געװען עטלעכע טריט פֿון מיר און נישט געװוּסט דערפֿון!

בעסיע, מײַן מוטער און די עלטערע שװעסטער האָבן אָנגעהױבן צו טראַכטן װי מע פֿירט מיך אַרױס פֿון שטאָט. מיט דער באַן איז געװען געפֿערלעך פֿאַר מיר צו פֿאָרן. דער אײנציקער װעג איז דעריבער געװען מיטן ים. װי נאָר די װײַסע זענען אַרײַן אין שטאָט, האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ באַװעגונג פֿון קלײנע שיפֿן, װאָס זענען געפֿאָרן ביז קערטש. אָבער אױף צו פֿאָרן האָט מען געדאַרפֿט האָבן אַ דערלױבעניש פֿון דער נײַער מאַכט, און דאָס צו קריגן איז געװען אַ שװער שטיקל אַרבעט.

מײַן מוטער, װעלכע האָט געהאַט צענדליקער יאָרן אַ הײמישן רעסטאָראַן, האָט אָפּט געדאַרפֿט געבן העכערע פּאָליצײַ־באַאַמטע כאַבאַר, װײַל נישט אַלע

יידן וואָס פֿלעגן קומען אין שטאָט, האָבן געהאַט דאָס רעכט צו פֿאַרבלייבן דאָרטן מער ווי 24 שעה. איינער פֿון יענע באַאַמטע, וואָס האָט נאָך אָקטאָבער רעוואָ־לוציע געדינט אין דער פּאָליציי, האָט אָבער אַ ריכטיקן זיידנס און ווי לאַנג פֿון דער דעפֿט־באַאַמטער פֿון דער פּאָליציי.

גראַד האָט דער דאָזיקער מענטש זיך דערוווּסט וועגן מיין שטעלונג אין שייכות מיט די געפֿאַנגענע אָפֿיצירן, וועגן וועלכע איך האָב דערציילט אויף אַן אַנדער פּלאַץ, און ער האָט באַהאַלטן פֿאַר מיר אַ סימפּאַטיע.

איז ווען מיין מוטער איז אַוועק צו אים, האָט ער תּיכּף געשטעלט דעם שטעמפּל אויף מיין פּאַספּאָרט און אויך געקראָגן פֿאַר מיר די דערלויבעניש אַרויסצופֿאָרן פֿון שטאָט.

אָבער מיט דעם אַלעמען איז נאָך אַלץ נישט געווען זיכער, אַז דאָס אַרויס־פֿאָרן וועט מיר געראָטן. האָט די שוועסטער באַשלאָסן, אַז זי וועט מיט מיר מיטפֿאָרן ביז קערטש. זי האָט אַלץ צוגעגרייט, דורך אירע באַקאַנטע, אויף אַרויסצופֿאָרן שבת פֿאַרנאַכט. עס איז נאָך אַלץ פֿאַרבליבן די פֿראַגע ווי אַזוי וועל איך קומען צום שיפֿל, ווייל כמעט די גאַנצע שטאָט האָט מיך געקענט און עמיצער אַ קעגנער האָט מיך געקענט דערזען אין גאַס און אויסגעבן צו דער פּאָליציי.

אומדערוואַרטערהייט האָט פּאַסירט אַ נס: אין דעם צווייטן שטאָק פֿון דער שטוב, וווּ מיר האָבן געוווינט האָט געוווינט אַ פֿאַרפּאָלק צוזאַמען מיט דער פּרויס אַ ייִנגערער שוועסטער. די דאָזיקע האָט נישט גענומען קיין אַקטיוון אָנ־טייל אין דער באַוועגונג, אָבער זי האָט ספּאָנטאַן פֿאָרגעשלאָגן בעסין צו פֿאָרן מיט מיר ביז צום שיפֿל. דאָס איז געווען אַ זייער מוטיקער און ברייטהאַרציקער פֿאָרשלאָג פֿון איר זייט, אָבער מיר האָבן זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה צי מיר זאָלן איינשטעלן אין קאָן דער מיידלס פֿרייהייט. זי איז אָבער באַשטאַנען אויף איר אָנבאָט און מיר האָבן קיין אַנדער ברירה סיי־ווי נישט געהאַט — האָבן מיר באַשלאָסן אויסצונוצן איר גרויסמוט. איך האָב איר געזאָגט, אַז זי זאָל אַריינקומען עטלעכע מאָל דורכן טאָג אין דער שטוב, וווּ איך געפֿין מיך, כּדי די שכנים און די קאָזאַקן, וואָס זענען געשטאַנען אין הויף, זאָלן זיך צוגע־וווינען מיט איר אויסזען. איך האָב איר אויך געזאָגט, אַז זי זאָל באַשטעלן אויף דער נייטיקער שעה איינעם אַ פֿריינדלעכן „איזוואָזשטשיק", פּיאָטר, צו וועלכן מע האָט געקענט האָבן פֿולן צוטרוי. פּיאָטר האָט זיך אַפֿילו אָפּגעזאָגט צו נעמען געצאָלט פֿאַר זיין אַרבעט און, צו דער מינוט, איז ער צוגעפֿאָרן מיט זיין דראָזשקע, געשפּאַנט מיט אַ פּאָר ברענענדיקע פֿערד.

אַן אויסגעפּוצטער ווי אַ פֿראַנט, בין איך בליץ־שנעל אַרויסגעלאָפֿן פֿון הויז און אַריין אין דער דראָזשקע. אין אַ פּאָר סעקונדן אַרום זענען מיר שוין געווען אויף אַ זייטיקער גאַס. דאָס איז געמאַכט געוואָרן אַזוי שנעל, אַז די מענטשן אַרום שטוב האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען ווער וויל דאָס אַרויס פֿון הויז און ווער איז געווען די מיידל אין דער דראָזשקע.

ווען מיר זענען שוין געווען נאָענט פֿון שיפֿל, האָט פּיאָטר אָנגעהייבן צו

פאַרן שטילער, כדי נישט צו וואַרפן זיך אין די אויגן, ווייל ביים פאַרט זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן אַכטונג געגעבן ווער עס פאָרט אַוועק. לעם שיפל, האָט די מיידל מיך אַרומגענומען און צעקושט זיך האַרציק, וואָס דאָס האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק פון אַ נאָרמאַלן אָפּפאָר. איך האָב אַ כאַפּ געטאָן דעם טשע־מאָדאַן און אין אַ רגע אַרום בין איך שוין געווען אין שפיל. פון דער ווייטן האָב איך געזען שטיין דעם פּאָליציי־הויפּט, וואָס האָט מיר מיט אַ האַנט־זשעסט געווונטשן אַ פּאָר־געזונט, ווען דאָס שיפל האָט גענומען אָפּגיין פון ברעג.

אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען מיר שוין געווען אויפן אָפּענעם ים און איך בין ווידער געוואָרן אַ פרייער מענטש. איך האָב זיך געפילט זייער גוט נאָך כמעט צוויי וואָכן אומזיכערקייט און שרעק אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער קאָנטעררעוואָלוציע. איך האָב באַלד טיף איינגעשלאָפן ווי אַ פאַרמאַטערטער מענטש.

אַרום 10 אַ זייגער אין דער פרי האָט מיך מיין שוועסטער אויפגעוועקט, ווייל מיר זענען שוין געווען נאָענט פון קערטש. מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער קאַפּיטל פון מיין אָנטייל אין דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע.

**
*

קערטש איז דעמאָלט געווען אַ טייל פון דער קרימער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, אָנגעפירט פון רעכטע סאָציאַליסטן און ליבעראַלן. גענעראַל דעני־קין האָט זיך דעמאָלט געריסן צו פאַרנעמען דעם קרימער האַלבאינדזל, אָבער ווען איך בין דאָרטן געווען, האָט מען נאָך געקענט פריי פאַרזאַמלען זיך און פירן דיסקוסיעס. אמת, די הויפּט־מאַכט האָבן געהאַט די דייטשן, וועלכע האָבן אָקופּירט דעם האַלבאינדזל, אָבער זיי האָבן זיך נישט געמישט אין לאָקאַלן לעבן.

קיין אַנאַרכיסטישע גרופּע איז אין קערטש נישט געווען, אָבער עס זענען געווען אַ פּאָר חברים. געווען דאָרטן אויך אַ צאָל באָלשעוויקישע אַקטיוויסטן פון נאָוואָראָסייסק. חוץ דעם, פלעגן מיט די שיפלעך יעדן טאָג צוקומען נייע מענטשן פון נאָוואָראָסייסק, אַזעלכע וואָס האָבן דאָרטן גענומען אַ געוויסן אָנ־טייל אין דער רעוואָלוציע. אין אַ קורצער צייט אַרום איז שוין אין קערטש גע־ווען אַ גרעסערע צאָל מענטשן, דאָס רוב יונגוואַרג, פון נאָוואָראָסייסק, וועלכע האָבן געהערט צו פאַרשיידענע ריכטונגען. היות מע האָט נישט געהאַט קיין אַק־טיוויטעט, האָט מען פאַרבראַכט צוזאַמען. מע האָט דיסקוטירט און געפּרוווט לערנען פון די טעותן, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געמאַכט ביים צעברעכן די גרויסע סאָציאַלע אַרבעט, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן אָרגאַניזירט.

מע האָט דיסקוטירט און פאַרבראַכט די צייט זייער גוט צוזאַמען, אָבער טאָן עפּעס אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט. ערשטנס, זענען מיר אַלע געווען אין אַ האַלב־לעגאַלן צושטאַנד. צווייטנס, האָט די שטאָט קערטש נישט געהאַט קיין אינדוסטריע. צו דעם אַלעמען פלעגן יעדן טאָג ציר־קולירן פרישע קלאַנגען, אַז אָט־אָט וועט גענעראַל דעניקין פאַרנעמען דעם קרימער האַלבאינדזל און אַלע האָבן מיר גענומען ערנצט טראַכטן וועגן פאַר־

לאָזן קערטש. עס האָט זיך אָבער געשטעלט די פראַגע: ווהין פאָרט מען? דאָס פאָרן גופא איז דערצו אויך געווען אַ שווערע פּראָבלעם, ווייל ווי נאָר מע איז אַרויסגעפאָרן פון קרימער האַלבאינדזל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון מאַכטן, וואָס האָבן זיך געביטן יעדערע עטלעכע צענדלינג מייל. חוץ סקאָראָפּאַדסקין און פּעטליוראַן זענען געווען אַ שורה גרופּירונגען פון אַלערליי קאָלירן. פאַרנדיק פון פּערעקאָפּ, ביים סוף קרים, ביז כאַרקאָוו, האָט איר געקענט טרעפן אַ גאַנצע צאָל „רעגירונגען״, וועלכע פלעגן אָפּשטעלן דעם צוג, מאַכן אָביסקעס, רעווי־דירן די פּעסער. מע איז מער געשטאַנען אויף די סטאַנציעס, ווי געפאָרן.

איך האָב געוווסט, אַז אין כאַרקאָוו דאַרף זיין אַ גרויסע צאָל אונדזערע חברים, אָבער ווי מע געפינט זיי האָב איך נישט געהאַט קיין אָנונג. נאָר איך האָב אַלץ איינס באַשלאָסן צו פאָרן קיין כאַרקאָוו. אמת, פון באַשליסן ביז צום פאָרן איז נאָך פאַראַן אַ שטיק גאַנג, אָבער היות איך בין געווען אַ „קערטשער בירגער״ און האָב דאָרטן געהאַט גוטע באַקאַנטע וואָס זענען געווען גרויסע פישהענדלערס, האָב איך פון זיי געקראָגן פּאַפּירן, אַז איך בין זייערער אָן אָנ־געשטעלטער, וואָס סאָרט אַרום און גיט אַכטונג, אַז זייערע סחורות זאָלן נישט פאַרהאַלטן ווערן אויף די סטאַנציעס.

איך בין געקומען קיין כאַרקאָוו אָן גרויסע שוועריקייטן, אָבער נאָך אַ צוויי וואָכן זוכענישן, האָב איך נישט געקענט געפינען קיינעם פון אונדזערע חברים. דערווייל האָב איך געקראָגן פון בעסיען אַ בריוו, אַז זי מיטן זון האָבן אַ מעג־לעכקייט צו קומען קיין קערטש. האָב איך זיך אומגעקערט צוריק אַהין. אין קערטש האָב איך געטראָפן די זעלביקע לאַגע וואָס פריִער, חוץ וואָס אייניקע זענען אָפּגעפאָרן קיין צענטראַלן רוסלאַנד. בעסיע מיטן זון זענען געקומען קיין קערטש און מיר זענען געווען צוזאַמען ביי אַ צוויי חדשים, בעת אין דער פּרע־סע האָט זיך באַוויזן די נייס, אַז די קרימער רעגירונג האָט עפּעס געמאַכט אָן אָפּמאַך מיטן גענעראַל דעניקין, וועלכער דאַרף אין גיכן איבערנעמען דאָרטן די מיליטערישע מאַכט. אין דער זעלביקער צייט האָבן זיך שוין באַוויזן אין שטאָט פאַרדעכטיקע פּאַרשוינען, וואָס האָבן נאָכגעשפּיאָנירט די אַנטלאָפענע פון נאָוואָראָסייסק. די לאַגע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן ערגער און ערגער.

גראָד דעמאָלט האָט בעסיע געליטן אָן אַקצידענט. זי איז געפאַלן און גע־דאַרפט ליגן אין בעט. אין דעצעמבער 1918 האָט זיך שוין גענומען שטאַרק פילן, אַז די שוואַרצע רעאַקציע קריגט די אייבערהאַנט. היות מיר האָבן זיך געפונען אין קערטש ביי אונדזערע קרובים, וווּנדערלעכע מענטשן, האָבן מיר, אין מיטן דעצעמבער, באַשלאָסן, אַז איך זאָל אַוועקפאָרן פון קערטש און זיך ווידער לאָזן קיין כאַרקאָוו, און בעסיע מיט אונדזער זון וועלן דערווייל פאַר־בלייבן אין קערטש.

**
*

איך בין ווידער געפאָרן אויף די זעלביקע פּאַפּירן, אָבער דאָס מאָל האָט פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס דאָס האָט מיר שיעור געקאָסט דאָס לעבן.

אויף צו פֿאָרן פֿון קערטש קיין כאַרקאָוו האָט מען אויף דער סטאַנציע פּערעקאָפּ זיך געדאַרפֿט איבערזעצן אויף אַן אַנדער צוג. אַזוי ווי די גאַנצע טראַנספּאָרטאַציע איז געווען שטאַרק צעשטערט, האָט מען קיין מאָל נישט געקענט וויסן אויף זיכער ווען דער צוג וועט אָנקומען און ווען ער וועט אַוועקגיין. ערשט, ווען איך בין אָנגעקומען קיין פּערעקאָפּ, האָב איך אויסגעפֿונען, אַז איך וועל דאַרפֿן וואַרטן אַ 4—5 שעה.

פּערעקאָפּ איז שוין דעמאָלט געווען פֿאַרנומען פֿון גענעראַל דעניקינס אָפּטיילונג קובאַנער קאָזאַקן. האָב איך נישט געוואָלט אַרומדרייען זיך אויפֿן וואָקזאַל, ווו עס איז געווען מיליטער און עס האָבן זיך אַרומגעדרייט פֿאַרדעכטיקע טיפּן, האָב איך באַשלאָסן בעסער אַוועקצוגיין אין שטאָט. אויפֿן וועג האָב איך אומגעגנט אַ גרופּע קאָזאַקן, צווישן וועלכע איך האָב דערקענט אייניקע, וואָס זענען מיט מיר געפֿאָרן קיין טרעפּיזאָנד צו ברענגען געווער און אַמוניציע פֿאַרן בירגערקריג. איך האָב זיך געמאַכט נישט זעענדיק און מיך אַוועקגעדרייט אָן אַ זייט, אָבער עס האָט לאַנג נישט געדויערט און איך האָב באַמערקט ווי אַ גרופּע באַוואָפֿנטע קאָזאַקן מאַרשירן צו מיר. זיי האָבן מיך פֿאַרבעטן צו גיין מיט זיי אין שטאַב. מע האָט מיך אַוועקגעפֿירט צוריק אויפֿן וואָקזאַל, אַריינגעפֿירט אין אַ צימער, ווו עס זענען געזעסן דריי קאָזאַצקע אָפֿיצערן. די דאָזיקע האָבן באַטראַכט מיין פּאַס, וועלכער איז געווען אין אָרדענונג. זיי האָבן מיך אויסגעפֿרעגט וואָס איך טו אין פּערעקאָפּ — האָב איך זיי דערציילט, אַז איך בין אָנגעשטעלט אין אַ פֿישהאַנדל־געשעפֿט און איך באַגלייט אַ צאָל פֿעסלעך מיט פֿיש, וואָס גייען קיין כאַרקאָוו. דאָ האָבן זיי אַריינגערופֿן פֿיר קאָזאַקן און זיי געפֿרעגט צוליב וואָס פֿאַר אַ צוועק זיי זענען געפֿאָרן מיט מיר קיין טרעפּיזאָנד און צי זיי מיינען, אַז איך בין אַ באָלשעוויק. זיי האָבן געענטפֿערט, אַז דאָס לעצטע ווייסן זיי נישט און אַז איך האָב זיי באַהאַנדלט זייער גוט. מיט דעם האָט זיך די אויספֿרעגונג פֿאַרענדיקט.

איינער פֿון די דריי אָפֿיצערן האָט דעמאָלט פֿאָרגעלייגט, אַז מע זאָל מיך אַוועקשיקן קיין נאָוואָראָסייסק און דאָרטן וועט מען שוין אויסגעפֿינען אויף ריכטיק ווער איך בין.

איך האָב באַמערקט, אַז דער הויפּט־אָפֿיצער האָט זיך צו מיר באַצויגן מענטשלעך און געזען, אַז ער איז נישט איינשטימיק צו שיקן מיך קיין נאָוואָראָסייסק. דערצו האָב איך געוווּסט, אַז פּערעקאָפּ געהערט צו דער קרימער רעגירונג. האָב איך געפֿאָדערט, אויפֿן גרונט וואָס איך בין אַ קרימער בירגער, צו דערלויבן מיר טעלעגראַפֿירן צו דער קרימער רעגירונג וועגן מיין אַרעסט אָן שום שולד־באַווייזן. דער הויפּט־אָפֿיצער האָט מיר געענטפֿערט, אַז איך בין נישט אַרעסטירט, נאָר זיי ווילן וויסן ווי קומט עס וואָס איך בין געפֿאָרן קיין טרעפּיזאָנד דורכצופֿירן די גאַנצע אַרבעט. איך האָב געענטפֿערט, אַז איך בין געווען אַרבעטלאָז און איך האָב אָנגענומען די אַרבעט פּונקט, ווי די קאָזאַקן האָבן עס געטאָן.

די דריי אָפֿיצערן זענען אַרויס פֿון צימער און מיך איבערגעלאָזט אַליין.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן זיי זיך צוריקגעקערט און מיר געזאָגט, אַז איך קען פאָרן ווייטער — די גאַנצע פּאַסירונג איז נאָר אַ מיספאַרשטענדעניש. זיי האָבן מיר אַפילו פאָרגעלייגט הילף, אויב איך וועל האָבן שוועריקייטן מיטן טראַנספּאָרט פון מיינע פיש.

איך בין אַרויס אויפן וואָקזאַל און אַליין זיך נישט געגלייבט, אַז איך בין פריי. איך בין נאָך אַלץ נישט געווען זיכער, אַז איך בין שוין פּאַרטיק מיט די קאָזאַקן. אָבער, ווען דער צוג איז אָנגעקומען, האָבן די פיר קאָזאַקן, וואָס האָבן מיך אַרעסטירט, מיר געהאָלפן צו קריגן אַ גוטן פּלאַץ אין וואַגאָן און געווונטשן אַ גוטע רייזע. איך בין אָבער ביי זיך אַלץ נישט געווען זיכער ביז איך וועל אַריבערפאָרן די גרענעץ פון גענעראַל דעניקינס קאָנטראָל. עס איז געווען אַרום האַלבער נאַכט, ווען דער צוג איז אָנגעקומען צו דער גרענעץ. דאָרטן האָט מע אַרעסטירט אַ צאָל מענטשן. ווען די קאָזאַקן זענען אַריין אין מיין וואַגאָן אײַבערצוקוקן די פּאַספּאָרטן, האָב איך געטראַכט ביי זיך, אַז דאָ איז געקומען מיין סוף. אָבער ווי שטאַרק איך בין איבעראַשט געוואָרן, ווען דער אָפיצער האָט אַ קוק געטאָן אויפן פּאַספּאָרט און אַ זאָג געטאָן, אַז איך האָב אָן אייביקן פּאַספּאָרט און איך בין אַ גוטער בירגער. איך האָב נישט געגלייבט מיינע אייגענע אויערן.

אין גיכן האָט זיך דער צוג געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין. נאָך דער נערוון־צערודערונג, בין איך איינגעשלאָפן ווי אַ געהרגעטער. ווי לאַנג איך בין געשלאָפן ווייס איך נישט. מע האָט מיך אויפגעוועקט אויף אַ סטאַנציע און אַ מיליטערישער קאָנטראָל פון סקאָראָפּאַדסקיס רעגירונג האָט ביי מיר געפּאָדערט איך זאָל ווייזן מיין פּאַספּאָרט און זאָל זאָגן וווהין און נאָך וואָס איך פאָר. איך האָב איבערגעחזרט די זעלביקע מעשה, אַז איך באַגלייט אַ פּאַרטיע פיש קיין כאַרקאָוו, און מע האָט מיר אומגעקערט דעם פּאַספּאָרט מיט אַ פרישן שטעמפּל.

ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו, זענען מיר אָפּגעשטעלט געוואָרן נאָך דריי מאָל. איטלעכס מאָל פלעגן פאַרהאַלטן ווערן מענטשן. דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט אויך ווען מיר זענען איין מאָל פאַרהאַלטן געוואָרן דורך מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער, און אויך זיי האָבן אַרעסטירט אַ גרופּע אָפיצערן און אייניקע ספּעקולאַנטן, ביי וועלכע מע האָט געפונען סחורה אָדער גרויסע סומעס געלט.

אַגב, ווען מיר זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך די מאַכנאָווצעס, בין איך אַראָפּ אויף דער סטאַנציע און דאָרטן געטראָפן באַקאַנטע חברים, וועלכע האָבן מיר אינפאָרמירט, אַז אין כאַרקאָוו זענען פאַראַן אַ סך חברים, אָבער זיי ווייסן נישט זייער קאָנספּיראַטיוון אַדרעס.

אין כאַרקאָוו

אַז איך בין אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו, בין איך פאַרפאָרן צו מיינער אַ שוועסטער, וואָס האָט געוווינט אין יענער שטאָט.

אין דער לופט האָט מען תיכף געקענט דערשפּירן די נערוועזע שטימונג פון די באַאַמטע פון סקאָראָפּאַדסקיס רעגירונג און פון די סוחרים. מע האָט געפילט, אַז די מאַכט וועט זיך נישט האַלטן לאַנג אין שטאָט.

עס זענען אַריבער טעג, אָבער איך האָב נישט געקענט אָפּזוכן קיין חברים — עס איז נישט לייכט אָפּצוגעפינען אַ קאָנספּיראַטיווע דירה אין אַזאַ גרויסער שטאָט. אָבער עס איז געשען ממש אַ נס: איין מאָל האָט מיך די שוועסטער געבעטן צו באַגלייטן איר אין מאַרק איינצוקויפן זאַכן. געווען איז אַ פּאָר טעג פאַר די ווינטערדיקע חגאות. עס זענען אָנגעפאָרן מאַסן פּויערים מיט געפּאַקטע וועגענער עסנוואַרג און די באַפעלקערונג האָט איינגעקויפט אויף יום־טוב. מיט אַ מאָל האָב איך דערהערט די באַקאַנטע הייזעריקע שטימע פון קאַטיאַ איזוויע־קאָוואַ, וועלכע איז געשטאַנען אַ צענדלינג וועגענער ווייטער.

הגם איך בין צוגעגאַנגען צו איר שטילערהייט און איר געוואָרנט, אַז זי זאָל נישט מאַכן קיין טומל, איז זי געווען אַזוי איבערגעראַשט, אַז זי איז מיט אַ געשריי אַרויפגעפאַלן אויף מיר און זיך גענומען קושן, אַזוי אַז די אַרומיקע מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן.

זי האָט מיר פאָרגעשטעלט פאַר צוויי יונגע חברים, וואָס האָבן זי באַגלייט ביים איינקויפן. זי האָט מיר דערציילט, אַז אין כאַרקאָוו זענען פאַראַן אַ סך חברים און אָפּגערעדט מיט מיר ווו צו טרעפן זיך נאָך מיטאָג אויף צו נעמען מיך אין דער קאָנספּיראַטיווער דירה.

איך האָב געזען, אַז זי האָט אַ גרויסן פּאַק קערענסקיס געלט און איר גע־פרעגט צי זי איז רייך געוואָרן פאַר דער צייט. זי האָט מיר געענטפערט, אַז וועגן געלט דאַרף מען נישט זאָרגן: די פּויערים ווילן קערענסקיס געלט און זיי האָבן גענוג פון אָט דעם געלט. איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז וואָס שייך קערענס־קיס געלט, איז ווער עס האָט נאָר געהאַט גאָט אין האַרצן, האָט זיי געדרוקט.

נישט געקוקט אויף די טומלדיקע הכנות צו די חגאות, איז די לאַגע אין כאַרקאָוו געווען אַן אָנגעצויגענע. מע האָט געוווּסט, אַז די רויטע אַרמיי רוקט זיך צו פאַרנעמען אוקראַינע. חוץ דעם, האָבן איבער גאַנץ אוקראַינע אָנגעפירט אַ ביטערן קאַמף די פאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, פון וועלכע די שטאַרקסטע איז גע־ווען די פון נעסטאָר מאַכנאָ. וויכטיקע גרופּעס פאַרטיזאַנער האָבן אויך אָנגע־פירט מאַקס טשערניאַק, אַן עמיגראַנט פון טשיקאַגאָ, ווו ער איז אויך געווען אַ פאַבריקמאַכער און דער מאַטראָס אַנאַטאָלי זשעלעזניאַקאָוו, אָט דער וואָס האָט פונאַנדערגעטריבן די קאָנסטיטוציאָנעלע פאַרזאַמלונג. עס איז אויך געווען אַן אָטריאַד אונטערן נאָמען פון מאַרוסיאַ ניקאָפאָראָוואַ. איבערהויפּט, זענען איבער גאַנץ רוסלאַנד געווען צענדליגער אַנאַרכיסטישע פאַרטיזאַנער־ אָטריאַדן, וואָס האָבן געקעמפט קעגן די ווייסע און קעגן די רויטע.

אָט די אַלע פאַרטיזאַנער האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביים פאַרניכטן די ווייסע אַרמייען און דערמיט געהאָלפן די רויטע אַרמיי צו פאַרנעמען גרויסע געגנטן, ווו די באָלשעוויקעס האָבן איינגעשטעלט זייער מאַכט.

ווען צווישן די אַלע אַנאַרכיסטישע פּאַרטיזאַנער וואָלט געווען קאָאָרדינאַציע, אָדער עס וואָלט געווען אַ קאָנסטרוקטיווער פּלאַן, וואָס וואָלט צוזאַמענגעפירט די אַלע אַנאַרכיסטישע גרופּירונגען, וואָלט די רעוואָלוציע געקענט אָננעמען אַן אַנדער ווענדונג. קיין אַנטשלאָסענע קעמפּערס האָבן די אַנאַרכיסטן דווקא נישט געפעלט.

וועגן דעם אַלעמען וועט דער קומענדיקער היסטאָריקער געפינען אַ גרויסע צאָל מאַטעריאַלן אין די דריי בענד געשיכטע פון דער מאַכנאָווויסטישער באַוועגונג און אויך אין די צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס איז געראָטן אַרויסצופירן פון רוסלאַנד און זיי געפינען זיך אין די גרויסע ביבליאָטעקן אָדער אוניווערסיטעטן איבער דער וועלט.

**
*

צו דער באַשטימטער צייט בין איך געקומען אויפן אָפּגערעדטן פּלאַץ און געטראָפן דאָרטן קאַטיאַ איזוויעקאָוואַ מיט נאָך עטלעכע חברים, וועלכע האָבן שוין געוואַרט אויף מיר. מיר זענען אַוועק צו דער קאָנספּיראַטיווער דירה, ווו איך האָב געטראָפן אַ צאָל חברים, וואָס זענען געקומען צוזאַמען מיט מיר פון אַמעריקע און אַ גרויסע צאָל חברים, וואָס איך האָב זיי געטראָפן דאָס ערשטע מאָל.

צו יענער צייט, איז אין כאַרקאָוו געווען אַ גרויסע צאָל אַנאַרכיסטן פון אַלע שאַטירונגען. אַ היפּשער טייל פון זיי זענען ערשט נישט לאַנג צוריק געקומען פון מאָסקווע, ווייל דאָרטן האָט די באָלשעוויקישע רעגירונג מיט דער טשע־קאַ דורכגעפירט גרויסע אַרעסטן צווישן די אַנאַרכיסטן. מע האָט דאָרטן מיט אַ צייט פריער דורכגעפירט אַן עקספּראָפּריאַציע און פאַרנומען אַ סך געלט. ווער עס האָט די עקספּראָפּריאַציע דורכגעפירט, האָבן די באָלשעוויקעס נישט געוווסט — האָבן זיי אָנגעהויבן מאַכן גרויסע אַרעסטן צווישן אַנאַרכיסטן און אַנדערע לינקע ריכטונגען. דעריבער איז מען געלאָפן פון מאָסקווע. דערצו האָט מען געפילט, אַז אַטאַמאַן סקאָראָפּאַדסקיס טעג זענען געציילטע. מע האָט זיך אויך געפילט זיכערער נאָענט פון די אַלע אַנאַרכיסטישע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס.

אויף דער קאָנספּיראַטיווער דירה האָט מען אָוונט־צייט צוגעגרייט אַ גוטע וועטשערע און נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ מיטינג. עס זענען געווען אָנוועזנדיק פאַרשיידענע ריכטונגען, אָבער איך האָב אָפּגעשאַצט, אַז די מערהייט זענען געווען מיטגלידער פון דער ניי־געשאַפענער אוקראַינער קאָנפעדעראַציע „נאַבאַט״, וועלכע איז געווען אונטערן איינפלוס פון חבר וו. וואָלין, אָבער וואָס דער הויפּט־טוער און טרייבקראַפט דאָרטן איז געווען יוסף גודמאַן, וועלכער איז געווען פול מיט ענערגיע.

אייניקע חברים, וועלכע זענען יענעם טאָג אָנגעקומען פון מאַכנאָס אַרמיי, האָבן אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער אַרבעט דאָרטן און פון גוליאַי־פּאָליע — די הויפּטקוואַרטיר פון די מאַכנאָווצעס.

אַ חבר האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט, אַז ער קומט פון מאַקס טשערניאַקס

אַטריאַד, וואָס מאַרשירט קיין כּאַרקאָוו און האָט דערוואַרט אין אַ פּאָר טעג אַרום צו קענען פאַרנעמען די שטאָט.

איך האָב מיך אויך דערוווּסט, אַז די גרופּע „נאַבאַט" האָט אַ בוכהאַנדלונג, ווו די חברים טרעפן זיך יעדן טאָג.

דער מיטינג האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט ביינאַכט און די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין „פּראָפּוסקן" פון דער פּאָליציי, זענען געבליבן שלאָפן אויף דער קאָנספּיראַטיווער דירה. צווישן די דאָזיקע זענען אויך געבליבן יוסף גוד־מאַן און איך. חבר גודמאַן האָט געהערט וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין נאָוואָראָסייסק, און מיר זענען אָפּגעזעסן די גאַנצע נאַכט ריידנדיק — איך האָב אים געמוזט אויסדערציילן, קלאָר און דייטלעך, פון אָנהייב ביזן סוף, אַלץ־דינג וואָס מיר האָבן דאָרטן דורכגעמאַכט. איך האָב געקענט פילן פון זיינע זיפצן, אַז ער האָט דורכגעלעבט גייסטיק אַלץ וואָס איך האָב אים דערציילט.

די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אין די פענצטער, ווען מיר האָבן באַשלאָסן צו כאַפּן אַ דרימל. אָבער, איידער ער איז געגאַנגען שלאָפן, האָט יוסף גודמאַן פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל אים צוזאָגן, אַז איך וועל בלייבן אַרבעטן מיט דער גרופּע „נאַבאַט". אויף דעם האָב איך אים געענטפערט, אַז ער זאָל מיר לפּחות געבן צייט צו באַקענען זיך מיט די מיטגלידער און מיט דער אַרבעט.

ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען מיטאָג־צייט. חבר גודמאַן איז שוין נישט געווען אין הויז, אָבער ער האָט געהאַט אָנגעזאָגט, אַז מע זאָל מיך לאָזן שלאָפן.

קאַטיאַ איזוויעקאָוואַ האָט צוגעגרייט אַ מאָלצייט פאַר די חברים, וואָס זע־נען דאָרטן געווען. נאָכן עסן האָב איך געבעטן קאַטיאַן מיך צו נעמען אין דער בוכהאַנדלונג, ווייל מע האָט מיר געזאָגט, אַז אַהין קומען אַ סך אַמעריקאַנער עמיגראַנטן, וועלכע זענען געקומען מיט אונדז.

די בוכהאַנדלונג האָט אויסגעזען ווי אַ געפּאַקטע מאַסן־פאַרזאַמלונג. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די מאַכט אין שטאָט איז נאָך געווען ביי סקאָראָפּאַדס־קין, האָט אָבער אין בוכהאַנדלונג געבּרענט די רעוואָלוציע און מע האָט דאָרטן דיסקוטירט אויף די הויכע טענער וועגן דעם אַנאַרכיזם פון אַלע ריכטונגען.

איך האָב דאָרטן געטראָפן אייניקע חברים, וואָס איך האָב געקענט פון אַמעריקע. איך האָב געוואָלט פאַנאַנדערפרעגן זיך ווער נאָך עס געפינט זיך דאָ פון די באַקאַנטע, אָבער אין יענעם טומל האָט מען נישט געקענט ריידן שטיל און איך האָב זיי דעריבער געפרעגט ווו מע קען זיי טרעפן. דער ענטפער איז געווען, אַז זיי געפינען זיך ביי חנהן. — ווער איז חנה? ענטפערט מען מיר, אַז דאָס איז בעקי לערנערס אַ שטיפשוועסטער. ביי חנהן, זאָגט מען אונדז, וועלן מיר טרעפן אַ סך אַמעריקאַנער חברים.

אַריינגעקומען אין חנהס הויז, האָט אונדז באַגעגנט אַ פרוי, מיט אַ ליבלעכן שמייכל און מיט אַ פראַגע: „איר זיינט אויך אַן אַמעריקאַנער? שעמט זיך נישט, קומט אַריין און זייט ווי ביי אייך אין דער היים". דאָס איז געווען חנה. עס איז כּדאַי אָפּצושטעלן זיך מיט עטלעכע שורות וועגן דער דאָזיקער ליבער פּערזאָן.

איז די חנה געווען רעוואָלוציאָנער געשטימט? דער ענטפער איז: „ניין". זי איז דווקא געווען אַ רעליגיעזע פרוי, נאָר היות איר שוועסטערס פריינד האָבן זיך גענייטיקט אין הילף, באַזונדערס אין די צייטן פון סקאָראָפּאַדסקיס רעאַקציאָנערן רעזשים, איז איר היים געוואָרן דער טרעפפונקט און אַדרעס פאַר אַלע אַמעריקאַנער, וואָס זענען געקומען קיין כאַרקאָוו. איר גוטסקייט האָט גובר געווען די שרעק פאַר אַ מעגלעכער „אָבלאַווע" פון דער פּאָליציי, בעת איר שטוב איז געווען פול מיט מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט דער פּאָליציי נישט געדאַרפט טרעפן.

איך האָב טאַקע ביי איר אין הויז געטראָפן אַ גרעסערע גרופּע עמיגראַנטן פון אַמעריקע, וועלכע האָבן זיך שוין געקליבן פאַרלאָזן רוסלאַנד און פאָרן אין גראָדנער געגנט. מע איז זיך פאַרזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, און נאָך דעם האָט שוין חנה נישט געלאָזט אַפילו טראַכטן פון אַוועקגיין. זי האָט שוין פאַר אַלעמען געפונען אַ פּלאַץ צו שלאָפן. איר שטוב האָט אויסגעזען ווי אַן אַכסניא. אָבער ווער האָט געקענט שלאָפן יענע נאַכט? מע האָט ווידער גערעדט ביז די זון האָט זיך גענומען וויַיזן.

אין פאַרלויף פון די עטלעכע וואָכן, וואָס איך בין געווען אין כאַרקאָוו, בין איך אָפט געווען אין חנהס הויז, נאָך דעם, ווי איך בין פון דאָרטן אַוועקגעפאָרן, האָב איך פאַרלוירן אירע שפּורן, און דער דאָזיקער טיפּ פון גאָרקיס „מוטער" איז מיר אַרויס פון געדאַנק. ערשט אין יאָר 1952 צי 1953, שוין אין מיאַמי, פלאָרידאַ, ווען איך בין אַריין אין געשעפט פון איר שוועסטער בעקי און שוואָגער גרינשנער, האָב איך דאָרטן דערזען אַן עלטערע פרוי מיט אַ ליבן פּנים, וואָס האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין באַקאַנט. ערשט ווען די פרוי האָט גענומען ריידן צו מיר, האָט דער קלאַנג פון איר קול מיך אַוועקגעפירט צוריק קיין כאַרקאָוו פון יאָר 1918.

מיר פלעגן אין די ווינטערס זיך אָפט טרעפן מיט איר אין מיאַמי, און ריידן פון די שטורמישע יאָרן, ביז זי איז אין אויגוסט 1962 געשטאָרבן. עס איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכער מענטש, וואָס איר נאַטירלעכע גוטסקייט איז געווען שטאַרקער פון דער שרעק פאַר סכנות און איז אַריבער די גרענעץ פון די פאַרשיידענע איבערצייגונגען. מענטשן האָבן געדאַרפט הילף און פריינדשאַפט און זי האָט עס געגעבן פון דער פולער האַנט, הגם זיי האָבן נישט געטיילט אירע רעליגיעזע איבערצייגונגען.

***

די גרופּע „נאַבאַט" האָט אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג און מע האָט מיך איינגעלאַדן אָפּצוגעבן אַ באַריכט וועגן אונדזערע טעטיקייטן אין נאָוואָראָסייסק. מיין באַריכט האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. מע האָט געשטעלט אַ סך פראַגעס. דער גאַנצער ענין איז געווען ביי פאַר דער דאָזיקער גרופּע מענטשן — הגם די מענטשן זענען געווען אַקטיוו אין דער פּראָפּאַגאַנדע, האָבן זיי אָבער נישט געזען קיין קאָנסטרוקטיווע רעזולטאַטן. ווען איך האָב זיי דערציילט וואָס פאַר אַ

קליינע צאָל חברים עס האָבן געגומען אָנטייל אין דער גרויסער קאָנסטרוקטי־ווער אַרבעט, האָבן די חברים נישט געוואָלט גלייבן. עס קען זיין, אַז ווען נישט קאַטיאַ איזוויעקאָוואַס עדות, וואָלטן אַ סך חברים געבליבן מיטן איינדרוק, אַז איך האָב איבערגעטריבן.

ביים מיטינג האָט מען באַהאַנדלט די פראַגע וועגן גרינדן אַ וועכנטלעכע צייטונג א״ב „נאַבאַט״ (אונטער דעם דאָזיקן נאָמען זענען אַרויס צייטונגען אין אַ ריי אוקראַיִנישע שטעט) אַזוי שנעל, ווי סקאָראָפּאַדסקיס מאַכט וועט פאַר־שווינדן. מע האָט אויסגעוויילט אַ רעדאַקציאָנעלע קאָמיסיע.

מע האָט אויך אַרומגערעדט וועגן קריגן אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור. דער איינציקער פּלאַץ, ווו מע האָט עס געקענט קריגן ,איז געווען מאָסקווע, אָבער איצט איז נישט מעגלעך געווען צו ברענגען פון דאָרטן, ווייל די באָלשעוויקעס האָבן שוין געהאַט דעם פולן קאָנטראָל איבער די באַנען.

ביים מיטינג האָב איך זיך באַקענט מיט אַ רייע נייע חברים. נישט אַלע נעמען געדענק איך, אָבער איך וועל פּרוּוון פאַרצייכענען די נעמען פון די חברים, מיט וועלכע איך האָב מיטגעאַרבעט פאַר דער צייט, וואָס איך בין גע־ווען טעטיק אין „נאַבאַט״: יאַשאַ און ליזאַ גאָטמאַן — דאַכט זיך, אַז זיי זענען געווען עמיגראַנטן פון דעטראָיט; וואַניאַ טאַראַסוק קאַבאַס, מאַרק מראַטשני, אַראָן און פאַניאַ באַראָן, פון טשיקאַגאָ; קאַטיאַ און יאַשקע מייער, פון פילאַדעל־פיע; אַבראַם כריסטאָס (צוליב זיין ענלעכקייט אויף קריסטוסן), איוואַן־אַפּאָלאָן, פון פראַנקרייך.

חוץ די חברים פון „נאַבאַט״, זענען אויך געווען אַ סך חברים פון אַלע ריכ־טונגען. אַלע טאָג פלעגן קומען צופאָרן נייע חברים און עס האָבן זיך אָנגעהויבן קריסטאַליזירן גרופּירונגען. די גרעסטע און אַקטיווסטע איז געווען „נאַבאַט״. געווען אויך נישט קיין גרויסע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע גרופּע, וועלכע האָט נישט געהאַט קיין ווירקונג און מער ווי דורכפירן מיטינגען און דעבאַטירן האָבן זיי נישט געקענט אויפטאָן. עס איז אויך געווען אַ יידישע גרופּע חברים, וועלכע האָבן געזוכט אַן אופן ווי אַרויסצופאָרן קיין גראַדנע, וואָס האָט דעמאָלט גע־הערט צו פּוילן. געווען אויך אַ גרופּע אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליסטן, וועגן וועלכע איך וועל ריידן שפּעטער־צו.

אַ טאָג אָדער צוויי פאַר די רוסישע ווינטער יומטובים, האָט די באַפעלקע־רונג, ביים אויפשטיין אין דער פרי, מער נישט געפונען די היידאַמאַקעס פון סקאָראָפּאַדסקיס אַרמיי. כאַרקאָוו איז געווען אָן אַ מאַכט. אַרום מיטאָג־צייט האָבן זיך באַוויזן עטלעכע רייטערס, וואָס זענען דורכגעפאָרן אייניקע גאַסן און אַוועקגעפאָרן צוריק. באַלד האָבן אָנגעהויבן אָנקומען, אויף וועגענער און צו־פוס, פאַרטיזאַנער. מע האָט צעשטעלט אויף סטראַטעגישע פּלעצער עטלעכע קאַנאָנען. אויף אייניקע גרויסע הייזער האָט מען צעשטעלט מאַשין־ביקסן. אין אַ קורצער צייט אַרום איז אַריינגעפאָרן דער שטאָב מיטן קאָמאַנדיר פונעם אַטריאַד.

איך בין געווען אין בוכהאַנדלונג פון „נאַבאַט״, ווען חבר יוסף גודמאַן איז

צוגעקומען צו מיר און גערופן צו גיין מיט אים — ווײַל איך זען מײַנעם אַ לאַנדסמאַן.

מיר זענען אַוועק צום שטאַב, וואָס איז אײַנגעשטאַנען אין אײנעם פון די גרעסטע האָטעלן פון שטאָט. חבר גודמאַן האָט אַרויסגענומען אַ מאַנדאָט, וואָס ער האָט געהאַט פון נעסטאָר מאַכנאָ, און מע האָט אונדז גלײַך דורכגעלאָזט.

אינעווייניק האָב איך געזען ווי אײנער, וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט געווער פון קאָפּ ביז די פיס, האַלט אין אַרויסגעבן באַפעלן צו פּאַרטיזאַנער, וואָס זיי זאָלן טאָן. ער איז מיר אויסגעקומען אַזוי קענטלעך, אַז איך בין געווען זיכער, אַז איך האָב אים ערגעץ־ווו געזען פריִער.

ווען יענער האָט דערזען גודמאַנען און מיך, איז ער גלײַך צוגעגאַנגען צו אונדז, אויסגעשריִען מײַן נאָמען און מיך אַרומגענומען. אַרײַנגעקוקט אין זײַן באַוואַקסענעם פּנים, מיט דער גרויסער באָרד, האָב איך דערקענט מאַקס טשערניאַק, דעם פאַבריקמאַכער פון טשיקאַגאָ.

עס האָט זיך מיר נישט געוואָלט גלייבן וואָס מײַנע אויגן האָבן געזען. טשערניאַק איז נישט געווען אין טשיקאַגאָ פון די אַקטיווסטע מענטשן אין אונדזער באַוועגונג. ער איז געווען אַ פאָטער פון צוויי קינדער און ער, מיט זײַן משפחה, פלעגן בײַזײַן בײַ אַלע אונדזערע אונטערנעמונגען. אָבער קײנעם פון אונדז וואָלט זיך נישט געחלומט, אַז אָט דער טשערניאַק האָט אין זיך די פעִיקייט אָנצופירן מיט אַן אָטריאַד פּאַרטיזאַנער, פירן שלאַכטן קעגן גוט אָרגאַניזירטע מיליטערישע אָפּטיילונגען פון דער ווײַסער אַרמײ.

אויף מײַן פראַגע פון וואַנען דאָס אַלץ האָט זיך גענומען צו אים, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אין רעוואָלוציאָנערע צײַטן פאַסירן אַלערליי נסים.

טשערניאַק מיט זײַן אָטריאַד זענען בלויז געבליבן אַ פּאָר טעג אין כאַרקאָוו, און איך האָב נישט געהאַט קיין סך געלעגנהייטן צו פאַרברענגען מיט אים. זײַן פרוי און קינדער האָב איך שפּעטער געטראָפן אין מאָסקווע. אין די צוואַנציקער יאָרן איז ער אַוועק פון רוסלאַנד קיין אַרגענטינע אָדער אורוגווײ. אונדזער רוסישער זשורנאַל „גאָלאָס טרודאַ" האָט עטלעכע מאָל געהערט פון אים, נאָר וואָס עס איז געוואָרן פון אים און זײַן משפּחה, ווייס איך נישט.

***

אַזוי שנעל, ווי כאַרקאָוו איז באַפרייט געוואָרן פון די ווײַסע, האָט די גרופּע „נאַבאַט" אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אַן אַקטיווע טעטיקייט. באַזונדערס, האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן די צײַטונג „נאַבאַט", וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין כאַרקאָוו און אין די אַרומיקע שטעט און דערפער.

איך געדענק נישט דעם נאָמען פון אַ חבר — אַ שטילער מענטש געווען — וואָס ווי נאָר אַ נומער „נאַבאַט" פלעגט דערשײַנען, פלעגט ער אײַנפּאַקן צוויי זעק מיט עקזעמפּלאַרן און ער פלעגט זיך אַרויסלאָזן איבער די שטעט און דערפער צו פאַרשפּרייטן די צײַטונג. ער פלעגט עס איבערחזרן עטלעכע מאָל דורך דער וואָך, ביז אַ נײַער נומער פלעגט אַרויס פון דרוק.

דאָס זענען געווען האָניק־חדשים. די באָלשעוויקעס זענען נאָך נישט געווען זיכער, צי זיי וועלן קענען איינהאַלטן גאַנץ אוקראַינע. דערצו האָבן דעמאָלט איבער אוקראַינע אָפּעריִרט פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן, באַזונדערס אַנאַרכיסטישע און באַזונדערס נעסטאָר מאַכנאָס אַרמיי. די גרופּע „נאַבאַט" אין כאַרקאָוו האָט בכן געקענט עקסיסטירן אָן קיין שום שוועריקייטן און עס זענען נישט געווען קיין שטערונגען אַרויסצוגעבן די צייטונג.

אין דער זעלביקער צייט, זענען אויך אַרויסגעגאַנגען אייניקע פּעריאָדישע צייטונגען, אונטערן נאָמען „נאַבאַט", אין די פּאָלגנדיקע שטעט: אָדעס, גוליאַי־פּאָליע, יעקאַטערינאָסלאַוו, קורסק און יעליסאַוועטגראַד. אויך אין אַנדערע פּלעצער פּלעגן פון צייט צו צייט זיך באַווייזן צייטונגען מיטן נאָמען „נאַבאַט", וועלכע פּלעגן זיך אָפּשטעלן נאָכן אַרויסגעבן עטלעכע נומערן.

איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויפן פאַקט, וואָס אין פאַרשיידענע ייִדישע קרייזן באַווייזן זיך אָפט באַהויפּטונגען — וועלכע שטיצן זיך נישט אויף קיין שום דאָקומענט — אַז נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי האָט געמאַכט פּאָגראָמען אויף ייִדן. וויל איך דאָ דערציילן וועגן עטלעכע פאַקטן, וואָס מאַכן צו נישט יענע אומבאַגרינדעטע באַהויפּטונגען.

צו נעסטאָר מאַכנאָ איז אַ מאָל געקומען אַ דעלעגאַציע פון אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל, וואָס איז געווען אָנגעפירט פון איינעם אַ גריגאָריעוו. מע האָט גערעדט, אַז ער איז אַ געוועזענער אָפיצער און ער האָט אָנגעפירט אַ ביטערן קאַמף קעגן די רויטע און די ווייסע. האָט אָט דער גריגאָריעוו פאָרגעלייגט מאַכנאָען, אַז זיינע פּאַרטיזאַנער זאָלן זיך פאַראייניקן מיט מאַכנאָס אַרמיי.

נעסטאָר מאַכנאָ האָט נישט געהאַט קיין גרויסן צוטרוי צו גריגאָריעוון, אָבער ער האָט אים געוואָלט אויספּרוּוון און ער האָט אים פאָרגעשלאָגן דורכצופירן אַ געוויסע מיליטערישע מיסיע, איידער ער וועט באַשליסן וועגן אַ פאַראייניקונג.

גריגאָריעווס אָפּטייל האָט געדאַרפט דורכגיין די שטאָט יעליסאַוועטגראַד. אָנקומענדיק צו דער שטאָט, האָט גריגאָריעוו מיט זיינע באַנדיטן אָנגעהויבן צו ראַבעווען און געמאַכט אַ בלוטיקן פּאָגראָם.

אין יעליסאַוועטגראַד האָבן מיר געהאַט אַ פעיִקע גרופּע „נאַבאַט", צוזאַמענגעשטעלט פון יונגע מענטשן. האָבן אונדזערע יונגע חברים אָנגעהויבן אַ ביטערן קאַמף מיט גריגאָריעווס פּאָגראָמשטשיקעס. דריי חברים זיינען געהרגעט געוואָרן: ווישניעווסקי, אַ פּאָליטישער עמיגראַנט פון אַמעריקע, איינער אַ ייִנגערער ברודער פון זינאָוויעוון און אויך אַ ייִנגערער ברודער פון סטעקלאָוו, דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון מאָסקווער „איזוויעסטיאַ".

אַ פּאָר פון די לעבן־געבליבענע חברים איז געראָטן זיך אַרויסצוגנבענען פון יעליסאַוועטגראַד און אָנצוקומען אין מאַכנאָס הויפּט־שטאַב. ווען נעסטאָר מאַכנאָ האָט אויסגעהערט די טרויעריקע נייַס, האָט ער פאַראָרדנט זיינע געהילפן צוזאַמענצושטעלן אַ ספּעציעלן אָפּטייל און ער, מאַכנאָ, וועט פאָרן צוזאַמען מיט זיי קיין יעליסאַוועטגראַד.

צוגעקומען פאַרטאָג קיין יעליסאַוועטגראַד, האָט מאַכנאָ געהייסן אַרומרינגלען די שטאָט, און ער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע קעמפּערס זיינען אַריינגעפאָרן אין שטאָט אַריין. זיי האָבן געטראָפן דעם פּאָגראָמשטשיק מיט זיינע מיטהעלפערס האַלב־שיכור און פאַרשלאָפן.

גאַנץ פרי, האָט מאַכנאָ געהייסן קלינגען אין קלויסטער־גלאָק. מע האָט צוזאַמענגערופן די גאַנצע דערשראָקענע באַפעלקערונג פון שטאָט, און נעסטאָר מאַכנאָ האָט אָנגעהויבן אַ פאָלקס־משפט איבער די פּאָגראָמשטשיקעס. אויסגעהערט וואָס די ייִדישע און נישט־ייִדישע באַפעלקערונג האָט דערציילט, וואָס גריגאָריעוו מיט זיינע מענטשן האָבן אויפגעטאָן אין יעליסאַוועטגראַד, האָט נעסטאָר מאַכנאָ דערקלערט, אַז היות גריגאָריעוו האָט זיינע מעשים דורכגעפירט, בעת ער איז געווען אין שליחות פון זיין הויפּט־שטאַב, וועט דער מיליטערישער טריבונאַל פון זיין אַרמיי דורכפירן דעם משפט איבער די פּאָגראָמשטשיקעס.

דער מיליטערישער טריבונאַל האָט גלייך אַרויסגעטראָגן זיין פּסק־דין: טויטשטראָף פאַר גריגאָריעוון מיט זיינע מיטהעלפערס, צונעמען דאָס געווער ביי זיין אָפּטייל און פונאַנדערשיקן די מענטשן אויף די פּלעצער, פון וואַנען זיי קומען. דער פּסק־דין איז פאָרגעלייגט געוואָרן פאַר דער באַפעלקערונג און, גלייך אויפן אָרט, האָט מאַכנאָ דערשאָסן גריגאָריעוון. די מיטהעלפערס זיינען דערשאָסן געוואָרן הינטער דער שטאָט.

איך וויל צוגעבן, אַז די, וואָס פלעגן פּרוּוון זיך פאַרשטעלן פאַר מאַכנאָווצעס, פלעגן פאַרענדיקן זייער לעבן אויפן זעלביקן אופן ווי גריגאָריעוו.

איך וועל פאַרצייכענען נאָך אַ וויכטיקן געשיכטלעכן פאַקט. מיט מאַכנאָען האָט אַ לענגערע צייט מיטגעאַרבעט אין דער פּאַרטיזאַנער אַרמיי אַן אַנאַרכיסט מיטן נאָמען י. טעפּער; זיין פּסעוודאָנים איז געווען גאָרדייעוו. ביים סוף פון מאַכנאָס טעטיקייט, איז אָט דער טעפּער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן גוט געוווּסט, אַז טעפּער איז געווען אַן אַקטיווער טוער אין דער מאַכנאָ־באַוועגונג. זיין אַרעסט האָט געמיינט אַ זיכערער טויט פאַר אים און עס ווייזט אויס, אַז ער האָט באַשלאָסן צו ראַטעווען זיין לעבן. האָט ער פאָרגעשלאָגן די באָלשעוויקעס, אַז, היות ער האָט חרטה אויף זיין מאַכנאָוויזם, וויל ער ווערן אַ באָלשעוויק. כדי צו באַווייזן, אַז ער מיינט ערנסט מיט זיין חרטה, האָט ער אָנגעשריבן אַ בראָשור פון 120 זייטן, ווו ער פּרוּווט ווייזן די פאַלשקייט פון מאַכנאָס אידעאָלאָגיע. די באָלשעוויקעס האָבן די בראָשור אַרויסגעגעבן אין 1924, ביים פאַרלאַג „יונגער אַרבעטער“. אין יענער בראָשור קענט איר געפינען וואָס איר ווילט אויף צו באַווייזן, אַז נעסטאָר מאַכנאָ און זיין אַנאַרכיסטישע אידעאָלאָגיע זיינען פאַלש. איר וועט דאָרטן אָבער נישט געפינען די מינדסטע אָנצוהערעניש, אַז מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער זאָלן האָבן געמאַכט פּאָגראָמען אויף ייִדן. צו יענער צייט האָבן באָלשעוויקעס געזוכט יעדע קלייניקייט אויף צו וואַרפן אַ חשד אויף מאַכנאָען, אָבער אַפילו י. טעפּער, וועלכער האָט געזוכט צו ראַטעווען זיין לעבן דורך מיטהעלפן די באָלשעוויקעס

אין דער דאָזיקער שמוציקער אַרבעט, האָט נישט געוואַגט שרייבן, אַז מאַכנאָ האָט געמאַכט פּאָגראָמען אויף יידן.

***

די קאָנפעדעראַציע „נאַבאַט" האָט אַפּעלירט צו מיר זייער שטאַרק. דאָס האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס אונדזער, איצט פאַרשטאָרבענער, חבר וואָלין האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען אַ טעאָריע פון אַן איינציקן אַנאַרכיזם. ער איז צו־געגאַנגען פּראַקטיש צו דער פראַגע פון קאָנסטרוקטיוון אַנאַרכיזם. אָט די פּראַק־טיאָנעלע צעשפּאַלטונגען אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג דערלאָזט נישט אַרויסצובאַקומען אַזעלכע קאָנסטרוקטיווע רעזולטאַטן, ווי מיר האָבן עס געהאַט אין אונדזער באַוועגונג אין נאָוואָראָסייסק.

חבר וואָלינס צוגאַנג איז געווען זייער אַ פּראַקטישער און אַ געזונטער, אָבער דער אַלטער ראָמאַנטיזם אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָט נישט צוגעלאָזט די גרעסטע טייל חברים פון דער רוסישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אַריינצוטראַכטן זיך ערנסט אין דער טיפקייט פונעם געדאַנק פון איינציקן אַנאַרכיזם. נאָך מער, אָנשטאָט צו אַנאַליזירן ערנסט די פראַגע, איז חבר וואָלינס נייער געדאַנק דורך אַ סך חברים שטאַרק קריטיקירט געוואָרן.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מע האָט שטאַרק קריטיקירט וואָלינען און די אוקראַינער קאָנפעדעראַציע „נאַבאַט", האָט די נייע אידעע און גרופּירונג צוגעצויגן אַ גרויסע צאָל חברים אין אוקראַינע און אַפילו אין צענטראַל־רוסלאַנד.

די שטאָט כאַרקאָוו איז געוואָרן דער צענטער פון דער „נאַאַבט"־באַוועגונג. אין בוך־געשעפט, אין קלוב און אין די ספּעציעלע פּאַרקן זיינען געווען טעטיק די מיטגלידער פון דער קאָנפעדעראַציע „נאַבאַט" און די נשמה פון דער באַ־וועגונג איז געווען יוסף זודמאַן. ער איז געווען דער הויפּט־איניציאַטאָר, אָרגאַ־ניזאַטאָר און קאָאָרדינירער. אָט דער נישט גרויס־געוואקסיקער מענטש האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ גרויסע דינאַמאָ־מאַשין. ער האָט פאַרמאָגט אַ געהיימע קראַפט צו מאַכן פרייוויליק אַרבעטן אַפילו די, וועלכע זיינען נישט געווען איינ־שטימיק מיט דער „נאַבאַט"־באַוועגונג.

חבר יוסף גודמאַן פלעגט מיט מיר אָפט ריידן, אַז איך זאָל ווערן אַ מיט־גליד פון דער קאָנפעדעראַציע „נאַבאַט". איך האָב זיי געהאָלפן מיט וואָס איך האָב נאָר געקענט. אָבער איך האָב נאָך בכלל זיך נישט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין כאַרקאָוו. ערשטנס, האָב איך געהאַט אין זינען בעסיען און אונדזער זון, וועלכע זיינען געבליבן אין קערטש. דערצו האָב איך געחלומט וועגן מאָסקווע, וווהין מיר האָבן געבראַכט פון אַמעריקע די צייטונג „גאָלאָס טרודאַ". אָבער חוץ אַלעמען האָט מען געדאַרפט האָבן עפּעס צו טאָן אויף צו מאַכן אַ לעבן, און דאָס האָט מען אין כאַרקאָוו נישט געקענט געפינען. און מאַכן אַ לעבן פון דער באַוועגונג האָב איך נישט געגלייבט.

די דאָזיקע פראַגע האָט געלייזט אַ חבר מיטן נאָמען קאָנטאָראָוויטש, וואָס

איז געווען אַ קורצע צייט אין טשיקאַגאָ. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַ שטעלע אין אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט, ווו ער קריגט גוט באַצאָלט און האָט אַ מעגלעכקייט אַרומצופאָרן. דאָס האָט מיך פאַראינטערעסירט. חבר קאָנטאָראָוויטש האָט מיר געעצהט צו זען אין אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט אַן אַמעריקאַנער עמיגראַנט מיטן נאָמען באַביס ריינשטיין. אַזוי ווי איך קען אַ ביסל ריידן ענגליש, וועל איך דאָרטן זיכער קריגן אַ שטעלע.

איך האָב זיך מיישב געווען מיט יוסף גודמאַן. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך שליס זיך אָן אין דער קאָנפעדעראַציע „נאַבאַט״, נאָר פריער וויל איך מאַכן אַ רייזע קיין מאָסקווע און פרוון דאָרטן קריגן אַ שטעלע, וואָס וועט מיר געבן אַ מעגלעכקייט אַרומצופאָרן, וועדליק חבר קאָנטאָראָוויטש האָט מיר איבערגעגעבן. דאָס דאָזיקע קען אַרויסהעלפן אונדזער באַוועגונג, באַזונדערס בעת די באָלשעוויקעס האָבן שוין דעם גאַנצן קאָנטראָל איבער די באַנען. חבר גודמאַנען איז שטאַרק געפעלן געוואָרן מיין געדאַנק.

נאָך דעם, ווי די גרופּע „נאַבאַט״ האָט באַגעגנט דאָס 1919טע יאָר, בין איך אין אַ פּאָר טעג אַרום געווען אויפן וועג קיין מאָסקווע. איך בין געפאָרן מיט אַ גרופּע באָלשעוויקעס, וועלכע זיינען געווען דעלעגאַטן צום צווייטן אַל־רוסישן פּראָפעסיאָנעלן קאָנגרעס. אייניקע פון זיי זיינען געווען זייער לינק געשטימט און אָנהענגערס, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג זאָל זיין זעלבשטענדיק און פריי פון דער פּאַרטיי. איך האָב זיי דערציילט וועגן נאָוואָראָסייסקער עקספּערימענט, און אין משך פון די צוויי טעג, וואָס אונדזער רייזע האָט געדויערט, איז דאָס געווען אַ הויפּט־טעמע. דאָס האָט שיעור נישט געבראַכט צו אַ צונויפמענשטויס צווישן די לינקע און רעכטע באָלשעוויקעס. די לינקע האָבן מיך איינגעלאַדן צו קומען צום קאָנגרעס, ווו איך האָב געהאַט דאָס ערשטע מאָל די געלעגנהייט צו הערן לענינען, דערפילן דעם גייסט פון אַ דיקטאַטור און איינזען וווהין די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע קען דערגיין. מיינע ערשטע איינדרוקן פון לענינס רעדע און מיינע פאַרגעפילן האָבן נישט אָפּגענאַרט; אָבער וועגן דעם, שפּעטער.

איך קריג אַ שטעלע אין אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט

דיווירקלעכקייט איז אָפט מאָל זייער פאַרשיידן פון די חלומות, וואָס מיר האָבן געהאַט וועגן איר. דאָס דאָזיקע האָט פּאַסירט מיט מיר, ווען איך בין אָנגעקומען קיין מאָסקווע.

אין נאָוואָראָסייסק, פאַרנומען אין אַזאַ וויכטיקער קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, האָט מען נישט געהאַט קיין סך צייט צו טראַכטן וואָס עס קומט פאָר אין דער ווירקלעכקייט אין דער אַלגעמיינער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג און, באַזונדערס, אין אַזאַ צענטער ווי עס איז די גרויסע שטאָט מאָסקווע. מיר פלעגן דערהאַלטן די צייטונגען „גאָלאָס טרודאַ״, „אַנאַרכיאַ״ און אַנדערע — האָט

דאָס געמאַכט אויף אונדז אַן איינדרוק, אַז די גרופּעס פירן אָן אַ קאָנסטרוק־טיווע אַרבעט.

אמת, צו אונדז איז דערגאַנגען די נייס, אַז די באָלשעוויקעס האָבן דורכ־געפירט אַ מיליטערישן פּאָגראָם אויף דער באַוווסטער „הויז פון דער אַנאַרכיע", ליקווידירט די טעטיקייט פון דער גרופּע „אַנאַרכיע" און אָפּגעשטעלט די צייטונג „אַנאַרכיאַ". אָבער „גאָלאָס טרודאַ" פלעגט אָנקומען רעגלמעסיק און אַזוי אויך אַנדערע צייטונגען און ליטעראַטור.

אָבער פאַר די פּאָר חדשים, זינט איך בין געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן נאָוואָראָסייסק, האָב איך נישט געהאַט קיין אינפאָרמאַציע וועגן דעם וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דער גאַנצער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין מאָסקווע.

היות איך בין אין אַמעריקע געווען טעטיק אין די גרופּעס, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן די „גאָלאָס טרודאַ", און אין רוסלאַנד בין איך געווען נאָענט פאַרבונדן מיט דער גרופּע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די דאָזיקע צייטונג, פריִער אין פּעטראָגראַד און שפּעטער אין מאָסקווע, האָב איך, נאַטירלעך, געהאַט דעם אַדרעס פון דער גרופּע „גאָלאָס טרודאַ". האָב איך, קומענדיק קיין מאָסקווע, תיכף גענומען אַ שליטל און אַוועקגעפאָרן אויף יענעם אַדרעס, ווו איך בין גע־ווען זיכער צו געפינען חברים, וועלכע וועלן מיר באַזאָרגן מיט אַ פּלאַץ ווו צו זיין אין מאָסקווע. אָבער, געקומען צו דערווירקלעכקייט, האָב איך געליטן אַ גרויסע אַנטוישונג.

צוגעפאָרן צום פּלאַץ פון דעם אַדרעס, וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך באַצאָלט דעם מענטשן, וואָס האָט מיך צוגעפירט, און איך בין אַוועק צום טויער פון דער גרויסער הויז און גענומען זוכן די דירה פון „גאָלאָס טרודאַ". דער שטאַרקער פראָסט האָט דערווייל געביסן מיין פּנים, אָבער די דירה האָב איך נישט געקענט געפינען. צום גליק, איז פון אַ טיר אַרויס אַ יינגל פון אַ יאָר 15 מיט אַ שליטל אין זיינע הענט. בין איך צוגעגאַנגען צו אים און זיך גענומען אויספרעגן אפשר ווייסט ער ווו עס געפינט זיך די רעדאַקציע. דערוויס איך זיך, אַז די צייטונג האָט זיך אַריבערגעצויגן אויף אַן אַנדער דירה, זינט אַ פּאָר חדשים. איינער פון די שכנים פון הויז האָט געוווּסט דעם נייעם אַדרעס און ער האָט מיר אים פאַרצייכנט אויף אַ פּאַפּירל.

דערווייל שטיי איך אין גאַס אויפן פראָסט. קיין שליטל זעט זיך נישט. די נייע דירה איז טאַקע געווען נישט ווייט, אָבער איך בין געווען צו מיד צו קענען שלעפּן מיינע זאַכן. האָב איך אָנגעבאָטן דעם יינגל זעקס בייגל, אויב ער וועט מיר אַוועקפירן מיינע זאַכן אויף זיין שליטל, און איין בייגל האָב איך אים טאַקע תיכף געגעבן אַן אַדערויף. דאָס יינגל איז אַריין אין התפּעלות און תיכף אָפּגעפירט די זאַכן און זיי אַרויפגעטראָגן אויפן צווייטן שטאָק, ווו עס האָט געוווינט ג. פּ. מאַקסימאָוו, ווי איך האָב עס געזען אויפן פּאָסטקעסטל. ווען איך האָב דעם יינגל געגעבן די איבעריקע 5 בייגל, איז ער באַלד אַנטלאָפן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מע זאָל זיי ביי אים נישט צונעמען. די 5 בייגל האָבן באַטראָפן אַ פאַרמעגן אין יענע הונגעריקע יאָרן אין מאָסקווע.

אַריינגעקומען אין אַ גרויסן צימער, האָב איך אָנגעקלאַפּט אין איינער פון די 7—8 טירן, וואָס זענען דאָרטן געווען. עס איז אַרויס אַ פרוי, וועלכע האָט מיר אינפאָרמירט, אַז מאַקסימאָוו און זיין פרוי וועלן זיין פאַרנאַכט אין דער היים. זי אַליין האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט, אַז זי הייסט אַנאַ פּאַוולאָוואַ. איר מאַן, ניקאָלאַי פּאַוולאָוו, וועט באַלד אַריינקומען און עס וועט זיין פאַר אים אַן אָנגענעמע איבערראַשונג מיך צו טרעפן. איך האָב מיך דערמאָנט, אַז פּאַוו־לאָוו איז געווען איינער פון די, וואָס מיר פלעגן זיי שיקן הילף פון דעם טשיקאַ־גער רויטן קרייץ, און איך פלעג מיך דורכשרייבן מיט אים.

פון די פּאַוולאָווס האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָ וווינען אויך יאַרטשוק מיט זיין פרוי און אָרגיאַני מיט זיין פרוי. חוץ דעם, פלעגן אָנגעקומענע חברים דאָרטן געפינען אַ פּלאַץ: ס׳איז געווען אַ צימער, קיין בעטן זיינען נישט געווען, אָבער מע פלעגט אויסבעטן אויף מאַטראַצן אויפן פּאָל. מיט אַט דעם האָט זיך פאַרנומען אויסשליסלעך אַנאַ פּאַוולאָוואַ. די פּאַוולאָווס אָפּטיילונג אין הויז איז געווען אַן איינפאַר־הויז. און היות איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער פּלאַץ, ווו צו שלאָפן, בין איך געוואָרן אַ מיטגליד פון פּאַוולאָווס „האָטעל״.

ווען פּאַוולאָוו איז געקומען אַהיים, זיינען אָנגעקומען נאָך אַ פּאָר חברים. אַזוי ווי איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט אייניקע פּראָדוקטן, האָט מען געמאַכט טיי און אַ צובייס און מיר האָבן געהאַט אַ ריכטיקן באַנקעט צווישן האַלב־הונגעריקע חברים. מיר האָבן פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו אינפאָרמירן זיך וועגן דער באַוועגונג אין מאָסקווע. אין קיין באַגייסטערטע שטימונג האָבן מיך די נייס נישט אַריינגע־בראַכט — זיכער פאַרקערט. אומדערוואַרט איז אַריין מאַקסימאָוו און מיך גע־בעטן אַריינצוקומען צו אים מאָרגן נאָך מיטאָג, ווען ער וועט זיין אין דער היים — ער האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט דורכריידן מיט מיר. איך האָב די פאַרבעטונג אָנגענומען.

עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען מיר זיינען אַוועק שלאָפן. עס רעדט זיך אַזוי שלאָפן — ערשטנס, איז דער צימער געווען נישט געהייצט. צווייטנס, האָט דער שמועס מיר געגעבן אַ סך מאַטעריאַל אויף נאָכטראַכטן. ערשט פאַרטאָג בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן. אַרום 10 אַ זייגער אין דער פרי האָט מיך אַנאַ פּאַוולאָוואַ אויפגעוועקט, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז איך בין פאַרפרוירן געוואָרן. אויסגעטרונקען אַ גלאָז הייסע טיי און צוגעביסן, בין איך אַוועק זען באָריס ריינשטיינען.

דער אויסלענדישער קאָמיסאַריאַט האָט זיך דעמאָלט געפונען אין האָטעל מעטראָפּאָל, וואָס איז געווען נישט ווייט. אין יענער צייט איז נאָך די אָרדע־נונג אין די קאָמיסאַריאַטן געווען אַ דעמאָקראַטישערע. ווען איך האָב זיך נאָכ־געפרעגט אויף ריינשטיינען, האָט אַ יונג מיידל מיך העפלעך געבעטן מיטצוגיין מיט איר און זי וועט מיר ווייזן ווו באָריס ריינשטיין געפינט זיך.

ווען ריינשטיין האָט דערהערט פון מיר, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער עמי־גראַנט, האָט ער איבערגעלאָזט דעם אָפיציעלן טאָן, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום

האָבן מיר שוין געשמועסט ווי מיר וואָלטן געווען אַלטע באַקאַנטע. ער האָט מיך געפרעגט צו וואָס פאַר אַ ריכטונג איך געהער, און איך האָב אים געענטפערט, אַז צו דער אַנאַרכיסטישער. האָט ער מיך ווידער געפרעגט, צי איך קען ווערמען עס איז פון די אַמעריקאַנער אַנאַרכיסטן, און איך האָב אים געענטפערט, אַז איך מיין אַז איך קען אַלע. צי קען איך שאַטאָוון? — אוודאי קען איך אים זייער גוט.

זאָגט ער מיר גאָר נישט און נעמט דעם טעלעפאָן און קלינגט אָן צו שאַטאָוון און איך הער, ווי ער זאָגט, אַז ביי אים זיצט איצט אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען באָריס יעלענסקי. איך האָב געהערט ווי אַ פרויישער קול ענטפערט — שאַטאָווס פרוי האָט געבעטן צו לאָזן איר ריידן מיט מיר. זי האָט מיך געבעטן צוקומען צו זיי ווען איך וועל האָבן צייט, אַז מאָרגן אָוונט קומט שאַטאָוו אַהיים. זי פרעגט מיך וואָס איך טו ביי ריינשטיינען, און ווען זי האָט געהערט, אַז איך זוך אַ שטעלע, האָט זי מיך געבעטן צו לאָזן איר ריידן מיט ריינשטיינען.

איך האָב געהערט, ווי זי זאָגט אים, אַז ער מוז מיר געבן די שטעלע און זי בעט אים אויך צו קומען צו זיי ווען שאַטאָוו וועט צוריקקומען מאָרגן אָוונט.

ריינשטיין האָט אָנגעקלונגען צום געהילפס־קאָמיסאַר, קאַראַכאַן, אים דערציילט אַז חבר שאַטאָווס אַ פריינד זוכט אַ שטעלע און שאַטאָווס פרוי האָט געזאָגט, אַז זיי וועלן גוט זאָגן פאַר אים. דענקט ער, אַז מע וואָלט אים געקענט אָנשטעלן ווי אַ דיפּלאָמאַטישן קוריער, ווייל ער קען אַ ביסל ענגליש. קאַראַכאַן האָט צוגעשטימט און געהייסן מיך פאַרזאָרגן מיט אַלדאָס נייטיקע.

מע האָט מיך באַזאָרגט מיט אַ האַלבן חודש שכירות, מיט אַן אָרדער אין אַ געשעפט צו קריגן נייע קליידער, אונטערוועש אאַ״וו, מיט אַ צימער צו ווינען און צווייענדיקע בילעטן אויף מאָלצייטן אין אַ ספּעציעלן רעסטאָראַן.

ריינשטיין האָט מיר געהייסן קומען צו דער אַרבעט מאָרגן 9 אַ זייגער אין דער פרי. ער וויל, אַז איך זאָל זיך באַקענען מיט אַלץ. איינער אַ חבר מאָיסעי וועט מיר זיין באַהילפיק אין אַלץ. ער גלייבט, אַז אין אַ צוויי וואָכן אַרום וועל איך דאַרפן פאָרן קיין כאַרקאָוו.

אַ פּאָר קלייניקייטן לוינט צו דערציילן, ווייל זיי וועלן געבן אַ בילד ווי מע האָט אין יענע יאָרן געלעבט אין מאָסקווע:

דער רעסטאָראַן, וווהין איך האָב געהאַט די בילעטן, האָט געהערט צו די פּריווילעגירטע, און איך האָב דעריבער דערוואַרט צו קריגן נישט קיין שלעכטן מאָלצייט. בין איך, אַזוי שנעל ווי איך האָב געקראָגן אַלע אָרדערס און מאַנדאַטן (אָן אַ מאַנדאַט האָט מען דעמאָלט נישט געקענט עקסיסטירן), אַוועק אין רעסטאָראַן, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער באַוווסטער טווערסקאַיאַ גאַס, נישט ווייט פונעם קאָמיסאַריאַט. אַרויף אויפן צווייטן שטאָק, ווו דער רעסטאָראַן האָט זיך געפונען, האָב איך דערזען אַ זייער גרויסן צימער, ווו עס זענען געשטאַנען לאַנגע טישן מיט בענק. זייער ווייניק מענטשן האָבן דאָרטן געגעסן זייער מאָלצייט, אָבער אַרום די ווענט זענען געשטאַנען לאַנגע

בענק און אויף זיי זענען געזעסן מענטשן און געוואַרט אויף עפּעס. ביי אייניקע פון אָט די מענטשן האָט מען אויף די פּנימער דערקענט גרויסע זאָרגן.

איך האָב פאַרנומען אַ פּלאַץ ביים פענצטער און גלייך איז צוגעקומען אַ פרוי, ביי וועלכער איך האָב באַשטעלט צוויי מאָלצייטן און איר געגעבן צוויי קופּאָנען. דער מעניו איז באַשטאַנען פון לינדזן־זופּ, לינדזן און טיי. איך האָב געקראָגן די צוויי שיסלען לינדזן־זופּ, צוויי טעלער לינדזן, פיר שטיקלעך שוואַרץ ברויט און צוויי גלעזער טיי. אָבער נאָך די עסנס אין קרים און אין כאַרקאָוו, האָב איך די מאכלים בשום אופן נישט געקענט עסן. האָב איך אויס־געטרונקען די צוויי גלעזער טיי מיט אייגענעם צוקער, אויפגעגעסן די פיר שטיקלעך ברויט און זיך אויפגעהויבן צו אַוועקגיין. גלייך זענען צוגעלאָפן צו מיר די הונגעריקע מענטשן, וואָס זענען געזעסן ביי די ווענט, און געבעטן דער־לויבעניש אויפצועסן דאָס, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט. איך האָב נישט פאַר־שטאַנען גלייך וואָס די מענטשן ווילן, נאָר איך האָב אינסטינקטיוו דערפילט זייער גרויסן הונגער און, נישט אַ קוק טוענדיק אויף די מענטשן, בין איך אַרויסגעלאָפן פון עסצימער.

איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין די דאָזיקע גאַנצע טראַגעדיע — עס האָט זיך נישט געוואָלט גלייבן, אַז אַזאַ לאַגע איז געשאַפן געוואָרן דורך דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע. ערשט אַרויסגייענדיק אויף דער קאַלטער ווינ־טערדיקער לופט, האָב איך אָנגעהויבן איינצוזען די רעאַליטעט.

פון רעסטאָראַן בין איך אַוועק צו רעגיסטרירן זיך אין האָטעל. אַ מאַן האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער מיט צוויי בעטן. וועדליק דער טאַפּעצי־רונג פון די מעבל, האָט עס אויסגעזען, אַז דער האָטעל האָט אַמאָל געדאַרפט זיין אַ לוקסוסדיקער. איך האָב געפרעגט דעם מאַן פאַרוואָס עס איז אַזוי קאַלט אין צימער. האָט ער מיר געענטפערט, אַז מאָרגן וועט מען ברענגען האָלץ, וועט מען קענען באַהייצן בעסער; דערווייל וועט מען מיר געבן צוויי קאָלדרעס. דער מאַן האָט מיר אָנגעזאָגט נישט צו קומען שפּעטער ווי איינס אַ זייגער, ווייל פון 1 ביז 7 זענען די טירן געשלאָסן און מע קען נישט אַריין און נישט אַרויס.

גייענדיק שפּעט ביינאַכט צו מיין האָטעל, האָב איך מיך גוט צעוואַרעמט. איך האָב מיך שנעל אויסגעטאָן און אַריין אין בעט. אַפילו מיט די צוויי קאָל־דרעס האָב איך מיך אויך נישט געפילט צו באַקוועם, אָבער נאָך אַזוי פיל אַרומלויפן אַ גאַנצן טאָג און נאָך אַלע איינדרוקן, בין איך געווען מיד און איך בין גלייך איינגעשלאָפן. ווי לאַנג איך בין געשלאָפן, ווייס איך נישט, אָבער נאָך אין שלאָף האָב איך דערפילט, אַז איך ווער פאַרפרוירן. איך בין אַראָפּ, אין גאַנצן ציטערנדיק פון קעלט, אַראָפּגענומען די קאָלדרע און דעם מאַטראַץ פון דער אַנדערער בעט און אַרויפגעוואָרפן אויף מיינע צוויי קאָלדרעס, אָבער עס איז מיר נישט געוואָרן וואַרעם. האָב איך אָנגעטאָן די קליידער און די שיך און אַזוי אַריין אין בעט, אָבער איך האָב אַלץ נישט געקענט איינשלאָפן. איך האָב געפילט, אַז איך ווער פאַרפרוירן.

בין איך אַראָפּ פון בעט און גענומען זוכן די סיבה פון דער דאָזיקער

גרויסער קעלט. לאַנג זוכן האָב איך נישט געדאַרפט: איינע פון די פענצטער, וואָס איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַ שווערער טוך, האָט נישט געהאַט קיין שויבן, און די גאַנצע פענצטער איז געווען איין שטיק אייז.

איך בין אַרויס פון צימער און געזוכט צו עפענען די הויפּט־טיר, אָבער זי איז געווען פאַרשלאָסן. נאָר אין קאָרידאָר איז פאַרט געווען אַ ביסל ווייניקער קאַלט — בין איך אַרומגעלאָפן הין און צוריק איבערן קאָרידאָר, ביז דער אויפ־זעער האָט געעפנט די טיר, און איך בין תיכף אַרויסגעלאָפן פון מיין פּריווי־לעגירטן האָטעל און אויפגעזוכט אַ פּלאַץ ווו מע קען קריגן אַ גלאָז הייסע טיי און זיך אַ ביסל דערוואַרעמען. דעמאָלט בין איך אַוועק קריגן ווינטערדיקע קליידער.

אָפּגעזוכט דעם פּלאַץ, וואָס איז אַמאָל, ווייזט אויס געווען אַ קראָם פאַר גאָר רייכע קליענטן, זע איך אַז ביי דער טיר שטייט אַ רויטער אַרמייער מיט אַ ביקס אין די הענט. איך האָב דעם אַרמייער געדאַרפט ווייזן מיין מאַנדאַט און דעם אָרדער. באַקומען אָט די פּאַפּירלעך האָט ער אַנגעקלאַפּט אין טיר און, ווען מע האָט געעפנט די טיר, האָט ער איבערגעגעבן די פּאַפּירן. עס האָט גע־דויערט אַ גוטע האַלבע שעה, ביז מע האָט מיך אַריינגעלאָזט אין געשעפט אַריין, ווו עס איז געווען וואַרעם און אַנגענעם.

אַזוי ווי די פענצטער פונעם געשעפט זענען געווען פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר, האָט מען פון דרויסן נישט געקענט זען וואָס אינעווייניק געפינט זיך, נאָר אַריינגייענדיק האָב איך דערזען, אַז דאָרטן געפינען זיך אויסגעווינטלעך גוטע קליידער פאַר מענער און פרויען.

ווען איך האָב געבעטן אַ קאַראַקולן היטל מיט קלאַפּן אויף צו פאַרשטעלן די אויערן, האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ סחורה פאַר אַ העכערן ראַנג ווי איך. איך האָב עס געקריגן ערשט נאָך לאַנגן דינגעניש און דראָען, אַז איך וועל טעלעפאָנירן אין אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט. ערשט מיטאָג־צייט בין איך אַרויסגעקומען פון קראָם אַן אויסגעפּוצטער אין וואַרעמע קליידער און נאָך מיט פּעקלעך אונטערביידע אָרעמס.

אגב, אָט די דריי עפּיזאָדן, צו וועלכע מע דאַרף צוגעבן די שפּייז־קראָם אין קרעמעל, ווייזן אַז די עפּאָכע פון פּריווילעגירטע קלאַסן האָט זיך שוין אָנגעהויבן. דאָס זענען געווען די ערשטע התחלות פון דער פּריווילעגירטער ביוראָקראַטיע.

**
*

נאָך דעם, ווי איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט מיינע אָפיציעלע פליכטן, בין איך אַוועק צו חבר מאַקסימאָוו, וועלכער האָט שוין געוואַרט אויף מיר.

חבר מאַקסימאָוו האָט געהאַט אַ גרויסע באָרד מיט וואָנצעס אַזוי, אַז זיין גאַנצער פּנים איז געווען באַוואַקסן. ער האָט פאַרלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל אים אויסדערציילן די גאַנצע טעטיקייט פון אונדזער גרופּע, זינט דעם ערשטן

טאָג, וואָס איך בין געקומען קיין נאָוואָראָסייסק. איך זאָל נישט דורכלאָזן קיין איין עפּיזאָד, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אונדזער אַקטיוויטעט[1].

פון זיין באַוואָקסענעם פּנים האָט די גאַנצע צייט אַראָפּגעקוקט אַ וואָרע־מער, חברשער שמייכל, צוזאַמען מיט אַ שטרענג ערנסטער באַצ:ונג צו אַלץ, וואָס איך האָב דערציילט. מיר האָבן נישט באַמערקט, ווי די צייט איז אַוועק. מיר האָבן זיך ערשט געכאַפּט ווי שפּעט עס איז, ווען מאַקסימאָווס פרוי אָלגאַ (אין דער באַוועגונג האָט מען זי גערופן אָלגאַ יאַפּאָנקאַ) איז אַריין אין צימער. אָלגאַ איז געווען אַ יידישע פרוי, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ באַלעבאַטישער משפּחה אין סמאָלענסק. ווי אַזוי זי איז אַריין אין דער באַוועגונג, איז מיר נישט געווען באַקאַנט. איך ווייס נאָר, אַז זי איז געווען פאַרשיקט אין סיביר, ביז די רעוואָלוציע האָט זי באַפרייט. אין גיכן נאָך דעם איז זי זיך צוזאַמענ־געקומען מיט מאַקסימאָוון. אַז מע האָט צום ערשטן מאָל געזען אָלגאַן, האָט מען געמיינט, אַז די גאַנצע מאָסקווער קעלט שפּרייט זיך פון איר.

חבר מאַקסימאָוו האָט מיך פאַרבעטן עסן מיט זיי. בין איך אַריין צו די פּאַוולאָווס, ווו איך האָב געהאַט מיינע זאַכן, אַרויסגענומען אַ ביסל עסנוואַרג און עס געבראַכט צו די מאַקסימאָוו. נאָר דעמאָלט האָב איך אויך אַ סעקונדע באַמערקט אַ שטיקל שמייכל אויף אָלגאַס פּנים.

נאָכן עסן האָט מאַקסימאָוו אַריינגערופן די אָרגעאַניס און די יאַרטשוקס. דאָס ווייסע ברויט און די בייגעלעך, וואָס איך האָב געבראַכט, זענען פאַר זיי געווען זאַכן, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג נישט געזען. זיי האָבן שוין גאָר פאַרגעסן דעם טעם פון דעם. אָפּגעטרונקען טיי און צוגעביסן, האָט זיי חבר מאַקסימאָוו איבערגעגעבן אַלץ, וואָס איך האָב אים דערציילט.

חבר אָרגעאַני האָט זיך טיף פאַרטראַכט וועגן נאָוואָראָסייסקער עקספּערי־מענט. ער האָט באַמערקט, אַז דאָס איז געווען אַ פּראַקטישער צוגאַנג צו בויען אַ נייע און פרייהייטלעכע געזעלשאַפט און אַז, ווערדליך די אינפאָרמאַציע וואָס ער האָט, איז דאָס געווען דער איינציקער פּרווו פון אַן אַנאַרכיסטישער גרופּע צו ברענגען אין לעבן אַ פרייהייטלעכע אַנאַרכיסטישע געזעלשאַפט. היות עס איז שוין געוואָרן שפּעט, האָב איך נישט געקענט אויספרעגן וואָס די אַנאַר־כיסטן אין מאָסקווע טוען. האָב איך באַשלאָסן פריִער זיך אַליין צו באַקענען מיט די אַקטיוויטעטן פון אַלע גרופּירונגען און שפּעטער איבערצוגעבן מיינע איינדרוקן וועגן די אַנאַרכיסטישע גרופּעס אין מאָסקווע.

היות איך האָב געהאַט אַ שטעלע, בין איך געווען פאַרפליכטעט אַלע פרי־מאָרגן צו קומען אין מיין אָפּטיילונג אין אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט, ווו עס איז יעדן פרימאָרגן געווען טיי מיט ברויט און אַמאָל אויך עפּעס אַנדערש. נאָך אַלעמען איז דאָך עס געווען דער פּריווילעגירטער קלאַס.

קומענדיק אין קאָמיסאַריאַט, האָט מען מיר באַלד דערציילט, אַז ווען איך

(1) The Guillotine at Work, p. 366.

בין נעכטן אַוועק, האָט שאַטאָווס פרוי זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר. האָב איך זי גלייך אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן, זיך אַנטשולדיקט וואָס איך בין נאָך ביי זיי נישט געווען, ווייל איך בין געווען פאַרנומען מיט אייניקע פּראָבלעמען. האָט זי מיר געבעטן היינט אָונט צו קומען צו זיי, ווייל שאַטאָוו קומט היינט פון זיין רייזע. איך וועל עסן מיט זיי און, היות זיי האָבן אַן איבעריקן צימער, וועל איך אויך קענען שלאָפן די נאַכט ביי זיי. זיי וווינען טאַקע אין האָטעל „מעטראָ־פּאָל", ווו דער קאָמיסאַריאַט געפינט זיך.

ווען איך האָב געזען מיין „באַלעבאָס", ריינשטיין, האָט ער מיך אויסגע־פרעגט ווי איך האָב מיך איינגעאָרדנט. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין דערפאַרונג מיטן קאַלטן צימער. האָט ער מיר געענטפערט, אַז היינט אָונט וועל איך זיין ביי די שאַטאָווס און זיך זען דאָרטן מיט אַ צאָל חברים (דעמאָלט האָבן אַלע געהייסן „חברים"), וועלן זיי שוין זען צו קריגן אַ וואַרעמען צימער פאַר מיר.

נאָך אַ טאָג אַרבעט פון גאָרנישט טאָן, בין איך אַוועק צו די שאַטאָווס. דאָרטן האָב איך געטראָפן איר שוועסטער מיט איר מאַן, אַלטע באַקאַנטע פון דער אַמעריקאַנער עמיגראַציע. איך האָב גלייך באַמערקט, אַז די גאַנצע סביבה אַרום שאַטאָווס פרוי און איר שוואָגער איז גאָר אַן אַנדערע, ווי דאָס איז געווען אין אַמעריקע. אָבער איך האָב באַשלאָסן צו שפּילן די ראָל פון איינעם וואָס זעט נישט און הערט נישט גאָרנישט.

אָפּגעגעסן אַ געשמאַקן מאָלצייט, האָב איך זיי דערציילט מיין דערפאַרונג פון דער לעצטער נאַכט, ווען איך בין שיעור נישט פאַרפרוירן געוואָרן. דער־ווייל האָט דער גוטער מאָלצייט און די וואַרעמקייט אין צימער געווירקט אַזוי, אַז איך בין אַנשלאָפן געוואָרן ביים טיש. שאַטאָווס פרוי האָט מיך אויפגעוועקט און פאָרגעשלאָגן אַריינצוגיין אין מיין צימער און כאַפּן אַ דרימל, ביז שאַטאָוו וועט קומען.

ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, בעת איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פון אַ גרויסן טומל, וואָס איז געקומען פון עסצימער, אַ טומל פון עטלעכע מענטשן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געהערט ביל שאַטאָווס קול. אַרומגעוואַשן זיך דעם פּנים, בין איך אַריין אין עסצימער. שאַטאָוו האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט מיר און מיך אָנגעהויבן צו באַקאַנען מיט אַלעמען. יעדן האָט ער געזאָגט, אַז איך בין זיין בעסטער חבר און פריינד. איינער פון די מענטשן האָט אויס־געזען באַזונדערס עלעגאַנט, מיט אַ קאַווקאַזער פּנים — דאָס איז געווען קאַראַ־כאַן, טשיטשערינס הויפּט-געהילף. בכן איז דאָס געווען מיין הויפּט־באַלעבאָס. שאַטאָוו האָט זיך מיט אים פאַרהאַלטן זייער היימיש און אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט מיך שלעכט באַהאַנדלען, וועט ער זיך מיט אים אָפּרעכענען.

נאָך די פאַרשטעלענישן, כאַפּ איך אַ קוק אויפן טיש און איך גלייב נישט מיינע אייגענע אויגן: עס איז געווען זייער ווייט פון אַ בילד אין דער הונגעריי־קער מאָסקווע. דער גאַנצער גרויסער טיש איז געווען פאַרשטעלט מיט פלע־שער טייערע געטראַנקען; עסנוואַרג איז געווען פון הערן און גערדענקען.

דער עולם האָט געשמאַק געגעסן און געטרונקען. די פּלעשער זענען שנעל אויסגעליידיקט געוואָרן איינע נאָך דער צווייטער. דאָס עסן האָט אויך גענומען פאַרשווינדן, און שאַטאָוו האָט גענומען אויסדערציילן פון זיין רייזע און ביי וועמען ער האָט געקראָגן די אַלע עסנוואַרג און געטראַנקען.

אין דער אַלטער רוסישער שטאָט סמאָלענסק איז געווען אַ גרויסע דייטשע מיליטערישע באַזע. איצט האָבן זיי געדאַרפט עוואַקויִרן די שטאָט. האָט מען שאַטאָוון געשיקט צו פאַרהאַנדלען מיט דעם דייטשישן שטאַב, אַז זיי זאָלן פאַרקויפן אַלע מיליטערישע מאַטעריאַלן צו די באָלשעוויקעס. אין אָנהייב האָבן די דייטשן אַפילו נישט געוואָלט הערן פון דעם, אָבער כיל שאַטאָוו האָט זיי דערציילט אַ בבא־מעשה, אַז פאַרטיזאַנער זענען פאַרפּלייצט איבער די וועגן צו דייטשלאַנד און ער גלייבט נישט, אַז זיי וועלן עס אַלץ קענען דערפירן קיין דייטשלאַנד. דער סוף איז געווען, אַז די אָנגעלאָדענע וואַגאָנעס זענען, אַנשטאָט צו פאָרן קיין דייטשלאַנד, אַוועק קיין מאָסקווע. אין צוגאָב האָט ער נאָך געקראָגן דאָס אַלץ וואָס מיר עסן און טרינקען. און די סאָוויעטישע רעגירונג וועט אַריינקריגן אַ גרויסן סטאָק מיט מאָדערן געווער און מיליטערישע מאַטעריאַלן.

דער עולם האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין ערשט, ווען אין דרויסן האָט שוין אָנגעהייבן צו טאָגן.

קענטיק, אַז שאַטאָווס פרוי האָט דערציילט איר מאַן, אַז איך האָב נישט קיין וואַרעמען צימער, ווייל שאַטאָוו האָט געזאָגט קאַראַכאַנען, אַז ער מוז פאַר מיר קריגן אַ צימער. איז קאַראַכאַן צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן און אָפּגערופן דעם האָטעל „נאַציאָנאַל" (וואָס איז געווען די ערשטע רעזידענץ פון די סאָוויעטן) און געזאָגט, אַז ער דאַרף האָבן אַ צימער אויף עטלעכע חדשים. אין אַ פערטל שעה אַרום האָט מען פון האָטעל אָנגעזאָגט, אַז מיטאָג־צייט וועט זיין אַ צימער. קאַראַכאַן האָט מיר געגעבן אַ צעטל צום פאַרוואַלטער, און אויף מאָרגן בין איך שוין געווען אַן איינוווינער פון האָטעל „נאַציאָנאַל".

דאָס אייגענע, ווי דאָס האָט פּאַסירט אויף מאָרגן מיט מיינע ביידע באַלעבאַטים, האָב איך פאַרשלאָפן און געקומען שפּעט צו דער אַרבעט. צו דעם, האָט חבר מאָיסעי מיר גלייך אָנגעזאָגט אַן אומאָנגענעמע נייס: ס'איז דערהאַלטן געוואָרן אַ בריוו פון כאַרקאָוו (דעמאָלט, די רעזידענץ פון דער אוקראַיִנישער סאָוויעט־רעגירונג, מיט ראַקאָווסקין בראש), אַז זיי דאַרפן דאָרטן האָבן אייניקע מענטשן, וואָס קענען ריידן ענגליש. אין שוואַרצן ים דאַרפן אַריינקומען ענגלישע און אַמעריקאַנישע קריגשיפן — האָט מען פון דאָרטן געפאָדערט מענטשן און ליטעראַטור.

מיר איז די נייס נישט געווען צום האַרצן, ווייל איך בין געווען אויסגעמאַטערט נאָך דער גרויסער אָנשטרענגונג אין נאָוואָראָסייסק און נאָך די חדשים אַרומשלעפּעניש, ביז איך בין געקומען קיין מאָסקווע. צווייטנס, איז אין קרים דעמאָלט געווען גענעראַל דעניקין מיט זיינע קאָזאַקן, און פאַר מיר איז געווען

איינגעשטעלט צו פאָרן אַהין. האָב איך באַשלאָסן ביי זיך, אַז איך וועל פאָרן ביז כאַרקאָוו און דאָרטן וועלן מיר זען וואָס מע קען טאָן.

צום גליק האָט פּאַסירט אַ גרויסער נס: ווען איך בין דעם צווייטן טאָג געקומען צו דער אַרבעט, האָב איך דאָרטן געטראָפן אַ גוטן פריינד, אַן אַלטער באָלשעוויק מיט אַ גרויסער מענטשלעכער נשמה. ער איז געווען דער מיליטערישער קאָמיסאַר אין נאָוואָראָסייסק. זיין פרוי, וואַרוואַראַ אַפאַנאַסיעוונאַ, מיט זייערע צוויי קינדער זענען געבליבן אין נאָוואָראָסייסק. זי האָט זיך שטאַרק באַפריינדט מיט בעסין. צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פרויען האָבן זיי אָרגאַניזירט אַ רויטן קרייץ און געהאָלפן די אַרעסטירטע חברים און די, וואָס פלעגן דורכפאָרן מיטן עטאַפּ. דער נאָמען פון מיין פריינד איז געווען וולאַדימיר טאָלמאַטשאָוו. ער איז געווען אַן אַלטער קאָאָפּעראַטאָר. אין דער אַרמיי איז ער געווען אַן אָפיצער. שפּעטער, בעת סטאַלינס „רייניקונגען", האָט מען אים דערשאָסן.

איך האָב פאַרבעטן מיין פריינד צו זיך אין האָטעל: אויב ער וועט נישט קריגן אַזוי גיך קיין צימער, וועט ער קענען זיין מיט מיר. איך האָב אים געפרעגט צי ער קען מיר זאָגן נאָך וואָס ער איז געקומען אין קאָמיסאַריאַט. האָט ער מיר געענטפערט, אַז דאָס איז נישט קיין מיליטערישער סוד — ער דאַרף פאָרן קיין כאַרקאָוו, און מע האָט אים געזאָגט, אַז דער קאָמיסאַריאַט שיקט אָפּט זיינע קוריערן אין אַ באַזונדער קופּע אָדער וואַגאָן, וויל ער קריגן אַ פּלאַץ דאָרטן. האָב איך אים געזאָגט, אַז ער דאַרף מער נישט זאָרגן — ער וועט קענען פאָרן צוזאַמען מיט מיר.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט מיך באָריס ריינשטיין אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט און געזאָגט, אַז מאָרגן ביינאַכט וועל איך אָפּפאָרן קיין כאַרקאָוו אַוועקפירן אינטערנאַציאָנאַלע ליטעראַטור. פון דאָרטן וועט מען מיך אַריבערפירן די גרענעץ צום געביט פון דער ווייסער אַרמיי. דאָרטן וועט מען מיר געבן אַרבעט. האָב איך ווידער אַ מאָל געטראַכט ביי זיך: לאָמיר פאָרן קיין כאַרקאָוו, און דערנאָך וועט מען זען.

מע האָט מיר אויסגעשטעלט אַ מאַנדאַט, אַז איך בין אַ דיפּלאָמאַטישער קוריער. מע האָט מיר געגעבן אַן אָרדער צו די אייזנבאַן־באַאַמטע, אַז זיי זאָלן רעזערווירן פאַר מיר אַ קופּע. אין דער זעלביקער צייט האָט מען געלאָזט וויסן דעם אייזנבאַן־טשעקיסט, אַז ער זאָל באַזאָרגן אַ שטענדיקע וואַך פאַר מיין קופּע, ווייל איך פיר מיט זיך דיפּלאָמאַטישע דאָקומענטן. דערצו האָט מען מיך באַזאָרגט מיט פּאַפּירן, אַז אַלע ציווילע און מיליטערישע באַן־באַאַמטע מוזן מיר העלפן אין אַלץ, אַז איך זאָל קענען דערפאָרן קיין כאַרקאָוו.

איך האָב תיכף געלאָזט וויסן מיין באָלשעוויקישן פריינד, אַז אויף מאָרגן זאָל ער זיין פאַרטיק צו פאָרן קיין כאַרקאָוו. דערנאָך האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט זוכן אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור. עס זענען דעמאָלט געווען אין מאָסקווע צוויי בוכהאַנדלונגען, ווו מע האָט געקענט קריגן גרינטלעכע אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור: איין בוכהאַנדלונג, וואָס איז געבליבן פון דער צייטונג „גאָלאָס טרו־

דאָ״; די צווייטע איז געווען די פון די ברידער גאַרדין. די גאַרדינס איז געראָטן צו „קאָנפיסקירן״ ביי דער גרויסער פאַרלאַג־געזעלשאַפט „איזדאַטעלסטוואָ סי־טינאָ״ אַ גרויסע צאָל ווייכטיקע אַנאַרכיסטישע ביכער, וואָס יענער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן צווישן מאַרץ און אָקטאָבער. אין אָט דיביידע בוכהאַנדלונגען האָב איך איינגעהאַנדלט אַ ביסל ליטעראַטור אויף מיטצונעמען קיין כאַרקאָוו.

אַ טייל זאַכן מיינע האָב איך איבערגעלאָזט אין מיין שיינעם, וואַרעמען צימער. כדי צו זיין זיכער, אַז מע וועט האַלטן פאַר מיר דעם צימער ביז איך וועל צוריקקומען, האָב איך צעטיילט אַ ביסל פונעם עסנוואַרג, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט, צווישן די אַרבעטערס און, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרגעסן דעם אויפזעער, צוגעזאָגט צו ברענגען פון וועג נאָך עסן. דאָס איבעריקע עסנוואַרג, חוץ אַ טייל וואָס איך האָב מיטגענומען אויפן וועג, האָב איך צעטיילט צווישן די חברים.

אויף מאָרגן אין אָוונט, ווען איך בין געקומען אויפן קורסקי־וואָקזאַל, האָב איך זיך גלייך געווענדט צו דעם הויפט־באַאַמטן און פאַרלאַנגט פון אים דעם ספּעציעלן פּאַפּיר פאַר אַ קופּע, האָט ער גלייך אָפּגערופן די אייזנבאַן־טשע־קאַ און געלאָזט וויסן אַז דער דיפּלאָמאַטישער קוריער איז דאָ, און אַז זיי דאַרפן באַלד צושיקן אַ וואַך. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען געקומען דריי רויטאַר־מייער, גענומען מיינע זאַכן און דורך אַ באַזונדערער זייטיקער טיר, האָט מען מיך געבראַכט צום וואַגאָן, וווּ ס'איז געווען פאַר מיר צוגעגרייט אַ קופּע און ווו אַ באַוואָפנטער רויטאַרמייער איז געשטאַנען לעבן דער טיר. די דריי רויט־אַרמייער האָבן אים דערלאַנגט אַ צעטל פונעם קאָמענדאַנט, האָט ער תיכף גע־עפנט די טיר און אַריינגעלאָזט מיך און די רויטע גוואַרדייצעס מיט מיינע זאַכן.

איך האָב אַרויסגענומען איינעם פון מיינע מאַנדאַטן, כדי צו ווייזן דעם רויטאַרמייער ווער איך בין און אַז ביז כאַרקאָוו וועט ער זיין אונטער מיין אויפ־זיכט. מיין קופּע איז געווען גרויס, גענוג פאַר אַכט מענטשן, און ס'האָט אַוודאי נישט געפעלט קיין אָרט ווו צו לייגן מיינע זאַכן. כ'האָב זיי באַשטאַט אויף די פּאָליצעס און בין אַרויס זוכן מיין באָלשעוויסטישן פריינד טאָלמאַטשאָוו. איך האָב געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט אים צו געפינען צווישן דעם המון פון עטלעכע טויזנט בעלנים צו פאָרן מיטן דאָזיקן באַן.

ווען איך האָב אים ענדלעך געפונען און מיר האָבן געקראָגן צוויי פולע טשייניקעס מיט הייסן וואַסער, האָבן מיר זיך געלאָזט צו דער זייטיקער טיר, ווייל מע האָט נאָך נישט געהאַט געעפנט די טירן פאַר די אַלגעמיינע פאָרער.

אַז מ'האָט לסוף געעפנט די טירן פון וואָקזאַל, האָט נישט געדויערט אַפילו קיין האַלבע שעה, און אַלע וואַגאָנעס מיט די דורכגענג, זענען פול־געפּאַקט גע־וואָרן און די פּאַסאַזשירן האָבן זיך צוזאַמענגעפּרעסט ווי הערינג אין אַ פעסל. הונדערטער מענטשן זענען אַרומגעלאָפן ווי די היישעריקן, מיינענדיק הפּנים, אַז אפשר וועט זיי געלינגען צו געפינען אַ שטיקל פּלאַץ, זאָל זיין אַפילו צו פאָרן שטייענדיק.

בעת איך האָב אַרויסגעקוקט אויף דער דאָזיקער סצענע, פונעם גרויסן

פענצטער פון וואַגאָן, האָב איך דערזען אַ קליינע גרופּע חברים. בין איך מיט מאַטערניש קוים אַרויס פון וואַגאָן און געפרעגט ביי די חברים ווער פון זיי וויל פאָרן. האָבן זיך צוויי יונגע חברטעס אָפּגערופן, אַז זיי וואָלטן וועלן פאָרן ביז כאַרקאָוו. מיט גרויסע שוועריקייטן איז מיר געלונגען מיט זיי זיך דורכצו־שפּאַרן דורך דער געדיכטער מאַסע. ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין אונדזער קופּע, האָט מיין פריינד טאָלמאַטשאָוו צוגעגרייט עפּעס צום עסן און הייסע טיי, מיר האָבן אַריינגערופן אונדזער באַוואַכער, אַז ער זאָל מיט אונדז כאַפּן אַ ביס און פאַרטרינקען מיט אַ גלאָז טיי. פון אָנהייב האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, נאָר אַזוי ווי מיין פריינד טאָלמאַטשאָוו האָט געטראָגן אַ מונדיר פון אַן אָפיציר, האָט ער זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און איז געוואָרן אונדזערער אַ מיט־עסער.

נאָך דעם ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן און דער באַן האָט נאָך לאַנגע וואַרטע־נישן זיך אַרויסגעלאָזט אין דער פינצטערער נאַכט אַריין אויף זיין לאַנגן וועג, האָב איך געהייסן די צוויי יונגע חברטעס, אַז זיי זאָלן ביידע זיך לייגן שלאָפן אויפן אייבערשטן בעט און איך און מיין חבר האָבן פאַרנומען דאָס אונטערשטע בעט. דער רויטער גוואַרדייעץ, וואָס האָט מיך באַדאַרפט אָפּהיטן, אים האָב איך געהייסן, אַז ער זאָל זיצן ביים זייט, אין דער קופּע. נאָך דעם האָב איך געעפנט די טיר, און זיך געווענדט צו די, וואָס זענען געשטאַנען אין דעם דורכגאַנג פון וואַגאָן, און פאַרבעטן פון זיי פינף מענטשן אַז זיי זאָלן אַריינקומען צו אונדז אויף אַ שעה צייט, אַזוי אַרום וועלן זיי האָבן די מעגלעכקייט אָפּצורוען זייערע מידע פיס. דער עולם האָט גלייך דערפילט, אַז מיר ווילן נישט זיין קיין פרי־ווילעגירטע און בעת מיר זענען אויף מאָרגן אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו, האָבן זיך די מענטשן פון אונדזער וואַגאָן זיך מיט אונדז געזעגנט ווי מיט אַלטע גוטע פריינד.

ווידער אַ מאָל אין כאַרקאָוו

אָנקומענדיק אין כאַרקאָוו, האָב איך אויסגעפּילט מיינע אָפיציעלע פליכטן, איבערגעבנדיק אַלע פּאַפּירן אין די קאָמיסאַריאַטן, צו וועמען זיי זענען געווען אַדרעסירט. דעם לעצטן אָפּשטעל האָב איך געמאַכט אינעם פּלאַץ ווו איך האָב געדאַרפט קריגן מיינע אינסטרוקציעס, ווו און ווי אַזוי איך זאָל קומען צו דער אַרבעט וואָס איז פאַר מיר באַשטימט, אין שייכות מיט דער ווייסער אַרמיי.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין דער ביוראָ, האָב איך דאָרטן געטראָפן מיין פריינד טאָלמאַטשאָוו. דער הויפּט־קאָמיסאַר האָט דערזען ווי איך האָב זיך אַזוי פריינדלעך באַגריסט מיט טאָלמאַטשאָוון, האָט אים יענער דערציילט, אַז מיר האָבן אין משך פון אַ לאַנגער צייט צוזאַמען געאַרבעט אין נאָוואָראָסייסק. טאָל־מאַטשאָוו האָט גלייך געפרעגט וואָס פאַר אַ מיסיע און אַרבעט ווילן זיי מיר געבן, האָט דער ביוראָ־קאָמיסאַר אים געענטפערט אַז זיי ווילן מיך איבערשיקן אין דעם געביט פון דער ווייסער אַרמיי.

האָט טאָלמאַטשאָוו געגעבן אַ שפּרונג פון זיין שטול און אַ זאָג געטאָן: איר ווייסט נישט וואָס איר טוט, ווען איר ווילט איבערשיקן חבר באַריסן אין טיל פון דער ווייסער אַרמיי, אַ פּלאַץ ווו דער חבר באַריס יעלינסקי איז געווען אַזוי אַקטיוו און פּאָפּולער. און טאָלמאַטשאָוו גיט גלייך צו: — איך וועל היינט זיין ביי חבר ראַקאָווסקי און איך וועל פאַר אים אויפקלערן דעם אומזין צו שיקן דעם חבר יעלניסקין אין טיל פון דער ווייסער אַרמיי, ווו אין אַ קורצער צייט אַרום קען ער אַרעסטירט ווערן פון די ווייסע, וואָס וועלן אים זיכער ליקווידירן. דער הויפּט־קאָמיסאַר פון ביוראָ איז געבליבן זיצן איבערראַשט און מע האָט געזען בולט, אַז ער וואָלט זייער נישט געוואָלט אַז די פראַגע זאָל קומען צו חבר ראַקאָווסקי, וואָס איז דעמאָלט געווען דער הויפּט פון דער אוקראַאינישער סאָוויעטישער רעגירונג.

איך בין געשטאַנען און זיך צוגעהערט, אַז דאָס פון וועלכן איך האָב גע־חלומט, איז אומדערוואַרט געוואָרן אַווירקלעכקייט.

דער הויפּט־קאָמיסאַר פון דער ביוראָ איז צוגעגאַנגען צו מיין פריינד טאָל־מאַטשאָוו און אים אַ זאָג געטאָן מיט אַ מילדער שטימע: — איר דאַרפט זיך נישט קאָכן און די פראַגע וועגן חבר יעלענסקי דאַרף נישט קומען צו ראַקאָוו־סקין. אָט די פראַגע קען געלייזט ווערן דאָ אויפן אָרט. איר קענט דאָך גוט דעם חבר יעלענסקי: איז וואָס זשע דענקט איר, וועלכע אַרבעט זאָל ער טאָן? דערויף האָט אים מיין פריינד טאָלמאַטשאָוו געענטפערט:

— דער חבר יעלענסקי פאַרנעמט איצטער די שטעלע פון אַ דיפּלאָמאַטישן קוריער. ער איז פעיִק דורכצופירן זיין אַרבעט זייער גוט. איז זאָל ער דערוויל פאַרבלייבן אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן און ווען איך וועל אָרגאַניזירן מיין מיסיע, וועל איך אים נעמען צו זיך. כדי צו לייזן אָט די פראַגע, וויל איך אַז איר זאָלט גלייך אָנשרייבן אַ באַריכט מיט די ידיעות וואָס איך האָב אייך איבערגעגעבן און רעקאָמענדירן, אַז חבר יעלענסקי זאָל פאַרבלייבן דערוויל אויפן פּאָסטן פון דיפּלאָמאַטישער קוריער. ווען מיר וועלן זיין ביי ראַקאָווסקין שפּעטער, וועלן מיר בעטן, אַז ער זאָל אויך אונטערשרייבן דעם דאָקומענט. דער הויפּט־קאָמי־סאַר האָט באַלד צוגעשטימט. ער האָט זיך געווענדט צו מיר, אַז איך זאָל מאָרגן קומען צו אים, און איך וועל קריגן אַלע נייטיקע פּאַפּירן צו פאָרן צוריק קיין מאָסקווע.

אין מיינע פּלענער איז נישט געווען, אַז איך זאָל גלייך פאַרלאָזן כאַרקאָוו. איך האָב נאָך געהאַט אַ מיסיע צו אונדזער באַוועגונג „נאַבאַט". גיב איך זיך אַן עצה: איך זאָג דעם קאָמיסאַר, אַז איך וועל מאָרגן זיין ביי אים און תיכף זאָג איך אים, אַז איך האָב אַ חשד, אַז אויפן וועג האָב איך געקראָגן אַ שטאַרקע פאַרקילונג און איך וויל זיך לאָזן אונטערזוכן פון אַ דאָקטער. און גלייכצייטיק זיך אָפּרוען אַ פּאָר טעג.

ענטפערט מיר דער הויפּט־קאָמיסאַר: — געוויס, געוויס, חבר יעלענסקי, איר וועט פאָרן ווען איר וועט זיך פילן פולקאָם געזונט. ער רופט אַריין זיין סעקרעטאַר און גיט אים אַ פאַראָרדענונג צו קריגן פאַר מיר אין דעם ערשטן

„דאָס סאָוויעטאָוו" אַ צימער און פאַרזאָרגן מיך מיט די נייטיקע פּאַפּירן אַז איך זאָל באַקומען אַלצדינג וואָס איך באַדאַרף. ער גיט נאָך צו: — וואָס איר וועט נאָר דאַרפן, איז קומט צו מיר און איך וועל אייך אין אַלץ העלפן. כ'האָב זיך געזעגנט מיט מיין פריינד טאָלמאַטשאָוו און מיטן קאָמיסאַר און בין אַריין צו דער סעקרעטאַרשע אין דער קאַנצעלאַריע, וווּ איך האָב באַקומען אַלע נייטיקע פּאַפּירן און דעם נומער פון דעם צימער, וווּ איך בין באַלד אַוועק. כ'האָב גע־טראָפן אַ פּרעכטיקן צימער מיט אַ וואַנע און מיט נישט קיין שלעכטן רעסטאָ־ראַן. האָב איך דאָס אַלץ אויסגענוצט און געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל, ווייל די גאַנצע נאַכט אין וואַגאָן האָב איך נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. ווען איך האָב נאָר גענומען איינדרימלען, האָב איך געפילט, אַז דעם ערשטן שריט צו קענען העלפן אונדזער באַוועגונג, איז געמאַכט געוואָרן און איך בין רויק איינ־געשלאָפן.

***

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז שוין געווען שפּעטלעך נאָך האַלבן טאָג. די צוויי חברטעס, וואָס זענען געפאָרן מיט מיר, האָבן געלאָזט וויסן אין בוך־געשעפט, אַז איך בין אויך געקומען קיין כאַרקאָוו און אייניקע חברים האָבן נישט געקענט פאַרשטיין ווי איך בין ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. און ווען איך בין צוגעפאָרן מיט די צוויי פּעק ביכער וואָס איך האָב געבראַכט פון מאָסקווע, איז דאָס געווען אַ גרויסער אוצר פאַר זיי, ווייל מ'האָט געזוכט אַזעל־כע ביכער, נאָר מע האָט זיי אין כאַרקאָוו נישט געקענט געפינען. די נאָענטע חברים זענען געווען זייער צופרידן מיך צו זען און אויסגעפונען וואָס איך האָב אויפגעטאָן אין מאָסקווע, ווייל די צוויי יונגע חברטעס האָבן זיי דערציילט אַז איך בין געפאָרן אויפן באַן ווי אַ גרויסער קאָמיסאַר. די הויפּטזאַך האָבן זיי געוואָלט וויסן, ווו האָב איך געפונען די ליטעראַטור און צי קען מען אין מאָסקווע קריגן נאָך אַזעלכע ביכער.

כ'האָב זיי איבערגעגעבן אין קורצן, אַז כ'האָב באַקומען אַ פּאָסטן אין אויס־לענדישן קאָמיסאַריאַט ווי אַ דיפּלאָמאַטישער קוריער און אַז מ'האָט מיך גע־וואָלט אַוועקשיקן אין טיל פון דער ווייסער אַרמיי, נאָר מיינער אַ גוטער פריינד, אַ באָלשעוויק, וואָס איז געקומען מיט מיר פון מאָסקווע, האָט באַשלאָסן, אַז מיין פאָרן אין טיל איז נישט קיין גוזיכערטע און פּראַקטישע זאַך.

האָט ער אַ דאַנק זיין באַמיזונג ביי די באָלשעוויקעס, אַריינגערעכנט ראַ־קאָווסקין, געפועלט אַז איך זאָל בלייבן ווי אַ קוריער צווישן מאָסקווע און כאַר־קאָוו. איך האָב זיי דערציילט דעם עפּיזאָד מיט שאַטאָוון און אויך וועגן די חברים וואָס איך האָב געזען אין מאָסקווע. וועגן די ביכער האָב איך פאַרשוויגן, אָבער שפּעטער־צו האָט מיך חבר יוסף גודמאַן גענומען אונטער דער האַנט און מיר זענען אַרויס אין גאַס, ווו ער האָט מיר גלייך געשטעלט די פראַגע, פאַר וואָס איך האָב פאַרשוויגן די פראַגע פון ליטעראַטור. האָב איך אים געענט־

פערט: איך וויל אַז וואָס ווינציקער מענטשן זאָלן וויסן וועגן דעם ענין ליטע־ראַטור.

די ברידער גאָרדין האָבן אַ סך פון פּיאָטער קראָפּאָטקינס ביכער, נאָר זיי האָבן געשטעלט אַ תנאי, אַז צוזאַמען מיט קראָפּאָטקינס ליטעראַטור מוזן מיר אויך נעמען זייערע ביכער איבער סאָציאָ־טעכניקום. אַזאַ ליטעראַטור, און אין אַ גרויסער צאָל, קען מען קריגן אומעטום, נאָר די פראַגע איז, ווי אַזוי פירט מען דאָס אַריבער פון מאָסקווע קיין כאַרקאָוו.

איך האָב געזאָגט דעם חבר יוסף גודמאַן, אַז איך וועל דאָ מסתמא קענען זיין נישט מער ווי צוויי וואָכן, ווייל איך האָב דערקלערט מיינע „באַלעבאַטים", אַז איך פיל זיך נישט גוט. פאַר דער דאָזיקער צייט זאָל חבר יוסף גודמאַן צו־גרייטן געלט און אָפּזוכן אַ חבר אויף וועמען מען קען זיך פאַרלאָזן, אַז ער זאָל פאָרן מיט מיר קיין מאָסקווע. ווען מיר וועלן אָנקומען אַהין, וועל איך זוכן וועגן און מיטלען ווי אַרום אַריבערצופירן קיין כאַרקאָוו די ליטעראַטור.

בעת איך בין אַרומגעגאַנגען און גערעדט מיט חבר יוסף גודמאַן, זענען מיר אַריין אין רעסטאָראַן כאַפּן אַ ביס. דאָרטן זאָגט צו מיר חבר יוסף: — גוט וואָס דו ביסט געקומען איצט קיין כאַרקאָוו, ווייל דעם קומענדיקן שבת און זונטיק וועט דורכגעפירט ווערן די נישט־לעגאַלע קאָנפערענץ פון דער קאָנפע־דעראַציע „נאַבאַט". די קאָנפערענץ איז ספּעציעל פאַררופן געוואָרן, ווייל חבר אַראָן באַראַן איז געקומען פון נעסטאָר מאַכנאָ־פראָנט און געקומען איז ער אַן אומצופרידענער, מיט אָנקלאַגעס, און ער האָט געפאָדערט אַז די קאָנפעדעראַ־ציע „נאַבאַט" זאָל נעמען אַ שטעלונג צו זיינע באַראַנס, אָנקלאַגעס. מ׳האָט גע־ווינלעך געלאָזט וויסן אין שטאַב פון נעסטאָר מאַכנאָס פאַרטיזאַנער־אַרמיי און געבעטן, אַז זיי זאָלן צושיקן אייניקע פאָרשטייערס, וואָס זאָלן זיך באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער אוקראַינער קאָנפעדעראַציע „נאַבאַט".

ווי געווינלעך, זענען געשאַפן געוואָרן דריי צדדים. דער צד וואָס איז געווען איינשטימיק מיטן חבר א. באַראָן, די אָפיציעלע פאַרטרעטערשאַפט פון דער קאָנפעדעראַציע און דער דריטער צד: דאָס זענען געווען חברים וואָס זענען נישט געווען גוט באַקאַנט מיט דער סיטואַציע.

אַזוי ווי איך האָב געדאַרפט ווייזן זיך אַלע טאָג פאַר אַ קורצער צייט אין מיין אַרבעט־פּלאַץ, האָב איך געהאַט אַ סך צייט צו טרעפן זיך מיט אונדזערע חברים. דער זאַמלפּונקט איז געווען אין בוך־געשעפט אָדער אין די קלוב־צי־מערן פון „נאַבאַט".

אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינע „נאַבאַט"־קאָנפערענץ אין אַ מאָמענט ווען די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן צו ווייזן זייערע ציין, איז געווען אַ זייער שווער שטיקל אַרבעט. ערשטנס האָט די קאָנפערענץ געמוזט זיין קאָנספּיראַטיוו. אַ סך חברים וואָס זענען געקומען, זענען שוין דעמאָלט נישט געשטאַנען אין קיין גוטע באַציִונגען מיט די באָלשעוויקעס און, צווייטנס, האָט מען געמוזט אָפּהיטן די דעלעגאַציע וואָס איז געקומען פון נעסטאָר מאַכנאָס שטאַב.

ס׳איז אויך אַרויפגעשווומען די פראַגע: ווו געפינט מען אַ פּלאַץ וואָס זאָל

אַרײַנגעמען אַ גרויסע צאָל חברים און מע זאָל נישט צוציִען גלײַכצײַטיק די אויפמערקזאַמקייט פון דער „טשעקאַ“ אָדער די אַלגעמיינע באָלשעוויסטישע אַקטיוויסטן. האָט יוסף גודמאַן אויסגעפונען אַזאַ פּאַסיקן פּלאַץ.

אין כאַרקאָוו האָט זיך דעמאָלט געפונען איינער וואָס איז געווען טעטיק אין אונדזער באַוועגונג אין אַמעריקע. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון זיין אַקטיווער באַטייליקונג ביי אונדז און האָט גע־קראָגן אַ פּאָסטן, וואָס האָט אים געבראַכט אין די הויכע פענצטער פון דער באָלשעוויסטישער אַריסטאָקראַטיע.

אַרום כאַרקאָוו, הינטערן שטאָט, האָבן זיך געפונען סאָסנאָווע וועלדער און דאָרטן זענען געווען זומערדיקע דאַטשעס. דער אַמעריקאַנער עמיגראַנט, אַלס הויכער באַאַמטער, האָט באַקומען פאַר זיין פאַמיליע אַ זומער־וווינונג וואָס איז געווען אין אַ זייט, טיף אין וואַלד.

יוסף גודמאַן האָט געווירקט אויף אים, אַז אַזוי ווי די קאָנפערענץ וועט פאָרקומען שבת און זונטיק, און אַזוי ווי די באַפעלקערונג פון כאַרקאָוו קומט אויף פּיק־ניקס אין די וועלדער, זאָל ער געבן זיין דאַטשע פאַר דער קאָנפע־רענץ אויף די דאָזיקע צוויי טעג. דער חבר יוסף האָט גאַראַנטירט, אַז אונדזער עולם וועט קומען פון דער צווייטער זייט פון זיין דאַטשע, וועט קיינער פון די אַרומיקע שכנים נישט האָבן קיין פאַרדאַכט, אַז דאָ קומט פאָר אַ קאָנפערענץ.

דער חברה־מאַן האָט זיך נישט געקענט אַרויסדרייען פון חבר יוספס הענט און ער האָט געמוזט צושטימען און ער האָט נאָך דערצו זיך אונטערגענומען צו ברענגען גענוג עסנוואַרג אויף צוויי טעג. אַזוי ווי ביז דער קאָנפערענץ איז נאָך געווען אַן ערך פינף טעג, האָב איך זיך פאַראינטערעסירט צו באַקענען זיך נענטער מיט די חברים וואָס איך בין נאָך מיט זיי נישט געווען באַקאַנט.

ס'איז אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז צווישן אַ גרעסערער גרופּע מענטשן ווערסטו אינסטינקטיוו נענטער מיט דעם אָדער אַנדערן חבר און דאָס זעלביקע האָט פּאַסירט מיט מיר. וועל איך פּרובירן אָנוואַרפן אַ בילד פון אייניקע חברים מיט וועלכע איך בין געוואָרן זייער נאָענט און מיט אַנדערע האָב איך מיטגעאַרבעט און מיר האָבן געהאַט צווישן זיך גוטע חברישע באַציִונגען.

יוסף גודמאַן: איך בין נישט זיכער אין דעם, נאָר מיר דאַכט זיך אַז ער איז געווען אַן אַמעריקאַנער עמיגראַנט — פון דעטראָיט. וועגן אים האָב איך שוין געמאַכט אייניקע באַמערקונגען, נאָר איך מוז דאָ נאָך אַ מאָל איבער־חזרן, אַז ער איז געווען דער קאָפּ און די נשמה פון דער כאַרקאָווער גרופּע „נאַבאַט“. אָפט מאָל האָט זיך מיר געדאַכט אַז ער האָט געהאַט די פעיִקייטן צו מאַכן אַרבעטן אַפילו אַ טויטן. דער מענטש האָט נישט געוואָלט וויסן פון דעם וואָרט „ניין“. מיר זענען געוואָרן זייער נאָענטע חברים און ער האָט שטאַרק אָפּגעשאַצט אונדזער אַרבעט אין נאָוואָראָסייסק. אָפט מאָל פלעגט ער מיר זאָגן אַז אים פאַרדריסט זייער, וואָס ער האָט נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו נעמען אָנטייל אין אונדזער אַרבעט אין נאָוואָראָסייסק.

די „הייליקע טראַיקע“ האָב איך זיי גערופן: קאַטיאַ, אַן עמיגראַנטקע פון

פילאַדעלפיע, אַ זייער ליבע און איבערגעגעבענע חברטע, איר מאַן אַברהם כריסטאָס (מיט זיין באָרד און לאַנגע האָר, האָט ער אויסגעזען פּינקטלעך ווי קריסטוס אויפן בילד ווו ער ווערט געקרייציקט) און דער דריטער איז געווען אַן עמיגראַנט פון פאַריז, מיטן נאָמען איוואַן אַפּאַלאַן. גרויס איז ער געווען און געזונט ווי אַ ריז, נאָר אַלע מאָל מיט אַ ליבן שמייכל אויפן פּנים און בכלל זייער אַ פריינדלעכער חבר. זיי זענען אַלע מאָל געווען צוזאַמען. זיי זענען אַנטלאָפן פון יעקאַטערינעסבורג, ווען די ווייסע אַרמיי איז אַהין אָנגעקומען.

ליאַ און יאַשאַ גאָטמאַן, זענען געווען עמיגראַנטן פון דעטראָיט און זיי זע־נען געווען זייער אַקטיוו אין דער כאַרקאָווער גרופּע „נאַבאַט". מאַרק מראַטשנע, אַ סטודענט, וואָס ער איז ערשט נישט לאַנג צוגעשטאַנען צו אונדזער באַוועגונג, איז געווען איינער פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דער צייטונג „נאַבאַט".

וואַניאַ טאַראַסיוק־קאַבאַס, אַן איבערגעגעבענער און ליבלעכער חבר, וואָס איז געווען זייער טעטיק אין דער גרופּע „נאַבאַט".

וואָלין איז געווען דער גייסטיקער שאָפער פון דער אידייע פון איינציקן אַנאַרכיזם. ער האָט געשריבן פאַר דעם כאַרקאָווער „נאַבאַט" און איז געווען אַ לענגערע צייט זייער טעטיק אין נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג און דער גייסטיקער אָנפירער פון דער אַרמיי.

געווען נאָך אַ רייע חברים, וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער כאַרקאָווער גרופּע „נאַבאַט", נאָר צום גרויסן באַדויערן געדענק איך נישט מער זייערע נעמען, חוץ די שטענדיקע מיטגלידער פון דער גרופּע „נאַבאַט", פלעגן צו יעדער צייט חברים קומען צו פאָרן אויף אַ קורצער צייט און נאָך דעם אַוועקפאָרן אין אַנ־דערע שטעט. זייער אָפט פלעגט זיך מיר דאַכטן אַז די גרעסטע טייל פון די חברים זענען געווען די מערסטע צייט אין וועג, עפּעס האָט זיי געפעלט אָדער זיי האָבן עפּעס געזוכט.

וועל איך זיך דאָ מוזן אָפּשטעלן אין מיין פאַרזוך צו פאַרצייכענען אָט די חברים, וואָס האָבן גענומען אָנטייל, צו יענער צייט, אין כאַרקאָוו.

די קאָנספּיראַטיווע קאָנפערענץ

מע האָט געוווּסט אַז דאָס בוך־געשעפט און דער „נאַבאַט"־קלוב זענען גע־ווען שטענדיק אונטער דער אויפזיכט פון טשעקאַ־אַגענטן. האָט מען באַשלאָסן, אַז טייל פון די חברים זאָלן נישט קומען אין בוך־געשעפט פּריוויטיק, אַ טאָג פאַר דער קאָנספּיראַטיווער קאָנפערענץ. און די יעניקע וואָס האָבן געדאַרפט קומען פון אַנדערע שטעט און פון מאַכנאָ־שטאַב, האָט מען זיי באַגעגנט און זיי זענען גלייך אַוועק אויף דער דאַטשע, ווו די קאָנפערענץ האָט געדאַרפט פאָר־קומען. די כאַרקאָווער חברים, אין גרופּעס פון צוויי און דריי, האָבן זיך אַרויס־געלאָזט אויף אַ שפּאַציר אין דער אַנדערער זייט פון שטאָט און ווען זיי זענען

זיכער געווען, אַז קיינער גייט זיי נישט נאָך, האָבן זיי זיך פאַרקירעוועט אויפן וועג צו דער דאַטשע. ס'איז געווען באַלד האַלבע נאַכט ווען אַלע חברים זענען זיך צוזאַמענגעקומען. דאָס איז געווען אַ גרופּע פון איבער פערציק חברים. מ'האָט געכאַפּט אַ דרימל, ווי איינער האָט געקענט געפינען אַ פּלאַץ ווו אויסצוציִען די פיס.

נאָר איין זאַך: נישט געקוקט וואָס ס'איז געווען שפּעט ביינאַכט, האָט זיך געפילט אַז די קאָנפערענץ וועט זיין אַ הייסע. און אָט דער דאָזיקער פאָרגעפיל האָט מיך נישט אָפּגענאַרט.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון מיין קורצן שלאָף, האָבן שוין אייניקע חברים געהאַט אָפּגעגעסן פרישטיק. ס'האָט געדויערט וויניקער ווי אַ שעה צייט און אַלע חברים זענען אויפגעשטאַנען פון שלאָף און אָפּגעגעסן און אין גיכן האָט מען געעפנט די קאָנפערענץ. דער סדר־היום איז געווען אַ גרויסער, נאָר איך וועל זיך בלויז אָפּשטעלן אויף פיר הויפּט־ענינים: 1) נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי; 2) אונדזער שטעלונג צו דער סאָוויעטן־מאַכט, 3) ליטעראַטור, און 4) זוכן מיטלען צו פאַרבינדן זיך מיט אונדזערע חברים פון אויסלאַנד און לאָזן זיי וויסן וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד אין אַלגעמיין און, ספּעציעל, די באַציִונג פון דער ראַטנמאַכט צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

וועגן דער ערשטער פראַגע, אין שייכות מיט נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי, האָט געעפנט די דעבאַטע אַראָן באַראָן, וואָס איז מיט אַ קליינער גרופּע חברים ערשט געקומען פון דאָרטן. וואָס עס איז געשען צווישן באַראָן און מאַכנאָ, ווייס איך נישט ביז היינט, נאָר איין זאַך ווייס איך — חבר באַראָן האָט שטאַרק אַטאַקירט די גאַנצע טעטיקייט פון דער גרויסער פּאַרטיזאַנער־אַרמיי. אָט דער פּראַקטישער טוער, וואָס איך האָב אים געקענט פון אַמעריקע, איז, ווי עס זעט אויס, צוריק קומענדיק קיין רוסלאַנד, פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אַנאַרכיסטישן ראָמאַנטיזם פון די אַלטע צייטן.

חבר באַראָן האָט געוואָלט פירן אַ ביטערן בירגער־קריג מיט ווייסע הענטשקעס און נישט פאַרשמירן חלילה די דאָזיקע הענטשקעס אין מענטשלעכן בלוט. ער האָט נישט געוואָלט איינזען, אַז די פּאַרטיזאַנער־אַרמיי באַנוצט זיך מיט קאַנאָנען, מאַשין־ביקסן, באָמבעס, ביקסן מיט אַ קאָנטרע־ראַזוויעדקע, וואָס האָט די מיסיע אַז דער שונא זאָל נישט האָבן די מעגלעכקייט צו וויסן וואָס עס קומט פאָר אין טייל פון דער אַרמיי. דאָ שטעלט זיך די פראַגע: אָדער דו פירסט אָן דעם ביטערן און בלוטיקן קאַמף מיט דיין שונא וואָס וויל פאַרניכטן אַלץ, וואָס די רעוואָלוציע האָט געוווּנען, אָדער דו ביסט ספּעציעל „עטיש' מיטן דאָזיקן שונא, און די זאַך פאַר וועלכער דו קעמפסט איז אַ פאַרלוירענע.

חבר באַראָן האָט געהאַלטן, אַז ווען די „קאָנטרע־ראַזוויעדקע" כאַפּט אָפּי־צערן־שפּיאָנען, זאָל מען אויף זיי ווירקן מאָראַליש און נישט באַנוצן זיך מיט טויט־שטראָף, אין דער צייט ווען יעדער קעמפער פון דער מאַכנאָ־אַרמיי, ווערט פון די ווייסע אויפן אָרט דערהרגעט.

אָט די אַלע באַשולדיקונגען פון חבר באַראָן און נאָך אייניקע חברים, וואָס

זענען מיט אים געקומען, האָבן אַוועקגעשטעלט די קאָנפערענץ אין זייער אַ שווערער לאַגע. נאָך חבר באַראָנען האָבן גערעדט די דעלעגאַטן פון דער פּאַר־טיזאַנער־אַרמיי. זיי האָבן געשילדערט דאָס רעאַליסטישע לעבן פון טאָג און נאַכט, פון דער גאַנצער פּאַרטיזאַנער־אַרמיי פון נעסטאָר מאַכנאָ, וואָס פירט אָן אַ ביטערן קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן די ווייסע און רויטע אַרמייען.

איינער פון די דעלעגאַטן, בעת ער האָט גערעדט, האָט אָנערקענט, אַז ער ווייסט דערפון, אַז פון צייט צו צייט ווערט געמאַכט אַ פּאַרדריסלעכער טעות, אָבער ער ווערט נישט געמאַכט ווילנדיק, און צום סוף האָט דער דעלעגאַט צו־געגעבן אַ זייער שכלדיקע באַמערקונג: — איר ווילט פאַרהיטן אַז מיר זאָלן נישט מאַכן קיין ביטערע טעותן, איז אָנשטאָט צו זיצן אָדער אַרומפאָרן איבער די שטעט, קומט צו אונדז און העלפט אונדז אין אונדזער אַלגעמיינער אַרבעט און פאַרהיט אונדז פון באַגיין פעלערן.

די דעבאַטע וועגן דער נעסטאָר מאַכנאָ פּאַרטיזאַנער־אַרמיי, האָט אָנגע־האַלטן דעם גאַנצן טאָג און ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. ס׳איז געווען אַ זייער הייסע דעבאַטע. דעמאָלט, און ספּעציעל איצטער, האָט די גאַנצע פּאַסי־רונג פאַר מיר אויסגעזען מאָדנע און האָט נישט געהאַט אונטער זיך קיין פונ־דאַמענטאַלע לאָגיק. איך וואָלט נאָך געקענט פאַרשטיין ווען די דאָזיקע פראַגע ווערט אויפגענומען אַזוי פון אויסגעהאַלטענע אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליסטן, וואָס פּרעטענדירן נישט צו גלייבן אין קיין שום פאָרעם פון אָרגאַניזאַציע.

אָבער וואָס ס׳האָט מיך צום שטאַרקסטן געוווּנדערט, איז דאָס, וואָס חבר אַראָן באַראָן, וועלכער איז געווען אין זיינע פּרינציפּיעלע געדאַנקען קאָמוניס־טיש און סינדיקאַליסטיש געשטימט, און אַלע די וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט זענען אויך אַזוי געווען געניגט, זיי אַלע האָבן דאָך געוואָלט איבערמאַכן די אַלטע געזעלשאַפט און ברענגען די נייע סאָציאַלע אָרדענונג, נאָר ווער און ווי אַזוי מען זאָל דאָס טאָן — אָט די קאַרדינאַלע פראַגע האָט זיי נישט אינטערע־סירט. פּראָפּאַגאַנדירן, מקריב זיין דאָס לעבן — דאָס זענען זיי וויליק צו טאָן, נאָר די פּראַקטישע אַרבעט צו ברענגען דעם נייעם סאָציאַלן רעזשים, אָט די דאָזיקע אַרבעט וועט, לויט זייערע געדאַנקען, דאַרפן טאָן עפּעס אַ נייער „משיח".

איך מוז נאָך איין מאָל — און אַוודאי נאָך אַ סך מאָל, ביי שפּעטערדיקע געלעגנהייטן — מאַכן די זעלביקע באַמערקונג: די רוסישע אַנאַרכיסטישע באַ־וועגונג אין דער צייט פון דער גרויסער רוסישער סאָציאַלער רעוואָלוציע, האָט זיך נישט געקענט, אין גרעסטן טייל, באַפרייען פון דער אַלטער ראָמאַנטישער סביבה, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אינעם ניהיליסטישן פּעריאָד פון דער רוסי־שער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

נאָך דער לאַנגער, אויסמאַטערנדיקער דעבאַטע, איז געוואָרן קלאָר (מ׳האָט נישט געשטימט) אַז די מערהייט איז מיט דער מיינונג אַז מיר דאַרפן און מוזן העלפן אַלע אונדזערע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונגען, וואָס האָבן אָנגעפירט אַ ביי־טערן קאַמף סיי מיט די רויטע, סיי מיט די ווייסע אַרמייען. די הילף מוז זיין

מאָראַליש, פיזיש, גייסטיק און מאַטעריעל. די גאַנצע אוקראַאינישע קאָנפעדע־ראַציע „נאַבאַט" איז געווען איינשטימיק מיט דעם דאָזיקן באַשלוס.

די צווייטע פראַגע איז געווען: אונדזער שטעלונג צו דער סאָוויעטן־מאַכט. דאָ האָט פאַרנומען אַ זייער לאַנגע צייט דאָס דיסקוטירן. אין דער דעבאַטע האָט זיך אַרויסגעהויבן איין שטאַרקע צענטראַלע מיינונג, אַז די סאָוויעטן־מאַכט היבט אָן אַרויסצווייזן בולטע סמנים צו פירן אַן אַגרעסיווע פּאָליטיק לגבי דער רוסישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. מ'האָט שוין דעמאָלט געקענט פילן דעם פּולס פון דער אָנגייענדיקער אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג און וויסן, אַז ווי נאָר די באָלשעוויקעס וועלן זיך אָרגאַניזירן און פאַרפעסטיקן זייער מאַכט, וועלן זיי אָן איבערקלייב פון מיטלען אָנהייבן פאַרניכטן אַלע רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען איבער גאַנץ רוסלאַנד.

און טאַקע ביי דער דעבאַטע איבער אָט דער פראַגע, זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן געדאַנקען, אַז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג זאָל אָננעמען די אַלטע מע־טאָדן פון דירעקטער אַקציע און טעראָר.

אָבער די מערסטע דעלעגאַטן האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז די גרופּעס זאָלן אויסנוצן די איצטיקע אומשטאַנדן פאַר אַ ברייטער פּראָפּאַגאַנדע און פאַר־שפּרייטן אונדזערע אידייען דורך ציימונגען און ביכער. דערמיט וועלן מיר נישט געבן די מעגלעכקייט די באָלשעוויקעס צו פאַרשפּרייטן פאַלשע פּראָפּאַגאַנדע, אַז די אַנאַרכיסטן זענען קאָנטררעוואָלוציאָנערן.

די טעראָריסטישע און מיליטערישע טעטיקייטן האָבן מיר געלאָזט פאַר די פּאַרטיזאַנער־אַרמייען און אָטריאַדן, פון וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן זייער אָפּט געשמעקט ביטערן פעפער.

די דריטע פראַגע, וועגן ליטעראַטור־פאַרשפּרייטונג — וועגן דעם האָט מיין באַריכט, אַז אין מאָסקווע געפינט זיך אַ גרויסע צאָל פונדאַמענטאַלע לי־טעראַרישע ווערק, אַרויסגערופן אַ גרויסע פרייד, ווייל אומעטום האָט מען גע־פאָדערט פונדאַמענטאַלע אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור. ס'איז רעקאָמענדירט גע־וואָרן, בכן, אַז די גרופּע און דאָס בוך־געשעפט זאָלן אָננעמען אַלע מעגלעכע מיטלען, אַז די ביכער זאָלן געבראַכט ווערן פון מאָסקווע.

די פערטע פראַגע איז געווען מער אַ גרויסער ווונטש און אין עצם טעאָ־רעטיש — דאָס געפינען אַ וועג ווי אַזוי אַרום צו פאַרבינדן זיך מיט אונדזער באַוועגונג אין אויסלאַנד. די בלאָקאַדע פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, ווי אויך פון די באָלשעוויקעס, האָט אונדז אָפּגעשניטן פון אַלע לענדער. אייניקע פון זיי האָבן געוווסט, אַז די באָלשעוויקעס שיקן אַרויס קיין אויסלאַנד זייערע פּראָפּאַגאַנדע־אַגענטן, און נאָכן ברעסט־ליטאָווסקער שלום מיט די דייטשן, איז געוואָרן, אמת, אַ שווערע אָבער דאָך אַ מעגלעכקייט צו פאָרן קיין דייטשלאַנד און אויך קיין שוועדן. נאָר ווי אַזוי פאָרט מען אַהין? — דאָס איז געווען די גרויסע פראַגע. צו דעם אַלעמען האָבן די באָלשעוויקעס אָנגעהויבן שאַפן אַ געהיימע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעפירט אַ שפּיאָנאַזש אין טיל פון דער ווייסער אַרמיי, און שפּעטער־צו, אין אויסלאַנד.

ווען מ'האָט דער פֿראַגע האָט מען נישט געהאַט קיין סך צו דעבאַטירן. יעדער איינציקער פֿון די דעלעגאַטן האָט געוווּסט, און די גרעסטע טייל האָט דאָס געפֿילט פֿיזיש, אַז מע מוז מאַכן אַ פּרווו צו לאָזן וויסן דער גרויסער וועלט דאָס, וואָס עס קומט פֿאָר אין רוסלאַנד; אַז די באָלשעוויקעס מאַכן פֿון דער רוסישער סאָציאַלער רעוואָלוציע איין גרויסע קאָנטררעוואָלוציע, און אַז זיי אונטערוואַרפֿן דאָס רוסישע לאַנד אונטער אַ שרעקלעכער פּאָליטישער דיקטאַטור. ס'איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז ווער סע וועט האָבן אינפֿאָרמאַציע אָדער די מעגלעכקייט אָט די ידיעות איבערצושיקן, זאָל דאָס גלייך מעלדן דער אוקראַיִנישער קאָנפֿעדעראַציע „נאַבאַט".

נאָך דעם ווי מע האָט נאָך באַהאַנדלט אייניקע ענינים, האָט מען געשלאָסן די קאָנפֿערענץ און די חברים האָבן זיך זייער פֿאָרזיכטיק און אין קליינע גרופּקעס, אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערגיין.

מע קען זאָגן, אַז די דאָזיקע אומלעגאַלע קאָנפֿערענץ איז פֿאָרגעקומען אונטער די נעזער פֿון גרעסטן טייל באָלשעוויקעס, טשעקיסטן און הויכע באַאַמטע פֿון דער באָלשעוויסטישער ביוראָקראַטיע.

מיר פאַרשפּרייטן אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור

אויף מאָרגן נאָך דער קאָנפערענץ, האָב איך זיך דורכגעשמועסט מיטן חבר יוסף גודמאַן וועגן דער פראַגע פון ליטעראַטור, אַז ערשטנס דאַרף איך האָבן געלט און, צווייטנס, וויל איך האָבן צו זיך אַ חבר אויף וועמען מע קען זיך פאַרלאָזן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך מוז שוין דערקלערן מיינע באַלעבאַטים, אַז איך פיל זיך שוין בעסער מיט מיין געזונט.

און טאַקע, ווען איך בין אויף מאָרגן געקומען אין ביוראָ, האָט דער הויפּט־קאָמיסאַר מיך אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט און מיר געשטעלט די פראַגע, ווי איך פיל מיך מיט מיין געזונט און ווען, דענק איך, וועל איך קענען פאָרן קיין מאָסקווע. כדי צו באַווייזן אים, אַז איך בין אַן איבערגעגעבענער אַרבעטער, האָב איך אים געענטפערט: איך פיל זיך נאָך נישט אויף אַלע הונדערט פראָצענט גוט, אָבער ווען מע דאַרף, בין איך גרייט אַרויסצופאָרן פון כאַרקאָוו — אַזוי שנעל, ווי ער וועט מיר געבן די פאַראָרדענונג אַרויסצופאָרן.

ווען ער האָט דערהערט וואָס איך האָב אים געזאָגט וועגן פאָרן, האָב איך אויף זיין פנים באַמערקט אַ געוויסע גרימאַסע פון אומצופרידנקייט און טאַקע באַלד זאָגט ער מיר, אַז דאָס מאָל וועל איך מוזן פאָרן מיט אַ ספּעציעלן וואַגאָן. זיי האָבן דערהאַלטן אַ בקשה פונעם אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט פון מאָסקווע, אַז מע זאָל צושיקן וואָס נאָר עס וועט זיין מעגלעך פון עסנוואַרג פאַר די אַרבעטער פונעם קאָמיסאַריאַט. אויך אַ ספּעציעלן פּעקל פאָרן געהילפס־קאָמיסאַר קאַראַכאַן, דערהערנדיק וואָס פאַר אַ מיסיע גייט מען מיר דאָ געבן, איז ביי מיר אין קאָפּ גלייך געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז אין דער זעלביקער פאָרעם ווי איך וועל ברענגען עסנוואַרג קיין מאָסקווע, וועל איך שוין אויך געפינען אַ מיטל ווי אַזוי איך זאָל ברענגען אונדזער ליטעראַטור קיין כאַרקאָוו.

דער הויפּט־קאָמיסאַר האָט גלייך אָפּגערופן דעם קאָמיסאַר פון דער אייזנבאַן און באַפוילן צוצוגרייטן אויפן וואָקזאַל אַ פערטן קלאַס־וואַגאָן. ווען דאָס איז אַלץ געוואָרן אָרגאַניזירט, האָב איך אויף מאָרגן געקראָגן אַ צאָל אָרדערס צו באַקומען אַלערליי פּראָדוקטן, וואָס זענען נאָר געווען מעגלעך צו באַקומען אין כאַרקאָוו. ס׳האָט גענומען עטלעכע טעג ביז וואַנען מ׳האָט געקענט קריגן

די נייטיקע פּראָדוקטן און אַלץ צוזאַמענגעבראַכט אין דעם ספּעציעלן וואַגאָן, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ באַזונדערן פּלאַץ אויפן וואָקזאַל און איז געווען אָפּגעהיט פון רויטע אַרמייער.

איך פאַרצייכן דעם דאָזיקן עפּיזאָד ווי אַ פאַקט פונעם עקאָנאָמישן צושטאַנד פון יענער צייט, וואָס האָט געשפּילט די גרעסטע ראָל אינעם מענטשלעכן לעבן פון גאַנץ צענטראַל־רוסלאַנד, און, ספּעציעל, אין די גרעסטע שטעט, מיט מאָסקווע בראש. עס זענען פאַראַנען דערצו נאָך אַנדערע סיבות: די באַפעלקערונג איז געווען אמתדיק און זייער שטאַרק אויסגעהונגערט און פאַר אַ ביסל פּראָדוקטן האָבן מענטשן ריזיקירט צו טאָן זאַכן, וואָס האָבן געקענט ברענגען אויף איינעם אַ סך צרות, ביז אַפילו דערשאָסן צו ווערן.

צו דעם אַלעמען, האָט זיך אַרום די פּראָדוקטן אָנגעהויבן צו שאַפן אַ מין ביוראָקראַטיע־פּסיכאָלאָגיע, פונעם קלענסטן באַאַמטן ביז דעם גרויסן הויפּט־אָנפירער. איך וועל פאַרצייכענען איינִיקע פּאַסירונגען. טשיטשערין, דער קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע ענינים, איז געווען מער פאַראינטערעסירט אין זיינע אַרבעטן און נישט אין זינען געהאַט צו טראַכטן וועגן גוטן און געשמאַקן עסנוואַרג. האָב איך איין מאָל אים געפרעגט, וואָס ער וויל אַז איך זאָל אים ברענגען פון אוקראַינע. ער האָט נישט אָפּגעריסן זיינע בליקן פון אַ דאָקומענט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין לייענען און מיר געגעבן אַזאַ ענטפער:

— ווען דו קענסט קריגן חזיר־שמאַלץ אין ברויט, וואָלט איך דיר דערפאַר זייער דאַנקבאַר געווען.

זיין געהילף, קאַראַכאַן, איז שוין געווען אַ גרויסער אַריסטאָקראַט. ער האָט געוואָלט נאָר די בעסטע און געשמאַקסטע פּראָדוקטן, ציגאַרן און געטראַנקען.

אין קרעמל איז געווען עפּעס אַזוינס וואָס מ׳האָט גערופן „קאָאָפּעראַטיוו״, ווו מ׳האָט זייער אָפט געקענט קריגן פּראָדוקטן און ספּעציעל פרישע פלייש. דער רעדאַקטאָר פון דער מאָסקווער „איזוועסטיאַ״ סטעקלאָוו, בעת ער האָט פאַרנומען אָט דעם הויכן פּאָסטן, פלעגט ער און נאָך איינער, אויסקלייבן דאָס בעסטע פלייש. ערשט נאָך אים האָבן אַנדערע געקענט קריגן אַ שטיקל פלייש. מע קען זאָגן אַז די ביוראָקראַטיע איז געבוירן געוואָרן גלייך מיט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע!

ווי איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, האָט עס געדויערט עטלעכע טעג ביז וואַנען איך בין געוואָרן פאַרטיק אַרויסצופאָרן פון כאַרקאָוו. האָב איך די דאָזיקע פרייע צייט באַשלאָסן אויסצונוצן אויף צו באַקענען זיך מיט די אַנדערע צוויי גרופּעס וואָס זענען דאָרטן געווען.

אמת, די גרופּע „נאַבאַט״ האָט טאַקע געטאָן אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדיסטישע אַרבעט, אָבער נאָך דער קאָנסטרוקטיווער טעטיקייט, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט אין נאָוואָראָסייסק, האָט מיך אין גאַנצן נישט צופרידנגעשטעלט נאָר די פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אַליין; האָב איך דעריבער געחלומט אַז אפשר טוען די אַנדערע צוויי גרופּעס מער און פאַרנעמען זיך, חוץ פּראָפּאַגאַנדע, אויך מיט פאַרשיידענע קאָנסטרוקטיווע געביטן.

אין דער מיט שטאָט פון כּאַרקאָוו איז געווען אַ פּאַרק. דאָרטן פלעגן אַלע אָוונט פאַרקומען מיטינגען, דעבאַטעס, און בכלל איז צווישן גרויסן עולם וואָס פלעגט זיך דאָרטן צוזאַמענקומען, גאָר אָפט געפירט געוואָרן דיסקוסיעס וועגן די סאַמע פאַרשיידנסטע ענינים.

דאָרטן האָב איך זיך באַקענט מיט אייניקע מיטגלידער פון דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער גרופּע. און טאַקע אויף מאָרגן בין איך געווען פאַרבעטן צו זייערן אַ מיטינג. אין פאַרגלייך מיט „נאַבאַט" איז עס געווען גאָר אַ קליינע גרופּע. אייניקע פון די מיטגלידער האָבן מיך געקענט פון מיין אַרבעט אין נאָוואָראָסייסק. איך בין געווען פאַראינטערעסירט אין זייער טעטיקייט און כ'האָב געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ קאָנסטרוקטיווע אַרבעט זיי פירן אָן.

חוץ דעם וואָס זיי פירן אָן אַלע אָוונט אַ פּראָפּאַגאַנדע, האָבן זיי פאַרבינדונגען מיט עטלעכע חברים וואָס אַרבעטן אין אַ גרויסן אייזנבאַן־זאַוואָד. זיי האָבן דאָרטן אַ היפּשע צאָל נאָכפאָלגערס צווישן די אַרבעטערס, נאָר זיי האָבן נישט געמאַכט קיין שום פאַרזוך אָט די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן אין אינערלעכע קאָמיטעטן, אַז זיי זאָלן איבערנעמען דעם גרויסן זאַוואָד אונטער זייער פירערשאַפט און שאַפן אַן עקאָנאָמישן סאָוויעט. דער רעזולטאַט: נאָר מינדלעכע און שריפטלעכע פּראָפּאַגאַנדע, אָבער קיין שום קאָנסטרוקטיווע אַרבעט!

די צווייטע גרופּע איז באַשטאַנען פון אַזוי גערופענע אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליסטן. שוין אין פּאַרק, ביי די מיטינגען, ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל געהערט די רעדעס פון די פאַרשטייערס פון דער דאָזיקער גרופּע, זענען זיי מיר נישט געפעלן געוואָרן. זיי זענען געווען צו באָמבאַסטיש און פרעך און זיי האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום עטישע באַציִונג צו אַ קעגנער.

כדי צו באַקענען זיך נענטער מיט זיי, האָב איך באַשלאָסן צו באַזוכן זייערן אַ מיטינג. די צוויי מיידלעך וואָס זענען געקומען מיט מיר פון מאָסקווע, זענען געווען פאַרבונדן מיט אָט דער גרופּע דורך זייערע מענער, אָדער געליבטע. האָב איך זיי געזאָגט, אַז איך וואָלט געוואָלט זיין ביי זייערן אַ מיטינג, און טאַקע אויף מאָרגן זענען די צוויי מיידלעך געקומען צו מיר אין האָטעל און מיר געלאָזט וויסן, אַז היינט ביינאַכט וועט פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג פון דער גרופּע און זיי וועלן מיך פירן אַהין.

אַרום ניין אַזייגער זענען מיר שוין געווען אויפן מיטינג. דאָרטן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין אַ האַלב־פינצטערן קעלער אַ דרייסיק פּערזאָן. אויסערלעך האָט דאָס אויסגעזען אַן אינטעליגענטע גרופּע מענטשן. אייניקע האָבן געפּרוווט פאַרלייענען פּאָעזיע, אָדער פּראָזע, נאָר די אַלגעמיינע שטימונג האָט געהאַט אין זיך עפּעס גאָר אַן אַנדער טעם. וויין און בראָנפן איז געווען איבער גענוג.

צווישן אָט די מענטשן זענען געווען אַ טייל וואָס איז געקומען צו לעבן אַ גוטן טאָג, וואָס מער מ'האָט געטרונקען, אַלץ פרייליכער און „פרייער" איז דער עולם געוואָרן. נאָר עס זענען אויך געווען אַ טייל, וואָס האָט מיט זיך געוואָלט רעפּרעזענטירן דעם אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליזם, אָדער בעסער געזאָגט,

מענטשן וואָס האָבן נישט געפֿילט קיין שום אַחריות נישט פֿאַר דער אידייע און נישט פֿאַר די מיטמענטשן.

איך שטעל זיך נישט אָפּ אויף דער מאָראַלישער זייט, נאָר אין די שפּע־טערדיקע חדשים זענען דאָרטן פֿאָרגעקומען אָרגיעס פֿון אויסגעלאַסנקייט און אומשולדיקע קינדער־מיידלעך האָבן באַצאָלט טייער מאָראַליש און פֿיזיש, און דער סוף פֿון דער גרופּע איז געווען, אַז זיי האָבן זיך שפּעטער־צו פֿאַרוואַנדלט אין שפּיאָנען פֿאַר דער טשעקאַ. נאָר וועגן דעם וועט אונדז נאָך אויסקומען צו דערציילן.

אַ פּאָר טעג פֿריִער, איידער איך בין געווען פּאַרטיק אַרויסצופֿאָרן קיין מאָסקווע, האָב איך געהאַט אַ מיטינג מיטן חבר יוסף גודמאַן און מיט נאָך עט־לעכע חברים, ווו מיר האָבן באַהאַנדלט די פֿראַגע, וואָס פֿאַר אַ סאָרט ליטע־ראַטור איך זאָל קויפֿן. מ׳האָט מיר מיטגעגעבן אַ סומע געלט און אויך אַ יונגן שטילן חבר, ווי אַ מיטהעלפֿער אין פֿאַל עס וועט מיר געלינגען צו באַקומען די מעגלעכקייט צו ברענגען קיין כאַרקאָוו אונדזער ליטעראַטור. מיר האָבן פֿאַרבראַכט דעם אָוונט צוזאַמען און שפּעט ביינאַכט האָבן מיר זיך געזעגנט.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי, ווען איך בין געקומען אין ביוראָ, זענען אַלע נייטיקע פּאַפּירן פֿאַר מיין רייזע שוין געווען פֿאַרטיק — פּאַפּירן וועלכע האָבן פֿאַרבאָטן טשעקיסטן אָדער מיליטערלייט צו מאַכן אויספֿאָרשונגען אין מיין וואַ־גאָן וואָרעם אַלץ וואָס ווערט געפֿירט אין מיין וואַגאָן, באַלאַנגט צום אויסלענ־דישן קאָמיסאַריאַט.

אין יענע צייטן האָט מען נאָך אין אוקראַיִנע געקענט קריגן פּראָדוקטן, נאָר אויפֿן גרענעץ צווישן רוסלאַנד און אוקראַיִנע זענען געווען אויף געוויסע סטאַנציעס מיליטערישע אָטריאַדן, וואָס פֿלעגן מאַכן אונטערזוכונגען אויף די אייזנבאַנען און ווען מען פֿלעגט געפֿינען אַ פּוד מעל, אָדער עפּעס אַנדערש פֿון שפּייז־פּראָדוקטן, פֿלעגט מען דאָס צונעמען. האָב איך געהאַט איניקע „שלאַכטן" ביז וואַנען איך בין געקומען קיין מאָסקווע. אַזוי אַרום איז מיר געלונגען צו ברענגען דעם גרויסן סכום פּראָדוקטן וואָס האָט מיר דערמעגלעכט, ערשטנס, צו העלפֿן איניקע פֿון אונדזערע חברים און צו ברענגען נאָך דעם קיין כאַרקאָוו אַ גרויסע צאָל פֿון אונדזער ליטעראַטור.

**
*

ווען איך בין אָנגעקומען קיין מאָסקווע, האָב איך באַזאָרגט, אַז מיין וואַגאָן זאָל מען גלייך אַוועקשטעלן אויף אַ ספּעציעלן פּלאַץ ביים וואָקזאַל און כ׳האָב אויך געקראָגן פֿונעם מיליטערישן קאָמאַנדאַנט אַ שטענדיקע וואַך, ביז וואַנען מיר וועלן אַרויסנעמען אַלע זאַכן פֿון דעם וואַגאָן. ווען איך בין דערמיט פֿאַר־טיק געוואָרן, האָב איך איבערגעלאָזט דעם יונגן חבר אין וואַגאָן, און איך בין אַוועקגעפֿאָרן אין דעם האָטעל. דאָרט האָב איך געהאַט אַ צימער נאָך פֿון פֿאַר מיין אָפּפֿאָרן קיין כאַרקאָוו. צו מיין גרויסער און אָנגענעמער איבעראַשונג האָב איך געטראָפֿן מיין צימער נישט פֿאַרנומען. איך האָב געקענט זען, אַז דער איינ־

פלוס פון שאַטאָוו און קאַראַכאַן האָבן געווירקט און איך בין געווען זייער צו־פרידן, וואָס איך וועל נישט דאַרפן אַרומלויפן זוכן אַ נייעם צימער.

אויס דאַנקבאַרקייט האָב איך באַשלאָסן תיכף אָפּצורופן קאַראַכאַנען און אויסגעפינען ווען איך קען אים זען און איבערגעבן אים אַ פּעקל וואָס מע האָט געשיקט צו אים פּערזענלעך.

צו אַ געהילף־קאָמיסאַר פון אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט איז נישט קיין גרינג שטיקל אַרבעט צוצוקומען דורכן טעלעפאָן, נאָר ווי אַ דיפּלאָמאַטישער קוריער, האָב איך זיך באַנוצט מיט אַ ביסל דיפּלאָמאַטיע און געזאָגט צו איינער פון די סעקרעטאַרשעס, וואָס האָט דורכויס געוואָלט וויסן צוליב וואָס פאַר אַ צוועק איך וויל ריידן מיט קאַראַכאַנען, אַז איך קום ערשט פון כאַרקאָוו און האָב אַ פּעקל פאַר אים. איך בעט איר, אַז זי זאָל, ביי דער ערשטער מעגלעכ־קייט, איבערגעבן קאַראַכאַנען דאָס, וואָס איך האָב איר געזאָגט און צו דעם האָב איך צוגעגעבן, אַז איך האָב געבראַכט פּראָדוקטן פאַר די אַרבעטער פון קאָמיסאַריאַט. איך האָב איר אויך געמאָלדן דעם אַדרעס ווו איך געפין מיך און אויפגעהאַנגען דעם טעלעפאָן.

ס׳האָט נישט גענומען קיין פינף מינוט און קאַראַכאַן האָט מיך אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן און געזאָגט, אַז ער האָט אַרויסגעשיקט זיין אויטאָמאָביל און אַז איך זאָל גלייך קומען צו אים אין קאָמיסאַריאַט, מיטנעמענדיק איינעם פון די פּעקלעך וואָס איך האָב געבראַכט. בין איך אין אַ קורצער צייט אַרום געזעסן אין קאַראַכאַנס קאַבינעט. ער האָט געעפנט דאָס פּעקל, ווו עס זענען געווען די בעסטע ציגאַרן, שאָקאָלאַד און אַנדערע געשמאַקע זאַכן, וואָס מ׳האָט נישט גע־קענט באַקומען אין מאָסקווע און וואָס דער ברייטער, הונגעריקער עולם האָט אַפילו נישט געחלומט וועגן אַזעלכע „ראָסקאָשנע“ זאַכן.

אויף מאָרגן האָט מען געבראַכט פון וואָקזאַל די אַלע פּראָדוקטן אין קאָ־מיסאַריאַט. מ׳האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ צעטל פון די אַרבעטער און קאַראַכאַן האָט באַשטימט אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל צעטיילן די פּראָדוקטן. אינעם קאָמיטעט בין איך אויך געווען באַשטימט. ווען מ׳האָט פאַנאַנדערגעטיילט די פּראָדוקטן צווישן די האַלב־הונגעריקע אַרבעטער פון דעם קאָמיסאַריאַט, איז מיין נאָמען געוואָרן זייער פּאָפּולער. ווען איך האָב עפּעס געדאַרפט, האָט יעדער איינער געפילט אַז ס׳איז זיין חוב מיר צו העלפן. ספּעציעל נאָענט בין איך געוואָרן מיטן טאָוואַרישטש מאַיסעי, וואָס איז געווען דער הויפּט־אַנגעשטעלטער ביי באָריס ריינשטיין. ער איז געווען נאָך אַ יונגער מאַן און אַן עמיגראַנט פון דער שווייץ. ער איז געקומען פון דאָרטן שוין ווי אַ באָלשעוויק, נאָר אין כאַראַקטער איז ער, צו יענער צייט, געווען זייער און זייער אַ סימפּאַטישער מענטש. ער האָט געהאַט זיין פּערזענלעכן קוק אויף אַ סך זאַכן און דאָרט, ווו מע האָט גע־קענט פאַרקוקן די באָלשעוויסטישע דאָגמע, האָט ער דאָס געטאָן. שפּעטער־צו וועל איך נאָך מאַכן איניקע באַמערקונגען וועגן טאָוואַרישטש מאַיסעי.

די גרויסע העכט פון קאָמיסאַריאַט זענען געווען אַזוי באַגייסטערט, וואָס מיר איז געלונגען צו ברענגען די פּראָדוקטן, אַז קיינער פון זיי האָט זיך נישט

געכאַפּט גלייך צו פרעגן ביי מיר, וואָס איך טו אין מאָסקווע, בעת איך בין גאָר געשיקט געוואָרן אין טיל פון דער ווייסער אַרמיי.

האָב איך ביי זיך באַשלאָסן, אַז איידער איך וועל איבערגעבן באָריס ריינ־שטיינען דעם בריוו פון דער כאַרקאָווער ביוראָ, ווו עס ווערט דערקלערט די סיבה פאַר וואָס מ׳האָט מיך צוריקגעשיקט קיין מאָסקווע, זאָל איך זיך זען פּריוער מיט ביל שאַטאָוו, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן איינ־פלוס סיי אויף קאַראַכאַנען און סיי אויף באָריס ריינשטיינען.

בין איך אַוועק צו ביל שאַטאָוו און האָב אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע און די סיבה פאַר וואָס איך בין צוריק אין מאָסקווע. זאָגט צו מיר ביל שאַטאָוו אַזוי:

„קומט צוגיין אין אָוונט צו מיר, ווייל עס וועלן זיין ביי מיר קאַראַכאַן און באָריס ריינשטיין. ער וועט שוין פאַר אייך טאָן אַלצדינג, אַז איר זאָלט נישט דאַרפן פאָרן אין טיל פון דער ווייסער אַרמיי, ווו עס איז פאַר אייך אַ גרויס געפאַר״.

ווי געוויינלעך האָט ביי ביל שאַטאָוון קיין מאָל נישט געפעלט עפּעס אָפּ־צועסן און ספּעציעל אויסצוטרינקען.

ווען איך בין אין אָוונט געקומען צו אים, האָב איך שוין דאָרטן גע־טראָפן אַ גרויסן עולם פון וועלכן אַ היפּשער טייל איז שוין געווען פריילעך, אונטער דער ווירקונג פון דער אויסגעטרונקענער משקה.

ביי מיין אָנקומען, האָט ביל שאַטאָוו גערעדט וועגן מיר מיט קאַראַכאַנען און באָריס ריינשטיין. ווען זיי האָבן מיר דערזען אַריינקומען, האָט קאַראַכאַן מיך צוגערופן און מיט אַ פריינדלעכן טאָן האָט ער מיר פאַרגעוואָרפן פאַר־וואָס איך האָב אים נישט געזאָגט פריוער, אַז איך בין געווען טעטיק אין דער געגנט, וווהין מ׳האָט מיך געשיקט און מיך געפרעגט צי האָב איך ביי זיך אַ בריוו פון דער כאַרקאָווער ביוראָ. האָב איך אים דערלאַנגט דעם בריוו, וואָס קאַראַכאַן האָט שנעל דורכגעקוקט און ער האָט צו מיר געזאָגט: פאַרגעס אין אַלץ וועגן וואָס מ׳האָט דיך געשיקט. איך דענק, אַז איך האָב פאַר דיר אַ ספּעציעלע מיסיע וואָס איך בין זיכער אַז דו וועסט זי דורכפירן מיט דער־פאָלג און די נייע אַרבעט וועט דיר געפעלן ווערן. קום מאָרגן צו מיר און איך וועל מיט אייניקע פון מיינע מיטאַרבעטערס באַטראַכטן אָט דעם ענין און דו וועסט באַשטימט ווערן פאַר דער ספּעציעלער שליחות.

נישט אין מאָסקווע, ווען איך בין אַהין געקומען צום ערשטן מאָל, און נישט אין כאַרקאָוו האָב איך געהאַט די געלעגנהייט מיט קיין שום חברים צו רעדן וועגן ביל שאַטאָוו; זיין אַרט לעבן האָט דערוועקט עפּעס אַ חשד. אמת, איך האָב געוווּסט נאָך פון אַמעריקע, אַז שאַטאָוו איז אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון דעם ביטערן טראָפּן, נאָר איך האָב נישט געהאַט דעם קלענסטן פאַר־דאַכט, אַז ווי נאָר ער איז געקומען קיין רוסלאַנד, האָט ער איבערגעריסן אַלע באַציִונגען מיט דער גרופּע „גאָלאָס טרודאַ״, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ צייטונג אונטערן זעלביקן נאָמען, פריער אין ניו־יאָרק און נאָך דעם אין

פּעטערבורג. איך האָב אויך נישט געוווּסט נאָך דעמאָלט, אַז ער איז געוואָרן אַ גוטער ברודער מיט זינאָוויעוון, דעם באַלעבאָס פון פּעטערבורג, און אַז שאַטאָוו איז געוואָרן דער הויפּט פון דער אייזנבאַן־פּאָליציי און האָט געלעבט אַ גוטן טאָג מיט זינאָוויעוון. זיי ביידע האָבן גאָר נישט פּיינט געהאַט אַ פריילעך לעבן און אַ גוט ביסל משקה, נאָר וועגן ביל שאַטאָוון וועל איך זיך שפּעטער־צו אומקערן.

ווען איך בין צומאָרגנס געקומען צו קאַראַכאַנען, האָב איך ביי אים אין קאַבינעט שוין געטראָפן באָריס ריינשטיינען. האָט קאַראַכאַן מיר מודיע גע־ווען, אַז איך פאַרבלייב אויף מיין שטעלע ווי אַ דיפּלאָמאַטישער קוריער. אַז ווי אַזעלכער וועל איך דאַרפן אַרומפאָרן און אויך צעפירן ליטעראַטור ספּע־ציעל אין די גרעסטע שטעט פון אוקראַינע. פאַר דעם דאָזיקן צוועק וועט דער ספּעציעלער וואַגאָן, מיט וועלכן איך בין געקומען, פאַרבלייבן פאַר דעם אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט און איך וועל האָבן די אויפזיכט אויפן וואַגאָן. צו דעם האָט ער מיר געזאָגט, אַז מיינע שכירות וועלן זיין גרעסערע ווי ביז איצט, און אַז אין דער צייט, ווען איך וועל זיין אין וועג, וועל איך קריגן עקסטרע באַצאָלט.

ער האָט מיר אויך געזאָגט אַז אין דעם וואַגאָן וועט מען לאָזן אויסבויען אַ צאָל שלאָף־צימערן און מע וועט איינשטעלן אַ ספּעציעלן אויפזעער פאַר דעם וואַגאָן. קאַראַכאַן האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאַקעט מיט מאַנדאַטן און אַ אָנווייזונג צו קריגן פאַר אַ חודש שכירות און האָט מיר געזאָגט: אַזוי שנעל ווי דער זשורנאַל „דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל" וועט אַרויס פון דרוק, וועל איך דאַרפן מאַכן אַ לאַנגע נסיעה צו צעפירן דעם זשורנאַל און אויך ליטעראַטור. דאָס וועט מסתמא געדויערן אַ פּאָר וואָכן און, אַרויסנעמענדיק פון זיין גרויסן שרייבטיש אַ פּעקל מיט בילעטן פון אַלע טעאַטערס און אָפּע־רעס, האָט ער מיר געגעבן אַ צאָל בילעטן און מיר געווונטשן, אַז איך זאָל פאַרברענגען גוט, ביז וואַנען איך וועל דאַרפן אָוועקפאָרן.

איך צעטייל אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור דורכן אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט

אַזוי ווי איך האָב געזען אַז איך וועל האָבן גענוג צייט, האָב איך באַ־שלאָסן צו באַקאַנען זיך נענטער מיט אונדזער באַוועגונג אין מאָסקווע.

איך האָב געוווּסט נאָך פון אָנהייב 1918, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אונ־טערגענומען אַ פאַרשטעלטן קאַמף קעגן דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, אונ־טערן אויסרייד, אַז זיי באַקעמפן „באַנדיטן", און „קרימינעלע עלעמענטן" און אַז אונטער אַזעלכע תירוצים איז דורכגעפירט געוואָרן דער אָרגאַניזירטער מיליטערישער פּאָגראָם אויף די אַנאַרכיסטישע גרופּעס אין מאָסקווע. ס׳איז פאָרגעקומען אַ אמתע מיליטערישע שלאַכט אין משך פון צוויי טעג. דאָס הויז

„אַנאַרכיע״ מיט איר צייטונג איז פּאַגראָמירט געוואָרן. דאָס זעלביקע האָט פּאַסירט מיטן צווייטן הויז, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן געהאַט.

דער 12טער אַפּריל פון 1918 איז דער געשיכטלעכער דאַטום, ווען די באָלשעוויקעס האָבן אַטאַקירט און פאַרניכטעט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין מאָסקווע און אויך אין אַנדערע שטעט.

אויב איינער איז פאַראינטערעסירט צו באַקאַנען זיך מיט אַ גרויסער טייל געשיכטלעכע פאַקטן, וואָלט איך אים רעקאָמענדירט איבערצולייענען אין ענגליש, ג. מ. מאַקסימאָוס גרויסן בוך „די גילאָטינע ביי דער אַרבעט״ — „20 יאָר טעראָר אין רוסלאַנד״, אַרויסגעגעבן פון א. בערקמאַן הילפספאָנד אין 1940.

ליקווידירן אין גאַנצן די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָבן די באָלשעוויקעס נישט געהאַט קיין מוט. דערצו האָט נאָך דעמאָלט געלעבט אונדזער גרויסער לערער פּיאָטער קראָפּאָטקין און וולאַדימיר לענין האָט זייער שטאַרק געזוכט די הילף און סימפּאַטיע פון קראָפּאָטקינען. לענין האָט געדאַרפט האָבן די שטיצע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, און ער האָט שטאַרק געזוכט הילף אין די רייען פון די סינדיקאַליסטישע און אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטשע באַוועגונגען איבער דער גאַרער וועלט. אָט די דאָזיקע סיטואַציע האָט גע־מאַכט, אַז נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן פּאַגראָמירט די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג, האָבן זיי אָפּיציעל געזוכט צו איבערצייגן דעם אַלוועלטלעכן פּראָ־לעטאַריאַט, אַז זיי פאַרפאָלגן נישט קיין אַנאַרכיסטן, נאָר די „באַנדיטן״, וואָס נוצן אויס פאַר זייערע פערזענלעכע אינטערעסן די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג.

בעת איך האָב אָנגעהויבן צו באַזוכן די גרופּעס אין מאָסקווע, האָב איך אָנגעטראָפן אויף „גרופּעס״ וואָס טראָגן נאָר אָט דעם נאָמען, אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, האָט גאָרנישט עקזיסטירט. האָב איך זיי געגעבן דעם נאָמען „פּאַפּירענע גרופּעס״.

אין דעם זעלביקן האָטעל „נאַציאָנאַל״, אָדער ווי ער האָט זיך דעמאָלט גערופן, „דאָס ערשטע סאָוועטן־הויז״ האָט אויך געוווינט א. קאַרעלין, אַן אַלטער באַוווסטער חבר, וואָס איז געווען ברייט באַקאַנט אין רוסלאַנד און אין דער עמיגראַציע. אין זיינע צוויי צימערן האָט זיך געפונען די אַל־רוסישע פעדעראַציע פון די אַנאַרכאָ־קאָמוניסטן.

וויפל גרופּעס זענען דאָרט געווען און ווי אַזוי זיי האָבן אַלע אויסגעזען, איז מיר נישט געלונגען אויסצוגעפינען. לויט א. קאַרעלינען און פון ג. פּ. מאַקסימאָווס בוך (זייט 456) איז קלאָר דער פאַקט, אַז יעדער איינציקער וואָס האָט זיך דערקלערט פאַר אַן אַנאַרכאָ־קאָמוניסט, האָט געקענט ווערן אַ מיטגליד פון דער פעדעראַציע (?)

ווען איך בין געקומען צו א. קאַרעלינען און געזאָגט ווער איך בין, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אונדזער גרופּע אין נאָוואָראָסייסק, זענען אַלע געווען מיטגלידער פון דער פעדעראַציע. פרעג איך אים: וויזשע קומט דאָס, וואָס איך, אַן אַקטיווער באַטייליקטער אין דער גרופּע, ווייס גאָרנישט דערפון? — ענט־

פערט מיר קאַרעלין: איר פלעגט באַקומען אונדזער צייטונג „דער פרייער אַרבעטער". דאָס האָט געמיינט פאַר אונדז, אַז איר האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער פעדעראַציע. האָב איך זיך פאַראינטערעסירט צו וויסן אין וואָס באַ־שטייט די אַרבעט פון דער פעדעראַציע, און ספּעציעל דאָ, אין מאָסקווע. האָט מיר חבר א. קאַרעלין געענטפערט, אַז ער פירט אָן אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט איינציקע חברים און צעשיקט די צייטונג. דאָ, אין מאָסקווע, קומט פאַר יעדער וואָך אַ מיטינג ביי אים אין הויז און מען דיסקוטירט געוויסע ענינים.

גראָד דעם טאָג, וואָס איך בין געווען ביים חבר א. קאַרעלין, האָט גע־דאַרפט פאָרקומען דער רעגולערער מיטינג פון דער גרופּע. בין איך שוין געווען איינגעלאַדן צו קומען און אין אָוונט בין איך בייגעווען דעם מיטינג. ווי אַ גאַסט, האָט מען מיך מכבד געווען מיט אַ וואָרט און געבעטן, אַז איך זאָל זיי איבערגעבן וואָס די גרופּע פון נאָווראָסייסק האָט געטאָן אין משך פון איר אַקטיוויטעט. איך האָב זיי דערציילט בקיצור וועגן דער טעטיקייט, וואָס האָט זיי אויסגעזען ווי אַ חלום. נאָך אייניקע פראַגעס און מיינע ענט־פערס, האָט חבר א. קאַרעלין איבערגעלייענט אייניקע בריוו. נאָך דעם האָט מען גערעדט וועגן אַבסטראַקטע ענינים, וואָס האָבן פאַר מיר קיין שום אינ־טערעס נישט געהאַט. און בכלל ווי אָן אַל־רוסישע פעדעראַציע פון אַנאַרכאָ־קאָמוניסטן אין מאָסקווע, איז דאָס געווען נאָר אַ שיינער חלום, אָבער קיין שום קאָנסטרוקטיווער פאַרנעם אין די גרויסע געשעענישן, וואָס זענען פאָר־געקומען אין גאַנץ רוסלאַנד, איז דאָרטן נישט געווען בנמצא. די דאָזיקע פעדעראַציע האָט אַפילו נישט געחלומט צו מאַכן אַ פאַרזוך עפּעס צו טאָן קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. ווי איך האָב דאָס געקענט אָפּשאַצן פון מיינע באַאָבאַכ־טונגען, האָט דאָס הייפעלע מענטשן, וואָס האָבן פרעטענדירט צו זיין די אַל־רוסישע פעדעראַציע פון די אַנאַרכאָ־קאָמוניסטן, איינגעזונקען אין אַ לעטאַר־גישן שלאָף, און געחלומט, אַז דאָס נייע סאָציאַלע צוזאַמענלעבן, וועט אַרונ־טערפאַלן פון הימל!

***

ס׳ איז געווען אין מאָסקווע אַ חבר, אַטאַביקיאַן. ער האָט פאַרמאָגט נישט קיין גרויסע דרוק־מאַשין און האָט אַליין אַרויסגעגעבן אַ קליינע צייטונג. די גאַנצע אַרבעט האָט געטאָן ער גופא — אַ מין אַנאַרכיזם פאַר זיך אַליין.

ווי געוויינלעך, האָט מאָסקווע, ווי דער צענטער פון אַלע פּאַסירונגען, קאָנצענטרירט דאָרטן אַ גרויסע צאָל אַנאַרכיסטישע אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן צו קיין גרופּעס נישט באַלאַנגט, נאָר ביי יעדער מעגלעכקייט אָדער גע־לעגנהייט, האָבן זיי געטאָן אַרבעט ווי: שרייבן אָדער האַלטן לעקציעס.

די אַל־רוסישע קאָנפעדעראַציע פון די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, איז באַ־שטאַנען פון אַ קליינער גרופּע חברים. זיי האָבן געהאַט אַ בוכהאַנדלונג אונ־טערן נאָמען „גאָלאָס טרודאַ", מע קען זאָגן, אַז די גרופּע איז געווען מער טעאָרעטיש ווי אַ קאָנסטרוקטיווע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל האָבן אַן איינפלוס

אויף די אַרבעטער־מאַסן. דעם גרעסטן קרעדיט קאָן מען זיי געבן דערפאַר וואָס זיי זענען געווען די איינציקע וואָס האָבן אָנגעפירט אַ פּראָטעסט־אַרבעט קעגן דער באָלשעוויסטישער מלוכה. ווען איינער וויל זיך באַקאָנען מיט די געשיכטלעכע דאָקומענטן, וואָס אָט די גרופּע האָט געשאַפן, וואָלט איך אים רעקאָמענדירט צו לייענען ג. פּ. מאַקסימאָווס בוך: „די גילאָטינע ביי דער אַרבעט".

אין דעם דאָזיקן בוך געפינט זיך אַ וועלט מיט געשיכטלעכע דאָקומענטן. אום זומער פון 1920 האָט זיך אָרגאַניזירט, ביי אַ קאָנפערענץ אין מאָסקווע, די אַל־רוסישע אָפּטיילונג פון אַנאַרכאָ־אוניווערסאַליסטן. דער צוזאַמענשטעל פון דער גרופּירונג איז געווען אַ מיש־מאַש און ביי דער ערשטער פאַרזאַמלונג איז שוין פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג. אַלע צדדים האָבן נישט געהאַט קיין קאָאָרדינירטע צילן אין זייער פּראָגראַם.

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין מאָסקווע האָט אויך געהאַט אַ ברידער־גאָרדין־גרופּע, וואָס האָט פּראָבירט פּראָפּאַגאַנדירן דעם „סאָצי־טעכניקום". זיי האָבן נישט געשריבן קיין ביכער, נאָר מען קאָן זאָגן, אַז זיי האָבן די ביכער געבאַקן, אַזוי פיל ביכער האָבן זיי געשאַפן. נאָר ווער ס'האָט זיי געלייענט — דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער פראַגע. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן בוך־געשעפט, געפּאַקט מיט זייערע אייגענע ביכער. די ברידער גאָרדין האָבן אויך געהאַט אַ רעסטאָראַן, ווו מע פלעגט אַריינגיין און מ'האָט גלייך געקענט דערזען וואָס דער רעסטאָראַן האָט היינט צום עסן, נאָר די צרה איז געווען וואָס נאָר די ברידער גאָרדין אַליין האָבן אפשר געוווּסט, וואָס פאַראַ שפּייז מען קאָן באַקומען...

די סיבה דערפון איז געווען די פאָלגנדיקע: די ברידער גאָרדין האָבן אויסגעטראַכט אַ רייע טעאָריעס, ווי צו לייזן די סאָציאַלע לאַגע, האָבן זיי געדאַרפט אויסטראַכטן אויך אַ נייע שפּראַך וואָס זיי האָבן גערופן: בי־אָ־באָ.

און אָט אויף דער שפּראַך איז געווען אויפגעשריבן אויף די ווענט וואָס איר קאָנט קריגן עפּעס אָפּצועסן.

אַבא גאָרדין האָט נאָך צו ביסלעך צוגעזינדיקט און ווען מע איז צו אים צוגעשטאַנען, האָט ער גערעדט רוסיש, נאָר ווי אַן אויסנאַם. דער איינציקער טאָג ווען די ברידער גאָרדין האָבן נאָך גערעדט אין רוסיש, איז געווען זונטיק. ווען מען פלעגט צוגיין צו וועלוול גאָרדין און אָנהייבן רעדן אין רוסיש, פלעגט ער אַרויסנעמען אַ שטיקל פּאַפּיר און אָנשרייבן אין רוסיש: „קומט זונטיק, און איך וועל מיט אייך רעדן אין רוסיש".

ס'איז אויך געווען אַ אונטערערדישע גרופּע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט טעראָר און עקספּראָפּריאַציעס. די דאָזיקע גרופּע האָט געוואָרפן אַ גרויסע באָמבע אין דער מאָסקווער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, אין וועמנס לאָקאַל ס'האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ באַראַטונג פון זייערע פירערס. די גרופּע האָט אויך דורכגעפירט אייניקע עקספּראָפּריאַציעס.

אָט די גרופע איז געווען פאַרבונדן מיט ניט־אַנאַרכיסטישע גרופירונגען. דער אָנפירנדיקער גייסט דאָרטן איז געווען אַן אַלטער חבר, וואָס האָט זיך פריִער באַטייליקט אין דער סינדיקאַלער באַוועגונג פון די אייזנבאַנער. אין דער אונטערערדישער גרופע זענען אויך געווען אָנגעשלאָסן אַ סך יונגע חברים און אַ היפשער טייל פון זיי האָבן געהאַט אַזאַ דערציִונג, אַז זיי האָבן נישט געוווּסט קלאָר וועגן די צילן וואָס די גרופע פאַרפאָלגט. ספּעציעל שטייען מיר פאַר די אויגן נאָך איצט אַ צאָל גאָר יונגע חברטעס, וואָס זענען אַראָפּגעקומען ווי עמיגראַנטן פון דער שווייץ.

די גרעסטע טייל חברים זענען אויפגעריסן געוואָרן ווען די טשעקאַ האָט אויסגעפונען זייער קאָנספּיראַטיוון פּלאַץ. וועגן אָט דער גרופע וועל איך נאָך שפּעטער האָבן צו דערציילן.

מיין אָבסערווירן און באַקענען זיך מיט דער מאָסקווער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָט מיך זייער ווינציק צופרידנגעשטעלט. אויב ס'איז אמת, אַז דער באָלשעוויסטישער פּאָגראָם, מיט מיליטערישער אינטערווענץ, אויף דער מאָסקווער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן, אָבער צו דער זעלביקער צייט האָט מען נישט געקענט געפינען קיין סמנים אַז מ'האָט זיך באַמיט צו בויען אַ קאָנסטרוקטיוון צוגאַנג צו אַ נייער סאָציאַלער אָרדע־נונג. דער אַלטער אַנאַרכיסטישער ראָמאַנטיזם האָט שטאַרק געשוועבט אין דער לופטן און דער גרעסטער באַוויז דערצו איז געווען די בי־אָ־באַ שפּראַך פון די ברידער גאָרדין און די אונטערערדישע גרופע מיט איר צעשטערנדי־קער אַרבעט. ווילנדיק אָדער נישט־ווילנדיק פלעגט קומען צו מיר דער געַ־דאַנק, צי איז אונדזער קריטיק און באַציִונג צו די באָלשעוויקעס, אַחוץ אונדזער קעגנערשאַפט צום דיקטאַטאָרישן צוגאַנג זייערן, אַ גערעכטע, אין אַ צייט ווען די גרעסטע צאָל פון די רוסישע אַנאַרכיסטן האָבן נישט געקלערט אַפילו און נישט געוואָלט נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַזאַ מין גרויסן לאַנד. זיי האָבן דערוואַרט, אַז אַ נייער משיח וועט קומען און וועט פאַר זיי איבערבויען דעם אַלטן סאָציאַלן סיסטעם אויף אַ פרייהייטלעכער סאָציאַלער אָרדענונג.

וואָס ווייטער איך שרייב אָט די דאָזיקע שורות און דערמאָן זיך יענע שטורעמדיקע צייטן, אַלץ מער עקבערט מיך די גרויסע פראַגע, צי ליגט נישט אַ היפּשע דאָזע שולד אויף דער רוסישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג פון דער צייט, ווען ס'איז פאָרגעקומען די גרויסע רוסישע סאָציאַלע רעוואָלוציע!

***

ביי מיין אַרבעט בין איך געווען אַ פרייער פויגל. איך פלעג קומען ווען איך האָב געוואָלט און אַוועקגיין ווען מיר האָט זיך געגלוסט. נאָר איין אָוונט האָב איך געקראָגן אַ טעלעפאָן־רוף פון מיין מיטאַרבעטער, טאָוואַרישטש מאָיסעיעוו, אַז איך זאָל מאָרגן קומען פריִער אין קאָמיסאַריאַט. ווען איך בין אויף מאָרגן געקומען, האָט מיך טאָוואַרישטש מאָיסעי אַריינגערופן אין קאַבי־

נעט פון באָריס ריינשטיין. דער לעצטער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אַ גרויסע אַרבעט פאַר מיר דורכצופירן, איך וועל דאַרפן מאַכן אַ רייזע קיין כאַרקאָוו, יעקאַטעריעסלאַוו, פּאָלטאַווע, קיִעוו און אָדעס.

אין אַ טאָג אָדער צוויי טעג אַרום וועט מען אָנהייבן איינצופּאַקן ליטעראַטור פאַר די אויבנדערמאָנטע שטעט. דערווייל זאָל איך צופּאַרן אויפן וואָקזאַל און זען ווי עס קוקט אויס דער איבערגעבויטער ספּעציעלער וואַגאָן, און באָריס ריינשטיין האָט געהייסן דעם טאָווארישטש מאָיסעי, אַז ער זאָל צוגרייטן אַלע נייטיקע פּאַפּירן פאַר מיין רייזע.

אַריינגייענדיק אין קאַבינעט פון טאָווארישטש מאָיסעי, האָב איך אים געפרעגט וויפל ליטעראַטור וועט זיין, האָט ער מיר געענטפערט, אַז נישט ווינציקער פון 150 פּעק. דערהערנדיק וועגן אַזאַ מיין גרויסער צאָל פּראָפּאַגאַנדע-מאַטעריאַל, איז ביי מיר געבוירן געוואָרן דער געדאַנק אַז צווישן די 150 פּעק מיט ליטעראַטור וועט אפשר זיין די בעסטע געלעגנהייט צו ברענגען אונדזערע ביכער קיין כאַרקאָוו.

טאָווארישטש מאָיסעי איז געוואָרן מיט מיר זייער נאָענט. נישט קוקנדיק וואָס ער איז געווען אַ באָלשעוויק, האָט ער מיט מיר אָפט פאַרפירט געשפּרעכן איבער פּראָגעס, וואָס אַ סך באָלשעוויקעס האָבן מורא געהאַט וועגן זיי צו רעדן.

וויסנדיק פון זיין נאָענטער באַציִונג צו מיר, האָב איך באַשלאָסן צו זיין מיט אים אָפנהאַרציק און איך האָב אים דערציילט אַז די כאַרקאָווער חברים מיינע האָבן מיר געבעטן צו ברענגען אונדזער ליטעראַטור קיין כאַרקאָוו. איך דערקלער אים, אַז איך האָב שוין די ליטעראַטור נאָר איך האָב נישט די מעגלעכקייט זי איבערצושיקן און איך פרעג ביי אים צי ער דענקט נישט אַז איך וועל קענען נעמען די ליטעראַטור מיט מיר.

נישט טראַכטנדיק לאַנג, גיט ער מיר אַ פרעג וויפל פּעק איך וועל האָבן, האָב איך אים געענטפערט אַז דערווייל ווייס איך נישט אויף זיכער, נאָר מסתמא אַרום 50 פּעק.

נעמט אַרויס טאָווארישטש מאָיסעי אַ ביכל מיט מיליטערישע פאַראָרדענונגען, שרייבט אונטער זיין נאָמען און שטעלט אַוועק דעם שטעמפּל פון קאָמיסאַריאַט, גיט דאָס מיר און זאָגט צו מיר: דו וועסט אַליין אַריינשרייבן וויפל פּעק ביכער דו וועסט האָבן.

אַז איך האָב שוין ביי זיך דעם מיליטערישן „אָרדער", קען איך אַרויספירן פון מאָסקווע אַ גרויסע צאָל ביכער. איך האָב גלייך אָפּגעזוכט מיין געהילף, דעם יונגן חבר וואָס איז געקומען מיט מיר פון כאַרקאָוו און מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

מיר זענען געגאַנגען צו די ברידער גאָרדינס בוכהאַנדלונג און האָבן דאָרטן געטראָפן אבא גאָרדין. פאַר דער סומע געלט וואָס די חברים אין כאַרקאָוו האָבן אונדז געגעבן אויף צו קויפן ליטעראַטור, האָבן מיר נישט געקענט איינהאַנדלען קיין גרויסע צאָל ביכער. האָב איך דערציילט אבא גאָרדינען, אַז מיר האָבן די מעגלעכקייט אַוועקצופירן קיין כאַרקאָוו אַ סך ליטעראַטור, נאָר

מיר באַזיצן נישט גענוג געלט. איך האָב אים געגעבן מיין ערנוואָרט, אַז ווען איך וועל צוריקקומען קיין מאָסקווע, וועל איך אים ברענגען דאָס רעשט געלט. אבא גאָרדין האָט דאָס אָנגענומען, נאָר מיט דעם תנאַי אַז מיר מוזן נעמען האַלב זיינע און וועלוולס ליטעראַטור. דאַן וועלן מיר אויך קריגן קראָפּאָטקינס און אַנדערע אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור. קיין אַנדער אויסוועג האָבן מיר נישט געהאַט, און אבא און איך האָבן אָנגעהויבן אויסצוקלייבן די ליטעראַטור און מיין געהילף האָט גענומען פּאַקן. גיב איך אַ קוק ווי מיין געהילף לייגט אַוועק צוריק די ברידער גאָרדינס ביכער און נעמט אַרויס פון אונטערן קאָנטאָר קראָפּאָטקינס פּעקלעך מיט ביכער. האָב איך און מיין געהילף געזינדיקט דער־מיט, וואָס גאָרדינס ליטעראַטור איז פאַרבליבן ביי אים. זייענדיק פּאַרטיק מיט אבא גאָרדין, זענען מיר אַוועק אין בוך־געשעפט פון „גאָלאָס טרודאַ״.

מיטן בוך־געשעפט „גאָלאָס טרודאַ״ האָט פאַרוואַלטעט ג. פּ. מאַקסימאָוו פּרוי אָלגע — אָדער ווי מע האָט זי גערופן אין דער באַוועגונג — אָלגאַ יאַפּאָנקאַ. זי האָט געהאַט אַ ביסל דעם אויסזען פון אַ יאַפּאַנעזישער פרוי. צו דעם אַלעמען איז זי געווען אַ הונדערט־פּראָצענטיקע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטקע און האָט זיך אַ ביסל צו פיל געגרויסט מיט איר יחוס, וואָס זי איז געווען פאַרשיקט אין סיביר און די הויפּט־שוואַכקייט אירע איז געווען, וואָס זי האָט נאָר פאַרטראָגן „גרויסע מענטשן״ און זי האָט דיר צו יעדער צייט געלאָזט פילן, אַז זי איז אַ אינטעליגענטקע... מיט אָט דעם חסרון איז זי פאַרבליבן דאָס גאַנצע לעבן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איר מאַן און חבר, ג. פּ. מאַקסימאָוו, איז געווען דער קעגנזאַץ פון איר. מע קאָן אויף אים זאָגן, אַז ער איז געווען אַ מענטש אָן אַ גאַל, אַ מענטש מיט אָן אַ שיעור מיטגעפיל און גוטסקייט צו דער גאַנצער וועלט.

ווען מיר זענען געקומען צו איר אין בוך־געשעפט, האָט זי מיך שוין געקענט פּערזענלעך. זי האָט געוווסט וועגן מיינע טעטיקייטן אין נאָוואָראַ־סייסק, וואָס זענען געווען, אין אַ געוויסן זין, נאָענט צו אירע איבערצייגונגען, ווי אַן אָנהענגערן פון אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם. נאָר זי האָט אויך געוווסט אַז איך האָב זיך נאָענט פאַרבונדן מיט דער „נאַבאַט״־באַוועגונג, און דאָס איז שוין געווען גענוג, אַז איך זאָל ביי איר נישט זיין אין גאַנצן „כשר״.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען צו איר, האָט זיך שוין געפילט אַ קאַלטקייט פון איר צו אונדז.

איך האָב איר דערקלערט, אַז איך האָב אַ מעגלעכקייט איבערצופירן קיין כאַרקאָוו אַ גאָר גרויסן סכום פון אונדזער ליטעראַטור און איך האָב איר אויך דערציילט, אַז די ברידער גאָרדין האָבן איינגעוויליקט צו געבן אונדז אַ צאָל ביכער אויף קרעדיט, ביז וואַנעט איך וועל צוריקקומען פון כאַרקאָוו.

אָלגאַ האָט אונדז גלייך אָפּגעזאָגט צו געבן ביכער אויף באָרג. ס׳האָט מיר אויסגעזען גאָר מאָדנע איר ענטפער, ווייל קיין זיכערקייט האָט קיינער פון אונדז נישט געהאַט אַז נאָך היינט זאָלן די באָלשעוויקעס ליקווידירן און קאָנפיסקירן די גאַנצע ליטעראַטור, און דאָ איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו נוצן

אַט די ליטעראַטור און אַ מענטש וואָס האָט זיך גערופן אַ חבר, האָט נישט געוואָלט געטרויען חברים, וואָס האָבן גאַראַנטירט אַז עס וועט ווערן באַצאָלט. נאָך אָלגעס פּנים, האָב איך גלייך איינגעזען, אַז ס'וועט נישט געבן קיין שום רעזולטאַט צו דיסקוטירן מיט איר, ווייל קיין שום אַרגומענטן וועלן דאָ נישט העלפן. האָב איך באַשלאָסן אָפּצוקלייבן ליטעראַטור און זען וויפל דאָס וועט באַטרעפן. מיר האָבן טאַקע אַזוי געטאָן.

איך האָב נאָך געהאַט ביי זיך אַ ביסל געלט. צו דעם האָבן מיר פּאַרמאָגט פּראָדוקטן וואָס זענען געווען בעסער ווי געלט. האָט מיין געהילף, דער יונגער חבר, גענומען אַ טייל פון די פּראָדוקטן און אַוועק מיט זיי אויפן מאַרק. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַ סומע געלט. נאָר דאָס איז נאָך אַלץ נישט געווען גענוג. האָב איך באַשלאָסן צו זען מיין טאָוואַרישטש מאָיסעי און געקראָגן ביי אים די איבעריקע סומע געלט. זענען מיר צוריק אַוועק אין בוך־געשעפט „גאָלאָס טרודאַ", באַצאָלט אָלגען פאַר דער ליטעראַטור און פאַרפּאַקט דאָס אין פּעק. ווען מיר זענען פאַרטיק געוואָרן מיטן פּאַקעווען, האָבן מיר פון ביידע פלעצער געהאַט איבער 60 פּעק מיט ליטעראַטור. מע קאָן זאָגן אַ גאַנצן טראַנספּאָרט מיט „טריפער" ליטעראַטור, וואָס מע האָט געדאַרפט אַרויספירן פון מאָסקווע ווו עס האָט געלויערט אויף שריט און טריט מיט טשעקיסטן.

אויף מאָרגן האָב איך אָפּגעמאַכט מיט מיין יונגען חבר אַז ער זאָל דינגען צוויי וועגענער און פאַרנעמען די ביכער פון די ברידער גאָרדינס בוכהאַנדלונג אויך ביי אָלגען און אין אַ געוויסער גאַס, נישט ווייט פון וואָקזאַל, זאָל ער וואַרטן אויף מיר, אין פאַל ער וועט מיר דאַרטן נישט געפינען.

איך האָב די זעלבע זאַך געטאָן. איך האָב געהאַט פיר וועגענער אָנגעפּאַקט מיט דער באָלשעוויסטישער ליטעראַטור. איך האָב געגעבן דעם מאַרשרוט ווו די וועגענער זאָלן פאָרן און, נאָכן געזעגענען זיך מיט אַלעמען אין קאָמיסאַריאַט און צוזאָגן זיי, אַז איך וועל זיי ברענגען פּראָדוקטן, האָב איך זיך מיט די וועגענער אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין.

דאָס מאָל איז מיין מאַרשרוט געווען אַ לאַנגער וואָס האָט געדאַרפט נעמען נישט ווינציקער ווי אַ חודש צייט. אַחוץ כאַרקאָוו, האָב איך געדאַרפט באַזוכן די פאָלגנדיקע שטעט: יעקאַטערינעסלאַוו, פּאָלטאַווע, יעליסאַוועדגראַד, קיִעוו און אָדעס. אַט די נסיעה מיינע, האָב איך געהאָפט, וועט מיר געבן די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אונדזער אוקראַינער באַוועגונג „נאַבאַט" און די אַנדערע גרופּעס.

פאָרנדיק מיט די וועגענער, האָב איך פון ווייטנס דערזען מיין יונגן חבר מיט די צוויי וועגענער. צוקומענדיק צו זיי האָבן מיר געלאָזט זיך אַלע צוזאַמען צום וואָקזאַל. בעתן פאָרן, האָב איך ביי זיך געטראַכט, אַז אַלץ וועט דורכגיין גלאַטיק.

ווען איך בין אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל, האָב איך דערזען, אַז דער ספּע־

ציעלער וואַגאָן איז געשטאַנען נישט ווייט פון דאָרטן, ווו מע גיט אָפּ דעם באַגאַזש.

אמת, די ליטעראַטור האָט באַלאַנגט צו דער באָלשעוויסטישער רעגירונג, אָבער ווי זאָגט מען: „וואָס צו גאָט — איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט". האָט מען געדאַרפט דורכמאַכן אַ ביוראָקראַטישע פּראָצעדור. פּריִער פאַר אַלצדינג אָפּוועגן די פּעקלעך מיט דער ליטעראַטור, דאַן האָט מען גע־דאַרפט אויסשטעלן מיליטערישע „אָרדערס" אַז מען שיקט אַזוי פיל פּעק און פּוד אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן, און ווען מיר זענען געוואָרן פאַרטיק מיט אָט דער פּראָצעדור, האָט מען ערשט געדאַרפט די פּעק מיט ליטעראַטור אַריינ־טראָגן אינעם ספּעציעלן וואַגאָן.

איך האָב געהאַט אַ באַזונדערן בריוו צו דער אייזנבאַן־טשעקאַ פונעם קאָ־מיסאַריאַט, אַז זיי, די טשעקיסטן, זאָלן מיר העלפן אין אַלץ, וואָס איך וועל דאַרפן.

בין איך טאַקע באַלד אַריין צום הויפּט־קאָמיסאַר און אים דערלאַנגט מיין מאַנדאַט און דעם בריוו. איבערלייענענדיק האָט ער אַריינגערופן איינעם פון די טשעקיסטן און געגעבן אַ באַפעל, אַז ער זאָל נעמען מיט זיך אַ צאָל רויטע אַרמייער אַז זיי זאָלן העלפן אין אַלץ וואָס איך וועל אָנווייזן אַז מע דאַרף טאָן.

אין אַ שעה אַרום זענען אַלע פּעק מיט ליטעראַטור געלעגן אויפגעלייגט אין מיין ספּעציעלן וואַגאָן, אַריינגערעכנט, פאַרשטייט זיך, די אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור. ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט דער הויפּטאַרבעט, בין איך אַוועק אויסצוגעפינען צי איז פאַראַן אַ באַפעל, אַז מיין וואַגאָן איז איינגעשלאָסן אין דעם פּאַסאַזשיר־צוג וואָס גייט אָפּ קיין כאַרקאָוו. ערשט נאָך דעם האָב איך פריי אָפּגעאָטעמט, נאָר נישט פאַר אַ לאַנגער צייט.

ווען דער באַן איז געווען פאַרטיק אַרויפצונעמען די פּאַסאַזשירן, איז גע־ווען עטלעכע מאָל מער קאַנדידאַטן, וויפל דער באַן האָט געקענט אַריינגעמען. חוץ וואָס מ'איז געלעגן אויף די דעכער, זענען מענטשן געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פון די וואַגאָנעס. דער באַן האָט אויסגעזען ווי אַ געפּאַקטע פּאַס הערינג.

מיין וואַגאָן האָט אויך נישט אויסגעמיטן צו האָבן ספּעציעלע פּאַסאַזשירן. מיין קאָמיסאַריאַט האָט צוגעשיקט איניקע פּאָסט־זאַכן, דער הויפּט פון דער אייזנבאַן־טשעקאַ האָט געבראַכט עטלעכע פּאַסאַזשירן און צו דעם אַלעמען האָבן זיך אונדזערע חברים דערוווסט, אַז איך האָב אַ ספּעציעלן וואַגאָן, און צו פאָרן זענען אַלע מאָל געווען גענוג בעלנים. נו, ווי קאָן מען אָפּזאָגן אַ חבר? איז אַרום און אַרום מיין וואַגאָן פאַרפולט געוואָרן מיט אַלערליי פּאַסאַזשירן און מיין גע־ויסן איז געווען רויק, אַז נישט נאָר איך און מיין יונגער חבר פאַרנעמען אַליין אַ גאַנצן וואַגאָן פאַר זיך. ווי געוויינלעך, פלעגט דער באַן אין יענע צייטן, צום מערסטן אַרויסגיין מיט איניקע שעה פאַרשפּעטיקט.

לויט די פאַר־באַדינגונגען אין יענע צייטן, ווען מע האָט זיך געדאַרפט אַרומשלעפּן וואָכן אָדער מאָנאַטן, איז נישט געווען אַזוי שלעכט צו פאָרן אין אַ

ספעציעלן וואַגאָן. די דאָזיקע פּריווילעגיע האָט אָבער געפּאָדערט צו זיין אויף דער וואַך טאָג און נאַכט, ווייל אַזעלכע ספּעציעלע וואַגאָנען זענען געווען אין די טויזנטער איבער גאַנץ רוסלאַנד.

באַזונדערס האָט מען געדאַרפט היטן ביינאַכט, אַז מע זאָל נישט אָפּטשעפּען דעם וואַגאָן פון דער באַן. די הויכע אָנגעשטעלטע אויף די אייזנבאַנען זענען געווען אַלטע טשינאָווניקעס און ווען מיליטער־לייט פון דער רויטער אַרמיי, פלעגן מיט געווער אין די הענט צושטיין, אַז זייער וואַגאָן זאָל צוגעטשעפּעט ווערן צו דער באַן, פלעגט מען אָפּטשעפּען דעם לעצטן וואַגאָן און צוטשעפּען דעם אַנדערן. אייניקע אַזעלכע פאַרזוכן זענען געמאַכט געוואָרן אויף מיין וואַגאָן.

האָט מען מיט געווער אין די הענט און מיט די מאַנדאַטן וואָס איך האָב געהאַט, אָפּגעראַטעוועט, אַז מיר זאָלן נישט בלייבן שטעקן פאַר אַ לענגערער צייט ערגעץ אויף אַ סטאַנציע אין מיטן וועג.

דאָס איז גערעדט געוואָרן פון די מענטשן, וואָס האָבן געהאַט די מאַכט, אָדער די וועלכע זענען געווען אָנגעשטעלט אין די קאָמיסאַריאַטן און זייער פּאָסטן האָט פאַרנומען אַזאַ פּאָזיציע, וואָס האָט זיי געגעבן אַלע פּריווילעגיעס אין דעם נייעם ביוראָקראַטישן רעזשים. אָבער דער פּשוטער בשר־ודם, וואָס האָט געוווינט אין די גרעסטע שטעט פון צענטראַל־רוסלאַנד, ווו דער הונגער האָט מער און מער געלאָזט זיך פילן, הערנדיק אַז דאָרטן, אויף אוקראַינע, דאָן און קאַווקאַז קען מען נאָך דערווייל קריגן עסנוואַרג און, ספּעציעל, מעל, פלעגן זיך מאַסן מענטשן אַרויסלאָזן אין וועג אַריין מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועט געלינגען צו קומען אַהין און עפּעס קריגן פאַר די פאַמיליעס, איבערגעבליבענע אין דער היים.

דאָס איז געווען אַ גרויסער חלום פון דער גרעסטער טייל מענטשן, וואָס זענען דעמאָלט, אָנהייב 1919, געווען אויסגעהונגערטע און גרייט צו טאָן אַלץ, אַבי צו קריגן עפּעס צו עסן. די עטלעכע איבערצייגונגען און געפילן האָבן אָנ־געהויבן פאַרשווינדן. פונעם פאַרלאַנג צו קריגן די נייטיקסטע שפּייזן ביז דער רעאַלער פאַרווירקלעכונג, זענען געווען גאָר גרויסע שוועריקייטן אויסצומיידן. די מוראדיקע טראַגעדיע, וואָס ס'האָט פאַראורזאַכט דער הונגער, און וואָס מ'האָט זיך אָנגעזען אויף די וואָקזאַלן אָדער אין די באַנען, האָט געקענט קלעקן אויף אָנצושרייבן צענדליקער ביכער.

אַ מאָדנע זאַך: אַזוי שנעל ווי דער מענטש ווערט אַ ביסל זאַט, און דער שרעקלעכער הונגער פאַרשווינדט, הייבט אָן דער מענטש צו פאַרגעסן אָן דער הונגער־סיטואַציע, וואָס ער האָט דורכגעלעבט. איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט אייניקע, וואָס צייטנווייז זענען זיי געווען שטאַרק הונגעריק און, ספּעציעל, מיט די, וואָס זענען געווען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער ביי היטלערן. אָט די מענטשן האָבן צו גיך פאַרגעסן, וואָס ערשט נעכטן איז מיט זיי געשען.

איך וואָלט געקענט אָפּשטעלן זיך אויף אַ סך פאַקטן און פּאַסירונגען פון יענעם שרעקלעכן הונגער־פּעריאָד, נאָר איך וועל אין קורצן דערמאָנען אַ פּאַ־

סירונג, וואָס וועט געבן אַן אַלגעמיין בילד פון דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין ווירקלעכן לעבן פונעם רוסישן הונגעריקן פאָלק.

ווען מיר האָבן דעמאָלט פאַרלאָזן מאָסקווע, זענען מיר אָנגעקומען שפּעט אין דער נאַכט אין דער באַוווסטער שטאָט טולאַ. דאָס איז אַ גרויסער אינדוס־טריעלער צענטער, וואָס איז געווען זייער גוט באַוווסט איבער גאַנץ רוסלאַנד. דאָרטן פלעגט מען פאַבריצירן די באַרימטע סאַמאָוואַרן.

ווען אונדזער באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אין טולאַ, האָט זיך אַ טויזנט־קעפּיקע מאַסע געגעבן אַ לאָז צו געפינען אַ פּלאַץ. נאָר גיי זוך דאָס מינדסטע אָרט, ווען דער באַן איז שוין פאַרפולט און אָנגעפּאַקט. גאָר ווינציק מענטשן האָבן געהאַט דאָס גרויסע גליק זיך אַריינצושטופּן אין צוג. איך בין אַרויס פון מיין פּלאַץ כדי אַכטונג צו געבן, אַז מע זאָל נישט אָפּטשעפּען אונדזער וואַגאָן. מיר זענען געווען ביים סוף פונעם באַן.

בעת איך בין אַזוי אַרומגעגאַנגען לעבן וואַגאָן, האָב איך באַמערקט, אַז לעבן דער טיר שטייט אַ פרוי מיט אַ יונגער מיידל. איך האָב זיך געוווּנדערט פאַר וואָס זיי שטייען לעבן מיין וואַגאָן. דער באַן האָט זיך דאָ פאַרהאַלטן אַ פאָר שעה, נאָר ווען מ'האָט געלאָזט וויסן מיטן ערשטן קלונג פון גלאָק, אַז דער באַן וועט באַלד אָפּגיין, איז די עלטערע פרוי צוגעגאַנגען צו מיר און מיך געפרעגט, צי בין איך דער וואָס האָט די דעה איבער דעם וואַגאָן. ווען איך האָב איר גע־ענטפערט אַז יאָ, האָט זי מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ און מיט טרערן אין די אויגן מיר געזאָגט, אַז זי און איר טאָכטער זיצן שוין דאָ באַלד אַ וואָך צייט אויפן וואָקזאַל און קענען נישט אַוועקפאָרן. און זי זאָגט צו מיר: איר קענט האָבן וואָס איר ווילט פון מיר אָדער פון מיין טאָכטער! אָט די ווערטער האָבן מיך צערודערט, ווייל די פרוי האָט אויסגעקוקט צו זיין אַן אינטעליגענטער מענטש און די טאָכטער האָט אויסגעזען צו זיין אַ זייער יונגע מיידל.

איידער כ'האָב נאָך געהאַט די מעגלעכקייט עפּעס צו זאָגן, האָט די פרוי צוגעגעבן: זאָל אייך נישט איינפאַלן צו טראַכטן, אַז איך פיר מיין טאָכטער ספּעציעל פאַר די צוועקן. איך ווייס, וואָס איר קענט זיך קלערן, נאָר דאָס איז נישט דאָס וואָס איר טראַכט. מיך האָט געצוווּנגען דערצו אַכט הונגעריקע מיי־לער. איך האָב אַלע נייטיקע פּאַפּירן אַז דאָס איז מיין עלטערע טאָכטער.

— דאָס וואָס איך האָב אייך פאָרגעשלאָגן — האָט זי ווייטער געזאָגט — איז נישט געקומען חלילה פון אויסגעלאַסנקייט, נאָר דער ביטערער הונגער האָט געצוווּנגען, אַז אַ מאַמע זאָל פאָרשלאָגן איר קינד צו האָבן די מעגלעכקייט צו פאָרן און ברענגען עפּעס פּראָדוקטן פאַר די אַכט הונגעריקע מיילער. מיין מאַן איז דערשאָסן געוואָרן און איך האָב מיינע און זיינע עלטערן מיט מיר און נאָך פיר קינדער אין דער היים. מיין מאַן איז געווען אַן אינזשעניער, ער האָט נישט געוווּסט פון קיין פּאָליטיק, נאָר אַ שלעכטער מענטש אין דער פאַבריק איז געוואָרן ברוגז אויף אים און געמסרט אים אין דער טשעקאַ און אין פינף וואָכן אַרום האָט מען אים דערשאָסן. דער מסור האָט געהאַט דעם זעלבן סוף

אין צען וואָכן אַרום. מ'האָט אים געכאַפּט גנבענען און דאָס, וואָס ער האָט פאַלש געמסרט אויף מיין מאַן, האָט אים געטריבן אין דרערד אַריין.

נאָך דער דאָזיקער טראַגישער געשיכטע — און געפילט האָט זיך אין איר שטימע, אַז זי רעדט מיט האַרץ און געפיל — האָט דאָס געמאַכט אויף מיר אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז איך האָב איר געזאָגט: צייג מיר דיינע פּאַפּירן. ווען איך האָב אַלץ איבערגעקוקט, האָב איך געזען אַז זי האָט אַלע אירע דאָקומענטן אין אָרדענונג פאַר איר און פאַר איר טאָכטער אויף צו פאָרן, האָב איך איר שוין נישט געקענט אָפּזאָגן און איך האָב זיי אַריינגענומען אין וואַגאָן, מיט דער באַמערקונג, אַז זי זאָל פאַרגעסן, אַז זי אָדער די טאָכטער מוזן באַצאָלן מיט זייערע קערפּערס, דערפאַר וואָס זיי האָבן די מעגלעכקייט צו פאָרן אין אַ באַקוועמען וואַגאָן. ווען דער צוג האָט זיך געלאָזט אין וועג קיין כאַרקאָוו און איך בין אַריין אין וואַגאָן, האָב איך שוין אין מיין קופּע געטראָפן הייסע טיי און עפּעס צוצובייסן.

האָב איך געזאָגט צו מיין יונגן חבר, אַז ער זאָל אַריינרופן די מאַמע מיט דער טאָכטער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי קערן זיין גוט הונגעריק און איך האָב זיך נישט אָפּגענאַרט. די צוויי פרויען האָבן געהיט יעדער ברעקל ברויט. דאָס עסן און די וואַרעמקייט פון וואַגאָן האָט מער באַוויזן דעם שרעקלעכן חורבן וואָס די צוויי מענטשן האָבן איבערגעלעבט. מיין יונגער חבר איז געווען אַ קאַוואַליר, האָט ער זיי פאַרגעשלאָגן זיין קופּע צום שלאָפן און ער אַליין איז אַוועק שלאָפן אויף די פּעק מיט דער ליטעראַטור.

דאָס וואָס איך האָב ערשט איבערגעלעבט, האָט מיך נישט געלאָזט אַנטשלאָפן ווערן. דער צוג האָט זיך געטראָגן פאָרויס און ביי מיר אין קאָפּ האָבן זיך אַרומגעטראָגן מאָדנע געדאַנקען און אַ וועלט מיט פראַגעס. נאָוואָראָסייסק איז געקומען אין פולן געשטאַלט און האַלב פאַרשלאָפן, האָבן די רעדער פונעם באַן מיר אונטערגעזאָגט, אַז כדי צו פאַרמיידן אָט די אַלע נישט־נייטיקע שרעקלעכעליידן, מוזן פאַרשווינדן אַלע פאָרמען פון רעגירונגען און דער מענטש אַליין מוז ווערן דער שאַפער פון זיין סאָציאַלן לעבן.

טשעקיסטן העלפן טראָגן אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור

ווען מיר זענען אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו, און אַלע מיינע פּאַסאַזשירן האָבן פאַרלאָזט דעם וואַגאָן, בין איך אַוועק צו די באַאַמטע פון דער סטאַנציע און געבעטן, אַז מיין וואַגאָן זאָל ווערן אָפּגעטשעפּעט פון דעם צוג און אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ פּלאַץ פון וואַנען איך זאָל קענען אַרויסנעמען די ליטעראַטור. דאָס האָט נישט געדויערט לאַנג און מיר זענען געשטאַנען אויף אַ פּלאַץ פון וואַנען ס'איז געווען גרינג אַרויסצוציִען פון וואָקזאַל.

און איצט האָט מען געדאַרפט אַרויספירן די ליטעראַטור. איך האָב זיך

אָפּגערעדט מיט מיין יונגן חבר, אַז מיר זאָלן צעלייגן די פּעק מיט ביכער אין צוויי פּלעצער. פריִער וועלן מיר אַרויסטראָגן די באָלשעוויסטישע ליטעראַטור און נאָך דעם אונדזערע. ווען מיר זענען פּאַרטיק געוואָרן מיט דער דאָזיקער אַרבעט, בין איך אַוועק אין דער אײַזנבאַן־טשעקאַ. געבנדיק דעם קאָמיסאַר מײַנע מאַנדאַטן, האָב איך ביי אים געבעטן העלפערס אַרויסצוטראָגן פון וואַגאָן די ליטעראַטור. אָנשטאָט רויטע אַרמייער, ווי פריִער, האָט דאָ דער קאָמיסאַר געשיקט זעקס אַגענטן פון דער טשעקאַ, אַז זיי זאָלן מיר העלפן.

ביז וואַנען דער לעצטער פּאַק מיט דער ליטעראַטור איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן פונעם וואַגאָן און אַוועקגעלייגט געוואָרן אויף דער פור, האָט מיין האַרץ זייער שטאַרק געפּלאָפּט און ווען מיר האָבן זיך שוין געלאָזט אין וועג אַריין, האָט זיך ביי אונדז ביידן גלייך אַרויסגעכאַפּט: „טשעקיסטן האָבן געהאָלפן ברענגען אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור קיין כאַרקאָוו".

ווען מיר זענען צוגעקומען צו אַ געוויסן פּלאַץ, איז מיין יונגער חבר אַוועק־געפאָרן צום בוך־געשעפט פון „נאַבאַט" און איך בין צוגעפאָרן צו מיין ביוראָ, ווו זיי האָבן שוין געוואַרט אויף מיר. איך האָב זיך באַמיט וואָס שנעלער זיך אָפּצופּאַרטיקן מיט אַלע מיינע אָפיציעלע געשעפטן. איבערגעבנדיק אַלע פּאַ־פּירן און בריוו, האָב איך געזאָגט דעם הויפּט־קאָמיסאַר, אַז איך וועל דאָ זיין אַ צוויי־דריי טעג און נאָך דעם וועל איך פאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. אויב ער האָט עפּעס איבערצושיקן, זאָל ער עס צוגרייטן.

פון דאָרטן בין איך אַוועקגעפאָרן אין האָטעל, ווו איך האָב געקענט זיך אַ ביסל אָפּרוען פון דער שטאַרק־אָנגעשטרענגטער רייזע און קומען צו זיך פון דער מורא, אַז מע זאָל אונדז כאַפּן מיט דער קאָנטראַבאַנדע־ליטעראַטור. נו, מילא, איך מיט מיין יונגן חבר זענען געווען גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר אונדזער באַוועגונג. אייגנטלעך איז דאָך יעדער שריט און טריט, יעדע שעה אין טאָג געווען פאַרבונדן מיט פּערזענלעכער געפאַר. דעמאָלט האָבן מיר וועגן דעם קיין סך נישט געטראַכט. ס'איז געווען, אין אַ געוויסן זין, אַ ספּאָרטיווער צוגאַנג צו יעדער פּאַסירונג אָדער געפאַר. נאָר וואָס מיך האָט צום שטאַרקסטן אומרויִק געמאַכט, איז דער גורל פון די מענטשן, וואָס האָבן קיין ברעקל שייכות נישט געהאַט צו אונדזער באַוועגונג און זענען נאָך דערצו געווען מיטגלידער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און זיי האָבן געקענט באַצאָלן מיט זייערע לעבנס. אָט דאָס האָט נישט געלאָזט רוען מיין געוויסן און מיט דעם דאָזיקן געדאַנק בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן.

קען זיין, אַז מיט מיינע אָנגעצויגענע נערוון האָב איך געקענט אַריינשלאָפן ביז אויף מאָרגן אין דער פרי, נאָר אייניקע חברים האָבן זיך שוין אַריינגע־מישט, אַז דאָס זאָל נישט פּאַסירן. פּאַרנאַכט־צו איז געקומען חבר יוסף גודמאַן, מיט נאָך עטלעכע חברים, וואָס האָבן נישט געקענט דערוואַרטן זיך אויף מיר ביז איך וועל קומען אין בוך־געשעפט. האָבן זיי מיך אויפגעוועקט און מיר זע־נען אַוועק אויפפּאַקן די ביכער און זיי אויסשטעלן אויף די פּאָליצעס. אין אַ

גאָר קורצער צייט איז פון אַ האַלב־פּוסטער קראָם געוואָרן אַ רעאַלער בוך־געשעפט מיט אַ גרויסן אויסוואַל פון אַנאַרכיסטישע ביכער.

איך האָב געזאָגט מיין יונגן חבר, אַז ער זאָל קיינעם נישט דערציילן פון וועמען און ווי אַזוי די ליטעראַטור איז געקומען אין „נאַבאַט"־בוך־געשעפט, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז אַגענטן פון דער טשעקאַ פלעגן אַריינגיין און מע האָט געדאַרפט מאַכן גוט די שפּיל פון קאָנספּיראַציע.

געווען איז דאָס אַזוי: דער טעלעפאָן פונעם האָטעל האָט מיך אויפגעוועקט. דער אויפזעער האָט מיר געזאָגט, אַז אַ טאָוואַרישטש יוסף גודמאַן מיט נאָך אייניקע מענטשן זענען געקומען מיך באַזוכן און צי האָב איך זיי דערוואַרט. האַלב פאַרשלאָפן האָב איך געענטפערט: געוויס וואַרט איך אויף זיי און ער זאָל זיי הייסן אַרויפקומען צו מיר אין צימער. אין אַ פּאָר מינוט אַרום — איך בין נאָך געווען נישט אין גאַנצן אָנגעטאָן — זענען די חברה שוין געווען אין מיין צימער און נאָך האַרציקע באַגריסונגען, האָב איך געקענט באַמערקן אויף זייערע פּנימער אָט די דאָזיקע פראַגע: זאָג, ברודערל, ווי אַזוי האָסטו ריזיקירט אַליין דורכצופירן אַזאַ מין גרויסע אַרבעט? האָט טאַקע נישט גענומען לאַנג און חבר יוסף גודמאַן האָט זיך געווענדט צו מיר מיט אַ דאַנקבאַרער האַרציקער שטימע: — ווען מיר האָבן דיך געבעטן צו ברענגען ליטעראַטור, האָבן מיר געהאַט אין זינען אַז דו, מיטן יונגן חבר וואָס איז געפאָרן מיט דיר, זאָלן ברענגען צוויי מאָל אַזוי פיל ווי דו האָסט אַליין געבראַכט דאָס ערשטע מאָל. נאָר ריזיקירן צו ברענגען אַ גאַנצע קראָם מיט ביכער — דאָס איז צו אַ גרויסע ריזיקע. די איבעריקע חברים האָבן דורכויס געוואָלט וויסן ווי אַזוי מיר ביידע, איך און מיין יונגער חבר, האָבן באַוויזן צו אָרגאַניזירן און דורכצופירן אַזאַ מין גרויסע שטיק אַרבעט. און איך האָב צוגעגעבן צו זייערע פראַגעס, אַז אַגענטן פון דער טשעקאַ האָבן אונדז געהאָלפן אין מאָסקווע און אין כאַרקאָוו. יוסף גודמאַנען האָב איך געענטפערט, אַז מע שטאַרבט נאָר איין מאָל. ווען די טשעקאַ כאַפּט אונדז מיט עטלעכע פּעק אָדער מיט דער גאַנצער צאָל פּעק, וואָס מיר האָבן געבראַכט, וואָלט דער אורטייל פון די טשעקיסטן געווען דער זעלביקער.

ווי מיר אין צווייען האָבן זיך אונטערגענומען דורכצופירן די אַרבעט, איז געווען, ערשטנס, דער גרויסער פאַרלאַנג צו העלפן אין דער אַרבעט וואָס איר טוט דאָ, און צווייטנס, אַזוי שנעל, ווי כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז איך וועל פירן אַ גרויסן טראַנספּאָרט פון באָלשעוויסטישער ליטעראַטור, איז ביי מיר געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז אַזוי ווי איך וועל זיין דער, וואָס וועט אָנפירן מיטן טראַנספּאָרט, מוז געשאַפן ווערן אַ מיטל ווי אַזוי צו ברענגען אַ גרויסע צאָל ביכער פאַר דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. וואָס איך וויל איצט פון אייך איז, אַז דאָס זאָל בלייבן צווישן אונדז. דאָ איז נישט די פראַגע וועגן מיר און דעם יונגן חבר, דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ פּערזאָן וואָס האָט פּריוויליק מעגלעך געמאַכט דורכצופירן דעם פּלאַן. און צווייטנס

דאַרף איך האָבן געלט צו באַצאָלן די ברידער גאָרדין, וואָס איך בין זיי גע־בליבן שולדיק. און דריטנס בין איך הונגעריק!

יוסף גודמאַן, וואָס איז אַלע מאָל געווען שטרענגלעך צו שמחהלעך, האָט דאָס מאָל דער ערשטער אַרויסגעזאָגט די מיינונג אַז אַזאַ מין פּאַסירונג פּאָ־דערט אַ קליין שמחהלע.

קאַטיאַ אַבראַמס (כריסטאָס), וואָס איז געווען צווישן דער גרופּע ביי מיר אין האָטעל, האָט פאָרגעשלאָגן אַז מיר זאָלן גיין צו זיי אין הויז און אויפן וועג וועט מען קאָנען איינקויפן עפּעס צו עסן און אויך צום טרינקען כדי צו פייערן דעם אומדערוואַרטעטן דערפאָלג.

אין אַ קורצער צייט אַרום, זענען מיר אַלע געזעסן אַרום אַ טיש, מע האָט גענומען צו ביסלעך משקה און געשמאַק געגעסן וועטשערע.

ווען מיר האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן עסן, האָב איך איבערגעגעבן די חברים וואָס איך גיי טאָן ווייטער. איך וועל פאַרבלייבן אַ 2־3 טעג אין כאַרקאָוו און איך האָב זיי אָנגעוויזן מיין מאַרשרוט וואָס איך האָב פריִער דערמאָנט. אויב זיי האָבן עפּעס איבערצושיקן צו די גרופּעס אין יענע שטעט, וועט מען קאָנען דאָס טאָן, און ווען אייניקע חברים ווילן פאָרן אין די דאָזיקע שטעט, וועלן זיי דאָס קאָנען טאָן מיטן תנאי, אַז די חברים זאָלן זיך האַלטן אין די ראַמען פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

איך וועל פּרובירן פאָרן צוריק קיין מאָסקווע דורך כאַרקאָוו. אין פאַל איך וועל נישט באַוויזן צו קומען, זאָלן זיי אַרויסשיקן דעם יונגן חבר מיט געלט און מיר וועלן ווידער ברענגען אַ טראַנספּאָרט ביכער.

ווען איך בין אויף מאָרגן געקומען אין בוד־געשעפט, האָב איך זיך דאָרטן געטראָפן מיט אייניקע חברים. יאַשקע מאירס, אַן עמיגראַנט פון פילאַדעלפיע, איז געווען זייער טעטיק אין דער גרופּע „נאַבאַט". אויסגעזען האָט ער ווי אַ יונגער יִנגל, נאָר אין דער ווירקלעכקייט האָט ער געהאַט אַ פרוי מיט צוויי קליינע קינדער. חבר איוואַן אַפּאַלאָן פלעגט אים דערגיין די יאָרן פאַר זיין נישט גוטער באַצִיונג צו זיין פאַמיליע. חבר בענדזשעמין עפּשטיין, איז געווען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „נאַומקע דער ווייסער", געווען זייער אַקטיוו אין קרינקי און אויך אין ביאַליסטאָק. מיר האָבן זיך גוט באַפריינדט, ווייל מיין בעסיע איז געווען אויך פון קרינקי און איך בין געווען באַקאַנט מיט אַ סך קרינקער און ביאַליסטאָקער חברים. איך וועל נאָך אומקערן זיך שפּעטער צו דערציילן וועגן „נאַומקען דעם ווייסן".

חבר דאַוויד קאַגאַן „דער קליינער כריסטאָסיק" איז געווען געשטימט אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליסטיש. ער איז געווען אַ זייער ערנסטער חבר. ווען ער האָט צוגעזען די גרויסע פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט, וואָס עס טוט די כאַרקאָווער גרופּע „נאַבאַט", איז ער צו איר צוגעשטאַנען און איז דאָרטן געווען זייער טעטיק.

חוץ אַ גרופּע יידישע אַמעריקאַנער אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געקליבן

צו פאָרן קיין פוילן און פון דאָרטן קיין אַמעריקע, האָב איך אויך געטראָפן די אַמעריקאַנער עמיגראַנטן אַדאָלף און זשעניע.

ס׳איז געווען צו יענער צייט נאָך אַ גרויסע צאָל חברים, וואָס איך האָב זיך מיט זיי באַגעגנט צום ערשטן מאָל און איך האָב פון זיי ווינציק־וואָס געוווּסט. איז נאַטירלעך אַז זייערע נעמען זענען פאַר די לאַנגע יאָרן פאַר־שווּנדן פון מיין זכרון.

אַ טאָג פּריִער, איידער איך האָב געדאַרפט אַוועקפאָרן, זאָגט צו מיר איוואַן אַפּאָלאָן: אויב דו ביסט נישט פאַרנומען היינט ביי נאַכט, קום צו מיר ווען מיר צוזאַמען צוגיין זען וואָס מאַכן עפּעס די אַנאַרכיסטן אינדיווידואַ־ליסטן, פּראָפּאַגאַנדירן דעם אַנאַרכיזם — דאָס האָט מיר זייער פאַראינטעע־רעסירט און אין אָוונט זענען, אַחוץ אונדז צוויי, געגאַנגען קאַטיאַ אַבראַמס (כּריסטאָס), ער און וואַניאַ טאַראַסיוק־קאַראַס.

דער אַזוי גערופענער „מיטינג” איז געווען אין דעם זעלביקן קעלער, וועלכער איז געווען פול מיט רויך און די לופט איז געווען ווי פאַרפעסטעט פונעם ריח פון משקה. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען געווען האַלב־שיכורע אין מיטן דעם קעלער איז געשטאַנען אַ ליידיק פעסל, וואָס איז געווען די פּלאַטפאָרמע. דער אַזוי גערופענער „מיטינג” האָט זיך אָנגעהויבן נאָך 10 אַ זייגער אין אָוונט.

איינער פון דער גרופּע, האַלב־שיכור, איז אַרויפגעקראָכן אויפן פעסל און אָנגעהויבן דערקלערן, וואָס איז אַנאַרכיזם. די הויפּט־באַזע איז, אַז יעדער יחיד איז אַ פרייע באַשעפעניש און דערפאַר האָט ער די פולע מאָראַלישע רעכט דאָס צו טאָן, וואָס זיינע געפילן פאָדערן פון אים. אין דעם זינען האָט ער אָפּגערעדט מער ווי אַ האַלבע שעה. נאָך אים איז אַרויף אַ טיפּ וואָס האָט פּרעטענדירט צו זיין אַ פּאָעט, וואָס האָט געגומען שיטן זיין שמוציקן סעקסו־עלן מיש־מאַש. נאָך אים זענען געווען נאָך אַ פּאָר „פּאָעטן”. בשעת דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען, האָט מען סערווירט משקה און דער עולם איז געוואָרן גוט שיכור. צווישן די פאַרזאַמלטע האָט מען געקענט באַמערקן פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, וואָס באַנוצן זיך מיט נאַרקאָטיקס. דאַן האָט דער ערשטער רעד־נער, נאָך דעם ווי ער איז ווידער אַרויף אויפן פעסל, דערקלערט אַז איצט וועט פאָרקומען אַן אַקט, ווו אַ „פרייע פרוי” וועט באַווייזן וואָס פאַר אַ קער־פּער די נאַטור האָט איר געגעבן.

אין דער טונקלעניש האָב איך באַמערקט די צוויי יונגע מיידלעך וואָס זענען געקומען מיט מיר דעם ערשטן מאָל פון מאָסקווע. האָב איך געטראַכט, אַז זיי זענען אַוודאי אויך געקומען, ווי מיר, צו באַטראַכטן די אַזוי גערופענע פּראָפּאַגאַנדע פון די אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליסטן, נאָר איך האָב אויך באַמערקט, אַז לעבן איינער זיצט די גאַנצע צייט איינער פון די אָנפירערס פון דער דאָ־זיקער גרופּע.

נאָך דעם ווי דער חברהמאַן האָט אַנאָנסירט און איז אַרונטער פון פעסל, האָב איך דערזען, אַז דער חברהמאַן נעמט אונטער דער האַנט איינע פון די

צווײ מײדלעך און מיט געוואַלד הײבט ער זי אָן צו שטופּן צום פּעסל. ער האָט זי אויף כּוח אויפֿגעהויבן און אַוועקגעשטעלט אויפֿן פּעסל. אין דער זעלבער צײַט האָט דער שיכּורער עולם אָנגעהויבן צו פּאַטשן מיט די הענט און אַרײַנגײן מער און מער אין אַ ווילדן סעקסועלן עקסטאַז.

די אָרעמע יונגע מײדל איז נעבעך געשטאַנען אויפֿן פּעסל און ביטער געוויינט. מיר האָבן זיך צווישן זיך איבערגעקוקט און נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָבן מיר פֿאַרשטאַנען, אַז מיר מוזן אַרויסראַטעווען דאָס מײדל, אויב אַפֿילו עס זאָל קומען צו אַ שיסערײַ. מיר האָבן אַלע געהאַט געווער. מיר האָבן געבעטן קאַטיאַן זי זאָל אַרויסגײן אין גאַס און וואַרטן אויף אונדז.

אין דער זעלבער צײַט האָט דער חברהמאַן וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם מײדל (שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז זי איז געווען אַן אמתע שקלאַפֿין בײַ אים) האָט ער איר געגעבן אַ קלאַפּ אין די פּיס און פּרובירט אַרונטערצורײַסן פֿון איר דאָס קלײד. דער חברהמאַן האָט דאָס אַלץ געטאָן מיט אײן האַנט, די צווייטע האַנט האָט ער געהאַלטן אין קעשענע און מיר האָבן פֿאַרשטאַנען אַז ער האַלט דאָרטן זײַן רעוואָלווער.

נישט רעדנדיק צו אונדז קיין וואָרט, איז איוואַן אַפּאַלאָן צוגעגאַנגען אומ־דערוואַרט צום שמוציקן קערל. מיט אײן האַנט האָט ער געגעבן אַזאַ מין שטאַרקן קלאַפּ דעם חברהמאַן, אַז ער איז אַוועקגעפֿאַלן אַ פֿאַרטשמעליעטער אויף דער ערד און מיט דער צווייטער האַנט האָט איוואַן אַפּאַלאָן דורך אַ שאָס פֿון זײַן רעוואָלווער אויסגעלאָשן דאָס אײנציקע ליכט. דאַן האָט ער גענומען דאָס מײדל אונטער זײַן האַנט און מיר זענען מיט איר אַרויס אין גאַס, ווו, אַ שטאַרק נער־ווועזע, האָט אויף אונדז געוואַרט קאַטיאַ.

מיר זענען געבליבן שטײן מיטן געדאַנק, אַז ווער עס איז פֿון די חברהלײַט וועט נאָך אַרויסלויפֿן און אָנהײבן צו שיסן אויף אונדז. אָבער גאָר אין גיכן האָבן מיר דורכן פֿענצטער דערזען, אַז מ׳האָט ווידער אָנגעצונדן דאָס ליכט און אַז דער חברהמאַן איז נאָך אַלץ געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע. האָבן מיר זיך גלײַך געוואָלט לאָזן אין וועג, אָבער דאָ איז געקומען די פֿראַגע: וואָס טוט מען מיטן מײדל? דאָרטן ווו זי וווינט מיטן שמוציקן קערל, קען זי נישט גײן. ער וועט קומען און וועט זי צעמזיקן.

זאָגט קאַטיאַ, אַז זי איז גרײט זי צו נעמען איבער נאַכט צו זיך. זענען מיר אַלע אַוועק צו קאַטיאַן און אַבראַמען. די גאַנצע צײַט, וואָס מיר זענען געגאַנגען, האָט דאָס אָרעמע מײדל ביטער געוויינט. ווען מיר זענען אַרײַן אין שטוב, זאָגט זי צו אונדז: קאָן זײַן אַז איר גלײַבט מיר נישט, אַז מײַן אַזוי גערופֿענער גע־ליבטער איז אין דער ווירקלעכקײט אַ ריכטיקער וואַמפּיר. און נישט רעדנדיק מער קיין וואָרט, האָט דאָס מײדל אַרונטערגענומען פֿון זיך דאָס קלײד און מיר זענען אויפֿגעשווידערט געוואָרן פֿון דעם שרעקלעכן בילד: די בריסטן, די אָרעמס און דער גאַנצער קערפּער איז געווען אײן גרויסע בלויע שטיק פֿלײש. — דאָס, זאָגט אונדז דאָס מײדל — איז דער שכר וואָס כ׳האָב געקראָגן פֿאַר מײַן ליבע צו אים.

פרעג איך בײ איר: פאַר וואָס ביסטו געקומען צו אים? האָסט דען נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ שמוציקער קערל ער איז? ענטפערט זי: נײן, זי האָט נישט געוווּסט וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר. ער איז געווען אין מאָסקווע. זײ האָבן זיך באַקאַנט אינעם אַנאַרכיסטישן קלוב, ער האָט איר געגעבן מתנות און האָט איר פאָרגעשלאָגן צו קומען קײן כּאַרקאָוו און דאָרטן װעלן זײ חתונה האָבן. נאָר װען זי איז מיט אים געקומען, האָט ער זי די ערשטע נאַכט פאַרגוואַלדיקט און געמאַכט איר פאַר זײן שקלאַפֿין. זי מוז איצט פאָרן קײן מאָסקווע אַהײם. אַזאַ מין לעבן קען זי װײטער נישט פירן.

אויף מאָרגן, דעם טאָג װען איך האָב געדאַרפֿט אַװעקפאָרן, איז גאַנץ פרי אַפּאָלאָן מיט דער מײדל אַוועק צו איר דירה. זײ האָבן דאָרטן נישט געפונען דעם שמוציקן חברהמאַן. דאָס מײדל האָט צוזאַמענגענומען אירע זאַכן און דעם זעלביקן טאָג איז דאָס מײדל, אַ דאַנק מײנע אָפּיציעלע פאַרבינדונגען, שױן גע־װען אױפֿן װעג צוריק אַהײם קײן מאָסקווע.

װעגן אַט דער גרויסער דערפאַרונג, װאָס די סאָציאַלע רעװאָלוציע האָט אַרויסגעבראַכט — דאָס טיפֿע מיספאַרשטענדעניש װאָס הײסט „אַנאַרכאָ־אינדי־װידואַליזם" — װעגן אַט דער גרופּע װעל איך נאָך האָבן אַ סך צו זאָגן שפּע־טער־צו.

***

װען איך בין אָפּגעפאָרן מיטן באַן שפּעט בײ נאַכט פון כּאַרקאָוו, האָב איך געהאַט פינף יונגע חברים, װאָס זענען מיטגעפאָרן ביז אַ געװיסער סטאַנציע, פון װאַנען זײ האָבן געהאַפט צו געפינען אין יענעם געגנט נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמײ. זײ האָבן געװאָלט אַרויסהעלפן מיט װאָס זײ װעלן נאָר קע־נען. מיר האָבן געדאַרפֿט אָנקומען צו יענער סטאַנציע גאַנץ פרי. זענען מיר אַװעק שלאָפן, װי נאָר דער צוג האָט גערירט פון כּאַרקאָוו, אָבער אײנשלאָפן האָב איך נישט געקענט. די איבערלעבונגען פון דער פֿריערדיקער נאַכט, די פּאַסירונג מיטן יונגן מײדל אין דעם אַזױ גערופֿענעם „אַנאַרכאָ־אינדיװידואַליס־טישן" קעלער. מע דאַרף נאָך צוגעבן צו דעם די איבער דרײ טעג אין כּאַרקאָוו און דאָס טרעפן זיך מיט אַזױ פיל נײע חברים, און איצטער, אונטערן ריטמישן קלאַפּן פון די װאַגאָן־רעדער האָב איך אָנגעהויבן צו אַנאַליזירן יעדער אײנעם באַזונדער.

פון דער גרויסער גרופּע „נאַבאַט" האָבן מיך צוגעצויגן אַ צאָל חברים און דאָס זעלביקע האָב איך געפילט פון זײער באַציִונג צו מיר. מיט איוואַן אַפּאָלאָן האָב איך זיך געזען צום צװײטן מאָל. דאָס זעלביקע מיט די אַנדערע חברים פון דער דאָזיקער גרופּע, חוץ יוסף גודמאַן.

איוואַן אַפּאָלאָן האָט אין װוּקס אויסגעזען אַ גיבור, נאָר דער מילדער שמײכל װאָס איז אַלע מאָל געװען אויף זײן פּנים, איז ממש געװען די גוטסקײט אַלײן. זײן סאַמע נאָענטסטער חבר איז געװען אַבראַם כּריסטאָס, אַ זײער נערװעזער טיפּ. ער האָט נישט פאַרמאָגט קײן צוציִענדיקע קראַפֿט, װי דאָס האָט געהאַט איוואַן

אַפּאָלאָן, נאָר דערפֿאַר איז אַבראַמס פֿרוי, חברטע קאַטיאַ, געווען אַ ברייטהאַר־ציקע. אַלע מאָל מיט אַ ליבן שמייכל אויף איר פּנים. אין איר כאַראַקטער און צוגאַנג צו חברים איז דאָס געווען דער קאָנטראַסט פֿון איר חבר אַבראַם. מיט קאַטיאַן בין איך געווען אַ זייער נאָענטער חבר און פֿריינד. שפּעטער־צו וועל איך נאָך רעדן וועגן דער חברטע קאַטיאַ. וואַניאַ טאַראַסיוק־קאַבאַס, האָט חוץ אין ווּקס, געהאַט די זעלביקע קוואַליטעט וואָס איוואַן אַפּאָלאָן האָט געהאַט. מיט קאַראַסן, זינט אונדזער ערשטער באַגעגעניש, זענען מיר צוזאַמען געוואַקסן. פֿון יוסף גודמאַן, איז שוין אָפּגערעדט, מיר זענען געוואָרן זייער נאָענטע פֿריינד און איבערגעגעבענע חברים. פֿון אַלע זעקס, האָט נאָר חבר אַבראַם מיט זיין תּמיד נערוועזן כאַראַקטער, געבילדעט דעם אויסנאַם. מיט אים איז שווער געווען אויסצוקומען.

בעת איך האָב אַזוי אָט־אָ אַנאַליזירט אַלע פּאַסירונגען, בין איך געשמאַק אַנשלאָפֿן געוואָרן. איך בין אַזוי שטאַרק געשלאָפֿן, אַז איך האָב אַפֿילו נישט געהערט ווען דער צוג האָט זיך פֿאַרהאַלטן אויף אַ געוויסער סטאַנציע, ווייל מ׳האָט געלאָזט וויסן די באַלשעוויקעס, אַז נישט ווייט געפֿינען זיך אָפּטיילן פֿון נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי. דאָס איז גראָד געווען גוט פֿאַר די חברים, וואָס זענען געפֿאָרן מיט מיר צו די מאַכנאָווצעס.

איך האָב פֿריִער פֿאַרגעסן צו באַקענען די לייענער מיט טאָוואַרישטש אַלעקסיי.

יעדער וואַגאָן האָט אַ ספּעציעלן באַדינער, וואָס געפֿינט זיך דאָרטן די גאַנצע צייט. זיין אַרבעט איז צו האַלטן ריין דאָרטן און וואַרעם. קריגן הייסע וואַסער אויף טיי, — בקיצור, ער איז דער אויפֿזעער פֿון וואַגאָן.

פֿונעם ערשטן טאָג וואָס אַלעקסיי האָט איבערגענומען די אויפֿזיכט איבער מיין וואַגאָן, האָט ער גלייך דערפֿילט אַז דאָ איז נישטאָ די אַטמאָספֿער פֿון נאַטשאַלסטווע. ס׳האָט גענומען צייט ביז איך האָב אים איינגעבראַכן אַז עסן, אָדער טרינקען טיי, זאָלן מיר צוזאַמען און איך האָב אים דערקלערט אַז ער איז אַ גלייכער מיטגליד, ווי לאַנג ער וועט אַרומפֿאָרן מיט מיר. די ערשטע צייט האָב איך באַמערקט אַן אויסדרוק אויף זיין פּנים אַז ער האַלט, אַז איך „בין נישט מיט אַלעמען״, נאָר דאָ האָט מיר אַרויסגעהאָלפֿן אַ בראָשורקע וואָס איז געבליבן ביי מיר אין קופּע.

מיין פּערזענלעכע מיינונג איז, אַז פֿון אַלץ וואָס אַבאַ גאָרדין האָט אין זיין לעבן אָנגעשריבן, האָט אין בראָשור געבראַכט גרויסע פּראָפּאַגאַנדע־נוצן און דאָס איז געווען די בראָשור אונטער דעם נאָמען: „ווי אַזוי אַ פּויער איז אַריין אין דער אַנאַרכיסטישער קיניגרייך״. די טעג וואָס איך בין נישט געווען אין מיין באַן־וואַגאָן, האָט אַלעקסיי זיך צוגעכאַפּט צו לייענען אָט די בראָשור. ער האָט זי אַזוי פֿיל מאָל געלייענט, אַז ער האָט כמעט געקענט אויסנווייניק איר גאַנצן אינהאַלט.

ווען מיר זענען אָפּגעפֿאָרן פֿון כאַרקאָוו, האָב איך באַמערקט, אַז די בראָשור ליגט אַזוי, אַז מ׳האָט זי געקענט לייכט דערזען. ווען דער באַן האָט אָנגע־

הויבן צו גיין שנעל, איז אַלעקסיי אַריין אין מיין קופּע און געזאָגט, אַז ער מוז זיך מודה זיין פאַר מיר, אַז די עטלעכע טעג וואָס איך בין נישט געווען, און ער האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט ער געפונען די בראָשור אין מיין קופּע. באַלד דערנאָך האָט מיין אַלעקסיי אָנגעהויבן צו שיסן מיט פראַגעס: וואָס איז אַנאַרכיזם? ווו געפינט זיך אָט די קיניגרייך? אָדער צי דאָס, וואָס ווערט גע־שריבן אין דער בראָשור, איז נאָר אַ פאַנטאַזיע? איך האָב אים געענטפערט, אַז די בראָשור איז געשריבן אין אַ פאָרעם פון אַ פאַנטאַסטישער געשיכטע, נאָר אַז די פאַנטאַזיע קען ווערן אַ ווירקלעכקייט אינעם רעאַלן לעבן פון דער גאַנצער וועלט, ווו עס וועט נישט זיין קיין הונגער און קיין נויט און אַלע מענטשן וועלן זיין גלייכע בירגער.

מיין אַלעקסיי, אַזוי גיך ווי ער האָט באַמערקט אַז איך בין פריי, האָט ער שוין געהאַט פאַר מיר אַ נייע פראַגע. דאַן גיט ער מיר איין מאָל אַ זאָג, אַז ווען מיר וועלן קומען צוריק קיין מאָסקווע, זאָל איך אים קריגן אַ גאַנצן טוץ פון אָט די בראָשורן און ער וועט זיי אָוועקפירן צו אים אין דאָרף. אומדערוואַרט, האָט אונדזער באַוועגונג צוגעקראָגן אַ שטאַרקן סימפּאַטיקער!

***

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין יעקאַטערינעסלאַוו, האָב איך גלייך דורכ־געפירט מיין אָפיציעלע אַרבעט, איבערגעבנדיק דעם פאָרזיצער פון סאָוויעט אייניקע פעקלעך ליטעראַטור און עטלעכע פּאַקעטן. כ׳האָב אים אויך מודיע געווען, אַז איך פאַרבלייב ביז מאָרגן אין שטאָט און ווען ער וועט דאַרפן עפּעס איבערשיקן קיין מאָסקווע, זאָל ער דאָס צושיקן צום באַן. נאָך דעם בין איך אַוועק זוכן אונדזערע חברים, וואָס זענען געווען נישט אין קיין גרויסער צאָל. יעקאַטערינעסלאַוו איז געווען אין צענטער פון נעסטאָר מאַכנאָס מיליטערישע אָפּעראַציעס. די בונטאָווטשיקעס האָבן געהאַט אַ שטאַרקע אויג אויף אונדזערע חברים אין שטאָט, נאָר מיר איז געלונגען צו פאַרברענגען אַן אָוונט מיט נישט קיין גרויסער גרופּע יונגע חברים.

אויף מאָרגן זענען מיר אַוועקגעפאָרן קיין יעליסאַוועטגראַד. דאָ האָב איך אויך אָפּגעטאָן אויף שנעל מיינע אָפיציעלע אַרבעטן, און איך בין גלייך אַוועק אָפּזוכן די דאָרטיקע גרופּע. אין יעליסאַוועטגראַד איז געווען אַ שטאַרקע יונגע גרופּע. איינער פון זיי איז געווען ווישנעווסקי, אַן עמיגראַנט פון שיקאַגאָ, איי־נער אַ ייִנגערער ברודער פון דעם הויפּטרעדאַקטאָר פון דער מאָסקווער „איז־וועסטיאַ״, סטעקלאָוו, און דער צווייטער, אַ ייִנגערער ברודער פון זינאָוויעוון. ביידע יונגע חברים זענען געווען זייער פעיִקע און באַגאַבטע מענטשן. אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן זיי אַרויסגעגעבן דעם „יעליסאַוועטסקי נאַבאַט״. מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען ביז שפּעט אין דער נאַכט ,און אויף מאָרגן איז די גאַנצע גרופּע געקומען צו מיר אין וואַגאָן און מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט עטלעכע שעה, ביז וואַנען דער צוג האָט געדאַרפט אָפּגיין פון יעליסאַוועטגראַד. ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, האָט זיך אונדז אַפילו נישט געקענט חלומען, אַז

אין גיכן וועלן ווישנעווסקי און סטעקלאָוס און זינאָוויעווסברידער דערהרגעט ווען אין אַ פּאָגראָם, וואָס דער געוועזענער אָפיציר גריגאָריעוו, וואָס איז פריִער געווען מיט דער רויטער אַרמיי, האָט דורכגעפירט און וואָס נאָך דעם האָט ער פּרובירט אַנשליסן זיך מיט זיינע פּאָגראָמשטשיקעס אין מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי.

אויף מאָרגן אין דער פרי, בין איך אָנגעקומען אין דער אַלטער אוקראַיִני־שער שטאָט פּאָלטאַווע. איך בין פּאַרטיק געוואָרן מיט מיין אָפיציעלער מיסיע אין אַ פּאָר שעה און נאָך דעם האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט זוכן אונדזערע חברים, און כ׳האָב זיי געפונען אינעם אַנאַרכיסטישן קלוב. די גרעסטע טייל פון זיי זענען געווען יונגע און זייער אָנגענעמע חברים. זיי האָבן געהאַט ווי אַ ציל צו פאַרשפרייטן די כאַרקאָווער צייטונג „נאַבאַט“, דורכפירן פּעריאָדיש מיטינגען און דיסקוסיע־אָוונטן. אין פּאָלטאַווע איז אויך געווען אַ קלענערע גרופּע, ווי אין כאַרקאָוו, אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליסטן. אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז די פּאָל־טאַווער צוזאַמען מיט דער כאַרקאָווער גרופּע, דורכגעפאַלן מיט אַן עקספּראָ־פּריאַציע — נאָר וועגן דעם וועל איך שרייבן שפּעטער.

וואָס ס׳איז שייך פּאָלטאַווע, האָב איך אין אַ צוויי יאָר אַרום זיך געטראָפן פאַרנדיק אין באַן, מיט אַ יונגן מאַן. מיר האָבן זיך צערעדט און בעתן שמועס האָט זיך ביים יונגן מאַן, נישט ווילנדיק, אַרויסגעכאַפּט אַן ענגליש וואָרט. האָב איך גלייך געפרעגט ביי אים, צי ער רעדט ענגליש, האָט דער יונגער מאַן ממש אויפגעלעבט און האָט מיר געענטפערט, אַז נישט נאָר רעדט ער ענגליש, נאָר ער איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע. האָב איך אים אין ענגליש געענטפערט, אַז איך בין אַן עמיגראַנט פון שיקאַגאָ. נו, זענען מיר מיט אַ מאָל געוואָרן גאָר נאָענטע פריינד.

האָט ער מיר נאָך דעם דערציילט אַז ער וווינט נישט ווייט פון פּאָלטאַווע. זיין פאָטער האָט אָרגאַניזירט אַ צאָל קאָמוניסטישע פרייע קאָמונעס, פון די אָרעמיקע פּויערים, נישט קוקנדיק וואָס די מאַכט און באַנדעס פון פּאָגראָמשטשי־קעס שטערן אָפט די אַרבעט, האָט זיין פאָטער דאָך געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג מיט די פּויערים. ער פאָרט קיין מאָסקווע צו פּרובירן קריגן מאַשינען פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן און אויכעט אויסצווירקן, אַז מע זאָל זיי לאָזן צורו, מצד די לאָקאַלע ביוראָקראַטן. איך האָב גענומען דעם אַדרעס און גע־האָפט, אַז אין גיכן וועל איך האָבן די מעגלעכקייט צו זיין אין פּאָלטאַווע און צופאָרן צום אינטערעסאַנטן פּלאַץ, וווּ איין מענטש האָט געקאָנט אָרגאַניזירן אַ רייע קאָלאָניעס. נאָר מיין חלום איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. דער וואַקסנ־דיקער בירגער־קריג האָט אָנגעהויבן צו פאַרניכטן אַלץ וואָס די רעוואָלוציע האָט געשאַפן, און די ערשטע סימנים האָבן זיך באַוויזן אַז די וועלט־רעאַקציע, פון איין זייט, און די באָלשעוויקעס, פון דער צווייטער זייט, וועלן פירן צו דעם, אַז מע וועט דאַרפן ווידער פאַרלאָזן אוקראַיִנע.

פון פּאָלטאַווע בין איך געקומען קיין קיִעוו, די מעטראָפּאָליע פון אוקראַיִנע, איינע פון די שענסטע שטעט. קיִעוו איז דאַן געוואָרן די הויפטשטאָט פון דער

אוקראַיִנישער באָלשעוויסטישער רעגירונג, מיט ראַקאָווסקין אין דער שפּיץ. ווי אין אַנדערע שטעט, וואָס איך האָב באַזוכט, האָב איך אָפּגעטאָן מיינע אָפיציעלע שליחותן, נאָר דאָ האָט מען מיר מודיע געווען, אַז איך וועל האָבן אייניקע פּאַסאַזשירן, וואָס וועלן פאָרן מיט מיר קיין אָדעס.

אין קיִעוו האָט עקסיסטירט אַ גרופּע „נאַבאַט". אין דער גרופּע האָט זיך באַטייליקט דער פעיִקער שרייבער און פּראָפּאַגאַנדיסט אַראָן באַראָן און זיין אַקטיווע פרוי פעני,ביידע מיינע נאָענטע פריינד און חברים פון אַמעריקע. אין דער גרופּע זענען אויך געווען די צוויי שוועסטער אַוורוצקי, עמיגראַנטן פון פראַנקרייך (דער עלטערער איז געלונגען אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד) און די פרוי פונעם פאַרשטאָרבענעם חבר פ. גדליה, סאָניע גדליה. עס זענען דאָרטן געווען נאָך אייניקע חברים. אַ חוץ דער גרופּע האָבן זיך אין קיִעוו געפונען צוויי אָנגעזעענע חברים, דרוקער און אַנדריי אַנדרייעוו, ביידע ערנסטע און באַגאַבטע חברים, אַנאַרכאָ-אינדיווידואַליסטיש געשטימט, און זיי האָבן אָפּט מיטגעאַרבעט מיט דער גרופּע „נאַבאַט". איך האָב פאַרבראַכט מיט זיי אַ פּאָר טעג אין קיִעוו. נאָך דעם האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַריין אויף דער לעצטער שטרעקע פון מיין טור ביז דער שטאָט אָדעס.

איך בין אַרויסגעפאָרן באַלד מיט אַן איבערגעפּולטן וואַגאָן פּאַסאַזשירן, אַריינגערעכנט עטלעכע פון אונדזערע חברים, צווישן זיי אַראָן באַראָן. פון קיִעוו ביז אָדעס איז געווען אַלע מאָל אַ מהלך, ווו מע האָט געקענט דערוואַרטן טראָבל. דאָס איז געווען אַ שטרעקע ווו עס האָבן זיך געפונען אַ גרויסע צאָל פּאַרטיזאַנער פון אַלע קאָלירן. איז דער גאַנצער מאַרשרוט נישט געווען קיין נאָרמאַלער. דער צוג האָט זיך מאָדנע געצויגן און ס'האָט גענומען צוויי מאָל אַזוי פיל צייט צו קומען קיין אָדעס. וויל איך דאָ פאַרצייכענען איין עפּיזאָד, וואָס האָט שיעור-שיעור נישט געקאָסט מיין און אַראָן באַראָנס פרייהייט, און אפשר נאָך מער ווי די פרייהייט.

אַ דיסקוסיע וועגן דער סאָוויעט-רעגירונג

זיצנדיק מיט מיין חבר באַראָן אין מיין קופּע, זאָגט ער צו מיר, אַז מיר נוצן נישט גענוג די ענגלישע שפּראַך, און ער מאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז מיר זאָלן אָנהייבן אַ דיסקוסיע און אַז די טעמע זאָל זיין „סאָוויעט-רעגירונג". באַראָן שלאָגט פאָר, אַז איך זאָל רעדן פאַר און ער, קעגן.

האָבן מיר גענומען ביידע דיסקוטירן און אומבאַמערקט זענען מיר אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ זייער הייסער דעבאַטע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן מער ווי אַ טאָג, אַ חוץ וואָס מיר האָבן געדאַרפט שלאָפן און עסן. בעתן פאָרן האָב איך נישט געזען קיין שום זאַך, וואָס זאָל קענען וועקן מיין חשד אויף די פּאַסאַזשירן פון אונדזער וואַגאָן.

נאָר ווען איך בין געקומען צוריק קיין מאָסקווע, לאָזט מען מיר וויסן אַז

אין אַ געוויסער שעה וויל מיך זען קאַראַכאַן. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין וואָס ער וויל פון מיר, ווייל ערשט נעכטן האָב איך אים געזען און איבערגעגעבן פעקלעך, וואָס מ'האָט געשיקט פאַר אים פערזענלעך.

ווען איך בין אויף מאָרגן געקומען אין דער באַשטימטער צייט, האָב איך גלייך באַמערקט אויפן פּנים פון קאַראַכאַנס סעקרעטאַר עפּעס אַ מאָדנעם אויס־דרוק. ער האָט גלייך געלאָזט וויסן קאַראַכאַנען, אַז איך בין געקומען, און ער האָט מיר געהייסן אַריינגיין צו אים אין קאַבינעט. איך האָב דאָרטן געטראָפן אַ דריטע פּערזאָן. קאַראַכאַן איז געווען העפלעך און אָפיציעל און האָט מיך גע־בעטן, אַז איך זאָל זיך אַוועקזעצן לעבן זיין טיש. ווען איך האָב זיך אַוועקגע־זעצט, האָב איך אינעם „דריטן" דערקענט איינעם פון די פּאַסאַזשירן, וואָס זענען מיט מיר געפאָרן פון ק:עוו ביז אָדעס.

האָט מיך קאַראַכאַן געפרעגט צי איך קען אָט דעם מאַן. זאָג איך אים, אַז אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז ער געפאָרן מיט מיר ביז אָדעס. ענטפערט מיר קאַראַכאַן: דו האָסט נישט געמאַכט קיין טעות און ער גיט צו: דער מאַן איז אַ הויכער באַאַמטער פון דער אוקראַ:נישער רעגירונג און ער איז געקומען מיט אַ קלאַגע קעגן דיר. מיר ווייסן אַז דו ביסט אַן איבערגעגעבענער אַרבעטער אין דעם אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט, נאָר מיר קענען נישט פאַרשטיין, פאַר וואָס דו האָסט גענומען אין דיין וואַגאָן אַזאַ מין קאָנטררעוואָלוציאָנער. ס'איז מיר גלייך נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן און פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. אָבער באַלד האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס דאַרף זיין אונדזער דיסקוסיע מיט חבר באַראַן. האָב איך זיך געמאַכט תמעוואַטע און געשטעלט די פראַגע: ווער איז דאָס געווען דער קאָנטררעוואָלוציאָנער? גיט מיר אַ זאָג דער חברהמאַן: דער מאַן, וואָס האָט מיט דיר געפירט די דיסקוסיע און אַטאַקירט די „סאָוועטן־רע־גירונג".

האָב איך אים גלייך געענטפערט, אַז דער מאַן איז מיינער אַ פּערזענלעכער פריינד. ער איז געקומען מיט פאַפירן פונעם פראָפעסיאָנעלן בעקער־פאַראיין, מיט דער בקשה, אַז איך זאָל אים נעמען אין מיין וואַגאָן. די דיסקוסיע איז נאָר געווען כדי צו פאַרטרייבן די צייט. און די הויפּטזאַך, אַ ביסל צו פּראַקטיצירן די ענגלישע שפּראַך. איר ווייסט דאָך, אַז אין אַ דיסקוסיע אָדער דעבאַטע זענען פאַראַן צוויי צדדים, איז נאַטירלעך אַז ווען איך האָב גענומען די פּאָזיטיווע זייט, האָט ער געמוזט נעמען די נעגאַטיווע. די גאַנצע זאַך איז געווען צו פאַר־טרייבן די צייט. און צו דעם, האָב איך צוגעגעבן, אויב איר דענקט, אַז דאָס איז קאָנטררעוואָלוציע, בין איך גרייט צו רעזיגנירן פון מיין אַמט און איך האָב זיך געווענדט צו קאַראַכאַנען און אים געבעטן אַז מיט מיין רעזיגנאַציע, וויל איך ער זאָל מיר העלפן, אַז איך זאָל קענען פאָרן קיין כאַרקאָוו.

קאַראַכאַן האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטול און מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף פאַרגעסן וועגן רעזיגנירן. דער מאַן, וואָס האָט געבראַכט די קלאַגע, האָט זיך אויך אויפגעשטעלט און מיר געזאָגט: איר האָט נישט קיין שום אורזאַך אַריינצוגעבן אייער רעזיגנאַציע. מיר פאַרדריסט איצטער, וואָס איך האָב נישט

גענומען קיין אָנטייל אין אייער דיסקוסיע, און אַ ביסל מער פֿאַרשאַרפֿט מיין ענגליש. דאַן האָט ער זיך געווענדט צו קאַראַכאַנען: דו האָסט ביי זיך אַלע מאָל עפּעס משקה צו מאַכן אַ טרונק. לאָמיר אַלע דריי כאַפּן אַ שנאַפּס, און מיט דעם פֿאַרגעסן וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען. קאַראַכאַן האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און האָט אַרויסגענומען אַ פֿלאַש קאָניאַק, און נאָך דעם ווי מיר האָבן גענומען צו עטלעכע שנעפּסלעך, איז דער גאַנצער אינצידענט מיט דער דיסקוסיע פֿאַרגעסן געוואָרן.

אין אָדעס

די גרעסטע טייל פֿון דער ליטעראַטור, וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך, איז געווען פֿאַר אָדעס. דאָ, אין דער גרויסער האַפֿנשטאָט, זענען געווען ברייטע מעגלעכקייטן איבערצושיקן דורך טערקיי, קיין אייראָפּע. צו דעם האָט מען דערוואַרט די בלאָקאַדע פֿון די אַליאירטע מלוכות און די באַלשעוויקעס האָבן ערשט געהאַט אַרויסגעגעבן דעם גרויסן זשורנאַל: „דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל" אין דריי שפּראַכן. ס'האָט מיר געדויערט מער ווי אַ טאָג איבערצוגעבן אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט פֿאַר אָדעס. ווען איך האָב פֿאַרענדיקט מיין אָפֿיציעלע אַרבעט, האָב איך באַשלאָסן צו פּרובירן פֿאַרבלייבן אין אָדעס אַ צוויי וואָכן צייט, ווייל דאָרטן זענען דעמאָלט געווען אַ סך פֿון אונדזערע חברים, ספּעציעל די עמיגראַנטן פֿון ענגלאַנד און אַמעריקע. חוץ דעם, האָבן אין אָדעס געוווינט בעסיעס שוועסטער עטל און שוואָגער נאָומקע, ביידע זייער אַקטיווע חברים פֿון ניו־יאָרק.

דאָרטן זענען אויך געווען סעמקע פֿרידמאַן, סאַשאַ פֿעלדמאַן, קלאַראַ די שוואַרצע, משה גאָמבערג, שלום שוואַרצבערג און זיין פֿרוי סלאַווקע, און נאָך אַ רייע חברים, וועמענס נעמען איך געדענק נישט. צו דעם זענען געווען אַ סך חברים, געקומענע פֿון ענגלאַנד און אַנדערע, שוין איינגעזעסענע, וואָס צוזאַמען האָבן זיי פֿאָרמירט אַ גאַנץ היפּשע גרופּע אין יענער פּסח־צייט פֿון 1919.

אָדעס האָט געהאַט אירע ספּעציפֿישע אומשטאַנדן, וואָס האָבן, אין אַ געוויסן זין, געשטערט אונדזער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. קודם־כל זענען געווען די אַזוי גערופֿענע „נאַליאָטשיקעס" וואָס האָבן זיך נאָר פֿאַרנומען מיט עקספּראָפּריאַציעס און לעבן אַ „חזירישן טאָג", און וואָס האָבן פּרעטענדירט צו זיין אַנאַרכיסטן.

צו די „נאַליאָטשיקעס" איז געווען גאָר אַ באַזונדערע געזינדל פֿון די בלאָטעס, וואָס זענען געווען אין דער פֿאָרשטאָט וואָס האָט זיך גערופֿן די „מאָלדאַוואַנקע". זיי האָבן געהאַט זייערן אַ פֿירער, אָדער „קעניג", וואָס מ'האָט גערופֿן מישקע יאַפּאָנטשיק. ער האָט אויך פּרעטענדירט צו האָבן אַ שייכות צו די אַנאַרכיסטן. ער פֿלעגט אַזוי טענהן: איר זענט קעגן די רייכע און מיר זענען אויך קעגן. מיר „קאָנפֿיסקירן" זייערע פֿאַרמעגנס.

אין אָדעס איז געווען די צווייט גרעסטע גרופּע אין אוקראַיִנע, וועמענס צוזאַמענשטעל איז געווען פון פּאָליטישע עמיגראַנטן פון אַ סך לענדער. זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן פּלאַץ, ווו עס האָט זיך געפונען זייער קלוב, ווו יעדער נאַכט האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַ סך חברים. זייער טעטיקייט איז געווען ענלעך אויף דער אַרבעט אין די אַנדערע גרופּעס, וואָס איך האָב באַזוכט, נאָר אין אָדעס, וואָס האָט געהאַט אַ גרעסערע צאָל חברים, איז די אַקטיוויטעט פון דער גרופּע געווען מער פאַרשפּרייט.

אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אַ וואָך צייט זייער אינטערעסאַנט. איך האָב געדענקט צו זיין נאָך אַ וואָך, נאָר איך האָב דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון מאָסקווע, אַז איך זאָל גלייך צוריק קומען אַהין. ס'האָט מיר פאַרדראָסן, אָבער העלפן זיך האָב איך נישט געקענט. אויפן צווייטן טאָג בין איך אָפּגעפאָרן מיט אַ מיליטערישן צוג, וואָס איז געגאַנגען דירעקט ביז קיִעוו.

אין קיִעוו, אינעם אוקראַיִנישן אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט, האָט שוין ראַ־קאָווסקי געוואַרט אויף מיר. די זעלבע נאַכט, האָט מען מיין וואַגאָן צוגעטשעפּעט צום פּאַסאַזשיר־צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין מאָסקווע, און ביי טאָג האָט מען צוגעשיקט אין מיין וואַגאָן אַלערליי פּראָדוקטן און אַ רשימה פון פּאַסאַ־זשירן, וואָס וועלן מיט מיר פאָרן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין מאָסקווע, האָט שוין אויף מיר געוואַרט טאָוואַרישטש מאַיסיי מיט אַן אויטאָמאָביל און אַ ספּעציעלער וואַגן מיט אַ רויטן אַרמייער, וועלכע האָבן צוגענומען מיט זיך די פּראָדוקטן, וואָס איך האָב געבראַכט.

טאָוואַרישטש מאַיסיי האָט נאָך, איידער מיר זענען אָנגעקומען, געגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז מיין וואַגאָן זאָל גלייך אַריבערגעפירט ווערן אויפן קורסקער וואָקזאַל.

בעת מיר זענען געפאָרן צום האָטעל, האָט מיר טאָוואַרישטש מאַיסיי גע־זאָגט, אַז מ'האָט מיך באַשטימט צו זיין דער פּערזענלעכער דיפּלאָמאַטישער קו־ריער פונעם סעקרעטאַר פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל, אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ.

די דאָזיקע נייס איז מיר נישט געווען צום האַרצן. ערשטנס, האָב איך נישט געוווּסט וועלכע וועלן זיין מיינע פונקציעס און, צווייטנס, האָב איך נישט געוואָלט זיין פאַרבונדן דירעקט מיטן דריטן אינטערנאַציאָנאַל. נאָר שפּעטער־צו האָב איך אויסגעפונען, אַז איך וועל האָבן די זעלביקע פרייהייטן, וואָס איך האָב געהאַט פריִער.

ווען איך בין געקומען אין האָטעל מיט טאָוואַרישטש מאַיסיי, האָבן מיר ביידע געכאַפּט אַ שנעפּסל און צוגעביסן מיט די פּראָדוקטן וואָס איך האָב גע־בראַכט פערזענלעך.

נאָכהער האָב איך צעטיילט אַ צאָל פּראָדוקטן צווישן די אַרבעטער פון האָ־טעל, וואָס פלעגן באַדינען מיין צימער, אַריינגערעכנט די מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט ביי דעם טעלעפאָן. איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט דער דאָזיקער אַר־

בעט, אַן אַרבעט וואָס האָט געבראַכט דערצו אַז די דאָזיקע מענטשן זאָלן אָפּעסן צו עטלעכע מאָל אַ גוטן מאָלצייט, און, צווייטנס, האָט דאָס מיר געהאָלפן אין זאַכן, וואָס איך האָב געדאַרפט, אַפילו צו קריגן געהיימע נייעס פון די טעלע־פאָניסטקעס.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט דער דאָזיקער אָנגענעמער אַרבעט, האָב איך אַרײַנ־געכאַפּט אַ גוטע באָד, וואָס כ׳האָב נייטיק געדאַרפט האָבן נאָך דער לאַנגער רייזע. טאָוואַרישטש מאָיסיי האָט אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ און איר געמאָלדן, אַז איך בין שוין געקומען און, אויב זי איז נישט פאַרנומען, וועלן מיר אַרונטערגיין צו איר (זי האָט געוווינט אין זעלבן האָטעל). האָט זי געענטפערט, אַז זי וועט זיין זייער צופרידן צו באַקענען זיך פערזענלעך מיט איר ספּעציעלן דיפּלאָמאַטישן קוריער.

מיט אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל

ווען מיר זענען אַריין צו איר אין צימער, האָב איך דערזען פאַר מיר נישט קיין גרויס־געוויקסיקע פרוי, מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויף איר פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט גוטסקייט און מיט אַזאַ פריינדלעכער שטימע, וואָס מע קען זעלטן טרעפן.

נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אָפיציעל באַקענט, האָט זי אונדז די ערשטע פראַגע געפרעגט צי מיר זענען נישט הונגעריק. ווען מיר האָבן איר פאַרזיכערט אַז מיר האָבן נאָר־וואָס צוגעביסן ביי מיר אין צימער, איז זי צו אונדז צוגעשטאַנען, אַז מיר מוזן מיט איר טרינקען טיי.

וויפל זי איז געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן טיי, האָב איך ביי זיך געטראַכט: ווי אַזוי קען אַזאַ ליבלעכע פרוי זיין אַ באָלשעוויצקע און פאַרנעמען אַזאַ הויכן פּאָסטן, ווי סעקרעטאַר פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל? (איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווסט, אַז קאַרל ראַדעק און קאָמפּאַניע האָבן געמאַכט אַ קאָנספּיראַציע פּטור צו ווערן פון איר אינעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל). ווען מיר זענען געוואָרן פאַרטיק מיטן טרינקען די טיי, האָט די באַלאַבאַנאָוואַ מיר געזאָגט, אַז זי דאַרף פאָרן קיין כאַרקאָוו און פון דאָרטן קיין קיִעוו, און זי וויל, אַז איך זאָל אָרגאַניזירן די רייזע. באַלאַבאַנאָוואַ איז געקומען פון אַ זייער רייכער אַריסטאָקראַטישער ייִדישער פאַמיליע. ווי אַזוי זי איז אַריין אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, ווייס איך נישט, נאָר איר אַריסטאָקראַטישער אויסזען איז פאַרבליבן ביי איר. אין דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג, איז זי געווען באַקאַנט פאַר איר קענען עטלעכע שפּראַכן און פאַר איר גרויסן רעדנערישן טאַלאַנט. מיט איר גאַנצן אַריסטאָקראַטישן אויסזען און מאַנירן, האָט זי פאַרמאָגט, ווי מע זאָגט, אַ גאָלדן האַרץ. זייענדיק אָפּט מיט איר, האָט מען געקענט באַמערקן אויף איר פּנים די גרויסע ליידן פון דעם, וואָס ס׳איז דאָן פאָרגעקומען אין רוסלאַנד. וואָס זי האָט נאָר געקענט קריגן, פלעגט זי דאָס צעגעבן און העלפן אַלעמען, וועמ ס׳האָט זיך נאָר געווענדט צו איר. זי האָט שטאַרק געליטן פון די פאַרפאָלגונגען, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן פּראַקטיצירט קעגן אַלע

ריכטונגען אין לאַנד. דער פאַקט איז דער, אַז זי איז געווען פון די ערשטע צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און די אָרגאַניזאַציע.

די עפּידעמיע פון טיפוס האָט זיך שוין שטאַרק פאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד און ספּעציעל אויף די באַנען. זאָגט מיר די באַלאַבאַנאָוואַ, אַז זי וויל אַז מיין ספּעציעלער וואַגאָן זאָל ווערן דעזינפעקטירט און זי וויל נישט, אַז קיי־נער חוץ איר, איך און אַלעקסיי, זאָל מיטפאָרן אין דעם וואַגאָן.

מיר וועלן אַרויספאָרן אין אַ צוויי וואָכן אַרום, און טאָוואַרישטש מאַיסיי וועט שוין אַכטונג געבן, אַז אַלץ זאָל צוגעגרייט ווערן און פאַר דער צייט וועלן מיר אויך צוזאַמענבררענגען אַלץ, וואָס מיר דאַרפן נעמען אויף אונדזער רייזע. דאָ האָט זיך אַריינגעמישט טאָוואַרישטש מאַיסיי און געזאָגט, אַז ער דענקט, אַז מיר דאַרפן מיטנעמען אַ צאָל ליטעראַטור, מחמת ס׳איז נישטאָ מיט וועמען זי איבערצושיקן און אַז איך האָב שוין די געהעריקע דערפאַרונג אויף דעם געביט. האָט באַלאַבאַנאָוואַ איינגעשטימט, און דאָס האָט געמאַכט פאַר מיר אַ סך גרינגער מיטצונעמען אונדזער ליטעראַטור קיין כאַרקאָוו.

אַזוי ווי איך בין געווען שטאַרק פאַרמאַטערט פון דער נסיעה, בין איך אַוועק אין מיין צימער און דעם אָוונט בין איך שוין נישט געגאַנגען זען אונ־דזערע חברים.

ליגנדיק אין בעט, האָב איך אונטערגעפירט אַ סך־הכל פון מיין גרויסער רייזע, ווו איך האָב באַזוכט אַ היפּשע צאָל גרופּעס און זיך געטראָפן מיט אַ סך חברים. אַזוי ווי איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט אַזוי פיל אַרומצורייזן און באַקענען זיך מיט הונדערטער חברים, האָב איך דאָך נישט געהאַט קיין גייסטיקע סאַטיספאַקציע, דערהויפּט נאָך דער גרויסער עקספּערימענטאַלער אַרבעט, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט אין נאָוואָראָסייסק. ביים אָנהייב פון מיין רייזע, האָב איך ביי זיך געטראַכט, אַז אפשר וועל איך צווישן אָט די אַלע גרופּעס געפינען אַ פּלאַץ וווּ מע וועט עפּעס קענען אויפטאָן פּאָזיטיוו, נישט בלויז פּראָפּאַגאַנדע, נאָר אויך קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. קיין קאָנסטרוקטיווע מעגלעכקייטן האָב איך אין אָט די אַלע גרופּעס נישט געפונען. די איינציקע אַקטיווע גרופּע וואָס איז מיר געווען מער צום האַרצן, האָב איך געטראָפן אין כאַרקאָוו, דאָס איז די גרופּע „נאַבאַט“.

האָט זיך פאַר מיר געשטעלט די קאַרדינאַלע פראַגע: וואָס זאָל איך טאָן? אויפגעבן מיין פּאָסטן, וואָס וועט מיך באַפרייען פון שפּילן אַ צווייענדיקע ראָלע, וואָס איז מיר דערווידער אַפילו וויסנדיק, אַז אונדזער באַוועגונג האָט געגעבן אַ גרויסע צאָל קרבנות, און מיר זענען באַרעכטיקט צו האָבן די מעגלעכקייט אָנצופירן אונדזער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט? פון דעסט וועגן, האָט די פאַרבאַהעל־טעניש מיך געעקלט און אָט דער פאַקט האָט מיך באַוויגן צו וועלן אויפגעבן מיין שטעלע און אַוועקפאָרן מיטאַרבעטן אין דער כאַרקאָווער גרופּע „נאַבאַט“.

נאָך דעם איז מיר אונטערגעקומען די לאָגיק און מיר געשטעלט אָט די פראַגע: ווו קענסטו אָפּטאָן מער נוצלעכע אַרבעט — ווען דו וועסט זיין נאָר אין כאַרקאָוו, אָדער דו וועסט האָבן די מעגלעכקייט צו טאָן אַזאַ פּראַקטישע אַרבעט

וואָס קען העלפן אַלע גרופּעס, ווי דו האָסט עס געטאָן אין דיין לעצטער גרויסער נסיעה? און האַלב שלאָפנדיק, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן: דערווייל איבערצובלייבן אויף מיין שטעלע!

**
*

אויף מאָרגן אין דער פרי בין איך אַוועק אויפזוכן דעם יונגן חבר און זען צי ער איז שוין צוריק געקומען פון כאַרקאָוו מיטן געלט, צו באַצאָלן דעם חוב וואָס מיר זענען שולדיק געבליבן פון פריִער, און קויפן נאָך ליטעראַטור פאַר כאַרקאָוו. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן אָדער ביי די ברידער גאָרדין, אָדער אין בוך־געשעפט פון „גאָלאָס טרודאַ“.

ווען איך בין געקומען אין די ביידע פּלעצער, האָט מען מיר מודיע געווען אַז איוואַן אַפּאַלאָן און אַבראַם כריסטאָס זוכן מיך און זיי האָבן געלאָזט דעם אַדרעס ווּ איך קען זיי געפינען. די נייס וואָס אָט די צוויי אַקטיווע חברים זענען דאָ אין מאָסקווע, האָט מיך, אין אַ געוויסן זין איבערגעראַשט. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין וואָס זיי טוען דאָ אין דער מעטראָפּאָליע. שטעל איך זיי די פראַגע: וואָס טוט איר, חברים, אין מאָסקווע? און דאָ האָב איך אויסגעפונען דעם פאַרוואָס.

איוואַן אַפּאַלאָן און אַבראַם כריסטאָס האָבן געאַרבעט אין דער יעקאַטערינענבורגער גרופּע און האָבן דאָרטן אַרויסגעגעבן אַ צייטונג. ווען קאַלטשאַק האָט פאַרנומען יענע געגנט, האָבן זיי געהאַט דאָרטן אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, וואָס האָט אָנגעפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן קאַלטשאַקס אַרמיי. זענען זיי דעריבער געצוווּנגען געווען אויפצוגעבן דעם פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד און זיי זענען פון דאָרטן אַוועק קיין כאַרקאָוו.

אין יעקאַטערינענבורג און אין דער געגנט אַרום, זענען פאַרבליבן אַ צאָל חברים, האָבן זיי באַקומען אַ בריוו אַז ס׳איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן אַן אונטערערדישע צייטונג, פאָרן זיי ביז וואַנען מע וועט קענען און דערנאָך וועלן זיי פּרובירן מאַכן אַ מאַרשרוט און דורכגיין דעם מיליטערישן פראָנט און פון דאָרטן זיך באַמיִען צו קומען קיין יעקאַטערינענבורג. ווע זיי וועלן שוין זיין אויפן פּלאַץ און אַלץ אָרגאַניזירן, וועלן זיי דאַרפן האָבן די מיטהילף פון אייניקע חברים אין דער אַרבעט אַרויסצוגעבן די אונטערערדישע צייטונג.

בעת אונדזער באַגעגעניש און שמועס האָב איך פאַרגעסן צו פרעגן ווּ איז קאַטיאַ און פאַר וואָס זי איז נישטאָ מיט זיי. ווען איך האָב נאָך דעם געשטעלט אָט די פראַגע, האָט מיר אַבראַם כריסטאָס געענטפערט, אַז פריִער פאַר אַלץ וועט זיין זייער רייזע אַ שווערע, אַז אַ פרוי זאָל דאָס דורכמאַכן. און צו דעם האָט קאַטיאַ באַשלאָסן איבערצובלייבן אין כאַרקאָוו און אַרבעטן דאָרטן אין דער אונטערערדישער גרופּע.

די צווייטע אורזאַך האָט מיך שטאַרק איבערגעראַשט: וואָס מיינט עס עפּעס די אונטערערדישע גרופּע? איוואַן אַפּאַלאָן האָט מיר איבערגעגעבן, אַז פון דער אינפאָרמאַציע, וואָס מע האָט באַקומען פון נעסטאָר מאַכנאָ, דענקט ער אַז אַרום

חודש אויגוסט וועט די רויטע אַרמיי געצוווּנגען ווערן צו פֿאַרלאָזן גאַנץ אוקראַי־נע און אויך אַ טייל צענטראַל־רוסלאַנד. די בלאָקאַדע פון דער אַליאירטער מאַכט, די הילף וואָס עס קריגט גענעראַל דעניקין, וועט געבן אַ מעגלעכקייט אַז די אַליאירטע קרעפטן זאָלן אָקופּירן געוויסע געגענטן.

האָט די קאָנפעדעראַציע „נאַבאַט" אָפּגעהאַלטן אַ ספּעציעלן מיטינג און באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אונטערערדישע גרופּעס פון די חברים, וואָס ווילן פרייוויליק פאַרבלייבן ביי דער אַרבעט. איוואַן אַפּאַלאָן האָט צוגעגעבן, אַז ווען מיר וועלן זיך אָרגאַניזירן און עס וועט נישט זיין אַזוי שווער צו פאָרן, וועט קאַטיאַ קומען קיין יעקאַטערינבורג.

איוואַן אַפּאַלאָן האָט מיר איבערגעגעבן אַ סומע געלט צו באַצאָלן דעם חוב, וואָס מיר זענען שולדיק געווען, און איינצוקויפן די גרעסטע טייל פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן, וואָס די אונטערערדישע גרופּע וועט דאַרפן האָבן. מיר האָבן צוזאַ־מען פאַרבראַכט נאָך עטלעכע טעג און נאָך דעם האָבן זיי זיך געלאָזט אין דעם שווערן, לאַנגן און געפערלעכן וועג.

אויף מאָרגן האָב איך באַזוכט די בוך־געשעפטן פון די ברידער גאָרדין און „גאָלאָס טרודאַ". באַצאָלט די גאָרדינס וואָס זיי איז געקומען פאַר דער פריִער־דיקער ליטעראַטור און אין דער זעלביקער צייט האָב איך געמאַכט אַ נייע באַ־שטעלונג אויף ליטעראַטור און האָב דאָס אייגענע געטאָן מיט „גאָלאָס טרודאַ". ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט דער מיסיע, האָב איך אָנגעהויבן צו באַזוכן אייניקע חברים און אויך אַריינצוקומען אין די ביידע קלובן וואָס זענען נאָך דעמאָלט געווען, ווו איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו טרעפן זיך און זיך צו באַקענען מיט נייע חברים.

איין זאַך, וואָס האָט מיך שטאַרק געוווּנדערט, איז געווען דאָס, וואָס איך האָב נישט באַגעגנט קיינעם פון דער גרויסער צאָל חברים, וועמען דער רויטער קרייץ פון אַמעריקע האָט געהאָלפן מאַראַליש און מאַטעריעל און וואָס מיט אַ גרויסער צאָל פון זיי האָב איך זיך איבערגעשריבן אין משך פון עטלעכע יאָר. אַן אויסנאַם איז געווען איין פאַל, ווו איינער איז געווען אין כאַרקאָוו און האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיר, נאָר איך האָב אים נישט געזען.

זענען אָט די דאָזיקע חברים וואָס זענען געזעסן אויף קאַטאָרגע און פאַר־פאַלן געוואָרן ווי עפּעס דורך אַ כישוף, און בעת די זעקס יאָר מיינע פון זיין אין רוסלאַנד, האָב איך נישט געהאַט דאָס גליק זיך צו טרעפן אַפילו מיט איינעם פון זיי.

חוץ וואָס איך האָב באַזוכט חברים איינציקווייז און אין די קלובן, איז ביי מיר אין האָטעל־צימער געווען דאָס זאַמלפּלאַץ פון אַ סך חברים, וואָס פלעגן אַריינקומען צו מיר ספּעציעל, איבערהויפּט די יעניקע, וואָס זענען נישט גע־ווען איבעריק זאַט, און זיי האָבן געוווּסט, אַז ביי מיר קען מען צו יעדער צייט קריגן אַ גלעזל טיי און עפּעס צובייסן. איז דעריבער מיין פאַרווײַלן אין מאָסקווע, בשעת איך בין געווען פריי פון מיינע אָפיציעלע אַרבעטן, געווען שטענדיק אין אַ גוטער קאָמפּאַניע. איך ווייס נישט צי איז דאָס געווען אַזאַ „גליק", אָדער

נישט מער ווי אַ צופאַל, אַז אין האָטעל „נאַציאָנאַל״ ווו איך האָב געהאַט אַ צימער, האָבן געוווינט הויכע באַלשעוויסטישע באַאַמטע און אויך טשינאָווניקעס, און איצטער, נאָך דעם ווי עס זענען דורכגעגאַנגען אַזוי פיל יאָרן, וווּנדער איך זיך ווי אַזוי מיר האָבן גלאַט אָפּגעשניטן און נישט דורכגעפאַלן און איך האָב נישט פאַרלוירן מיין שטעלע און נישט אַריינגעפאַלן אין די קעלערן פון דער טשעקאַ. די יונגע חברים פלעגן אָנהייבן צו דיסקוטירן און בעת דער דיסקוסיע, פלעגן זיי פאַרגעסן — און איך אויך — אַז מיר זענען אַרומגערינגלט מיט באַל־שעוויקעס.

איין מאָל, בשעת מיר זענען אַריינגעקומען אין איינעם פון די קלובן, האָט מיר אַ חבר איבערגעגעבן אַז אַ יונגע פרוי מיטן נאָמען אָלגאַ לייק, איז געווען דאָ אין קלוב און געפרעגט זיך אויף מיר. זי האָט איבערגעלאָזט דעם אַדרעס ווו איך קען זי טרעפן.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס זי האָט נישט מיך און דעם חבר וואַניאַ בוד־ניק געפאָלגט, אַז זי זאָל נישט פאָרן מיט דעם מאַטראָס אין סאַפּיין, האָט אָבער די אַלטע חברשע וואַרעמקייט, וואָס איז געווען צווישן אונדז, געגומען די איי־בערהאַנט און איך האָב באַשלאָסן אַז איך זאָל זי באַזוכן. אַזוי ווי איר וווינאָרט איז געווען נישט ווייט פון מיין האָטעל, האָב איך באַשטימט צו מאַכן ביי איר מיין וויזיט, נאָך דעם זעלבן אָוונט.

זי האָט מיך אַרומגענומען און מיר האָבן זיך צעקושט. ס׳האָט זיך געפילט פון אַזאַ מין סאָרט אויפנעמען מיך, אַז אונדזער באַגעגעניש האָט זי דערמאָנט אין אַ סך אָנגענעמע פּאַסירונגען און אָוונטן וואָס מיר האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט און געאַרבעט. ס׳איז געווען מער ווי אַ יאָר צייט ווי זי האָט פאַרלאָזן נאָוואָראָ־סייסק. דעמאָלט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז שוין געווען אין די דריי־סיקער יאָרן, איז זי נאָך געווען אין איר פולן בלי־פּעריאָד. איצטער האָב איך זי געטראָפן נאָך טאָקע ווי אַ יונגע פרוי, אָבער אַזאַ וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט נישט אָנגענעמע איבערלעבונגען. אונטער אירע אויגן האָט מען דאָס געקענט בולט באַמערקן. מיר זענען געזעסן און זי האָט נישט אַרויסגעלאָזט מיינע הענט פון אירע, און איך האָב איר געמוזט דערציילן מיט אַלע דעטאַלן וואָס ס׳האָט פּאַסירט אין נאָוואָראָסייסק נאָך איר אַוועקפאָרן, וואָס איך האָב דאָרטן דורכגע־מאַכט ביז וואַנען מיר איז געלונגען צו פאַרלאָזן נאָוואָראָסייסק. האָב איך דער־פילט דעם ציטער פון אירע הענט און דערזען טרערן אין אירע אויגן. זי האָט אינערלעך איבערגעלעבט דאָס אַלץ וואָס איך האָב איר איבערגעגעבן און מ׳האָט געקענט באַמערקן אויף איר פּנים, אַז זי פילט זיך מאָראַליש שולדיק, וואָס זי איז נישט געווען אין יענעם מאָמענט מיט אונדז אין נאָוואָראָסייסק. ווען איך האָב פאַרענדיקט דאָס דערציילן וועגן די פּאַסירונגען מיט מיר, פאַר דער צייט וואָס זי האָט פאַרלאָזן נאָוואָראָסייסק, נישט וויסנדיק נאָך וואָס זי טוט אין מאָסקווע און וואָס איז געוואָרן מיט דעם מאַטראָס, האָב איך מער גאָר נישט דערציילט ווו איך אַרבעט און וואָס איך טו.

ווען איך האָב פאַרענדיקט, זאָגט זי צו מיר אַז זי האָט דערהאַלטן אַ בריוו

פון איר ברודער וואָלאָדיע. ער איז געווען אַן אָפיציר. פון דער נאַטור אַ ווילער בחור נאָר אַ ביסל אַ צעלאָזענער. פאַר אַ נאַרישקייט האָט מען אים שיעור נישט דערשאָסן. דאָס האָט פּאַסירט אין נאָוואָראָסייסק. ווען דער גענעראַל דעניקין איז אַריין מיט זיין אַרמיי, איז וואָלאָדיע געוואָרן מאָביליזירט און ער איז געווען באַשטימט ווי דער מיליטערישער קאָמאַנדאַנט פון שטאָט. דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן, איז געווען דורך אונדזערע באַקאַנטע אויסצוגעפינען צי איך געפין זיך נאָך אין שטאָט, און ער האָט געבעטן בעסיען אַז זי זאָל אים קומען זען אין דער קאָמאַנדאַטור. ווען בעסיע איז געקומען, האָט ער זי דאָס ערשטע געפרעגט, צי איך דאַרף האָבן הילף. האָט זי אים דערקלערט אַז איך געפין זיך אין אַ געזיכערטן פּלאַץ און זי האָט אים באַדאַנקט פאַר זיין פריינדלעכן אינטערעס. האָט ער געזאָגט בעסיען, אַז ווען זי וועט באַדאַרפן עפּעס אַ הילף פון אים, וועט ער אַלע מאָל זיין צופרידן פאַר איר צו טאָן אַלץ, וואָס וועט נאָר זיין מעגלעך.

טיילוויז האָב איך שוין געוווּסט פון אים און פון דעם וואָס ס׳האָט מיט אים געטראָפן. איצט, ווען אָלגאַ לייק האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי איר ברודער דער אָפיציר אין גענעראַל דעניקינס אַרמיי, האָט מיר געוואָלט העלפן, האָט זיך אין דעם טאָן פון איר רעדן געפילט עפּעס אַז איר איז נישט באַקוועם. עפּעס האָט זי אינערלעך געמאַטערט. נישט געקוקט וואָס זי איז געווען העכסט צופרידן מיך צו זען, האָט זי דאָך, גלייכצייטיק, געפילט אַ מין אַנגעצויגענע אַטמאָספער און דאָס איז, זעט אויס, געקומען דערפון, וואָס איך האָב מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט דעם מאַטראָס, מיט וועמען זי איז אַוועקגעפאָרן. דאָס האָט איר, ווי מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, שטאַרק געדריקט, ווייל איך האָב געקענט זייער גוט באַמערקן אויף איר פּנים, אַז זי פילט זיך מאָראַליש שולדיק, וואָס זי איז אַוועקגעפאָרן און מיר האָבן געמוזט דורכמאַכן אַ געפער־לעך שווערע צייט, ביז וואַנען ס׳איז אונדז געלונגען צו אַנטלויפן.

כאָטש איך האָב באַשלאָסן נישט צו פרעגן וועגן דעם מאַטראָס, האָב איך געהאַט אַן אינערלעכן פאַרלאַנג אויסצוגעפינען, ווו איז דער מאַטראָס און וואָס פאַר אַן אַוואַנטורע איז דאָס געווען, וואָס זי איז מיט אים און סאָפיין אַוועק־געפאָרן. אָלגאַ לייק האָט געהאַט נאָך צוויי יינגערע שוועסטער. האָט מיר אָלגאַ איבערגעגעבן אַז די מיטלסטע ווינט אין לענינגראַד, און זי האָט חתונה גע־האָט מיט אונדזערן אַ יידישן קאַמעראַד. אויך די יינגסטע האָט חתונה געהאַט מיט אַ חבר. וואָס פון די דריי שוועסטער איז דערנאָך געוואָרן, ווייס איך נישט געגוי, נאָר די געשיכטע, ווי עס זעט אויס, איז אַזאַ:

די מיטלסטע האָט זיך לסוף צעשיידט מיטן מאַן, ווייל ס׳איז געווען אַ גרויסער חשד, אַז ער איז געוואָרן אַן אַגענט פון טשעקאַ. זי האָט מען פאַר־שיקט קיין סיביר, ווי אַן אַקטיווע אַנאַרכיסטקע. די יינגסטע האָט פאַרלאָזן איר מאַן און איז אַוועק לעבן מיט אַ טשעקיסט. און וועגן אָלגען אַליין האָב איך אַ פאַרדאַכט, אַז זי איז אויך פאַרשלעפּט געוואָרן אין עפּעס אַ געהיימער אַרבעט, פון דעם מאַטראָס.

בעת איך בין געזעסן און פאַרבראַכט מיט אָלגאַ לייק, האָט זיך מיט אַ מאָל

געעפנט די טיר און איך האָב דערזען אַריינקומען אין הויז דעם מאַטראָס. דאָ איז מיר קלאָר געוואָרן די סיבה פאַר וואָס אָלגאַ לייק האָט זיך די גאַנצע צייט נישט געפילט באַקוועם. נאָר איין זאַך האָב איך נישט געקענט באַגרייפן: ווי קומט דאָס וואָס אָלגאַ לייק, מיט אַזאַ דעליקאַטן כאַראַקטער און אינטעלי־גענטישן געשמאַק זאָל זיך קענען צוזאַמענלעבן מיט אַזאַ פּראָסטן און קולטור־רעל נישט־אַנטוויקלטן מענטשן, ווי ס'איז אָט דער מאַטראָס.

ווען ער האָט מיך דערזען איז ער געוואָרן זייער איבערגעראַשט און מ'האָט גלייך געקענט באַמערקן, אַז ער פילט זיך גאָר נישט באַקוועם מיט מיין קומען צו אים אין שטוב. די אויסשטאַטונג אינעם הויז און די מאכלים, וואָס אָלגאַ האָט צוגעגרייט, האָט בולט אָנגעדייט אַז זיי געפינען זיך אין די העכערע ספּע־רעס פון די פּריווילעגירטע, אָדער אַז ער איז גאָר פאַרבונדן מיט דער טשעקאַ, אָדער אַנדערע באַלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס.

נאָך דעם ווי מיר האָבן געמאַכט אַ שנעפּסל און עפּעס צוגעביסן, האָט אים אָלגאַ אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן אַלץ וואָס מיר האָבן געמוזט דורכמאַכן, ביז וואַנען ס'איז אונדז געלונגען צו אַנטלויפן פון נאָוואָראָסייסק.

ער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן פאַר וואָס מיר האָבן געדאַרפט דאָס אַלץ דורכמאַכן. זיי, ער, אָלגאַ און סאַפּיין, זענען געווען אויף אַ געוויסער מיסיע, און האָבן נישט געקענט קומען צוריק קיין נאָוואָראָסייסק. נישט געקוקט וואָס איך בין געווען דער גאַסט ביי זיי אין הויז, האָב איך אים געזאָגט אַז זיין און סאַפּיינס האַלטונג אין נאָוואָראָסייסק איז שוין גאָר נישט געווען קיין חברשע.

איך בין ביי זיי געווען נאָך אַ צוויי מאָל, און דאַן זענען זיי פאַרשוווּנדן פון האָריזאָנט און קיינער פון אונדזערע חברים האָט זיי נישט געזען מער.

ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע, האָבן מיר אייניקע נאָענטע חברים איבערגעגעבן, אַז עס ווערט אָרגאַניזירט אַן אונטערערדישע גרופּע, וועלכע האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אירע צילן, טעראָר קעגן די באָלשעוויקעס, עקס־פּראָפּריאַציעס, סאַבאָטאַזש, מיט איין וואָרט: יעדער זאַך וואָס קען נאָר שטערן די באָלשעוויקעס. איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרס פון אָט דער גרופּע איז געווען אַ חבר, קאָוואַלעוויטש, אויב איך האָב קיין טעות נישט. ער האָט אויס־געאיבט אַ גרויסע ווירקונג אויף די אייזנבאַנער. ער און נאָך איינער, וועמענס נאָמען איך געדענק נישט, זענען געווען מער־ווייניקער שוין עלטערע מענטשן. די איבעריקע, וואָס איך האָב געקענט, זענען געווען יונגוואַרג, וואָס די גרעסטע טייל זייערע זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין אָט דער גרופּע: „די העלדישקייט", וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף זייער פאַנטאַזיע.

די פראַגע וועגן דער אונטערערדישער גרופּע האָט אַרויסגערופן שאַרפע דיסקוסיעס צווישן די מאָסקווער חברים און גאָר אָפט האָט מען דיסקוטירט די דאָזיקע פראַגע ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

די חברטע נינאַ

צווישן די מיטגלידער פון דער גרופּע איז געווען אַ יונג מיידל, אַ זייער איבערגעגעבענע חברטע. זי איז געקומען מיט איר גאַנצער פאַמיליע פון דער שווייץ. ווו די אַנדערע משפּחה־מיטגלידער האָבן זיך געפונען, האָב איך נישט געוווּסט. זי האָט געוווינט נאָך מיט איין יונגער חברטע, וואָס האָט אויך באַלאַנגט צו יענער גרופּע.

איר נאָמען איז געווען נינאַ. זי האָט אויסגעזען בלוט און מילך, פול מיט לעבן און אַלע מאָל מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויף איר פּנים. איר גאַנצער אויסזען איז געווען אַזאַ, וואָס האָט יעדן מאַן צוגעצויגן. זי האָט זיך, מיט אירע נאָענטע חברים, מיט וועלכע זי איז געווען היימיש, אויפגעפירט אַזוי, אַז זי האָט דיך געקענט פלוצים אַרומנעמען, דיר געבן אַ קוש, נאָר דאָס אַלץ האָט ביי איר גאָר נישט געהאַט צו טאָן מיט סעקס.

איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט אויפן צווייטן טאָג וואָס איך בין געקומען קיין מאָסקווע. ווען איך בין געווען אין קלוב, האָבן אייניקע פון מיינע נאָענטע חברים, וואָס האָבן געוווּסט אַז ביי מיר דאַרף זיין עפּעס צו טרינקען און פאַרבייסן, האָבן זיי זיך אַליין איינגעלאַדן צו מיר אויף טיי און צובייסן. זיי האָבן מיר געבעטן איך זאָל אויך איינלאַדן נינאַן, אַז זי זאָל מיט אונדז מיטגיין. נינאַ האָט מיין פאַרבעטונג אָנגענומען אָן שום צערעמאָניעס, אַזוי ווי זי זאָל מיך שוין האָבן געקענט פון לאַנג, בעת אין דער אמתן זענען מיר ערשט געווען באַקאַנט עטלעכע שעה.

מיר איז געווען אַ חידוש: ווי קומט נינאַ, מיט איר זעלטענער שיינקייט און אַזוי פיל סעקס־אַפּיל, און צו אַלעמען נאָך אַזוי יונג, צו אַזאַ מין געפערלעכער גרופּע, וואָס קען זי פאַרניכטן מיט איר גאַנצער שיינקייט און עלעגאַנץ? נאָך דעם ווי די חברים האָבן פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה ביי מיר אין צימער, זענען זיי, אַ חוץ איינעם, אַוועק צו זיך אַהיים.

דער חבר וואָס איז נישט אַוועק, איז שוין געבליבן ביי מיר שלאָפן. דער איינדרוק, וואָס נינאַ האָט איבערגעלאָזט אויף מיר, האָט מיך געהאַלטן געשפּאַנט. איך האָב געוואָלט וויסן מער וועגן איר. דער חבר, וואָס איז געבליבן ביי מיר שלאָפן, האָט מיר דערציילט, אַז נינאַ איז שוין אַ פּאָר חדשים אין מאָסקווע. פון וואַנען זי קומט — ווייסט ער נישט, ער איז זייער באַפריינדט מיט איר, און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי האַלט זיך אַזוי פריי מיט מענער, איז נינאַ פון די איינציקע, וואָס האָט אַבסאָלוט גאָר נישט צו טאָן מיט קיין מענער. ער זאָגט צו מיר: האָסט געזען ווען זי איז דאָ היינט געווען, האָט זי אַרומגענומען עטלעכע חברים און אַפילו דיך, וועמען זי האָט ערשט געקענט זינט אַ פּאָר שעה, נישט מער, זעט אויס אַז זי קוקט אויף די מענער ווי אויף חברים, אָן קיין שום סעקסועלן געפיל.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט דער טעלעפאָן מיך אויפגעוועקט. דאָס האָט געוואָפן נינאַ!

דעם אמת געזאָגט, בין איך געווען זייער איבערגעראַשט צו הערן איר שטי־מע. פרעג איך זי: וואָס האָט פּאַסירט, וואָס זי רופט מיך אַזוי פרי אויפן טע־לעפאָן? ענטפערט זי, אַז זי האָט געוואָלט זיין זיכער מיך צו פאַרכאַפּן אין מיין צימער, איידער איך וועל אַוועקגיין צו מיין אַרבעט און גיט צו, אַז זי וויל מיך זען, און ווען וועט מיר מעגלעך זיין צו קומען אין קלוב.

איז ביי מיר געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק אויסצופּרובירן דאָס, וואָס מיין חבר האָט מיר דערציילט וועגן נינאַן. ענטפער איך איר אויפן טעלעפאָן: איך קען זיין פּאַרטיק מיט מיין אַרבעט מיטיק־צייט. מוזן מיר זיך טרעפן נאָר אין קלוב, אָדער דאָס קען זיין אין אַן אַנדער פּלאַץ? אָדער גאָר ביי מיר אין האָטעל, ווו מיר וועלן האָבן אַ מאָלצייט און דאַן, זאָג איך איר, וועט איר קענען רעדן מיט מיר וועגן דעם וואָס איר ווילט.

מיין חבר, וואָס איז געשלאָפן ביי מיר, דערוויסנדיק זיך אַז נינאַ האָט טע־לעפאָנירט, האָט מיר גלייך געזאָגט, אַז מ׳האָט איר פאַרגעבן די אַרבעט צו פּרוּוון איינשמועסן מיר, אַז איך זאָל ווערן אַ מיטגליד אין דער אונטערערדי־שער גרופּע. די ספּעציפישע אַרבעט. זאָגט ער מיר, און די ברייטע מעגלעכ־קייטן דיינע בעתן אַרומפאָרן איז פאַר זיי פון גרויסער נוץ.

ווען איך בין געקומען מיטיק־צייט אין מיין האָטעל, האָט נינאַ שוין גע־וואַרט אויף מיר. מיר זענען אַרויפגעגאַנגען אין מיין צימער און איך האָב גלייך טעלעפאָנירט מע זאָל ברענגען הייסע וואַסער צו מאַכן טיי. נינאַ האָט זיך גע־נומען צוגרייטן דעם טיש און דאָס עסנוואַרג וואָס איך האָב אַרויסגענומען. עס האָט זיך נישט געפילט, אַז מיר זענען נאָך קיין 24 שעה נישט באַקאַנט.

נינאַ איז געווען אַזוי פריי אין איר באַוועגונג, אַז ס׳האָט אויסגעזען אַז זי וווינט אין דעם צימער שוין אַ לענגערע צייט. זי האָט געהאַט דעם איידעלן צוגאַנג פון אַ מאַמע. איך בין געזעסן און געגעסן און אין דער זעלביקער צייט האָב איך באַטראַכט, ווי אָט די יונגע שיינע פרוי האַלט זיך אַזוי פריי און ווייזט נישט אַרויס קיין סימנים, אַז זי געפינט זיך אַליין מיט אַ מאַן אין אַ צימער.

ווען מיר זענען פאַרטיק געוואָרן מיט אונדזער מאָלצייט, האָט נינאַ אָפּגע־ראַמט דעם טיש און בשום אופן נישט דערלאָזט אַז איך זאָל איר העלפן. זי האָט אויסגעוואַשן דאָס געשיר, אויסגעווישט און אַלץ האָט געבלאַנקט אונטער אירע בריהשע הענט. נאָך דעם זאָגט זי מיר: אייער צימער, חבר, איז נישט דאָס פּאַ־סיקע פּלאַץ צו רעדן מיט אייך דאָס וואָס איך וויל. האָב איך איר געענטפערט אַז פונעם צווייטן זייט פון קרעמל, לעבן דעם באַוווסטן קלויסטער, איז פאַראַן אַ פּאַרק און דאָרטן קען מען געפינען אַ רויִק אָרט, ווו קיינער וועט אונדז נישט שטערן.

ווען מיר האָבן אָפּגעזוכט דאָס דאָזיקע פּלאַץ, זאָגט צו מיר נינאַ:

— איר ווייסט מסתמא, חבר באַריס, אַז איך באַלאַנג צו דער אונטערערדי־שער גרופּע און אין איר נאָמען וויל איך איצט צו אייך רעדן. ביי דער גרופּע האָט מען שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט, אַז מען דאַרף פּרובירן אייך צו פאַר־אינטערעסירן מיט דער אַרבעט.

מיט גרויס פייער הייבט זי אָן צו מאָלן פאַר מיר אַ בילד, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געמאַכט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און וואָס זיי טוען איבער גאַנץ רוסלאַנד אויף צו פאַרניכטן די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג. נינאַ האָט גערעדט און מ׳האָט געקענט פילן, אַז דאָס רעדט זי פונעם טיפעניש פון האַרצן, און מיט אירע אַלע פעיִקייטן האָט זי פּרובירט מיך איבערצייגן, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג וואָס די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג מוז איצט אָננעמען און באַנוצן זיך מיט די מיטלען פון דער אונטערערדישער גרופּע.

איר שיין פּנים האָט זיך צעפלאַקערט און מ׳האָט געזען אַז זי לעבט איבער די שווערע טראַגעדיע וואָס איז דעמאָלט פאַרגעקומען אינעם גרויסן רוסלאַנד.

איך בין געזעסן און זיך צוגעהערט ווי נינאַ האָט מיך געפּרוווט איבערצייגן, אַז דער וועג פון איר גרופּע איז דער ריכטיקער פאַר יעדן אַנאַרכיסט און אין דער זעלביקער צייט האָב איך זיך געטראַכט: ווי קומט צו אָט דער יונגער מיידל דער דאָזיקער געדאַנק, וואָס קאָנצענטרירט זיך נאָר אַרום דעם פאַרלאַנג צו נעמען נקמה, אַ געדאַנק, וואָס קען פאַרענדיקן מיט איר יונגן לעבן? איך האָב זיך געוווּנדערט אויף דעם מענטשן וואָס אים איז געלונגען אָט די אומקאָנסטרוקטיווע געפערלעכע געדאַנקען אַריינצוברענגען אינעם קאָפּ פון דער יונגער, ליבער און שיינער יוגנטלעכער. נאָר קיין ענטפער אויף מיין פראַגע האָב איך קיין מאָל נישט באַקומען.

ווען נינאַ האָט פאַרענדיקט איר רעדן, האָב איך איר געענטפערט, אַז איך וועל נישט פּרובירן זי אָפּצורייסן פון דער אונטערערדישער גרופּע. זי איז רייף גענוג צו וויסן וואָס זי וויל טאָן און אויסצוקלייבן איר וועג פון טעטיקייט אין איר לעבן. איך האָב איר דערקלערט, אַז מ׳האָט איר פאַרפירט אין אירע געדאַנקען אינעם ראָמאַנטישן אַנאַרכיזם, וואָס איז געווען גוט צוגעפּאַסט ביי די אַמאָליקע אומשטאַנדן אָבער נישט איצט, אין דער מאָדערנער אַנאַרכיסטישער טעטיקייט.

היינט צו טאָג, האָט דער גרעסטער טייל פון עקספּראָפּריאַציעס געבראַכט אַ גרויסע צאָל גוטע חברים צום מאָראַלישן און גייסטיקן אונטערגאַנג. איך האָב איר דערציילט וועגן עפּיזאָד וואָס איך האָב בייגעוווינט אין כאַרקאָוו ביי דער חברה, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט עקספּראָפּריאַציעס און אויסגעלאַסנקייט, און אַלץ אינעם נאָמען פון אַנאַרכיזם.

איך האָב איר אין קורצן געשילדערט דעם קאָנסטרוקטיוון עקספּערימענט, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין נאָוואָראָסייסק, אָן עקספּראָפּריאַציעס און אַנדערע צעשטערערישע מיטלען. און אַפילו איצטער — האָב איך צוגעגעבן — ווען מיר וויסן גוט, אַז די באָלשעוויקעס זענען גרייט צו פאַרניכטן די גאַנצע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד, קענען מיר נישט, פונעם מאָראַלישן שטאַנדפּונקט, באַנוצן טעראָר קעגן די באָלשעוויקעס און ספּעציעל נאָך אין אַ צייט, ווען אַלע רעאַקציאָנערע שוואַרצע כוחות פון דער גאַנצער וועלט טוען אַלץ כדי צו פאַרטיליקן דאָס ,וואָס מיר האָבן איצטער ,און ברענגען צוריק דאָס אַלטע צאַריסטישע רוסלאַנד. די גרעסטע צאָל חברים איבערן לאַנד זענען קעגן

די אַלע אייערע אַקטיוויטעטן, ווייל מיר ווילן נישט געבן די מעגלעכקייט די באַלשעוויקעס, אַז זיי זאָלן לאָזן וויסן דער אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערער וועלט, אַז די אַנאַרכיסטן האָבן זיך פּאַראייניקט מיט די שוואַרצע כוחות צו פאַרניכטן די געווינסן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. עס קען מעגלעך זיין אַז מיר וועלן אַלע באַצאָלן זייער טייער, נאָר דערפאַר וועט געשיכטלעך די אַנאַר־כיסטישע באַוועגונג זיין ריין, גייסטיק און מאָראַליש.

ווען איך האָב געענדיקט, האָט ניגאַ, ווי אַן אויפגעוואַכטע פון אַ חלום, גע־זאָגט צו מיר: הייסט עס, אַז איר ווילט נישט העלפן אונדזער גרופּע, און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן איר נישט באַקאַנט זיין גוט מיט אונדזער אַלגעמיינער באַוועגונג. האָב איך איר געענטפערט, אַז דאָ איז נישט די פראַגע פון נישט וועלן העלפן. דאָ האַנדלט זיך וועגן פּרינציפּן און אַנשויונגען.

און צום סוף האָב איך איר דערקלערט, אַז איך האָף, אַז אונדזער נישט זיין איינשטימיק וועט נישט איבעררייסן אונדזער ערשט געשאַפענע פריינד־שאַפט. ניגאַ האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ ווי פון שלאָף, האָט אַ שפּרונג געטאָן פון דער באַנק אויף אירע פיס, אַרומגענומען מיין האַנט מיט אירע צוויי הענט און געזאָגט צו מיר: געוויס נישט, איך בין מער ווי צופרידן צו זיין אייער נאָענטער פריינד און איך מוז אייך פאַרטרויען אַ סוד: איך בין הונגעריק!

זעט אויס, אַז מיר האָבן ביידע נישט באַמערקט, ווי דער האַלבער טאָג איז פאַרגאַנגען און דער אָוונט האָט אָנגעהויבן זיך אָנצורוקן.

ווען מיר זענען געקומען אין מיין האָטעל, האָבן עטלעכע חברים שוין גע־וואַרט אויף מיר. מיר זענען אַלע אַרויף אין מיין צימער, געקראָגן הייסע וואַסער צו פאַרפאַרען טיי און געמאַכט אַ סעודה פאַר די, וואָס זענען געווען הונגעריק. און ווער איז אין יענע יאָרן נישט געווען הונגעריק?

אַזוי ווי מיין נאַטשאַלסטווע אין קאָמיסאַריאַט האָט געטראַכט, אַז נאָך מיין לענגערער נסיעה, בין איך באַרעכטיקט צו האָבן אַ געוויסע רו, זענען אַלע מיינע באַזוכן אין קאָמיסאַריאַט געווען ווי אַן אָפיציעלער וויזיט. איך בין ערשט געווען אין מאָסקווע פיר טעג און צו דעם איז באַלאַבאַנאָווא נאָך ווייט נישט געווען פאַרטיק אַרויסצופאָרן. פלעג איך פאַרברענגען אַ קורצע צייט אין קאָ־מיסאַריאַט און אַריינגיין זאָגן אַ גוט־מאָרגן דער באַלאַבאַנאָווא, און די רעשט צייט פון טאָג בין איך געווען פריי.

האָב איך אויסגענוצט מיין צייט צו באַזוכן די צוויי קלובן, טרעפן זיך מיט נייע חברים און אויפזוכן דעם „בלויען פויגל" וואָס איך האָב פאַרלוירן אין נאָ־וואָראָסייסק. נאָר וויפל איך האָב געזוכט צווישן די חברים האָב איך אַפילו נישט געקענט געפינען דעם קלענסטן שפּור פון דעם „בלויען פויגל" און אין איינציקע פאַלן האָט מען מיך באַשולדיקט אין אַנאַרכאָ־באַלשעוויזם, ווייל איך האָב גע־פאָדערט, אַז די אַנאַרכיסטן מוזן זיך גלייך פאַרנעמען מיט קאָנסטרוקטיווער אַרבעט און נישט בלויז זיצן אין די קלובן און דיסקוטירן וועגן אַבסטראַקטע ענינים און שפּיען אין דער פּאָליצע און וואַרטן, אַז ווער נישט איז זאָל פאַר זיי אויפבויען אַ נייעם סאָציאַלן לעבן. נישט איין מאָל בין איך געוואָרן הייזעריק,

אַז כ'האָב שוין נישט געקענט מער אויסרעדן קיין וואָרט, נאָר אַלע מאָל פלעגט די מיט לעבן שפּרודלענדיקע יונגע נינאַ, מיט געוואַלד אַרויספּירן מיך פון קלוב און מיט דעם פלעגט זיך פאַרענדיקן די הייסע דיסקוסיע. די צוויי וואָכן, וואָס איך בין געווען אין מאָסקווע, האָב איך מיט נינאַן, איר יונגע חברטע און עטלעכע יונגע חברים, צוזאַמען פאַרבראַכט די בעסטע צייט.

ס'האָט פּאַסירט איין מאָל שפּעט אין אָוונט אַן עפּיזאָד, וואָס ציינט איבער ווי ווייט נאַיִוו עס איז געווען נינאַס צוגאַנג, אין באַצוג צום פּראָבלעם פון מאַן און פרוי. איין אָוונט, אַרום עלף אַ זייגער ביי נאַכט, ווען איך בין שוין געווען אין בעט גרייט אַנטשלאָפן צו ווערן, האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו קלינגען מיין טעלעפאָן. ווען איך האָב אויפגעהויבן דאָס טרייבל און געפרעגט ווער עס רעדט, האָב איך דערהערט נינאַס שטימע. און זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי און איר יונגע חברטע ווילן אַרויף צו מיר אין צימער, נאָר אַזוי ווי ס'איז שוין שפּעט, וויל מען זיי נישט אַרויפלאָזן. איך האָב זיך שנעל אָנגעטאָן און אַרונטער ביז דעם אַריינגאַנג פון האָטעל. אַזוי ווי איך בין געווען אין גוטע באַציִונגען מיטן היטער פון דער הויפּטטיר, האָט ער, דערזעענדיק מיך, אַריינגעלאָזטביידע חברטעס אָן שום איבערפרעגענישן.

ווען מיר זענען אַריין אין מיין צימער, האָט מיר נינאַ געזאָגט אַז זיי האָבן נישט ווו איבערצושלאָפן די נאַכט. די סיבה פון דעם איז אָט די: ווען זיי זענען אַרויס פונעם קלוב און אָפּגעגאַנגען עטלעכע קוואַרטאַלן, האָבן זיי דערזען אַז עמיצער גייט זיי נאָך. נינאַ האָט געהאַט שוין דעם אינסטינקט פון קאָנספּיראַציע, זענען זיי אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט גאַס, אָפּגעשטעלט די ערשטע דראָשקע וואָס איז געקומען און צוגעפאָרן צו מיין האָטעל, נישט וועלנדיק ביי נאַכט קומען אַהיים.

אין מיין צימער איז געווען איין בעט, עטלעכע שטולן און אַ טיש. זאָג איך אַז איך וועל זיך לייגן אויפן טיש און זיי ביידע זאָלן שלאָפן אין בעט. זאָגט נינאַ, אַז מיר אַלע דריי וועלן שלאָפן אין בעט. זי גיט נאָך צו, אַז ווען חברים קענען נישט געטרויען איינער דעם צווייטן, איז צו וואָס טויג אין גאַנצן די חברשאַפט? איר חברטע איז געווען אַ היפּש ביסל פאַרצווייפלט פון נינאַס פּלאַן. זאָגט צו איר נינאַ: זעט אויס, אַז דו האָסט נישט צו זיך אַליין קיין צוטרוי, וועלן מיר אַוועקלייגן דעם חבר באַריס ביי דער וואַנט, איך וועל זיך לייגן אין מיטן און דו ביים ברעג. און נישט רעדנדיק מער קיין וואָרט, האָט זי זיך גענומען אויסטאָן. פּונקט אַזוי נאַרמאַל ווי זי טוט דאָס אין דער היים. אַזוי ווי איר יונגע חברטע איז נאָך אַלץ געווען פאַרצווייפלט, האָב איך פאָרגעשלאָגן אַז מע זאָל אויסלעשן די עלעקטריק. און ערשט דעמאָלט האָט זיך די יונגע חברטע אָנגעהויבן אויסטאָן. נאָר נינאַ איז געווען שוין אין בעט אַזוי גיך, ווי איך האָב פאַרנומען מיין פּלאַץ. איך ווייס נישט צי די יונגע חברטע איז געשלאָפן די נאַכט, נאָר נינאַ איז אין גיכן איינגעשלאָפן געוואָרן. איר האָט נישט געאַרט וואָס אַ מאַן איז געלעגן לעבן איר און איר יונגער קערפּער האָט געפילט זיין וואַרעמקייט. זי איז זיך גאָר געשמאַק געשלאָפן. אַזאַ מין מאָראַליש ריינעם טיפּ האָב איך

זייער ווינציק געטראָפֿן, זייענדיק פֿאַרבונדן, קען מען זאָגן, מיט דער גרעסטער טייל פֿון אונדזער באַוועגונג, כּמעט איבער גאַנץ רוסלאַנד.

ס'איז געווען פֿאַר מיר אַ זייער שווערער מאָראַלישער קלאַפּ, ווען איך האָב מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער זיך דערוווּסט, אַז נינאַ, מיטן גרעסטן טייל פֿון זייער גרופּע, זענען אויפֿגעריסן געוואָרן, בעת די טשעקאַ האָט זיי אַרומגערינגלט אויף דער דאַטשע, ווו זיי האָבן געהאַט זייער קאָנספּיראַטיווע וווינונג.

איך האָב אין אַמעריקע געהערט פֿון אונדזערע חברים, די טאַראַטוטעס, וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין אונדזער רוסישער באַוועגונג, אין יענער צייט. דאָרטן האָט געווינט אויף אַ פֿאַרם, הינטער מאָסקווע, אַ ברודער זייערער, שמואל טאַראַטוטאַ, צוזאַמען מיט אַן אַלטן חבר, אַ געוועזענער פֿאַרשיקטער אויף קאַטאָרגע, און זיי האָבן באַאַרבעט די ערד, כּדי אַרויסצוקריגן אייניקע שפּייז־פּראָדוקטן. דער חבר, מיטן נאָמען סאַוויצקי, האָט אים אויך אַרויסגעהאָלפֿן אין דער שול, וואָס זיי האָבן דאָרטן איינגעאָרדנט, ווו אַ געוויסע צאָל קינדער האָבן אויך געהאַט זייער היים. האָב איך באַשלאָסן דעם ערשטן פֿרייטיק נאָך מיטיק, זיך אַרויסצולאָזן אין וועג צו באַזוכן די טאַראַטוטעס און דעם חבר סאַוויצקי. דאָס איז נישט געווען קיין גרינג שטיקל אַרבעט. מ'האָט געקענט ביז אַ געוויסן פּלאַץ פֿאָרן מיטן טראַמוויי און נאָך דעם האָט מען געמוזט שפּאַנען צו פֿוס אַ סך מײַלן. איך בין געקומען צו זיי שטאַרק פֿאַרמאַטערט. נאָר די חברשע וואַרעמע אויפֿנאַמע פֿון אָלגאַ און סאַוויצקי (דער ברודער איז נישט געווען אין דער היים), האָט מיך געמאַכט פֿאַרגעסן אין דער מידקייט. די ביידע חברים האָבן שוין געהערט וועגן מיר, ספּעציעל סאַוויצקי, וואָס האָט נאָך פֿון פֿריִער געוווּסט וועגן מײַן אַקטיווער אַרבעט אין נאָוואָראָסייסק. פֿונעם מאָמענט, זינט איך בין געקומען, און אַפֿילו בעתן עסן דאָס נאַכטמאָל, האָב איך געמוזט זיי דערציילן די גאַנצע געשיכטע וואָס האָט פּאַסירט אין נאָוואָראָסייסק.

ביז זונטיק נאָך מיטיק, ווען איך האָב זיך געלאָזט צוריק אין וועג אַריין, האָב איך בכלל ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט זיי גערעדט און דיסקוטירט וועגן פֿאַרשיידענע פֿראַגעס. געפֿינענדיק זיך אויף דער פֿאַרם, זענען זיי אין אַ געוויסן זין געווען אָפּגעריסן פֿונעם אַקטיוון לעבן אין אונדזער באַוועגונג. נאָך דעם האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, צו מאַכן עטלעכע באַזוכן ביי זיי און אַלע מאָל בין איך אַוועק פֿון דאָרטן גייסטיק אָפּגעפֿרישט. אין יאָרן אַרום איז אָלגאַ טאַראַטוטאַ אַרעסטירט געוואָרן, און נאָכער איז זי פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, ווי די מערסטע טייל פֿון אונדזערע קאַמעראַדן.

דער בירגערקריג צעפּלאַקערט זיך

טאָג־טעגלעך זענען אָנגעקומען אַלץ נייע קאַמעראַדן, ספּעציעל פֿון אוקראַינע. ס'האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן צו פֿילן — אַזוי האָט זיך דעמאָלט געדאַכט — אַז די באָלשעוויקעס וועלן נישט לאַנג נאָך פֿאַרבלייבן אויף אוקראַינע.

דעם זעלביקן גייסט האָט מען געקענט שוין פילן אין מיין קאָמיסאַריאַט. נאָר אַזוי ווי איך בין געווען אַ „פרעמדער״, נישט קיין מיטגליד אין דער פּאַרטיי, האָט מען אין מיין אָנוועזנקייט וועגן דעם נישט גערעדט. האָט מיך דערפאַר זייער געוווּנדערט, וואָס די באַלאַבאַנאָווע וויל פאָרן קיין כאַרקאָוו און קיִעוו. ווען איך האָב זיך צוריקגעקערט פונעם באַזוך ביי די טאַראַטוטעס, האָט מיך אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן די באַלאַבאַנאָווע און מיך געבעטן איך זאָל אַרונטער־גיין צו איר אין צימער.

אַז איך בין געקומען צו דער באַלאַבאַנאָווע, האָט זי מיר מודיע געווען אַז זי דאַרף אָנהייבן צוגרייטן אַלץ צו דער רייזע און אַז זי דענקט אַז סוף וואָך וועלן מיר אַרויספאָרן. אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען זי מיר קענען לאָזן וויסן דעם פּינקטלעכן טאָג פון אונדזער אָפּפאָרן.

אויף מאָרגן האָב איך אָנגעהויבן צוגרייטן די ליטעראַטור פונעם קאָמיסאַ־ריאַט און אויך אונדזער ליטעראַטור. מיט דער הילף פון צוויי קאַמעראַדן האָבן מיר אין אַ טאָג אַרום געבראַכט די גאַנצע ליטעראַטור און פּינקטלעך ווי דאָס ערשטע מאָל, האָבן אויך איצט די טשעקיסטן געהאָלפן אַריינטראָגן די גאַנצע ליטעראַטור. אַלץ איז ווידער דורכגעגאַנגען אָן קיין שום שוועריקייטן.

איך האָב צוגעגרייט אַלץ וואָס מיר האָבן געדאַרפט פאַר דער נייער רייזע, און צו דעם אַלעמען האָב איך געפועלט ביי דער באַלאַבאַנאָווע, אַז מיין בעסיעס שוועסטער, עטל סיגאַלאָוויטש, זאָל פאָרן מיט אונדז ביז קיִעוו.

דעם אָוונט פריִער פאַר אונדזער אַרויספאָרן איז אַ גרופּע חברים זיך צו־זאַמענגעקומען אין מיין צימער און נינאַ איז געווען צווישן זיי. די הויפּט־פראַגע פון אונדזער שמועס איז געווען אַ פּאָר עקספּראָפּריאַציעס, וואָס זענען זייער קונציק דורכגעפירט געוואָרן און קיין איינער פון אונדזערע חברים זענען דערביי נישט אַרעסטירט געוואָרן. ס׳איז קלאָר, אַז די באָלשעוויקעס האָבן נישט געהאַט קיין שום פאַרדאַכט, אַז די אונטערערדישע גרופּע האָט אָנטייל גענומען אין דער עקספּראָפּריאַציע.

חוץ דער דאָזיקער פראַגע האָט מען דיסקוטירט די נייס וואָס מיר האָבן באַקומען וועגן דער פּאָליטישער לאַגע, און וואָס די קאָנטררעוואָלוציע נעמט הייבן איר פאַרפעסטעטן קאָפּ. אָט די אַלע נייס האָבן זיך גענומען דערפון, וואָס די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן אירע פּאָזיציעס מער און מער. אַלע אָנוועזנדיקע זענען געווען, אין אַ געוויסן זין, ערנסט באַזאָרגט וועגן דעם, וואָס די צייט קען ברענגען און צו וואָס דאָס אַלץ וועט דערפירן. שפּעט ביי נאַכט, ווען די חברים זענען זיך צעגאַנגען, איז די שטימונג נישט געווען קיין געהויבענע.

אויפן צווייטן טאָג זענען מיר אַרויסגעפאָרן מיט אַ ספּעציעלן מיליטערישן צוג, וואָס האָט זיך אין וועג נישט אָפּגעשטעלט, סיידן פאַר גאָר וויכטיקע זאַכן און אויף מאָרגן נאָך מיטיק, זענען מיר שוין געווען אין כאַרקאָוו.

באַלאַבאַנאָווע איז גלייך אָוועקגעפאָרן אין האָטעל. איך און עטל סעגאַלאָ־וויטש זענען געבליבן אַרויסצונעמען די ליטעראַטור, און דאָס מאָל איז דאָס

געוועזן אַ סך גרינגער, ווייל מ׳האָט געקענט גוט באַמערקן, אַז נישט אַלץ איז אין אַ רוזיקן פּאָליטישן צושטאַנד. מיר האָבן אַרויסגעפירט די ליטעראַטור פון וואָקזאַל. חברטע עטל האָט אַוועקגעפירט אונדזערע ביכער און איך האָב אַוועקגעפירט די ביכער פון קאָמיסאַריאַט.

נאָך דעם בין איך צוגעפאָרן אין האָטעל, ווו איך האָב זיך געטראָפן מיט באַלאַבאַנאָווא און זי האָט מיר געמאָלדן, אַז מיר וועלן דאָ פאַרבלייבן אַ וואָך צייט אין כאַרקאָוו, און אַזוי ווי איך האָב פאַרענדיקט מיינע ספּעציעלע פליכטן, האָב איך געהאַט באַלד אַ וואָך פרייהייט.

האָב איך די צייט אויסגענוצט אויף צו זיין מיט אונדזערע חברים. אין כאַרקאָוו איז דעמאָלט געוועזן זייער טעטיק די גרופּע „נאַבאַט״, וואָס האָט געהאַט איר ווינאַרט נישט ווייט פונעם מיליטערישן פראָנט. אונדזער נאָענטע פאַרבינדונג מיט נעסטאָר מאַכנאָ, האָט געגעבן די חברים אַ קלאָר בילד, אַז סע וועט נישט נעמען לאַנג און די באָלשעוויקעס וועלן מוזן פאַרלאָזן גאַנץ אוקראַינע. די קאָנפעדעראַציע „נאַבאַט״ האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן אין אונטערערדישע גרופּעס, צוגרייטן ליטעראַטור און געווער, קאָנספּיראַטיווע דירות. מ׳האָט אָנגעהויבן דורכפירן קאָנספּיראַטיווע מיטינגען מיט דיסקוסיעס, ווו עס זענען דעבאַטירט געוואָרן ענינים אין שייכות מיט דער קומענדיקער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. די אייגנטלעכע טעטיקייט האָבן נאָר אָנגעפירט די יעניקע חברים, וואָס האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אין כאַרקאָוו, פאַר דער אונטערערדישער אַרבעט.

די דאָזיקע גרופּע חברים, האָט זיך צעטיילט אין קלענערע גרופּקעלעך און אין פאַל, ווען איינע וועט אויפגעדעקט ווערן, זאָלן די אַנדערע חברים דערפון נישט ליידן, און צוליב דעם צוועק האָט מען געדונגען אַ רייע דירות, ווו יעדע גרופּע האָט געהאַט איר חלק אַרבעט.

ווען איך בין געוועזן דאָס פריערדיקע מאָל אין כאַרקאָוו, האָב איך זיך דאָרטן געטראָפן מיט אַ חבר וואָס איך האָב נאָך געהערט וועגן אים אין אַמעריקע, און דאָס איז נאַומקע דער ווייסער. צו דעם אַלעמען איז ער געוועזן מיין בעסיעס אַ לאַנדסמאַן פון קריניק, גראָדנער גוברניע. נאַומקע דער ווייסער, איז ווי עס זעט אויס, געבוירן געוואָרן צו זיין אַ קאָנספּיראַטאָר. מיר פלעגט זיך דאַכטן אַז אָן קאָנספּיראַטיווער אַרבעט, קען ער גאָר נישט לעבן.

איין אָוונט, בעת מיר האָבן זיך צופעליק געטראָפן, זענען מיר אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ שמועס וועגן קרינקער און ביאַליסטאָקער חברים, וואָס זענען פאַרבליבן אין אַמעריקע, און וועמען נאַומקע דער ווייסער האָט נאָך געקענט פון די גאָר יונגע יאָרן, און ער האָט געהאַט אַ גרויסן אינטערעס צו וויסן וואָס ס׳איז פון זיי געוואָרן אינעם „גאָלדענעם לאַנד״.

פאַר דער וואָך צייט, וואָס איך בין געוועזן אין כאַרקאָוו, האָבן מיר זיך עטלעכע מאָל געטראָפן, און דעם לעצטן אָוונט פאַר אונדזער אַוועקפאָרן פון דאָרטן, איז זיך אַ גרופּע נאָענטע חברים צוזאַמענגעקומען און פאַרבראַכט דעם אָוונט. דאָס איז געוועזן דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב זיך געטראָפן מיט

נאָומקען דעם ווייסן. ווען גענעראַל דעניקינס אַרמיי איז אַריין קיין כאַרקאָוו, איז נאַומקע דער ווייסער אַרעסטירט געוואָרן און, צוזאַמען מיט אַ רייע חברים פון אַנדערע גרופּעס, איז ער אין מיטן שטאָט דערשאָסן געוואָרן.

מיט דעם צווייטן חבר, וואָס איך בין געוואָרן זייער אינטים נאָענט און צוזאַמען פאַרבראַכט אַ סך צייט, איז געווען די פרוי פון אַבראַם כריסטאָס, קאַטיאַ. זי איז געקומען קיין רוסלאַנד פון פילאַדעלפיע. ווו און ווי אַזוי זי האָט זיך געטראָפן מיט אַבראַם כריסטאָס, ווייס איך נישט. נאָר איך ווייס יאָ, אַז זי איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין אים. ס׳איז אַ מאָדנע זאַך, וואָס די נאַטור קען אָפּטאָן אַ שפּיצל. קאַטיאַ, אַן איידעלע ליבלעכע פּערזענלעכקייט, אַ איבערגעגעבענע, ערנסטע חברטע, וואָס נישט געקוקט אויף אונדזער קורצער באַקאַנטשאַפט, האָבן מיר ביידע נישט געפילט די פרעמדקייט און ס׳האָט אויסגעזעען אַז מיר זענען שוין פון זייער לאַנג נאָענטע פריינד. פון דער צווייטער זייט, איז אַבראַם כריסטאָס געווען אַ נערוועזער און נישט קיין פריינדלעכער מענטש. ער האָט אַלע מאָל געוואָלט, אַז דער צווייטער חבר זאָל דענקען, אַז ער איז אַ געפערלעכער קאָנספּיראַטאָר. איך האָב אַלע מאָל געקלערט, אַז ווי קומט עס קאַטיאַ און איוואַן אַפּאַלאַן אויס מיט זיין שווערן כאַראַקטער. יענעם אָוונט האָב איך זיך געזעגנט מיט די חברים און ס׳האָט גענומען מער ווי ניין חדשים, ביז איך האָב ווידער אַ מאָל געהאַט די מעגלעכקייט מיט זיי זיך צו טרעפן.

אויפן צווייטן טאָג, ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין קיִעוו, האָט מיר די באַלאַבאַנאָוואַ מודיע געווען, אַז זי האָט אַ ספּעציעלע און דרינגענדיקע מיסיע פאַר מיר. מע מוז אַוועקפירן אַ וואַגאָן מיט ליטעראַטור קיין אָדעס. איך זאָל איבערלאָזן אונדזער וואַגאָן אין קיִעוו, די ליטעראַטור איז שוין אָנגעפּאַקט אין אַ „טאָוואַרני״־וואַגאָן און צו דעם זאָגט זי מיר, אַז דאָס מוז געטאָן ווערן גלייך, און אַז איך מוז תיכף צוריקקומען קיין קיִעוו, ווייל איך וועל באַלד זיך דאַרפן אומקערן קיין מאָסקווע.

די זעלביקע נאַכט, בין איך מיט בעסיעס שוועסטער עטל, אַרויסגעפאָרן קיין אָדעס. דער צוג איז נישט געווען קיין גרויסער, נאָר דערפאַר האָט זיך גלייך געוואָרפן אין די אויגן, אַז נישט אַלץ איז אַזוי גוט. אויפן לאָקאָמאָטיוו, פון אויבן, זענען געשטאַנען צוויי גרויסע מאַשין־ביקסן און דאָס זעלביקע — אויפן לעצטן וואַגאָן.

אַרום ניין דעם זייגער אין דער פרי, ווען דער צוג איז אָנגעקומען אויף אַ קליינער סטאַנציע, האָט מען אים פאַרהאַלטן אַ פאָר וויאָרסט פריִער, ווייל די רעלסן זענען געווען אויפגעריסן. דער קאָמאַנדאַנט פונעם צוג האָט גלייך טעלעפאָנירט צו אַ גרעסערער סטאַנציע, אַז מע זאָל אַרויסשיקן מיליטער.

אין יענער געגנט האָט געשוועבלט מיט אַלערליי פּאַרטיזאַנער און באַנדיטן. מיר האָבן געוואַרט ביז שפּעט נאָך מיטיק, נאָר קיין מיליטערישע הילף איז נישט געקומען. האָט דער קאָמאַנדאַנט מודיע געווען, אַז ווער ס׳האָט געוועלט זאָל אַרויספאָרן נאָר מיטן לאָקאָמאָטיוו און זען וואָס מען קען טאָן אַז דער צוג זאָל אפשר קענען דורכגיין. מיר זענען אַוועקגעפאָרן אָבער מיר האָבן תיכף זיך

געדאַרפט אומקערן צוריק, ווייל דער אויפּרייס האָט געפאָדערט ספּעציעלע אַר־בעטערס און מאַטעריאַל. האָב איך פון דער סטאַנציע אַוועקגעשיקט אַ מיליטער־רישע טעלעגראַמע און געלאָזט וויסן דאָס, וואָס ס'האָט פּאַסירט. אין אַ שעה אַרום האָב איך באַקומען אַ טעלעפאָן־רוף פון באַלאַבאַנאָווא, אַז איך זאָל אי־בערגעבן דעם וואַגאָן און אַליין צוריקקומען קיין קיִעוו. נאָר אַזוי ווי בעסיעס שוועסטער עטל האָט געדאַרפט פאָרן קיין אָדעס, צו איר מאַן, האָב איך איר געגעבן מיין מאַנדאַט און זי איז געבליבן וואַרטן, ביז וואַנען מע וועט קענען דורכפאָרן, און איך האָב זיך אומגעקערט קיין קיִעוו.

אָנקומענדיק קיין קיִעוו, האָט מען גלייך אויפן אייזנבאַן־וואָקזאַל געקענט באַמערקן און דערפילן, אַז עס ווערט פאַרשפּרייט אַ פּאַניק. די צאָלרייכע קאָנ־צענטראַציע פון דער רויטער אַרמיי און די באַוועגונג פון צוגן, וואָס זענען אָנ־געקומען און אַוועק, האָט געגעבן צו פילן, אַז דער מיליטערישער פראָנט גע־פינט זיך נאָענט פון קיִעוו.

איך האָב געפונען מיין וואַגאָן אויפן וואָקזאַל און אַלעקסיי האָט מיר דער־ציילט, אַז מע וואַרט נאָר אויף מיין קומען, כדי תיכף אָפּצופאָרן קיין מאָסקווע. ער האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז איך האָב אַ העלפער, וואָס האָט מיך שטאַרק איבערגעראַשט, נאָר שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז דאָס איז אַ דיפּלאָמאַ־טישער קוריער, ווי איך בין עס געווען, און ער האָט געדאַרפט פאָרן צוריק קיין מאָסקווע. האָט מען אים באַשטימט צו זיין מיין העלפער, ווייל מיר האָבן גע־דאַרפט מיטנעמען אַ צאָל פאַמיליעס פון הויכע פּאַרטיי־באַאַמטע.

ווען איך בין געקומען צו דער באַלאַבאַנאָווא, האָט זי מיך באַגעגנט מיט אַ גרויסן זיפץ און מיר געזאָגט אַז ווי עס זעט אויס, וועלן מיר דאַרפן עוואַקויִרן קיִעוו (דאָס ווערט געמיינט — גאַנץ אוקראַיִנע), און צוגעגעבן, אַז איך זאָל גלייך נעמען זיך צוגרייטן אין אייניקע טעג אַרום צו פאַרלאָזן קיִעוו. זי האָט געוואָלט וויסן וויפל מענטשן קען איך מיטנעמען אין מיין וואַגאָן און אויך אַ געוויסן סכום פּראָדוקטן פאַר די אַרבעטערס אין אונדזער קאָמיסאַריאַט. האָב איך איר געענטפערט, אַז די צאָל, וואָס איך האָב געדענקט וועלן קענען מיט־פאָרן און עס זאָל זיין גענוג פּלאַץ. האָט מיר די באַלאַבאַנאָווא געזאָגט אַז זי וועט מאַכן אַ צעטל פון די פּאַסאַזשירן און וועט אויך באַזאָרגן די פּראָדוקטן אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום. ווען איך האָב פאַרענדיקט די אָפיציעלע אַרבעט מיט דער באַלאַבאַנאָווא, בין איך אַוועק צו זען זיך מיט אונדזערע חברים.

קומענדיק אין הויז, וווּ די חברים פלעגן זיך טרעפן, האָב איך דאָרטן באַ־געגנט אַ גאָר היפּשע צאָל פון זיי, וואָס זענען דעם זעלביקן טאָג אָנגעקומען פון כאַרקאָוו. כאַרקאָוו איז שוין געווען אין פולן גאַנג פון עוואַקואַציע. גענעראַל דעניקינס אַרמיי איז שוין באַלד געווען האַרט ביי די טויערן פון דער שטאָט. אַ חוץ די חברים וואָס זענען איבערגעבליבן פאַר דער אונטערערדישער אַרבעט, זענען זיך אַלע צעפאָרן פון כאַרקאָוו. קיין מאָסקווע איז נישט געווען קיין מעג־לעכקייט צו פאָרן, זענען די חברים פון כאַרקאָוו געקומען קיין קיִעוו, מיט דער האָפענונג, אַז פון דאָרטן וועט זיי אפשר געלינגען אַוועקצופאָרן קיין מאָסקווע.

צווישן די געקומענע חברים, זענען אייניקע געווען פון נעסטאָר מאַכנאָס פּאַר־טיזאַנער־אַרמיי.

אָט די חברים האָבן דערציילט אַ זייער אינטערעסאַנטע פּאַסירונג. ווי ס׳האָט אויסגעזען, האָט גענעראַל דעניקין, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו קריגן מיליטערישע און פינאַנציעלע הילף פון דער אַליאירטער מאַכט, מער מורא געהאַט פאַר נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי, ווי פאַר דער שפּעטער באַרימטער רויטער אַרמיי. די געשיכטע האָט באַוויזן, אַז גענעראַל דעניקין האָט גוט געוווּסט, אַז ווען ער וועט נישט פאַרניכטן מאַכנאָס אַרמיי, וועט ער האָבן גרויסע צרות. ווען די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן טיפער אין צענטראַל־רוסלאַנד, האָט ער צוזאַמענגענומען זיינע בעסטע פּאָלקן, וואָס זענען באַשטאַנען פון אָפיצירן און קאָזאַקן, און ער האָט אָנגעהויבן אַ שרעקלעכן אָנגריף אויף מאַכנאָס אַרמיי. איז מאַכנאָ מיט זיינע פּאַרטיזאַנער אַריין אין די טיפע וועלדער און דעם גענעראַל דעניקין איז געלונגען אים אַרומצורינגלען. אָבער אַזוי ווי די מאַכנאָ־קעמפער זענען געווען אין די וועלדער, האָט זיי דעניקינס מיליטער נישט געקענט ליקווידירן.

חבר נעסטאָר מאַכנאָ מיט זיין פּאַרטיזאַנער־אַרמיי האָט געוווּסט אַז זיי געפינען זיך אין אַ זייער ביטערער לאַגע. אייניקע פּאַרזוכן צו אַטאַקירן די ווייסע און דורכרייסן זיך פון דעם באַוואָפנטן רינג האָט נאָר געבראַכט קרבנות.

נאָר אַזוי ווי ביי נעסטאָר מאַכנאָ האָט געהערשט דער פרייער גייסט און איניציאַטיווע, האָט ער צוזאַמענגערופן די נאָענטע און אויסגעפּרוווטע קעמפערס, וואָס זענען געווען מיט אים די גאַנצע צייט, און ער האָט זיי דערקלערט, אַז מע מוז געפינען אַ וועג דורכצוברעכן דעם אייזערנעם רינג, מיט וועלכן זיי זענען געווען אַרומגערינגלט.

די איינציקע מעגלעכקייט איז נאָר געווען, אַז נישט קיין גרויסע גרופּע קעמפערס זאָל פּאַרטאָג צוקומען צו אַ שטעטל, וואָס איז געווען נישט ווייט, זיי זאָלן שטיל און אומבאַמערקט פאַרניכטן די נאַכט־וועכטערס, אַריינפּאָרן אין שטעטל און פּאַרטיליקן דאָס מיליטער דאָרטן און נאָך דעם זאָל אָנקומען נאָך אַ גרופּע קעמפערס, וואָס זאָל צוזאַמען מיט דער ערשטער גרופּע אָנהייבן אויסראָטן די אָפּטיילונגען פון גענעראַל דעניקינס אַרמיי.

דעם זעלביקן טאָג איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ „ראַזוועדקע״ פון עטלעכע קעמפערס, וואָס האָבן געדאַרפט אומבאַמערקטערהייט זיך צוגנבענען צום פּאַר־שטעטל און אויסגעפינען אין וואָסער טייל שטאָט עס געפינט זיך די הויפּט־מיליטערישע גרופּע און דער עיקר, ווו און וויפל פּאַטרולן שטייען אַרום דעם שטעטל. פאַרנאַכט־צו האָט שוין מאַכנאָס שטאַב געהאַט די נייטיקע אינפאָרמאַציע. האָט חבר מאַכנאָ זיך געווענדט צו זיינע קעמפערס און געפרעגט: ווער עס וויל נעמען אָנטייל אין דער געפערלעכער אונטערנעמונג? האָבן אַלע געוואָלט גיין. דעמאָלט האָט חבר מאַכנאָ אויסגעקליבן קעמפערס פאַר דער ערשטער און צווייטער גרופּע, און די גאַנצע אַרמיי איז צוגעגרייט געוואָרן צום אַלגעמיינעם אָנגריף, ווען חבר מאַכנאָ מיט זיין גרופּע וועט האָבן דערפּאָלג.

די הויפּט־באַוואָפענונג פון מאַכנאָס אַרמיי איז געווען נישט קיין גרויסע: לייכטע וועגענער, איינגעשפּאַנט צו צוויי געזונטע, פעסטע פערד און אויף דעם וואָגן זענען געווען צוגעפּאַסט אַ צאָל מאַשין־ביקסן, און צו דעם איז די גרעסטע טייל פון חבר מאַכנאָס אַרמיי געווען די קאַוואַלעריע.

יענע נאַכט האָט מאַכנאָ מיט זיין ערשטער גרופּע, מיטנעמענדיק איניקע וועגענער, זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ געפערלעכער מיסיע. זיי זענען געפאָרן שטיל ווי נאָר מעגלעך, אין דער פינצטערניש פון טיפן וואַלד. ווען ס׳האָבן זיך גענומען ווייזן די ערשטע שטראַלן פון טאָג, זענען זיי שוין געווען נישט ווייט פון שטעטל. די צייט ווען דער שלאָף פּרובירט פאַרשלעפערן דעם וואַכעדיקן, חבר מאַכנאָ מיט איניקע קעמפערס זענען אַרונטער פון זייערע פערד און שטי־לערהייט זענען זיי צוגעקומען צום פּריזער באַשטימטן פלאַץ און ס׳האָט נישט געדויערט לאַנג און זיי האָבן פאַרטיליקט די וואַך, וואָס האָט געהיט די שטאָט. ווען זיי זענען געווען פאַרטיק מיט דער ערשטער סטאַנציע, זענען די איבעריקע קעמפערס צוגעפאָרן און מ׳האָט זיך אַרויסגעלאָזט צו פאַרניכטן די גאַנצע וואַך.

דערווייל איז אָנגעקומען די צווייטע גרופּע און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ריכטיקע שחיטה. חבר מאַכנאָ און זיינע קעמפערס האָבן אַרומגערינגלט דאָס שלאָפנדיקע מיליטער און אין אַ קורצער צייט אַרום זענען אונטערגעקומען נאָך קעמפערס און מ׳האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיטן געווער און די קאַנאָנען צו פאַר־ניכטן אַ טייל גענעראַל דעניקינס ספּעציעלע אַרמיי. גענעראַל דעניקין האָט אין אַט דער שלאַכט פאַרלוירן די גרעסטע טייל פון זיינע בעסטע קעמפערס, די רעשטלעך האָבן געמוזט אַנטלויפן אַזוי שנעל ווי זיי האָבן נאָר געקענט. דער רעזולטאַט איז געווען אַז נעסטאָר מאַכנאָס גאַנצע פּאַרטיזאַנער־אַרמיי האָט זיך געראַטעוועט.

דווקא דעמאָלט, הייסט עס, בעת ס׳האָט אויסגעזען אַז נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי זאָל אומקומען, ווען אַלע מיליטערישע שאַנסן זענען געווען אויף דער זייט פון גענעראַל דעניקין — דווקא דעמאָלט איז ווי דורך אַ נס, דער רעזולטאַט געווען איינער פון די גרעסטע נצחונות איבער דער ווייסער אַרמיי.

די חברים, מיט נעסטאָר מאַכנאָ בראש, האָבן געוווּסט, אַז זיי געפינען זיך אין אַ גרויסער סכנה; אַז זיי שטייען ערב אַ טאָטאַלער פאַרניכטונג. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָט די גרויסע לוסט מקריב צו זיין זיך פאַר דער סאָציאַ־לער רעוואָלוציע, און די הויפּטזאַך, אַז די חברים וואָס זענען געגאַנגען פאַרויס אין דער שווערער און געפערלעכער אַרבעט, האָבן נישט געהאַט די ראָמאַנטישע אילוזיעס פון וועלכע אונדזער באַוועגונג האָט געליטן, נאָר זיי האָבן געהאַט דעם שטאַרקן גלויבן פון קאָנסטרוקטיוון רעאַליזם אין זייער טעגלעכן לעבן — אָט דאָס האָט געמאַכט אַזוי לעגענדאַריש שטאַרק מאַכנאָס באַוועגונג. אין אַ געוויסן זינען קען מען אָט די פאָלקס־באַוועגונג צוגלייכן צו די לעגענדאַרישע פאָלקס־באַוועגונגען פון פּוגאַטשאָוו און סטענקאַ ראַזין. די דאָזיקע אַלע דריי

פּאָלקס־באַוועגונגען האָבן געהאַט אייגענע מעטאָדן און צוגאַנגען אין זייער טאַקטיק.

איך שטעל זיך דאָ אָפּ אין דער שילדערונג פון דער מאַכנאָ־באַוועגונג, נאָר איך וועל נאָך מוזן צוריקקומען צו דער אָ קאָנסטרוקטיווער באַוועגונג.

***

אומקערנדיק זיך צו די פאַרזאַמלטע חברים אין קיִעוו, איז די הויפּט־פראַגע פון אָונט געווען: וווהין און ווי אַזוי קען מען זיך עוואַקויִרן? אַלע האָבן געוואָלט פאָרן קיין מאָסקווע, נאָר דאָס איז געווען אַ שווערע זאַך דורכצופירן אין לעבן, ווייל צו קריגן אַ דערלויבעניש און אַ בילעט אַרויסצופאָרן פון קיִעוו, איז געווען פון די שווערסטע זאַכן.

אַלע חברים האָבן געוווּסט, אַז איך האָב געהאַט אַ וואַגאָן און אַלע האָבן געוואָלט, אַז איך זאָל זיי מיטנעמען קיין מאָסקווע. קיינער האָט נישט געוואָלט פאַרשטיין, אַז אין דער סיטואַציע פון פּאַניק, האָב איך נישט געהאַט די מעגלעכקייט דאָס צו טאָן. פון דעסט וועגן האָב איך צוגעזאָגט, אַז איך וועל פּרובירן טאָן אַלץ וואָס אין מיינע כוחות, כדי צו העלפן אַרויספאָרן די חברים פון קיִעוו.

האָבנדיק פאַרבינדונגען און באַקאַנטשאַפט און צו דעם מאַנדאַטן, וואָס האָבן געעפנט פאַר מיר אַ סך טירן, איז מיר געלונגען צו קריגן אַ געוויסע צאָל דערלויבענישן און בילעטן פאָרן באַן, און אָט די חברים האָבן געקענט אַוועקפאָרן קיין מאָסקווע. האָט מען דאָך באַדאַרפט באַזאָרגן אויך די אַנדערע חברים וואָס האָבן געוואָלט אַוועקפאָרן.

האָב איך בײַ זיך באַשלאָסן זיך צו ווענדן מיט אַ בקשה צו אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ. איך האָב איר דערציילט, אַז אַ צאָל פון מיינע חברים וואָס האָבן זיך עוואַקויִרט פון כאַרקאָוו קענען נישט קריגן קיין דערלויבעניש און קיין בילעטן אַרויסצופאָרן פון קיִעוו. און איך האָב בײַ איר געבעטן אַ דערלויבעניש אַז איך זאָל האָבן דאָס רעכט מיטצונעמען זיי אין מיין וואַגאָן, פאַרזיכערנדיק איר, אַז זיי וועלן נישט פאַרנעמען די פּלעצער פון די פאַמיליעס, וואָס וועלן פאָרן מיט מיר. האָט זי מיר געענטפערט: דו ווייסט דאָך, אַז איך קען דיר נישט אָפּזאָגן דיין ביטע און איך פאַרשטיי, אַז זיי מוזן עוואַקויִרט ווערן פון קיִעוו. נאָר איין זאַך וויל איך האָבן פון דיר: אַז דו זאָלסט אונדז פאַרזיכערן, אַז אָט די מענטשן זענען נישט קיין קאָנטעררעוואָלוציאָנערן און זיי פירן נישט קיין באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער סאָוויעטן־רעגירונג.

דאָס האָט מיך געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט, ווייל צווישן די וואָס האָבן געדאַרפט פאָרן מיט מיר זענען געווען אייניקע יונגע חברים, וואָס זענען ערשט איצט געקומען פון מאַכנאָס אַרמיי, נאָר ראַטעווען זיי האָט מען דאָך געמוזט, האָב איך איר געגעבן מיין וואָרט, אַז אַזעלכע געפינען זיך נישט צווישן מיינע חברים. האָט זי געהייסן איר סעקרעטאַרשע גלייך אָנשרייבן אַ דערלויבעניש וועלכע האָט געגעבן מיר דאָס רעכט מיטצונעמען אַ צאָל מענטשן אין מיין וואַ־

גאָן. איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך האָב געמוזט געבן מיין ערנוואָרט, אַז די, וועלכע איך וויל נעמען מיט זיך, זענען נישט קיין קאָנטררעוואָלוציאָנערן און איך האָב צוגעגעבן: איר פאַרשטייט דאָך, אַז איך וויל נישט קאָנטראָלירן אייערע געדאַנקען און איבערצייגונגען, נאָר וואָס איך וויל יאָ, ווייל איך האָב געגעבן מיין ערנוואָרט איז, אַז איר זאָלט מיר צוזאָגן, ערשטנס, נישט צו דיסקוטירן מיט די מענטשן, וואָס וועלן פאָרן אין מיין וואַגאָן, וואָרעם זיי זענען אַלע פאַמיליעס פון הויכע באָלשעוויסטישע באַאַמטע.

און, צווייטנס, וויל איך, אַז ביז מאָסקווע זאָל קיינער נישט אַרויסזאָגן זיך ווער איר זענט. די חברים, וואָס וועלן אָננעמען אָט די צוויי באַדינגונגען, וועלן קענען פאָרן מיט מיר. און נאָך אַ זאַך: קיינער פון איך וועט נישט קענען פאַרנעמען קיין פלעצער ביז אַלע עוואַקוירטע וועלן שוין האָבן זיך איינגעאָרדנט אויף זייערע ערטער.

די חברים זענען איינגעגאַנגען אויף די דאָזיקע קאָנדיציעס און צוגעזאָגט צו זיין מיט לייטן גלייך, כאָטש איך האָב געהאַט אַ פאָרגעפיל אַז פון אייניקע וועל איך אַוודאי נישט האָבן קיין נחת. נישט נעמען זיי אָבער, וואָלט געהייסן אַז איך האָב איבערגעלאָזן אַ צאָל חברים. אָבער פון דער צווייטער זייט, האָט זיך מיר זייער נישט געוואָלט ברעכן מיין ערנוואָרט און פאַרלירן דעם צוטרוי פון אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ. נאָר, ווילנדיק צי נישט ווילנדיק — האָב איך געמוזט מיטנעמען אַלע חברים.

ווען איך בין אויף מאָרגן געקומען צו דער באַלאַבאַנאָוואַ, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי האָט שוין געקראָגן די פאַראָרדענונג, אַז מיין וואַגאָן זאָל צוגעטשעפּעט ווערן צום פּאַסאַזשיר־צוג, וואָס וועט מיט צוויי טעג שפּעטער אָפּגיין ביי נאַכט קיין מאָסקווע. צו דער זעלבער צייט, האָט זי מיר מיט מיין געהילף געהייסן צוגיין אין קאָמיסאַריאַט, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט אויף פּראָדוקטן און אויב ס׳איז שוין פאַר אונדז אַלץ צוגעגרייט, קענען מיר דאָס נעמען און ברענגען אין וואַגאָן.

דאָ האָב איך געהאַט אַ ביסל נישט אָנגענעמלעכקייט פון מיין געהילף. ער איז אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, און איך בין דאָס נישט, און צו דעם אַן אַנאַרכיסט, און מיר פאַרטרויט מען אַלץ און ער מוז זיין נאָר אַ געהילף. באַמערקנדיק זיין אומצופרידנקייט און נישט ווענדיק האָבן אין וועג קיין צרות פון אים, האָב איך אים גענומען צו דער באַלאַבאַנאָוואַ און איר געבעטן אַז ער זאָל איבערנעמען מיין פּאָסטן און איך זאָל זיין דער געהילף. באַלאַבאַנאָוואַ האָט מיר געשטעלט די פראַגע: פאַר וואָס וויל איך איצטער מיט אַ מאָל אויפגעבן די אַרבעט, וואָס איך האָב געטאָן די גאַנצע צייט אַזוי גוט. האָב איך איר געזאָגט, אַז עס דאַכט זיך מיר אַז מיין געהילף איז נישט צופרידן, וואָס איך פאַרנעם דעם אויבנדן. איך האָב צוגעגעבן, אַז איך זוך נישט קיין כבוד, און ווען ער דענקט אַז ער האָט שוין די דערפאַרונג וואָס איך האָב, בין איך ווילִיק איבערצוגעבן אים די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

נאָך דעם, ווי די באַלאַבאַנאָוואַ האָט מיך אויסגעהערט, האָט זי געגעבן אַ

לעקציע דעם יונגן קאָמוניסט און צוגעגעבן, אַז איך האָב שוין דורכגעפירט אַ רייע אַרבעטן מיט דעם גרעסטן דערפאָלג. דו, חבר — האָט זי אים געזאָגט — הייבסט ערשט איצטער אָן צו אַרבעטן ווי אַ דיפּלאָמאַטישער קוריער, האָב איך דיך אָנגעשטעלט ווי אַ געהילף צו חבר יעלענסקי, אַז דו זאָלסט קענען עפּעס לערנען. ווען דו ווילסט נישט, אָדער דיר געפעלט עס נישט, צו פאָרן ווי אַ געהילף פון חבר יעלענסקי, וועל איך פאַר דיר קריגן אַ בילעט און דו קענסט פאָרן מיט דער אַלגעמיינער באַן. דער יונגער קאָמוניסט האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר דער באַלאַבאַנאָוואַ און פאַר מיר און איז געבליבן ווי מיין געהילף.

די באַלאַבאַנאָוואַ האָט מיר געזאָגט, אַז אַלע די וואָס וועלן פאָרן מיט מיין וואַגאָן, וועלן האָבן צעטלעך מיט איר אונטערשריפט. און זי האָט מיטגעגעבן אַ רשימה מיט נעמען פון די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געדאַרפט מיט אונדז פאָרן. אין אָוונט זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען צו פאַרברענגען דעם לעצטן אויף דער נאַכט מיט די חברים, וואָס האָבן באַשלאָסן איבערצובלייבן אין קיִעוו פאַר אונטערערדישער אַרבעט, גלייכצייטיק האָב איך זיך צוזאַמענגערעדט מיט די חברים וואָס האָבן געדאַרפט פאָרן מיט מיר, אַז זיי זאָלן זיין אַלע צוזאַמען אויפן וואָקזאַל. מיר האָבן פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט. מיר האָבן זיך פאַררעדט איבער דער פראַגע פון דער מאָסקווער אונטערערדישער גרופּע, די אַרבעט (?) וואָס זיי טוען און צי איז זי אַ קאָנסטרוקטיווע אָדער גאָר דעסטרוקטיוו. די גרעסטע טייל איז געווען קעגן דער גרופּע. דער עיקר־מאָטיוו איז געווען, אַז אָט עוואַקויִרן מיר זיך פון דער ווייסער אַרמיי, וועלכע וויל ברענגען צוריק דעם אַלטן רעאַקציאָנערן רעזשים. אַטאַקירן און סאַבאָטירן איצטער די באָלשעוויקעס וואָלט געמיינט, אַז מיר העלפן דירעקט די רעאַקציאָנערע שוואַרצע כוחות פון גאַנץ רוסלאַנד. די „ראָמאַנטיקער” האָבן דאָס נישט געוואָלט איינזען. די גאַנצע סכנה פון יענער צייט, ווען דער גלויבן איז נאָך געווען, איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ווען מע זאָל צעברעכן די רעאַקציאָנערע כוחות, זאָלן נישט אויפשטיין אַנדערע דיקטאַטאָרישע אימפּולסן, וואָס זאָלן צונישט מאַכן די דערגרייכונגען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אַזוי ווי מיין וואַגאָן איז געשטאַנען לעבן דעם וואָקזאַל, האָבן מיינע פּאַסאַזשירן אָנגעהויבן צו קומען באַלד נאָך מיטיק, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער צוג האָט געדאַרפט פאַרלאָזן קיִעוו אַרום מיטן נאַכט. די „דאַמעס” פון דער נייער ביוראָקראַטיע האָבן דערוואַרט, אַז אין מיין וואַגאָן זענען פאַראַנגען קופּעס, ווו זיי וועלן קענען באַקוועם שלאָפן. ס'האָט גענומען עטלעכע שעה, ביז אַלע מיינע פּאַסאַזשירן זענען אָנגעקומען און פאַרנומען זייערע פּלעצער און מיין וואַגאָן איז שוין געווען צוגעטשעפּעט צום באַן. דעמאָלט בין איך אַרויס אויפן וואָקזאַל ווו די חברים האָבן שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מיר. מיט מיינע פּאַפּירן האָב איך זיי דורכגעפירט דורכן טויער פון וואָקזאַל און אַריינגעפירט אין מיין וואַגאָן, אינעם אָפּטייל ווו עס זענען געשטאַנען די קאַסטנס מיט די פּראָדוקטן. דאָרטן האָבן זיי געמאַכט פאַר זיך אַ פּלאַץ.

פונעם אַרומלויפן דעם גאַנצן טאָג און די אַרגומענטאַציעס פון אייניקע פון

מיינע פּאַסאַזשירן, בין איך געווען שטאַרק אויסגעמאַטערט און איך האָב זיך נישט געפילט אַזוי גוט. האָב איך געדענקט, אַז דאָס קומט מיר פון דעם שווערן טאָג אַרבעט. ווען שפּעט ביי נאַכט האָט זיך דער צוג געלאָזט אין וויטן וועג אַריין און די פּאַסאַזשירן זענען שוין צו ביסלעך אַנטשלאָפן געוואָרן, האָב איך געהייסן מיין געהילף, אַז ער זאָל זיך לייגן שלאָפן אויף אַ 3—4 שעה און איך וועל אַכטונג געבן, אַז מע זאָל נישט אָפּטשעפּען אונדזער וואַגאָן, ערגעץ ווו אויף די גרויסע סטאַנציעס.

איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אין מיין קופּע אַ ביסל אָפּצורוען, אָבער וואָס וויטער דער באַן האָט זיך געטראָגן אין דער פינצטערער נאַכט אַריין, האָב איך אַלץ מער און מער אָנגעהויבן צו פילן ווייטיקן מיט שטאַרקע שמערצן. איך האָב מיט שוועריקייטן צוויי מאָל געדאַרפט אַרויסגיין פון וואַגאָן, ווען אונדזער צוג איז אָנגעקומען צו גרעסערע סטאַנציעס, ווען איך האָב שוין כמעט באַלד פאַרטאָג אויפגעוועקט מיין געהילף, האָב איך זיך שוין נישט געקענט רירן פונעם פּלאַץ ווו איך בין געלעגן. איך האָב געפילט, אַז איך בין שטאַרק קראַנק. איך האָב געהאַט מיט זיך אַ פלאַש גוטן בראָנפן, האָב איך געבעטן מיין געהילף, אַז אויף דער קומענדיקער גרויסער סטאַנציע זאָל ער קריגן הייסע וואַסער אויף טיי. האָב איך נאָך דעם אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזער טיי מיט בראָנפן, און געבעטן מיין געהילף, אַז ער זאָל מיך לאָזן שלאָפן און ווען ער וועט דאַרפן הילף, וועלן אים העלפן מיינע חברים, און איך בין טאַקע אין גיכן אַנשלאָפן געוואָרן.

איך בין אָפּגעשלאָפן ביז נאָך מיטיק-צייט. מיינע פּאַסאַזשירן האָבן מיר אָנגעהויבן איינרעדן, אַז איך זאָל אין אַ געוויסער שטאָט, וואָס מיר האָבן גע־דאַרפט דורכפאָרן, אָפּשטייגן דאָרטן און אַריין אין אַ שפּיטאָל. אָבער איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין מאָסקווע ווו איך וועל קריגן די בעסטע הילף וואָס איך דאַרף. אַלץ איז אָנגעגאַנגען אין וואַגאָן אין גוטער אָרדענונג, אַ חוץ די דאַמען פון די הויכע באַלשעוויסטישע באַאַמטע, וואָס זיי האָבן נישט דערוואַרט — און זיי גאָר וויניק סימפּאַטיע אַרויסגעוויזן — די גרופּע חברים מיינע, ווען זיי האָבן אין דער פרי זיי דערזען. מיין געהילף האָט זיי באַרויקט, די דאַמען, דער־מיט, וואָס ער האָט זיי דערקלערט, אַז די גרופּע פאָרט מיט דער דערלויבעניש פון אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָווא.

אָבער מיין ווערן ערנסט קראַנק האָט אין גיכן געשאַפן אַ פריינדלעכע אַטמאָספערע און יעדער איינער האָט געוואָלט מיט עפּעס העלפן מיר. אָפּליגנ־דיק דעם גאַנצן טאָג און די נאַכט, האָב איך זיך אויף מאָרגן אָנגעהויבן צו פילן אַ ביסל בעסער. און ווען דער צוג איז אָנגעקומען פאַר מיטיק-צייט צו דער גרויסער סטאַנציע, האָב איך באַקומען דעם פאַרלאַנג אַרויסצוגיין אויפן וואָק־זאַל און כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. דערצו דאַרף איך אָנמערקן, אַז אויף יע־דער גרויסער סטאַנציע פלעגן די פויערים צוברענגען צום פאַרקויפן עסנוואַרג, און דאָס איז געווען די לעצטע גרויסע סטאַנציע אין אוקראַינע, ווו מע האָט נאָך

געקענט עפּעס קריגן צום עסן. האָב איך גענומען מיט זיך מײַן געהילף און איבערגעלאָזט דעם אויפזעער אַלעקסײ, אַז ער זאָל אַכטונג געבן אויפן וואַגאָן.

הינטער דעם וואָקזאַל איז געווען אַ ריכטיקער מאַרק. די גרויסע צאָל פּאַ־סאַזשירן פון אונדזער באַן און די גאָר היפּשע צאָל פּויערים וואָס זענען געקו־מען, האָבן געשאַפן אַ גרויסע מאַסע מענטשן. אַזוי אַרומגייענדיק מיט מײַן גע־הילף, האָב איך דערזען פון דער ווײַטנס אַז די פיר יונגע חברים, וואָס זענען ערשט געקומען פון נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמײ, טראָגט יעדער פון זײ אַ פּאַק מיט דעם ספּעציעלן נומער „נאַבאַט“, וואָס האָט באַהאַנדלט די פּראַגע פון דער נעסטאָר מאַכנאָ־באַוועגונג און ווי אַזוי די באָלשעוויקעס פירן אַן אַ ביטערן קאַמף צו פאַרניכטן מאַכנאָס באַוועגונג. דערזעענדיק אָט דאָס, האָב איך זיך געגעבן אַ פאַרדרײ אין אַן אַנדער זײַט מיטן צוועק און האָפענונג, אַז מײַן געהילף זאָל דאָס נישט באַמערקן. איך האָב אים געזאָגט אַז איך פיל זיך נישט אַזוי גוט און מיר זענען אַוועק צוריק אין וואַגאָן. אויף מײַן געהילפס פּנים האָב איך דערקענט, אַז ער האָט גוט געזען וואָס די פיר יונגע חברים האָבן געטאָן. ווען מיר זענען צוגעקומען צום וואַגאָן, זאָגט ער מיר, אַז ער וויל גיין עפּעס קויפן עסנוואַרג. איך בין געווען זיכער, אַז ער איז אַוועק אין דער אײַזנ־באַן־טשעקאַ צו דערציילן דאָרטן, אַז אַנאַרכיסטן צעטיילן אַ צײַטונג וועגן מאַכנאָ.

האָב איך, גלײַך ווי ער איז אַוועק, צוגערופן צוויי חברים און זײ געבעטן, אַז זײ זאָלן נאָכגיין מײַן געהילף און זען וווהין ער גייט, ווײַל איך דערוואַרט צרות. אין גיכן האָב איך זײ דערציילט, וואָס איך האָב געזען אויפן מאַרק, ווי די פיר יונגע חברים האָבן צעטיילט צווישן די פּויערים דעם ספּעציעלן נומער „נאַבאַט“.

ווען די צוויי חברים זענען אַוועק, בין איך צוגעגאַנגען צו דער גרופּע אַנ־דערע חברים און זײ דערציילט וועגן דער פּאַסירונג און געזאָגט, אַז אַזוי ווי זײ האָבן מיר געגעבן אין קיִעוו אַ קאָלעקטיוון ערנוואָרט, אַז אויפן וועג ביז מאָסקווע, וועט קיינער פון זײ נישט אַרויסווײַזן קיין שום סימנים פון לאָזן וויסן ווער זײ זענען. האָב איך זײ געזאָגט קלאָר און דײַטלעך: אפשר גלייבט איר נישט, אַז איר דאַרפט האַלטן אײַער וואָרט און ספּעציעל צו די באָלשעוויקעס, נאָר איך פאַרזיכער, ווען איך גיב מײַן ערנוואָרט אַפילו צו אַ באָלשעוויק, האַלט איך מײַן וואָרט.

האָב איך זײ צוגעשטעלט אַן אולטימאַטום: אָדער זײ וועלן גלײַך אַוועקגיין אויפן מאַרק און אָפּשטעלן די פיר יונגע חברים אײַנעם צעטיילן די צײַטונג, אָדער איר וועט אַלע מוזן פאַרלאָזן מײַן וואַגאָן, ווײַל אַזאַ מין אומפאַראַנטוואָרט־לעכקייט טאָלעריר איך נישט.

די גאַנצע פּאַסירונג האָט מיך זייער שטאַרק צערודערט און איך האָב זיך ווידער אָנגעהויבן צו פילן נישט גוט. נאָר דער געדאַנק, אַז אויף מאָרגן אין דער פרי וועלן מיר שוין זײַן אין מאָסקווע, האָט מיך אויפגעהאַלטן. ס׳האָט נישט געדויערט קיין האַלבע שעה, זענען געקומען צוריק די צוויי חברים וואָס כ׳האָב געשיקט מיט די אַנדערע פיר, וואָס האָבן זיך אַרײַנגערוקט אין אַ ווינקל און האָבן זיך נישט געוויזן ביז מאָסקווע. דאַן איז געקומען מײַן געהילף מיט אַ פּאַק

עסנוואַרג און די צוויי חברים, וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען, האָבן מיר געזאָגט, אַז ער איז געווען די גאַנצע צייט אויפֿן מאַרק.

ביזן היינטיקן טאָג קען איך נישט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס אָט דער יונגער באָלשעוויק, וועלכער איז געווען נישט צופֿרידן זייענדיק אין קיִעוו צו זיין אַ געהילף ביי אַן אַנאַרכיסט, איז נישט אַוועק דאָן צו דער אייזנבאַן־טשעקאַ און געמסרט, אַז אַנאַרכיסטן צעטיילן די צייטונג „נאַבאַט". מיט דעם אַליין האָט ער דאָך געקענט ווערן אַ „העלד" און פֿאַרנעמען מיין שטעלע. וואָס ס'האָט אים אָפּגעהאַלטן דאָס צו טאָן — איז געבליבן פֿאַר מיר אַ רעטעניש.

ווען דער באַן איז געקומען פֿאַרנאַכט צו אַ גרויסער סטאַנציע, האָב איך געשיקט אַ טעלעגראַמע צו קאַראַכאַנען, אַנזאָגנדיק אים אַז איך בין געוואָרן שטאַרק קראַנק און אַז ער זאָל באַזאָרגן, אַז ווער נישט איז פֿון קאָמיסאַריאַט זאָל קומען מיט אַ וואָגן און נעמען די פּראָדוקטן פֿון וואַגאָן, אין דער זעלבער צייט, האָב איך געבעטן, אַז ער זאָל באַזאָרגן אַ צימער פֿאַר מיר.

בעת מיר זענען אויף מאָרגן אָנגעקומען קיין מאָסקווע, האָבן שוין אויף אונדז געוואַרט אַן אויטאָמאָביל און אַ וואָגן מיט צוויי מיטרייטער פֿון קאָמיסאַ־ריאַט, וואָס האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז דאָס מאָל האָב איך אַ צימער אין האָ־טעל „מעטראָפּאָל". אַ טייל פֿונעם האָטעל האָט פֿאַרנומען דער אויסלענדישער קאָמיסאַריאַט. און צו דעם האָבן זיי געזאָגט, אַז אָט די אַלע פּראָדוקטן, וואָס מיר האָבן געבראַכט, וועלן זיך געפֿינען ביי מיר אין צימער.

גאָר אין גיכן, ווי נאָר איך בין אַריין אין האָטעל, איז געקומען צו מיר אַ דאָקטער. נאָך דעם ווי ער האָט מיך אונטערזוכט, האָט ער באַפֿוילן אַז איך זאָל נישט ווינציקער ווי אַ וואָך צייט פֿאַרבלייבן אין בעט. מיט אים איז געקומען אַ פּרוי אַ דאָקטערשע, וואָס האָט געוווינט אין האָטעל און זי האָט געדאַרפֿט אויף מיר אַכטונג געבן.

צו מאָרגנס האָט מען צעטיילט דעם גרעסטן סכום פֿון די פּראָדוקטן, נאָר איך האָב געזען, אַז אונדזערע חברים זאָלן נישט פֿאַרגעסן ווערן און האָבן וואָס עס איז צוצובייסן...

***

דעם זעלביקן אָוונט האָב איך געהאַט אַ פֿולן צימער מיט חברים. מאַרק מראַטשני, וואָס איז געפֿאָרן מיט מיר, נינאַ, פֿאַני אַווראַצקאַיאַ. די לעצטע צוויי האָבן געמאַכט זייער היים אין מיין צימער און אַזוי ווי דער צימער איז געווען זייער גרויס, מיט צוויי בעטן, און נאָך אַ פּאָר פּלעצער ווו מען האָט געקענט שלאָפֿן, איז נישט געווען קיין נאַכט, אַז אַ חוץ מיינע צוויי „מלאכים", נינאַ און פֿאַני, פֿלעגן איינער אָדער צוויי שלאָפֿן ביי מיר אין צימער און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן נישט לעגאַל, ווייל אַריינצוגיין אין האָטעל האָט מען געדאַרפֿט האָבן אַ דערלויבעניש. נאָר אַזוי ווי מען האָט געוווּסט, אַז ביי מיר קאָן מען קריגן עפּעס צום עסן, האָב איך געקענט אַ סך זאַכן אויס־פֿירן.

נאָך דער צאָל באַזוכער ביי מיר ביי טאָג און ביינאַכט, האָט געקענט אויס־זען, אַז די גרעסטע טייל פון דער רוסישער באַוועגונג איז דאַן געווען קאָנ־צענטרירט אין מאָסקווע. איין טאָג קאָן מען זאָגן איז געווען אַן אַנאַרכיסטישע פאַרזאַמלונג ביי מיר אין צימער. מאַרק מראַטשני, אַראָן באַראָן, אַראָנטשיק און נאָך אַ חבר פון דער אונטערערדישער גרופּע און נינאַ. די לעצטע דריי האָבן פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט פון דער אונטערערדישער גרופּע. די אַקטיוויטעט פון אָט דער גרופּע איז געווען אומעטום די פראַגע פון טאָג.

אַ חוץ די דריי אויבנדערמאַנטע, זענען אַלע חברים שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די אַקטיוויטעטן פון דער אונטערערדישער גרופּע. אויסער די דאָזיקע דריי, פלעגן נאָך חברים קומען אָפּט פון יענער גרופּע.

די וואָך צייט בעת איך בין געלעגן צו בעט, האָבן אַזעלכע צוויי גוטע חברטעס ווי נינאַ און פאַני, שטענדיק מיך אָפּגעהיט און אויף מיר אַכטונג געגעבן און אויך די אַנדערע חברים, וואָס זענען מיר געקומען געווירע ווערן, האָבן געווירקט, אַז די צייט זאָל אַוועק אומבאַמערקט און איך האָב זיך אָנגעג־פאַנגען צו פילן עפּעס בעסער. דער ספּעציאַליסט האָט מיר דערלויבט אַרונ־טערצוגיין פון בעט, נאָר ס׳האָט באַלד גענומען אַ חודש צייט, ביז איך בין אין גאַנצן געקומען צו זיך.

ערשט ווען איך האָב אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין גאַס און טרעפן זיך מיט באַקאַנטע פון די באָלשעוויקעס, האָב איך גענומען דערפילן דעם פּאָליטישן פולס וואָס קומט פאָר אין לאַנד.

די באָלשעוויקעס זענען געצוווּנגען געוואָרן פון גענעראַל דעניקין צו פאַרלאָזן אוקראַינע און גענעראַל דעניקין איז אַריין אין גרויס־רוסלאַנד, אמת, מיט דער הילף פון דער טשעכאָ־סלאָוואַקישער אַרמיי, וואָס האָט זיך געפונען אין סיביר און געוואָלט אַוועקפאָרן צוריק קיין טשעכאָ־סלאָוואַקיע. אַדמיראַל קאָלטשאַק האָט נישט געוואָלט און נישט געקענט דאָס טאָן.

האָבן די טשעכאָ־סלאָוואַקן אַרעסטירט דעם פירער פון די ווייסע דעם אַדמיראַל קאָלטשאַק, וואָס האָט פאַרכאַפּט, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אין דער שטאָט יאַראָסלאַוועל, דעם זאַפּאַס גאָלד, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט געהאַט און אָט מיטן דאָזיקן אוצר פון אַדמיראַל קאָלטשאַק, האָבן די טשעכאָ־סלאָוואַקן געמאַכט אַ געשעפט מיט די באָלשעוויקעס. די לעצטע וועלן נישט שטערן זייער פאָרן צוריק אַהיים און די באָלשעוויקעס וועלן באַקומען דאָס גאָלד און אין צוגאָב, דעם אַדמיראַל קאָלטשאַק... אינעם דאָזיקע געשעפט האָבן זיך די באָלשעוויקעס אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט, נאָר צו יענער צייט האָט די גרויסע רוסלאַנד אויסגעזען ווי נישט קיין גרויסע רינג, פון וועלכן ס׳האָט זיך געצויגן ווי אַ פּאַס צו די אוראַלער בערג, ס׳איז געווען נאַטירלעך, אַז עס זאָל זיך אָנהייבן צו פילן אַ געוויסער פּאַניק און אין דער שטיל האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצופירן ווערטיקע זאַכן פון לענינגראַד און מאָסקווע.

ווען איך האָב אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין גאַס, האָט איין טאָג מיך אָנ־גערופן דורכן טעלעפאָן אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ. זי האָט מיר געזאָגט, אַז

זי וויל מיך זען. דעם זעלביקן טאָג בין איך געקומען זי זען. אַט די גוטע פרוי וואָס נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז געווען אַ באָלשעוויטשקע, וואָס פאַרנעמט אַזאַ הויכן פּאָסטן, ווי דער סעקרעטאַר פון דעם דריטן אינטער־נאַציאָנאַל, איז זי געווען די איינפאַכקייט און ליבלעכקייט אין פּערזאָן.

ווען איך בין געקומען צו איר, האָט זי ביי מיר געפרעגט צי איך קאָן מאַכן אַ שפּאַציר מיט איר צו דער ביוראָ פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. די פראַגע האָט מיך שטאַרק איבערראַשט. ערשטנס, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז באַלאַבאַנאָוואַ האָט געהאַט אַן אויטאָמאָביל, וועלכער פלעגט זי באַדינען און, צווייטנס, ווייל די ביוראָ איז געווען אַ לענגערע שטרעקע פון איר וווינונג. איך האָב גלייך נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס זי וויל מאַכן אַזאַ לאַנגען שפּאַ־ציר און, אויף מיין פראַגע צו איר צי זי ווייסט ווי ווייט דאָס איז, האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי ווייסט און אַז זי האָט שוין עטלעכע מאָל געמאַכט אַזעלכע שפּאַצירן, און כדי צו פאַרגלעטן מיין פראַגע, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי וויל עפּעס רעדן מיט מיר.

ערשט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אַז לענין, ראַדעק און די איבעריקע כאַפּטע, האָבן געוואָלט די באַלאַבאַנאָוואַ אַרויסשטופּן פון איר פּאָסטן ווי דער סעקרעטאַר פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אַפילו לענין האָט נישט געהאַט דעם מוט צו זאָגן איר וועגן דעם באַשלוס, האָט מען זי פּריִער אָוועקגעשיקט צו ראַקאָווסקין אין כאַרקאָוו און שפּעטער אין קיִעוו. ווען באַלאַבאַנאָוואַ איז צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, האָט זי נאָך נישט גע־וווּסט, אַז מ׳האָט אָנגעשטעלט אַ נייעם סעקרעטאַר און מ׳האָט איר גאָרנישט ניט געזאָגט וועגן דעם. איז זי אַלע טאָג געקומען אינעם ביוראָ פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. האָבן זיי באַשלאָסן צוצונעמען ביי איר דעם אויטאָמאָביל און מיט דעם האָבן זיי געדענקט וועלן זיי פון איר פּטור ווערן. זי האָט דאַן פאַרשטאַנען דעם טייוולשן שפּיל, נאָר זי האָט, ווי עס זעט אויס, באַשלאָסן צו מאַכן זיך נישט וויסנדיק און קומען אין דער ביוראָ אַלע טאָג.

ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער שפּאַציר צו דער ביוראָ, האָבן מיר גערעדט וועגן פאַרשיידענע ענינים. אָבער מיט אַמאָל שטעלט זי זיך אָפּ און זאָגט צו מיר: איך מוז עפּעס אויסגעפינען ביי דיר. איך ווייס אַז פּאָר די חדשים, וואָס דו אַרבעטסט אינעם קאָמיסאַריאַט ווי אַ דיפּלאָמאַטישער קוריער, האָסטו געטאָן דיין אַרבעט גוט און איבערגעגעבן, און איך קען דיר זאָגן, אַז פון טשיטשערינען ביז די קלענערע באַאַמטע, און אַריינגערעכנט מיר פּערזענ־לעך, האָבן מיר אַ גרויסן צוטרוי צו דיר, נישט קוקנדיק וואָס דו באַלאַנגסט נישט צו דער פּאַרטיי. אָט דאָ האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס איך מוז מאַכן קלאָר: ווען דו האָסט אין קיִעוו געבעטן ביי מיר אַ דערלויבעניש מיטצונעמען אייניקע פון דיינע חברים קיין מאָסקווע, האָב איך פון דיר דאַן געפאָדערט, אַז דו זאָלסט גאַראַנטירן, אַז קיינער פון זיי פאַרנעמט זיך נישט מיט „קאָנטררעוואָ־לוציאָנערער אַרבעט״. און דו האָסט מיר געגעבן דיין ערנוואָרט אַז נישט. און איצט האָט מען מיר איבערגעגעבן אַז אייניקע, וועלכע דו האָסט מיט־

גענומען, האָבן צעטיילט אויף די סטאַנציעס די צייטונג „נאַבאַט" וועגן נעסטאָר מאַכנאָ. איך האָב באַלד דערפילט, אַז מיין געהילף האָט איר איבערגעגעבן די פּאַסירונג, וואָס איך האָב באַשריבן פריִער.

ווי שלעכט איך האָב זיך געפילט צו זאָגן מאָראַליש אַ ליגן, האָב איך געמוזט אָננעמען דאָס מיטל פון אַ האַלבן אמת, ווייל צוצוגעבן דעם פולן אמת האָט געקענט ברענגען ניט־געווונטשענע רעזולטאַטן. האָב איך דעריבער געזאָגט צו דער באַלאַבאַנאָוואַ: ווי איר ווייסט בין איך נאָך די ערשטע נאַכט, ווי נאָר איך בין אַרויסגעפאָרן פון קיִעוו, געוואָרן שטאַרק קראַנק, און ביז מאָסקווע בין איך נאָר איין מאָל אַרויס פון וואַגאָן אויף אַ פּאָר מינוט, ווייס איך נישט פון דעם פאַל. ווער ס'האָט אייך דערציילט די פּאַסירונג ווייס איך נישט, ווען די פּערזאָן וואָלט מיר גלייך אויפן פלאַץ געווען דערציילט די פּאַסירונג, וואָלט איך תיכף געווען אָנגענומען די נויטיקע מיטלען, אַז די פּערזאָנען זאָלן נישט פאָרן מער מיט אונדז. האָט די באַלאַבאַנאָוואַ מיר געזאָגט: דיין ענטפער שטעלט מיך צופרידן און פאַרגעס וואָס מיר האָבן איצט צווישן זיך גערעדט.

ביזן היינטיקן טאָג פּלאָגט מיך דאָס געוויסן, וואָס איך האָב נישט געקענט זאָגן איר דעם גאַנצן אמת און איך מוז נאָך אַמאָל אונטערשרייבן, אַז דער אַנאַרכיסטישער ראָמאַנטיזם האָט געשאַפן אַ סביבה פון אומפאַראַנטוואָרטלעכ־קייט, וועלכער האָט געבראַכט צו אַ סך רעדן און דיסקוטירן, און זייער ווינציק געפירט צו בויען דעם קאָנסטרוקטיוון רעאַליזם.

מיט יעדער טאָג זענען אָנגעקומען נייע חברים. אין די צוויי קלובן, וואָס זענען דעמאָלט געווען, האָט מען געקענט דעם גאַנצן טאָג און ביז שפּעט ביי־נאַכט, טרעפן גרופּעס חברים, מ'האָט גערעדט און דיסקוטירט איבער דער געשאַפענער פּאָליטישער סיטואַציע, און ספּעציעל וועגן דער מאָסקווער אונ־טערערדישער גרופּע, וועלכע האָט גוט אויסגענוצט די לאַגע, בעת די באָלשע־וויקעס זענען געווען אויף די מיליטערישע פראָנטן און זיי האָבן געמאַכט אייניקע געוואַגטע עקספּראָפּריאַציעס. די פראַגע האָט אַרויסגערופן הייסע דעבאַטעס, און די גרעסטע מערהייט פון די חברים זענען געווען שטאַרק קעגן דער אונטערערדישער גרופּע און אירע אַקטיוויטעטן.

ווי איך האָב פריִער באַמערקט, איז ביי מיר אין צימער אַלע טאָג, און אָפט אויך אין אָוונט, פאָרגעקומען צוזאַמענקונפטן פון חברים מיט וועלכע איך בין געווען נאָענט פאַרבונדן. פון די מאָסקווער חברים, וואָס זענען געווען פאַר דער לעצטער צייט שטענדיקע איינוווינער, האָב איך אָפט געטראָפן זיך מיטן פאַרשטאָרבענעם חבר׳ ג. פּ. מאַקסימאָוו. אַזוי ווי איך בין אַרומגעפאָרן און געהאַט די מעגלעכקייט צו טרעפן זיך מיט אַ גרויסער צאָל חברים און גרופּעס, איז ער אַלע מאָל געווען פאַראינטערעסירט אויסצופרעגן מיך וועגן די טעטיקייטן וואָס גייען אָן אין די פלעצער ווו איך פלעג זיין. צווישן אונדז האָט זיך אַנטוויקלט אַ נאָענטע פריינדלעכע חברשע באַציִונג, וואָס האָט אָנ־געהאַלטן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן (ער איז געשטאָרבן דעם 15טן מאַרץ

1950). איך פלעג אויך אַריינגיין צום אַלטן חבר א. קאַרעלין, וועלכער האָט שוין דעמאָלט מער געלעבט מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, ווי מיט דערווירקלעכ־קייט פון יענער עפּאָכע.

איך פלעג אויך פון צייט צו צייט אַריינגיין אין בוד־געשעפט און אינעם רעסטאָראַן, וואָס די ברידער גאָרדין האָבן געהאַט. אַ חוץ אַ גרופּע מענטשן, האָבן זיי נישט געהאַט קיין נאָכפאָלגערשאַפט פון זייער אינטער־אינדיווידואַ־ליזם און זייער נייער שפּראַך בי־אַ־באָ.

דאָס הויפּט־פּלאַץ, ווו מען פלעגט זיך טרעפן איז געווען דער אוניווער־סאַליסטישער קלוב, ווו עס זענען געווען חברים פון אַלע ריכטונגען. דאָרט האָט מען געקענט טרעפן נייע חברים און האָבן אַ מעגלעכקייט צו דיסקוטירן פאַרשיידענע פּראָגעס.

איין מאָל, ווען איך בין געקומען אין דעם קלוב, האָב איך דאָרט געטראָפן מאַרק מראַטשני. ער איז געשטאַנען און גערעדט מיט אַ זייער אַנגענעמער, לויטן אויסזען, חברטע, ווען מאַרק האָט מיך דערזען, האָט ער מיך צוגערופן און פאָרגעשטעלט: דאָס איז חברטע קלאַוודיאַ. און אין דער זעלביקער צייט גיט ער אַ מיר אַ זאָג: ס'וואָלט נישט געווען קיין שלעכטע זאַך ווען דו פאַר־בעטסט מיך מיט דער חברטע קלאַוודיאַ צו דיר אין צימער אויף אַ גלעזל טיי און עפּעס צובייסן, ווייל ער און חברטע קלאַוודיאַ זענען הונגעריק.

זענען מיר אַוועק אין מיין צימער, געמאַכט טיי און עפּעס צובייסן און נאַטירלעך האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע און מ'האָט פאַרענדיקט מיט דער מאָסקווער אונטערערדישער גרופּע.

חברטע קלאַוודיאַ איז געווען שטאַרק באַאיינפלוסט פון דעם, וואָס ס'האָט געטאָן די אונטערערדישע גרופּע און זי איז געווען זייער אַגרעסיוו אין איר דיסקוטירן. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס חברטע קלאַוודיאַ האָט געמאַכט אויף מיר נישט אַזאַ מין גוטן איינדרוק, האָב איך אָבער אין דער זעלבער צייט געפילט, אַז די יונגע פרוי האָט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און עפּעס אַ באַהאַל־טענע זאַך, וואָס האָט דיך געצויגן צו זיין מיט איר פריינדלעך. ערשט מיט איבער אַ יאָר שפּעטער האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט זייער נאָענט צו באַקענען זיך מיט קלאַוודיאַן, און בעסיע און איך זענען מיר געוואָרן מיט איר זייער נאָענטע חברים און פריינד.

די טעג און די וואָכן זענען געלאָפן שנעל און מיט יעדן טאָג איז די פּאָליטיש־מיליטערישע לאַגע געוואָרן אַלץ ערגער. די שטילע עוואַקואַציע האָט שוין אָנגעהויבן אָנצוגיין מיט עטלעכע וואָכן פריִער און מ'האָט גענומען אַרויס־פירן פון מאָסקווע און לעניגראַד אַלץ מער און מער ווערטפולע זאַכן און די אַלגעמיינע שטימונג איז פון טאָג טאָג צו טאָג געוואָרן ערגער.

אין אַ פרימאָרגן פון אָנהייב סעפּטעמבער 1919, האָב איך באַקומען אַ טעלעפאָן־רוף פון קאַראַכאַנס סעקרעטאַר און ער האָט מיך פאַרבעטן צו קומען אין קאָמיסאַריאַט. ווען איך בין אַריינגעקומען האָט קאַראַכאַן מיך וואַרעם אויפגענומען, אָבער אָן לאַנגע שהיות צוגעטראָטן צום ענין: — עס פאַרדריסט

מיר זייער, נאָר איך דאַרף אייך זאָגן נישט קיין אָנגענעמע נייעס. איך, טשי־טשערין (דער הויפּט קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע ענינים) און אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָווא שאַצן שטאַרק אָפּ אייער אַרבעט, אָבער מע האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז נישט קיין באָלשעוויק קען נישט זיין מער קיין דיפּלאָמאַטישער קוריער.

צו דעם האָט ער צוגעגעבן, אַז אויב איך וויל ווערן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלן זיי אַלע דריי מיר העלפן און געבן די בעסטע רעקאָמענדאַציע. ער האָט מיך געראָטן זיך צו נעמען צייט און באַטראַכטן די פראַגע און דערווײַלע וועל איך נאָך זיין אַן אָנגעשטעלטער אין קאָמיסאַריאַט.

איך האָב אים גלייך געגעבן מיין ענטפער, אַז אַזעלכע זאַכן ווערן נישט געטאָן אויף אָנצוהאַלטן אַ שטעלע, ווערן אַ מיטגליד פון אַ פּאַרטיי קען מען נאָר דעמאָלט, ווען מען גלייבט אין איר פּראָגראַם.

אויף דעם האָט קאַראַכאַן מיר געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט זייער גוט מיין שטעלונג, און צוגעגעבן, אַז ביז איך וועל געפינען אַן אַנדער אַרבעט, וועל איך פאַרבלייבן אויף מיין שטעלע און קענען ווייטער האָבן מיין צימער אין דעם האָטעל, וואָס דאָס איז געווען אַ גרויסע זאַך אין יענער צייט.

ווען איך בין אַרויס פון קאַראַכאַנס קאַבינעט, האָט מיר זיין סעקרעטאַר געזאָגט, אַז באָריס ריינשטיין וויל מיך זען. ווען איך בין אַריין צו אים, האָב איך דאָרט געטראָפן טאָוואַרישטש מאַיסיי. ביידע האָבן זיי אויסגעדריקט זייער באַדויערן וואָס איך מוז פאַרלאָזן מיין שטעלע. זיי זענען אַוועק אַזוי וויט, אַז זיי האָבן מיר אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז קאַראַכאַן און זיי האָבן געפירט אַ שטאַרקן קאַמף אין דער פּאַרטיי־צעל, וואָס האָט זיך געפונען אין קאָמיסאַריאַט, נאָר זיי האָבן גאָר נישט געקענט העלפן, אַז איך זאָל פאַרבלייבן ווי אַ דיפּ־לאָמאַטישער קוריער. ס׳איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג פון דער פּאַרטיי צו באַזייטיקן אַלע די, וועלכע באַלאַנגען נישט צו דער פּאַרטיי. ביידע האָבן מיר פאַרזיכערט אַז ווען איך וועל דאַרפן עפּעס הילף וועלן זיי צו יעדער צייט זיין גרייט מיר צו העלפן.

ספּעציעל באָריס ריינשטיין, מיט וועמען איך בין געוואָרן נאָענט באַפריינ־דעט, סיי מיט אים, ווי מיט זיין יונגן ווייבל (זיין גאַנצע פאַמיליע איז פאַר־בליבן אין אַמעריקע, און זיין פרוי האָט נישט געוואָלט קומען קיין רוסלאַנד, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ יונגער פרוי).

בין איך געוואָרן אַרבעטלאָז און דאָס האָב איך זייער נישט ליב געהאַט. אַרומדרייען זיך און נישט האָבן וואָס צו טאָן איז נישט געווען אין מיין כאַראַק־טער און דערצו נאָך אין מאָסקווע. איך האָב געקענט זיין אַ חודש אָדער צוויי אין מיין צימער, נאָר איך האָב גוט געוווּסט, אַז עס וועט קומען אַ צייט און איך וועל מוזן געפינען אַ פּלאַץ ווו איך זאָל קריגן אַ צימער. נאָר דאָס איז געווען זייער אַ שווער שטיקל אַרבעט. זומער איז נאָך געווען מעגלעך צו וווינען אין מאָסקווע, נאָר ווינטערצייט האָט מען געקענט פאַרפרוירן ווערן אין אַ צימער. אָבער ווי עס זעט אויס האָב איך געהאַט גליק, וואָס האָט מיר אַ סך

מאָל אַרויסגעהאָלפן פון סיטואַציעס ווען איך בין געשטאַנען פנים אל פנים מיט דעם טויט, אָדער אין אַ גאָר פאַרצווייפלטער לאַגע.

דאָס מאָל האָט דאָס זעלביקע פּאַסירט. מיינע בריוו פלעגן אָנקומען צו אַ חבר וואָס האָט געוווינט אין אַ פּריוואַטן הויז. איין טאָג קום איך צו אים און ער גיט מיר אַ בריוו פון חבר איוואַן־אַפּאַלאָן פון יעקאַטערינענבורג, ווו ער שרייבט, אַז דאָרטן איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען אַן אַנאַרכיסטישע אַרבעט. דערצו איז דאָרט דאָ גענוג שפּייז, וואָס מען קריגט אָן שוועריקייטן. ער האָט געבעטן, אַז עמעצער פון אונדזערע חברים זאָל קומען אַהין.

דער ביטערער ווינטער האָט זיך געררוקט אויף מאָסקווע. מיט יעדער טאָג איז די עקאָנאָמישע לאַגע אין שטאָט געוואָרן אַלץ שווערער. האָב איך פאַר־רופן עטלעכע חברים צו מיר אין צימער און זיי איבערגעגעבן וועגן דעם בריוו פון יעקאַטערינענבורג. פון די פאַרזאַמלטע חברים האָבן די ערשטע באַ־שלאָסן צו פאָרן מאַרק און קלאַוודיאַ, אַ חברטע פון בעסאַראַביע, וועלכע איך האָב ווינציק געקענט, נאָר חבר מאַרק האָט זי רעקאָמענדירט.

יאָ, מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן, אָבער ווי פּירט מען עס דורך? פאַר דער קלענסטער נסיעה האָט מען געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש, ווער רעדט שוין וועגן אַ רייזע, וואָס האָט געדאַרפט נעמען אַ וואָך צייט. אויף דעם האָט מען געמוזט האָבן די בעסטע דערלויבעניש פון מיליטערישן קאָמיסאַריאַט.

ווידער איז מיר געקומען צו הילף די גוטע אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ. איך האָב איר דערציילט, אַז איך האָב פאַרלאָרן מיין שטעלע, אַז איך פיל זיך נאָך אַלץ נישט מיט אַלעמען און אַז איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין יעקאַטע־רינענבורג, ווו איך האָב פריינד און ווו מען קען גרינגער קריגן צו עסן. באַלאַבאַנאָוואַ האָט מיך רעקאָמענדירט צו אירס אַ פריינדין, וואָס איז געווען דער קאָמיסאַר פון דערציִונג און קולטור פאַר דער גאַנצער רויטער אַרמיי. יענע האָט מיך גערופן צו זיך און געזאָגט, אַז זי זוכט אַרבעטערס פאַר אַן אָפּטייל אין דער פינפטער רויטער אַרמיי, וואָס האָט זיך געפונען טאָקע נישט וויט פון יעקאַטערינענבורג — און אַהין האָט זי מיר געגעבן אַ „קאָמאַנדי־ראָווקע״. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב עטלעכע חברים, וועלכע וועלן זיין ווילִיק צו אַרבעטן פאַר דער פינפטער אַרמיי. אויף דעם האָט זי מיר גע־שטעלט איין פראַגע: צי איך קען זיי גוט און צי מען קען זיך אויף זיי פאַר־לאָזן. זי האָט אָנגענומען מיין גאַראַנטיע פאַר די חברים און אין אַ שעה אַרום האָב איך שוין געהאַט אַלע נייטיקע פּאַפּירן אויך פאַר די חברים קלאַוודיאַ און מאַרק.

***

אַ וואָך פאַר אונדזער אָפּפאָרן זענען געקומען צו מיר צוויי חברים פון דער אונטערערדישער גרופּע און געבעטן, אַז מיר זאָלן מיטנעמען אַ פּעקל פון זייערע פּראָקלאַמאַציעס. דערפאַר האָבן זיי אונדז צוגעזאָגט אַ גרעסערע סומע געלט. איך האָב זיי דערקלערט, אַז קודם־כל בין איך קעגן דער טאַקטיק פון

זייער גרופּע און, אויב מען זאָל אונדז כאַפּן מיט פּראָקלאַמאַציעס, ווען אומ־שולדיקערהייט אַריינפאַלן באַלאַבאַנאָוואַ און איר פריינדין, וואָס האָבן אונדז געטאָן אַזאַ טובה, און מיר האָבן נישט קיין מאָראַלישע רעכט זיי צו פאַר־ראַטן. קלאַוודיאַ און מאַרק האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי זענען איינשטימיק מיט מיר.

**
*

מאָנטיק, דעם 19טן סעפּטעמבער 1919, האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרלאָזן מאָסקווע. אָט דער טאָג וועט פאַרבלייבן אין מיין זכרון ביזן לעצטן אָטעם פון מיין לעבן.

אונדזער באַן האָט געדאַרפט אָפּגיין זעקס אַ זייגער פאַר נאַכט. זענען מיר געקומען צום וואָקזאַל מיט אַ שעה פריִער. אונדזער חבר אַראָן באַראָן איז מיטגעפאָרן צו באַגלייטן אונדז צו דער באַן.

מיר זענען אַריינגעגאַנגען אין דעם וואַגאָן און גענומען אויסשטעלן די זאַכן אין אונדזער קופּע. פּלוצים האָט זיך געעפנט די טיר און מיר האָבן דער־זען פאַר זיך 8 ניט־געבעטענע געסט. איינער פון זיי האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ מאַנדאַט פון דער טשעקאַ.

זיי האָבן זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. צו ערשט האָבן זיי זיך גע־נומען צו חבר באַראָן. מע האָט אים באַזוכט פון קאָפּ ביז די פיס. יעדער שטיקל פּאַפּיר, וואָס מע האָט געפונען ביי אים, האָט מען שטרענג דורכגעקוקט. זיי האָבן ביי אים גאָרנישט געפונען און זיי האָבן אים דערלויבט אַרויסצוגיין פון קופּע.

דאַן האָט מען זיך גענומען צו מיר. אויך ביי מיר איז געווען אַלץ אין אָרדענונג, און זיי האָבן מיך באַפוילן צו פאַרלאָזן דעם קופּע. ווען איך בין אַרויס פון וואַגאָן, האָב איך דערזען, אַז דער וואַגאָן איז אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע טשעקיסטן. איך בין געשטאַנען לעבן וואַגאָן, און יעדע מינוט האָט מיר אויסגעזען אַן אייביקייט. דער געדאַנק, אַז אפשר האָט מען געפונען ביי מיינע חברים אומלעגאַלע זאַכן, האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין מיין מוח ווי מיט האַמערס. מיינע אויגן זיינען געווען אָנגעשטרענגט נאָר אויף איין פּונקט: אויפן טירל פון מיין וואַגאָן. צוואַנציק נאָך זיבן זענען די טשעקיסטן אַרויס פון וואַגאָן. דער הויפּט־טשעקיסט האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר מיר און געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ מיספאַרשטייעניש.

איך בין אַרויף אין מיין וואַגאָן און געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער ביי דער טיר. דער צוג האָט זיך שוין גערירט און איך שטיי נאָך אַלץ ביי דער טיר. ווען איך בין אַ ביסל געקומען צו זיך, בין איך אַריין אין קופּע און איך האָב דערזען פאַר זיך צוויי לעבעדיקע מתים. קלאַוודיאַ און מאַרק זענען גע־ווען ווייס ווי קאַלך.

לאַנגע, לאַנגע מינוטן האָבן מיר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז מיינע חברים האָבן געבראָכן זייער וואָרט און זיי האָבן

יאָ געהאַט מיטגענומען די פּראָקלאַמאַציעס פון דער אונטערערדישער גרופּע. דורך אַ פּשוטן צופאַל האָבן די טשעקיסטן נישט באַמערקט אײן טשעמאָ־דאַנטשיק — און מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

ווען דער צוג האָט זיך אָנגעהויבן שנעל טראָגן פאָרויס, נאָך דעם ווי ער האָט פאַרלאָזן די הינטערשטאָט פון מאָסקווע, האָב איך פאַרמאַכט די טיר פון אונדזער קופּע און איך האָב געשטעלט די פראַגע צו מאַרק מראַטשני און קלאַוודיאַ אין דריי ווערטער: האָט איר דאָס? און דער ענטפער פון זיי ביידע איז געווען: יאָ!

דער גליקלעכער צופאַל וואָס האָט אונדז געראַטעוועט איז געווען אָט דער: קלאַוודיאַ האָט געהאַט מיט זיך אַ קליינעם, שוואַרצן טשעמאָדאַנטשיק אין וועלכן ס׳איז געווען, צווישן אירע פּערזענלעכע זאַכן, אַ פּעקל פּראָקלאַמאַציעס.

ווען מיר זענען אַרײַן אין קופּע, האָט קלאַוודיאַ אַוועקגעלייגט דעם טשע־מאָדאַנטשיק אין אַ ווינקל פון דער אונטערשטער בעט. לעבן אים האָב איך אַוועקגעשטעלט מײַן טשעמאָדאַן. ווען די טשעקיסטן האָבן אָנגעהויבן צו זוכן אין מײַן טשעמאָדאַן האָבן זיי מײַנע זאַכן געלייגט אין ווינקל ווו ס׳איז געלעגן דער קליינער טשעמאָדאַנטשיק, און ווען זיי זענען פאַרטיק געוואָרן מיט מײַנעם, האָבן זיי שוין נישט געקענט זען, דאָס וואָס זיי האָבן אַזוי שטאַרק געזוכט, און דאָס האָט געראַטעוועט אונדזערע לעבנס.

ווען ס׳איז געוואָרן גענוג טונקל אין דרויסן, האָב איך אַרויסגענומען די פּראָקלאַמאַציעס, געעפנט דאָס פענצטער און זיי אַרויסגעוואָרפן אין פעלד אַרײַן. ווער פון זיי ס׳האָט געבראַכט דאָס וואָרט ווייס איך נישט, נאָר כ׳האָב אַ גרויסן חשד, אַז חברטע קלאַוודיאַ האָט דאָס געטאָן, אונטערן אײַנפלוס פון מאַרק מראַטשני.

נאַטירלעך, אונדזער רייזע קיין יעקאַטערינענבורג איז נישט געווען פון די אָנגענעמע. איבער אַ וואָך צײַט וואָס ס׳האָט געדויערט די נסיעה, האָב איך זיך נישט געקאָנט באַרויִקן נאָך די אַלע פּאַסירונגען. דאָס פאָרן איז גע־ווען שווער, ווייל ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט דאָרטן געהערש קאָלטשאַק. די רעלסן פון דער באַן ליניע זענען געווען צעשטערט און אַ רייע בריקן — אויפגעריסן, האָט מען געדאַרפט אײַנציקווייז אַריבערשלעפּן מיט פערד די וואַגאָנעס.

ווען מיר זענען ענדלעך אָנגעקומען קיין יעקאַטערינענבורג, האָבן מיר דאָרטן געטראָפן אַ קליינע קאָמונע פון אונדזערע חברים, חוץ איוואַן־אַפּאַלאָן און אַבראַם כריסטאָס, האָבן מיר דאָרטן געפונען נאָך עטלעכע חברים, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען איין פרוי.

בעת מיר זענען אָנגעקומען, האָט אַ גאַנצן טאָג גערעגנט. נאָר אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען מיר זענען אויפגעשטאַנען, האָבן מיר דערזען די גאַנצע שטאָט פאַרשאָטן מיט אַ טיפן שניי. דאָס איז געווען סוף סעפּטעמבער, און פון יענער צײַט אָן האָט זיך געשטעלט דער ריכטיקער סיבירער ווינטער.

ווען איוואַן־אַפּאַלאָן און אַבראַם כריסטאָס זענען אַרײַן מיט דער רויטער

אַרמיי אין שטאָט, האָבן זיי געפונען אַ הויף מיט צוויי דירות. אין דער גרע־סערער דירה האָבן זיי נאָך אָנגעטראָפן אַ הייסן מאָלצייט וואָס די לייט, וואָס זענען שנעל אַנטלאָפן, האָבן געמוזט איבערלאָזן. זיי האָבן זיך געאײַלט נישט פאַרכאַפּט צו ווערן פון דער רויטער אַרמיי. האָבן אונדזערע חברים פאַרנומען די צוויי דירות מיט די אַלע באַקוועמלעכקייטן. זענען מיר דאָרטן געווען צען חברים, נישט אַרײַנגערעכנט די יעניקע, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט אָנקו־מען פון דער פּראָווינץ.

אויף מאָרגן נאָך אונדזער אַרײַנקום, האָט שוין איוואַן אַפּאַלאָן געוווסט וואָס ס׳האָט פּאַסירט אין מאָסקווע און בעת דער לאַנגער נסיעה. האָט די קליינע קאָמונע דורכגעפירט אַ מיטינג און מ׳האָט באַהאַנדלט דעם ענין, ווי אַזוי מיר זאָלן אָנגיין מיט אונדזער טעגלעכן לעבן. אַזוי ווי איוואַן אַפּאַלאָן און אַבראַם כריסטאָס האָבן געוווסט אַז איך קען קאָכן, האָט מען פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל זיין דער קוכער און פאַרזאָרגן מיט עסנוואַרג די קאָמונע. איך האָב דאָס גערן אָנגענומען.

אַלע אַנדערע חברים האָבן, יעדער איינער, אָנגענומען זיין טייל אַרבעט דורכצופירן אין הויז. ס׳האָט געדויערט אַ פּאָר טעג, און אונדזער קאָמונע האָט אָנגעהויבן גוט צו אַרבעטן. יעדער איינער האָט אויסגעפילט די טייל, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו טאָן.

אין דער זעלביקער צייט זענען אָנגעקומען נישט קיין פריילעכע ידיעות, אַז ס׳האַלט גאָר נישט אַזוי גוט מיט די באָלשעוויקעס אין מאָסקווע און צו דעם אַלעמען איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז די אונטערערדישע גרופּע מיט די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, האָבן אַרײַנגעוואָרפן אַ גרויסע באָמבע אין מאָסקווער באָלשעוויסטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט און, אַז יענע נאַכט האָט געדאַרפט זיין אַ וויכטיקער מיטינג פון אַלע גרויסע העכט פון דער פּאַרטיי־פירונג. האָט מען געקאָנט דערוואַרטן, אַז פון דער דאָזיקער פּאַסירונג וועלן מיר האָבן היפּשע צרות.

צו דעם אַלעמען האָבן די באָלשעוויקעס באַשטימט דורכצופירן אַן אַל־געמיינע מאָביליזאַציע, אַפילו פון עלטערע מענטשן, ווייל דער גענעראַל דעני־קין איז שוין באַלד צוגעקומען מיט זיין אַרמיי צו די טויערן פון דער אַלטער שטאָט טולאַ.

אמת, מיר האָבן נישט אָנגעפירט קיין באַוואָפנטן קאַמף קעגן די באָל־שעוויקעס, נאָר קיינער פון אונדז האָט נישט געטראַכט צו ווערן אַ רויטער אַרמייער און גיין פאַרטיידיקן די דיקטאַטור פון די באָלשעוויקעס. האָט מען גענומען זיך צו דער אַלטער מלאכה: מיר האָבן געהאַט צווישן די חברים אַ כימיקער, האָט ער מיט אַ כימישן שטאָף אָפּגעוואַשן אונדזערע פּאַספּאָרטן און געמאַכט אונדז מיט דריי יאָר עלטער און דאָס האָט אונדז באַפרייט פון דער מאָביליזאַציע און געמאַכט פאַר „געזעצלעכע״ בירגער.

די גרופּע האָט פאַרמאָגט נישט קיין גרויסע דרוק־מאַשין מיט אַלע גע־צייגן אויף צום דרוקן אַ צייטונג, אָדער עפּעס אַנדערש, מיט דער דאָזיקער

אַרבעט האָט זיך ספּעציעל פֿאַרנומען איוואַן אַפּאַלאָן. צו דעם איז אין יעקאַטע־רינענבורג געווען אַן עלטערער חבר וואָס איז געווען דער הויפּט־אינזשעניער אויף דער פּלאַטין־פֿאַבריק, אין דער דרוקעריי וואָס האָט זיך געפֿונען אויף אַ ספּעציעלן קאָנספּיראַטיוון פּלאַץ, פֿלעגן נאָר צוויי פֿון אונדזערע חברים אַרויסהעלפֿן, ווען מ׳האָט געדאַרפֿט אַרויסגעבן די צייטונג, וואָס האָט זיך גערופֿן „דער אוראַלער נאַבאַט״.

איך, מיט נאָך עטלעכע חברים, זענען געווען לײַדיקגייער און דאָס איז מיר נישט געווען צום האַרצן. אמת, איך האָב דערפֿילט מײַן אַרבעט צו קאָכן, נאָר דאָס האָט מיך נישט באַפֿרידיקט. האָב איך איין אָוונט אַרויסגעזאָגט מײַן מיינונג, אַז מיר האָבן געדאַרפֿט געפֿינען עפּעס אַן אַרבעט. ערשטנס, מיר זאָלן זיך נישט אַרומדרייען פּוסט און פּאַסט, און צווייטנס, בין איך זיכער, אַז די טשעקאַ וועט וואַרפֿן אַן אויג אויף אונדז און, ווען מיר וועלן האָבן שטעלעס, וועט דאָס מאַכן אַ בעסערן אײַנדרוק. און דריטנס, איז אָט וואָס: ס׳איז טאַקע אמת, אַז אונדזערע פֿויערישע חברים ברענגען גענוג עסנוואַרג פֿון זייערע נחלות, אָבער צו דעם דאַרף מען אייניקע זאַכן צוקויפֿן. איז ווען מיר זאָלן קאָנען באַקומען באַשעפֿטיקונג, וועט דאָס מאַכן אַ סך זיכערער אונדזער סי־טואַציע.

די חברים האָבן דיסקוטירט מײַן פֿאָרשלאָג און מ׳האָט באַשלאָסן, אַז איוואַן אַפּאַלאָן און אַבראַם כריסטאַס, וואָס זענען געווען אין אָנהייב פֿון דער רעוואָלו־ציע אין יעקאַטערינענבורג, און זיי האָבן געהאַט באַקאַנטשאַפֿט צווישן די אָנפֿירנדיקע באָלשעוויקעס אין שטאָט, זאָלן זיי זיך אויף מאָרגן זען מיט אייניקע פֿון זיי און פּרובירן געפֿינען שטעלעס פֿאַר אונדז. נאָר מיר האָבן נישט געדאַרפֿט וואַרטן ביז מאָרגן.

בעת מיר זענען געזעסן און גערעדט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר און ביז וואַנען מיר האָבן געענטפֿערט, אַז די טיר איז ניט פֿאַרשלאָסן, האָט זי זיך גע־עפֿנט און אַ מענטש איז נישט אַרײַנגעגאַנגען, נאָר אַרײַנגעלאָפֿן. זײַן אויסזען איז געווען אַ נערוועזער און צעטראָגענער, און ער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ משוגענעם.

דער מענטש איז געווען איוואַן אַפּאַלאָס אַ גוטער באַקאַנטער און דער האָט מיט אַ שמייכל אויף זײַן פּנים, אונדז אַלעמען באַקאַנט מיטן אַרײַנגע־קומענעם און גלײַך געפֿרעגט אים צי וויל ער עפּעס עסן. „נאָכדעם״, זאָגט ער אים, „ווּעסטו דערציילן וואָס ס׳האָט מיט דיר געטראָפֿן?״. ער האָט, פֿאַר־שטייט זיך, אָנגענומען די אײַנלאַדונג צו עסן, און בשעתן עסן, האָט ער אָנגע־הויבן צו דערציילן זײַנע צרות.

די פּאַרטיי האָט אים פֿאַרגעבן די מיסיע צו אָרגאַניזירן די „צענטראָ־פּעטשאַט״. אַזוי ווי די באָלשעוויקעס האָבן אַלץ צענטראַליזירט, האָבן זיי אין מאָסקווע צענטראַליזירט אַלצדינג וואָס מ׳האָט געדרוקט ווי צײַטונגען, ביכער און אַלערליי פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן. זיי האָבן טאַקע אַלץ צענטראַליזירט, נאָר דאָס פֿאַרשפּרייטן איבער גאַנץ רוסלאַנד איז געווען גאָר אַן אַנדער ענין,

ווייל נישט די פּאָסט און נישט די אײַזנבאַן, האָבן געקאָנט טאָן אָט די אַרבעט. האָבן די באָלשעוויקעס אין מאָסקווע זיך דערטראַכט צו אָרגאַניזירן אַן אַפּאַראַט, וואָס זאָל פאַרשפּרייטן איבער גאַנץ רוסלאַנד די אַלע געדרוקטע זאַכן, און זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן דעם אַפּאַראַט „צענטראָ פּעטשאַט".

די רעגירונג האָט אַרויסגעלאָזן אַ שטרענגן באַפעל, אַז צו אַלע פּאַסאַזשיר־צוגן זאָל ווערן צוגעטשעפּעט אַ פּראָסטער וואַגאָן אין וועלכן עס זאָל אַלע טאָג, מיט אַ ספּעציעלן קוריער, אַרויסגעשיקט ווערן די צייטונג. דער קוריער האָט אויף די גרויסע סטאַנציעס אַרונטערגעוואָרפן די ספּעציעלע פּעקלעך פאַר יענעם געגנט און די סאָוועטן־רעגירונג אין מאָסקווע האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז אין אַלע גובערנסקי שטעט, זאָלן אָרגאַניזירט ווערן „צענטראָ־פּעטשאַט" און פאַרשפּרייטן די אָפּגעדרוקטע מאַטעריאַלן איבער דער גאַנצער גובערניע. אָט דער אָרעמער און דערשלאָגענער מענטש האָט גאָרנישט געוווּסט ווי אַזוי אָנצוהייבן אַזאַ מין אַרבעט.

זאָגט ער צו איוואַן אַפּאַלאָן: איך האָב היינט געהערט אין שטאָט, אַז צו דיר זענען געקומען עטלעכע חברים פון מאָסקווע. וויל איך דאָ אויסגעפינען צי זיי זוכן אפשר שטעלעס. איך האָב פאַר זיי מער באַשעפטיקונג ווי פּאַסיקע אַרבע־טער, וואָס מע קען געפינען. אויב מיר וועלן אָננעמען די שטעלעס און קענען אָרגאַניזירן די גאַנצע אַרבעט, וועט ער שוין זען אַז מיר זאָלן קריגן גוטע שכירות און אַנדערע פּריווילעגיעס.

איך, פּערזענלעך, האָב זיך גלייך פאַראינטערעסירט אין דער דאָזיקער אַרבעט און איך האָב אים געזאָגט, אַז איך נעם אָן דעם פּאָסטן. נאָך מיר האָבן די אַרבעט אָנגענומען נאָך דריי חברים, נישט געקוקט דערויף, וואָס קיינער פון אונדז האָט נישט געהאַט קיין שום אַנונג אין דער דאָזיקער באַשעפטיקונג.

ווען מיר זענען אויף מאָרגן אין דער פרי געקומען צום אָפּגערעדטן פּלאַץ, האָבן מיר דאָרטן געטראָפן אַ טוץ מענער און פרויען, וואָס זענען געזעסן ביי אַ הייסן אויוון און זיך געוואַרעמט. מיר האָבן דאָרטן געפונען צענדליקער פּעק מיט צייטונגען, וואָס זענען שוין געווען אַלט וואָכן לאַנג.

אינגיכן איז אָנגעקומען דער נעכטיקער חברהמאַן, זיין נאָמען איז געווען קאַפּילאָוויטש. איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין ווי ער קומט צו דער באָלשע־וויסטישער פּאַרטיי. ער האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ געוויינלעכער קליינ־הענדלער.

אַרום 10 אַזייגער האָט אָנגעהויבן צו קלינגען דער טעלעפאָן פון אַלע גרויסע באָלשעוויסטישע העכט מיט אַ פאָדערונג, אַז זיי ווילן האָבן די צייטונ־גען פון מאָסקווע. זיי האָבן זיך גענויטיקט אין די צייטונגען, כדי צו האָבן די אַלע דעקרעטן וואָס פלעגן געדרוקט ווערן יעדן טאָג. דער אָרעמער קאַפּילאָ־וויטש האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן, אָבער קיין צייטונגען האָט ער דער־ווייל נישט געקענט זיי שיקן.

עפּעס אינסטינקטיוו בין איך צוגעגאַנגען צו אים און גענומען ביי אים דאָס טרייבל און געפרעגט: „מיט וועמען האָב איך דעם כבוד צו רעדן?" האָט

מיר די שטימע געענטפערט, אַז דאָס רעדט דער סעקרעטאַר פון דער באָלשע־וויסטישער פּאַרטיי אין יעקאַטערינענבורג. האָב איך אים געענטפערט, אַז מיר זענען פיר נייע אָנגעשטעלטע און איך דענק אַז מיר וועלן קענען אָרגאַניזירן, אַז די צייטונגען זאָלן זיין אין דער צייט אין אַלע אָפּיציעלע אָפּטיילונגען. נאָר אַז מיר זאָלן דאָס קענען טאָן, וויל איך אַז מע זאָל אונדז געבן 2־3 טעג. האָט ער געבעטן, אַז איך זאָל צושיקן קאַפּילאָוויטשן. ווען זיי האָבן אָפּגערעדט, זאָגט ער מיר, אַז מען גיט אונדז די צייט וואָס מיר האָבן געבעטן.

איך האָב די איניציאַטיווע גענומען אין מיינע הענט. די אַרבעטער האָב איך באַפוילן, אַז זיי זאָלן גלייך אויספּאַקעווען אַלע פּעק מיט די צייטונגען און צעלייגן זיי נאָך די דאַטומס, אויף די פּאָליצעס. קאַפּילאָוויטשן האָב איך גע־הייסן צוזאַמענשטעלן אַ צעטל, וועמען און וויפל צייטונגען דאַרף מען פאַר־שפּרייטן אין שטאָט. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָב איך געהייסן אויסגעפינען אין וועלכע שטעט און וויפל צייטונגען דאַרף מען שיקן און מיט וועלכע טראַנספּאָרט־מיטלען קאָן מען דאָס דורכפירן. ביז קאַפּילאָ־וויטש איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער דאָזיקער אַרבעט, זענען שוין אָוועקגע־טראָגן געוואָרן צו די אַלע „הענט" די צייטונגען פון אַלע נומערן וואָס מ'האָט דערהאַלטן.

בקיצור, יעדן טאָג, אַזוי שנעל ווי מ'האָט געבראַכט די פּעק מיט צייטונ־גען פון וואָקזאַל, האָבן אין אַ פּאָר שעה אַרום די „גרויסע הענט" שוין געהאַט די צייטונג ביי זיך אין קאַבינעט. ס'האָט גענומען אַ שטיקל צייט, און מיר האָבן אָרגאַניזירט דאָס פאַנאַנדערשיקן די צייטונגען און די ליטעראַטור איבער דער גאַנצער גובערניע. די „גרויסע הענט", איינער נאָכן צווייטן, זענען גע־קומען צו אונדז אין „צענטראָ־פּעטשאַט" צו באַקאַנען זיך מיט די מענטשן, וואָס האָבן באַוויזן די קונץ צו אָרגאַניזירן אַזוי גוט די אַרבעט.

חוץ דעם אַלעם האָב איך אויסגעאַרבעט אַזאַ פאָרם ווי צו מאַכן טעגלעכע, וואָכנטלעכע און חודשלעכע באַריכטן, וואָס וויזן אָן די צאָל עקזעמפּליאַרן וויפל מיר האָבן באַקומען און וויפל צעשיקט און צו וועמען. אַזוי אַרום האָט דאָס געגעבן אַ פול בילד, ווי אַזוי מיר פאַרשפּרייטן די צייטונגען און די ליטעראַטור.

אַ חודשלעכע קאָפּיע פונעם באַריכט פלעגן מיר שיקן אין סאָוועט און אויך אינעם הויפּט „צענטראָ־פּעטשאַט" פון מאָסקווע.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז געקומען אַ ספּעציעלער פאַרשטייער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער מאָסקווער „צענטראָ־פּעטשאַט". אונדזערע מאָנאַטלעכע באַריכטן האָבן געמאַכט אַ זייער אָנגענעמען רושם אויף די הויכע באַאַמטע. דער ספּעציעלער פאַרשטייער האָט זיך געווענדט צו מיר, אַז אויב איך וויל קאָן איך צו יעדער צייט קריגן אַ הויכע שטעלע פון אַ ספּעציעלן פאַרשטייער מיט אַ סך אַ גרעסערן געהאַלט ווי איך קריג דאָ, און צו דעם אַלעם וועל איך האָבן אַ באַזונדערן וואַגאָן אַרומצופאָרן איבער רוסלאַנד. דער פאָרשלאָג איז

געווען זייער אינטערעסאַנט, נאָר איך האָב זיך אַנטזאָגט דערוויל זיין אָנבאָט אָנצונעמען.

אַלצדינג האָט אויסגעזען זייער שיין און גוט. מיר האָבן געהאַט מער מענטשן וויפל מיר האָבן געדאַרפט. די אַרבעט איז נישט געווען שווער, נאָר אין דער זעלבער צייט האָבן מיר נישט באַמערקט, אַז שוואַרצע וואָלקנס רוקן זיך אויף אונדז אָן.

די באָמבע, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן פון דער מאָסקווער אונטערערדי־שער גרופּע אינעם באָלשעוויסטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, האָט אָפּגעהילכט איבער גאַנץ רוסלאַנד. די אַלרוסישע טשעקאַ האָט פאַראָרדנט איבער דער גאַנצער טעריטאָריע צו אַרעסטירן אַלע אַנאַרכיסטן, וועמען די לאָקאַלע טשעקאַ קען נאָר געפינען. ווי דזשערדזשינסקי, דער הויפּט פון דער טשעקאַ, האָט זיך אויס־געדריקט, האָט ער צוזאַמענגענומען „אַ בוקעט פון אַנאַרכיסטן".

איין מאָל אין אַן אָוונט, ווען נישט אַלע זענען געווען אין דער היים, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר און ווען מיר האָבן געעפנט, האָבן מיר דערזען אַ באַוואָפנטע גרופּע טשעקיסטן און רויט־אַרמייער. דאָס ערשטע האָט מען אונדז אַלעמען באַזוכט פון קאָפּ ביז די פיס. יעדער שטיקל פּאַפּיר האָט מען פאַרזיכ־טיק דורכגעקוקט און צוגענומען. נאָך דעם האָט מען זיך גענומען צו דעם הויז. מ'האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין בוך, אָדער אַ ווינקל פון דער שטוב, ווו זיי האָבן אַלץ דורכגענישטערט, אַ חוץ אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור. פאַרטאָג זענען זיי געוואָרן פאַרטיק מיט דער „אָביסקע" און דאַן האָבן זיי אונדז דער־קלערט: כאָטש פאַר זיי פערזענלעך איז נישט אָנגענעם דאָס צו טאָן, נאָר זיי האָבן אַ באַפעל אונדז אַלעמען צו אַרעסטירן און מ'האָט אונדז אַוועקגעפירט אין דער טשעקאַ. מיר זענען געקומען אַהין פאַרמאַטערטע, נאָך דעם ווי מיר זענען דורכגעגאַנגען די אָפיציעלע פּראָצעדור, האָט מען אונדז אַרונטערגעפירט אין אַ גרויסן קעלער, ווו עס זענען שוין געווען אַריבער הונדערט מענטשן. מיר האָבן קוים געפונען אַ פּלאַץ ווו זיך אַוועקצוזעצן און כאַפּן אַ דרימל.

אין דער פרי האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָדערן מען זאָל אונדז דערקלערן די סיבה פון אונדזער אַרעסט און אין וואָס ווערן מיר באַשולדיקט. מיר האָבן איבערגעגעבן דעם וואַכמאַן, אַז אָן דער דאָזיקער דערקלערונג וועלן מיר אונ־טערנעמען אַ הונגער־שטרייק. ס'האָט געדויערט אַ שעה צייט ביז וואַנען מ'האָט אַרויסגערופן איינעם פון אונדז. דער קאָמיסאַר פון דער טשעקאַ, וועמען מיר האָבן אַלע געקענט, האָט מיר דערקלערט אַז מיר זענען אַרעסטירט אויפן באַפעל פון מאָסקווע. זיי האָבן טעלעגראַפיש איבערגעשיקט אונדזערע אַלעמענס נעמען, און איצט דערוואַרטן זיי אינסטרוקציעס פון דאָרטן, כדי צו וויסן וואָס זיי דאַרפן מיט אונדז טאָן.

די איבעריקע חברים וואָס זענען נישט געווען אין דער היים, ווי נאָר זיי זענען צוגעקומען צו אונדזער הויז און דערזען אַז עס איז אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע רויט־אַרמייער, האָבן זיי גלייך פאַרשטאַנען אַז עס קומט פאַר אַן אַרעסט, און זיי האָבן זיך פאַרקירעוועט צו באַקאַנטע און דאָרטן איבערגענעכ־

טיקט. אויף מאָרגן אין דער פרי זענען זיי צוגעקומען צום הויז און שוין דאָרטן קיינעם נישט געטראָפן. די ערשטע זאַך, וואָס זיי האָבן געטאָן, איז צוזאַמענ־געמען עסנוואַרג און אַוועקטראָגן צו אונדז אין טשעקאַ.

מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז אונדזער אַרעסט איז פאַרבונדן מיט דער באָמבע, וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אין פאַרטיי־קאָמיטעט און מיר האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן אַז מע וועט אונדז אַוועקשיקן אין דער מעטראָפּאָליע. אונדזער אַרעסט האָט אַרויסגערופן אַ טומל צווישן די גרויסע העכט פון די באָלשעוויקעס. מיט אונדזער אַרעסט האָט זיך אָפּגעשטעלט די גאַנצע אַרבעט אין „צענטראָ־פּעטשאַט".

ווען אונדזער באַלעבאָס, קאַפּילאָוויטש, האָט זיך דערוווּסט פון אונדזער אַרעסט, האָט ער אָנגעהויבן אַרומצולויפן צווישן די גרויסע באָלשעוויסטישע „קאַרפּן־קעפּ" און פאָדערן אַז מען זאָל אונדז באַפרייען. אויב נישט — וועט די גאַנצע אַרבעט אין „צענטראָ־פּעטשאַט" זיך אָפּשטעלן. די איבעריקע אונ־דזערע אַרבעטער זענען געווען סאָלידאַריש מיט אונדז און זיי האָבן דורכגע־פירט אַ שטילן סאַבאָטאַזש און די אַרבעט פון דעם „צענטראָ־פּעטשאַט" האָט זיך אָפּגעשטעלט. די צייטונגען און די ליטעראַטור זענען געבליבן נישט פאַר־שפּרייט פונעם ערשטן טאָג אָן. די „גרויסע העכט", ווידער, האָבן אָנגעהויבן ליאַרעמען, נאָר קאַפּילאָוויטש איז באַשטאַנען אויף זיינס: לאָזט אַרויס מיינע אַרבעטער און דאַן וועט ווידער זיין אַלץ נאָרמאַל.

דער פאָרזיצער פון סאָוויעט און דער סעקרעטאַר פון דער באָלשעוויס־טישער פאַרטיי האָבן געטענהט צו קאַפּילאָוויטשן, אַז זיי קענען דאָ גאָרנישט העלפן, דערפאַר וואָס דער באַפעל פון אַרעסט איז געקומען פון מאָסקווע.

אַזוי זענען דורכגעלאָפן אַ דריי טעג. מיר זענען שוין געוואָרן שטאַרק אויסגעמאַטערט צו זיין אינעם קעלער, ווו קיין פרישע לופט איז נישט צוגע־קומען און ס'איז געווען זייער ענג. אויפן פערטן טאָג איז צו אונדז געקומען קאַפּילאָוויטש מיט אַ שמחה, אַז ער האָט געפועלט מע זאָל אונדז אַרויסלאָזן אויפן גאַנצן טאָג, אַז מיר זאָלן קענען אַרבעטן. האָבן מיר אים באַדאַנקט, נאָר זיין פאַרלאַנג האָבן מיר זיך אַנטזאָגט אויסצופירן. אונדזער ענטפער צו אים איז געווען: אָדער מיר ווערן באַפרייט, ווען נישט, בלייבן מיר זיצן אין קעלער פון דער טשעקאַ.

אַז ער איז אַוועק אַן אַנטוישטער איז ער, נאָך דעם אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווידער געקומען מיט אַ נייעם פּלאַן: מיר קאָנען זיין אַ גאַנצן טאָג און אין אָוונט אויף דער פריי, נאָר ביינאַכט קומען שלאָפן אין טשעקאַ. האָבן מיר אים געהייסן קומען אַ ביסל שפּעטער, וועלן מיר אים געבן אַן ענטפער.

מיר זענען אַלע געוואָרן שטאַרק אויסגעמאַטערט, ווייל שלאָפן אין קעלער האָט מען נישט געקענט. אַ גאַנצע נאַכט איז געווען אַ טומל און אַ גרויסע ענג־שאַפט און צו דעם קאַפּילאָוויטשעס בעטן אונדז, האָט אַרויסגערופן ביי אונדז אַ גרויס רחמנות אויף אים, און מיר האָבן באַשלאָסן אָנצונעמען זיין פאָרשלאָג

מיט איין באַדינג: אַז ער זאָל אויסווירקן מע זאָל אונדז אַרויסנעמען פון קעלער און אונדז געבן אַ באַזונדערן קאַמער, ווו מיר זאָלן כאָטש קענען אַ ביסל שלאָפן.

ווען ער איז ווידער געקומען צו אונדז נאָכן ענטפער, זענען מיר אין אַ שעה אַרום אַרויס פונעם קעלער און מ'האָט פאַר אונדז צוגעגרייט אַ צימער. דאָן האָבן מיר דערקלערט, אַז מיר זענען גרייט צו גיין צו דער אַרבעט. ווען מיר זענען אַרויס פון דער טשעקאַ האָבן מיר דערזען, אַז מיט אונדז גייט אַ באַוואָפנטער רויט־אַרמייער. זענען מיר געבליבן שטיין לעבן דער טשעקאַ און מיר האָבן געזאָגט קאַפּילאָוויטשן, אַז מיר ווילן נישט אַרבעטן אונטער קיין היטער. איז ער אַוועקגעלאָפן צום קאָמיסאַר פון דער טשעקאַ און ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, איז אַרויס אַ טשעקיסט און האָט דעם רויט־אַרמייער אַריינ־גערופן. זענען מיר אַוועק מיט קאַפּילאָוויטשן אין „צענטראָ־פּעטשאַט" און אַזוי אַרום זענען מיר אַ וואָך צייט, דעם גאַנצן טאָג און אין אָוונט, געווען פריי מענטשן. נאָר שלאָפן זענען מיר געגאַנגען אין דער טשעקאַ.

נאָך דער וואָך צייט, אין דער פרי, פריִער נאָך ווי מיר פלעגן אַוועקגיין צו דער אַרבעט, האָט אונדז דער געהילף־קאָמיסאַר אַריינגענומען צו זיך אין קאַבינעט. ער האָט אונדז אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס מ'האָט ביי אונדז צוגענומען אין דער צייט פונעם אַרעסט, און דאָן האָט ער אונדז געהייסן מיטנעמען אונדזערע זאַכן, ווייל מיר זענען באַפרייט געוואָרן פונעם אַרעסט.

און דאָס איז געווען מיין ערשטע דערפאַרונג פון אַרעסטירט ווערן, דאָס איז געוואָרן פאַר מיר דער ערשטער סימן, אַז דער גאַנג פון דער רעוואָלוציע ווערט געפירט אויף אַ וועג פון פאַרניכטן דאָס אַלץ, וואָס די גרויסע רוסישע סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט געשאַפן, און אַז אַלע רעוואָלוציאָנערע כוחות דער־וואַרטעט אַ ביטערער קאַמף און אַ פיזישע פאַרניכטונג.

אונדזער גרופּע האָט, אַ חוץ וואָס מ'האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן די „אוראַלסקי נאַבאַט" און מ'האָט די צייטונג פאַרשפּרייט האַלב קאָנספּיראַ־טיוו, קיין אַנדערע טעטיקייטן נישט אָנגעפירט. אין שטאָט זענען נאָך געווען נישט קיין גרויסע צאָל חברים, וואָס פלעגן אָפט קומען צו אונדז און מע פלעגט דיסקוטירן טאָג־ענינים. דערצו זענען נאָך געווען חברים פון די קלענערע שטעטלעך און פויערים, וואָס פלעגן אונדז אָפט באַזוכן.

עס זענען געווען צוויי חברים, טעלעגראַפיסטן, דורך וועלכע מיר האָבן באַקומען טעגלעכע ידיעות וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין מאָסקווע און וועגן דער גאַנצער פּאָליטיש־מיליטערישער סיטואַציע, אַז די לאַגע איז דאָרטן שוין גאָרנישט קיין פריילעכע.

נאָך אונדזער באַפרייונג פון טשעקאַ האָט מען אונדז מער נישט באַלעס־טיקט און פאַר אונדזער גוטער אַרבעט אין „צענטראָ־פּעטשאַט" האָבן די גרויסע „באָלשעוויסטישע העכט" זיך באַצויגן צו אונדז אויף אַ פריינדלעכן אופן.

יעקאַטערינענבורג איז געווען און פאַרבליבן אַ היסטאָרישע שטאָט. דאָרטן האָט זיך פאַרענדיקט די דינאַסטיע פון די ראָמאַנאָווס, וואָס האָבן געהערשט איבער דער גרויסער רוסלאַנד מער ווי 300 יאָר! ביים ברעג פון שטאָט איז

געשטאַנען אַ גרויס און פּוסט הויז. ס'האָט אויסגעזען ווי עס זאָל טראָגן אין זיך עפּעס אַ געפערלעכע פּעסט. מענטשן פלעגן איבערגיין די גאַס און ביים צוקומען צו דעם דאָזיקן הויז, זענען זיי שנעל איבערגעלאָפן. דאָס הויז איז געווען תמיד פאַרשלאָסן. דורך באַקאַנטשאַפט האָבן מיר געקראָגן אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין אינעווייניק. דער מאַן וואָס האָט אונדז געפירט צו יענעם הויז איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער ליקווידאַציע פון דער גאַנצער צאַרישער פאַמיליע. ער האָט אונדז אַריינגעפירט אינעם צימער, ווו דער צאַר איז דערשאָסן געוואָרן, און אין אַנדערע צימערן, ווו די איבעריקע משפחה־מיטגלידער זענען ליקווידירט געוואָרן. אויף די ווענט האָט מען נאָך געקענט זען די סימנים פון די קוילן וואָס האָבן אַ סוף געמאַכט צו זיי אַלעמען. אָט אין דעם הויז איז פאַרצייכנט געוואָרן דער לעצטער בלאַט געשיכטע פון אַ דינאַסטיע וואָס האָט אָנגעהאַלטן העכער 300 יאָר.

צו אונדזער גרופּע איז געקומען אַ גאַסט פון מאָסקווע. די אונטערערדישע גרופּע האָט גוט געוווּסט פון אונדזער שטעלונג צו זייער אַרבעט, נאָר אַזוי ווי מאַרק מראַטשני און קלאַודיאַ האָבן גענומען מיט זיך זייערע פּראָקלאַמאַציעס, האָבן זיי באַשטימט צו שיקן דעם חבר אַראָנטשיק, אַ נאָרד־אַמעריקאַנער עמיגראַנט מיט אַ גאַנצן זאַק פול מיט זייערע פּראָקלאַמאַציעס. אַזוי ווי חבר אַראָן אַפּאָלאָן האָט געשפּילט די ראָל פונעם פירער, האָט ער געזאָגט אַראָנטשיקן, אַז ווי לאַנג ער וועט זיין מיט אונדז, זאָל ער נישט פאַרשפּרייטן די פּראָפּאַגאַנדע, מחמת מיר האָבן מיט אַ קורצער צייט צוריק געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות פון זייער אַרבעט אין מאָסקווע. וואָס ער האָט געטאָן מיט די פּראָקלאַמאַציעס האָבן מיר נישט געוווּסט, אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין מאָסקווע.

האָט אַ נישט דערוואַרטע פּאַסירונג געלייזט די פראַגע פון קריגן ליטעראַטור פאַר אונדזער גרופּע. ס'איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דעם הויפּט פון „צענטראָ־פּעטשאַט" אין מאָסקווע, אַז עס ווערט פאַררופן אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע פאַרוואַלטער פון די „צענטראָ־פּעטשאַט". אונדזער פאַרוואַלטער, קאַפּילאָוויטש, האָט זיך אָנטזאָגט צו פאָרן אַזאַ מין לאַנגן וועג. נאָר דער סאָוויעט און דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי האָבן געשריבן קיין מאָסקווע, אַז זיי דאַרפן מער ליטעראַטור, איז קאַפּילאָוויטש געווען אין אַזאַ לאַגע, אַז ער האָט נישט געקענט האַנדלען קעגן די ווונטשן פון דעם סעקרעטאַר און פון דער פּאַרטיי. קומט ער צו מיר און פרעגט מיך, צי וואָלט איך נישט געוואָלט מאַכן קיין רייזע קיין מאָסקווע און פאַרטרעטן דעם יעקאַטערינענבורגער „צענטראָ־פּעטשאַט". האָב איך געזאָגט, אַז איך וועל מאָרגן געבן אַן ענטפער.

אין אָוונט, נאָכן נאַכטמאָל, האָב איך דערציילט וואָס קאַפּילאָוויטש האָט מיר פאָרגעשלאָגן, זענען אַלע געווען פאַר דעם, אַז איך זאָל פאָרן און פּרובירן ברענגען מיט זיך אונדזער ליטעראַטור.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך שוין געפאָרן קיין מאָסקווע אין אַ ספּע־

ציעלן וואַגאָן, ווו אַ רייע „גרויסע העכט״ זענען געפאָרן אַהין מיט דער זעל־ביקער מיסיע.

אין אַ פּאָר טעג האָב איך זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט מיין אָפיציעלער שליחות. איך האָב אויסגעווירקט, אַז אין „צענטראָ־פּעטשאַט״ זאָל מען געבן מער ליטע־ראַטור פאַר יעקאַטערינענבורג. האָבנדיק די ליטעראַטור, האָב איך שוין גע־האַט די מעגלעכקייט אויך מיטצונעמען אונדזערע ביכער.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין מאָסקווע, האָב איך געטראָפן די שטימונג צווישן די חברים גאָר נישט קיין געהויבענע. די גרעסטע טייל פון דער אונ־טערערדישער גרופּע האָט זיך שוין נישט געפונען צווישן די לעבעדיקע. צו יענער צייט איז דעניקינס אַרמיי געשטאַנען לעבן די טויערן פון טולאַ און די אַליִירטע האָבן געהאַט זייערע מיליטערישע אָפּטיילונגען אין טיל פון דעניקינס אַרמיי.

נאָר אין דער אייגענער צייט זענען אָנגעקומען ידיעות, אַז נאָך דעם ווי דעניקינס אַרמייען האָבן פאַרנומען די געגנטן, זענען מיט זיי געקומען צוריק די אַלטע פּריצים און אָפּגענומען די ערד וואָס די פּויערים האָבן שוין געהאַט צעטיילט צווישן זיך. די פּויערים האָבן זיך אָרגאַניזירט אין פּאַרטיזאַנער־אָפּ־טיילונגען, און זיי פלעגן מאַכן איבערפאַלן אויף מיליטער־צוגן. אין דער זעל־בער צייט האָט די פּאַרטיזאַנער־אַרמיי פון נעסטאָר מאַנאָ אויפגעריסן די אייזנבאַן־בריקן און געמאַכט איבערפאַלן און פאַרניכטעט דעם טיל, וואָס פלעגט צושטעלן די נויטיקע זאַכן צו דעניקינס פראָנט. ווערדליק די באַריכטן האָט מען געקענט פילן, אַז דאָס רוסישע פאָלק האָט נישט געוואָלט די באָלשעוויקעס, נאָר גלייכצייטיק איז זייער גרויס געווען דער האַס צו די פרעמדע, וואָס זענען געקומען העלפן צוריקברענגען דעם צאַרישן דעספּאָטישן רעזשים. עס זענען שוין דעמאָלט געווען סימנים, אַז גענעראַל דעניקינס אַרמיי מיט די מיליטע־רישע אָפּטיילונגען פון די אַליִירטע מלוכות, וועלן אין גיכן צוזאַמענברעכן און אַז דאָס וועט ברענגען צום סוף פון דעם בירגער־קריג.

דער הויפּט־קאָמיסאַר אין „צענטראָ־פּעטשאַט״ איז געווען אַ סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער פון לינקן פליגל. איידער איך האָב געדאַרפט אָוועקפאָרן, האָט ער מיך געבעטן אַז איך זאָל קומען צו אים. ער וויל מיט מיר עפּעס רעדן. ווען איך בין געקומען צו אים האָט ער מיר געזאָגט, אַז זיי דערוואַרטן אַז אין גיכן זאָל זיך דער בירגער־קריג ענדיקן און זיי דאַרפן האָבן ספּעציעלע אָרגאַ־ניזאַטאָרס. אַזוי ווי אים איז באַקאַנט מיין אַרבעט אויפן אוראַל, וואָלט ער זייער געוואָלט, אַז איך זאָל קומען צוריק קיין מאָסקווע, ווו איך וועל קריגן די שטעלע פון אַ באַזונדערן ספּעציעלן פאָרשטייער און אָרגאַניזירער פון „צענטראָ־פּע־טשאַט״. איך וועל האָבן אַ ספּעציעלן אייזנבאַן־וואַגאָן מיט דריי געהילפן. ווען איך זאָל גלייך אָננעמען די שטעלע, וואָלט ער טעלעגראַפיש אָוועקגעשיקט אַ באַפעל אַז מען זאָל מיך באַפרייען פון מיין פּאָסטן. האָב איך אים געענטפערט, אַז זיין פּראָפּאָזיציע אינטערעסירט מיך, נאָר פריִער ווי איך וועל אָננעמען אַזאַ מין שטעלע, און דער בירגער־קריג וועט ליקווידירט ווערן, מוז איך גע־

פינען מיין פאַמיליע, וואָס איך האָב שוין נישט געזען ביי די 17 חדשים. איך האָב אים נאָר געמוזט צוזאָגן, אַז קיין אַנדער שטעלע וועל איך נישט אָננעמען.

די חברים, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן, האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז זיי האָבן איבערגעלעבט אַ שווערע און געפערלעכע צייט, ווען די באָלשע־וויקעס האָבן באַשלאָסן צו אַרעסטירן אַלע אַנאַרכיסטן, נאָך דעם ווי מ׳האָט געוואָרפן די באָמבע אין זייער קאָמיטעט. ס׳איז געווען אַ מאָמענט, ווען ס׳האָט אויסגעזען, אַז אַ גרויסע צאָל חברים וועלן דערשאָסן ווערן. אָט דער עפּיזאָד האָט געוויזן ווי שוואַך אין איר אַקטיוויטעט איז געווען אונדזער באַוועגונג אין צענטער פון רוסלאַנד, די באַוועגונג איז באַשטאַנען די גרעסטע טייל פון איינ־צלנע חברים, וואָס האָבן קיין ווירקונג אויף קיינעם נישט געהאַט.

אויפן וועג צוריק קיין יעקאַטערינענבורג האָבן מיר געקראָגן די ערשטע ידיעה, אַז גענעראַל דעניקינס אַרמיי האָט אָנגעהויבן אָפּצוטרעטן. דאָס איז געווען ביים סוף פון חודש מערץ פון 1920. ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין יעקאַטערינענבורג, זענען שוין געווען ידיעות, אַז די גרעסטע טייל בריקן פון דער אייזנבאַן־ליניע, זענען אויפגעריסן געוואָרן פון די פּאַרטיזאַנער און אַז גענעראַל דעניקינס אַרמיי טרעט־אָפּ אין פּאַניק צום שוואַרצן ים און אויפן קרימער האַלב־אינדזל. די אַליירטע מלוכות האָבן אָנגעבראַכט גאָר אַ גרויסן סכום קריגס־מאַטעריאַלן, וואָס מ׳האָט געדאַרפט אויף צו פירן מלחמה, און אָט דער גרויסער פאַרמעגן פון וואָפן איז פאַרבליבן פאַר דער רויטער אַרמיי.

מיין פאַרוואַלטער איז געווען זייער צופרידן מיט די פּעק ליטעראַטור, וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך, נאָר ער איז געוואָרן זייער אַנטוישט, ווען איך האָב אים געמאָלדן, אַז ווי נאָר עס וועט קומען די ידיעה אַז נאָוואָראָסייסק איז באַפרייט געוואָרן, וועל איך אַוועקפאָרן צו מיין פאַמיליע.

די גרופּע האָט אויפגעלעבט קריגנדיק אַ סכום ליטעראַטור, וואָס מ׳האָט גלייך צעכאַפּט און צעשיקט אין דער פּראָווינץ. ס׳איז געוואָרן אַ ביסל לעבע־דיקער אין דער גרופּע, ווייל די חברים וואָס האָבן זיך דערוווּסט, אַז מ׳האָט ווידער אָנגעבונדן קאָנטאַקט מיט מאָסקווע, האָבן זיי אָנגעהויבן צו קומען אָפטער און מ׳האָט אויך געהאַט ספּעציעלע געסט, ווי אַ שטייגער אַ חבר, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע פאַרם, לויטן אויסזען איז ער געווען אַ ריכטיקער סיבירער פּויער. ער פלעגט קיין מאָל נישט קומען, אַז ער זאָל נישט מיט־ברענגען אין זיין וואָגן גענוג פּראָדוקטן, וואָס האָבן געקלעקט ביז וואַנען ער פלעגט נאָך אַמאָל קומען.

אונדזער גרופּע פון דער קאָמונע איז פאַר די לעצטע פאַר מאָנאַטן געוואָרן קלענער. מאַרק מראַטשני און קלאַוודיאַ האָבן אָנגענומען שטעלעס אין דאָרף אַלס לערערס, אָבער צו יעדער צייט פלעגן אונטערקומען געסט.

* * *

מען קאָן זאָגן, אַז דאָס וואָס איך וועל איצט דערציילן, איז געווען די ערשטע פּאַסירונג, ווען אַ חבר האָט פאַרלאָזן אונדזערע רייען און איז געוואָרן

אַ באָלשעוויק. אמת, אין מאָסקווע זענען געווען עטלעכע, וואָס גלייך נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זענען זיי געוואָרן אָדער שטאַרקע מיטלויפערס, אָדער מיטגלידער אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, ווי ס'האָט געטאָן אַלפּאַ, וואָס איז געווען אַ באַוווסטער און טעטיקער אַנאַרכיסט אין אויסלאַנד.

מיר האָבן געהאַט אַ חבר, וואָס האָט געאַרבעט אין דער רויטער אַרמיי, קולטורעל־דערציִערישע אָפּטיילונג, מיט אים האָט אויך געאַרבעט אַ מיטגליד פון דער כאַרקאָווער גרופּע, אַן עמיגראַנט פון פילאַדעלפיע, יאַשקאַ מייערס.

דער ערשטער חבר האָט אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז יאַשקאַ מייערס האָט געקומען האַנדלען אין זיין אַרבעט מער ווי אַ באָלשעוויק, אײדער ווי אַ מיט־גליד פון דער גרופּע „נאַבאַט״, איז ער ביי דער ערשטער געלעגנהייט געקומען צו אונדזער גרופּע מיט אַן אָנקלאַגע, אַז חבר יאַשקאַ מייערס פירט זיך נישט אויף ווי אונדזערס אַ חבר. מיר האָבן וועגן דעם נישט געהאַט קיין שום אַנונג. יאַשקאַ מייערס איז עטלעכע מאָל געווען ביי אונדז, אָבער קיינער האָט גאָר נישט חושד געווען, אַז ער איז געוואָרן אַ באָלשעוויק.

איוואַן אַפּאַלאָן האָט אים געשריבן אַ בריוול און אים געבעטן, אַז ער זאָל קומען צו אונדז. מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, ווען יאַשקאַ מייערס האָט זיך באַוויזן, האָט קיינער פון אונדז נישט געוואָלט גלייבן, אַז ער זאָל אָפּטאָן אַזאַ זאַך.

ביים עסן וועטשערע האָט אים איוואַן אַפּאַלאָן אָנגעהויבן אויספרעגן וואָס פאַר אַן אַרבעט ער טוט. נאָך דעם האָט ער אים אָפן דערקלערט, אַז מען האָט אונדז געזאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַ באָלשעוויק. יאַשקאַ מייערס האָט אין אָנהייב געלייקנט די גאַנצע זאַך, נאָר איוואַן אַפּאַלאָן איז נישט געווען פון די וואָס לאָזן אַזוי גלייך אָפּ, און צו דעם איז יאַשקאַ מייערס געווען אַ זייער טעטי־קער מיטגליד פון דער כאַרקאָווער גרופּע „נאַבאַט״. איוואַן אַפּאַלאָן האָט אים גענומען אויפן צימבל אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער האָט זיך מודה געווען, אַז דאָס איז אמת. אין מיטן דער נאַכט האָט איוואַן אַפּאַלאָן געהייסן אים גלייך פאַרלאָזן דאָס הויז און יאַשקאַ מייערס איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער באָל־שעוויסטישער פּאַרטיי.

יעדן טאָג פלעגן אָנקומען מער און מער ידיעות, אַז גענעראַל דעניקינס ווייסע אַרמיי לויפט אין פּאַניק צום שוואַרצן ים. ווען ס'איז געקומען די נייעס, אַז זיי האָבן פאַרלאָזן ראָסטאָוו אויפן דאָן, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן אָנצו־הייבן גרייטן זיך אין וועג אַריין. אין „צענטראַ־פּעטשאַט״ איז די אַרבעט גע־ווען אַזוי אָרגאַניזירט, אַז יעדער איינער האָט געטאָן זיין חלק. קאָפּילאָוויטש האָט זייער נישט געוואָלט אַז איך זאָל אַוועקפאָרן, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען אַז אים וועט גאָרנישט העלפן, און מיר האָבן צוגעגרייט, אַז אַבראַם כריס־טאָס זאָל פאַרנעמען מיין פּאָסטן.

אין אָנהייב פון חודש אַפּריל, ווען ס'האָבן גענומען נאָכלאָזן די שטאַרקע פרעסט, האָב איך באַשלאָסן אַרום האַלבן מאָנאַט אַרויסצופאָרן פון יעקאַ־טערינאָסלאַוו. טערינעבורג.

פאַר דער צייט פון העכער זיבן חדשים האָבן מיר זיך אַזוי נאָענט אײַנ־געלעבט אין דער גרופּע און קאָמונע, אַז די חברים האָבן נישט געוואָלט, אַז איך זאָל אַוועקפאָרן. זיי האָבן נישט געהאַט ווער עס זאָל איבערנעמען די אַר־בעט פון קאָכן. אַ חוץ די חברים האָבן מיר געהאַט אַ רייע פריינד פון די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, באַזונדערס איין פאַמיליע — אַ מאַמע מיט פיר טעכטער — זייער אינטערעסאַנטע מענטשן, און מיר פלעגן זייער אָפט פאַרברענגען ביי זיי אין הויז.

אַ פּאָר טעג פאַר מיין אַוועקפאָרן האָבן מיר: איך, איוואַן אַפּאַלאָן און אַבראַם כריסטאָס, איבערגעלעבט נישט קיין אָנגענעמען עפּיזאָד. אַ צוויי חדשים פאַר מיין אַוועקפאָרן פלעג איך באַמערקן, אַז אַבראַם כריסטאָס גייט אַוועק פון הויז. אָבער ער פלעגט קומען זייער שפּעט, אָדער ער פלעגט אין גאַנצן נישט קומען שלאָפן. מיר האָבן גלייך דערשמעקט אַז דאָס איז פאַר־בינדן מיט אַ פרוי. קיינער פון אונדז האָט נישט געפרעגט און אויך נישט גע־מאַכט קיין שום באַמערקונג. נאָר מיר האָבן אַלע געוווּסט, אַז קאַטיאַ, אין כאַרקאָוו, וואַרט מיט גרויס אומגעדולד, אַז אָדער אַבראַם כריסטאָס זאָל קומען צו איר קיין כאַרקאָוו, אָדער זי זאָל קומען צו אים. נאָר פון די בריוו וואָס מיר האָבן באַקומען פון איר, האָבן מיר אַרויסגעזען, אַז זי האָט נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס אַבראַם ציט אָפּ מיט זיין קומען און ער האָט אויך נישט געוואָלט, אַז זי זאָל פאָרן צו אים.

אַ צוויי טעג פאַר מיין אַוועקפאָרן האָב איך געהאַט אַ שמועס מיט איוואַן אַפּאַלאָן וועגן אים און זיין נישט אָנגענעמער סיטואַציע, און מיר האָבן באַ־שלאָסן ביי זיך, אַז אַבראַם כריסטאָס מוז אָנשרייבן קאַטיאַן אַ בריוו, אין וועלכן ער זאָל איר דערציילן דעם גאַנצן אמת. נאָכן אָפּעסן נאַכטמאָל זענען מיר אַריין אין אַ באַזונדערן חדר און איוואַן אַפּאַלאָן האָט גלייך געזאָגט אַבראַם כריסטאָסן, אַז ער זאָל תיכף אַוועקזעצן זיך און אָנשרייבן דעם גאַנצן אמת וואָס מיט אים האָט פּאַסירט און ער האָט צוגעגעבן: דאָס איז נישט אונדזער זאַך, וואָס דו האָסט זיך פאַרליבט אין אַן אַנדערער פרוי, נאָר קאַטיאַ איז אונ־דזער אַ זייער נאָענטע חברטע, און דיין מאָראַלישער חוב איז דאָס צו לאָזן איר וויסן.

אַבראַם כריסטאָס האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון שרייבן קאַטיאַן, און ער האָט פאָרגעשלאָגן אַז אַזוי ווי איך וועל זיין אין כאַרקאָוו, זאָל איך קאַטיאַן איבערגעבן אַלץ וואָס ס'האָט פּאַסירט. אָבער איוואַן אַפּאַלאָן און איך האָבן אים געזאָגט, אַז אויב ער וויל אַז אונדזער חברישע באַציִונג צו אים זאָל בלייבן אומפאַרענדערט, מוז ער אַליין, דורך אַ בריוו, זאָגן איר דעם גאַנצן אמת.

אַבראַם כריסטאָס איז אָפּגעזעסן כמעט אַ גאַנצע נאַכט ביז ער האָט גע־קענט צוזאַמענשטעלן עפּעס אַ בריוו. דעם בריוו האָב איך מיטגענומען, נאָך דעם גאַנצן וועג האָט ער מיך געברענט ווי אַ העלישער פייער, ווייל אַט די ליבלעכע און איבערגעגעבענע חברטע האָט נישט פאַרדינט, אַז מע זאָל זי אַזוי

גראָב באַהאַנדלען. אויף מאָרגן בין איך אַוועקגעפאָרן מיט אַזוי פיל דערינגערונגען פון כמעט 8 חדשים אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין מאָסקווע, האָב איך די ערשטע זאַך אָנגעהויבן אויסצוגעפינען די מעגלעכקייטן צו פאָרן ווייטער, ווייל די פּאַרטיזאַנער האָבן אין טייל פּלעצער אויפגעריסן די אייזנבאַן־בריקן און די זעלביקע זאַך האָט געטאָן דעניקינס ווייסע אַרמיי, וואָס האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פון די פּאַרטיזאַנער.

איך האָב אויסגעפונען, אַז ביז כאַרקאָוו קאָן מען, מיט שוועריקייטן, דערפאָרן. אָבער נאָכדעם איז דאָס זייער שווער, ווייל דער גרעסטער טייל פון דער ליניע איז געווען צעשטערט און צו דעם איז נאָך די אייזנבאַן געווען אונטערן קאָנטראָל פון דער רויטער אַרמיי. כדי איינער זאָל דאָרטן קאָנען פאָרן, האָט ער געמוזט האָבן מאַנדאַטן פון די הויכע פענצטער.

אויפן צווייטן טאָג פון מיין קומען קיין מאָסקווע בין איך אַוועק זען דעם הויפּט־פּאַרוואַלטער פון „צענטראָ־פּעטשאַט״. ער האָט זיך זייער דערפרייט ווען ער האָט מיך דערזען. איך האָב אים אָבער באַלד דערקלערט, אַז ביז וואַנען איך וועל נישט געפינען מיין פאַמיליע, וועל איך זיך נישט אונטערנעמען עפּעס צו טאָן. אויספרעגנדיק וווהין איך וויל פאָרן, און אַז דאָס איז נאָוואָראָסייסק, זאָגט ער מיר, אַז ער האָט די טעג דערהאַלטן טעלעגראַמעס פון נאָוואָראָסייסק און קראַסנאָדאַר און זיי בעטן, אַז מען זאָל ווען עס איז צושיקן צו אָרגאַניזירן דאָרטן דעם „צענטראָ־פּעטשאַט״, וויל ער, אַז אין פאַל איך וועל געפינען מיין פאַמיליע, זאָל איך אונטערנעמען דאָרטן די אַרבעט צו אָרגאַניזירן די „צענטראָ־פּעטשאַט״ און ער גיט צו: צי דו וועסט דאָרט פאַרבלייבן, אָדער דו וועסט אַוועקפאָרן, וויל איך אַז דו זאָלסט אָננעמען די שטעלע פון אַ ספּעציעלן פאָרשטייער פון „צענטראָ־פּעטשאַט״, און דו וועסט קריגן אַלע נויטיקע פּאַפּירן, וואָס וועלן עפענען פאַר דיר אומעטום די טירן און דו וועסט באַקומען יעדע הילף וואָס דו וועסט באַדאַרפן. נאָר איין זאַך וויל איך פון דיר: זאָלסט מיר געבן דאָס וואָרט, אַז ווען דו וועסט פאַרטיק ווערן מיט דער אָרגאַניזיר־אַרבעט, זאָלסטו קומען צוריק קיין מאָסקווע. איך וויל, אַז דו, מיט אייניקע געהילפן צו דיר, זאָלן מאַכן אַ רייזע פון מאָסקווע איבער גאַנץ קאַווקאַז און ביז באַטום, אויפן שוואַרצן ים. האָב איך אים דאָס צוגעזאָגט. האָט ער גלייך אָריינגערופן זיין סעקרעטאַרשע און איר געהייסן אָנשרייבן אַלע נויטיקע פּאַפּירן, קריגן אַ בילעט ביז נאָוואָראָסייסק, געבן מיר אין פאָרויס פאַר צוויי חדשים שכירות און צו דעם אַלעמען אַ מאַנדאַט פונעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט, וועלכער זאָל פאַראָרדענען אַלע מיליטערישע אָפּטיילן, מיר צו העלפן אין אַלץ וואָס איך וועל דאַרפן.

אין צוויי טעג אַרום האָב איך שוין געהאַט אַלע נויטיקע פּאַפּירן, וואָס האָבן מיר באַדאַרפט דערמעגלעכן, אין יענער שווערער צייט, צו מאַכן מיין נסיעה ביז נאָוואָראָסייסק.

איך האָב זיך גענומען אַ פּאָר טעג אויף צו טרעפן זיך מיט מיינע חברים

און באַקאַנטע. פאַר די אַכט מאָנאַטן, וואָס איך האָב פאַרלאָזן מאָסקווע און אין צווישנצייט געווען דאָרטן נאָר עטלעכע טעג, האָט איצטער זיך זייער בולט אָפּגעשפּיגלט די גייסטיקע איבערלעבונג און דער פיזישער אויסזען, דער רעזול־טאַט פונעם גרויסן הונגער, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער גאַנץ צענטראַל־רוסלאַנד. ס׳האָט זיך געפילט אַ אויסגעמאַטערטקייט, מחמת מ׳האָט געמוזט שטענדיק טראַכטן ווי צו קריגן אַ שטיקל ברויט, אָדער עפּעס געפינען אָפּצועסן.

ס־איז געווען אַ מאָדנע סיטואַציע, אַ סיטואַציע, וואָס האָט אַרויסגעוויזן סימנים פון אַ מין גלייכגילטיקייט. אַפילו אין די דיסקוסיעס איז נישט געווען יענע לעבעדיקייט פון דעמאָלט, ווען איך האָב פאַרלאָזט מאָסקווע, צוריק מיט אַכט חדשים. דערצו האָט זיך נאָך געפילט די נישט־לאַנג צוריק איבערגעלעבטע געשעענישן, נאָכן אויפרייס פון דער באָמבע און דער אַרעסט פון די אַנאַרכיסטן איבער גאַנץ רוסלאַנד.

בכלל האָט מען שוין דעמאָלט געפילט, אַז אין גיכן וועט זיך אָנרוקן אַ שוואַרצע רעאַקציע קעגן אַלע די, וואָס זענען נישט איינשטימיק מיט די באָל־שעוויקעס און אַ טייל פון מיינע גוטע באַקאַנטע באָלשעוויקעס און פון מיינע מיטאַרבעטער פון דעם אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט. אמת, זיי זענען אַלע געווען זייער צופרידן מיך צו זען, און איך האָב געהאַט פון זיי אַ פריינדלעכע באַציונג, נאָר אין דער פריינדלעכקייט האָט זיך שוין געפילט אַ געוויסע מאָס אָפּגע־פרעמדקייט. נאָר נישט קוקנדיק דערויף, האָט זיך מיר אַפילו נישט געחלומט, אַז אין אַ קורצער צייט אַרום וועט זיך אָנהויבן דער גרויסער פּאָגראָם אויף דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

זייענדיק אומגעדולדיק, האָב איך באַזוכט אַ רייע חברים, געטראָפן זיך מיט אייניקע פון זיי ביי די מיטינגען פון קלוב, נאָר אין אַ וואָך אַרום האָב איך פאַר־לאָזן מאָסקווע, אויפן וועג קיין כאַרקאָוו.

ביז טולאַ איז דער צוג געגאַנגען זיין נאָרמאַלע צייט. נאָר אַזוי שנעל ווי מיר זענען אָפּגעפאָרן עטלעכע צענדליק וויאָרסט, האָט זיך אָנגעהויבן אויסוויק־לען די פּאַנאָראַמע פונעם בירגערקריג און די אינוואַזיע פון די אַליאירטע אַר־מייען. פון מאָסקווע ביז נאָך קאווקאַז, איז דער אייזנבאַן געבויט מיט צוויי לי־ניעס. נאָר דאָ האָט מען געזען ווי איין ליניע איז פאַרפאַקט מיט וואַגאָנעס און איבערפולט מיט אַלערליי מיליטערישע מאַטעריאַלן און וואָפן און די באַנען זע־נען געגאַנגען פון ביידע זייטן אויף דער צווייטער ליניע, און אַזוי איז דאָס גע־ווען ביז דעם שוואַרצן ים. איבער דעם גאַנצן וועג האָט מען געאַרבעט כדי צו פאַרריכטן די בריקן און צו באַפרייען די צווייטע ליניע פון די איבערגעלאָדענע געפּאַקטע וואַגאָנעס. און אָט אין דעם צושטאַנד פון דער אייזנבאַן, האָט גענומען מער ווי אַ טאָג צו קומען קיין כאַרקאָוו.

אָנקומענדיק קיין כאַרקאָוו, האָב איך געטראָפן דאָרטן אַ היפּשע צאָל חברים. די גרופּע „נאַבאַט“, דאָס בוך־געשעפט, די צייטונג „נאַבאַט“, אָבער אַ צאָל חברים האָבן געפעלט. איך האָב זיך דעמאָלט דערוווּסט, אַז נאָומקע דער ווייסער מיט אַ רייע אַנדערע חברים, זענען געוואָרן דערשאָסן פון די ווייסע גוואַרדיי־

צעס. יוסף גודמאַן, ליאַ און יאַשאַ גאַטמאַן, קאַטיאַ און אַ רייע אַנדערע חברים האָבן שווער געאַרבעט צו אָרגאַניזירן צוריק די אַרבעט, וואָס די ווייסע האָבן שטאַרק צעשטערט. נאָר צו דעם איז נאָך דעמאָלט צוגעקומען אַ גרויסע שטע־רונג, פון דער צייט פון דער טשעקאַ: אַזוי גרופּענע אומשולדיקע אַרעסטן, שוועריקייטן צו דרוקן די צייטונג „נאַבאַט". בכלל איז די שטימונג נישט געווען אַזאַ, ווי יענע וואָס האָט געהערשט איידער דעם גענעראַל דעניקינס אַרמיי האָט פאַרנומען כאַרקאָוו.

די באָלשעוויקעס, פאַרשיכורטע פון דעם וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן צע־שטערט דעם גענעראַל דעניקינס אַרמיי, האָבן אָנגעהויבן צו ליקווידירן די פּאַרטיזאַנער־אָטריאַדן. מיט די קלענערע אָטריאַדן איז דאָס נישט געווען קיין צו־שווערע אַרבעט פאַר די באָלשעוויקעס זיי אָפּצוראַמען, אָבער נעסטאָר מאַכ־נאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי, איז געווען זייער און זייער אַ האַרבער ענין. אמת טאָקע, די באָלשעוויקעס האָבן געהאַט דעם קאָנטראָל און די מאַכט אין די גרע־סערע שטעט, נאָר אין די דערפער מיטן אומצופרידענעם פּויערטום, איז געווען גאָר אַן אַנדער עסק. אין די דרום־געגנטן פון גוליאַי־פּאָליע און אין יעקאַטע־רינעסלאַווער ראַיאָן, האָט די פּאַרטיזאַנער־אַרמיי פון נעסטאָר מאַכנאָ באַקומען די פולע שטיצע פון די פּויערים, אַפילו פון די ווייטערע געגנטן.

צו דעם אַלעמען דאַרף מען צוגעבן, אַז ווען גענעראַל דעניקין האָט געליטן די מיליטערישע מפּלה, האָט גענעראַל וראַנגעל איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער ווייסער אַרמיי און האָט זיך באַפעסטיקט אויפן קרימער האַלבאינדזל, וואָס האָט פאַרמאָגט נאַטירלעכע מיליטערישע פעסטונגען, וואָס האָבן פאַר־שטעלט דעם צוגאַנג אַהין. קרים איז דעריבער, אין יענעם מאָמענט, געווען דאָס איינציקע פּלאַץ ווו עס זענען פאַרבליבן רעשטלעך פונעם בירגערקריג. האָבן די באָלשעוויקעס, אין אַ געוויסן זינען, אויסגעמיטן צו פירן אַ שטאַרקן קאַמף קעגן דער פּאַרטיזאַנער־אַרמיי פון נעסטאָר מאַכנאָ.

דאָ דאַרף אויך דערמאָנט ווערן, אַז די באָלשעוויקעס, פאַרשיכורטע פון זייער נצחון איבער דער ווייסער אַרמיי און די אַליאירטע אַרויסהעלפערס אירע, האָבן געמאַכט דעם באַוווסטן פאַרזוך צו פאַרכאַפּן פּוילן. און די גרויסע נידער־לאַגע פון דעם געוועזענעם קאָזאַק בודעני, וואָס איז געוואָרן איבער נאַכט אַ גע־נעראַל, האָט אויך געווירקט, אַז זיי זאָלן מורא האָבן אָנצוהויבן זיך מיט נעסטאָר מאַכנאָ.

נאָר אין די גרעסערע שטעט פלעגט מען פון צייט צו צייט אַרעסטירן אַ צאָל חברים, זוכנדיק צווישן זיי מאַכנאָווצעס. די גאַנצע סיטואַציע איז געווען אַ גע־שפּאַנטע. נאָר נישט געקוקט אויף די אַלע שוועריקייטן, האָבן אונדזערע חברים אין אוקראַינע, אָנגעפירט די אַרבעט און אַרויסגעגעבן אַ צייטונג „נאַבאַט". ווען מיר האָבן געהאַט די קאָנפערענץ, זומער 1919, האָט מען דעמאָלט אָנגענומען אַ באַשלוס צו זוכן אַ מיטל ווי אַזוי זיך צו פאַרבינדן מיט דער אויסערלעכער וועלט און לאָזן וויסן אונדזערע חברים, וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד. מ׳האָט טאַקע באַשלאָסן, נאָר דאָס דורכפירן דעם באַשלוס איז געשטערט געוואָרן, ווייל

מ׳האָט געמוזט אויפגעבן די גאַנצע לעגאַלע אַרבעט און עוואַקויִרן זיך פון דער אָנקומענדיקער ווייסער אַרמיי.

איצטער, ווען די באָלשעוויקעס האָבן גענומען ווייזן זייער ריכטיקן פּרצוף און אַלץ מער גענומען פאַרפאָלגן אונדזער באַוועגונג און די חברים, איז דער פאַרלאַנג צו פאַרבינדן זיך מיט דער אויסערלעכער וועלט געוואָרן נאָך שטאַרקער.

ווען איך בין אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו, האָט יוסף גודמאַן פאַרגעשלאָגן, אַז די אַקטיווערע און נענטערע חברים זאָלן דורכפירן אַ מיטינג, ווו עס זאָל באַהאַנדלט ווערן די פראַגע וועגן אָנקניפּן קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד. דער מיטינג איז טאַקע פאָרגעקומען, אָבער קיינער האָט נישט געהאַט קיין פּלאַן אָדער מיטל, ווי מע זאָל דאָס קענען דורכפירן אין דער פּראַקטיק. די איינציקע זאַך, וואָס מיר האָבן זיך דערוווּסט, איז געווען, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג אין דער אַרמיי און נאַטירלעך, די טשעקאָ, אונטערן נאָמען: „זאַגאַרדאַט״, וואָס האָט געמיינט „זאַגראַניטשנאַיאַ ראַזוועדקאַ״, אין פּשוטע ווערטער: אָנפירן שפּיאָנאַזש. מיר האָבן זיך דערוווּסט אַז די הויפּט־ביוראָ פונעם גאַנצן קאַווקאַזער ראַיאָן געפינט זיך אין ראָסטאָוו אויפן דאָן, מיט אָפּטיילונגען אין די גרעסערע האַפנשטעט. פאַרבינדן זיך מיט דער אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט, נאָר מיר האָבן געהאַט דעם גרויסן פאַרלאַנג און געהאַלטן פאַר אונדזער מאָראַלישן חוב צו לאָזן וויסן דער אויסערלעכער וועלט, וואָס עס קומט פאָר אינעם לאַנד פון דער גרויסער רוסישער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

האָט מען באַשלאָסן, אַז מע זאָל פּרובירן געפינען אַ וועג ווי אַזוי אַרום צו פאַרבינדן זיך מיט דער אָרגאַניזאַציע און, אין דער זעלביקער צייט, האָט מען מיר פאַרטרויט די מיסיע דאָס צו טאָן, ווייל איך פאָר קיין נאָוואָראָסייסק, ווו ס׳האָט זיך געוויס געפונען אַן אָפּטיילונג פון „זאַגאַרדאַט״. איך האָב זיך דאָס אונטערגענומען, אָבער גלייכצייטיק האָב איך פאָרגעשלאָגן, אַז די גרופּע זאָל צוגרייטן די נייטיקע מאַטעריאַלן וואָס מע זאָל אַרויספירן פון רוסלאַנד. דאָס אַלץ האָט מען אָנגענומען און איך האָב געהאַט אויף מיינע הענט אַ שטיקל אַרבעט, וואָס איז מיר נישט געווען צום האַרצן — צו זוכן אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט אַ שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע.

ווען מיר זענען פאַרטיק געוואָרן מיט אונדזער אַרבעט, האָב איך געדאַרפט דערליידיקן דעם ענין מיט חברטע קאָטיאַ און אַבראַם כריסטאָס. ווען איך האָב זיך געטראָפן באַלד ווי איך בין אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו מיט קאַטיאַן, איז געווען די ערשטע פראַגע וואָס זי האָט מיר געשטעלט, מיט שרעק אין די אויגן: פאַר וואָס איז אַבראַם נישט געקומען מיט מיר? איר טרויעריקער אויסזען און די מורא אין אירע ליבע אויגן האָט צוגענומען ביי מיר דעם מוט צו זאָגן איר דעם גאַנצן אמת און אָנשטאָט דעם האָב איך אויסגעטראַכט אַ תּירוץ, אַז אַבראַם כריסטאָס האָט איצט נישט געקענט אַוועקפאָרן און נאָך אַזעלכע תּירוצים. יענעם אָוונט זענען מיר אַרומגעגאַנגען ביז זייער שפּעט ביי נאַכט און איך האָב

איר געדאַרפט דערציילן פון אַלע אַקטיוויטעטן און פּאַסירונגען פון דער צייט, וואָס איך בין געווען אין יעקאַטערינענבורג. ספּעציעל האָט זי געוואָלט וויסן אַלע קלייניקייטן וועגן איר אַבראַם. זי האָט גערעדט, נאָר אין איר שטימע האָב איך געפילט, אַז זי האָט געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז עפּעס האָט פּאַסירט, וואָס איך האָב נישט דעם מוט איר צו דערציילן.

דריי טעג און דריי נעכט זענען מיר געווען צוזאַמען און פאַר דער דאָזיקער צייט האָב איך פּרובירט זי צוצוגרייטן צו דער טרויעריקער נייס פון איר לעבן און איר גרויסער אַנטוישונג, וואָס האָט אין אַ קורצער צייט אַרום געמאַכט אַ סוף צו איר יונגן לעבן. און מיר האָבן מיט איר פאַרלוירן אַן אויסערגעוויינלעך ליבע און זייער אַקטיווע איבערגעגעבענע חברטע.

אויפן דריטן טאָג האָט זי מיך פאַרבעטן צו זיך אויף נאַכטמאָל. נאָך דעם, ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן, האָב איך פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר אין פּאַרק; האָט מיר קאַטיאַ געענטפערט, אַז זי פילט נישט ווי צו גיין אויף שפּאַציר, נאָר זי וויל רעדן מיט מיר. און איך האָב גלייך דערפילט וועגן וואָס זי וויל רעדן. האָט קאַטיאַ אָנגעהויבן מיט די ווערטער: חבר באָריס, איך דאַרף אייך נישט דערציילן וועגן מיינע געפילן צו אייך און מיין נאָענטקייט ווי אַ חבר און ליבער פריינד. אָט זענען פאַרלאָפן דריי טעג זינט איר זענט געקומען קיין כאַרקאָוו און פון דעם ערשטן מאָמענט, וואָס איר האָט מיך אַרומגענומען און געגעבן אַ חברישן קוש, האָב איך דערפילט אַז עפּעס האָט פּאַסירט, און איר פּרובירט די גאַנצע צייט אויסצומיידן מיר דערציילן דעם גאַנצן אמת וועגן דעם, וואָס ס'האָט געטראָפן מיט אַבראַמען?! דענקט איר, אַז איר טוט די ריכטיקע זאַך ביים האַלטן מיך דריי טעג אין נערוועזן צושטאַנד? איך ווייס און איך פאַר־שטיי, אַז איר פּרובירט מיט אייערע אַלע כוחות נישט מאַכן מיר ווײ־טאָן, נאָר אייער שווייגן מאַכט מיין ווונד נאָך גרעסער! איך וויל וויסן אַלץ, ווי ביטער דער אמת זאָל נישט זיין, וועל איך אים נעמען ווי ער איז!

— יאָ, קאַטיאַ, איר זענט גערעכט. איך האָב אייך עפּעס איבערגעגעבן וועגן אַבראַמען. ער לעבט און דער פאַקט איז דער, אַז איך האָב צו אייך אַ בריוו פון אַבראַמען. נאָר אַזוי ווי איך ווייס וואָס ער שרייבט אייך, וועל איך אייך פריִער איבערגעבן די גאַנצע פּאַסירונג פון אָנהייב־אָן ביזן טאָג, ווען איך בין אַוועק־געפאָרן.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט קאַטיאַ די גאַנצע צייט נישט געהאַט קיין פאַרדאַכט, אַז אַבראַם לעבט מיט אַן אַנדער פרוי. זי האָט געמיינט, אַז עפּעס פּיזישס האָט מיט אים פּאַסירט. פון מיין דערציילן האָב איך באַמערקט, אַז קאַ־טיאַ איז געוואָרן פאַרגליווערט. ווען איך האָב איר דערלאַנגט אַבראַמס בריוו און זי האָט דעם בריוו איבערגעלייענט, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ שטאַרקן געוויין און געזאָגט: ליבער באָריס, פאַר וואָס האָט ער געדאַרפט די גאַנצע צייט נאַרן מיך, אַז ער וועט קומען צו מיר, אָדער איך וועל קומען צו אים. אָט דאָס גראָבע אָפּנאַרן זי, האָט איר נישט געלאָזט באַרויִקן זיך. זי האָט מיך אַרומגע־נומען און מיט פאַרווייִנטע אויגן האָט זי נאָר געוואָלט וויסן, ווי קומט דאָס צו

אַבראַמען, אַז ער זאָל זי אַזוי אָפּנאַרן, ווען ער האָט גוט געוווסט, אַז מיט גוואַלד וועט זי אים נישט צוהאַלטן.

קאַטיאַ האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל פאַרבלייבן מיט איר, ווייל זי קאָן נישט זיין איצט אַליין, און מיר זענען אָפּגעזעסן די גאַנצע נאַכט. איך האָב געפילט, אַז אָט די ליבע פרוי און חבר האָט פאַרלוירן אַ גרויסן טייל לעבן אין יענער נאַכט. ערשט אין דער פרי, איז זי אַנטשלאָפן געוואָרן און שלאָפנדיק האָט זי אויסגעזען, אַז אין חלום לעבט זי איבער איר גרויסע טראַגעדיע, די טראַגעדיע אַז דער מאַן, וועמען זי האָט אַזוי שטאַרק געליבט, האָט זי אַזוי גראָב אָפּגענאַרט.

די עטלעכע טעג, וואָס איך בין נאָך געבליבן אין כאַרקאָוו, זענען מיר געווען די גאַנצע צייט צוזאַמען און איך האָב געזען, אַז מיט יעדער טאָג גייט זי אויס ווי אַ ליכט. וויפל איך האָב מיט איר נישט גערעדט, איז איר געדאַנק געווען ערגעץ ווייט, ווייט...

און אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום איז אונדזער ליבע קאַטיאַ געשטאָרבן אין אַ סאַנאַטאָריע.

פון כאַרקאָוו ביז ראָסטאָוו אויפן דאָן, איז נאָך געוואָרן שווערער דאָס פאָרן, מחמת דאָ איז געווען נאָך מער צעשטערונג און אויפגעריסענע בריקן. נאָר מיינע מאַנדאַטן האָבן מיר געהאָלפן פאָרן מיט ספּעציעלע מיליטערישע צוגן אָדער אַפילו לאָקאָמאָטיוון.

אין ראָסטאָוו אויפן דאָן, איז געווען נישט קיין גרויסע גרופּע חברים, וועמען איך האָב געבראַכט אַ פּאָר פּעקלעך צייטונגען „נאַבאַט". איך האָב אויך פּרובירט אויסצוגעפינען, צי די חברים האָבן עפּעס אַן אינפאָרמאַציע וועגן דער „זאַגאַרדאַט"-קערפּערשאַפט. די חברים האָבן נישט געהאַט קיין שום ידיעה אָדער פאַרבינדונג. האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין קיין נאָוואָראָסייסק. אין נאָרמאַלע צייטן פלעגט נעמען מיט דער באַן 15-14 שעה, נאָר איצטער האָט געדויערט כמעט צוויי טעג. ביז קראַסנאָדאַר האָב איך זיך דערשלעפּט מיט אַלערליי מיטלען, וואָס געפינען זיך אויף אַן אייזנבאַן. אָנקומענדיק קיין קראַסנאָדאַר, איז דער בריק איבערן טייך קובאַן געווען אויפגעריסן. נאָר איין מאָל אין טאָג פלעגט, פון דער צווייטער זייט טייך, גיין אַ באַן קיין נאָוואָראָסייסק. נאָר ווען איך בין אָנגעקומען קיין קראַסנאָדאַר, איז שוין דער באַן נאָר-וואָס געווען אַוועקגעגאַנגען. האָב איך אָנגעהויבן אויסצוגעפינען, צי עפּעס אַ ספּעציעלער באַן וועט נאָך אַוועקגיין קיין נאָוואָראָסייסק. מיינע מאַנדאַטן האָבן געווירקט, און דער מיליטערישער קאָמאַנדאַנט האָט מיר געזאָגט, אַז אין מיטן נאַכט וועט אָפּגיין אַ ספּעציעלער מיליטערישער צוג, און איך זאָל אַריבערגיין איבערן בריק, ווו איך וועל געפינען דעם באַן און איך זאָל רעדן מיטן קאָמאַנדאַנט פון באַן. אויף מאָרגן אין דער פרי, נאָך 18 חדשים, בין איך געווען צוריק אין נאָוואָראָסייסק, די שטאָט, וואָס איז געווען די איינציקע, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַן עקספּערימענט פון אַנאַרכיסטישן קאָנסטרוקטיוון רעאַליזם. אין נאָוואָראָסייסק האָט מיין פאַמיליע מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מיין קומען.

מיין צוריקקומען אין נאָוואָראָסייסק

איך האָב אויסגעפונען, אַז בעסיע און נאָך אַ גרופּע פרויען, וועמענס מענער זענען, ווי איך, נישט געווען אין נאָוואָראָסייסק, האָבן אָרגאַניזירט אַ רויטן קרייץ, און זיי האָבן געהאָלפן די פּאָליטישע אַרעסטירטע און אויך אַלע די, וואָס פלעגן דורכגיין מיטן עטאַפּ. די אַדמיניסטראַציע פון שטאָט האָט געוווסט וועגן דעם און אויך די אַליאירטע מאַכט, נאָר זיי האָבן געקוקט אויף דעם צווישן די פינגער און די פרויען האָבן נישט געהאַט קיין שום שטערונג אין זייער אַרבעט. ווען איך בין געקומען קיין נאָוואָראָסייסק, האָב איך שוין געטראָפן מיין פריינד, דעם באָלשעוויק טאָלמאַטשאָוו, וואָס איז אין גיכן באַשטימט געוואָרן פון מאָסקווע, קאָמיסאַר פון טשערנאָמאָרסקי און קובאַנסקי ראַיאָן.

איך האָב זיך גענומען אַ וואָך צייט אויף אָפּצורוען און אויסצודערציילן אַלע מיינע איבערלעבונגען, ווו איך בין געווען, און מיט וועמען איך האָב זיך געטראָפן. ווען איך האָב זיך שוין געקליבן צוצוטרעטן צו מיין אַרבעט, האָט בעסיע מיר געזאָגט, אַז זי וויל מיר זאָלן פּרובירן אַרויספאָרן פון רוסלאַנד און פאָרן צוריק קיין אַמעריקע. ס'האָט מיך אין אַ געוויסן זין איבערגעראַשט איר ווילן אַוועקפאָרן פון רוסלאַנד, ווייל איך האָב געטראַכט אַז איצט, ווען אַלע פרעמדע עלעמענטן זענען פאַרטריבן געוואָרן פון דאַנען און דער בירגערקריג האַלט שוין ביים סוף, וועט דער הערשנדיקער רעזשים זיך בייטן און מע וועט אָנהייבן בויען אַ נייַ לעבן. איר אָבער האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן, אַז עס קאָן ווערן אַנדערש. אַזוי פיל קרבנות זענען געבראַכט געוואָרן, מוז דאָך קומען אַ גרויסער פּאָליטישער איבערבייט און די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט ווידער אָנהייבן מאַרשירן פאָרויס — דאָס איז געווען מיין גלויבן און איך האָב געזאָגט בעסיען, אַז איך וועל דערווייל נישט פאַרלאָזן רוסלאַנד. נאָר בעסיע איז באַשטאַנען אויף איר מיינונג, אַז מיר דאַרפן אַוועקפאָרן, און ס'איז געווען אַ צייט, ווען זי, מיט אונדזער זון לעאָן, האָבן געוואָלט אַליין אַוועקפאָרן צוריק קיין אַמעריקע.

מיין צוריקקומען קיין נאָוואָראָסייסק האָט אַ ביסל צערודערט דאָס געמיט פון אייניקע באָלשעוויקעס, ספּעציעל, ווען איך בין געקומען זונטיק צו דער זי־

צונג פון סאָוועט, און די אַרבעטער מיט וועלכע מיר האָבן אַזוי האַרמאָניש אָק־טויִרט אין דעם עקאָנאָמישן סאָוועט. אייניקע פון זיי זענען אַוועק אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן פאַרגעשלאָגן, אַז מע זאָל ווידער אָרגאַניזירן אַן עקאָנאָמישן סאָוועט. די באָלשעוויקעס, ווען זיי האָבן דערהערט וואָס די אַרבעטער רעדן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו קוקן אויף מיר קרום. די אַרבעטערס האָב איך דערקלערט, אַז איך בין געקומען נאָר אויף אַ קורצער צייט. מיט אייניקע אַקטיוויסטן פון אַמאָל האָבן מיר זיך געטראָפן און איך האָב זיי איבערגעגעבן אַלע ידיעות וועגן דער סיטואַציע, וואָס הערשט איבער גאַנץ רוסלאַנד און אַז די באָלשעוויקעס שאַפן אַ שוואַרצע רעאַקציע און אַז איך מוז זיין פאָרזיכטיק — אויב נישט, וועט די טשעקאַ אָננעמען שריט קעגן מיר. כ׳האָב טאַקע באַמערקט, אַז מען פאָלגט מיר נאָך, ווו איך גיי און מיט וועמען איך טרעף זיך אין שטאָט.

קיינער פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן מיך געקענט פערזענלעך, האָט נישט געוווסט צוליב וועלכע צוועקן איך בין געקומען צוריק קיין נאָוואָראָסייסק — האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ באַזוך ביים הויפּט־קאָמיסאַר, דער פּאָרזיצער פון גובערנסקי סאָוויעט. ווען איך בין געקומען צו אים, האָט זיין סעקרעטאַר נאָר געוואָלט וויסן פאַר וועלכע צוועקן וויל איך זען דעם קאָמיסאַר. האָב איך זיך אַ ביסל געוואָלט אַ שפּיל טאָן מיטן דאָזיקן סעקרעטאַר און אים געזאָגט, אַז איך בין אַ ספּעציעלער פאָרשטייער פון מאָסקווע, און איך וויל גלייך זען דעם קאָמיסאַר. איז ער אַוועק צו אים און אין גיכן איז ער צוריק געקומען אין גע־בעטן מיך, אַז איך זאָל אַריינגיין אין קאַבינעט פון קאָמיסאַר. דער חברה־מאַן איז געווען נישט פון די אַלטע באָלשעוויקעס פון נאָוואָראָסייסק — האָט ער מיט אַ האַלב שטרענגער שטימע געפרעגט וואָס איך וויל. און אָנשטאָט צו ענטפערן אים, האָב איך אים דערלאַנגט מיינע מאַנדאַטן. ווען ער איז באַקאַנט געוואָרן מיט זייער אינהאַלט, איז ער מיט אַ מאָל געוואָרן זייער העפלעך און געזאָגט, אַז איך וועל קריגן זיין פולע קאָאָפּעראַציע און וואָס איך וועל נאָר דאַרפן, וועט ער מיר העלפן אין דעם. ער האָט מיר געזאָגט אַז זיי האָבן שוין אַ בוך־געשעפט, נאָר מיטן קריגן די צייטונגען האָבן זיי גרויסע צרות.

איך האָב אים דערקלערט, אַז איך וועל פאַרבלייבן דאָ אַ פּאָר חדשים אין דער דאָזיקער געגנט און אים פאַרזיכערט אַז איך וועל איינשטעלן, אַז זיי זאָלן באַקומען רעגלמעסיק אַלע צייטונגען פון מאָסקווע. האָב איך טאַקע דעם זעל־ביקן טאָג טעלעגראַפירט קיין מאָסקווע, אַז מע זאָל אָנהייבן אַרויסשיקן רעגו־לער די צייטונגען קיין נאָוואָראָסייסק און קראַסנאָדאַר.

בעת איך בין נאָך געווען ביים קאָמיסאַר, איז אַריינגעקומען דער סעקרע־טאַר פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וועלכער האָט מיך זייער גוט געקענט פון די פריִערדיקע יאָרן. דערזעענדיק מיך ביים קאָמיסאַר, האָט אויסגעזען אַז ער איז נישט געווען אַזוי שטאַרק צופרידן. האָט אים דער קאָמיסאַר געוויזן מיינע מאַנדאַטן און ער האָט זיך באַקאַנט מיטן אָפיציעלן ציל פון מיין קומען קיין נאָוואָראָסייסק, איז ער שוין אויך געוואָרן מילדער און מיר פאָרגעשלאָגן זיין הילף אין פאַל איך וועל עפּעס דאַרפן. איך האָב זייביידן געבעטן, אַז זיי

זאָלן לאָזן וויסן, אַז אַ ספּעציעלער פאַרשטייער פון „צענטראַ־פּעטשאַט" אין מאָסקווע געפינט זיך אין שטאָט.

ווען בעסיע האָט זיך דערוווּסט וועגן מיין אַרבעט וואָס איך טו איצטער, האָט זי מיר געזאָגט אַז זי איז זייער נאָענט באַקאַנט מיט די פאַרוואַלטערס פון בוך־געשעפט. ווען איך בין געוואָרן פאַרטיק מיטן קאָמיסאַר און מיטן פאַרטיי־סעקרעטאַר, האָב איך גענומען בעסיען און אונדזער זון לעאָן, און מיר זענען אַוועק אין בוך־געשעפט, כדי זיך צו באַקענען פערזענלעך מיט די פאַרוואַל־טערס. דאָס זענען געווען מאַן און פרוי מיטן נאָמען אַניסימאָוו. ביידע זענען זיי געווען לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אויפן ערשטן קוק האָב איך גלייך דערפילט, אַז זיי זענען ליבע מענטשן, ספּעציעל ער. ביידע זענען זיי געווען פון דער אַלטער גוואַרדיע אינטעליגענטע און קולטורעלע מענטשן, וואָס האָבן צו־געצויגן צו זיך ליבשאַפט. און מיר זענען טאַקע ביזן לעצטן טאָג פון אונדזער זיין אין רוסלאַנד, פאַרבליבן נאָענטע חברים און פריינד. זיי האָבן אָרגאַניזירט דאָס בוך־געשעפט לויט די מעגלעכקייטן וואָס זיי האָבן געהאַט, נאָר די צייטונ־גען האָבן זיי פאַרשאַפט גרויסע צרות. האָב איך זיי פאַרזיכערט אַז העכסטנס אין אַ וואָך אַרום, וועלן זיי אָנהייבן צו באַקומען רעגלמעסיק אַלע צייטונגען פון מאָסקווע. און אַזוי ווי איך האָב געזאָגט — נאָך פאַר די אַכט טעג ,איז אָנגעקו־מען דער ערשטער וואַגאָן מיט אַ ספּעציעלן קוריער, וועלכער האָט געבראַכט צייטונגען און ליטעראַטור.

דער פאַרוואַלטער, אַניסימאָוו, אַ העכסט אינטעליגענטער מענטש, האָט גע־טאָן זיין אַרבעט זייער גוט. האָב איך דעריבער קיין סך נישט געהאַט וואָס צו טאָן לעבן אים און גלייך אָנגעהויבן אויפזוכן אונדזערע חברים. האָב איך טאַקע באַלד געפונען אַ פּאָר פון אונדזערע אַלטע חברים, וואָס זענען געווען אין אונ־דזער גרופּע און נאָך אַ פּאָר ניי־אָנגעקומענע. קיין אָפיציעלע גרופּע איז נישט געווען. מע פלעגט זיך טרעפן פון צייט צו צייט. צווישן זיי האָט זיך געפונען אַ יונגערמאַן פון אַ באַוווּסטער פאַמיליע סאַבלין, פון די לינקע סאָציאַליסטן־רע־וואָלוציאָנערן, נאָר דער בחור איז צוגעשטאַנען צו אונדזער באַוועגונג. אין נאָ־וואָראָסייסק איז געווען אַ זומערגאָרטן און דאָרט פלעגט מען זיך אָפט טרעפן.

ווען איך האָב זיך גוט באַקענט מיט סאַבלינען, האָב איך אים געפרעגט, וואָס ער טוט אין נאָוואָראָסייסק. איידער איך בין אַהער געקומען, האָט ער זיך שוין געהאַט באַקאַנט מיט בעסיען און ער האָט שוין געוווּסט גוט וועגן מיינע טעטיקייטן אין נאָוואָראָסייסק. האָט מיר סאַבלין געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין אָנגענעמע שטעלע און אַז ער איז דער הויפּט פון דעם זאַגאַרדאָט. ער האָט דאָס אָנגענומען מיט דעם איינציקן ציל צו העלפן סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד און אַרויסצופירן זאַכן וואָס מע קאָן נישט אַרויסשיקן.

האָב איך אים געפרעגט, צי מיר קאָנען דערגרייכן די מעגלעכקייט, אַז איי־ניקע פון אונדזערע חברים זאָלן קאָנען אַרויספאָרן קיין טערקיי. האָט ער מיר געענטפערט, אַז דאָס מוז געטאָן ווערן פון דער הויפּט־ביוראָ אין ראָסטאָוו אויפן

דאָן. ווען מע וועט דאָרטן גוטהייסן, וועט ער באַזאָרגן די טראַנספּאָרטאַציע קיין טערקיי און אָנקניפּן די נייטיקע פאַרבינדונגען.

האָב איך גלייך געפרעגט סאַבלינען, ווי אַזוי איך קען מאַכן פאַרבינדונגען מיט דער הויפּט־ביוראָ אין ראָסטאָוו אויפן דאָן. האָט ער מיר געזאָגט, אַז מאָרגן וועט ער מיר ברענגען אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צום הויפּט־קאָמיסאַר און מיט אים וועל איך זיך קאָנען צוזאַמענרעדן וועגן אַט דער פראַגע.

אַזוי ווי איך האָב קיינעם נישט געדאַרפט אָפּגעבן רעכענונג וואָס איך טו, אָדער וווהין איך פאָר, האָב איך גלייך ביי זיך באַשלאָסן, אַז אויף מאָרגן, ווען איך וועל נאָר קריגן דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו, זאָל איך באַלד פאָרן קיין ראָסטאָוו אויפן דאָן. און טאַקע אויף מאָרגן, מיטיק־צייט, בין איך שוין געפאָרן אויפן באַן. ווען איך בין אָנגעקומען קיין ראָסטאָוו אויפן דאָן, בין איך גלייך פון וואָקזאַל אַוועק צו דער „זאַגאַרדאַט“־ביוראָ. ס'האָט געדויערט אַ לענגערע צייט ביז מ'האָט מיך אַריינגעלאָזט אינעם הויז ווו ס'האָט זיך געפונען דער „זאַגאַר־דאַט“. סאַבלין האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז וויפל מע זאָל ביי מיר נישט פרעגן וואָס איך וויל, זאָל איך נאָר ענטפערן אַז איך מוז רעדן צו אַ געוויסער פּערזאָן און ס'האָט טאַקע אַזוי פּאַסירט. אַ האַלבער טוץ אָנגעשטעלטע האָבן נאָר געוואָלט וויסן פאַר אַ וואָסערן צוועק איך בין געקומען אין „זאַגאַרדאַט“. ס'האָט מסתמא גענומען איבער אַ שעה צייט, ביז וואַנען מ'האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסן קאַבינעט, ווו איך האָב דערזען די פּערזאָן, וואָס סאַבלין האָט מיר אויסגעמאָלט. צוקומענדיק צו אים, האָב איך געזאָגט דאָס פּאַראָל־וואָרט און דאַן האָב איך אים געגעבן דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו פון סאַבלינען. ווען ער האָט אים איבער־געלייענט, האָט ער מיר געזאָגט: איך ווייס אַז מ'האָט איך אַ ביסל אויסגעמאַ־טערט, איידער מ'האָט אייך צוגעלאָזט צו מיר. איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז דאָס איז די העכסטע געהיימע אָרגאַניזאַציע און, איידער מע הייבט אָן מיט איי־נעם צו אונטערהאַנדלען, מוזן מיר אויסגעפינען, צי ער איז אַ פּערזאָן, וואָס מע קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן, וואָס קאָן זיך קאָנטראָלירן און נישט אַרויסגעבן אַפילו צו די אָנגעשטעלטע פון „זאַגאַרדאַט“. אַזוי ווי איר האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, און צו דעם גיט סאַבלין די בעסטע רעקאָמענדאַציע וועגן אייך, קענט איר איצט מיר זאָגן וואָס איר ווילט פון דעם „זאַגאַרדאַט“. האָב איך גע־דאַרפט שפּילן די ראָלע פון אַ דיפּלאָמאַט.

האָב איך אַרויסגענומען מיינע מאַנדאַטן און אים דערציילט וואָס פאַר אַ שטעלע איך פאַרנעם פּערזענלעך, און צו דעם האָב איך צוגעגעבן, אַז מיט סאַב־לינען בין איך שוין לאַנג באַקאַנט. ווען מיר האָבן זיך צערעדט, האָט ער מיך געפרעגט, צי ווייס איך עפּעס פון אַזעלכע וואָס קענען אפשר אויסלענדישע שפּראַכן, ווייל מען דאַרף זיי האָבן אויף צו אַרבעטן אין אויסלאַנד און, ספּע־ציעל, אין טערקיי.

האָב איך אים געענטפערט, אַז איך דענק אַז אַ צוויי אָדער דריי חברים וועלן זיין וויליק אָנצונעמען אַזאַ אַרבעט. הגם איך דאַרף זיך נאָך וועגן דעם דער־קונדיקן. דערפאַר טאַקע בין איך געקומען צו אייך, צי איר דאַרפט נאָך מענטשן

פאַר דער אַרבעט. האָט מיר דער הויפּט־קאָמיסאַר געענטפערט: נישט נאָר צוויי אָדער דריי, נאָר אַ פּאָר טוץ קאָן איך באַנוצן. האָב איך אים געזאָגט, אַז איך פאַר איצטער קיין כּאַרקאָוו און דאָרטן דענק איך צו געפינען אייניקע, וואָס וועלן זיין וויליק אָנצונעמען די דאָזיקע אַרבעט. און צו דעם האָב איך צוגעגעבן: דאָס וועלן זיין מיינע חברים, אַנאַרכיסטן. האָט ער מיר געזאָגט, אַז דאָס אַרט אים נישט. אָט באַלאַנגט חבר סאַבלין צו אייער באַוועגונג און איך ווייס, אַז אין קרים אַרבעטן אייניקע חברים. וואָס אונדז אינטערעסירט איז, אַז זיי זאָלן טאָן אָט די אַרבעט.

מיר האָבן זיך אָפּגערעדט און באַשטימט אַ געהיימען וואָרט, אַזאַ פּאַראָל, וואָס איך וועל געבן די אַלע, וועלכע וועלן קומען צו אים מיט מיין פּערזענלעכער רעקאָמענדאַציע. צום סוף האָב איך אים געזאָגט, אַז ער זאָל נישט האַלטן מיך פּערזענלעך פאַר פאַראַנטוואָרטלעך, ווען עפּעס זאָל פּאַסירן. איך האָב נאָר אָנ־גענומען די ביטע פון חבר סאַבלין.

דעם זעלבן טאָג, בין איך אַרויסגעפאָרן קיין כּאַרקאָוו. קומענדיק אויף מאָרגן אַהין, האָב איך דאָרטן אין בוך־געשעפט געטראָפן יוסף גודמאַן. האָב איך אים גלייך דערציילט אַז איך האָב די נייטיקע פאַרבינדונגען אַז מיר זאָלן קענען אַרויספירן פון רוסלאַנד די געהעריקע מאַטעריאַלן וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אינעם רעאַלן לעבן דאָ אין לאַנד. אין אַ קורצער צייט שפּעטער, האָט יוסף גודמאַן צוזאַמענגעבראַכט די חברים קאַטיאַ, ליאַ און יאַשאַ גוטמאַן און נאָך אַ פּאָר חברים, וועמעס נעמען איך געדענק נישט. איך האָב זיי דער־ציילט די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי איך האָב געפונען דעם שליסל אַרויסצו־פאָרן פון רוסלאַנד, אַז איך האָב אַלע נייטיקע פאַרבינדונגען און צו דעם האָב איך געבעטן, זאָל מען באַשטימען אַ חבר, וועמען איך זאָל איבערגעבן אַלע פאַרבינדונגען; אַז די כּאַרקאָווער גרופּע זאָל אָפּזוכן די פּאַסיקע חברים, וואָס וועלן זיין גרייט אונטערצונעמען אַזאַ מין אַרבעט און אַז איך קען נאָר פאַר־בלייבן אין כּאַרקאָוו נאָך אַ טאָג אָדער צוויי.

איך בין טאַקע פאַרבליבן נאָך צוויי טעג, נאָר דערפאַר, ווייל קאַטיאַ האָט מיך געבעטן אַז איך זאָל פאַרבלייבן. אין משך פון דעם חודש, וואָס איך האָב זי נישט געזען, זענען אויף איר פּנים געוואָרן טיפער די סימנים וואָס די ליבע פרוי און חברטע, האָט אַנערלעך איבערגעלעבט. דער גרויסער ליגן פון דעם אַבראַם כריסטאָס האָט געמאַכט אַ זייער טיפן ריס אין איר פיזישן און גייסטיקן לעבן. מאָמענטנווייז האָט אויסגעזען, אַז זי חלומט וועגן דעם אַלעמען, וואָס איז געוואָרן איןווירקלעכן לעבן. די צוויי טעג, וואָס איך האָב דעם לעצטן מאָל מיט איר פאַרבראַכט, האָבן איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף מיין גאַנצן לעבן.

אײדער איך האָב פאַרלאָזן כּאַרקאָוו, האָב איך געזאָגט די חברים, אַז זיי זאָלן זיך צואיילן מיט אָט דער וויכטיקער מיסיע, ווייל איך דענק נישט צו זיין נאָך צו לאַנג אין נאָוואָראָסייסק. איך האָב אויסגעשטעלט דריי רעקאָמענדאַציע־

בריוו פֿאַר די, וועלכע וועלן פֿאָרן קיין אויסלאַנד און איך האָב פֿאַרלאָזט כאַרקאָוו.

אין נאָוואָראָסייסק האָב איך נישט געהאַט וואָס צו טאָן, ווייל דער פֿאַר־וואַלטער, חבר אַניסימאָוו, האָט אָרגאַניזירט די אַרבעט וואָס בעסער האָט מען נישט געקענט דערוואַרטן. זענען דורכגעלאָפֿן צוויי וואָכן און פֿון אונדזערע חברים פֿון כאַרקאָוו האָט מען גאָר נישט געהערט. איך האָב שוין באַשלאָסן אַריבערצופֿאָרן קיין קראַסנאָדאַר, ווו די אַרבעט פֿון צענטר־פּעטשאַט איז נישט געווען גוט אָרגאַניזירט און די בריוו וואָס איך האָב דערהאַלטן פֿון דער הויפּט צענטראָ־פּעטשאַט פֿון מאָסקווע, האָבן געוואָלט וויסן ווי שנעל איך וועל קענען קומען קיין קראַסנאָדאַר. בין איך אין אַ טאָג צוגעפֿאָרן אַהין, געמאַכט אַלע נייטיקע פֿאַרבינדונגען, געקראָגן צוויי צימערן אין איינעם פֿון די האָטעלן און אָפּגעמאַכט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך צוריקקומען אויף צו נעמען זיך אָרגאַניזירן דעם צענטראָ־פּעטשאַט.

ווען איך בין אָנגעקומען צוריק קיין נאָוואָראָסייסק, האָב איך געטראָפֿן צוויי חברים, וואָס זענען געקומען שוין פֿאַרטיק איבערגעשיקט צו ווערן קיין טערקיי. צוויי פֿון זיי זענען געווען יונגע חברים און איך האָב באַלד דערשמעקט, אַז זיי זענען נישט צוגעפּאַסט פֿאַר אַזאַ מין סאָרט אַרבעט, וואָס האָט געפֿאָדערט אַ געוויסע מאָס דערפֿאַרונג און פֿעיִקייטן. דער דריטער חבר האָט מיך זייער און זייער איבערראַשט צו זען — דאָס איז געווען קלאַוודיאַ. פֿאַר דער צייט וואָס מיר זענען געפֿאָרן קיין יעקאַטערינבורג צוזאַמען און זייער נישט האַלטן קיין וואָרט, נישט מיטצונעמען קיין פּראָקלאַמאַציעס פֿון דער אונטערערדישער גרופּע. איבער דעם האָבן מיר געהאַט איבערגעריסן צווישן זיך די חברישע באַציִונגען.

איך האָב געטראָפֿן קלאַוודיאַן ביי אונדז אין הויז. ווען איך בין אַרייַנגעקומען, האָט קלאַוודיאַ זיך אויפֿגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו מיר, אויסגעשטרעקט די האַנט און מיט דער צווייטער מיך אַרומגענומען און זיך צעקושט מיט מיר. און זי האָט צו מיר געזאָגט: איך ווייס זייער גוט, אַז איך האָב געהאָלפֿן אייך צו ברענגען אַ סך נישט אָנגענעמע מאָמענטן, וואָס האָבן געקענט גורם זיין שרעקלעכע רעזולטאַטן וועגן וועלכע איך וויל נישט רעדן. איך זוך איצט אייער פֿריינדשאַפֿט און חברשאַפֿט און איך האָף אַז איר וועט מיר איצטער נישט אָפּזאָגן אין דעם. לאָמיר פֿאַרגעסן דאָס אַלץ וואָס ס'האָט פּאַסירט און אָנשטאָט די פֿאַרגאַנגענע ברוגזן, בויען אונדזער הייַנטיקע פֿריינדשאַפֿט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט חבר סאַבלין זיי אַרויסגעשיקט מיט אַ קליינער שיף קיין טרעפּיזאַנד, טערקיי, ווו אַגענטן פֿון „זאַגאַרדט“ האָבן זיי געדאַרפֿט באַזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן.

אויפֿן צווייטן טאָג, ווען זיי האָבן פֿאַרלאָזן נאָוואָראָסייסק, אויפֿן וועג קיין טערקיי, זענען בעסיע, אונדזער זון לעאָן און איך, אַוועקגעפֿאָרן קיין קראַסנאָדאַר און ביים קומען אַהין, האָב איך שוין דאָרטן געטראָפֿן עפּעס אַזוינס וואָס מ'האָט גערופֿן „צענטראָ־פּעטשאַט“. דער פֿאַרוואַלטער איז געווען אַן אַלטער באָלשעוויק, וואָס, אָנשטאָט צו אָרגאַניזירן דעם צענטראָ־פּעטשאַט, האָט ער גאָר

אָנגעהויבן צו קאָנפיסקירן אַלע געשעפטן, וואָס האָבן געהאַט סחורה, ווי: שרייב־פּאַפּיר, טינט און אַזוי ווייטער — אַלץ זאַכן וואָס קאַנצעלאַריעס האָבן געדאַרפט האָבן. ווען ער קאָנפיסקירט און האַלט דאָס אין אָרדענונג, וואָלט נאָך געווען צו דערליידן. האָט ער אָבער פאַרנומען אַ ליידיקע קלייט און אַלץ וואָס ער האָט קאָנפיסקירט, האָט ער אַרייַנגעוואָרפן אין דער קלייט אין פולשטענדיקער אומ־אָרדענונג ביזן סופּיט.

ווען איך האָב דאָס דערזען, האָב איך געזאָגט, אַז דאָס איז נאָר אַ צעשטע־רערישע אַרבעט. מיין באָלשעוויק איז ברוגז געוואָרן, און אַוועק אין דער באָל־שעוויסטישער פּאַרטיי און אָנגערעדט אויף מיר נאַרישקייטן. נאָר איך האָב אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל: איך האָב טעלעגראַפירט קיין מאָסקווע, אַז דער צענטראָ־פּעטשאַט־פּאַרוואַלטער שטערט אין דער אָרגאַניזיר־אַרבעט, און אויב איר וועט נישט אָננעמען תיכּף די נייטיקע מיטלען, פאַרלאָז איך גלייך קראַסנאָדאַר.

אויף מאָרגן האָט מיר דער קאָמיסאַר פון סאָוויעט געלאָזט וויסן, אַז ער וויל מיך זען. ווען איך בין געקומען צו אים, האָב איך שוין דאָרטן געטראָפן דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און אויך דעם פּאַרוואַלטער פון צענטראָ־פּעטשאַט. דער הויפּט־קאָמיסאַר האָט מיר דערלאַנגט אַ טעלעגראַמע, ווי אַן ענטפער אויף מיינער, וווּ מע האָט געלאָזט וויסן אַלע קאָמיסאַרן און דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט דער אָרגאַניזאַציע פון צענטראָ־פּעטשאַט אין קראַסנאָדאַר, ליגט די גאַנצע אָרגאַניזאַציע אין די הענט פון דעם ספּעציעלן פאָרשטייער און אָרגאַניזאַטאָר, באָריס יעלענסקי, און אַלע ציווילע און מיליטע־רישע אָרגאַניזאַציעס מוזן אים געבן די פולסטע קאָאָפּעראַציע אין זיין אָרגאַ־ניזיר־אַרבעט.

נאָך דעם, ווי כ'האָב געענדיקט לייענען די טעלעגראַמע, האָט דער הויפּט־קאָמיסאַר געפרעגט ביי מיר, פאַר וואָס איך האָב געמוזט טעלעגראַפירן קיין מאָסקווע? האָב איך אים געענטפערט, אַז איך וויל נישט זיין איבערראַשט, ווען איך זוך איבער דער שטאָט שרייב־מאַטעריאַלן, ווי פּאַפּיר, פעדערס, טינט און אַזוי ווייטער. גייט רעדט מיט דעם פּאַרוואַלטער פון „צענטראָ־פּעטשאַט" און ער וועט אייך ווייזן ווו דאָס אַלץ געפינט זיך, אָנשטאָט צו האָבן דאָס צום נוצן, ליגט דאָס כאַאָטיש אין אַ געוועזענער ליידיקער קלייט.

ווען איך בין געקומען אין דער צענטראָ־פּעטשאַט, ווו עס זענען געווען מער אַרבעטער ווי מ'האָט באַדאַרפט, און זיי אַלע זענען געווען אין שרעק, אַז איך וועל רעאָרגאַניזירן דעם שטאַב אַרבעטערס און אַ סך פון זיי וועלן פאַרלירן זייערע שטעלעס, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אין יענע צייטן האָט דאָס געמיינט פאַרלירן דאָס רעכט צו קריגן לעבנס־מיטלען. האָב איך זיי אַלעמען צוזאַמענ־גערופן און גלייך דערקלערט, אַז קיינער וועט נישט פאַרלירן זיין פּאָסטן, נאָר איין זאַך פאָדער איך: טוט אָפּ אייער חלק אַרבעט און נאָך דעם טוט וואָס ס'איז פאַר אייך פּאַסיק. צו דעם האָב איך צוגעגעבן אַז אַ וואָך, אָדער צוויי, וועלן מיר מוזן אַרבעטן שווער און אויסאָרטירן דאָס אַלץ, וואָס דער פריִערדיקער פאַר־וואַלטער האָט קאָנפיסקירט. זיי האָבן אַלע פרייער אָפּגעאָטעמט און מיט פרייד

זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. אין דער זעלבער צייט האָב איך אַרויסגע־שיקט אין אַלע קאָמיסאַריאַטן ווענדונגען, אַז זיי זאָלן צוזאַמענשטעלן אַ רשימה פון דעם וואָס זיי דאַרפן פון אַלערליי שרייב־מאַטעריאַלן. די אָנגעשטעלטע, די קאָמיסאַרן און פאַרוואַלטערס זענען איבערגעראַשט געוואָרן, ווען אין צוויי וואָכן שפּעטער האָבן זיי באַקומען אַלץ וואָס זיי האָבן געבעטן. די פּאַסירונג האָט מיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ הויכער פּאָזיציע, און דאָס האָט געווירקט, אַז אַלץ וואָס איך האָב באַדאַרפט פאַר דער צענטראַ־פּעטשאַט, האָב איך באַקומען אָן שום שוועריקייט, אַפילו אייניקע זאַכן פון עסנוואַרג פאַר די אַרבעטערס.

חוץ דעם זענען די אָנגעקומענע ליטעראַטור און צייטונגען, גלייך צעשיקט געוואָרן איבער אַלע קאָמיסאַריאַטן. אין אַ קורצער צייט איז די גאַנצע אַרבעט געווען אַזוי גוט אָרגאַניזירט, אַז איך האָב שוין נישט געהאַט וואָס צו טאָן. צווישן די אַרבעטערס, וואָס די גרעסטע טייל פון זיי זענען געווען אינטעליגענ־טע מענער און פרויען, האָב איך איינעם פון זיי רעקאָמענדירט צו זיין דער פאַרוואַלטער. איך האָב שוין אויך באַשלאָסן מיטצונעמען מיט זיך איינעם פון די פעיִקע אַרבעטערס און אַרויספאָרן אין די גרעסערע פונקטן פון דעם קובאַנער ראַיאָן.

נאָר איין מאָל, ביי נאַכט, גייענדיק פון צענטראַ־פּעטשאַט אַהיים, הער איך פון דער ווייטנס צוויי באַקאַנטע שטימעס, וואָס כ׳האָב אַפילו נישט געחלומט צו הערן אין קראַסנאָדאַר. גיב איך זיך אַ דריי־אויס אויף צוריק און דערזע צוויי אַקטיווע חברים פון יעקאַטערינבורג. זיי זענען ביידע געווען טעלעגראַפיסטן. ווען זיי האָבן מיך דערזען, איז דאָס ביי זיי געווען ווי זיי וואָלטן דערזען זייער טאַטן פון יענער־וועלט. זיי האָבן מיך שיעור נישט צעקוועטשט פון פרייד. מיר זענען גלייך אַוועק צו אונדז אין דירה, ווו ס׳האָט געוואַרט אויף מיר נאָך אַ גרויסע איבעררעשונג: איך האָב געטראָפן ביי אונדז קלאַוודיאַן. זי און די יונגע צוויי חברים האָבן געמוזט שנעל פאַרלאָזן טרעפּיזאַנד, טערקיי, און דעם גאַנצן מאַטעריאַל האָבן זיי געמוזט פאַרניכטן. קלאַוודיאַ האָט געקענט די צוויי חברים, און זי האָט אונדז דערציילט ווי עס גייט אָן דאָרטן דער שפּיאָנאַזש. זיי האָבן גלייך, ווי זיי זענען נאָר אָנגעקומען קיין טרעפּיזאַנד, נישט גערן געהאַט דאָס וואָס דאָרטן קומט פאָר, און צו דעם איז נאָך געווען אַ דורכפאַל: זיי האָבן קוים געהאַט די מעגלעכקייט אַוועקצופאָרן פון טערקיי און אונדזער גאַנצער פּלאַן, צו לאָזן דער וועלט וויסן וואָס עס קומט פאָר אין סאָוויעט־רוסלאַנד, איז דורכגע־פאַלן. דער פאַרדראָס איז געווען זייער גרויס. מ׳האָט געהאַלטן ביים דערגרייכן דעם ציל, נאָר מיט אַ מאָל האָט זיך איבערגעריסן דער פאָדעם און ס׳איז פון דעם גאָר נישט געוואָרן. קלאַוודיאַ האָט זיך געפילט ווי די שולדיקע און מיר אַלע האָבן זי געדאַרפט טרייסטן. מיר האָבן איר געזאָגט, אַז זי דאַרף זיין צו־פרידן וואָס זי אַליין, מיט די צוויי חברים, זענען געבליבן לעבן.

אין זאַך האָט זי אונדז פאַרזיכערט: אַז זי וועט מער קיין מאָל נישט אָננע־מען אַזאַ מין אַרבעט, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ גרויסן מאָראַלישן שמוץ. די צוויי יונגע חברים זענען גלייך אַוועקגעפאָרן צוריק קיין כאַרקאָוו.

אַ חוץ אונדז פינף, איז אין קראַסנאָדאַר געווען אַ חבר, אַ זייער אינדיווידואַליסטיש־געשטימטער. ער האָט געאַרבעט אין אַ פלייש־געשעפט, נאָר ער איז אינטעלעקטועל געווען זייער אַנטוויקלט. האָבן מיר שוין געהאַט אַ קליינע גרופּע חברים און מיר פלעגן זיך אָפט צוזאַמענקומען צו דיסקוטירן די טעגלעכע נייעס און פּאַסירונגען. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז געקומען צו אונדז ראַכיל הורוויץ, אַן עמיגראַנטקע פון פילאַדעלפיע. זי איז געקומען צו אונדז פון נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי, וווּ זי האָט געאַרבעט אין שפּיטאָל ווי אַ געהילף־שוועסטער. זי איז געקומען אַזוי פאַרמאַטערט פון איר שווערער אַרבעט, ווייל דאָרטן, וווּ זיי האָבן געטאָגט האָבן זיי נישט גענעכטיקט. מיר האָבן זי געצווונגען צו פאַרבלייבן עטלעכע טעג אין בעט, כדי צו קומען אַ ביסל צו די כוחות. איך, בעסיע און אונדזער זון, האָבן מיר געהאַט צוויי קליינע צימערן און מיר זענען געווען פינף.

אונדזערע צוויי חברים טעלעגראַפיסטן פלעגן ברענגען נייעסן, וואָס מע האָט נישט געדרוקט אין די צייטונגען. איין נייס איז געווען פון גרויס אינטערעס: גענעראַל ווראַנגעל האָט זיך באַפעסטיקט אין דעם קרימער האַלבאינדזל, און די נאַטירלעכע פעסטונגען קאָן די רויטע־אַרמיי נישט איינברעכן. עס קומען פאָר גרויסע שלאַכטן, נאָר די באָלשעוויקעס מיט זייער רויטער־אַרמיי, קענען גאָר נישט אויפטאָן צו פאַרטיליקן די רעשטלעך פונעם בירגערקריג.

פון מאָסקווע האָב איך אָנגעהויבן צו באַקומען בריוו פונעם הויפּט־פּאַרוואַלטער פון צענטראָ־פּעטשאַט מיט אָנפראַגעס, ווען איך וועל פאַרטיק ווערן מיט מיין אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט אין דער קובאַנער געגנט און אין די אַרומיקע ראַיאָנען. מיר האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן קראַסנאָדאַר. און ווידער אַ מאָל צעשיידן זיך מיט מיין פאַמיליע, ווייל פאַרן פאָרן קיין מאָסקווע, האָב איך זיי געדאַרפט דאָרטן איבערלאָזן ערב דער אָנקומענדיקער ווינטער־צייט, און צו דעם אין אַ שטאָט ווי מאָסקווע, וווּ מע האָט זייער שטאַרק געהונגערט, האָב איך געענטפערט אַז איך האָב נאָך אַ סך אַרבעט, ווייל די שטרעקע איז אַ גרויסע און איך אַרבעט אַליין. איך האָב זיי אויך געלאָזט וויסן, אַז אין אַ וואָך אָדער צוויי אַרום וועל איך קומען פערזענלעך, כדי אָפּצוגעבן אַ פולן באַריכט פון מיין אַרבעט. איך בין אַוועק צו דעם הויפּט־קאָמיסאַר פון סאָוויעט און אים דערציילט, אַז מע וויל פון מאָסקווע אַז איך זאָל קומען אַהין, נאָר אַזוי ווי מיין אַרבעט איז נישט פאַרענדיקט, וויל איך אַז ער זאָל אַוועקשיקן אַ בריוו צו דעם הויפּט־פּאַרוואַלטער פון צענטראָ־פּעטשאַט אין מאָסקווע, אַז מע זאָל מיך צוריק שיקן קיין קראַסנאָדאַר.

ווייסנדיק פון דערפאַרונג, אַז עפּעס צום עסן קאָן מעגלעך מאַכן אַלץ, האָב איך טאַקע מיט זיך גענומען אַ סכום פּראָדוקטן, וואָס אין מאָסקווע האָט מען שוין פאַר יאָרן נישט געקאָנט קריגן. קומענדיק קיין מאָסקווע, האָב איך אָפּגעגעבן מיין אָפיציעלן באַריכט און, צו דעם, צעטיילט פּראָדוקטן צווישן מיינע פאַרוואַלטערס פון די אָפּטיילונגען מיט וועלכע איך בין געווען פאַרבונדן אין מיין אָפיציעלער אַרבעט, און נאָך דעם האָבן מיר מיט זיי אַלע, געהאַט אַ זיצונג

מיט דעם הויפּט־פּאַרוואַלטער און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז מ׳האָט באַ־שלאָסן, אַז איך זאָל פאָרן צוריק קיין קראַסנאָדאַר, נאָר מיט דעם תנאי, אַז צום נייעם יאָר פון 1921, זאָל איך קומען צוריק קיין מאָסקווע. ווען איך בין דאָרטן, געווען, האָב איך אויסגעפונען, אַז זיי האָבן נישט קיין אַרבעטערס, וואָס זאָלן זיך ערנסט פאַרנעמען מיט זייער אַרבעט.

די טעג, וואָס איך בין געווען אין מאָסקווע, האָב איך געטראָפן אונדזער באַוועגונג אין אַ האַלב־לעגאַלישן צושטאַנד. די באָלשעוויקעס זענען שוין גע־ווען גוט אָרגאַניזירט, און די טשעקאַ האָט געגומען אַקטונג געבן אויף אַלע אונ־דזערע חברים. צו דעם אַלעם האָט דער גרויסער הונגער זיך געלאָזט פילן מאָ־ראַליש און פיזיש. די גרעסטע זאָרג איז געווען ביי יעדן איינעם: ווי געפינט מען נאָך אַ שטיקל ברויט, אָדער עפּעס אַנדערש צום עסן. קאָן אין אַזאַ גייסטיקן צושטאַנד דער מענטש נישט טראַכטן זייער שטאַרק וועגן סאָציאַלע ענינים, ווען ער מוז אָפּגעבן זיין גאַנצע ענערגיע כדי אויפצוהאַלטן זיין פיזישן לעבן. דאָס אַלגעמיינע בילד איז געווען אַ שרעקלעכס. אין אַ געוויסן זינען האָט זיך גע־פילט אַ גרויסער פחד, און ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סימנים, אַז דאָס רו־סישע פאָלק האָט אָנגעהויבן צו פאַרלירן די האָפענונג אויף אַ סאָציאַלער פאַר־בעסערונג, וואָס ער האָט געהאַט ביים אָנקומען פונעם נייעם סאָציאַלן לעבן.

אויף מיין וועג צוריק, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין כאַרקאָוו. דאָס בונד־געשעפט און דער קלוב זענען געווען טעטיק. דער עקאָנאָמישער מצב איז נאָך נישט געווען אַזוי שלעכט, ווי אין מאָסקווע. אַקעגן מאָסקווע, איז כאַרקאָוו נאָך געווען אַ גן־עדן.

די פּאַרטיזאַנער־אַרמיי פון נעסטאָר מאַכנאָ

די סאָוויעטישע מאַכט און, ספּעציעל די טשעקאַ, האָבן געהאַט אַ גרויסן חשד, אַז אונדזערע חברים האָבן אָנגעהאַלטן פאַרבינדונגען מיט דער פּאַרטיזאַ־נער־אַרמיי פון נעסטאָר מאַכנאָ. די טשעקאַ איז געווען אַלע מאָל אויף דער וואַך. די מאָסקווער באָלשעוויקעס האָבן אין אַ געוויסן זין נישט געזוכט צו קומען צו גרויסע שלאַכטן מיט מאַכנאָס אַרמיי. די לאַגע איז געווען אַ מאָדנע: אייניקע חברים האָבן גערעכנט, אַז אַזוי ווי די באָלשעוויקעס זענען שטאַרק פאַרנומען מיטן ליקווידירן ווראַנגעלס אַרמיי אין קרים און דערצו האָבן זיי געהאַט צרות אויפן פּאָליטישן פראָנט, האָבן זיי דערפאַר אויסגעמיטן צו אַטאַקירן נעסטאָר מאַכנאָס אַרמיי.

נאָר נישט געקוקט, וואָס אויך אוקראַינע איז געווען אין אַ בעסערן עקאָ־נאָמישן מצב, האָבן אָבער די איבער דריי יאָר פון צוויי רעוואָלוציעס, בירגער־קריג און אָקופּאַציע, פריער פון די דייטשן און שפּעטער פון די אַליאירטע כו־חות — האָבן זיי, אָט די אַלע איבערלעבונגען, אָנגעהויבן איבערצולאָזן טיפע סימנים פון אויסגעמאַטערטקייט. די נעכטיקע רעוואָלוציאָנערן האָט מען היינט

געקענט זען — אַ טייל פון זיי, פאַרשטייט זיך, ווי די רעכטע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן — אין די רייען פון די ווייסע אַרמייען. דאָס האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן איינדרוק און אַ גרויסע אַנטוישונג.

ס'האָט זיך זייער שטאַרק געפילט, אַז ס'איז שוין נישט דאָס, וואָס ערשט נעכטן איז עס געווען, אינעם גייסטיקן לעבן סיי ביי די קעמפער ווי אויך ביים גאַנצן פאָלק.

אָנקומענדיק צוריק קיין קראַסנאָדאַר, האָט אונדזער קליינע גרופּע געהאַט אַ מיטינג, ווו איך האָב זיך געטיילט מיט זיי מיט מיינע איינדרוקן און דערפאַרונגען.

נאָך דעמאָלט ווען איך בין געווען אין מאָסקווע, האָט פּאַסירט אָט וואָס: אַזוי ווי די באָלשעוויקעס האָבן נישט געקענט דורכברעכן גענעראַל וורַאַנגעלס פראָנט, האָט ער, האָבנדיק צו זיין דיספּאָזיציע עטלעכע נישט קיין גרויסע שיפן, באַשלאָסן צו מאַכן אַ פאַרזוך אַריבערצופירן אַ טייל פון זיין מיליטער דורך דעם אַזאָווער ים. אים איז געלונגען אַרויסצוזעצן אַ צאָל מיליטער אַרום דער שטאָט טוימרוק, וואָס ליגט לעבן דעם ברעג פון טייך קובאַן און דעם אַזאָווער ים.

גענעראַל וורַאַנגעל האָט גערעכנט, אַז די קובאַנער קאָזאַקן וועלן מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן די באָלשעוויקעס. די זאַך איז געשען אַזוי שנעל, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעהויבן צו עוואַקויִרן אין פּאַניק, נאָר, ווי מע פלעגט דאַן זאָגן, אַז די באָלשעוויקעס האָבן מער מזל ווי שכל. און דאָס האָט פּאַסירט דאָס מאָל מיט גענעראַל וורַאַנגעלס אַטאַקע.

אין אוקראַיִנע און אויפן דאָן האָבן זיך געפונען גרויסע אָפּטיילונגען פון דער רויטער־אַרמיי. לעאָן טראָצקי איז אָנגעקומען מיט זיין שטאָב און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַ טייל פון גענעראַל וורַאַנגעלס אַרמיי געלונגען צו אַנטלויפן צוריק קיין קרים. די רויטע־אַרמיי האָט ליקווידירט דעם גאַנצן אינציד[e]נט, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט קראַסנאָדאַר איבערגעלעבט אַ גרויסע פּאַניק. בעסיע און אונדזער זון לעאָן, קלאַוודיאַ און ראַכיל הורוויץ, זענען געבליבן ווי אין מיטן ים. די צוויי חברים טעלעגראַפיסטן זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי — האָבן די דריי פרויען און דאָס קינד נישט געוווּסט וואָס צו טאָן און וווּהין צו לויפן, ווייל מיר האָבן געוווינט אין דעם ערשטן הויז פון די סאָוויעטן און דאַרטן צו זיין, ווען וורַאַנגעלס אַרמיי וועט קומען, האָט געמיינט אַ זיכערער טויט.

ווען זיי זענען געווען אַזוי פאַרצווייפלט און נאָר געטראַכט וואָס זאָל מען טאָן און וווּהין זאָל מען גיין, האָט מיט אַ מאָל עמעצער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. ווען זיי האָבן געעפנט, האָבן זיי דערזען די ביידע טעלעגראַפיסטן, וואָס זענען אַוועק נישט אָנפרעגנדיק זייערע מיליטערישע באַאַמטע, וואָס האָט פאַר זיי געקענט ברענגען טויטשטראָף. מיט זיי איז אויך געווען אַן עלטערער מענטש, וואָס בעסיע האָט גלייך נישט דערקענט. דאָס איז געווען אָלגאַ לייקס אַ פעטער, אַ געוועזענער קאָזאַקן־גענעראַל. ער און זיין פרוי, ביי וועמען מיר זענען געווען

עטלעכע מאָל, האָבן געוווּסט, אַז איך האָב געראַטעוועט דאָס לעבן פון זיין פּלי־מעניק, אַלגאַ לייקס ברודער, איז ער געקומען צו אונדז מיט דעם פאָרשלאָג, אַז בעסיע און אונדזער זון לעאָן, זאָלן קומען צו זיי און אין זייער הויז וועט זי זיין זיכער. בעסיע האָט אים האַרציק באַדאַנקט פאַרן אָנבאָט, נאָר זי האָט אים דערקלערט, אַז זי קאָן נישט איבערלאָזן אירע צוויי פריינד. דער אַלטער גענע־ראַל האָט פאַרשטאַנען די לאַגע און ער האָט געזאָגט, אַז ער און זיין פרוי וועלן זיין זייער צופרידן אויך צו העלפן אירע פריינד. דער אַלטער גענעראַל איז גע־ווען אַ העכסט אינטעליגענטער מענטש. ער האָט נישט געקענט פאַרגעסן וואָס מ'האָט געטאָן פאַר זיינעם אַ פּלימעניק, האָט ער געפילט אַז זיין מאָראַלישע פליכט איז צו העלפן די מענטשן וואָס האָבן געטאָן גוטס פאַר זיין פאַמיליע.

ווען איך בין געקומען צוריק ,איז שוין נישט געווען קיין סימן פון דער גרויסער פּאַניק, נאָר אויף בעסיען האָט די פּאַסירונג שטאַרק געווירקט און זי האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן, אַז מיר זאָלן פּרובירן אַרויסרייסן זיך פון רוסלאַנד און אָוועקפאָרן צוריק קיין אַמעריקע. איך בין געווען קעגן דעם, אָבער אינערלעך האָט מיר צום ערשטן מאָל עפּעס אונטערגעזאָגט, אַז בעסיע איז גע־רעכט, נאָר איך האָב גלייך אָפּגעוואָרפן אָט דעם געדאַנק. די קאַלאָסאַלע גע־שעענישן אין רוסלאַנד האָבן מיך אין אַ געווויסן זינען היפּנאָטיזירט און ס'האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן, אַז די גרויסע רוסישע סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט זיך פאַרנומען אויפן וועג פון גייסטיקן און מאָראַלישן אונטערגאַנג. עס זענען גע־ווען שוין גרויסע סמנים, אַז לענין, טראָצקי און די גאַנצע כאָפּטע האָבן זיך פאַרנומען אויפן וועג פון האָבן מער מאַכט. דער נייער סאָציאַלער געבוי האָט נישט געשפּילט קיין גרויסע ראָל, די ריזיקע מאַסע מענטשן פון גאַנץ רוסלאַנד האָט נישט געהאַט קיין שום דעה. נאָר נישט געקוקט אויף די אַלע רעאַלע פאַקטן, האָט עפּעס אַן אינעווייניקסטע שטימע מיר אונטערגעזאָגט, אַז עס וועט קומען אַ נייע קראַפט וואָס וועט צעשטערן די באָלשעוויסטישע מאַכט און די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט אַרונטערוואַרפן די מאַרקסיסטישע טעאָריע און די רעוואָלוציע וועט ווידער אָנהייבן צו שפּאַנען פאָרויס און בויען אַ נייעם סאָציאַלן רעזשים איבער גאַנץ רוסלאַנד און אפשר איבער דער גאָרער וועלט!

איין זאַך איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר און דייטלעך, און דאָס זענען די ווער־טער פון מיכאַיל באַקונין: „סאָציאַליזם אָן פרייהייט, איז אַ חזיר־שטאַל!".

אין אַ צייט אַרום, נאָך דעם ווי איך האָב זיך צוריקגעקערט קיין קראַסנאָ־דאַר, האָב איך אָנגעהויבן באַקומען בריוו פון די חברים אין כאַרקאָוו. איך מוז דאָ זאָגן, אַז איך האָב געהאַט אַן אייגענע פּאָסט. די חברים, ווען זיי האָבן מיר געדאַרפט עפּעס מודיע זיין, פלעגן זיי אָוועקגיין אויפן וואָקזאַל ווען דער צוג פלעגט קומען פון מאָסקווע מיטן ספּעציעלן וואַגאָן און קוריערן, וואָס פלעגן פירן די צייטונגען, אָפּזוכן דעם קוריער וואָס איז געפאָרן קיין קראַסנאָדאַר און אים איבערגעבן אַ בריוו צו מיר. און אָט אין די בריוו האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז די באָלשעוויקעס זענען מיט אַ מאָל געוואָרן זייער פריינדלעך. דאָס איז אָנגעקומען אין גיכן צו מיר די נייעס, אַז די באָלשעוויקעס האָבן פאַרגע־

שלאָגן אַז זיי ווילן שליסן שלום מיט נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי, ווען ער וועט זיי צוזאָגן אַז ער וועט העלפן צעברעכן גענעראַל וראַנגעלס אַרמיי, וואָס איז שטאַרק באַפעסטיקט אויפן קרימער האַלבאינדזל.

דערצו האָבן אונדזערע צוויי חברים טעלעגראַפיסטן אויפגעכאַפּט שטיקלעך נייעס אויף דער מיליטערישער ראַדיאָ, אַז עפּעס טומלט זיך און אַז מע קאָן דערוואַרטן נייע פּאַסירונגען, וואָס האָבן אָנגעזאָגט ענדערונגען וואָס קומען אָן. און איך האָב אַלע טאָג מיט אומגעדולד דערוואַרט דעם אָנקום פון דער באַן; אפשר וועל איך באַקומען אַ בריוו פון די חברים פון כאַרקאָוו מיט פרישע נייעס. נאָר די נייעסן זענען גאָר אָנגעקומען פון אַן אַנדער זייט.

דעם 24סטן נאָוועמבער 1920, פאַרטאָג, זענען מיר אויפגעוועקט געוואָרן פון שלאָף דורך אַ שטאַרקן קלאַפּן אין טיר.

דאָס קלאַפּן האָט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף מיר, אויף אונדזער קליינעם זון און אויף אונדזערס אַ חברטע, ראַכיל הורוויץ. מיר האָבן אַלע געטראַכט, אַז די „טשעקאַ" קומט צו אונדז.

ווען מיר האָבן געעפנט די טיר, האָבן מיר דערזען אַ יונגן רויטן גוואַרדייעץ. ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ טעלעגראַמע פון מזרח־מיליטערישן שטאַב אין כאַרקאָוו און מיך געבעטן עס שריפטלעך צו באַשטעטיקן. אין דער טעלעגראַמע איז אָנגעזאָגט געוואָרן די אויסערגעוויינלעכע ידיעה, אַז ס'איז געשלאָסן געוואָרן אַ שלום־אָפּמאַך צווישן שטאַב פון מזרח־מיליטערישן פראָנט און דער פּאַרטיזאַנער־אַרמיי פון נעסטאָר מאַכנאָ. דער אָפּמאַך איז געווען געחתמעט פון דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון דעם מזרח־מיליטערישן פראָנט גענעראַל פרונדזע און פון רעוואָלוציאָנערן מיליטערישן קאָנסול פון דעם מזרח־פראָנט בעלאַקון גאַיסייעוו; פאַר מאַכנאָן האָבן געחתמעט די חברים קרילענקאָ און פּאָפּאָוו.

לויטן דאָזיקן אָפּמאַך, האָט די סאָוויעטן־רעגירונג באַפוילן אָפּצושטעלן אַלע פאַרפאָלגונגען קעגן די אַנאַרכיסטן, וואָס וועלן נישט באַקעמפן מיט געווער אין די הענט דעם סאָוויעטישן רעזשים; די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט באַקומען פולע פרייהייט צו פירן אַ דערציִונגס־אַרבעט און פרידלעכע פּראָפּאַגאַנדע; די רעגירונג וועט געבן די אַנאַרכיסטן יעדע מעגלעכע טעכנישע הילף צו דרוקן צייטונגען און ליטעראַטור.

ווייטער איז געזאָגט געוואָרן אין דער טעלעגראַמע, אַז נעמענדיק אין באַטראַכט דעם דאָזיקן שלום־אָפּמאַך, האָט די אוקראַיִנישע קאָנפעדעראַציע באַשלאָסן צו רופן אַ ספּעציעלן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס אין כאַרקאָוו אויף דעם 26סטן נאָוועמבער 1920. איך בין געבעטן געוואָרן זיך צו באַטייליקן אין יענעם קאָנגרעס. צום סוף איז נאָך געווען אַ ווענדונג צו אַלע אייזנבאַן־באַאַמטע, מיליטער און מיטגלידער פון דער טשעקאַ צו העלפן מיר קומען קיין כאַרקאָוו.

וואָס האָט אַזוינס געטראָפן, אַז די באָלשעוויקעס זענען געווען געצוווּנגען צו מאַכן אַזעלכע גרויסע קאָנצעסיעס צו דער רוסישער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג?

די באָלשעוויקעס האָבן געשיקט דעלעגאַטן צו אונדזער כאַרקאָווער גרופּע און פאַרגעלייגט דעם שלום־פּלאַן. די גרופּע האָט גלייך געשיקט צו נעסטאָר מאַכנאָ אַ דעלעגאַציע פון דריי חברים: יוסף גודמאַן, יאַשאַ גוטמאַן און סאַפּיין. אַלע דריי זענען געווען גרויסע אַקטיוויסטן. צום גרויס באַדויערן, האָבן זיי נישט געקענט אויספירן זייער שליחות: אויפן וועג צו מאַכנאָס אַרמיי זענען זיי פאַרפאַלן געוואָרן. אונדזערע חברים זענען געווען זיכער, אַז די דריי אַקטיווע חברים זענען געפאַלן קרבנות פון די באָלשעוויקעס. שפּעטער זענען אָבער דאָך זיך צוזאַמענגעקומען די באָלשעוויקעס און פאַרשטייערס פון מאַכנאָס אַרמיי, און ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער שלום־פּלאַן.

די סיבה פון דער פּלוצלינגדיקער „ליבע" פון די באָלשעוויקעס צו די אַנאַרכיסטן איז געווען אַזאַ:

אַ חוץ דעם קרימער האַלבאינדזל און מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי, איז דער בירקערקריג שוין געווען פּאַקטיש ליקווידירט איבער גאַנץ רוסלאַנד. טראָצקי האָט צוזאַמענגעבראַכט אַ גרויסע צאָל מיליטערישע אָפּטיילן פון דער רויטער־אַרמיי און געמאַכט עטלעכע אַטאַקעס אויף גענעראַל ווראַנגעלס אַרמייען, וואָס האָבן זיך געפונען אין קרים. טראָצקי האָט אָבער געליטן גרויסע מיליטערישע מפּלות. אויף אַנצוגרייפן דעם האַלבאינדזל, וואָלט מען געדאַרפט האָבן אַ פּלאַט, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן נאָך דעמאָלט נישט געהאַט. זיי האָבן אויך נישט געהאַט דאָרטן די געהעריקע מיליטערישע מאַכט, כדי צו אַטאַקירן דורך דעם שמאָלן ערדפּאַס, וואָס פאַרבינדט קרים מיט דער יבשה, ווייל דער שטח איז געווען צו־גוט באַפעסטיקט און באַשיצט פון ווראַנגעלס אַרמיי. די באָלשעוויקעס האָבן גוט געוווּסט, אַז די איינציקע מיליטערישע גרופּע, וואָס האָט זיך גע־קענט דורכרייסן אויף יענעם פראָנט־אָפּשניט, איז מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי.

איך מוז דאָ אָפּשטעלן זיך און געבן צוויי געשיכטלעכע דערקלערונגען: ערשטנס, פאַר וואָס די באָלשעוויקעס, מיט אַ גרויסער אַרמיי, וואָס איז געווען גוט באַוואָפנט מיט אַלע מיליטערישע עלעמענטן און אין צאָל איז זי געווען אַ סך גרעסער ווי גענעראַל ווראַנגעלס אַרמיי, האָבן אים נישט געקענט דעמאָלט באַזיגן? דער ענטפער אויף דעם איז, אַז גענעראַל ווראַנגעל האָט געהאַט אויף זיין זייט די נאַטירלעכע פעסטונגען פונעם קרימער האַלבאינדזל, וואָס איז פאַר־בונדן נאָר מיט זייער אַ שמאָלן פּאַס ערד און, אין אַ סך פּלעצער, איז אָט דער פּאַס פאַרבונדן מיט בריקן.

פון ביידע זייטן פונעם דורכגאַנג, איז געווען דער אַזאָווער ים און ווייטער אַ ביסל, זענען געלעגן די זאַלץ־בלאָטעס, וואָס מ'האָט נישט געקענט דורכגיין.

צווייטנס, האָט די באָלשעוויסטישע אָנפירונג גוט געוווּסט פון דער פאַר־גאַנגענהייט, אַז נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי האָט נישט געפירט זיך לויט אַ קאַזיאָנער דיסציפּלין. יעדער קעמפער אין מאַכנאָס אַרמיי האָט מקריב געווען זיין לעבן פרייוויליק און דערצו האָט געהערשט די פרייע איניציאַטיוו אַן אַלע אָפּטיילונגען. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַ שטאַרקע, קעמפערישע גרופּע מענטשן, וואָס האָבן אָן קיין שום מיליטערישע מאָביליזאַציעס צוזאַמענגעשטעלט

אַ שטאַרקע, קעמפּערישע מחנה, וואָס האָט געהאַט ווי אַ מאָטאָ: קיין שום שווע־ריקייטן זאָלן נישט אָפּהאַלטן אונדזער גערעכטן קאַמף!

איך האָב געקענט דאָ דערמאָנען אַ רייע פאַלן, ווי אַזוי מאַכנאָ מיט זיין אַר־מיי האָבן צעשמעטערט ווייסע און רויטע מיליטערישע אָפּטיילונגען און פאַרנו־מען שטעט און שטעטלעך. נאָר איין עפּיזאָד מוז איך דאָ ברענגען, וואָס וועט געבן אַ ביישפּיל וואָס דאָס מיינט פרייע איניציאַטיוו, וועלכע קאָן פון אוממעג־לעך מאַכן מעגלעך.

די שטאָט יעקאַטערינעסלאַוו איז געווען פאַרנומען פון דער ווייסער אַרמיי. כדי צו פּרובירן פאַרנעמען די שטאָט, האָט מען געדאַרפט אַריבערפאָרן דעם גרויסן בריק און דעם טייך דניעפּער. די שטאָט יעקאַטערינעסלאַוו איז געווען אַ גרויסער אינדוסטריעלער צענטער. ווען די ווייסע האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט, זענען מיט זיי פאַרבליבן די אַלטע פאַבריקאַנטן און די באַלעבאַטים פון אַנדערע געשעפטן. און זיי אַלע צוזאַמען האָבן זיך שטאַרק נוקם געווען אין די אַר־בעטערס.

מאַכנאָס אַרמיי האָט זיך געפונען פון דער צווייטער זייט בריק, נאָר מאַכן אַ פאַרזוך צו פאַרכאַפּן דעם גרויסן בריק, איז פּשוט געווען אַ ווילדער אומזין, ווייל די ווייסע־אַרמיי האָט געהאַט גענוג מאַשין־ביקסן און האַרמאַטן אויף צו צעשמעטערן יעדן פאַרזוך דורכצורייסן זיך דורכן בריק.
און דאָ קומט אַריין די פרייע איניציאַטיווע. ס'איז געבוירן געוואָרן ביי איינעם פון מאַכנאָס קעמפערס דער פאָלגנדיקער פּלאַן:

מע זאָל זונטיק מיטיק־צייט אויספּוצן אַ פּאָרל ווי חתן־כלה. צו זיי זאָל מען פאַרפּוצן אין די אוקראַינישע נאַציאָנאַלע קליידער אַ גרעסערע גרופּע פון די קעמפערס און די חברטעס וואָס האָבן געאַרבעט אין אַרמיי־שפּיטאָל.

דערצו זאָל מען נעמען אַ צאָל וועגענער אויף וועלכע מע זאָל פאַרבאַהאַלטן אונטערן שטרוי מאַשין־ביקסן און אַנדערע געווער. די גאַנצע גרופּע קעמפערס זאָל שפּילן די ראָלע, אַז מע פאָרט צו אַ חתונה.

מ'האָט דאָס ביי נאַכט אַלץ צוגעגרייט, און אויך אַ צאָל פלעשער בראָנפן. מיטיק־צייט, ווען ס'איז געקומען די אָפּגערעדטע שעה, האָבן זיך די וועגענער מיט געזאַנג און מוזיק זיך געטאָן אַ לאָז צום בריק. ווען זיי זענען אָנקומען אויף דער צווייטער זייט בריק, האָט מען זיי געוואָלט פאַרהאַלטן, האָבן זיי אַרויסגע־נומען די פלעשלעך מיט בראָנפן און אָנגעפאַנגען צו געבן די סאָלדאַטן פון דער ווייסער־אַרמיי. די גאַנצע זאַך האָט אויסגעקוקט ווי אַ לעבעדיקע, פריילעכע חתונה. דער אָפיציר פון דער ווייסער־אַרמיי האָט געהייסן זיי זאָלן פאָרן ווייטער, און דאָס איז אַלץ וואָס מאַכנאָס קעמפער האָבן געדאַרפט. אָפּפאָרנדיק אַ ביסל ווייטער, האָבן זיי שנעל אַרויסגעשלעפּט די מאַשין־ביקסן און אַנדער געווער, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט שוין נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי איבערגעקרייצט דעם בריק און פאַרנומען די שטאָט יעקאַטערינעסלאַוו און צעשמעטערט די ווייסע־אַרמיי וואָס איז דאָרטן געווען. אין שטאָט איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ שמחה, וואָס מ'האָט זיך באַפרייט פון דער ווייסער־אַרמיי.

די באָלשעוויקעס פאַרניכטן די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג

נאָך מאַכנאָס זיג אין קרים

ביי לענינען און טראָצקין איז דעריבער געבוירן געוואָרן אַ דרייפּאַכיקער טייוולאָנישער פּלאַן צו פאַרניכטן מיט איין קלאַפּ גענעראַל ווראַנגעלס אַרמיי, ליקווידירן מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי און מאַכן אַ סוף צו דער אַקטיווער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

די באָלשעוויקעס האָבן נישט געוואָלט לאָזן מעלדן עפנטלעך וועגן אָפּמאַך. מאַכנאָ האָט אָנגעהויבן עפּעס צו פאַרדעכטיקן און האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויס־צוטרעטן מיט זיין אַרמיי קעגן גענעראַל ווראַנגעל. ערשט דעמאָלט האָבן די באָלשעוויקעס געמאָלדן וועגן אָפּמאַך מיט נעסטאָר מאַכנאָ.

נאָך דעם ווי די באָלשעוויקעס האָבן אונטערגעשריבן אַלע אָפיציעלע דאָ־קומענטן וועגן מיליטערישן און פּאָליטישן אָפּמאַך מיט נעסטאָר מאַכנאָ, האָט זיין פּאַרטיזאַנער־אַרמיי, אַרום דעם 23סטן אָקטאָבער 1920, אָנגעהויבן אַטאַקירן גענעראַל ווראַנגעלס אַרמיי. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שרעקלעכע שלאַכטן, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אַרום דריי וואָכן צייט.

נעסטאָר מאַכנאָ און זיין שטאַב האָבן איינגעזען, אַז מיט דעם וועג וועלן זיי קיין דערפאָלג נישט האָבן, און נאָר אומזיסטע קרבנות וועלן פאַלן פון זיינע קעמפּערס. מאַכנאָ און זיין שטאַב האָבן דעריבער פאַרשטאַנען, אַז דער איינצי־קער וועג צו ברעכן גענעראַל ווראַנגעלס אַרמיי איז נאָר דורכן אַזאָווער ים, וועלכער האָט שוין אין יענער צייט אָנגעהויבן פאַרפרוירן צו ווערן.

נישט זאָגנדיק גאָר נישט די באָלשעוויקעס, האָט ער איין נאַכט אַרויסגע־שיקט אַ ראַזוועדקע, וואָס האָט געדאַרפט אויסגעפינען, ווי שטאַרק עס איז שוין דאָס אייז אויפן אַזאָווער ים. די ראַזוועדקע איז געקומען מיט אַ באַריכט, אַז דאָס אייז איז נאָך נישט גענוג פאַרפרוירן, נאָר ווען מען וועט זיך ברייט צעשפּרייטן מיט די וועגענער און דער קאַוואַלעריע, וועט מען קאָנען דורך דער נאַכט קו־מען אין טיל פון גענעראַל ווראַנגעלס אַרמיי.

מאַכנאָ מיט זיין שטאַב האָבן ערנסט באַטראַכט דעם באַריכט פון די אויס־

קוקערס. די גאַנצע אונטערנעמונג איז געווען ביז גאָר אַ ריזיקאַלישע. ווען דאָס איז אויפן אַזאַ אופן ווי איר זאָל זיך חלילה דורכברעכן, וואָלט דאָס געקענט מאַכן אַ סוף צו דער גאַנצער פאַרטיזאַנער־אַרמיי פון נעסטאָר מאַכנאָ.

נישט די מיליטערישע פירערשאַפט פון די באָלשעוויקעס און נישט דער שטאַב פונעם גענעראַל וראַנגעל האָבן אַפילו נישט געקענט חלומען, אַז נעסטאָר מאַכנאָ מיט זיין שטאַב זאָלן פּלאַנירן אונטערצונעמען אַזאַ ריזיקאַלישע מיליטערישע אַקציע.

נעסטאָר מאַכנאָ און זיין שטאַב זענען געקומען צום באַשלוס, אַז נאָר אַט די דאָזיקע ריזיקאַלישע מיליטערישע אָפּעראַציע, וועט זיי געבן די מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין טיל פון גענעראַל וראַנגעלס אַרמיי און מאַכן אַ סוף צו דעם קאַמף פאַרן קרימער האַלבאינדזל. און מאַכנאָ און זיין שטאַב, האָבן באַשלאָסן אונטערצונעמען אָט דעם ריזיקאַלישן שריט.

מ׳האָט גלייך אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן און באַשטימט, וועלכע מיליטערישע אָפּטיילונגען זאָלן אַרויסטרעטן די ערשטע און מ׳האָט גלייך צוזאַמענגערופן די קעמפער פון יעדער גרופּע, און מ׳האָט זיי באַקאַנט געמאַכט מיט דעם פּלאַן, און וועלכע גרופּע וועט זיין די ערשטע.

מ׳האָט באַלד אָנגעהויבן אַלץ צוצוגרייטן. דאָס וואָס איז געווען איבעריק אויף די וועגענער האָט מען אַרויסגענומען כדי זיי זאָלן זיין לייכטער אויפן אייז.

ווען ס׳איז געוואָרן גוט פינצטער האָט נעסטאָר מאַנכאָ מיט דער ערשטער אָפּטיילונג זיך געגעבן אַ לאָז איבערן אייז, נאָך זיי, אין אַ געוויסער צייט אַרום, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט די אַנדערע גרופּעס. די גאַנצע נאַכט, ווי אַ שאָטן אויפן פאַרפרוירענעם ים, האָט זיך גערוקט פאָרויס נעסטאָר מאַנכאָס פאַרטיזאַנער־אַרמיי און אויף מאָרגן, דעם 13טן נאָוועמבער 1920, איז נעסטאָר מאַנכאָס פאַרטיזאַנער־אַרמיי שוין געווען אין טיל פון גענעראַל וראַנגעלס אַרמיי און אָנגעהויבן פאַרטיליקן די ווייסע אַרמיי.

דעם 14טן נאָוועמבער האָט מאַנכאָס פאַרטיזאַנער־אַרמיי אָנגעהויבן צו פאַרנעמען די שטאָט סימפעראָפּאָל. דורך דעם איז גענעראַל וראַנגלעס אַרמיי געווען מער ווי דריי פערטל אַרומגערינגלט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פּאַניק, און גענעראַל וראַנגעלס אַרמיי, וואָס האָט סוף־סוף געבראַכט צו איר פולן צוריקטריט אויף אַלע פראָנטן. די רויטע אַרמיי האָט געהאָט די אויפגאַבע צו ליקווידירן די רעשטלעך פון גענעראַל וראַנגעלס אַרמיי. אָבער גלייך נאָך דעם איז געקומען דער גרויסער פאַרראַט פון די באָלשעוויקעס: זיי האָבן געוואָלט ליקווידירן מאַנכאָס פאַרטיזאַנער־אַרמיי.

נישט קוקנדיק אויפן אָפּמאַך, אַז מאַנכאָס פאַרטיזאַנער־אַרמיי וועט בלייבן אַ באַזונדערע איינהייט אין סאָוויעטישן מיליטער, האָבן די באָלשעוויקעס אַרויסגעגעבן באַפעלן, אַז די פאַרטיזאַנער־אַרמיי זאָל איינגעגלידערט ווערן אין דער רויטער אַרמיי און אָוועקגעשיקט ווערן אויף דעם פּוילישן פראָנט.

מאַנכאָ און זיין שטאַב האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אַז די באָלשעוויקעס ווילן ברעכן דעם אָפיציעלן אָפּמאַך. און אַזוי איז טאַקע געשען: דעם 26סטן נאָוועמ־

בער 1920, האָט די רויטע אַרמיי אָנגעהויבן אַטאַקירן מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי.

דער באָלשעוויסטישער פּלאַן פון אַריינכאַפּן מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער אין אַ פּאַסטקע איז אָבער דורכגעפאַלן. אין אַ קורצער צייט זענען די אָפּטיילן פון דער רויטער אַרמיי צעטריבן און פאַרניכטעט געוואָרן. מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי האָט דורכגעריסן די באָלשעוויסטישע אַרומרינגלונג און איז אַוועק צוריק אין אוקראַ:ינע.

מאַכנאָס שטאַב אין אוקראַ:ינע האָט אָבער איינגעזען, אַז איצט, נאָך דער פּאַקטישער ליקווידאַציע פון בירגער־קריג, איז די פּאַרטיזאַנער־אַרמיי נישט בכוח צו פירן דעם קאַמף קעגן דער רויטער אַרמיי. דעריבער האָבן זיי באַשלאָסן, אַז די, וועלכע ווילן בלייבן אין אוקראַ:ינע, זאָלן פאַרבלייבן דאָרט, און די איבעריקע קענען זיך לאָזן אינטערנירן אין רומעניע.

די זעלביקע נאַכט, ווען מען האָט אָנגעהויבן אַטאַקירן די פּאַרטיזאַנער־אַרמיי, האָט מען אַרויסגעגעבן באַפעלן צו דער טשעקאַ צו אַרעסטירן אַלע מיטגלידער פון דער אוקראַ:ינער קאָנפעדעראַציע „נאַבאַט” און אויך אַלע דעלעגאַטן צו דעם אַלרוסישן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין די ערשטע טעג פון דעצעמבער.

דעם טאָג, וואָס איך האָב דערהאַלטן די טעלעגראַמע צו קומען צום אַלרוסישן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס אין כאַרקאָוו, איז געקומען צו אונדז אונדזער חבר, דער ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט, און געבראַכט די נייעס, אַז ער האָט אויפגעכאַפּט אַ באַפעל פון באָלשעוויסטישן מיליטערישן שטאַב אין אוקראַ:ינע צו קאָנצענטרירן מיליטער אויף דער כאַרקאָוו־קרימער אייזנבאַן־ליניע. פון שטיקלעך נייעס האָט מען געקענט פאַרשטיין, אַז די באָלשעוויקעס גרייטן צו עפּעס קעגן מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי.

דעם זעלביקן אָוונט האָבן מיר געהאַט אַ זיצונג פון אונדזערע חברים אין קראַסנאָדאַר. מען האָט באַשלאָסן, אַז איך זאָל פאָרן צו דער קאָנפערענץ אין כאַרקאָוו. וויסנדיק שוין אַ ביסל די ניי־געשאַפענע לאַגע און פאַרדעכטיקנדיק די באָלשעוויקעס אין בייזע כוונות, האָב איך נישט אויסגענוצט די טעלעגראַמע, נאָר מיינע אייגענע אַרבעטס־פּאַפּירן, וואָס האָבן מיר געגעבן די מעגלעכקייט אַרומצופאָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד.

אויף מיין גאַנצער רייזע קיין כאַרקאָוו האָב איך אַלץ געטראָפן אַ סך צוגן מיט רויטע אַרמייער — און אַלע זענען געפאָרן אין דער ריכטונג פון קרים. ס׳איז ביי מיר כמעט שוין נישט געווען קיין ספק, אַז די באָלשעוויקעס קלייבן זיך אָנפאַלן אויף מאַכנאָס אַרמיי. און גאָר גיך איז אויך יעדער ספק אין דעם פאַרשוווּנדן. ווען אונדזער באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרעסערער סטאַנציע, אַרום 51 ווערסט פון כאַרקאָוו, האָב איך באַמערקט אַ גרויסן געזעמל מענטשן אַרום אַ וואַנט־צייטונג. איך בין צוגעגאַנגען אַהין און תיכף דערזען די „נייס”, אַז „נעסטאָר מאַכנאָ האָט ווידער פאַרראַטן די רעוואָלוציע”; „אַז מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי האָט אָנגעהויבן צו ראַבעווען די באַפעלקערונג פון

דער שטאָט סימפעראָפּאָל״; „אַז מאַנכאָ האָט זיך אָפּגעזאָגט מיט זיין אַרמיי אַוועקצופאָרן צום פּוילישן פראָנט״; אַז „די אַנאַרכיסטישע קאָנטר־רעוואָלוציע האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ, און דעריבער האָט דער גענעראַל־שטאָב פון דער אוקראַיִנער אַרמיי באַשלאָסן צו ליקווידירן די אַנאַרכיסטן און מאַנכאָס פּאַרטיזאַנער״.

אַזוי שטייענדיק און לייענענדיק די היפּאָקריטישע נייס, האָב איך דערפילט, אַז עמעצער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מיין פּלייצע. דאָס איז געווען אונדזערס אַ חבר, וועלכער איז אויך געפאָרן קיין כאַרקאָוו פון יעקאַטערינעסלאַוו. דורך אַ צופאַל האָבן מיר דערזען אַ יונגן חבר, וואָס איז אָקערשט געווען געקומען פון כאַרקאָוו. ער האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז די הויפּטגאַסן און דער וואָקזאַל אין כאַרקאָוו זענען באַלאַגערט מיט טשעקיסטן. מיט די טשעקיסטן אַרבעטן מיט אַ צאָל אַזוי גערופענע „אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליסטן״.

נאָך עטלעכע מאָנאַטן פאַרן אָפּמאַך מיט נעסטאָר מאַנכאָ, האָבן די באָלשעוויקעס אין פּאָלטאַווע אַרעסטירט די דאָזיקע „אַנאַרכיסטן״, ווען יענע האָבן פּרובירט דורכפירן אַן עקספּראָפּריאַציע. צווישן זיי איז געווען איינער ריזין, וועלכער איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אַרגענטינע ווי אַן אַגענט, ניקאָליי דער גרויסער, צוויי ברידער טיימינס און נאָך עטלעכע, וואָס איך געדענק שוין נישט זייערע נעמען.

אָט די גאַנצע גרופּע איז געווען פאַרמשפּט צום טויט. פאַרן אויספירן דעם אורטייל האָט מען זיי געזאָגט, אַז אויב זיי ווילן ראַטעווען זייערע לעבנס, זאָלן זיי ווערן אַגענטן פון טשעקאַ. זיי האָבן אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון די טשעקיסטן און אָנגעהויבן צו פאַרראַטן די אַנאַרכיסטן.

אָט די שמוציקע חברה־לייט האָבן געהאָלפן די טשעקיסטן אַרעסטירן די אַנאַרכיסטן, וואָס זענען געווען אין כאַרקאָוו, און די, וועלכע זענען אָנגעקומען אַהין צום אַלרוסישן אַנאַרכיסטישן קאָנגרעס. דער חבר, וואָס איז אָנגעקומען פון כאַרקאָוו, איז פּשוט דורך אַ נס נישט געוואָרן אַרעסטירט.

מיר דריי האָבן באַטראַכט די לאַגע פון אַלע זייטן און באַשלאָסן צו פאָרן קיין כאַרקאָוו, כדי צו זען אויף אַן אָרט מיט וואָס מיר קענען אפשר העלפן אונדזערע חברים דאָרטן. דער פּלאַן איז געווען נישט צו קומען מיט דער באַן, נאָר אַרונטערצוגיין אויף דער לעצטער סטאַנציע פון כאַרקאָוו, וואָס איז געווען אַ 5 מייל פון שטאָט.

דעם ערשטן אָוונט פון אונדזער אָנקום קיין כאַרקאָוו האָבן מיר זיך געטראָפן אויף אַן אָפּגערעדטן פּלאַץ מיט נאָך אַ פּאָר חברים. די כאַרקאָווער טשעקאַ איז געווען געפּאַקט מיט אונדזערע חברים. עס האָט אויסגעקוקט, ווי דער אַלרוסישער אַנאַרכיסטישער קאָנגרעס קומט פאָר אין די קעלערן פון דער טשעקאַ.

מיר האָבן פּרובירט שיקן עפּעס עסנוואַרג צו די אַרעסטירטע אַנאַרכיסטן דורך מיטגלידער פון זייערע פאַמיליעס.

ווען איך בין שוין געווען באַלד צוויי וואָכן אין כאַרקאָוו און עס איז גע־

וואָרן עפּעס רויִקער מיט די אַרעסטן, האָב איך געגומען אַ שפּאַציר צום וואָק־זאַל, ווייל מיין שטעלע איז געווען פאַרבונדן מיט די אייזנבאַנען. אויפן וואָקזאַל האָב איך געטראָפן מיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן פון שיקאַגאָ, לעוויטאַס, דעם געוועזענעם רעדאַקטאָר פון דעם ענגלישן זשורנאַל „ניו לידער". ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז נעכטן באַפרייט געוואָרן פון דער טשעקאַ, נאָר ער קען נישט קריגן קיין באַנבילעט אויף מאָסקווע. מיט מיינע מאַנדאַטן האָב איך דאָס אויסגעפּועלט פאַר אים. מיר האָבן פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אַלע אַרעסטירטע אַנאַרכיסטן גייט מען אַוועקשיקן קיין מאָסקווע. דאָס האָט זיך גאָר גיך אַרויסגעוויזן צו זיין ריכטיק.

מיט אָט דעם באַלשעוויסטישן פאַרראַט האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווי־דאַציע פון דער גרויסער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

איך מוז דאָ מאַכן נאָך איין באַמערקונג צו דעם עפּיזאָד וועגן דעם קאַמף אַרום דעם קרימער האַלב־אינדזל.

איך האָב פריִער באַמערקט, אַז די אַזוי גערופענע „אַנאַרכיסטישע אינדיי־ווידואַליסטן", וואָס האָבן געוואָלט ראַטעווען זייער לעבן, זענען געוואָרן שפּיאַ־נען און פּראָוואָקאַטאָרס אין דער טשעקאַ.

ווען מיר רעדן אַבסטראַקט, קאָנען מיר זאָגן, אַז בעת זיי האָבן דורכגע־פירט עקספּראָפּריאַציעס, פלעגן זיי ריזיקירן מיט זייערע לעבנס און זיי האָבן נישט געקראָגן באַצאָלט פאַר די דאָזיקע עקספּראָפּריאַציעס. זיי האָבן ריזיקירט מיט זייער לעבן און פרייהייט.

נאָר צו אָט דעם קלאַס „אַנאַרכיסטן" האָבן מיר נאָך געהאַט נישט קיין גרויסע צאָל אַזוי גערופענע אַנאַרכיסטן, וואָס זייער אַרבעט איז באַשטאַנען צו שפּיאָנירן פאַר די באַלשעוויקעס אין דער פריִער דערמאָנטער אָרגאַניזאַציע „זאַגאַרדאַט", די אויסלענדישע אויסשפּירער. אָט די קליינע גרופּע האָט גע־אַרבעט פאַר דער רויטער אַרמיי און האָט באַקומען גרויסע סומעס געלט פאַר דער שפּיאָנאַזש־אַרבעט.

מע זאָגט, אַז צייט און אומשטענדן קענען שאַפן זאַכן, וואָס אין אַ גע־וויינלעכן מאָמענט וואָלט דער מענטש אַפילו נישט געוואָלט גלויבן, אַז ער וועט זיך קענען איינאַיבן אין אַזאַ אַרבעט. וואָס ערשט מיט אַ שטיקל צייט צוריק איז זי אים געווען אַבסאָלוט פרעמד. וועגן דעם וואָס איך וויל איצט דערציילן, ווייס איך נישט, ווי אַרום ער איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין דער אַרבעט פון שפּיאָנאַזש, נאָר דער פאַקט איז דער: אַן אַמעריקאַנער ייִדישער עמיגראַנט, וואָס האָט נישט באַזעסן אַפילו גוט די רוסישע שפּראַך, אויב איך האָב נישט קיין טעות שטאַמט ער פון גראָדנער גובערניע, זיין נאָמען איז געווען אַדאָלף, — אָט פאַר דעם אַדאָלפס קאָפּ, האָט, טויט אָדער לעבעדיק, גענעראַל וורַאַנגעלס קעגן־שפּיאָנאַזש, געוואָלט באַצאָלן אַ גאָר גרויסע סומע געלט.

אָט דער אַדאָלף האָט זיך פאַרלאָזט אַ גרויסע באָרד, און ער האָט אויס־געזען ווי אַ ריכטיקער פּויער. דאָס האָט אים געמאַכט גרינגער אָנצושפּאַרן

אין פלעצער, וואָס אַן אַנדערער האָט דאָס נישט געקענט באַווייזן און ער פלעגט דורכשמוגלען מיליטערישע אינפאָרמאַציע צו דער טשעקאַ און צו דער רויטער אַרמיי.

די טראַגעדיע ווערט נאָך גרעסער וויסנדיק צו וואָסערער שטופּע אייניקע אַזוי גערופענע אַנאַרכיסטן, זענען דערגאַנגען.

אין דער צייט ווען נאָכן גרויסן זיג פון נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי, וואָס האָט צעשטערט גענעראַל ווראַגעלס מיליטערישן פראָנט און גע־געבן די מעגלעכקייט די באָלשעוויקעס צו פאַרנעמען דעם קרימער האַלב־אינדזל, האָבן די באָלשעוויקעס אָנגעהויבן אָפּדאַנקען מאַכנאָס טובה פאַרן לאַנד, דערמיט וואָס זיי האָבן גענומען אַטאַקירן מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי און אָנגעהויבן דעם גרויסן טאָטאַלן פּאָגראָם אויף דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג איבער גאַנץ רוסלאַנד.

אָט אין דער זעלביקער צייט האָט מען אין מאָסקווע דערקלערט אָפיציעל אַדאָלפן פאַר אַ נאַציאָנאַלן העלד און מ׳האָט אים באַשאָנקען מיט לענינס אָרדן, די העכסטע אויסצייכענונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. צו דעם האָט מען אַדאָלפס פאָטאָגראַפישע בילדער אויפגעהאַנגען צווישן די אַלע העלדן אין מוזיי פון דער רעוואָלוציע אין מאָסקווע. דאָס איז געשען אין דער זעלביקער צייט ווען די באָלשעוויקעס האָבן דערשאָסן אַ ריי אומשולדיקע אַנאַרכיסטן און מע האָט אַרעסטירט הונדערטער פון זייערע חברים, דעמאָלט זענען זיי, אָט די פסעוודאָ־אַנאַרכיסטן, פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי „נאַציאָנאַלע העלדן".

דעם זעלביקן אָוונט וואָס איך בין צוריקגעקומען קיין קראַסנאָדאַר, האָבן מיר געהאַט אַ מיטינג פון די חברים. נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעגעבן אַ פולן באַריכט, האָבן די חברים איינער נאָכן אַנדערן זיך אַרויסגעזאָגט דעם זעלביקן געדאַנק, אַז די פאַסירונג אין כאַרקאָוו מיט נעסטאָר מאַנכאָס אַרמיי איז דער אָנהייב צו פאַרניכטן פיזיש און גייסטיק די גרויסע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איבער גאַנץ רוסלאַנד. אמת, אין קראַסנאָדאַר זענען מיר געווען מער אָדער ווייניקער זיכער, ערשטנס, דער הויפּט־קאָמיסאַר איז געווען מיין פּערזענ־לעכער פריינד, אַן אַלטער אידעאַליסטישער באָלשעוויק מיט אַ גרויסער מאָס טאָלעראַנץ, דערצו איז די באַוווּסטע אַרבעטער אָפּאָזיציע אין דער באָלשע־וויסטישער פּאַרטיי געווען זייער שטאַרק פאַרטראָטן און זייער באַציִונג צו אַנאַרכיסטן און, ספּעציעל צו די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, איז געווען אַ זייער פריינדלעכע. דער קאַמף איז פאָרגעקומען צווישן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און דער אַרבעטער אָפּאָזיציע אין וועלכער עס זענען געשטאַנען אַ רייע פּראָ־מינענטע אַלטע מיטגלידער פון דער באָלשעוויסטישר פּאַרטיי, ווי שליאַפּניקאָוו, גאַלאַנטיי און נאָך אַנדערע פּערזענלעכקייטן.

אָט אין דער סביבה, וואָס איז געווען די הויפּט־פירערשאַפט אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, האָבן מיר זיך געפונען און טראָץ דעם, וואָס די טשעקאַ האָט געקוקט אויף אונדז קרום, זענען מיר געווען מער זיכער מיט אונדזער פרייהייט, ווי די חברים אין די צענטראַלע שטעט. איך קאָן זאָגן אַז

אינעם הויז פונעם הויפּט־קאָמיסאַר, האָט מען זייער אָפט דיסקוטירט אַנאַר־כיסטישע ענינים און פּראָבלעמען און דער קאָמיסאַר פלעגט זיך אָפט ווינצלען אַז די אַנאַרכיסטישע רעוואָלוציע וועט זיך אָנהייבן פון זיין הויז.

נישט געקוקט אויף די אַלע פּריווילעגיעס, האָבן מיר באַשלאָסן צו זיין אויף דער וואַך, ווי אויך באַהילפיק צו זיין אונדזערע אַרעסטירטע חברים, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי איז איבערגעפירט געוואָרן אין די מאָסקווער תפיסות, וואָס זיינען מיט אַמאָל ווידער איבערגעפּאַקט. ס'האָבן אָנגע־הויבן דערגרייכן צו אונדז ידיעות, אַז דאָרטן איז אַזוי ענג, איבער דער גרויסער צאָל פּאָליטישע אַרעסטירטע, אַז עס זענען שוין אויסגעבראָכן הונגער־שטרייקן. די סיטואַציע זייערע אַ דאַנק די באַקומענע ידיעות, האָט אונדז שטאַרק באַאומרויקט, נאָר אַ סך העלפן האָבן מיר נישט געקענט.

אין דער זעלביקער צייט, איז אין דער באַוווּסטער בוטירקי־קאַטאָרגע טורמע, געקומען צו אַ מצב, אַז די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן דאָרט אַלע דערקלערט אַ הונגער־שטרייק. די באָלשעוויקעס און די טשעקאַ האָבן באַשלאָסן דעם שטרייק צו ברעכן. אין דעם זין האָבן זיי געפּרוווט איבערפירן אין אַנדערע תפיסות גרופּעס אַרעסטירטע, אָבער אַזוי ווי זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט, האָבן די באָלשעוויקעס זיך באַנוצט מיט געוואַלט אַרויסצושלעפּן די אַרעסטירטע פון דער בוטירקער טורמע, און אַ גרויסע טייל פון אונדזערע אַרעסטירטע חברים זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין דער ראַזאַנער תפיסה.

מיין לאָיאַלקייט צום אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט

נישט געקוקט אויף דעם וואָס איך בין געווען טעטיק אין אונדזער באַוועגונג, האָב איך אויסגעפירט אָרנטלעך אַלע מיינע מיסיעס פון דער אָפיציעלער שטעלע. אמת, מיין „נאַטשאַלסטוואָ“ אין מאָסקווע איז געווען זייער צופרידן מיט מיין אָרגאַניזיר־אַרבעט און, דערצו נאָך, וואָס איך פלעג, פון צייט צו צייט, צושיקן פּראָדוקטן, און ספּעציעל דער הויפּט־קאָמיסאַר, וואָס האָט געפילט אַ שוואַכקייט צו גוטע זאַכן, און וועלכע מען האָט נאָך געקענט קריגן אין קראַסנאָדאַר.

נאָר נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, האָבן זיי שטאַרק געוואָלט, אַז איך זאָל זיך אונטערנעמען דורכצופירן אַן אָרגאַניזאַציע־טור פון מאָסקווע ביז באַטום, אויפן שוואַרצן ים, די ווייטסטע געגנט פון קאַווקאַז. אַזוי אַז מיין רייזע האָט געדאַרפט נעמען נישט ווייניקער ווי פיר חדשים צייט. מיטנעמען די פאַמיליע איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט. דערצו האָב איך אָנגעהויבן צווייפלען אין מיינע פריערדיקע געדאַנקען, בעת איך האָב געטראַכט אַז אפשר וועט די פּאָליטישע לאַגע זיך ענדערן און די סיטואַציע וועט שאַפן נייע האָפע־נונגען. די לאַגע האָט זיך טאַקע געביטן, ווייל לענין איז אַרויס מיט זיין נייער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, מיטן שפּעטער באַרימט געוואָרענעם „נעפּ“.

האָב איך נישט געהאַט קיין גרויסן חשק זיך אונטערצונעמען אויף אַזאַ לאַנגער צייט איבערצולאָזן מיין פאַמיליע.

נאָר אינגיכן האָב איך דערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון דעם הויפּט־קאָמי־סאַר, אַז ער רופט אַרויס אויף אַ באַראַטונג אַלע אָרגאַניזאַטאָרס און ער בעט מיך, אַז איך זאָל זיין צו אַ באַשטימטן דאַטום אין מאָסקווע. ווען איך בין געקומען אין מיטן פון חודש יאַנואַר, בין איך אין די ערשטע עטלעכע טעג געווען פאַרנומען ביי דער קאָנפערענץ פון „צענטראָ־פּעטשאַט״, ווו מען האָט באַהאַנדלט די הויפּט־פראַגע פון אָרגאַניזירן די פאַרשפּרייטונג פון צייטונגען און ליטעראַטור, וואָס מען פלעגט אַרויסשיקן טעגלעך פון מאָסקווע. ס׳האָבן נישט געפעלט די אַזוי גערופענע „אָרגאַניזירערס״, זייער צאָל איז געווען גרויס, נאָר גלייכצייטיק איז די מערסטע טייל פון זיי באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט האָבן אַזאַ שטעלע, וואָס האָט געגעבן מעגלעכקייטן צו קריגן אַ סך גרינגער מיטלען צום לעבן און אַרומצופאָרן איבער גאַנץ רוסלאַנד. דערצו האָט אַ געוויסע טייל פון זיי זיך פאַרנומען מיט שפּעקולאַציע. מאַנדאַטן און ספּעציעלע פּריווילעגיעס זענען געווען אַ סך, נאָר די ניי־געבוירענע ביוראָ־קראַטיע האָט נישט געוואָלט און נישט געקענט האָבן קיין קאָנטראָל, וואָס אָט די אַרמיי פון אָרגאַניזירערס טוט אין דער ווירקלעכקייט.

ווי אַביישפּיל קאָן איך ברענגען אָט וואָס: ווען איך בין געווען אין קראַס־נאָדאַר, האָב איך דערהאַלטן אַ גרויסע טעלעגראַמע פון דעם הויפּט־קאָמיסאַר, פון „צענטראָ־פּעטשאַט״, ווו ער לאָזט מיר וויסן אַז מ׳האָט אַרויסגעשיקט שוין צוויי אָרגאַניזאַטאָרס קיין סטאַווראָפּאָל, אַז זיי זאָלן דאָרטן אָרגאַניזירן די פאַר־שפּרייטונג פון צייטונגען און ליטעראַטור איבער דער גובערניע. האָט מיר דער הויפּט־קאָמיסאַר געבעטן, אַז איך זאָל מיטנעמען אַ נויטיקע צאָל מיטהעלפערס און צופאָרן קיין סטאַווראָפּאָל און אויסגעפינען וואָס דאָרטן קומט פאָר.

מיטנעמענדיק מיט זיך אַ פרוי אַלס סעקרעטאַרשע און צוויי מענער פאַר אַרויסהעלפערס, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין, מיט מיין ספּעציעלן וואַגאָן.

ווען מיר זענען אויף מאָרגן אָנגעקומען אַהין, בין איך אַוועק זען דעם הויפּטקאָמיסאַר פון סאָוויעט אַז איך האָב אים דערקלערט מיט וואָס פאַר אַ מיסיע איך בין געקומען קיין סטאַווראָפּאָל, האָט ער ברייט געעפנט זיינע אויגן און ער האָט מיר געזאָגט: אַהער זענען צוויי מאָל געקומען צענטראָ־פּעטשאַט־אָרגאַניזאַטאָרס. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט אין שטאָט אַ פּאָר טעג. וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן, ווייס איך נישט, ער ווייסט נאָר אַז זיי האָבן געבעטן און געקראָגן אַ דערלויבעניש אַרויסצופירן עטלעכע פּוד זאַלץ (אין איניקע פלעצער איז אין יענער צייט זאַלץ געווען טייערער ווי גאָלד).

האָב איך געענטפערט דעם קאָמיסאַר, אַז מיר זענען געקומען נישט נאָך זאַלץ, נאָר כדי צו פּרובירן איינשטעלן אַ לאָקאַלע „צענטראָ־פּעטשאַט״ און אַז מען וועט מוזן אָפּזוכן אַ צאָל מענטשן, וואָס דאַרפן איבערנעמען די גאַנצע אַרבעט פון צענטראָ־פּעטשאַט.אויפן וואָקזאַל האָבן מיר געפונען פּעק מיט

צייטונגען און ליטעראַטור, וואָס זענען דאָרטן שוין געלעגן אין משך פון חדשים־לאַנג. בעת די צוויי וואָכן, וואָס מיר זענען פאַרבליבן אין סטאַוורעפּאָל, האָבן מיר אין פירן, און נאָך זעקס מענטשן וואָס זענען אָנגעשטעלט געוואָרן פון סאָוויעט, איינגעשטעלט און געמאַכט אַרבעטן די אָרגאַניזאַציע פון דער לאָקאַלער צענטראַ־פּעטשאַט, וואָס האָט באַזאָרגט די גאַנצע גובערניע מיט צייטונגען און ליטעראַטור.

ווען מיר זענען שוין געווען גרייט אָװעקצופאָרן, בין איך אַריינגעגאַנגען אין סאָוויעט, צו זאָגן אַ זיי־געזונט דעם הויפּט־קאָמיסאַר. ביים געזעגענען זיך, זאָגט מיר דער קאָמיסאַר, אַז די אַלע צענטראַ־פּעטשאַט־אָרגאַניזאַטאָרס האָבן געבעטן דערלויבעניש אַרויסצופירן זאַלץ. האָט דער סאָוויעט באַשלאָסן צו געבן איך און אייערע מיטאַרבעטער אַ דערלויבעניש מיטצונעמען מיט זיך וויפל זאַלץ איר ווילט. צו דעם איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין צענטראַ־פּעטשאַט אין מאָסקווע אַ דאַנק־טעלעגראַמע פאַר אייער גוטער אַרבעט. פון דער אויבנדערמאָנטער פאַסירונג איז פאַר מיר געווען קלאָר די גאַנצע סיטואַציע, וואָס מ׳האָט באַהאַנדלט ביי דער קאָנפערענץ.

נאָך דער קאָנפערענץ האָט מיך איינגעלאַדן צו אַ מאָלצייט ביי זיך דער הויפּט־קאָמיסאַר פון צענטראַ־פּעטשאַט, צום מאָלצייט זענען אויך געקומען זיינע הויפּט־אַרויסהעלפער. נאָכן עסן איז די גאַנצע כאָפּטע צוגעשטאַנען צו מיר, אַז איך זאָל זיך אונטערנעמען דורכצופירן דעם גרויסן אָרגאַניזאַציע־טור, וואָס איך האָב שוין דערמאָנט אין פריערדיקע שורות זייער טענה איז געווען, אַז מען האָט שוין געשיקט אַ וועלט מיט אָרגאַניזאַטאָרס, נאָר ביז איצטער מיט די זעלביקע רעזולטאַטן, וואָס איך האָב געטראָפן אין סטאַוורעפּאָל.

מ׳איז אַזוי צוגעשטאַנען צו מיר, אַז איך האָב געזען, אַז איך וועל זיך שוין נישט קענען אויסדרייען ווי איך האָב דאָס געטאָן ביז איצט. דערצו נאָך בין איך געווען מיט דער גאַנצער כאָפּטע אין זייער גוטע באַציונגען, איך האָב אויך געוווּסט אַז פונעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי דערגייט מען זיי די יאָרן. ווילנדיק, אָדער נישט־ווילנדיק, האָב איך געמוזט צושטימען אָנצונעמען אָט די שווערע מיסיע, וואָס וועט געדויערן נישט ווינציקער פון פיר חדשים. נאָר איידער איך האָב אָנגענומען די שליחות האָב איך געשטעלט אַ תנאי: ערשטנס פאַר איך צוריק קיין קראַסנאַדאָר, ווו איך וועל אָפּזוכן עמיצן צו פאַרנעמען מיין פּלאַץ, צווייטנס, וועל איך ברענגען מיין פאַמיליע קיין מאָסקווע און איך וועל האָבן אַ צוויי וואָכן וואַקאַציע. נאָך דעם וועל איך מאַכן אַ טור ביז אָדעס מיט דער מיסיע דורכצופירן אַן אַרבעט־קאָנטראָל. אַלע מיינע פאָדערונגען זענען אָנגענומען געוואָרן. ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט מיינע אָפיציעלע אַרבעטן, האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט אויסצוגעפינען וואָס עס טוט זיך אין אונדזערע קרייזן.

***

די לאַגע בכלל אין אונדזערע רייען איז נישט געווען פֿון די גאָר פֿריילעכע. די גרעסטע טייל חברים פֿון גאַנץ רוסלאַנד, זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט איבער די תּפֿיסות אין גרויסן רוסלאַנד און ספּעציעל אין די מאָסקווער טורמעס. די אַלגעמיינע שטימונג איז נישט געווען קיין געהויבענע, פֿון די געוועזענע גרופּעס זענען פֿאַרבליבן נאָר איינציקע, וואָס האָבן געפֿירט אַ האַלב־אונטער־ערדישע טעטיקייט. אין דער לופֿטן האָט זיך געפֿילט, אַז די באָלשעוויקעס גרייטן זיך צו ליקווידירן די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג.

עס זענען נאָך געווען אַ פּאָר קלובן, וואָס האָבן זיך דערקלערט „אין ליבע" צו די באָלשעוויקעס און די לעצטע האָבן, ביז אַ געוויסער צייט, זיי געלאָזט עקזיסטירן און אויסגענוצט ווי אַ פֿראָנט פֿאַר די אויסלענדישע געסט.

דער שוואַרצער קרייץ, מיט אַ געוויסן טייל הילף פֿונעם רויטן קרייץ, אין וועלכן מאַדאַם פּעשקאָוו, די געוועזענע פֿרוי פֿון מאַקסים גאָרקין, האָבן געטאָן אַלץ אין זייערע מעגלעכקייטן כדי אונטערצוקומען מיט מאַטעריעלער הילף פֿאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע, האָט אַ ביסל פֿאַרגרינגערט די לאַגע. אַ טייל פֿונעם זאַלץ, וואָס מיר האָבן געקראָגן אין סטאַוראָפּאָל, האָט געהאָלפֿן צו באַקומען פּראָדוקטן פֿאַר אונדזערע חברים אין די מאָסקווער תּפֿיסות, אָבער די לאַגע בכלל איז געווען אַ זייער טרויעריקע.

אין דער צייט וואָס איך בין געווען אין מאָסקווע, האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז אונדזער אַלטער גרויסער לערער און וועגווייזער, פּעטער קראָפּאָטקין, איז זייער שטאַרק קראַנק. דער אַלטער האָט נישט געוואָלט אָנקומען צום שטאָט, אַפֿילו בעת זיין שטאַרקסטן קראַנק־זיין. דער דאָקטער האָט צוגעשריבן, אַז חבר פּעטער קראָפּאָטקין מוז האָבן אָפּאָרטאָ־ווייַן. האָט ער פֿאַרזאָגט זיין פֿאַמיליע אַז זיי זאָלן נישט וואַגן צו ווענדן זיך צו די באָלשעוויקעס און בעטן ביי זיי אַ פֿלאַש וויין.

לונאַטשאַרסקי, דער קאָמיסאַר פֿון דערציִונג, איז געווען אַ פּערזענלעכער פֿאַמיליען־פֿריינד. איז דאָס צו אים דערגאַנגען, און ער האָט צוגעשיקט דעם נויטיקן ווייַן. אָבער דעם חבר קראָפּאָטקין האָט מען געמוזט פֿאַרזיכערן, אַז דער וויין איז אָנגעקומען פֿון אַ חבר און נישט פֿון דער רעגירונג.

איך בין גרייט צו פֿאַרלאָזן רוסלאַנד

ווען איך בין צוריקגעקומען פֿון מאָסקווע, בין איך געווען אין אַ שווערן געמיט־צושטאַנד. איצט איז מיר שוין קלאָר געוואָרן, אַז די באָלשעוויקעס וועלן אַלץ פֿאַרניכטן, וואָס שטערט זיי אָנצוהאַלטן זייער דיקטאַטור. איינזעענדיק די סיטואַציע אין אָנהייב 1921, האָב איך צוגעשטימט צו בעסיעס געדאַנק, אַז מען דאַרף זוכן וועגן ווי אַזוי מיר זאָלן קאָנען פֿאַרלאָזן רוסלאַנד.

נאָך פֿונעם רעדן ביזן טאָן עפּעס, איז געווען אַ גרויסער מהלך און אַ זייער שווער שטיקל אַרבעט. נאָר איין זאַך איז געווען זיכער: מיר האָבן באַשלאָסן

צו זוכן אַ וועג ווי אַרום אַרויסצוקאָפּן זיך פֿון דעם גרויסן און שרעקלעכן גיהנום, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער.

און אָט צוליב דעם מאָטיוו האָב איך באַשטימט אַז בעסיע און אונדזער זון לעאָן זאָלן אַריבערפֿאָרן ווײַנען קיין אָדעס, וואָס האָט זיך געפֿונען נישט ווײַט פֿון דעם פּוילישן און רומענישן גרענעץ, דורך וועלכן אַ רײַע חברים אונדזערע האָבן פֿאַרלאָזן רוסלאַנד.

מײַנע מיטאַרבעטער און ספּעציעל אונדזער קליינע גרופּע חברים, האָבן שטאַרק באַדויערט, וואָס מיר קלײַבן זיך זיי צו פֿאַרלאָזן. אַפֿילו אייניקע באַל־שעוויקעס האָבן פּרובירט מיר אײַנצורעדן, אַז איך זאָל פֿאַרבלײַבן אין קראַס־נאָדאַר.

ס׳האָט גענומען אַריבער צוויי וואָכן, ביז איך האָב איבערגעגעבן מײַן אַרבעט און געוואָרן פּאַרטיק צו פֿאַרלאָזן קראַסנאָדאַר. דעם לעצטן אָוונט זענען די חברים זיך צוזאַמענגעקומען און מיר האָבן פֿאַרבראַכט צוזאַמען ביז גאָר שפּעט אין דער נאַכט און אויף מאָרגן זענען מיר שוין געווען אויפֿן וועג קיין מאָסקווע.

מיר האָבן געטראַכט אָפּצושטעלן זיך אויף עטלעכע טעג אין ראָסטאָוו אויפֿן דאָן, אָבער ווען מיר זענען אָנגעקומען אויף מאָרגן קיין ראָסטאָוו, האָב איך אויפֿן וואָקזאַל געטראָפֿן אײנעם מיטן נאָמען מאָיסיי, וואָס איז געווען פֿאַרהייראַט מיט דער מיטלסטער שוועסטער פֿון אַלגאַ לייק. אָט אויף דעם חברהמאַן האָט מען געהאַט אַ חשד, אַז ער איז געוואָרן אַן אַגענט פֿון דער טשעקאַ. ער האָט פֿאַרלאָזן זײַן פֿרוי און איז פֿאַרשווּונדן פֿון מאָסקווע. טרעפֿנ־דיק אים אויף דער סטאַנציע ראָסטאָוו אויפֿן דאָן, בין איך נישט געווען אַזוי צופֿרידן, כאָטש איך האָב נישט געהאַט קיין מורא, מיט מײַנע מאַנדאַטן. דער חברה־מאַן, דערזעענדיק מיך, איז צוגעגאַנגען צו מיר, מיך וואַרעם באַגריסט און געזאָגט אַז ער האָט מיר איבערצוגעבן אַ טרויעריקע בשורה: פּעטער קראָ־פּאָטקין איז געשטאָרבן. קומענדיקן זונטיק וועט זײַן די לוויה. איך האָב גע־וואָלט אויספֿרעגן בײַ אים מער פּרטים, נאָר ער האָט מיר פֿאַרלייגט אַ תּירוץ, אַז ער מוז פֿאָרן גלײַך אין שטאָט און ער איז טאַקע באַלד פֿאַרשווּונדן פֿון וואָקזאַל. האָב איך באַלד בײַ זיך באַשלאָסן צו פֿאָרן גלײַך קיין מאָסקווע, אַז מיר זאָלן קאָנען זײַן אויף דער לוויה פֿון אונדזער גרויסן לערער און דענקער, פּעטער קראָפּאָטקין.

געשטאָרבן פּעטער קראָפּאָטקין

האָב איך תּיכף פֿאַרלאַנגט, אַז מען זאָל מײַן וואַגאָן צוטשעפּען צו דער ערשטער באַן וואָס וועט אָוועקגיין קיין מאָסקווע. אַזוי ווי דער צוג האָט גע־דאַרפֿט אָפּגיין שפּעט בײַנאַכט, האָבן מיר געהאַט אַ גאַנצן טאָג פֿרײַע צײַט. זענען מיר צוגעפֿאָרן צו אונדזערע משפּחה־לײַט, וווּ בעסיע און דער זון לעאָן

זענען פֿאַרבליבן און איך בין געגאַנגען זוכן אונדזערע חברים. אין די לאָקאַלע צייטונגען זענען נאָך נישט געווען די טרויעריקע ידיעות וועגן קראָפּאָטקינס טויט. פֿונוואַנען דער חברהמאַן האָט באַקומען די נייעס, איז געבליבן אַ רעטעניש און געוואָרפֿן נאָך אַ גרעסערן חשד, אַז ער איז אַן אַגענט פֿון דער טשעקאַ. ערשט פֿאַרנאַכט־צו זענען די צייטונגען אַרויס מיט דער טרויעריקער ידיעה.

די חברים זענען זיך צונויפֿגעקומען. אייניקע האָבן געגעבן קורצע איבערבליקן וועגן דעם ערשט־פֿאַרשטאָרבענעם גרויסן לערער און וועגווייזער. שפּעט ביינאַכט האָט אונדזער צוג זיך געלאָזט אין וועג אַריין און די רעדער פֿון די וואַגאָנען האָבן אויסגעקלאַפּט דעם טרויער־מאַרש נאָך דעם גרויסן נפֿטר, דעם קעמפֿער און מענטשנפֿריינד.

לויט דעם מאַרשרוט פֿונעם באַן, האָבן מיר געדאַרפֿט אָנקומען קיין מאָסקווע שבת, מיט אַ טאָג פֿאַר דער לוויה. נאָר ס׳האָט זיך אַריינגעמישט דער ווינטער־געשפּענסט און מיר זענען אָנגעקומען קיין מאָסקווע אויפֿן צווייטן טאָג, מאָנטיק, שוין נאָך דער לוויה. דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן נאָך געטראָפֿן, איז געווען אַ צאָל חברים וואָס זענען פֿון פֿאַרשידענע שטעט אין רוסלאַנד געקומען אויף דער לוויה. איין עפּיזאָד, וואָס אָט די חברים האָבן מיר איבערגעגעבן, וויל איך דאָ פֿאַרצייכענען:

דער קאָמיטעט פֿון אונדזערע חברים, וואָס האָט זיך געשאַפֿן אויף צו אָרגאַניזירן פּעטער קראָפּאָטקינס לוויה, האָט זיך געווענדט צו די באָלשעוויקעס, אַז זיי זאָלן באַפֿרייען אַלע אַרעסטירטע פֿון די מאָסקווער טורמעס, כּדי זיי זאָלן קאָנען בייזיין די לוויה פֿון זייער גרויסן לערער. איז געוואָרן אַ דינגעניש. די באָלשעוויקעס האָבן געפֿאָדערט אַז דער קאָמיטעט זאָל געבן אַ קאָלעקטיווע גאַראַנטיע, אַז אַלע אונדזערע באַפֿרייטע חברים וועלן זיך צוריקקערן נאָך דער לוויה אין די טורמעס. זיי האָבן געוואָלט,הייסט עס, האַלטן פֿאַר פֿאַראַנטוואָרטלעך דעם קאָמיטעט פֿאַר יעדן חבר וואָס וועט ווערן באַפֿרייט פֿון טורמע פֿאַר דעם דאָזיקן טאָג.האָט דער קאָמיטעט צוריקגעוויזן די דאָזיקע פֿאָדערונג, נאָר ווי עס זעט אויס איז פּעטער קראָפּאָטקין אַפֿילו טויטערהייט געווען אַ גרויסער מאָראַלישער כּוח און געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אַפֿילו אויף די דעמאָלטיקע באָלשעוויקעס. אַפֿילו זיי האָבן דערפֿילט דעם מאָראַלישן דרוק, אַז זיי מוזן אַרויסלאָזן דעם דאָזיקן טאָג די אַרעסטירטע אַנאַרכיסטן. זענען זיי, די באָלשעוויקעס, געקומען מיט אַ פֿאָרשלאָג, אַז יעדער איינער פֿון די אַנאַרכיסטן זאָל אַרויסגעלאָזט ווערן אויף זיין פּערזענלעכן ערנוואָרט, אַז ער וועט צוריקקומען אין דער טורמע. נאָך דער לוויה האָבן אַ גרופּע חברים באַהאַנדלט די פֿראַגע צי מוז מען האַלטן וואָרט און צוריקקערן זיך אין דער תּפֿיסה, ספּעציעל די יעניקע, וואָס האָבן גאָר אַ שוואַכע האָפֿענונג ווען עס איז באַפֿרייט צו ווערן.

די שטימונג בכלל איז געווען אַ דערשלאָגענע. נאָר די גרעסטע מערהייט פֿון די באַפֿרייטע חברים האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז אַנאַרכיסטן מוזן האַלטן דאָס געגעבענע ערנוואָרט. און אַלע באַפֿרייטע אַנאַרכיסטן האָבן זיך צוריק־

געקערט אין זייערע טורמעס הגם אַ געוויסע צאָל פון זיי זענען שוין קיינמאָל פון די תפיסות נישט אַרויס קיין לעבעדיקע.

דער טרויער איז געווען גרויס. ס'האָט זיך געפילט די טיפע וווּנד פונעם גרויסן פאַרלוסט, אַ פאַרלוסט פאַר דער גאַנצער וועלט, דער גרויסער מענטשנ־פריינד, קעמפער און געלערנטער איז מער נישט געווען צווישן אונדז. זיין קבר איז געווען נאָך פריש, איינגעזונקען אונטער אַ באַרג מיט בלומען.

**
*

אומדערוואַרטעט, אָבער צופרידן איבערראַשט, האָבן מיר געטראָפן אין מאָסקווע אונדזער אַלטן פריינד, סעמקע פרידמאַן, וועמען מיר האָבן שוין עטלעכע יאָר נישט געזען. אונדזער נאָענטע פריינדשאַפט האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין שיקאַגאָ.

סעמקע פרידמאַן — קליין אין געוויקס, געווען אַ קליידער־אַרבעטער. אַ מענטש, וואָס האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין עוולה. ווען סעמקע האָט באַמערקט, אַז איינער איז באַגאַנגען אַן עוולה, האָט זיך יענער שוין נישט געקענט אַרויסדרייען פון אים. נאָר נישט געקוקט אויף די „משוגעתן", וואָס ער האָט געהאַט, איז ער געווען אַ פריינד, וואָס מען קען ווינציק געפינען ווי ער, און מיר האָבן שטאַרק אָפּגעשאַצט זיין פריינדשאַפט צו אונדז.

זיין איבערגעגעבנקייט צו דער באַוועגונג איז געווען אָן אַ מאָס. ער פלעגט פאָדערן פון אַנדערע, אַז אויך זיי זאָלן זיין אַזוי.

סעמקע פרידמאַן איז אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד מיט דער ערשטער גרופּע פון שיקאַגאָ.

סעמקע פרידמאַן איז געווען אַ קורצע צייט אין מאַכנאָס אַרמיי. נאָך אַ גרויסער שלאַכט מיט די ווייסע האָט מאַכנאָס אַרמיי־שטאָב געמוזט איין מאָל אַריבערפאָרן אויף אַן אַנדער אָרט. דער שטאָב האָט זיך שוין געהאַט עוואַקויִרט. אין שטאָט זיינען פאַרבליבן קליינע אָפּטיילן פון מאַכנאָס אַרמיי. עס איז שוין געווען אַ געפאַר צו גיין צוריק אין שטאָט, אָבער סעמקע האָט זיך געלאָזט אַהין, טאָמער האָט מען פאַרגעסן עפּעס וויכטיקס אין אַלטן אָרט. ער האָט געפונען אין שטאָב צוויי גרויסע קאָנווערטן, וואָס זענען געלעגן אָן אַ זייט. ווען סעמקע איז אָנגעקומען אין דעם נייעם שטאָב און מען האָט געעפנט די צוויי קאָנווערטן, האָט מען ערשט דערזען, אַז סעמקע האָט געראַטעוועט אַ טייל פון דער אַרמיי־קאַסע, אַ גרויסע סומע געלט.

די לעצטע פאַר יאָר האָט סעמקע געוווינט אין אָדעס. דאָרטן האָט ער חתונה געהאַט מיט חברטע דאָראַ. אין 1923 געלינגט זיי אַרויסצופאָרן פון באָלשעוויסטישן רוסלאַנד. אומדערוואַרט טרעפן מיר זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, טערקיי. פון דאָרטן זענען זיי געפאָרן קיין פּאַריז, ווו זיי זענען געווען טעטיק אין דער יִדישער גרופּע.

מיר האָבן די גאַנצע צייט אָנגעהאַלטן אַ בריוולעכן קאָנטאַקט.

ביי זיי איז געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע, נאָר לאַנג האָבן זיי נישט געקענט האָבן נחת פון זייער קינד. עס איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה. די

דייטשישע מערדערס האָבן אַרעסטירט סעמקען און דאָרען. דאָס פינף־יאָריקע קינד האָט מען פאַרבאַהאַלטן ביי פראַנצויזישע חברים.

ווען מע האָט געפירט סעמקען און דאָרען צו זייער טויט, איז סעמקען געלונגען אָנצושרייבן אַ בריוול און עס אַרויסוואַרפן פון וואַגאָן מיט אַ בקשה עס איבערצושיקן אויף אונדזער אַדרעס.

דער בריוו איז אָנגעקומען צו אונדז. ער איז געווען קורץ:

„מען פירט אונדז, מיר ווייסן נישט וווהין: גיט אַכטונג אויף אונדזער קינד".

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס מיר האָבן געהערט פון סעמקען און דאָרען.

מיט איין זאַך האָט סעמקע פרידמאַן אונדז איבערראַשט — ער איז געווען אַ זייער שטרענגער וועגעטעריאַנער, מען קאָן זאָגן, אַז אין אַ געוויסן זינען איז עס ביי אים דערגאַנגען ביז משוגעת.

אין 1918 האָט מען אין מאָסקווע געמאַכט אַ געוואַגטע עקספּראָפּריאַציע און מ'האָט פאַרנומען אַ זייער גרויסע סומע געלט.

די טשעקאַ האָט אָנגעהויבן אַרעסטירן פון אַלע לינקע גרופּירונגען און אַ גרויסע צאָל אַנאַרכיסטן, צווישן זיי אַריינגערעכנט, סעמקע פרידמאַן. זייענדיק אַ שטרענגער וועגעטאַריאַנער, האָט ער אָנגעהויבן צו פאָדערן, אַז מען זאָל אים געבן וועגעטאַריאַנישע מאכלים. סעמקע פרידמאַנען האָט דעמאָלט נישט אָפּגעשטעלט דאָס, וואָס ער האָט זיך געפונען אין דער שרעקלעכער אַל־רוסישער וועטשע־קאַ, אַ נאָמען וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד אַפילו אויף איינעם, וואָס איז דאָרטן נישט געווען.

איין טאָג רופט מען אַרויס פון די קאַמערן אַלע אַנאַרכיסטן און מען ברענגט זיי אין אַ גרויסן צימער אַריין, ס'האָט נישט געדויערט לאַנג און די טיר האָט זיך געעפנט און דער „שרעק" פון דער אַל־רוסישער ווע־טשע־קאַ, דזשערזשינסקי, מיט זיין גאַנצער סוויטע זענען אַריין אין צימער.

סעמקע פרידמאַן וויל נישט וויסן פון גאָרנישט און ער ווענדט זיך צו דזשערזשינסקין מיט אַ פּראָטעסט, אַז ער איז אַ וועגעטאַריאַנער און ער פאָדערט אַז מען זאָל אים געבן וועגעטאַריאַנישע עסנוואַרג.

ווען ער איז, מיט אַ וואָך שפּעטער געפאָרן מיט אונדז קיין אָדעס, האָב איך געקראָגן עסנוואַרג אויפן וועג אין וועלכן ס'האָט זיך געפונען ווורשט און ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו עסן אונדזער מאָלצייט, זעען מיר ווי סעמקע פרידמאַן שניידט אָפּ אַ שטיקל ווורשט און קייעט אויף ביידע באַקן.

האָב איך אים געפרעגט: וואָס איז געוואָרן פון זיין וועגעטאַריזם, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער פלעגט גאַנצע טעג אַרומגיין הונגעריק, נישט קענען קריגן עפּעס צו עסן, האָט ער באַשלאָסן אַז אין די דאָזיקע אומשטענדן פון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע קאָן מען נישט זיין קיין אויסגעהאַלטענער וועגעטאַ־ריאַנער און ער האָט באַשלאָסן אָנצוהייבן עסן פליישׂ. ער האָט פּשוט נישט געקענט אויספירן צו בלייבן אַן אויסגעהאַלטענער וועגעטאַריאַנער.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט מאָסקווע, איז די אַלגעמיינע שטימונג צווישן

אונדזערע חברים געווען זייער אַ נידערגעשלאָגענע. ערשטנס, דערפֿאַר ווייל די מאָסקווער תּפֿיסות זענען געווען איבערגעפּאַקט מיט אַ גרויסער צאָל חברים און דערצו האָט זיך געפֿילט אין דער לופֿטן, אַז די באָלשעוויקעס הויבן אָן צו ווייזן זייער אַנטשלאָסנקייט צו ליקווידירן אַלע רעוואָלוציאָנערע גרופּי־רונגען. אָט דאָס האָט מען געקענט זען און פֿילן פֿון דער באַציִונג צו די פּאָלי־טישע אַרעסטירטע אין די טורמעס. מ׳ האָט שטאַרק געפֿילט אין דער לופֿטן, אַז ערנסטע פֿאַסירונגען קומען אָן בנוגע די אַלע, וואָס האָבן געהאָלפֿן שאַפֿן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

די זעלביקע שטימונג האָבן מיר געטראָפֿן, ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין אָדעס. אַ גרויסע צאָל חברים זענען געווען אַרעסטירט אין דער אָדעסער טורמע. דאָ האָט זיך נאָך נישט געפֿילט די אָנקומענדיקע פּאָליטישע רעאַקציע. ווען מיר זענען דאָ אַוועקגעגאַנגען אין טורמע צו באַזוכן אונדזערע אַרעסטירטע חברים, האָבן מיר געזען אַז כאָטש זיי זענען געווען די אַרעסטירטע, איז די באַציִונג צו זיי פֿון די וועכטער, און צו זייערע באַזוכער, געווען אַ היימישע, מחמת די וועכטער האָבן געפֿילט און געוווּסט, אַז אָט די אַרעסטירטע זענען ערשט נעכטן געווען זייערע מיטקעמפֿער קעגן קערענסקיס רעגירונג.

ס׳האָט געקלונגען זייער מאָדנע אין די אויערן, ווען די תּפֿיסה־וועכטער האָבן גערופֿן די אַרעסטירטע „חברים!״

איך האָב נישט געקענט פֿאַרבלייבן קיין לענגערע צייט אין אָדעס, ווייל איך האָב צוגעזאָגט מיינע באַלעבאַטים אין מאָסקווע, אַז איך וועל זיך לאַנג נישט פֿאַרהאַלטן אויף דעם וועג קיין אָדעס און צוריק קיין מאָסקווע.

איך מאַך אַן עקספּעדיציע איבער גרויסע טיילן פֿון רוסלאַנד

ווען איך בין אָנגעקומען צוריק קיין מאָסקווע, האָט מען אין משך פֿון אַ וואָך צייט אָרגאַניזירט די עקספּעדיציע, וואָס האָט געדאַרפֿט נעמען איבער דריי חדשים און דער שטח איז געווען פֿון מאָסקווע ביז דער שטאָט באַקו, אויפֿן קאַספּישן ים, און דאַן דעם גאַנצן געגנט פֿון קאַווקאַז ביז דער שטאָט באַטום, אויפֿן שוואַרצן ים.

איך האָב געקראָגן דריי געהילפֿן פֿאַר דער אָרגאַניזיר־אַרבעט און צו זיי אַ מענטשן וואָס האָט געגעבן אַכטונג און אויפֿגעפּאַסט אויפֿן ספּעציעלן אייזנ־באַן־וואַגאָן, וואָס איז געווען אויסגעשטאַט ווי אַ בוך־געשעפֿט. פֿאַר אַזאַ לאַנגער רייזע און נאָך ביי יענע אומשטענדן, איז דאָס געווען אַ זייער באַקוועמער פּלאַץ צום פֿאָרן. ס׳איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, ווי אַזוי שוין דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די נייע ביוראָקראַטיע, פֿון העט אויבן ביז אַראָפּ אונטן. ביז איצטער בין איך ביי די אַרבעטן, וואָס כ׳האָב אונטערגענומען, געווען אַליין, און בלויז פֿון צייט צו צייט פֿלעג איך מיטנעמען אַן אונטער־העלפֿער. נאָר דאָס מאָל האָב איך געהאַט גאַנצע דריי מיטהעלפֿערס, וואָס מיינע

באַלעבאַטים האָבן מיר מיטגעגעבן און ווען איך האָב פּערזענלעך נישט גע־קענט. צו דעם אַלעמען האָב איך נישט באַגריפן פונעם פּראַקטישן שטאַנד־פּונקט, פאַרוואָס אַזאַ מין לאַנגע רייזע זאָל פאָדערן צען מאָל אַזוי פיל מענטשן און צייט, וויפל מען דאַרף צו קאָנען דורכפירן אין דער פּראַקטיק אַן אָרגאַ־ניזאַטאָרישע אַרבעט!

און ווער זענען עס געווען מיינע אַרויסהעלפערס?

די ערשטע פּאָר טעג פון אונדזער רייזע האָב איך אויסגעפונען, אַז דאָס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן געהאַט גאָר אַ קליינעם אינטערעס, אַז עפּעס זאָל אויפגעטאָן ווערן פאַר דער מיסיע, פאַר וועלכער מיר זענען באַשטימט געוואָרן. אַלע דריי געהילפן זענען געווען געוועזענע געשעפט־פירער און זיי האָבן געהאַט צוויי הויפּט־צילן: ערשטנס, אַז זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט גוט אָפּצועסן און ברענגען פּראָדוקטן אַהיים און, צווייטנס, צו שפּעקולירן מיט עפּעס וואָס זאָל אַריינברענגען פּראָפיטן פאַר זיי. ווי עס זעט אויס, האָט מען זיי איבערגעגעבן נאָך אין מאָסקווע ווער איך בין און, צו דעם נאָך, האָב איך די ערשטע טעג פּרובירט אָרגאַניזירן אונדזער גרויסע אַרבעט אַזוי, אַז יעדער איינער פון אונדז זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין טייל און אין דעם צוגאַנג, פון מיין זייט האָבן זיי דערפילט אַז איך מיין ערנסט מיט אונדזער שליחות, און אַז ס׳וועט נישט זיין בלויז קיין לוסט־רייזע. דאָס איז זיי נישט געווען שטאַרק צום האַרצן און די הויפּט־זאַך האָט עס אויף זיי אַרויפגעוואָרפן אַ פּחד, אַז די גאַנצע רייזע וועט פאַר זיי זיין איין דורכפאַל.

ס׳האָט זיך געפילט, אַז זיי האָבן מורא פאַר מיר און דערפון איז עס גע־שאַפן געוואָרן די אַנגעצויגענע שטימונג, אַ זייער נישט אָנגענעמע, וואָס האָט נישט געקענט ברענגען קיין קאָנסטרוקטיווע רעזולטאַטן פאַרן צוועק, צוליב וועלכן מיר זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן עפּעס אויפצוטאָן.

אָבער די דריי געהילפן מיינע זענען געווען פּראַקטישע און דורכגעטרי־בענע געוועזענע געשעפט־לייט. האָבן זיי גאַנץ פאַרזיכטיק גענומען זוכן מיטלען ווי אַזוי צו מאַכן מיך ווייכער, כדי זיכער צו זיין, אַז איך וועל זיי נישט שטערן אין זייערע פּריוואַטע געשעפטן.

דאָס איז געווען שוין אויף דער דריטער וואָך פון אונדזער נסיעה. מיר האָבן אָנגעהויבן אונדזער אַרבעט פון דער שטאָט כאַרקאָוו. די דריי חברה־לייט האָבן אויסגעפירט זייער אַרבעט ניט שלעכט, נאָר אונדזערע באַציִונגען זענען געווען אַ ביסעלע אָנגעצויגן. נאָך דעם טאָג אַרבעט, אָדער ווען מיר זענען געפאָרן, האָבן מיינע דריי געהילפן פאַרבראַכט אין שפּילן אין קאָרטן און מ׳האָט געשפּילט אַזאַרט־מעסיק און אויף גרויסע סומען געלט. אַלע מאָל ווען זיי פלעגן אָנהייבן צו שפּילן אין קאָרטן, פלעגן זיי צושטיין צו מיר אַז איך זאָל שפּילן מיט זיי. נאָר איך האָב נישט געהאַט קיין פאַרלאַנג און נישט די פינאַנציעלע מיטלען דאָס צו טאָן. נאָר איין אָוונט האָבן זיי אָנגעהויבן צו רעדן צו מיר, אַז איך האַלט זיך דערווייטערט פון זיי און ביי זיי קומט אויס אַז איך וויל זיי איגנאָרירן.

האָב איך גלייך נישט אויפגעכאַפּט, אַז דאָס איז געווען זייער סטראַטעגיע כדי מיך אַריינצוציִען און מאַכן ווייכער. די דריי חברה זענען פון דער נאַטור נישט געווען קיין שלעכטע מענטשן און זיי האָבן געהאַט צו מיר אַ גוטע באַציִונג. נאָר די איינציקע זאַך: זיי האָבן נישט געהאַט צו מיר קיין צוטרוי. דערפאַר האָבן זיי מורא געהאַט אַז איך וועל זיי שטערן אין זייערע פּריוואַטע געשעפטן. זיי האָבן געוווּסט צו וואָס פאַראַ אידייען־ריכטונג איך באַלאַנג און די פאַסטקע, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט פאַר מיר, האָט געהאַט אַ דערפאָלג אין דער צייט ווען זיי האָבן אָנגעהאַלטן זייער פריינדלעכע באַציִונג צו מיר. האָב איך מיר געטראַכט: זאָל זיך זיי דאַכטן אַז איך בין אַ סנאָב, ווי זיי, אַז איך איגנאָריר זיי נישט — וועל איך אַ פּאָר שעה שפּילן מיט זיי אין קאָרטן.

האָב איך זיי דערקלערט, אַז איך פאַרמאָג נישט אַזוי פיל געלט וויפל זיי און אויב זיי וועלן שטעלן וויניקער אין קאָן, וועל איך מיט פאַרגעניגן מיט זיי מיטשפּילן. אַלע דריי האָבן צוגעשטימט און אויף זייערע פּנימער האָב איך באַמערקט אַ צופרידענעם שמייכל.

דעם ערשטן אָוונט, ווען מיר האָבן געשפּילט, איז אַלץ צוגעגאַנגען נאָרמאַל. איך בין אַרויס אַ געווינער מיט אַ פּאָר רובל, דעם צווייטן אָוונט איז פאָרגע־קומען די זעלבע זאַך און מיינע דריי חברה האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוויסע צופרידנקייט, וואָס איך בין צוגעשטאַנען צו שפּילן מיט זיי אין קאָרטן.

נאָר באַלד נאָך דעם האָב איך אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז די דריי חברה האָבן גענומען שפּילן מיט דער כוונה, אַז איך זאָל געווינען אַ גרויסע סומע געלט. שפּילער זענען זיי גראָד געווען גוטע. נאָר דאָ, מיט אַ מאָל, זענען זיי געוואָרן „נאַכלעסיק" און צום סוף פון שפּילן האָב איך געהאַט אַ גרויסע סומע געלט. האָב איך פון אָנהייב געטראַכט, אַז דאָס איז, ווי זאָגט מען, דאָס „גליק" פון אַ נייעם שפּילער. נאָר אָט דאָס „גליק" האָט זיך פאַרצויגן איבער אַ וואָך צייט. האָב איך זיך געפילט נישט באַקוועם, וואָס איך געווין ביי זיי גרויסע סו־מעס געלט און באַשלאָסן ביי זיך אָנצוהייבן שפּילן מיט אַ גרויסער נאַכלעסי־קייט, טראַכטנדיק אַז מיט דעם וועל איך האָבן די מעגלעכקייט צוריק צו פאַר־שפּילן צו זיי די געוווּנענע גרויסע געלט־סומע.

אָבער מיין סטראַטעגיע האָט נישט געהאָלפן און איך האָב נאָך מער געווו־נען ווי פריִער. דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע זאַך ביים בעטן מיך, אַז איך זאָל מיט זיי שפּילן, איז געווען אַ סטראַטעגיע, אַ מין קאָנספּיראַ־ציע פון זייער זייט, מיך אונטערצוקויפן, און דערפאַר, האָבן זיי געטראַכט, וועל איך זיי נישט שטערן אין זייערע שפּעקולאַטיווע מאַכינאַציעס.

די גאַנצע געשיכטע איז מיר נישט געווען צום האַרצן. אמת, איך בין נישט געווען קיין אַגענט פון דער טשעקאַ, אָדער פון דער פּאָליציי, אָבער איך האָב בעשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער טראַגי־קאָמעדיע.

דעם זעלביקן אָוונט, איידער זיי האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן אין קאָרטן, האָב איך זיך געווענדט צו זיי מיט פאָלגנדיקער דרשה:

— איר ווייסט, אַז איך האָב די מאַכט — ווי אַ ספּעציעלער פאַרטרעטער

פון צענטראָ־פּעטשאַט, קאָן איך אייך אַלע דריי אויף דער קומענדיקער גרויסער סטאַנציע צוריקשיקן קיין מאָסקווע און איך קאָן אויך מעלדן אין דער אייזנבאַן־טשעקאָ וועגן אייער מאָדנער טעטיקייט, נאָר איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז איך וועל נישט טאָן נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע. איך בין נישט די פּאָליציי אָדער די טשעקאָ.

די זאַכן וואָס איר טוט אויף דער רייזע, חוץ אייער אַרבעט פאַרן צענטראָ־פּעטשאַט, פאַר דער־אָ אַרבעט טראָגט איר פערזענלעך די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט. איך האָב באַמערקט פאַר דער קורצער צייט, וואָס מיר זענען צוזאַמען, אַז איר שטרענגט זיך אָן דורכצופירן אייער אַרבעט נישט שלעכט. מיר האָבן נאָך איבער דריי חדשים צו זיין צוזאַמען און צו פאַרענדיקן מיט דערפאָלג אונדזער שליחות. וויל איך פון אייך דריי, אַז איר זאָלט אויפהערן צו פּרוּוון מיך אונ־טערקויפן דורך אייער בכיוונדיקן פאַרלירן געלט, ווען איר שפּילט מיט מיר אין קאָרטן. אַזוי לאַנג ווי איר וועט מיר העלפן אין דער אָרגאַניזיר־אַרבעט, טאָן אייער פליכט, וועל איך אויף אייערע אַנדערע טעטיקייטן פולשטענדיק פאַרקוקן. איך גיב אייך אַ פּאָר טעג איבערצולייגן זיך און גוט באַטראַכטן, און נאָכהער מיר געבן אַן ענטפער.

די דריי חברה זענען געבליבן זיצן ווי אָפּגעשמיסענע.

יענעם אָוונט האָט מען שוין נישט געשפּילט אין קיין קאָרטן, נאָר איידער מ'איז געגאַנגען שלאָפן, זענען די דריי חברה אַריין צו מיר אין קופּע און איי־נער פון זיי האָט זיך געווענדט צו מיר און האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר זייער נישט שיינעם טאַט, וואָס זיי האָבן געטאָן קעגן מיר. די סיבה פאַר וואָס זיי האָבן אַזוי נישט שיין געהאַנדלט, איז די: מ'האָט זיי איבערגעגעבן אין מאָסקווע, אַז איך בין זייער אַ שטרענגער און דאָס האָט געמאַכט אויף זיי אַזאַ רושם, אַז ס'האָט זיי געשטויסן צו טאָן די נישט אָנגענעמע זאַך. זיי ווילן מיר פאַרזיכערן, אַז זיי פאַרנעמען זיך נישט מיט קיין שום קאָנטררעוואָלוציאָנערער אַרבעט. זיי פירן מיט זיך אַ געוויסע צאָל מאַנופאַקטור־סחורה, וועלכע זיי וועלן פאַרקויפן און פאַר די געלטער ווילן זיי איינהאַנדלען פּראָדוקטן פאַר זייערע פאַמיליעס. ווען איך קען זיי פאַרגעבן, וועלן זיי טאָן אַלץ אַז אונדזער מיסיע זאָל זיין אַ גרויסער דערפאָלג

האָב איך אָנגענומען זייער אַנטשולדיקונג מיט אַ באַמערקונג, אַז זיי מוזן נעמען צוריק דאָס געלט וואָס איך האָב ביי זיי געוווּנען. האָבן זיי אַלע דריי אין איין קול דערקלערט, אַז זיי וועלן טאָן אַלץ, וואָס איך וועל זיי הייסן, נאָר דאָס געלט וועלן זיי צוריק נישט נעמען. זאָל דאָס זיין ווי אַ פאָנד פאַר אונדזער רייזע. וויפל איך האָב געפּרוּווט זיי איבערצייגן, האָט מיר גאָרנישט ניט געהאָלפן. זיי זענען געווען נישט קיין שלעכטע מענטשן אין לעבן, און וואָס ווייטער מיר זע־נען געפאָרן, האָבן זיי געטאָן אַלצדינג אַז אונדזער אַרבעט זאָל זיין ווי ווייט מעגלעך דערפאָלגרייך. האָב איך זיי געמוזט נאָכגעבן, כדי דער שלעכטער איינ־דרוק פונעם אינצידענט זאָל כאָטש אַ ביסל אָפּגעשוואַכט ווערן.

איך האָב דאָס דערמאָנט מיט אַ כיוון, כדי דער לייענער זאָל כאָטש האָבן

אַ קליינעם באַגריף וועגן דעם, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען ווען די מלוכה, אָט דער גרויסער מאָנסטער, האָט פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן איבער דעם גרויסן לאַנד, וואָס רופט זיך רוסלאַנד.

ווייל פונקט ווי די דריי אומשולדיקע מענטשן, וואָס אויף זיי האָט דער מאָנסטער אַנגעוואָרפן אַ גרויסע שרעק און פחד צו דעם וואָרט רעוואָלוציע און געבראַכט זיי צו אַזאַ צושטאַנד, אַז זיי זענען געווען גרייט צו ריזיקירן זייער פרייהייט און לעבן, כדי צו קריגן אַ שטיקל ברויט פאַר זיך און פאַר זייערע אייגענע, אַזוי איז אויך די ווירקונג געווען אויף צענדליקער מיליאָנען מענטשן פון דער גרויסער מדינה.

***

בעת מיינע דריי אַרויסהעלפערס האָבן געהאַט, אַ חוץ זייער אַרבעט, נאָך אַ פּערזענלעכע באַשעפטיקונג — אַ ביסל צו שפּעקולירן אויף צו קענען קריגן פּראָדוקטן פאַר זיך און פאַר זייערע פאַמיליעס, האָב איך געהאַט אַ מיסיע — צו באַקענען אונדזערע חברים מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין מאָסקווע מיט אונדזערע אַרעסטירטע חברים, וואָס זענען געווען אין אַ גרעסערער צאָל. די כאַרקאָווער אַרעסטירטע, די געפאַנגענע פון קראָנשטאַטער אויפשטאַנד, די מאַכנאָווצעס, זענען די גרעסטע צאָל פון זיי איבערגעשיקט געוואָרן אין די מאָסקווער טורמעס. האָב איך געהאַט אַ דאָפּלטן צוועק: ערשטנס, צו באַקאַנען מיט דער לאַגע פון אונדזערע אַרעסטירטע חברים און, צווייטנס, ווירקן אַז מע זאָל שאַפן מיטלען צו העלפן די אַרעסטירטע חברים אין די פאַרשיידענע תפיסות.

די באָלשעוויקעס האָבן צונויפגעבראַכט אַזאַ מין גרויסע צאָל פּאָליטישע אַרעסטירטע, אַז ס׳איז פּשוט נישט געווען גענוג פּלאַץ אין די טורמעס און ספּעציעל אין דער באַוווסטער בוטירקי־טורמע. די לאַגע איז געוואָרן אַזוי שלעכט, אַז די אַרעסטירטע האָבן אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן און ס׳איז געקומען צו אַ הונגער־שטרייק.

די באָלשעוויקעס האָבן באַשלאָסן צו ברעכן דעם הונגער־שטרייק. האָבן זיי אין נאַכט אַריינגעבראַכט אַ גרויסע צאָל טשעקיסטן, און מיט גוואַלד האָבן זיי, אין פולן זינען פון וואָרט, אַרויסגעשלעפּט אַ גרויסע גרופּע פּאָליטישע אַרעסטירטע, וואָס האָבן אָנגעפירט דעם הונגער־שטרייק און אויף כוח זיי אַוועקגעשיקט אין דער אַלטער באַוווסטער ראַזיאַנער טורמע.

אין כאַרקאָוו און די אַנדערע שטעט, ווו איך האָב נאָר געפונען אונדזערע חברים, האָב איך געטראָפן אַ גייסטיקן מצב פון נידערגעשלאָגנקייט. דער פריִער־דיקער קעמפערישער גייסט איז אין אַ זייער גרויסער מאָס פאַרשוווּנדן און ס׳האָט זיך אומעטום געפילט, אַז מע קאָן דערוואַרטן נאָך אַ גרעסערע רעאַקציע מיט רעפּרעסיעס מצד די באָלשעוויקעס אין באַצוג צו אונדזערע חברים. און אָט די לאַגע האָט געמאַכט צו פילן, אַז אונדזער באַוועגונג האָט פאַרשפּילט דעם

קאַמף און מע מוז זיין אויף דער וואַך, אין אַ פּערזענלעכער פּאַרטיידיקונגס־פּאָזיציע.

דאָס פאַרשווינדן פון דער גרויסער נעסטאָר מאַכנאָ־פּאַרטיזאַנער־אַרמיי, די ליקווידאַציע און די אַרעסטן פון דער נאַבאַט־קאָנפעדעראַציע איבער גאַנץ אוקראַינע און די אַלגעמיינע אַרעסטן פון אונדזערע חברים, האָט אונדז געגעבן צו פילן, אַז די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג וועט אין גיכן פולשטענדיק ליקווידירט ווערן.

כ׳האָב אויך באַמערקט, אין מיין איבער דריי־חדשימדיקער רייזע איבערן לאַנד, אַז דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער גייסט ווערט אומעטום ליקווידירט. די ערשטע סימנים פון דער אויפקומענדיקער נייער ביוראָקראַטיע האָבן זיך שוין געהאַט בולט אָנגעזען און דאָס רוסישע פאָלק האָט דאָס טיף געפילט, אַז די אַלטע ביוראָקראַטיע איז פאַרשוווּנדן און אויף איר אָרט איז אויפגעקומען דער נעכטיקער רעוואָלוציאָנער, וואָס איז היינט געוואָרן דער נייער און פּראַ־בער ביוראָקראַט.

אָט די רייזע האָט מיך אין גאַנצן אויסגעניכטערט פון מיין חלום, אַז אפשר איז דאָס אַלץ, וואָס איצטער איז עס שלעכט, נאָר אַן איבערגאַנג־פּעריאָד. וועגן דעם ענין וועל איך דאָ ברענגען אַ פּאַסירונג, וואָס איז פּאַרגעקומען אין יענע צייטן פון 1921.

די גרויסע קאָמיסאַרן פון צענטראָ־פּעטשאַט האָבן אין משך פון חדשים געפאָדערט פון מיר, אַז איך זאָל זיך אונטערנעמען צו מאַכן דעם גרויסן אָרגאַ־ניזאַציע־טור. נאָר איצטער, ווען איך מיט מיינע דריי געהילפן זענען שוין גע־ווען אויפן טור, האָבן מיר אָנגעהויבן קריגן גרוסן דאָ און דאָרט, אַז מיט אַ קורצער צייט צוריק זענען שוין געווען אַ גרופּע אָרגאַניזירערס, וואָס זענען אָפּגעווען אַ פּאָר טעג און אַוועקגעפאָרן ווייטער. און דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז וואַנען מיר זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט טיפליס, וואָס געפינט זיך טיף אין די קאַווקאַזער בערג.

אין טיפליס האָבן מיר געטראָפן אַ גוט־אָרגאַניזירטע צענטראָ־פּעטשאַט און דאָס איז אַ דאַנק דעם, וואָס איינער פון די אָנגעשטעלטע אין מאָסקווע, אַן איינוווינער פון טיפליס, האָט באַשלאָסן צו פאָרן צוריק צו זיך אַהיים אין טיפ־ליס. ער איז געווען אַ זייער אינטעליגענטער מענטש. האָט געשטאַמט פון אַ רייכער אַלטער פאַמיליע. ווען ער איז געקומען צוריק אַהיים, האָט ער באַשלאָסן אָנצוהאַלטן דעם סטאַטוס־קוואָ פון זיין אַלטער און באַקוועמער היים, האָט ער תיכף אָרגאַניזירט די דאָרטיקע צענטראָ־פּעטשאַט.

ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין טיפליס און אויסגעפונען, אַז דאָרטן איז שוין פאַראַן אַ צענטראָ־פּעטשאַט, בין איך געגאַנגען זען דעם פאַרוואַלטער און דערקענט אין אים מיין געוועזענעם אָנגעשטעלטן פון דער מאָסקווער צענטראָ־פּעטשאַט. גראָד מיט אים בין איך געווען פּערזענלעך נאָענט און געוווּסט אַז ער שטאַמט פון אַ רייכער גרוזינער פאַמיליע אין טיפליס. ווען ער האָט מיך דער־זען, איז די ערשטע פראַגע זיינע געווען: — וואָס טוט איר דאָ, חבר באַריס?

און ער האָט גלייך צוגעגעבן: ווי עס זעט אויס, האָט מאָסקווע נישט קיין צוטרוי צו מיר, אַז זיי האָבן צוגעשיקט דריי באַזונדערע אייזנבאַן־וואַגאָנעס מיט ספּעציעלע אָרגאַניזאַטאָרס, אין דער צייט ווען די גאַנצע אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט איז דורכגעפירט שוין לאַנג פון מיר פּערזענלעך.

זיין דערקלערונג האָט מיך שטאַרק איבערגעראַשט. דער הויפּט־קאָמיסאַר פון דער אַלרוסישער צענטראָ־פּעטשאַט האָט, אין פאַרלויף פון אַ סך חדשים, געווירקט אויף מיר, אַז איך זאָל פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ ווו די אַרבעט איז נאָך אין גאַנצן נישט געווען פאַרענדיקט און געפאָדערט פון מיר, אַז איך זאָל אונטערנעמען דעם גרויסן אָרגאַניזאַטאָרישן טור איבער גאַנץ קאַווקאַז, און דאָ קום איך און טרעף נאָך צווי באַזונדערע, אַזוי גערופענע אָרגאַניזאַטאָרישע פאַרטרעטערס! פרעג איך: ווער זענען זיי? גיט ער מיר אָן זייערע נעמען, וואָס זעבען מיר געווען אומבאַקאַנט. ווו זיי זענען, ווייסט ער נישט, נאָר איך קאָן געפינען זייערע ספּעציעלע וואַגאָנעס אויפן וואָקזאַל, צו דעם גיט ער צו, אַז זיי זענען שוין אַ פּאָר וואָכן אין טיפליס.

רעדנדיק אַזוי מיט אונדז, נעמט ער דעם טעלעפאָן און רופט עמיצן און ווען מ׳האָט געענטפערט, זאָגט ער, אַז נאָך דריי געסט וועלן זיין צום אָוונטברויט. און צו אונדז זאָגט ער, אַז ער האָט פאַרבעטן צום נאַכטעסן צו אים אַהיים די פריִער־געקומענע אָרגאַניזאַטאָרס, ווייל ער אַז מיר זאָלן אויך קומען, און באַקענען זיך מיט זיין פרוי און עלטערן.

ווען מיר זענען אין אָוונט געקומען צום פאַרוואַלטער אַהיים, האָט מען גלייך געקענט זען, אַז דאָס איז פון די אַמאָליקע רייכע הייזער מיט אַן אינטעליגענטישער אַטמאָספער.

אין גיכן זענען געקומען די אַנדערע אָרגאַניזאַטאָרס. אייניקע פון זיי האָב איך געזען אין דער מאָסקווער צענטראָ־פּעטשאַט. פילנדיק די פריינדלעכע אַטמאָספער פון די באַלעבאַטים פונעם הויז, האָב איך באַשלאָסן קיין שום אָנפראַגעס ביי די אָרגאַניזאַטאָרס נישט צו מאַכן, נאָר די איינציקע זאַך האָב איך פאַרגעשלאָגן, אַז אויף מאָרגן זאָלן מיר זיך צוזאַמענקומען אין צענטראָ־פּעטשאַט און באַהאַנדלען ענינים אין שייכות מיט אונדזער אַרבעט, פאַר וועלכן צוועק מיר זענען פון מאָסקווע געשיקט געוואָרן. מיין פאָרשלאָג — דאָס האָט מען גלייך געקענט זען — איז זיי נישט געווען צום האַרצן, נאָר העלפן האָבן זיי זיך נישט געקענט.

מיר האָבן פאַרבראַכט אַ זייער אָנגענעמען אָוונט. ס׳האָט נישט געפעלט וואָס צו עסן און טרינקען און אַלץ איז געווען פון דעם בעסטן.

ווען מיר זענען אויף מאָרגן זיך צוזאַמענגעקומען, האָב איך אויסגעפונען, אַז זיי זענען שוין איבער פּ״ר מאָנאַטן פון מאָסקווע. אויף מיין פראַגע, וואָס זיי טוען אין טיפליס אַזאַ לאַנגע צייט, ווען דער פאַרוואַלטער האָט שוין אַליין אָרגאַניזירט די גאַנצע אַרבעט, איז דער ענטפער געווען, אַז זיי האָבן „שווער" געאַרבעט דעם גאַנצן וועג, און איצטער האָבן זיי גענומען צוויי וואָכן וואַקאַציע. איך האָב גלייך דערפילט, אַז די חברה איז שטאַרק פאַרנומען מיט שפּעקולאַציע

און אַז זיי זענען פֿאַרבונדן מיט מאָסקווע דורך די קוריערן, וואָס ברענגען טעג־לעך די ציַיטונגען און ליטעראַטור פֿון דער מעטראָפּאָליע.

אָט די פֿאַסירונג האָט מיר קלאָר געמאַכט אַז שפּעקולאַציע און ביוראָקראַ־טיע שאַפֿן צוזאַמען אַ נייַע אָרדענונג. איך בין גרייט געווען אויפֿצוגעבן מיין גאַנצע אַרבעט און גלייך זיך אומקערן קיין מאָסקווע.

ווען מייַנע געהילפֿן האָבן זיך דערוווּסט וואָס איך פּלאַניר צו טאָן, זענען זיי צוגעשטאַנען צו מיר, אַז איך זאָל זיך נישט אומקערן, ווייל זיי זענען פֿאַר־כאַפּט געוואָרן פֿון דער קאָלאָסאַלער שיינקייט פֿון גאַנץ קאַווקאַז און ספּעציעל האָבן זיי געוואָלט, אַז די רייזע פֿון טיפֿליס ביז באַטום, צווישן די קאַווקאַזער בערג, וואָס דאָס איז אַ פּראַכטפֿולער וועג, זאָל זיי אַ ביסל צעשטרייען פֿון דער שווערער האַרעוואַניע ביז אַהער.

זיי אָנערקענען טאַקע, אַז זיי האָבן נישט גאָר קיין סך געטאָן, אָבער מיך האָבן זיי „אונטערגעקאַטשעט" אַז איך פֿאַרדין אַ וואַקאַציע נאָך אַזוי פֿיל אינ־טענסיווער אַרבעט און דערפֿאַר דאַרפֿן מיר פֿאָרן קיין באַטום!

דער געדאַנק איז מיר דווקא געפֿעלן געוואָרן און ווען מיר האָבן ווידער אויף מאָרגן זיך צוזאַמענגעטראָפֿן, האָב איך געמאַכט אַ פֿאָרשלאָג, אַז איך וועל טעלעגראַפֿירן קיין מאָסקווע און לאָזן וויסן אַז אין טיפֿליס געפֿינען זיך דריי וואַגאָנען און פֿאָדערן, אַז זיי זאָלן פֿון דאָרטן באַשטימען וועער פֿון די דריי זאָל פֿאָרן קיין באַטום.

דערהערנדיק אַז איך וויל טעלעגראַפֿירן אין צענטראָ־פּעטשאַט פֿון מאָסקווע, איז דאָס זיי שטאַרק נישט געווען צום האַרצן און ביידע ספּעציעלע אָרגאַניזאַ־טאָרן האָבן דערקלערט, אַז מאָרגן פֿאָרן זיי אַוועק צוריק קיין מאָסקווע און אַז איך זאָל פֿאָרן קיין באַטום.

איך בין איינגעגאַנגען אויף זייער פֿאָרשלאָג, נאָר כדי צו זיין זיכער, אַז זיי וועלן גלייך אָפּפֿאָרן קיין מאָסקווע, האָב איך צוגעגעבן, אַז מע זאָל טעלע־גראַפֿירן, אַז איך פֿאָר אַרויס קיין באַטום און זיי קיין מאָסקווע. פֿון דעם האָבן זיי נישט געקענט אַרויסדרייען זיך, און זיי האָבן אָנגענומען מיין רעקאָמענדאַציע.

דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער טיפֿליסער צענטראָ־פּעטשאַט, איז געווען אַ ליב־קער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער און ער איז געווען זייער סימפּאַטיש צו דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט אונדזערע חברים אין טיפֿליס. האָט ער מיר פֿאָרגעשלאָגן, אַז ווען איך וויל וועט ער איינלאַדן אין זיין הויז אונדזערע חברים און מיר וועלן קאָנען פֿאַרברענגען צוזאַמען אַן אָוונט. גלייכצייטיק וועל איך האָבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער איצטי־קער סיטואַציע איבער רוסלאַנד און, ספּעציעל, אין מאָסקווע.

דער אָוונט איז דורכגעגאַנגען זייער אינטערעסאַנט. די נישט גרויסע צאָל חברים, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין טיפֿליס, האָבן אָפֿיציעל קיין גרופּע נישט געהאַט. די גרעסטע טייל זייערע זענען געווען געוועזענע סטודענטן און אַ קליי־נע צאָל אַרבעטערס. טיפֿליס איז בכלל נישט געווען קיין אינדוסטריעלע שטאָט. די גאַנצע טעטיקייט פֿון אונדזערע חברים איז באַשטאַנען אין זיך פֿון צייט צו

צייט צוזאַמענקומען און דיסקוטירן געוויסע פּראָגעס. די פּאָליטישע לאַגע אין טיפליס איז נישט געווען אַזוי אָנגעצויגן ווי אין גאַנץ רוסלאַנד. אמת, די באָל־שעוויקעס האָבן צוריק פאַרכאַפּט גאַנץ גרוזיע, נאָר זיי האָבן זייער גוט געוווסט אַז, ווען זיי וועלן מיט אַ מאָל אַ שטאַרקן צי טאָן די לייצעס, וועט פאָרקומען מצד דעם גרוזינישן פאָלק אַ בלוטיקער רעוואָלט. האָבן זיי ביים אָנהייב פון זייער אָקופּאַציע פון גרוזיע, געהאַנדלט אַ סך מילדער. דערפאַר האָבן אויך אונ־דזערע חברים געגאַנסן פון דער דאָזיקער פּאָליטישער סיטואַציע.

מיר האָבן פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט און די חברים זענען זייער צופרידן געווען פון דער אינפאָרמאַציע, וואָס איך האָב זיי איבערגעגעבן. זיי האָבן אויך צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן שאַפן אַ געוויסע סומע געלט און טייל פּראָ־דוקטן פאַר אונדזערע אַרעסטירטע חברים. און טאַקע אויף אונדזער צוריקוועגס פון באַטום, האָבן מיר געהאַט ווידער אַ צוזאַמענקום מיט אַ גרעסערער צאָל חברים און מ׳האָט מיר איבערגעגעבן אַ סומע געלט און אייניקע פּראָדוקטן וואָס מ׳האָט נישט געקענט קריגן אין מאָסקווע, ספּעציעל טיי.

מיר האָבן פאַרלאָזן טיפליס און אַוועקגעפאָרן קיין באַטום, ווו מיר זענען אָפּגעווען אַ וואָך צייט. מיר האָבן דאָרטן דורכגעפירט די אָרגאַניזיר־אַרבעט פון צענטראָ־פּעטשאַט, נאָר דאָס מאָל איז עפּעס געגאַנגען ביי מיר די דאָזיקע אָרגאַניזיר־אַרבעט שוואַכלעך. איך האָב אָנגעהויבן איינצוזען, אַז מע קאָן נישט דערוואַרטן, אַז פון דער נייער סאָוויעטישער ביוראָקראַטיע קען אויסוואַקסן קאָנסטרוקטיווע אויפטוען אינעם סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן. צום ערשטן מאָל נאָך דער פאַסירונג אין טיפליס, ווו די „אָרגאַניזאַטאָרס" וואָס זענען געשיקט גע־וואָרן פון דער רעגירונג, האָבן געטאָן זאַכן וואָס די רעוואָלוציע האָט אָפּגע־שאַפט: ווי פּריוואַטן האַנדל־שפּעקולאַציע און אַלץ, וואָס איז גייסטיק געווען קעגן דעם גרויסן פאַרנעם פון אָקטאָבער. ביי מיר איז פעסטער געוואָרן דער געדאַנק, אַז מע דאַרף זוכן מעגלעכקייטן ווי צו קענען פאַרלאָזן רוסלאַנד.

אויף צוריקוועגס פון באַטום, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין טיפליס אויף אַ פּאָר טעג. פון דאָרטן זענען מיר אָן אָפּשטעל געפאָרן קיין סטאַראָפּאָל, ווו מיר האָבן געוואָלט קריגן ווידער זאַלץ פאַר די מיטאַרבעטערס פון צענטראָ־פּעטשאַט. זאַלץ איז געווען די בעסטע וואַליוטע, צו קריגן פּראָדוקטן אָדער אַנדערע זאַכן. קומענדיק אין סטאַוראָפּאָל, בין איך אַוועק צום פאָרזיצער פון סאָוויעט און אים דערקלערט מיין פאַרלאַנג. אַזוי ווי איך בין מיט אים באַקאַנט געווען פון פריִער, האָט ער געהייסן זיין סעקרעטאַר אויסשטעלן אַ דערלויבעניש, אַז מיר זאָלן האָבן רעכט אַרויסצופירן זאַלץ פאַר די מיטאַרבעטערס פון צענטראָ־פּעטשאַט.

דער ביוראָקראַטישער סיסטעם האָט זיך אַזוי שנעל אַנטוויקלט, אַז הגם די שטאָט סטאַוראָפּאָל און די געגנט פאַר מיילן ווייט, האָבן פאַרמאָגט אַזוי פיל זאַלץ, אַז מ׳האָט געקענט פאַרטיילן דערמיט גאַנץ רוסלאַנד, האָט דאָך קיינעם נישט געקימערט, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט געליטן פון דער קראַנקייט צונגע, וואָס קומט דערפון, וואָס דער מענטשלעכער קערפּער האָט נישט קיין זאַלץ. איך וועל נישט זיין איבערראַשט, ווען מע זאָל באַהויפּטן,

אַז די באָלשעוויסטישע פּאָליטיקער אין מאָסקווע, וואָס זענען געווען שטאַרק פאַרנומען איינצוהאַלטן אין זייערע הענט דעם פּאָליטישן קאָנטראָל, האָבן גאָר נישט געוווסט אַפילו אַז אין דער שטאָט סטאַווראָפּאָל געפינען זיך אַזעלכע גרויסע זאַלץ־זאַפּאַסן.

אין באַטום, טיפליס און באַקו האָב איך אָנגעהויבן קויפן פּראָדוקטן פאַר די אַרעסטירטע חברים אין מאָסקווע, האָבנדיק ביי זיך „גאָלד", אין דער פאָרעם פון זאַלץ.

ווען מיר זענען אָנגעקומען פאַר נאַכט צו דער גרויסער אייזנבאַן־סטאַנציע קורסק, זענען מיר אַרויס פונעם וואָקזאַל, ווו גאָר נאָענט איז געווען דער מאַרק. דאָרטן האָבן מיר געטראָפן אייניקע פורן, ווו ביי יעדער איינער פון זיי זענען געווען אַ פּאָר פויערים, וואָס האָבן געהאַט אַ חשד אויף יעדערן, וואָס איז צוגעקומען צו זייערע פורן. נאָר איינער פון די פויערים האָט אָנגעהויבן צו רעדן: אויף מיין פראַגע, וואָס ער האָט צו פאַרקויפן, האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ פראַגע: וואָס האָב איך אָנצובאָטן, ווייל פאַר געלט וועט ער גאָר נישט פאַרקויפן. איך האָב געוואָרט אויף דער פראַגע, ווייל איך האָב זייער גוט געוווסט אַז דאָס וואָרט „זאַלץ", וועט פאַר מיר עפענען אַלע „פורן". ווען איך האָב אים באַוויזן אַ קליינעם זעקל מיט זאַלץ, האָט ער דאָס פאַרזוכט און אויף זיין פּנים האָט זיך צעשפּרייט אַ ברייטער שמייכל און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אַ וואָגן מיט געקוילעטע שעפּסן. ער האָט געוואָלט גלייך וויסן, וויפל זאַלץ וועלן מיר געבן פאַר יעדן שעפּס. אין אַ קורצער צייט אַרום, האָב איך געהאַט זעקס שעפּסן אין מיין וואַגאָן און אויך מיינע געהילפן האָבן געהאַט אַ צאָל שעפּסן.

אויף מאָרגן נאָך מיטיק־צייט איז אונדזער צוג אָנגעקומען קיין מאָסקווע. מיר האָבן געלאָזט וויסן אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג, אַז מיר זענען אָנגעקומען און אַז מיר האָבן פּראָדוקטן פאַר די אָנגעשטעלטע אין צענטראָ־פּעטשאַט. איז אין גיכן אָנגעקומען אַן אויטאָמאָביל־וואָגן און פאַרנומען אַלץ וואָס מיר האָבן געבראַכט. מיינע זאַכן, פּראָדוקטן און דריי שעפּסן, האָט מען געבראַכט אינעם האָטעל, ווו איך האָב געהאַט אַ צימער.

איך האָב גלייך געלאָזט וויסן דעם שוואַרצן־קרייז, אַז איך האָב פּראָדוקטן פאַר די אַרעסטירטע חברים און באַלד דערנאָך זענען געקומען עטלעכע חברים און גענומען אַלע פּראָדוקטן און צוויי שעפּסן פאַר די אַרעסטירטע חברים.

**
*

אויף מאָרגן, נאָך דעם ווי איך האָב צוגעשטעלט מיין באַריכט וועגן דעם אָרגאַניזאַציע־טור און מיינע מיטהעלפערס האָבן געפונען פאַר נייטיק מיר אויסצודריקן אַ האַרציקן דאַנק, בין איך פאַרטיק געוואָרן מיט מיין אָפיציעלער אַרבעט און אַוועק זען זיך מיט אייניקע חברים.

קומענדיק אין הויז צו אַ חבר, האָט ער מיר גלייך געזאָגט, אַז מע וואַרט מיט אומגעדולד אויף מיין קומען צוריק קיין מאָסקווע און אַז אַ חבר, וועלכן איך קען זייער גוט, וויל מיך זען. דער חבר קאָן מיר נישט זאָגן איר נאָמען, נאָר

ער וועט אַראַנזשירן אויף מאָרגן אַ ראַנדעוווּ אין אַ געוויסן פלאַץ, און ווען איך וועל זי דערזען, וועל איך זי גלייך דערקענען. ער פאַרבעט מיר, אַז איך זאָל מאָרגן אין דער פרי קומען צו אים, וועט ער מיר געבן דעם אַדרעס ווו איך קאָן זי טרעפן. אין דער זעלביקער צייט זאָגט ער מיר, אַז עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן געפינען זיך שוין אין מאָסקווע און ער גיט מיר דעם אַדרעס ווו איך קאָן זיי טרעפן. בין איך אַוועק זיי באַזוכן. ווען זיי האָבן געהערט ווו איך בין אַלץ געווען, און געהאַט די מעגלעכקייט צו טרעפן זיך מיט אַ גרויסער צאָל חברים, זענען זיי געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט און איך האָב זיי געמוזט דערציילן מיט אַלע פרטים וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך צווישן אונדזערע חברים, נאָר איך האָב נאָך דעמאָלט זיי נישט איבערגעגעבן גאָר נישט וועגן מיינע ספקות און מיינע געדאַנקען מיט וועלכע איך טראָג זיך אַרום צו פאַרלאָזן רוסלאַנד.

ביי עמאַ גאָלדמאַן פלעג איך אָפט טרעפן צוויי יונגע פרויען, וואָס זענען געווען דעפאָרטירט צוזאַמען מיט עמאַן, און דאָס זענען: מאַלי שטיימער און עטעל באָרענשטיין.

איך בין געווען אַן אָפטער גאַסט ביי עמאַן און סאַשען. דאָרטן האָב איך געטראָפן מיינע אַלטע חברים פון אַמעריקע. איך בין געוואָרן אין אַ געוויסן זינען אַ מיטהעלפער צו קריגן פראָדוקטן פאַר עמאַ און סאַשע. אין מיינע רייזעס האָב איך געהאַט אין זינען, אַז איך זאָל פאַר זיי עפעס ברענגען.

ווען איך בין אויף מאָרגן געקומען צום חבר, האָט ער מיר געזאָגט אַז איך זאָל גיין אין דעם פאַרק, וואָס געפינט זיך לעבן דעם באַוווּסטן גרויסן קלויסטער. ער זאָגט מיר אויך אַז ווען איך וועל דעם חבר דערזען, זאָל איך צו אים גלייך נישט צוגיין, נאָר איך זאָל עטלעכע מאָל כאַפן אַ שפאַציר אַרום איר און זען, צי קיינער גייט מיר נישט נאָך. ערשט דעמאָלט זאָל איך צו איר צוגיין און נישט מאַכן קיין שום דעמאָנסטראַציעס, וואָס קאָנען ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון זייטיקע מענטשן.

ווען איך בין געקומען אין דעם פאַרקל, האָב איך אין גיכן פון דער ווייטנס דערזען, זיצנדיק אויף אַ באַנק און לייענענדיק אַ בוך, מיין אַלטע חברטע פון שיקאַגאָ, פאַני באַראָן. ווען איך האָב באַמערקט אַז קיינער גייט מיר נישט נאָך, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר. פאַני באַראָן, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפ, זאָגט מיר, אַז איך זאָל פון דער ווייטנס נאָכגיין נאָך איר צו דעם הויז אין וועלכן זי וועט אַריינגיין. אין אַ צען מינוט אַרום זענען מיר שוין געזעסן אין הויז פון אַראָן באַראָנס ברודער, וואָס איז געווען אַ באָלשעוויק.

איך האָב שוין געוווּסט פון פריִער, איידער איך האָב זיך געטראָפן מיט חברטע פאַני באַראָן, אַז זי, מיט אַ גרופע חברים, האָבן געמאַכט ויברח פון דער ראַזאַנער טורמע, און אַז די טשעקאַ איבער גאַנץ רוסלאַנד זוכט זיי אַרום. נאָך דעם ווי מיר האָבן אַ סך גערעדט וועגן אונדזערע פערזענלעכע ענינים, האָט חברטע פאַני באַראָן מיר דערציילט פון אַלע אירע איבערלעבונגען און פאַסירונגען. ווען זיי זענען אַלע אַרעסטירט געוואָרן אין כאַרקאָוו, בעת די אַלרוסישע

קאָנפערענץ האָט געדאַרפט פאַרקומען, זענען באַלד די יעניקע וואָס די באָל־שעוויקעס האָבן נישט דערשאָסן, איבערגעשיקט געוואָרן אין דער באַוווסטער בוטירקי־טורמע אין מאָסקווע.

מ׳האָט צוזאַמענגעבראַכט אַזאַ גרויסע צאָל פּאָליטישע אַרעסטירטע, אַז אין דער אַלטער גרויסער טורמע איז געווען פול געפּאַקט אַזוי, אַז ס׳איז נישט גע־ווען ווו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ.

די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן אָנגעהויבן פּראָטעסטירן, נאָר קיין שום פּראָטעסטן האָבן נישט געהאָלפן. עס זענען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט די תפיסה־באַאַמטע, די טשעקאַ, וואָס האָט די אויפזיכט אויף אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע. נאָר די טשעקאַ האָט נישט געטראַכט עפּעס צו טאָן, אַז עס זאָל זיך בעסערן די לאַגע.

די שטימונג ביי די פּאָליטישע אַרעסטירטע איז געווען אַן אָנגעצויגענע און מ׳האָט געקענט דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן יעדן מאָמענט נעמען אַ פעסטע שטע־לונג. דאָ האָט עפּעס פּאַסירט.

אין מיטן דער נאַכט, זענען אין דער טורמע געבראַכט געוואָרן ספּעציעלע מיליטער און אַ גרויסע צאָל טשעקיסטן, און מ׳איז געגאַנגען פון קאַמער צו קאַמער און געפרווט אַרויסנעמען אַ צאָל אַרעסטירטע. אין געציילטע מינוטן איז די גאַנצע גרויסע בוטירקי־טורמע אויפגעלעבט געוואָרן און מ׳האָט אָנ־געהויבן שרייען דורך די פענצטער, אַז מע זאָל נישט לאָזן זיך אַרויסנעמען ביי נאַכט פון דער טורמע. די טשעקיסטן זענען געוואָרן ווילד, מ׳האָט אָנגעהויבן שלעפּן די פּאָליטישע אַרעסטירטע אויף די שטיגן. האַלב נאַקעט, צעבלוטיקט און צעשלאָגן, האָט מען זיי אַוועקגעפירט אויפן וואָקזאַל און זיי טראַנספּאָרטירט קיין ראַזאַן.

אין דער ראַזאַנער תפיסה האָט מען זיי אַלע אַוועקגעשטעלט אונטערן שטרענגסטן רעזשים און דעם מיליטער וואָס האָט זיי געהיט, האָבן די טשע־קיסטן אָנגעזאָגט אַז ווען די אַרעסטירטע וועלן זיי נישט פאָלגן, אָדער זיי וועלן פּראָטעסטירן, זאָל מען באַנוצן קעגן זיי געווער.

אָפּזייענדיק אַ קורצע צייט אין דער ראַזאַנער טורמע, האָט אַ גרופּע חברים, וועלכע זענען געווען אין איין אָפּטיילונג פון דער טורמע, זיך פאַרבונדן מיט חברים וואָס זענען נאָך געווען אויף דער פריי, מיטן געדאַנק צו פּרובירן אַנט־לויפן פון דאָרטן. האָט מען צוזאַמען אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פונעם ויברח.

דער פּלאַן איז געווען אַ געראָטענער און צען חברים זענען ווידער געווען אויף דער פריי און צווישן זיי איז אויך געווען פאַני באַראָן.

ווען חברטע פאַני באַראָן איז געקומען קיין מאָסקווע, זענען אַלע חברים פאַרציטערט געוואָרן. עמאַ און סאַשאַ האָבן געפאָדערט אַז זי זאָל אַוועקפאָרן אין אַ פּלאַץ, ווו זי זאָל מער ווייניקער זיין זיכער פון יעדער געפאַר. אין מאָסקווע, ווו די טשעקיסטן זענען געווען אויף שריט און טריט, איז די סכנה געווען זייער גרויס. אָבער חברטע פאַני באַראָן האָט נישט געוואָלט הערן פון דעם, וואָס די חברים האָבן איר געראָטן. זי איז געקומען קיין מאָסקווע אָרגאַ־

ניזירן אַ ויברח פאַר איר מאַן אַראַן באַראַן, וואָס האָט זיך געפונען אין דער אוראַלער טורמע. דער פּלאַן איז געווען, אַז אַראַנס ברודער, וועלכער איז גע־ווען אַ באַלשעוויק, זאָל פאָרן מיט איר קיין אַריאַל, און איבערגעבן אַלע איינ־צלהייטן וועגן פּלאַן צו אַנטלויפן. דער ברודער, וואָס האָט געהאַט אַ פאַמיליע, און וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, האָט צום אָנהייב נישט גע־וואָלט הערן וועגן דער גאַנצער אונטערנעמונג, נאָר מיט דער צייט האָט חברטע פּאַני באַראַן אויף אים געווירקט, און ער האָט צוגעשטימט צו פאָרן מיט איר קיין אַריאַל. פאָרן מיטן באַן איז געווען זייער שווער און פאַר חברטע פּאַני באַ־ראַן איז עס געווען אַ גרויסע סכנה צו איינשטעלן זיך און פאָרן אין אַ געוויינ־לעכן אייזנבאַן־וואַגאָן. וויסנדיק אַז איך האָב געהאָלפן פריִער אונדזערע חברים אַוועקצופאָרן פון מאָסקווע, האָט זי געהאַט אין זינען, אַז איך וועל קענען העלפן איר און איר שוואָגער אַרויסצופאָרן פון מאָסקווע.

אין עטלעכע טעג אַרום זענען זיי געווען פאַרטיק צו פאָרן, האָב איך זיי ביידן גענומען אויפן וואָקזאַל און געבראַכט זיי דורך אַ זייטיקן אַריינגאַנג, צום צענטראַ־פּעטשאַט־וואַגאָן, וואָס האָט געפירט צייטונגען און ליטעראַטור. דער קוריער וואָס איז געפאָרן מיטן וואַגאָן, איז געווען מיינער אַ באַקאַנטער. איז מיר געלונגען, אָן שום שוועריקייטן, אַרויפצוזעצן זיי אויפן באַן און זיי זענען ביידע אַוועקגעפאָרן קיין אַריאַל.

⁂

מיט יעדן טאָג איז די פּאָליטישע סיטואַציע געוואָרן אַלץ ערגער. די באָל־שעוויקעס איז געלונגען צו ליקווידירן דעם בירגערקריג און דעם פּראָטעסט־אויפשטאַנד אין קראָנשטאַט. די באָלשעוויקעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פילן ווי די באַלעבאַטים פון גאַנץ רוסלאַנד.

איצטער איז די איינציקע אַרבעט געבליבן: ליקווידירן פיזיש און גייסטיק די אַלע סאָציאַליסטישע ריכטונגען וואָס זענען געווען קעגן די באָלשעוויקעס, פאַר זייער פּאָליטיק, און ביי יעדער געלעגנהייט געלאָזט הערן זייער פּראָטעסט.

די מאָסקווער טורמעס זענען געווען געפּאַקט מיט פּאָליטישע אַרעסטירטע, אין דער פּראָווינץ זענען אויך פאָרגעקומען אַרעסטן. יעדער איינציקער, וואָס איז נישט געווען איינשטימיק מיט די באָלשעוויקעס, איז נישט געווען זיכער, אַז מע זאָל אים נישט אַרעסטירן. אין דער באַוווסטער טאַגאַנקע־טורמע זענען געזעסן וואָלין, מאַקסימאָוו, יאַרטשוק, מאַרק מראַטשני און נאָך אַ רייע חברים.[1]

אין יענער צייט האָט געדאַרפט פאָרקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּראָפע־סיאָנעלער קאָנגרעס, צו וועלכן מ'האָט דערוואַרט דעלעגאַטן פון אַנאַרכאָ־סינ־דיקאַליסטן פון אייניקע אייראָפּעיִשע לענדער.

[1] דער וואָס וויל זיך ברייטער באַקענען מיט יענער סיטואַציע, און זען די אָפיציעלע דאָקומענטן, זאָל לייענען ג. פּ. מאַקסימאָווס בוך: „די גיליאָטינע ביי דער אַרבעט“.

די חברים פון דער טאַגאַנקע־טורמע האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן די גע־לעגנהייט און ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון די אויסלענדישע דעלעגאַטן און זיי האָבן באַשטימט צו דערקלערן אַ הונגער־שטרייק. די גאַנצע סיטואַציע האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק צווישן די חברים, וואָס זענען נאָך געווען אויף דער פריי.

ווען איך בין צוריק געקומען קיין מאָסקווע, האָב איך זיך געטראָפן מיטן הויפט־קאָמיסאַר פון צענטראָ־פעטשאַט, מיט וועלכן איך בין געווען אין זייער גוטע באַציִונגען. נאָך דעם ווי איך האָב אים אָפּגעגעבן אַ פולן באַריכט פון מיין נסיעה, פון וועלכער ער איז געווען זייער צופרידן, האָט ער מיר געזאָגט אַז ער האָט זייער אַן ערנסטע זאַך מיר צו מעלדן.

מיט עטלעכע טעג צוריק איז צו אים געקומען אַ פאָרשטייער פון דער ווע־טשעקאָ און איבער אַ שעה צייט האָט ער אים דייטלעך אויסגעפרעגט וועגן מיר. ער האָט, מיין הויפט־קאָמיסאַר, נישט געוואָלט זאָגן וואָס עס איז די סיבה פון אָט דער אויספאָרשונג וועגן מיר.

זאָגט ער מיר אַז ער האָט געגעבן די בעסטע רעקאָמענדאַציעס וועגן מיר און פאַרזיכערט, אַז איך בין נישט קיין קאָנטררעוואָלוציאָנער און ווי אַ צוגאָב האָט ער אים אינפאָרמירט וואָס פאַר אַ גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט איך האָב דורכגעפירט פאַרן צענטראָ־פעטשאַט.

מיין הויפט־קאָמיסאַר איז געווען אַ געוועזענער לינקער סאָציאַליסט־רעוואָ־לוציאָנער און ער האָט זיך זייער פריינדלעך באַצויגן צו מיר. האָט ער מיר גע־זאָגט: איך ווייס נישט וואָס דער אַגענט פון דער ווטשעקאָ האָט באַשלאָסן צו טאָן, נאָר די בעסטע זאַך וואָלט געווען, אַז דו זאָלסט ווידער מאַכן אַ לענגערע רייזע אויף קאַווקאַז און זען ווי עס אַרבעטן אויפן לאַנגן וועג די אַלע געשעפטן צענטראָ־פעטשאַטן. אין פאַל זיי וועלן ווידער קומען, וועסטו זיין ווייט פון מאָסקווע.

דער אמת איז, אַז מיין געמיט איז שוין געווען אַזאַ, אַז איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט צו זוכן וועגן ווי אַזוי זיך אַרויסצוכאַפּן פון רוסלאַנד און די גאַנצע אַרבעט איז מיר שוין נישט געווען צום האַרצן. אָבער די לאָגיק האָט מיר אונ־טערגעזאָגט, אַז איך זאָל אָננעמען די עצה פון מיין הויפט־קאָמיסאַר און מאַכן די לאַנגע נסיעה איבער קאַווקאַז.

ווען איך בין אַוועק צו אונדזערע חברים, האָב איך זיך באַלד דערוווּסט פאַר וואָס דער אַגענט פון דער ווטשעקאָ איז געקומען זיך אויספרעגן וועגן מיר. מען האָט מיר גלייך איבערגעגעבן די טרויעריקע נייעס, אַז פאַניע באַראָן און איר שוואָגער זענען אַרעסטירט געוואָרן אין אָריאָל, מ׳האָט זיי געבראַכט קיין מאָסקווע אין דער ווטשעקאָ. באַראָנס ברודער, אַלס באָלשעוויק, האָט מען גלייך דערשאָסן און פאַני באַראָן האָט מען געהאַלטן אין דער ווטשעקאָ.

צי באַראָנס ברודער האָט טאַקע אויסגעגעבן אַלץ און אַלעמען, ווייס איך נישט. מיר שיינט אָבער אַז יאָ. נאָר די ווטשעקאָ האָט נאָר געהאַט די באַ־שולדיקונג קעגן פאַני באַראָן, אַז זי איז אַנטלאָפן פון דער ריאַזאַנער טורמע,

אָבער די טשעקיסטן האָבן געזוכט עפּעס מער איר צוצוטשעפּען. זיי האָבן דאָך שוין געהאַט אַזוי גערופענע אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן שפּיאָנירט פאַר זיי. האָבן די טשעקיסטן באַשלאָסן אַז בלויז שפּיאָנאַזש איז נישט גענוג און זיי האָבן געפּאַסט דעם באַשלוס, אַז מען דאַרף אויסנוצן די מעטאָדע פון פּראָוואָקאַציע. האָבן די וועטשעקיסטן געפונען אַ פּאָר מיאוסע ברואים און האָבן זיי צוגעשיקט צו אונדזערן אַן עלטערן חבר לעוו טשערני.

חבר לעוו טשערני איז געווען אַ פּאָעט. אַ שרייבער. אַ מענטש וואָס איז אַלע מאָל געווען פאַרטראָגן און געלעבט אין די הימלען. אַזאַ וואָס האָט צוטרוי און גלויבן אין אַלע מענטשן, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט אין מאָסקווע, אַפילו צווישן די באָלשעוויקעס.

זענען די צוויי מיאוסע ברואים געגאַנגען צו חבר לעוו טשערני, געוווינען ביסלעכווייז זיין פולן צוטרוי און אָנגעהויבן דערציילן אים, אַז זיי האָבן אַ קליינע דרוק־מאַשין און אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן אויף צו דרוקן געלט, און אַז דאָס געלט קאָן העלפן דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. די חברים אין מאָסקווע זענען געווען מער ווי זיכער, אַז חבר לעוו טשערני האָט גוט נישט פאַרשטאַנען, וואָס די צוויי מיאוסע חברה ווילן פון אים, נאָר אַזוי ווי זיי האָבן אַ קליינע דרוק־מאַשין, און האָבן נישט ווו זי צו האַלטן, האָט ער זיי געגעבן די דערלויבעניש צו ברענגען צו אים אין הויז אַריין די דאָזיקע דרוק־מאַשין. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די צוויי שמוציקע חברה געבראַכט אין הויז פון חבר לעוו טשערני די דרוק־מאַשין.

אין דער זעלביקער נאַכט האָט די וועטשעקאַ איבערגעפאַלן חבר לעוו טשערניס הויז און געפונען דאָרטן די דרוק־מאַשין, וואָס זיי, דורך זייערע פּראָוואָקאַטאָרס, האָבן איינגערעדט חבר לעוו טשערנין אַז ער זאָל זיי דערלויבן האַלטן די דרוק־מאַשין אין זיין הויז. חבר לעוו טשערני האָט גאָר נישט געהאַט קיין אַנונג צוליב וועלכן צוועק עס ווערט גענוצט די דאָזיקע מאַשין. ער האָט געטענהט, אַז צוויי חברים האָבן געבראַכט די מאַשין צו אים אין הויז און דאָס איז אַלץ וואָס ער ווייסט!

ווי געוויינלעך, זענען די צוויי פּראָוואָקאַטאָרס פאַרשווונדן געוואָרן מיט דער הילף פון דער וועטשעקאַ. חבר לעוו טשערני איז אַרעסטירט געוואָרן און מ׳האָט אים באַשולדיקט אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַרבעט און דרוקן פאַלש געלט. חבר טשערני איז אָן אַ משפּט פאַראורטיילט געוואָרן פון וועטשעקאַ און מ׳האָט דעם אומשולדיקן און נאַיִוון חבר דערשאָסן.

די וועטשעקאַ, דערגרייכנדיק אַ דערפאָלג מיט דער פּראָוואָקאַציע, האָט באַשלאָסן צוצוטשעפּען צו דעם ענין אויך פאַני באַראָן. דורך געוויסע קוועלן איז אונדז געלונגען צו דערוויסן זיך, אַז מ׳איז געקומען שפּעט ביינאַכט צו פאַני באַראָן און מ׳האָט איר געזאָגט, אַז מען וויל זי נאָך אַמאָל אויספרעגן. זי האָט זיך אָנטזאָגט אַרויסצוגיין פון איר קאַמער, טענהנדיק, אַז זי וועט נישט גיין ביינאַכט צו אַ „דאָפּראָס". מיר ווייסן נישט צי דאָס איז געווען פאַר אַ „דאָפּראָס", אָדער מ׳האָט זי געוואָלט נעמען אין דעם באַוווסטן קעלער ווו

מען פלעגט דערשיסן. וואָס מיר ווייסן יאָ איז, אַז חברטע פאַני באַראָן האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגיין פון איר קאַמער, און ווען מע האָט זי געוואָלט נעמען מיט געוואַלט, האָט זי געשטעלט אירע הענקערס אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. נאָר איין שוואַכע פרוי קעגן אַ גאַנצער מחנה טשעקיסטן האָט נישט געקענט ביישטיין, האָט זי געמאַכט אַ גרויסן טומל מיט געשרייען, וואָס האָט אויפגעוועקט די גאַנצע ווּעטשעקאַ־טורמע. ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק, האָבן די טשעקיסטן דערשטיקט די חברטע פאַני באַראָן און די אַקטיווע חברטע האָט פאַרענדיקט איר לעבן אין די קעלערן פון דער ווּעטשעקאַ.

די טראַגישע פאַסירונג האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אויף די חברים, וואָס זענען נאָך געווען אויף דער פריי. אייניקע פון די געוועזענע חברים מיט שוואַכע כאַראַקטערן, האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן אונדזערע רייען און זענען איבערגעלאָפן אין די רייען פון די באָלשעוויקעס. זיי פלעגן אַרויס אין דער באָלשעוויסטישער פרעסע און זיך שלאָגן „על חטא“ פאַר זייערע זינד, וואָס זיי זענען געווען אַקטיוו אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

צו דער גאַנצער טרויעריקער סיטואַציע האָבן אונדזערע חברים, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער טאַגאַנקאַ־טורמע דערקלערט אַ הונגער־שטרייק ביזן טויט, זיי האָבן געפאָדערט, אַז מע זאָל זיי באַפרייען, אָדער אָנגעבן אַ באַשולדיקונג, אין וואָס עס באַשטייט זייער פאַרברעכן.

ווי איך האָב פריִער באַמערקט, איז אין מאָסקווע דעמאָלט פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. צווישן די דעלעגאַטן זענען געווען אַ צאָל אונדזערע חברים אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן. עמאַ גאָלדמאַן, אַלעקסאַנדער בערקמאַן, אַלעקסאַנדער שאַפּיראָ און אָלגאַ, די פרוי פון חבר ג. פּ. מאַקסימאָוו, האָבן טעגלעך אינפאָרמירט די אויסלענדישע חברים וואָס עס קומט פאָר אין דער טאַגאַנקאַ־טורמע און דאָס בילד איז דאָרט געווען אַ שרעקלעכער: חברים האָבן שוין געהונגערט מער ווי אַ וואָך צייט און אייניקע זענען שוין געווען אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז זייער לעבן איז געווען אין געפאַר.

די פראַגע וועגן דעם הונגער־שטרייק איז אויפגענומען געוואָרן אויפן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס. האָבן די באָלשעוויקעס געטענהט אַז זיי אַרעסטירן נישט קיין אַנאַרכיסטן. דאָס זענען באַנדיטן, וואָס הונגערן אין דער טאַגאַנקאַ־תפיסה. די דעלעגאַטן האָבן געזען, אַז ביי דעם קאָנגרעס וועלן זיי נישט קענען גאָרנישט אויספירן, האָבן זיי באַשלאָסן צו שיקן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע צו ביקאָליי לענינען.

ווען די קאָמיסיע איז געקומען צו די טויערן פון קרעמל, האָט מען זיי נישט אַריינגעלאָזט צו גיין זען לענינען, האָבן זיי צו אים אָנגעשריבן אַ בריוול, אַז זיי וועלן שטיין ביי די טויערן פון קרעמלין ביז וואַנען ער, לענין, וועט זיי אויפנעמען. לענין האָט פאַרשטאַנען אַז ער שפּילט זיך מיטן טייוול; דאָ זוכט ער הילף און סימפּאַטיע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט, און דאָ וויל ער זיי נישט אויפנעמען.

לענין האָט דאָס איינגעזען און ער האָט אויפגענומען די דעלעגאַציע. נאָך

אַ לענגערער שפּאַרעניש און דיסקוסיע, האָבן די באָלשעוויקעס פאַרזיכערט, אַז ווען די אַנאַרכיסטן וועלן אָפּשטעלן דעם הונגער־שטרייק, וועלן זיי ווערן באַפרייט מיט דער קאָנדיציע, אַז זיי וועלן דעפּאָרטירט ווערן פון רוסלאַנד.

נאָך אַ לענגערער באַראַטונג פון אונדזערע חברים אין דער טאַגאַנקאַ־טורמע, האָבן זיי אָנגענומען דעם פאָרשלאָג און אָפּגעשטעלט דעם הונגער־שטרייק. האָט די אָפיציעלע באָלשעוויסטישע מאַכט אָנערקענט, אַז זיי פאַר־פאָלגן די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג. נאָר די לאַגע אין אונדזערע רייען איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ טרויעריקער. מ׳האָט אויפגעגעבן די אידייע פון פּראָ־פּאַגאַנדע, אָדער עפּעס צו טאָן, נאָר דער עיקר זאָרג איז געווען נישט אַריינ־צופאַלן אין די לאַפּעס פון דער טשעקאַ.

**
*

ביים אַרויספאָרן אויף מיין טור, וואָס מיין הויפּט־קאָמיסאַר האָט מיך געראָטן צו מאַכן, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן צו נעמען די גאַנצע נסיעה גרינג, נישט האָבן קיין זאָרג און אויסנוצן די געלעגנהייט צו באַזוכן און זען די אַלע שיינע פּלעצער וואָס קאַווקאַז פאַרמאָגט, און דער גרויסער רוסישער פּאָעט, לערמאָנטאָוו, האָט אַזוי פּרעכטיק באַשריבן. די מאַיעסטעטישקייט און די באַטירלעכע שיינקייטן פון די גרויסע קאַווקאַזער בערג און די פּראַכטפולע טאָלן, האָבן נישט געוואָלט וויסן וואָס די מענטשן אַרום זיי טוען, אין זייער פרווו צו צעשטערן די דאָזיקע אימפּאָנירנדיקע שיינקייט.

די איינציקע זאַך — דאָס ווילדע גראָז האָט שטאַרק געוואַקסן אין דער זעלביקער פאָרם פון דער ניי־געבוירענער ביוראָקראַטיע. איבער נאַכט זענען זיי אויסגעוואַקסן און מיטן גאַנצן כוח האָבן זיי זיך באַמיט צו פאַרטיליקן אַלדאָס שיינע, וואָס איז פוןביידע רעוואָלוציעס געשאַפן געוואָרן, געהאָלפן דערצו האָט זיי דער גרויסער הונגער, וואָס האָט דערשטיקט דעם גייסט פון טראַכטן פונעם גרויסן רוסישן פאָלק. די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק וואָס די באָלשעוויקעס האָבן איינגעפירט אין 1921, האָט שוין נישט געקענט ראַטעווען דעם גייסטיקן מצב און זיי האָבן גאַנץ גוט אויסגענוצט די גלייכגילטיקייט פון דעם פאָלק. אמת, אָפיציעל האָט עס געהייסן אַ נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, אין די גרויסע שטעט האָט מען געקענט קריגן אייניקע פּראָדוקטן. נאָר די מערסטע טייל פון פאָלק האָט נישט פאַרמאָגט די מאַטעריעלע מיטלען עפּעס צו קויפן, ווייל די אינדוסטריע איז געווען צעשטערט, דער טראַנספּאָרט האָט נישט גע־אַרבעט, און די הויפּטזאַך: דאָס דאָרף מיט דער גרויסער צאָל פּויערים האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער גרו־סער שטאָט, און ספּעציעל צו מאָסקווע. מען קאָן זאָגן אַז די באָלשעוויקעס האָבן דערגרייכט זייער ציל: דאָס פאָלק זאָל פאַרגעסן די אָקטאָבער־אַספּיראַציעס. דאָס איז געשען מיטן פּשוטן בירגער. און די זעלביקע אַפּאַטיע האָט זיך געפילט אין די רייען פון אונדזערע חברים. ווו איך בין געקומען האָב איך געזען אַז מ׳האָט שוין אַפילו פאַרגעסן צו רעדן הויך, דער גרויסער פּחד האָט זיך געפילט אומעטום. האָט זיך ביי מיר אַליין

אָפּט געשטעלט די פראַגע: זענען אין דעם נאָר שולדיק די באָלשעוויקעס? איז עס דערפאַר, ווייל זיי האָבן צעשטערט די דערהויבענע אַספּיראַציעס פון דער גרויסער רוסישער סאָציאַלער רעוואָלוציע און געבראַכט דאָס רוסישע פאָלק צו אַזאַ אַנטוישונג און רעזיגנאַציע? אָדער מיר דאַרפן אויך זוכן אַ גרויסן טייל פון שולד אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך נישט געקענט באַפרייען פונעם אַלטן ראָמאַנטישן בליק און צוגאַנג אין דער דאָזיקער באַוועגונג?

אָט די סיטואַציע האָט אויף מיר גייסטיק שווער געווירקט. האָט ביי מיר אַלץ מער און מער געוואַקסן דער פאַרלאַנג: ווי רייסט מען זיך אַרויס פון דעם גרויסן פיזישן און גייסטיקן גיהנום וואָס ווערט, פון טאָג צו טאָג, גרעסער. דורכצופירן אָבער אין לעבן מיין פאַרלאַנג איז געווען זייער אַ שווערער ענין. צו דעם האָב איך נישט געוווסט ווי אַזוי און פון וואַנעט הויבט מען אָן אָט דאָס שווער שטיקל אַרבעט. ווען איך בין געווען איינער אַליין, איז געווען גאָר אַן אַנדער פראַגע, איצט אָבער, זענען מיר דריי.

אָט מיט די אויבן דערמאָנטע געדאַנקען האָב איך פאַרענדיקט מיין טור איבער גאַנץ קאַווקאַז און איצטער בין איך שוין געווען אויפן וועג צוריק קיין מאָסקווע.

ווען איך בין אַהין אָנגעקומען, בין איך, איידער איך האָב נאָך געזען מיין באַלעבאָס, אַוועק זען זיך מיט איניקע חברים, פון וועלכע איך האָב אויסגעפונען, אַז די גרופּע, וואָס איז באַפרייט געוואָרן, האָט מען שוין דעפּאָרטירט. מיין באַזוך ביי עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן איז שוין גאָרנישט געווען אין קיין געהויבענער שטימונג. זיי האָבן אויך געזוכט וועגן ווי אַזוי צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. פון אַלע גרופּעס, וואָס האָבן פריִער עקזיסטירט אין מאָסקווע, איז פאַרבליבן נאָר איינע וואָס האָט זיך דערקלערט אין „ליבע" צו דער סאָוויעטן־מאַכט, און אויך די גרופּע און בוך־געשעפט פון די ברידער גאָרדין. זיי האָבן אָנגענומען דעם באָלשעוויסטישן סלאָגאַן אַז „דער צוועק הייליקט די מיטלען". אַ חוץ די אויבן דערמאָנטע, זענען געווען אַ צאָל חברים וואָס האָבן נישט באַלאַנגט צו קיין שום גרופּעס און מ'האָט זיך געהאַלטן יעדער איינער באַזונדער. אַ גרויסע צאָל פון זיי, אין די יאָרן 1922־23, זענען געוואָרן באָלשעוויקעס, כדי אויסצומיידן פאַרשיקט צו ווערן אין די לאַגערן, אָדער אין סיביר. ס'האָט זיך שוין געפילט אַ גרויסער פּחד און רעזיגנירטקייט.

בעת איך בין געגאַנגען זען מיין באַלעבאָס, האָב איך ביי מיר באַשלאָסן צוצושטעלן מיין דימיסיע פונעם פּאָסטן, און אַוועקפאָרן צוריק קיין נאָוואָראָסייסק, ווו אין קראַסנאָדאַר האָבן זיך געפונען די הויפּט־באַאַמטע פון סאָוויעט און דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. מיינע אַלטע גוטע פריינד פון וועלכע איך האָב געקאָנט האָפן צו באַקומען אַ סך הילף און פּראָטעקציע.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין צענטראָ־פעטשאַט און אָפּגעגעבן מיין באַריכט פון דער רייזע, און אַזוי ווי דער הויפּט־קאָמיסאַר איז געווען אַ געוועזענער לינקער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער און מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן

זייער פריינדלעך, האָב איך אים דערציילט וועגן מיין פּלאַן און איך האָב אים געבעטן צו באַפרייען מיך פון מיין אַרבעט. האָט דער קאָמיסאַר צוגעשטימט, נאָר מיט איין תּנאַי: אַז איך מוז מאַכן אַ רייזע ביז אָדעס, און אין דער זעל־ביקער צייט זאָגט ער מיר, אַז מ׳איז ווידער געווען פון דער ווטשעקאַ און מ׳האָט אויסגעפרעגט וועגן מיר. זאָגן אים ניין, אַז איך וויל נישט פאָרן, האָב איך נישט געוואָלט צעשטערן אונדזערע גוטע באַציִונגען, נאָר איך האָב גענומען פון אים זיין ערנוואָרט, אַז ווען איך וועל צוריקקומען, זאָל ער מיך באַפרייען און געבן די מעגלעכקייט צו קומען קיין נאָוואָראַסייסק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך מיט צוויי געהילפן אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע. מיר האָבן שווער געאַרבעט, ווייל איך האָב געוואָלט וואָס שנעלער ווערן פּאַרטיק מיט מיין שליחות. אַלץ איז צוגעגאַנגען גלאַטיק, מיר האָבן פאַרענדיקט אונדזער אַרבעט ביז קיִעוו.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט קיִעוו שפּעט אין אָוונט, האָבן מיר נישט געהאַט קיין גרויסע סטאַנציע ביז אינדערפרי, ווו מיר האָבן געדאַרפט דורכקאָנטראָ־לירן, ווי אַזוי די אַרבעט ווערט אָנגעפירט מיטן פאַרשפּרייטן די צייטונגען און ליטעראַטור. ווען מיר זענען אָנגעקומען אויף יענער סטאַנציע, זענען מיינע צוויי געהילפן אַוועק דורכצופירן דעם קאָנטראָל.

ס׳האָט געדויערט עטלעכע מינוט און באַלד האָט עמיצער גענומען שטאַרק קלאַפּן אין דער וואַגאָן־טיר. ווען איך בין צוגעגאַנגען עפענען, האָב איך תּיכף דערזען אַ גרופּע טשעקיסטן און אַ פּאָר אין ציווילע קליידער. זייער עלצטער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אַ טעלעגראַפישן באַפעל פון מאָסקווע צו מאַכן אַ טאָטאַלע אונטערזוכונג אין וואַגאָן. ער האָט מיך געפרעגט ווער עס געפינט זיך איצטער אין וואַגאָן. איך האָב פּראָטעסטירט, אָבער מיינע גרויסע מאַנדאַטן האָבן גאָרנישט נישט געהאָלפן.

ס׳האָט גענומען קאַרגע צוויי שעה, ביז זיי זענען פאַרטיק געוואָרן מיט דער אונטערזוכונג פונעם וואַגאָן, און אויך אונדז פיר האָבן זיי באַזוכט און דורכגע־נישטערט אין אונדזערע מלבושים און וואַליזקעס. זיי האָבן גאָרנישט נישט געפונען, חוץ די פּראָדוקטן וואָס איך האָב געפירט פאַר מיין פאַמיליע, וועלכע איז געווען אין אָדעס.

ווען זיי זענען פאַרטיק געוואָרן מיטן זוכן און גאָרנישט געפונען, האָט דער עלצטער זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער האָט אונדז געמאַכט אומבאַקוועם, אַז דאָס איז נישט זיין שולד. דאָס האָט מען געפאָדערט פון מאָסקווע. דעם ענטפער האָב איך געקראָגן אויף אָט דער פאַסירונג, ווען איך בין געקומען צוריק קיין מאָסקווע. די ווטשעקאַ האָט אויסגעפונען וווהין איך בין אַוועק־געפאָרן, האָט זי געגעבן אַ באַפעל צו מאַכן די אונטערזוכונג.

מיר זענען אָנגעקומען קיין אָדעס, ווו מיר האָבן געהאַט אַ וואָך צייט אַרבעט.

ווי געוויינלעך, זענען בעסיע, און אונדזער זון לעאָן, וואָס האָט פאַר די לעצטע כּמעט דריי יאָר צייט מיך זייער ווייניק געזען, געווען זייער צופרידן

מיט זייער גאַסט, האָב איך זיך אָפּגערוט אַ פּאָר טעג מיט מיין פאַמיליע. מ׳האָט געלאָזט וויסן אייניקע פון אונדזערע באַקאַנטע וועגן מיין קומען, און אַדעס האָט דעמאָלט נאָך עקזיסטירט אַ גרופּע, בין איך צוגעגאַנגען צו זייערן אַ מיטינג. האָט מען דאָרט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אַ פּאַרדאַכט, וואָס איז פאַראַנען, אַז אין דער גרופּע געפינט זיך אַ שפּיאָן פון דער טשעקאַ און דער חשד איז געפאַלן אויף איינעם אַ טיפּ, פון וועלכן מ׳האָט באַשלאָסן צו היטן זיך.

ווי איבערראַשט זענען מיר געווען, ווען אויף מאָרגן קומט צו אונדז דער דאָזיקער טיפּ, וועמען מיר פאַרדעכטיקן אַז ער איז אַ שפּיאָן. נאַטירלעך האָב איך אים קיין שום אינפאָרמאַציע נישט געגעבן און ער איז אַוועק אַן אומ־צופרידענער.

אויף מאָרגן אין דער פרי קלאַפּט מען אין טיר. איז בעסיעס שוועסטער געגאַנגען עפענען, זעט זי פאַר זיך אַ יונגנמאַן, וואָס נעמט אַרויס פון קעשענע אַ מאַנדאַט און ער זאָגט, אַז ער איז אַן אַגענט פון דער קרימינעלער פּאָליציי און אַז ער וויל מיך זען. פרעגט זי ביי אים צוליב וואָס וויל ער מיר זען, וויבאַלד ער איז אַן אַגענט פון דער קרימינעלער פּאָליציי? האָט בעסיע מיך אויפגעוועקט און דערציילט וואָס דאָ קומט פאָר. ביי מיר אין קאָפּ איז גאָרנישט איינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז דאָס קאָן זיין אַן אַגענט פון דער טשעקאַ. און איך האָב געטראַכט ביי זיך, אַז דאָס איז עפּעס אַ טעות און איך וועל באַלד קומען צוריק אַהיים. ווען איך און דער אַגענט זענען אַרויס פון הויז, האָב איך געוואָלט פאַרנעמען זיך אויפן וועג צו דער קרימינעלער פּאָליציי, זאָגט ער מיר אַז מיר וועלן גיין פון דער צווייטער זייט. דאָ האָב איך גלייך פאַרשטאַנען אַז ער איז אַ טשעקאַ־אַגענט און מיר גייען אין טשעקאַ.

קומענדיק אין דער טשעקאַ, האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ פּוסטן צימער און דער אַגענט זאָגט מיר אַז באַלד וועט מיך זען דער קאָמיסאַר. דער באַלד האָט גענומען כמעט צוויי שעה און אויף מיין פּראָטעסט צום אַגענט האָט מען מיך גענומען צום קאָמיסאַר. דער לעצטער, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, האָט מיך באַקוקט פונעם קאָפּ ביז די פיס, און נאָך דעם מיר געזאָגט: ס׳האָט גענומען קאַרגע פיר יאָר צו כאַפּן דיך. מיר האָבן אַלע באַווייזן פון דער עקספּראָפּריאַציע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין סאַראַטאָוו אין 1917.

איך האָב תיכף פאַרשטאַנען, אַז אָדער ער וויל מיך אַריינשלעפּן אין דעם וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין סאַראַטאָוו, אָדער מ׳האָט אים געגעבן פאַלשע אינ־פאָרמאַציע, ווייל איך בין קיינמאָל נישט געווען אין סאַראַטאָוו.

האָב איך באַשלאָסן ביי זיך צו שפּילן די ראָלע, אַז מיינע פאַרבינדונגען אין מאָסקווע זענען אַזעלכע גרויסע, אַז ער קאָן האָבן חרטה אויף דער גאַנצער פּאַסירונג. איך האָב אַרויסגענומען מיינע מאַנדאַטן און געצייגט אים און האָב גלייך געפאָדערט דאָס רעכט צו טעלעגראַפירן אין צענטראַ־פּעטשאַט אין מאָסקווע, אַז ער האָט מיך אַרעסטירט און צווייטנס, אַז ער, דער קאָמיסאַר, זאָל זאָגן זיין אינפאָרמאַנט, אַז אויב ער וויל אויסטראַכטן באָבע־מעשות, זאָלן זיי האָבן אַ ביסל לאָגיק, ווייל איך בין אין מיין לעבן קיינמאָל נישט געווען

אַפילו נאָענט פון סאַראַטאָוו, און איך האָב גערעדט צו אים אויף די הויכע טענער!

דער קאָמיסאַר איז געוואָרן אַ ביסל צעטומלט. — איר דאַרפט נישט גלייך טעלעגראַפירן — האָט ער געזאָגט — נאָר איך מוז אייך זאָגן, אַז מיר האָבן באַוויזן קעגן אייך. האָב איך געענטפערט: איר קענט האָבן טויזנט באַ־ווייזן, נאָר זיי זענען אַלע פאַלש און נישט ריכטיק. איך האָב ווידער געפאָדערט דאָס רעכט צו טעלעגראַפירן קיין מאָסקווע. האָט ער מיך געפרעגט: ווי לאַנג דענק איך צו פאַרבלייבן אין אָדעס? האָב איך געזאָגט אַז נאָך אַ וואָך צייט. האָט ער מיך געבעטן אַריינצוגיין אין צווייטן צימער און ער וועט מיר אין גיכן לאָזן וויסן וואָס זיי דענקען צו טאָן מיט מיר.

ס׳האָט ווידער גענומען איבער אַ שעה צייט, ביז וואַנען מ׳האָט מיך צוריק אַריינגערופן צום קאָמיסאַר, וואָס איז געוואָרן אַ סך ווייכער אין זיין טאָן, און ער האָט מיר געזאָגט אַז איך קאָן גיין אַהיים. דאָס איינציקע: איך מוז אונטער־שרייבן אַ פּאַפּיר, אַז איך וועל נישט אַוועקפאָרן פון אָדעס אָן אַ דערלויבעניש פון דער טשעקאַ.

האָב איך אים גלייך געזאָגט, אַז מיינע מאַנדאַטן גיבן מיר דאָס רעכט צו פאָרן, קומען און אַוועקפאָרן ווען איך האַלט דאָס פאַר נויטיק צו טאָן, פאַר מיר און מיין אַרבעט. ווען ער האָט אַן אורזאַך, טאָ זאָל ער מיך אַרעסטירן און לאָזן וויסן אין מאָסקווער צענטראָ־פּעטשאַט. און איך האָב אים צוגעגעבן, אַז ער וייס ווו איך ווין אין שטאָט אָדער אין מיין וואַגאָן אויפן וואָקזאַל.

זאָגט ער צו מיר: גיט איר אייער ערנוואָרט, אַז איר זענט קיינמאָל נישט געווען אין סאַראַטאָוו? האָב איך אים געענטפערט: איך גיב אייך מיין ערנ־וואָרט. דאַן האָט ער געזאָגט, אַז איך קען גיין אַהיים!

ווען איך בין געקומען פאַרנאַכט צוריק אַהיים, האָבן בעסיע, איר שוועס־טער עטעל און שוואָגער נאַומקע שוין נישט געוווסט וואָס איבערצוטראַכטן ווו איך בין פאַרפאַלן געוואָרן. זיי זענען אַוועק אין דער קרימינעלער פּאָליציי און געמאַכט דאָרטן אַ סקאַנדאַל פאַר וועלכער סיבה איך בין אַרעסטירט, און זיי האָבן געפאָדערט מיך צו זען. האָט דער הויפּט־קאָמיסאַר דאָרטן זיי געזוכט צו באַרויקן און פאַרזיכערן, אַז איך געפין זיך נישט ביי זיי. און ווען זיי גלויבן אים נישט, וועט ער זיי פירן ווייזן די קאַמערן, ווו עס געפינען זיך די אַרעס־טירטע, און זיי וועלן אַליין זען, אַז איך בין דאָרט נישטאָ. זיי האָבן דאָס טאַקע געטאָן און מיך דאָרט נישט געפונען. האָט זיך ביי זיי ווידער געשטעלט די פראַגע: טאָ ווּזשע פאַרט בין איך פאַרפאַלן געוואָרן?

זיי איז גאָרנישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז איך בין אַרעסטירט געוואָרן פון דער טשעקאַ!

ווען איך האָב זיי דערציילט די גאַנצע פּאַסירונג, איז ביי אונדז אַלעמען געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איז די אַרבעט פון מסירה פון דעם חברהמאַן, וואָס מ׳האָט געהאַט אויף אים אַ פאַרדאַכט, אַז ער איז געוואָרן אַ שפּיאָן פאַר דער טשעקאַ און, ווי עס זעט אויס, האָט ער זיך געוואָלט אַרויסווייזן פאַר זיינע

באַלעבאַטים. האָט ער זיך פאַרטראַכט צוצוטשעפּען צו מיר די עקספּראָפּריאַ־ציע, וואָס מיט יאָרן צוריק האָט עמיצער דורכגעפירט.

נאָך דעם ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן אָוונטברויט, האָבן מיר געהאַט אַ פאַמיליען־באַראַטונג און איך האָב פאַרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן אַלע אַריבער־פאָרן וווינען אין נאָוואָראָסייסק, און האָבנדיק דאָרטן גוטע פריינד צווישן זיי אַ צאָל באָלשעוויקעס, וועלן מיר קאָנען אַרויספאָרן פון רוסלאַנד קיין טערקיי און פון דאָרטן קיין אַמעריקע.

מיין שוואָגער נאַומקע האָט דערקלערט, אַז ער ווייסט אַז די לאַגע אין לאַנד איז אַ שווערע, און אַז ס׳איז פאַרבונדן מיט אַ געוויסער פּערזענלעכער געפאַר, נאָר ער און עטל, וועלן נישט אַוועקפאָרן פון רוסלאַנד, ווי שלעכט עס זאָל דאָ נישט זיין, געדענקט ער דעם געשמאַק אין ניו יאָרק אַרומצולויפן צווישן די פאַבריקן זוכן אַרבעט. ניין, דאָס וויל ער מער נישט האָבן, און זיי וועלן דאָ פאַרבלייבן אין רוסלאַנד. אויב איר ווילט פאָרן, זאָגט ער, ווינטשן מיר אייך אַ גליקלעכע רייזע.

בעסיע און איך האָבן אָפּגערעדט, אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט זי מיט אונדזער זון לעאָן, אַוועקפאָרן קיין נאָוואָראָסייסק און וואַרטן אויף מיר דאָרטן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר פאַרענדיקט אונדזער אַרבעט און מיר זענען אַרויסגעפאָרן צוריק קיין מאָסקווע. מיר האָבן זיך אויפן וועג נישט אָפּ־געשטעלט אין קיין שום גרויסער שטאָט.

ווען מיר זענען אָנגעקומען צוריק קיין מאָסקווע און איך האָב אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון אונדזער נסיעה, האָב איך דערפילט אַ געוויסע מאָס קאַלטקייט, אַזוי פונעם הויפּט־קאָמיסאַר, ווי אויך פון זיינע געהילפן. ס׳האָט מיר גלייך אונטערגעזאָגט דער פאָרגעפיל, אַז דער עטלעכע מאָליקער באַזוך פון דער טשעקאַ האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף מיינע מיטאַרבעטער, וואָס ערשט „נעכטן" זענען זיי געווען אַזוי נאָענט־פריינטלעך צו מיר, און וואָס זיי האָבן געגעסן אַזוי פיל פון די שפּייז־פּראָדוקטן וואָס איך פלעג ברענגען פאַר זיי, נאָר קיין כעס האָב איך אויף זיי נישט געהאַט. דער פּחד פאַר דער טשעקאַ איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט געדאַרפט פאַרמאָגן אַ שטאַרקן כאַראַקטער, כדי צו קאָנען האַנדלען אַנדערש.

נישט געקוקט אויף דער קאַלטער באַציִונג, האָט דער הויפּט־קאָמיסאַר מיר באַצאָלט פאַר אַ האַלב יאָר פאַרויס מיינע שכירות, אויסגעשטעלט די נויטיקע פּאַפּירן, אַז איך זאָל קענען דערפאָרן קיין נאָוואָראָסייסק. ער האָט נאָך צוגע־געבן אַז אין פאַל איך וועל עפּעס דאַרפן, זאָל איך גלייך קומען צו אים, צו יעדער צייט וועט ער זיין וויליק מיר צו העלפן.

און אַזוי, נאָך איבער צוויי יאָר זיין פאַרנומען אַזוי שטאַרק און אויס־פאָרן כמעט דריי פערטל רוסישע טעריטאָריע, בין איך מיט אַמאָל געוואָרן אָן אַרבעטלאָזער. ס׳האָט מיר אַרומגעכאַפּט עפּעס אַ מאָדנער געפיל, אַ גע־פיל, פון אַ מין בענקשאַפט. ווען איך האָב אָנגעהויבן די אַרבעט אין יעקאַטערינבורג, אין דער צענטראָ־פּעטשאַט, ווי אַ פּשוטער אַרבעטער און

גלייך אָנגעהויבן צו שטייגן אַלץ העכער און העכער, ביז וואַנען איך האָב דער־גרייכט די שטעלע פון ספּעציעלן פאַרשטייער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער הויפּט־צענטראַ־פּעטשאַט, מיט מאַנדאַטן פון דריי אַרשין די לענג, וואָס האָבן געקענט עפענען אַלע טירן פון די גרויסע ביוראָקראַטן. צו דעם אַלעמען, נישט קוקנ־דיק אויף דעם, וואָס די באָלשעוויסטישע רעאַקציע האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן אירע סימנים, איז נאָך געווען אַ גלויבן, אַז מיט דער צייט וועט די גרויסע רוסישע סאָציאַלע רעוואָלוציע צעשפּרייטן אירע פליגלען און דער גאַנג אירער וועט פירן צו דער נייער גערעכטער אָרדענונג, וואָס וועט אַרומ־נעמען די גאַנצע וועלט און דער אַלטער פאַרפוילטער רעזשים וועט פאַרשווינדן.

**
*

אַזוי אַ שטייענדיק פאַרטראַכט לעבן דעם צענטראַ־פּעטשאַט, אין די דאָזיקע געדאַנקען, ווייס איך נישט ווי לאַנג איך בין דאָרטן געשטאַנען, קאָן זיין אַז איך וואָלט נאָך מער צייט אַזוי פאַרבליבן, ווען נישט עמיצער פון הינטן זאָל געווען אַרויפלייגן די האַנט אויף מיין אַקסל. ווען כ׳האָב זיך געגעבן אַ קער, האָב איך דערזען אַן אַמעריקאַנער עמיגראַנט, מיר זענען געווען זייער גוט באַפריינדעט. ער איז נישט געווען אַקטיוו אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, אָבער מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט, האָט ער געהאָלפן. ער האָט פאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן ביי די באָלשעוויקעס, נאָר וואָס דאָס איז געווען, האָב איך נישט געוווּסט.

האָט ער מיר געזאָגט, אַז שוין עטלעכע טעג ווי ער זוכט מיך אַרום. מ׳האָט אים אין צענטראַ־פּעטשאַט געזאָגט, אַז די טעג דאַרף איך קומען קיין מאָסקווע. ער וויל אַז איך זאָל קומען צו אים אויף וועטשערע. דעמאָלט וועט ער מיר זאָגן, צוליב וועלכן צוועק ער זוכט מיך. אַזוי ווי ס׳האָט נאָך געפעלט אַ פּאָר שעה, ביז איך וועל דאַרפן גיין זען מיין פריינד, בין איך אַוועק אין קלוב, ווו איך האָב געטראָפן עטלעכע חברים. מ׳האָט דאָרטן געקענט גוט באַמערקן זייער נידערגעשלאָגן געמיט. די גאַנצע שטימונג איז געווען עפּעס אַ מאָדנע: מ׳האָט דיסקוטירט צווישן זיך וועגן אַלץ, נאָר ס׳איז נישט געווען קיין וואָרט פון קריטיק אויף דעם, וואָס עס קומט פאָר אין מאָסקווע און איבערן גאַנצן לאַנד. ספּעציעל וועגן די אַרעסטירטע, וואָס זענען געווען פאַרשפּאַרט אין אַלע מאָסקווער טורמעס. אָפּזייענדיק אַ קורצע צייט אין קלוב, בין איך נאָך דעם אַוועק צו אַ חבר, ווו איך האָב פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה און געקראָגן אייניקע ידיעות וואָס האָבן דערציילט וועגן וועַרסיעס אַז מ׳וויל אַרויסשיקן די פּאָלי־טישע אַרעסטירטע קיין אַרכאַנגעלסק. דאָרטן איז פאַראַן אַן אַלטער מאָנאַסטיר אונטער נאָמען סאָלאָוועצקי־מאָנאַסטיר. וויל מען דאָרטן שאַפן אַ קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער פאַר די פּאָליטישע אַרעסטירטע. ווען דאָס זאָל זיין אמת, זענען אונדזערע חברים אַבסאָלוט נישט צוגעגרייט פאַר אַזאַ מין פּלאַץ, ווייל דאָרטן איז געפערלעך קאַלט. חוץ דעם, איז מען אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. די געציילטע חברים, וואָס זענען נאָך דערווייל אויף דער פריי, מוזן פּרוּוון

טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך און צוגרייטן וואַרעמע מלבושים, אין פאַל מע וועט אָנהייבן די אַרעסטירטע חברים אַרויסשיקן קיין אַרכאַנגעלסק אין די סאָלאָוועצקי־אינדזלען.

איך האָב זיך אונטערגענומען צו זען זיך מיט עטלעכע מענטשן, דורך וועלכע איך וועל אפשר קריגן וואַרעמע זאַכן פאַר די אַרעסטירטע. ווען איך בין געקומען צו מיין פריינד אויף נאַכט־עסן, האָב איך געטראָפן די פאַמיליע וווינען אין אַ זייער באַקוועמער און שיינער דירה, וואָס אַ סך אַזעלכע האָט מען נישט געקענט קריגן אין מאָסקווע. אויך דאָס עסן איז געווען פון אַזאַ קוואַליטעט, וואָס מ׳האָט ווייניק געקענט באַקומען אין יענער צייט. ווען מיר זענען געווען פאַרטיק מיטן עסן, האָט מיין פריינד אָנגעהויבן צו דערציילן מיר, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג וויל אים שיקן קיין דייטשלאַנד איינצוקויפן געוואַנטן פאַר דער אַרמיי. אַזוי ווי ער וועט דאַרפן האָבן געהילפן, האָט מען אים געגעבן דאָס רעכט זיך אויסצוקלייבן מענטשן וועמען ער קאָן פערזענלעך און ווייסט, אַז זיי וועלן זיין גוטע מיטאַרבעטער. עצהט ער מיך, אַז איך זאָל אויפגעבן מיין שטעלע אין צענטראָ־פעטשאַט און אָננעמען אַ פּאָסטן ביי אים. האָב איך צוגעשטימט, נאָר כ׳האָב געפרעגט צי מען וועט קענען פאָרן מיט די פאַמיליעס. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט, אַז אויף דער ערשטער רייזע וועלן נאָר פאָרן די מענער. נאָר ווען מען וועט איינשטעלן דעם פולן קאָנטאַקט, וועלן אייניקע דאַרפן זיין אַ לענגערע צייט, דאַן וועט מען קענען מיטנעמען די פאַמיליעס.

דער גאַנצער ענין איז מיר זייער געווען צום האַרצן. דאָס וואָס איך האָב געטראַכט צו געפינען, איז געקומען אַליין. איך האָב צוגעזאָגט צו פּרובירן באַ־פרייען זיך פון צענטראָ־פעטשאַט, איך האָב נישט געוואָלט אַז ער זאָל וויסן, אַז איך האָב שוין דימיסיאָנירט. האָב איך אים צוגעזאָגט אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום אים צו געבן אַ ענטפער.

אַזוי ווי ס׳איז נאָך געווען פרי צו גיין שלאָפן, האָב איך באַשלאָסן אַריינ־צוגיין אין ליטעראַרישן קלוב, ווו עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען אַלע שרייבער, פּאָעטן, מאָלער און אַרטיסטן. דורך דעם צענטראָ־פעטשאַט האָב איך געהאַט אַ שטענדיקן איינטריט־בילעט. דאָרטן איז געווען אַ גלעזל טיי און צובייסן, און חוץ דעם פלעגן אַלע קינסטלער פאָרשטעלן פאַרשידענע סצענעס, שפּילן אָדער זינגען. אַלע מאָל איז דער קלוב געווען געפּאַקט, און דאָרטן האָט זיך נאָך געפילט פריי די מוזע.

בעת איך בין אַריינגעקומען אין ליטעראַרישן קלוב, האָב איך דערזען עטלעכע באַקאַנטע, צווישן זיי אַ באָלשעוויק, וועמען כ׳האָב געקענט נאָך פון שיקאַגאָ און מיט אים געווען אין פריינדלעכע באַציִונגען, וואָס האָבן אָנגע־האַלטן אַפילו אין סאָוויעט־רוסלאַנד. ווען איך בין צוגעקומען צו זייער טיש און זיך אַוועקגעזעצט, זאָגט מיר מיין שיקאַגער באָלשעוויק, אַז ער האָט מיך געזוכט אין צענטראָ־פעטשאַט, און מען האָט אים געזאָגט אַז איך וועל אין עטלעכע טעג אַרום זיין צוריק אין מאָסקווע. זאָגט ער מיר: פּרווו טרעף ווער

געפינט זיך איצט אין מאָסקווע און וויל דיך זען? נו, זיי אַ בעלן צו טרעפן, ווען איך קען אַזוי פיל מענטשן! האָב איך אים געזאָגט אַז איך נעם מיך נישט אונטער צו טרעפן ווער דאָס איז, האָט ער שוין מיר געזאָגט אַז מיט אַ וואָך צוריק איז געקומען קראַסנאָשטשאָקאָוו, פון ניקאָלייעווסק, סיביר.

קראַסנאָשטשאָקאָוון האָב איך געקענט נאָך פון שיקאַגאָ. אויב איך האָב נישט קיין טעות, איז ער געווען זייער טעטיק אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין ביאַלאָסטאָק. קומענדיק קיין אַמעריקע האָט ער אויסגעשטודירט אַלס אַדוואָקאַט און איז געווען טעטיק ביי די סאָציאַליסטן.

אין 1915־16, איז אַלעקסאַנדער בערקמאַן געקומען קיין שיקאַגאָ און די גרופּע האָט פאַר אים אָרגאַניזירט אַ קבלת־פּנים. אַזוי ווי מען האָט דערוואַרט אַ גרויסן עולם צו דער אונטערנעמונג, האָט מען געדונגען דעם יידישן אינסטיטוט, אַ צדקה־אָרגאַניזאַציע, מ׳האָט זיי געזאָגט פאַר וואָס פאַר אַ צוועק דינגען מיר דעם אינסטיטוט. מ׳האָט אַלץ אָרגאַניזירט און צוגעגרייט. אָבער אַ צוויי טעג איידער דער קבלת־פּנים האָט געזאָלט פאָרקומען, האָט מען אונדז געלאָזט וויסן אַז מיר קענען נישט האָבן דעם אינסטיטוט.

ס׳איז אַלץ געווען צוגעגרייט און אַנאָנסירט. האָט דער קאָמיטעט געמוזט אין אַ פּאָר טעג געפינען אַ פּלאַץ, וווּ דער קבלת־פּנים וועט פאָרקומען, און לאָזן וויסן דעם ברייטן עולם וועגן דער פּאַסירונג. ווען דער גרויסער עולם האָט פאַרנומען זייערע פּלעצער, האָט מען אים דערקלערט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, איז באַלד אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע און עס זענען אַריינגעקומען צוויי פאָרשלאָגן: דער ערשטער איז, אַז די ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע יידישע גאַס זאָל באָיקאָטירן דעם יידישן אינסטיטוט, און צווייטנס אַז מע זאָל אויסבויען אַן אייגענעם אַרבעטער־אינסטיטוט.

אָט ביי דער אַרבעט צו שאַפן אַן אייגענעם אַרבעטער־אינסטיטוט, האָט זיך אויסגעצייכנט קראַסנאָשטשאָקאָוו־טאָבונסאָן (זיין נייער נאָמען אין אַמעריקע). ער איז געקומען קיין רוסלאַנד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און גלייך געוואָרן אַ באָלשעוויק. לענין, טראָצקי און די אַנדערע באָלשעוויסטישע פירער האָבן געוואָלט אָפּהאַלטן די יאַפּאַנעזער פון זייער דראַנג צו פאַרכאַפּן אַ טייל פון סיביר, האָט לענין אָרגאַניזירט אַ סיבירישע פרייע רעפּובליק וואָס האָט געדאַרפט ווייזן דער גאַנצער וועלט, און ספּעציעל די פאַראייניקטע שטאַטן, אַז די סיבירישע רעפּובליק איז פריי פון די רוסישע באָלשעוויקעס, און דאָס האָט אין אַ געוויסן זינען געווירקט, און די יאַפּאַנעזער האָט מען אָפּגעשטעלט פון פאַרכאַפּן אַ טייל סיביר. ווי אַזוי קראַסנאָשטשאָקאָוו־טאָבונסאָן איז געוואָרן דער פּרעזידענט פון דער סיבירער רעפּובליק, ווייס איך נישט. נאָר ווען איך בין אויף מאָרגן געקומען צו אים אין האָטעל, האָט ער אַוועקגעשיקט זיין סעקרעטאַר און אָנגעזאָגט, אַז מע זאָל אים ניט שטערן אין משך פון אַ פּאָר שעה און ער האָט פאַרשלאָסן די טיר.

צוליב וואָס ער האָט דאָס געטאָן, האָב איך אין אָנהייב ניט פאַרשטאַנען. נאָך דעם ווי ער האָט אַרויסגענומען אַ פלאַש מיט גוטן שנאַפּס און צובייסן

איז געשטאַנען אויפֿן טיש, האָבן מיר געכאַפּט אַ פּאָר שנעפּסלעך און צוגעביסן. האָט מיר טאַבונסאָן געזאָגט: איך בין זייער פֿאַראינטערעסירט צו וויסן, וואָס טוט זיך מיט אונדזערע חברים און ווי אַזוי די באָלשעוויקעס באַהאַנדלען זיי. איך האָב געהערט אַלערליי באַריכטן, נאָר זיי אַלע זענען נישט קיין קלאָרע. איך בין דאָס ערשטע מאָל אין מאָסקווע פֿאַר דער צייט, זינט איך בין געקומען פֿון שיקאַגאָ קיין סיביר און געבליבן שטעקן דאָרטן ביז איצט.

די ערשטע פּאָר מינוט בין איך געבליבן אַ ביסל צעטומלט פֿון זיין פֿראַגע, און נישט געקענט ביי זיך באַשליסן וואָס איך זאָל טאָן. ער איז דאָך, קודם כל, דער פּרעזידענט פֿון דער סיבירער רעפּובליק, אָבער אין דער אמתן איז ער אַן אָנגעשטעלטער פֿון די מאָסקווער באָלשעוויקעס. נאָר פֿון דער צווייטער זייט, האָב איך אים געקענט פֿאַר אַן ערנסטן און אָרנטלעכן חבר. האָב איך זיך באַשלאָסן צו דערציילן אים די גאַנצע טרויעריקע לאַגע פֿון דער גרויסער צאָל אַרעסטירטע חברים, וואָס געפֿינען זיך דאָ אין מאָסקווע און אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ ידיעה, אַז מען וועט אַ גרויסע טייל פֿון זיי אַרויסשיקן אויף די סאַלאַוועצקי־אינדזלען.

מיר זענען אָפּגעזעסן און גערעדט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און איך האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין צו זיך אין האָטעל. זאָגט ער מיר, אַז ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ וואַגאָן מיט פּראָדוקטן, זאָל איך מאָרגן קומען מיט אַ פּאָר חברים, וועט ער אָנשרייבן אַ פֿאַראָרדענונג, אַז מע זאָל אונדז אַרויסגעבן אַ סכום פּראָדוקטן, וועלן מיר האָבן וואָס איבערצוגעבן אונדזערע אַרעסטירטע חברים. און ער האָט צוגעגעבן: ער וועט אויך זיך באַמיִען צו קריגן אייניקע וואַרעמע זאַכן.

איך האָב נאָך עטלעכע מאָל זיך געזען מיט חבר טאַבונסאָן. ס׳איז איבעריק צוצוגעבן אַז אויף מאָרגן נאָך מיין וויזיט ביי אים האָבן מיר געהאַט אַ פֿולן וואָגן מיט אַלערליי פּראָדוקטן פֿאַר די אַרעסטירטע און אין אַ פּאָר טעג אַרום — אויך וואַרעמע ווינטער־מלבושים. אויף אונדזערע וויטערדיקע באַגעגענישן האָב איך נישט געוואָלט פֿאָרשן צי ער ווייסט שוין, אַז מען קלייבט זיך אים אַרונטערצוזעצן פֿון זיין אַמט אַלס פּרעזידענט. נאָר אין גיכן האָט דאָס פּאַסירט. די אַלטע געשווירענע באָלשעוויקעס האָבן נישט געקענט פֿאַרטראָגן, וואָס אַ נייער מענטש, וואָס איז ערשט געוואָרן אַ באָלשעוויק, זאָל פֿאַרנעמען אַזאַ מין גרויסן פּאָסטן. רכילות, אינטריגעס אין די הויכע פֿענצטער האָבן געווירקט ביי לענינען, אַז מען זאָל חבר טאַבונסאָן אַרונטערזעצן פֿון זיין אַמט און, שפּעטערצו, אים דערשיסן, ווי אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער. פּשוט גערעדט — מ׳האָט אים אָפּגעראַמט, אַז ווי אַ פֿרעמדער, זאָל ער נישט קאָנען פֿאַרנעמען דאָס פּלאַץ פֿון אַן אַלטן באָלשעוויק!

ווען איך בין, אין צוויי טעג אַרום, געקומען צו מיין פֿריינד און אים דערקלערט, אַז איך האָב פֿאַרלאָזט מיין אַמט אין צענטראָ־פּעטשאַט, און אַז איך בין וויליק אָנצונעמען די שטעלע וואָס ער האָט מיר פֿאָרגעשלאָגן, איז ער געווען זייער צופֿרידן, און ער האָט גלייך אָפּגערופֿן אינעם ספּעציעלן האָטעל, ווו עס

פלעגן איינשטיין אויסלענדישע געסט, אַז ער דאַרף אַ צימער פאַר מיר און ווי דורך אַ כּישוף האָב איך גלייך געקראָגן אַ צימער און אין אַ פּאָר שעה אַרום, האָב איך זיך געפונען אויסער דער שרעקלעכער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער סאָוויעטן־מאַכט. אַזוי שנעל ווי איך האָב איבערגעטראָטן דעם שוועל, האָב איך זיך גלייך געפונען ווי אין אייראָפּעיִשן רייכן האָטעל, באַדינער האָבן אַרויפגעטראָגן מיינע זאַכן, די צימערן זענען געווען אויסערגעוויינלעך ציכטיק, צום אָונט־ברויט בין איך אַריין אין עס־צימער, ווו ביי יעדן טיש זענען געווען צוויי באַדינער. די שפּייזן, וואָס מע האָט דערלאַנגט צום נאַכטמאָל, זענען געווען פון אַזאַ קוואַליטעט, אַז ס'האָט זיך גאָרנישט געוואָלט גלויבן אַז פון יענער זייט געביידע, וואָס איז געווען דער האָטעל, געפינט זיך דאָס גרויסע רוסישע פאָלק וואָס ליידט הונגער!

אויף מאָרגן איז מיין פריינד געקומען צו מיר אין האָטעל אַריין און מיך גענומען אין אַ סאָציאַלן געשעפט, ווו ער האָט מיך באַקליידט פון קאָפּ ביז די פיס. אַפילו צוויי נייע טשעמאָדאַנען און איך בין ווי איבער נאַכט געוואָרן אַ פּראַנט. נאָר ביי מיר אין קאָפּ האָט געעגבערט דער הויפּט־געדאַנק: צי וועט מיר געלונגען אַרויסצופירן מיין פאַמיליע פון דעם גרויסן גיהנום, ווו צייט און אומשטענדן האָבן געשאַפן אַזאַ שרעקלעכע סיטואַציע?

אין צוויי טעג אַרום, האָט מיין פריינד געלאָזט וויסן, אַז מיר פאָרן אַריבער קיין לענינגראַד און פון דאָרטן וועלן מיר פאָרן קיין דייטשלאַנד. אַ חוץ מיר, זענען געווען נאָך צוויי מיטהעלפערס. ווען מיר האָבן געדאַרפט אַוועקפאָרן איז געקומען נאָך אונדז אַן אויטאָמאָביל. אָנקומענדיק אויפן וואַקזאַל האָבן מיר שוין געטראָפן אונדזער פריינד, וועלכער האָט אונדז צעטיילט צו איין באַן־בילעט און אַ קופּע פאַר צוויי פּערזאָן.

ווען מיר זענען געקומען קיין לענינגראַד, האָבן אויף אונדז געוואַרט צוויי אויטאָמאָבילן און זיי האָבן אונדז געבראַכט צום אינטערנאַציאָנאַלן הויז. דאָס איז געווען אַן ענלעכער האָטעל ווי אין מאָסקווע. ווען מיר האָבן זיך איינגע־אָרדנט אין אונדזערע צימערן, האָט מיין פריינד מיר געזאָגט אַז עס וועט נעמען אַ פּאָר וואָכן ביז אַלץ וועט ווערן גוט אָרגאַניזירט פאַר אונדזער אַוועקפאָרן קיין דייטשלאַנד. דערווייל זאָל איך זיך אָפּרוען און פאַר גאָרנישט נישט זאָרגן אָבער ער האָט נישט געוווסט מיט וואָס פאַראַ אומגעדולד איך האָב געוואַרט אויפן מאָמענט, אַז מיר זאָלן אַרויספאָרן פון רוסלאַנד און דאַן שאַפן די מעג־לעכקייט אַרויסצופירן מיין פאַמיליע און פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווו דאָס ליכט פון אַ נייעם לעבן מיט אַ גערעכטן סאָציאַלן רעזשים, וועט ווידער אָנהייבן צו שיינען...

אין לענינגראַד האָבן מיר געהאַט אַ גרויסע צאָל חברים, וואָס נאָכן קראַנ־שטאַט־אויפשטאַנד, האָבן זיי זיך געפונען אין אַ האַלב לעגאַלן צושטאַנד. איך האָב געהאַט די אַדרעסן פון עטלעכע פון זיי, וועלכע איך האָב טאַקע באַזוכט. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז מיר זאָלן האָבן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע לענינגראַדער חברים, נאָר דאָס האָט מען געדאַרפט מאַכן באַהאַלטן, ווייל קיין שום פאַר־

זאַמלונגען זענען נישט דערלויבט געוואָרן נאָכן קראָנשטאַטער אויפשטאַנד. אין אַ זונטיק נאָך מיטיק איז מען זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרויסע צאָל חברים.

איך האָב זיי איבערגעגעבן פרישע ידיעות וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע אין די שטעט, ווו איך בין לעצטנס געווען און ספּעציעל פון די חברים, וואָס האָבן געשמאַכט אין די תּפיסות. גראָד דאָ, אין לענינגראַד, ווו אונדזערע חברים האָבן געזוכט אַן ענטפער, פאַר וואָס אַזאַ מין גרויסע באַוועגונג ווי די אַנאַרכיסטישע, האָט נישט געהאַט געגוג פונדאַמענטאַלע ליטעראַטור, אויף צו באַפרידיקן דעם גרויסן נאָכפרעג פון די אַרבעטער־מאַסן; וואָס האָט געהאַט גרופּעס איבער דעם גאַנצן לאַנד און מיט אַ זייער גרויסער צאָל מיטגלידער, אַ נעסטאָר מאַכנאָ־באַוועגונג, וואָס האָט צוגעצויגן ריזיקע מאַסן מענטשן — און אַט די דאָזיקע קאָמבינירטע גרויסע קראַפט, איז צעריבן געוואָרן און ווערט צעריבן פון אַ מאַכט, וואָס דער גרעסטער טייל פון דער רוסישער באַפעלקערונג איז געווען קעגן איר. אַט דאָס פאַרשן און זוכן אַן ענטפער אויף דער האַרבער שאלה האָט אָנגעהאַלטן אויף דער פאַרזאַמלונג ביז שפּעט ביי נאַכט.

אַט די אַלע פּראָבלעמען וואָס זענען דעבאַטירט געוואָרן און די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, האָבן מיך צום ערשטן מאָל באַוויגן איינצוזען, אַז כאָטש די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט געהאַט אַ זייער גרויסע פּאָטענציעלע מעגלעכקייט פיזיש און גייסטיק אָנצופירן דעם גאַנג פון דער גרויסער סאָציאַלער רוסישער רעוואָלוציע, האָט זי, די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג, נישט געקענט פּטור ווערן פון אירע אַלטע ראָמאַנטישע טראַדיציעס, און אָנשטאָט צו בויען אַ נייע סאָציאַלע אָרדענונג, האָט זי געחלומט וועגן ניט־רעאַליסטישן ראָמאַנטיזם.

און דאָ, צווישן די פאַרזאַמלטע חברים, האָב איך צום ערשטן מאָל געשטעלט די פראַגע: איז טאַקע דער אַנאַרכיזם נאָר אַ ראָמאַנטישער חלום — אָדער דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל איז אויך קאָנסטרוקטיווער רעאַליזם? אַט די פראַגע האָב איך פאַר זיי פאָרמולירט אויפן גרונט פון אונדזער נאַוואָראָסייסקער עקספּערימענט און אויף די דערפאַרונגען פון נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער־אַרמיי.

מיין פראַגע האָט געמאַכט די חברים טיף צו פאַרטראַכטן זיך און איך דענק אַז די אינטערנאַציאָנאַלע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג וועט מוזן געבן אַן ענטפער אויף איר און אָנהייבן צו גיין אויף נייע וועגן.

מיר האָבן געהאַט צוויי פאַרזאַמלונגען פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען אין לענינגראַד און אַ סך פון די חברים האָבן ערנסט איינגעזען די טיפקייט פון מיין פראַגע און זיי האָבן גענומען אָנערקענען דעם גרויסן טעות, וואָס די גרויסע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד, האָט געמאַכט.

מיין שיינער חלום, אַז אפשר וועלן מיר אין גיכן קענען פאַרלאָזן רוסלאַנד, איז מיט אַ מאָל צונישט געוואָרן.

אין איינעם אַ טאָג, אויף דער דריטער וואָך וואָס מיר זענען געקומען קיין לענינגראַד, איז מיין פריינד אַריינגעגאַנגען צו מיר אין צימער און איך האָב גלייך אויף זיין פּנים באַמערקט אַז עפּעס האָט פּאַסירט. און טאַקע באַלד האָט

ער מיר דערקלערט, אַז מ'האָט באַשלאָסן, צוליב אַ געוויסער סיבה, צו ליקווי־דירן אונדזער קאָמיטעט. מיר וועלן קריגן פּאָר אַ חודש שכירות און מע וועט באַצאָלן פאַר אונדזער רייזע צוריק קיין מאָסקווע. און אויף מאָרגן בין איך שוין געווען אין וועג אויף צוריק.

נאָך דעם ווי איך בין אָפּגעווען עטלעכע טעג אין מאָסקווע, געזען זיך מיט אונדזערע חברים, האָב איך גענומען מיין פּעקל אויף דער פּלייצע און געלאָזט זיך אין וועג אַריין קיין נאָוואָראָסייסק. וואָס דאָרטן האָט מיך דערוואַרט, האָב איך גאָרנישט ניט געוווּסט.

די צוויי פאַרזאַמלונגען אין לעניגראַד, די גרויסע צאָל חברים, וואָס האָבן געשמאַכט אין די מאָסקווער טורמעס און די טונקעלע געדאַנקען וואָס זענען אַזוי שטאַרק געקראָכן אין מוח, געדאַנקען וואָס האָבן נישט געצייגט קיין ליכ־טיקע שטראַלן — אין אַט דער טרויעריקער שטימונג און מיט דעם געדריקטן געמיט, בין איך אָנגעקומען צוריק אין דער שטאָט, וואָס ערשט נישט לאַנג צו־ריק האָט זי געגעבן אַזוי פיל גרויסע האָפענונגען!...

***

ווען איך בין אָנגעקומען צוריק קיין נאָוואָראָסייסק, האָב איך שוין דאָרטן געטראָפן בעסיען און אונדזער זון לעאָן. נישט האָבנדיק קיין פּאָסטן און נישט קוקנדיק, וואָס איך בין געווען גוט באַוווּסט צווישן די „באַלעבאַטים" פון שטאָט און געהאַט איניקע פריינד צווישן זיי, האָב איך נישט געקענט קריגן קיין דירה און מיר האָבן געמוזט באַלעסטיקן אייניקע פון אונדזערע פריינד. נאָר ס'האָט נישט גענומען קיין לאַנגע צייט, און פאַרטייאישע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ מענטשלעכע באַציִונג צו אונדז, האָבן אונדז געהאָלפן קריגן אַ דירה, מעבל און אַלץ וואָס מ'האָט געדאַרפט האָבן אין אַ באַלעבאַטישקייט.

אַז מיר האָבן שוין געהאַט וווּ צו וווינען, איז אַרויפגעשוווּמען אַ שווערע פראַגע: ווו און ווי אַזוי קריגט מען אַ שטעלע. האָט מיר אַ פריינדין געלאָזט וויסן אַז אין דער לאָקאַלער טראַנספּאָרטאַציע־אַגענטור זוכט מען אַ מענטשן אַלס אַגענט און אָרגאַניזאַטאָר. נישט ווויסנדיק ווער ס'איז דער הויפּט־קאָמיסאַר אין דער אַגענטור, בין איך גלייך אַוועק אַהין. ווען איך בין געקומען און גע־זאָגט, אַז איך וויל זען דעם קאָמיסאַר, און פאַר וועלכן צוועק, האָט זיך אין גיכן געעפנט די טיר, און וועמען דערזען איך? — דער מאַטראָס וואָס איז געקומען אין אַבראַו דוירסאָ, איך זאָל אים געבן וויין. דערזעענדיק אים, האָב איך גע־פילט אַז ער וועט פּרובירן איצט פון מיר נעמען נקמה. איז פריִער ווי ער האָט געעפנט דאָס מויל, זאָג איך צו אים, אַז חבר טאַלמאַטשאָוו האָט מיך געשיקט צו אים אַז אפשר האָט ער אַ שטעלע פאַר מיר. טאַלמאַטשאָוו איז געווען, ווי אין די אַמאָליקע צייטן, אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר. בעסיע און איך זענען געווען נאָענטע פריינד מיט דער טאַלמאַטשאָוו־פאַמיליע און איך האָב געוווּסט אַז טאַלמאַטשאָוו וועט גאָר נישט האָבן אויסצוזעצן דערפאַר, וואָס איך האָב באַ־נוצט זיין נאָמען.

דער קאָמיסאַר, דערהערנדיק, אַז טאָלמאַטשאָוו האָט מיך געשיקט צו אים, איז ער געוואָרן ווייכער ווי פּוטער. ער האָט מיך אַריינגערופן אין זיין קאַבינעט, אויסגעפרעגט וואָס קען איך טאָן, און ווען איך האָב אים איבערגעגעבן וואָס פאַר אַ שטעלע איך האָב געהאַט אין צענטראָ־פּעטשאַט און געוויזן די רעקאָ־מענדאַציע, וואָס איך האָב פון דאָרטן געהאַט, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— דו ווייסט דאָך גוט אַז דו האָסט מיך דעמאָלט שלעכט באַהאַנדלט, נאָר מיר וועלן דאָס פאַרגעסן. אין דער זעלבער צייט, האָט ער אַרויסגענומען אַ פלאַש בראָנפן און מיר האָבן געמאַכט אַ גרויסן לחיים. נאָך דעם זאָגט ער צו מיר: איך גיב דיר איבער די גאַנצע אַרבעט, און דו ווען דו וועסט באַווייזן זי גוט צו אָרגאַניזירן, וועסטו דאָן קריגן די גרעסטע שכירות און עס וועט דיר נישט זיין שלעכט צו אַרבעטן מיט מיר.

האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט, וואָס איז געווען פאַרנאַכלעסיקט. אַ חוץ דעם טראַנספּאָרט, זענען די האַפּנאַרבעטערס אויך געווען אָנגעהעריקע צו דער אַגענטור. די גרעסטע טייל פון זיי האָבן מיך גוט געקענט פון די פריִער־דיקע יאָרן. איך האָב פאַררופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע פּאָרט־אַרבעטערס און זיי דערקלערט, אַז איך האָב איבערגענומען די שטעלע פון דעם אַגענט, וויל איך פון זיי, אַז זיי זאָלן קאָאָפּערירן מיט מיין אַרבעט און איך, פון מיין זייט, וועל טאָן אַלץ וואָס מעגלעך איז צו פאַרבעסערן זייער לאַגע. איך וויל נישט שאַפן קיין טומל און איר דאַרפט וויסן פון די אַמאָליקע יאָרן, וואָס איך האָב פּרובירט צו טאָן. די גאַנצע פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען מיין פאָרלאַנג און באַשלאָסן, אַז מע זאָל אויסקלייבן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל אויסגלייכן קריוודעס, אָדער צושטעלן פאָדערונגען אין נאָמען פון די פּאָרט־אַרבעטערס.

ס'האָט געדויערט עטלעכע וואָכן. מיט דער באַקאַנטשאַפט צווישן שטאָט־באַלעבאַטים און די באָלשעוויקעס, איז מיר געלונגען צו אָרגאַניזירן די אַרבעט אין מיין אָפּטיילונג און אויך איינשטעלן אַ נאָרמאַלע באַציִונג מיט די אַרבע־טערס, וואָס די מערסטע טייל האָבן מיך געקענט פון אונדזער אַרבעט פון 1917־18. מיין באַלעבאָס־קאָמיסאַר, זעענדיק ווי איך אַרבעט, האָט ער פאַרגעסן זיינע קריוודעס פון די אַמאָליקע צייטן קעגן מיר, און ער איז געוואָרן מיין בעס־טער פריינד.

דער קאָמיסאַר, ווי אַ געוועזענער מאַטראָס, האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. זיין אַמט האָט ער אָנגעהאַלטן ווי אַ מיטגליד פון דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי. נישט זייענדיק צופיל פאַראינטערעסירט און נישט ווייסנדיק געננוג דאָס, וואָס עס האָט געדאַרפט געטאָן ווערן, אין דער אַרבעט פונעם טראַנספּאָרט, האָט ער געזען ווי ביי מיר איז די אַרבעט געגאַנגען, איז ער געווען מער ווי צופרידן.

הייסט עס, אַז מיט אַ דירה און אַרבעט בין איך געווען פאַרזיכערט. דערצו האָב איך נאָך געהאַט אַ געוויסע זעלבשטענדיקייט אין מיין אַרבעט, וואָס האָט מיך אַ סך געהאָלפן צווישן דער אַרבעטער־מאַסע, נישט נאָר די וואָס האָבן אַ

שייכות צום טראַנספּאָרט, נאָר אויך פון די אַרבעטערס פון די צעמענט־פאַבריקן, וואָס האָבן שטאַרק געליטן פון דער ביוראָקראַטישער אַדמיניסטראַציע.

ס׳איז דערגאַנגען צו אַזאַ לאַגע, אַז איין מאָל האָבן עטלעכע אַרבעטערס פון די צעמענט־פאַבריקן מיך באַגעגנט אין גאַס און אָנגעהויבן צו רעדן מיט מיר וועגן זייער שווערער לאַגע. מיר האָבן פאַרבראַכט עטלעכע שעה, אַנאַליזירט דאָס, וואָס זיי האָבן מיר דערציילט, נאָר איידער מיר האָבן זיך געדאַרפט צע־גיין, זאָגט מיר איינער פון זיי, אַז זיי האָבן צווישןביידע צעמענט־פאַבריקן אַ קאָנספּיראַטיווע גרופּע. און זיי האָבן געוואָלט מיט מיר זיך דורכרעדן: ווען איך בין וויליק, האָבן זיי אַ געהיימען פּלאַץ אין די בערג. ווען איך וויל, וועלן זיי זונטיק זיך צוזאַמענקומען און מיר וועלן זיך דורכרעדן וועגן זייער לאַגע און איך וועל זיי איבערגעבן אַ באַריכט, וואָס עס טוט זיך אויפן לאַנד. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך נישט געוואָלט פאַרמישט ווערן אין אַזאַ אַרבעט, ווייל מיין קומען צוריק קיין נאָוואָראָסייסק איז געווען צוליבן הויפּטצוועק, צו זוכן מעג־לעכקייטן אַרויסצופאָרן פון דאַנען קיין אויסלאַנד.

נאָר אָפּזאָגן דער גרופּע אַרבעטערס, וואָס האָבן געטראָגן מיט זיך דעם גייסט פון דער גרויסער דערפאַרונג, וואָס אונדזער גרופּע האָט געהאַט אין יאָר 1917־18, האָב איך נישט געקאָנט. און טאַקע באַלד זונטיק אין דער פרי איז געקומען צו מיר איינער פון די אַרבעטערס און ער האָט מיך געבראַכט אויף אַ פּלאַץ צווישן די בערג. אַז דאָס זאָל אויסקוקן נישט פאַרדעכטיק, אין פאַל די פּאָליציי אָדער אַ שפּיאָן, וועט אונדז געפינען, האָבן די אַרבעטערס געבראַכט מיט זיך זייערע פאַמיליעס און מ׳האָט דאָס געמאַכט ווי אַ פּיק־ניק. נאָך מיטיק־צייט, זענען די מענער באַזונדער זיך צונויפגעקומען. זיי זענען געווען מער ווי צוואַנציק פערזאָן און מ׳האָט געעפנט דעם מיטינג.

זיי האָבן מיך געוואָלט באַקענען מיט זייער עקאָנאָמישער לאַגע און האָבן אָנגעגעבן דעטאַלן, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף דער רויער ווירקלעכקייט פונעם הערשנדיקן רעזשים. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט דערויף, ווי אַזוי די באָלשע־וויסטישע ביוראָקראַטיע פירט אָן מיט דער אַרבעט אויף די פאַבריקן, ווו קיין שום פּראָטעסטן און פאָדערונגען העלפן נישט, און עס איז נאָך פאַראַנען די סכנה צו ווערן אַרעסטירט.

אַ גאַנצע ריי אַרבעטערס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מע זאָל אָנהייבן אַרבעטן און אַגיטירן פאַר אַ גענעראַל־שטרייק פון אַלע אַרבעטערס אין שטאָט. פון די אַלע געהאַלטענע רעדעס האָט מען געקענט זען די גרויסע פאַרצווייפלונג פון די אַרבעטערס.

ווען איך האָב גענומען דאָס וואָרט, האָב איך זיי דערקלערט, אַז פאַר מיר איז שווער אַרויסצוזאָגן אַ מיינונג אָדער געבן אַן עצה, ווייל איך בין ערשט נישט לאַנג צוריק געקומען און איך בין נישט באַקאַנט גענוי מיט דער לאָקאַ־לער סיטואַציע, דערפאַר וועל איך דערוויל זיי אינפאָרמירן וועגן דער פּאָלי־טישער לאַגע אין לאַנד. האָב איך דאָס געטאָן און נאָך צוגעגעבן, ווי ברוטאַל עס באַציִען זיך די באָלשעוויקעס צו יעדער קליינער אָפּאָזיציע און ווי די

תפיסות זענען ווידער אַנגעפּאַקט מיט פּאָליטישע אַרעסטירטע, און מע הייבט שוין אָן פאַרשיקן די דאָזיקע אַרעסטירטע אין אַלע עקן פון לאַנד.

צום סוף האָב איך געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז וויפל איך וועל זיי קענען העלפן, וועל איך דאָס גערן טאָן, נאָר איך דענק אַז אין איצטיקן מאָמענט, ווען די באָלשעוויקעס זענען נאָך ווי די דערשראָקענע האָזן, קאָן פּאַסירן אַז ווי נאָר זיי וועלן דערשמעקן אַז מע וויל אָרגאַניזירן אַ גענעראַל־שטרייק, וועלן זיי אָנהייבן צו האַקן קעפּ. דערפאַר דענק איך, אַז דערוויל מוז מען פּאַרזיכטיק זיין מיט אָנפירן אַ פּראָפּאַגאַנדע און זיין מער אַגרעסיוו צו די באָלשעוויסטישע ביוראָקראַטן.

איך וויל דאָ פאַרצייכענען אַז דאָס וואָס מיר האָבן באַהאַנדלט אויפן פּיקניק אין 1922, האָט פּאַסירט אין יאָר 1930.

פונעם רוסישן אַנאַרכיסטישן זשורנאַל „דעלאָ טרודאַ פּראָבוזשדעניע" פאַר יוני און יולי 1951, געפינט זיך אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „אַ גענעראַל־שטרייק אין נאָוואָראָסייסק", פון איינער אונטער דעם נאָמען א. נ., די פרוי איז געווען אַ מלחמה־פּליכטלינג און געלעבט אין נאָוואָראָסייסק.

זי דערציילט אין איר אַרטיקל, אַז די אַרבעטערס פון די צעמענט־פאַבריקן און די פּאָרט־אַרבעטערס זענען אַרויס אין אַ גענעראַל־שטרייק, מיט דער פאָדערונג, אַז מע זאָל אַרויסגעבן פּראָדוקטן פאַר דער באַפעלקערונג, און ספּעציעל פאַר די קינדער. ווי געוויינלעך, האָט די סאָוויעטן־מאַכט אונטערגעדריקט דעם אַרויסטריט פון די אַרבעטערס.

ס'איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז אונדזער קליינע גרופּע האָט איינגעפּלאַנצט צווישן די נאָוואָראָסייסקער אַרבעטערס דעם גייסט פאַר פּראָטעסט און דעם באַגער צו אַ נייעם סאָציאַלן צוזאַמענלעבן. דאָס האָט זיך מיט צוועלף יאָר שפּעטער ווידער אָפּגעשפּיגלט אין לעבן, וויסנדיק אַז די ברוטאַלע מאַכט וועט זיי אונטערדריקן און, מעגלעך, פאַרטיליקן. נאָר דער רעאַלער פאַקט בלייבט אַז ווען מע פאַרזייט, וואַקסט עפּעס אויס, און די נאָוואָראָסייסקער אַרבעטערס האָבן דאָס באַוויזן אין דער פּראַקטיק, אין אַ צייט ווען סטאַלינס ברוטאַלע מאַכט האָט שוין געבושעוועט איבער גאַנץ רוסלאַנד. איך מוז דאָ צוגעבן, אַז די אַרבעטערס, וואָס האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין אַ גענעראַל־שטרייק, האָבן פאַרמאָגט אַ סך מוט און קוראַזש צו טאָן אַזאַ מין זאַך אין יענע יאָרן.

אין נאָוואָראָסייסק האָבן זיך געפונען אייניקע חברים. נאָך אונדזער אָנקומען, האָבן מיר אָנגעהויבן פּרובירן צוזאַמענצוברענגען זיי פון צייט צו צייט אינאיינעם. דאָרט פלעגן מיר איינאָרדענען חברלעכע שמועסן, און נאָכהער האָבן מיר זיי פאַראינטערעסירט, אַז מיר זאָלן מיט עפּעס מיטהעלפן אונדזערע מאָסקווער אַרעסטירטע. ווען איך האָב אָנגעהויבן באַקומען ידיעות פון מאָסקווע, אַז די ווטשעקאַ האָט גענומען אַרויסשיקן אונדזערע חברים אויף די סאָלאָוועצקי־אינדזלען, איז די הילף געוואָרן גרעסער. אַזוי אַרום איז דאָס לעבן אונדזערס נישט געווען מאָנאָטאָן. ווי שווער ס'איז נישט געווען די פּאָליטישע

לאַגע, האָט אונדז דאָך אונדזער קליינע גרופּע, געגעבן עפּעס אויך גייסטיק און אונדז אַ ביסל געמאַכט פאַרגעסן די וואַקסנדיקע רויטע רעאַקציע.

איך געדענק נישט אין וועלכן מאָנאַט פון 1922 איז אין איינעם אַ טאָג געווען אַ מעלדונג אין אַלע צייטונגען, אַז די סאָוויעטן־רעגירונג האָט אַרויס־געגעבן אַ דעקרעט, אַז ווער עס וויל פאָרן קיין אויסלאַנד קען קריגן אַן אויס־לענדישן פּאַספּאָרט. נאָר צו דעם האָט מען צוגעגעבן, אַז אויף צו באַקומען דעם דאָזיקן פּאַספּאָרט, באַדאַרפן צוויי בירגער זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר אייך און גאַ־ראַנטירן, אַז איר וועט נישט זיין קיין קאָנטררעוואָלוציאָנער און נישט אַרויס־טרעטן קעגן ראַטנפאַרבאַנד, זייענדיק אין אויסלאַנד. די נייס האָט אונדז שטאַרק דערפרייט. אמת, איך בין געווען איינער פון די, אין אונדזער באַוועגונג, וואָס זענען אָפענע קעגנערס פונעם באַנוצן געוועזער קעגן דער סאָוויעטן־מאַכט און נאָך אַ גרעסערער קעגנער, אַז פרעמדע מלוכות זאָלן „באַפרייען" דאָס רוסישע פאָלק.

איך האָב געהאַלטן, און האַלט נאָך אַזוי ביז אויף היינטיקן טאָג, אַז אָט די אַזוי גערופענע „באַפרייערס" האָבן נישט אין זינען דאָס רוסישע פאָלק, נאָר זייערע אייגענע עקאָנאָמישע אינטערעסן. אָבער נישט געקוקט אויף אָט דער שטעלונג מיינער און באַציִונג צו דער רוסישער סיטואַציע, האָב איך זייער גוט געוווסט, אַז אַזוי שנעל ווי מיין אַפּליקאַציע פאַר אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט וועט קומען אין דער ווּטשעקאַ פון מאָסקווע (מחמת אַן איר גוטהייסונג האָט מען נישט געקענט באַקומען קיין דערלויבעניש פאַר אַ פּאַס), האָב איך געוווסט, אַז אָדער מע וועט מיר אָפּזאָגן, אָדער מע וועט מיך פשוט אַרעסטירן. זיי האָבן דאָך זייער גוט געוווסט, אַז איך בין געווען אַקטיוו אין אונדזער באַוועגונג. בע־סיע און איך האָבן באַטראַכט די לאַגע און מיר זענען געקומען צום איינציקן באַשלוס, אַז נאָר אונדזער גוטער פריינד טאָלמאַטשאָוו, דער הויפּט־קאָמיסאַר פון קובאַנסקי און טשערנאָמאָרסקי געגנט, קאָן אונדז דערביי העלפן. אמת, ער איז געווען אַן אַלטער באָלשעוויק, נאָר אין דער זעלבער צייט זייער אַן אָרנט־לעכער מענטש. צו דעם איז ער געווען געגייגט צו דער אַרבעטער־אָפּאָזיציע, וואָס איז אין יענער צייט געווען אין די רייען פון דער באָלשעוויסטישער פּאַר־טיי. דערצו האָט זיך צווישן אונדז פאַרבונדן אַ טיפע, איבערגעגעבענע פריינד־שאַפט.

האָבן מיר באַשלאָסן, אַז איך זאָל צופאָרן אין דער שטאָט קראַסנאָדאַר, ווו ער האָט געוווינט און זיך אָפּן דורכרעדן מיט אים וועגן דעם דאָזיקן ענין.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך געזאָגט מיין קאָמיסאַר, אַז איך דאַרף פּערזענלעך זען טאָלמאַטשאָוון און אַז איך וויל פון אים אַ דערלויבעניש אַהין צו פאָרן. פאַר מיין קאָמיסאַר איז טאָלמאַטשאָוו געווען אַ „גאָט" און ער האָט מיר דערלויבט די רייזע און דערצו נאָך געהייסן אויסשטעלן אַ פּאַפּיר, אַז איך ווער קאָמאַנדירט פון דער טראַנספּאָרט־אַגענטור קיין קראַסנאָדאַר, אַזוי אַז מיין פאָרן האָט מיך גאָר נישט געקאָסט.

ווען מיר פלעגן קומען קיין קראַסנאָדאַר, פלעגן מיר איינשטיין ביי די טאָל־

מאַטשאָווס. אונדזער פריינד פלעגט אונדז אָפט אין שפּאַס זאָגן, אַז זיין שטוב איז די הויפּטקוואַרטיר פון די אַנאַרכיסטן אין קראַסנאָדאַר. דער פאַקט איז טאַקע געווען אַזאַ, אַז פאַר דער קורצער צייט, וואָס מיר זענען געווען אין קראַס־נאָדאַר, האָט זיך די קליינע גרופּע חברים, דורך אונדז, באַקאַנט מיט דער פאַ־מיליע טאָלמאַטשאָוו און געוואָרן זייער גוטע פריינד. זיין פרוי איז געווען אַ ליבלעכער מענטש, העכסט אינטעליגענט, אַ לערערין פון באַרוף. זי איז געקו־מען פון טיף־סיביר און זי האָט פאַרמאָגט אין זיך די סיבירער פריינדלעכקייט.

טאָלמאַטשאָוו אַליין איז געווען אַ לאַנגע צייט פאַרשיקט אין סיביר, און דער סיבירישער אַרט לעבן האָט נאָך מער ראַפינירט זיין גוט־מענטשלעכן כאַ־ראַקטער. אויף אים קאָן מען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז ער איז על פּי טעות אַריינגעפאַלן אין די רייען פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי.

אָט איז אַ קליינער עפּיזאָד: איין מאָל בין איך געקומען צו זיי אין קראַס־נאָדאַר. טאָלמאַטשאָוו איז דעמאָלט אַהיים געקומען שפּעט ביי נאַכט פון אַ מי־טינג. אויף מאָרגן, איז ער אויפגעשטאַנען פון שלאָף, ווען זיין פאַמיליע און איך האָבן זיך שוין געקליבן צו עסן מיטיק. זיצנדיק ביים טיש, זאָגט ער צו מיר:

— דו ווייסט, באָריס, אַז איך הייב זיך אַליין נישט אָן צו דערקענען. די סביבה, אין וועלכער איך געפין זיך איצטער, מאַכט די אומשטאַנדן פאַר מיר און מיינע מיטאַרבעטערס אַזוי, אַז מיר ווערן אַריסטאָקראַטן. אָט עסט איר שוין אַלע מיטיק און איך עס ערשט פרישטיק. אָט דער צושטאַנד און אומגעבונג מאַכט פון אונדז גאָר אַנדערע מענטשן און דאָס באַאומרויִקט מיך פּערזענלעך זייער שטאַרק און איך פיר מיט זיך אַ שווערן קאַמף.

טאָלמאַטשאָוו האָט נישט געדאַרפט לאַנג אָנפירן דעם קאַמף. סטאַלין האָט אים דערשאָסן אין דער צייט, ווען ער האָט דורכגעפירט די אויסראָטונג פון טראָצקיס נאָכפאָלגערס. איך בין שוין דאָרטן נישט געווען, נאָר איך בין זיכער, אַז טאָלמאַטשאָוו איז טראָצקיס קיין חסיד קיין מאָל נישט געווען. איך בין טיף איבערצייגט, אַז סטאַלין האָט אים ליקווידירט, ווייל ער האָט פאַרמאָגט מענטש־לעכע געפילן און אַ גוטע באַציִונג צו מענטשן.

ווען איך בין דאָס מאָל געקומען צו זיי, האָב איך אים געבעטן אַז אויב ער האָט נאָר אַ מעגלעכקייט, זאָל ער נישט קומען צו שפּעט אַהיים, מחמת איך האָב געוואָלט מיט אים זיך וועגן עפּעס מיישב זיין. אַ זייגער 10 ביי נאַכט איז ער געקומען און נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעגעסן, האָט ער מיר געזאָגט: נו, זאָג מיר וואָס דו ווילסט!

האָב איך אים געזאָגט, אַז איך דאַרף אים נישט דערציילן וואָס עס קומט פאָר אין די גרעסערע שטעט און ספּעציעל אין מאָסקווע. איך און בעסיע, בעת מיר זענען לעבן דיר, דאַרפן נישט מורא האָבן, אַז מע זאָל אונדז אַרעסטירן, אָבער אין אַנדערע שטעט איז די געפאַר גרויס. דערצו זע איך נישט די נוצ־לעכקייט פון מיין זיין אין רוסלאַנד. דער סוף קאָן זיין, אַז מיר זאָלן אָנשפּאַרן ערגעצווו אין סיביר, ווו דו ביסט געווען אַמאָל פאַרשיקט. האָב איך און בעסיע

איבערגערעדט און באַשלאָסן צו בעטן דיך, אַז דו זאָלסט אונדז העלפן קריגן אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט און אַרויספאָרן פון נאָוואָראָסייסק.

זאָגט ער צו מיר: — אַזוי, דו ווילסט גאָר אַנטלויפן פון רוסלאַנד? און גלייך גיט ער צו מיט אַן ערנסטקייט אויף זיין פּנים: דו ווייסט באַריס, איך האָב שוין עטלעכע מאָל איבערגעטראַכט וועגן דער לאַגע און וועגן אייך. נאָר אַזוי ווי דו ביסט געקומען מיט דער בקשה צו מיר אַז איך זאָל אייך העלפן, וועל איך זיך באַמי׳ען צו טאָן אַלץ, כדי איר זאָלט קריגן אַ פּאַספּאָרט. און אַזוי ווי מע דאַרף האָבן צוויי אונטערשריפטן, האָט טאָלמאַטשאָוו גלייך אָפּגערופן דורכן טעלעפאָן דעם הויפּט־קאָמיסאַר פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אים גע־בעטן, אַז ער זאָל מאָרגן אַרום צען אין דער פרי זיין ביי אים אין קאָמיסאַריאַט.

אויף מאָרגן אין דער פרי, קומענדיק אין קאָמיסאַריאַט, זענען אין אַ שעה צייט אויסגעשטעלט געוואָרן די פּאַפּירן און ביידע קאָמיסאַרן האָבן גוטגעהייסן אונדזערע פּאַפּירן. איך האָב נאָך געדאַרפט האָבן דעם שטעמפּל פון דער לאָקאַ־לער טשעקאַ. ווען איך בין אַהין געקומען, האָט דער הויפּט־טשעקיסט נאָר גע־וואָלט וויסן די סיבה פאַר וואָס מיר ווילן פאָרן קיין אויסלאַנד. גיין דערציילן אים אַ מעשה האָב איך נישט געוואָלט. האָב איך אים געראָטן אָפּצורופן טאָל־מאַטשאָוון און ער וועט אים שוין אָנגעבן די סיבה. דער טשעקיסט האָט מיך געפאָלגט. וואָס טאָלמאַטשאָוו האָט אים געזאָגט, ווייס איך נישט. נאָר איין זאַך ווייס איך, אַז ער האָט גלייך אַוועקגעשטעלט דעם שטעמפּל פון דער טשעקאַ און האָט זיך אַנטשולדיקט, וואָס ס׳האָט גענומען צו לאַנג. אין אַ האַלבער שעה צייט, זענען אַלע נייטיקע פּאַפּירן געווען אויף דער פּאָסט, אויפן וועג קיין מאָסקווע.

איך וואַרט חדשים־לאַנג אויפן פּאַספּאָרט

מ׳האָט געדאַרפט וואַרטן זעקס חדשים, ביז וואַנען מ׳האָט געקראָגן דעם פּאַספּאָרט. מיר האָבן גלייך געלאָזט וויסן אונדזער פאַמיליע אין אַמעריקע. בריוו פלעגן אָנקומען זעלטן און מיר זענען נישט געווען זיכער, אַז אונדזער בריוו וועט דערגיין צו אונדזער פאַמיליע.

האָט מיר צוגעשפּילט אַ שטיקל גליק. אין נאָוואָראָסייסק איז אָנגעקומען אַ קלענערע קריגשיף. אין יענער צייט האָבן אָנגעהויבן צו קומען אַמעריקאַנער שיפן מיט פּראָדוקטן, וואָס אַן אַמעריקאַנער הילף־פּראָיעקט, אָנגעפירט דורך דעם געוועזענעם פּרעזידענט הוווער פלעגט דעמאָלט שיקן קיין רוסלאַנד.

פלעגן די מאַטראָסן פון דער קריגשיף צופאָרן אין שטאָט אַריין, און דעם ערשטן אָוונט זענען זיי געקומען צו איינער פון די קאַפע־הייזער, נאָר דער באַ־לעבאָס פון דער קאַפע האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט ענגליש. בין איך די גאַנצע צייט געזעסן מיט איניקע פריינד דאָרטן און איך בין צוגעגאַנגען צו די אַמעריקאַנער מאַטראָסן און געפרעגט ביי זיי אין ענגליש, וואָס זיי ווילן. ווי

געוויינלעך האָבן זיי פֿאַרלאַנגט שנאַפּס. האָב איך זיי געזאָגט, אַז קיין שנאַפּס קאָנען זיי דאָ נישט קריגן, נאָר דאָס איינציקע וואָס איז פֿאַראַן איז קאַפֿע, אַ זייער גוטע טערקישע קאַווע.

די אַמעריקאַנער מאַטראָסן, ווען זיי האָבן מיך דערהערט רעדן ענגליש, זענען זיי גאָר אויפֿגעלעבט געוואָרן. איך האָב געמוזט זיין זייער גאַסט. זיי האָט אינטערעסירט צו וויסן פֿון וואַנען איך קען ענגליש. ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין געקומען פֿון שיקאַגאָ און אַז איך האָב אַ זון וואָס איז דאָרטן גע־בוירן געוואָרן, בין איך ביי זיי געוואָרן אַן אייגענער מענטש.

אין משך פֿון אַ וואָך צייט, פֿלעגט אַלע אָוונט קומען זייערע אַ גרופּע. זיי פֿלעגן אַלע אָוונט ברענגען פֿאַר מיר עפּעס פֿון זייערע פּראָדוקטן. די לעצטע טעג פֿון זייער זיין אין נאָוואָראָסייסק, האָב איך זיך געווענדט צו איינעם, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין אַן ערנסטער בחור און איך האָב ביי אים געפֿרעגט, צי ער קאָן נעמען אַ בריוו מיט זיך, ווייל מיר ווייסן נישט צי אונדזערע בריוו גייען אַוועק פֿון רוסלאַנד. דער בחור האָט זיך געכאַפּט צו טאָן מיר אַ טובה און צו־געזאָגט, אַז אַזוי שנעל ווי זיי וועלן קומען קיין טערקיי, וועט ער אים אַוועק־שיקן דורך פּאָסט, און ער האָט זיין צוזאָג אויסגעפֿירט, ווייל אונדזער בריוו האָט די פֿאַמיליע באַקומען.

בעת מע וואַרט אויף עפּעס, דעמאָלט ווייזט זיך אויס, אַז די צייט ציט זיך זייער לאַנגזאַם. מיר האָבן געציילט די טעג פֿון די זעקס חדשים. אָט פֿון דער דאָזיקער נערוועזער סיטואַציע, האָט אין אַ געוויסן זין אונדז אַרויסגעהאָלפֿן אונדזער ליבער חבר וואַניאַ־קאַבאַס טאַראַסיוק, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון דער ראַ־זאַנער תּפֿיסה. ס'איז שוין געווען אַריבער אַ יאָר צייט זינט די געשעעניש איז פֿאָרגעקומען, די וועטשעקאַ איבער גאַנץ רוסלאַנד האָט זיי געזוכט, נאָר חבר וואַניאַ איז געלונגען זיך אַרויסצודרייען פֿון דער סכּנה געכאַפּט צו ווערן.

ווען איך בין געווען אין מאָסקווע האָב איך אים געזען נאָר אַ פּאָר שעה. איצטער האָט ער זיך דערוווסט, אַז איך קלייב זיך אַוועקצופֿאָרן קיין אויסלאַנד, איז ער ספּעציעל געקומען זיך מיט אונדז צו געזעגענען און איינשטעלן אַ קאָ־רעספּאָנדענץ אין אַ פֿאַרשטעלטער פֿאָרעם. אין די עטלעכע וואָכן, וואָס ער איז געווען מיט אונדז, פֿלעגט ער דעם גאַנצן טאָג זיין אין הויז. ווען עס פֿלעגט נאָר ווערן טונקל, פֿלעגן מיר אַוועקגיין צום ברעג פֿון שוואַרצן ים, דינגען אַ שיפֿל און אַרומפֿאָרן ביז שפּעט ביי נאַכט.

ווען ער איז געקומען צו אונדז, האָט ער, כּדי אויסצומיידן דעם גרויסן וואָקזאַל, ווו עס פֿלעגן זיך אַרומדרייען טשעקיסטן, געמוזט אַראָפּגיין פֿון באַן מיט אַ צוועלף וויאָרסט פֿריער, און מאַרשירט צופֿוס צו אונדז און איז געקומען שפּעט ביי נאַכט. איצט, ווען ער האָט גענדאַרפֿט אַוועקפֿאָרן, האָב איך געקראָגן אַן אויטאָמאָביל, דאָרט ווו איך אַרבעט. מיטן תּירוץ, אַז איך מוז זיין אין יענער געגנט, האָב איך אַוועקגעפֿירט דעם חבר וואַניאַ און אים באַגלייט אויף זיין רייזע צוריק אַרום מאָסקווע. אונדזער געזעגענונג איז געווען אַ שווערע, ווייל

מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, אַז ווער ווייסט צי מיר וועלן האָבן די מעגלעכ־
קייט זיך נאָך אַ מאָל צו טרעפן ביי אונדזער לעבן.

אין די לעצטע עטלעכע מינוט האָט נאָר דער חבר וואַניאַ אַליין גערעדט, ווי ער וואָלט וועלן אַז מע זאָל אים געבן דאָס ערנוואָרט אַז ווען ס'וועט אונדז געלינגען אַרויסצוכאַפּן זיך פון דעם גרויסן גיהנום, און קומען צוריק קיין אַמע־ריקע, זאָלן מיר גלייך אָנהייבן אונטערהאַנדלען מיט די חברים אַז מע זאָל ווי־דער נעמען זיך צו דער אַרבעט, זאַמלען הילף פאַר די אַרעסטירטע חברים אין רוסלאַנד, און ווען דער צוג האָט אָנגעהויבן זיך צו רוקן פאָרויס, האָט חבר וואַניאַ, שטייענדיק אויף די שטיגן פון וואַגאָן, עטלעכע מאָל אויסגעשריִען: פאַרגעסט נישט! פאַרגעסט נישט! דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער צו מיר, וועלכע קלינגען נאָך ביז היינט אין מיינע אויערן.

און ווי עס זעט אויס האָט מיין „שטערן", וואָס האָט געהאַט אויסגעקליבן אַ מיסיע פאַר מיר אין יאָר 1910, ווידער צוגעגרייט פאַר מיר די גרויסע שליחות, די אַרבעט צו העלפן אונדזערע חברים, נאָר איצטער נישט בלויז אין רוסלאַנד, נאָר מען קאָן זאָגן, אַז איבער צוויי־דריטל פון דער גאַנצער וועלט.[1]

***

די פּאָליטישע לאַגע איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ ערגער. ניקאָליי לע־נין, זינט דער צייט וואָס קאַפּלאַן האָט אויף אים געשאָסן, איז געוואָרן אַלץ מער אָפּגעשוואַכט און מיט זיין שוואַכן פיזישן צושטאַנד איז זיין קאָנטראָל איבער דער פּאַרטיי קלענער געוואָרן און די ערשטע סימנים האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן פון דעם ביטערן קאַמף פאַר דער מאַכט צווישן סטאַלין און טראָצקי. דער קאַמף האָט שוין אין יענע יאָרן געוויזן בולטע סימנים, אַז רוסלאַנד וועט איבערלעבן שרעקלעכע פּאַסירונגען.

אמת, איך בין שטאַרק פאַרנומען געווען מיט מיין שטעלע, אַ חוץ דער אַרבעט וואָס איך האָב געהאַט אין שטאָט, פלעג איך אָפט מוזן פאָרן קיין ראָס־טאָוו אויפן דאָן, קיין כאַרקאָוו און אַ פּאָר מאָל אין מאָסקווע איינצוקויפן געוויסע זאַכן פאַרן טראַנספּאָרט, וואָס מיר האָבן געהאַט. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איך בין געווען פאַרנומען מיטן אַרומפאָרן, האָט זיך נישט געקענט איינ־שטילן אין מיר די גרויסע אומגעדולד, וואָס איך האָב געהאַט, צו קריגן די פּאַספּאָרטן. און די צווייפלען אונדזערע, אַז מיר וועלן זיי נישט באַקומען; אַז די זעקס חדשים זענען שוין אַריבער און די פּאַספּאָרטן האָבן מיר נאָך אַלץ נישט געהאַט, איז אונדז ממש באַפאַלן אַ פאַרצווייפלונג.

די שמחה אונדזערע איז ערשט געקומען אויפן אַכטן מאַנאַט. איך האָב באַ־קומען אַ מעלדונג, אַז איך זאָל קומען אין איינער פון די אָפּטיילונגען פון סאָוויעט. אַזוי ווי די טראַנספּאָרט־אַגענטור האָט זיך אויך געפונען אין דער סאָוויעט־

[1] זע מיין בוך אין ענגליש: „אין קאַמף פאַר גלייכהייט", אַרויסגעגעבן פון אַלעקסאַנ־דער בערקמאַן הילפפאָנד אין 1958, שיקאַגאָ.

געביידע, בין איך, קומענדיק צו דער אַרבעט, אַריינגעגאַנגען אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג.

נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן מיך זייער גוט געקענט, האָט מען מיר אָנגעהויבן צו שטעלן אַ רייע קלאָץ־קשיות. ווען איך בין געוואָרן אַ ביסל אויפֿגעטראָגן און געפֿרעגט וואָס פֿאַר אַ רעקרעט זיי האָבן פֿאַר מיר, האָט דער קאָמיסאַר אַרויסגעזאָגט דעם סוד, אַז ער האָט דערהאַלטן צוויי אויסלענדישע פּאַספּאָרטן פֿאַר מיר און ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאַפּיר, אַז איך זאָל זיך אונטערשרייבן אַז איך האָב זיי באַקומען. עס האָט נישט גענומען אַפֿילו קיין שעה צייט און די גאַנצע גרויסע געביידע פֿון סאָוועט האָט שוין געוווּסט, אַז די יעלענסקיס פֿאָרן קיין אויסלאַנד.

ווען איך בין געקומען אַהיים פֿאַר מיטיק און איך האָב אָנגעהויבן דורכצוקוקן די פּאַספּאָרטן, האָב איך דערזען אַ שורה וואָס האָט דיר געזאָגט, אַז ווען דו פֿאָרסט נישט אַוועק צו די זעקס חדשים, מוזטו שיקן צוריק דעם פּאַס קיין מאָסקווע, כדי צו קריגן אַ פֿאַרלענגערונג.

דעם זעלביקן טאָג בין איך אַוועק צום טערקישן קאָנסול אויף צו באַקומען אַ וויזע אַריינצופֿאָרן קיין טערקיי. נאָר איך בין אין גיכן געוואָרן שטאַרק אַנטוישט. פֿריִער האָט גענומען אַ לענגערע צייט ביז דער קאָנסול האָט זיך געלאָזט זען און ווען איך בין שוין אַריין אין זיין קאַבינעט, און דערקלערט וואָס איך פֿאַרלאַנג פֿון אים, האָט ער זייער געלאַסן מיך אויסגעהערט און נאָכהער מיר געזאָגט, אַז ער האָט דערהאַלטן אַ פֿאַראָרדענונג פֿון זיין רעגירונג נישט אַרויסצוגעבן קיין שום וויזע קיין טערקיי. אַלע מיינע טענות, אַז דאָס איז אַ טראַנזיט־וויזע האָבן נישט געהאָלפֿן. דער ענטפֿער איז געווען, אַז ער קאָן נישט אַרויסגעבן קיין וויזעס.

איך בין אַוועק פֿונעם קאָנסול אַ זייער צעררודערטער, נאָר נישט קוקנדיק אויף דעם, האָבן מיר אָנגעהויבן צו גרייטן זיך אין וועג אַריין און אין דער זעלבער צייט האָב איך גענומען זוכן מיטלען צו געפֿינען עפּעס אַ פּערזאָן, וואָס זאָל אויסאיבן אַן איינפֿלוס אויפֿן טערקישן קאָנסול, נאָר פֿון אַלע פּרוּוון איז גאָר נישט געוואָרן. איך האָב אָפּגעשלאָגן די טירן פֿון קאָנסולאַט. די צייט איז זיך דערוויילע געלאָפֿן. אונדזערע פּאַספּאָרטן זענען אויסגעגאַנגען און מיר האָבן זיי געדאַרפֿט ווידער שיקן קיין מאָסקווע צו פֿאַרלענגערן. דערווייל איז אין שטאָט אָנגעקומען אַ גרופּע פֿאַרשיידענע מענטשן, וואָס האָבן געהאָפֿט פֿון נאָוואָראָסייסק אַרויסצופֿאָרן קיין טערקיי. אייניקע פֿון זיי האָבן מיך געקענט און מיט אַ טייל האָבן מיר זיך באַקאַנט, און מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ קליינע פֿאַרזאַמלונג, ווו מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצושיקן אַ טעלעגראַמע צום טערקישן אויסערן־מיניסטער, דאָס האָבן מיר טאַקע געטאָן. מיר האָבן אָפּגעוואַרט אַ פּאָר וואָכן, נאָר קיין ענטפֿער האָבן מיר נישט געקראָגן.

האָבן מיר זיך דערמאָנט וועגן דעם „האַיאַס". מיר זענען נישט געווען זיכער, צי אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געווען אַן אָפּטיילונג פֿון דער דאָזיקער ייִדישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

מיר האָבן פּרובירט שיקן אַ בריוו דורך די קליינע שיפן, וואָס פלעגן אַרויספאָרן פון נאָוואָראָסייסק אַלע וואָך. דער דאָזיקער פּלאַן איז אונדז געלונגען און אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן מיר באַקומען אַ בריוו פון „האַיאַס" קורץ און שאַרף: פאָרט אַרויס אָן וויזעס. מיר וועלן אַלץ איינאָרדענען, ווען איר וועט אָנקומען קיין טערקיי. די גרופּע עמיגראַנטן, וואָס איז געווען אין נאָוואָראָסייסק, האָט אָנגענומען מיט פרייד די גוטע בשורה. נאָר אַזוי ווי נישט אַלע האָבן שוין געהאַט די פּאַספּאָרטן, און חוץ דעם האָט מען געמוזט זיין ביי אַ דאָקטער זיך צו שטעלן פּאָקן, האָבן מיר אויסגעפונען, אַז דעם 18טן יולי 1923 וועט אַוועקגיין נישט קיין גרויסע שיף פון נאָוואָראָסייסק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. האָט די גרופּע באַשלאָסן צו פאָרן מיט דער דאָזיקער שיף. מיר האָבן געהאַט איבער פיר מאָנאַטן און מיר האָבן געהאָפט, אַז אַלע וועלן ביז דעמאָלט האָבן די נייטיקע פּאַפּירן.

נאָך איין עפּיזאָד וואָס האָט פּאַסירט באַלד נאָך דעם, ווי מיר האָבן דערהאַלטן אונדזערע פּאַספּאָרטן. בעסיע און איך האָבן באַמערקט, ווי אַרום אונדזער וווינונג דרייען זיך, ביי טאָג און ביי נאַכט, פאַרדעכטיקע פּערזאָנען. אייניקע פון זיי האָב איך געקענט און איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען טשעקיסטן, וואָס האָבן אונדז געהיט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז געקומען צו אונדז אַ נאָענטע באַקאַנטע, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ מאַשין־שרייבערין און זי האָט אונדז געוואָרנט, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ ידיעה, פון וואַנען — האָט זי נישט געוווּסט, אין וועלכער מע האָט געגעבן צו וויסן די נאָוואָראָסייסקער טשעקאַ, אַז די יעלענסקיס קלייבן זיך אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד און מע האָט געגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז מע זאָל אונדז היטן טאָג און נאַכט. זענען מיר געווען פאַרזיכערט אויף מאָנאַטן, אַז קיין גנבים וועלן נישט אַריינקומען צו אונדז ביי נאַכט.

די רעכטע האַנט האָט נישט געוווּסט וואָס די לינקע טוט. ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז מע היט אונדז טאָג ווי נאַכט, און האָבנדיק אין זינען, אַז עס זאָל עפּעס נישט פּאַסירן אין דער צייט ווען מיר וועלן דאַרפן אַוועקפאָרן, בין איך צוגעפאָרן אין קראַסנאָדאַר צו אונדזער פריינד טאָלמאַטשאָוו און איך האָב אים דערציילט וואָס דאָ קומט פאָר — ווי די טשעקאַ היט אונדז טאָג און נאַכט. אונדזער פריינד טאָלמאַטשאָוו האָט אונדז באַרויִקט און געזאָגט: זאָלן די איִדיאָטן מאַרשירן טאָג און נאַכט. זיי וועלן נישט שטערן אייער אַוועקפאָרן. און ער האָט גענומען דעם טעלעפאָן און אָפּגערופן נאָוואָראָסייסק צום הויפּט־קאָמיסאַר פון דער טשעקאַ און אים געגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז ער זאָל העלפן מיט אַלעם נייטיקן דעם אַרויספאָר קיין אויסלאַנד פון חבר יעלענסקי און זיין פאַמיליע. חבר יעלענסקי וועט קומען צו דיר מיט מיינעם אַ בריוו און דו זאָלסט אָננעמען אַלע מיטלען, אַז זיי זאָלן נישט האָבן קיין שטערונגען פון די באַאַמטע, וואָס קאָנטראָלירן די פּאַסאַזשירן ביים אַוועקפאָרן.

ווען איך בין געקומען קיין נאָוואָראָסייסק, בין איך אין עטלעכע טעג אַרום אַוועק זען דעם הויפּט־קאָמיסאַר פון דער טשעקאַ, און אַזוי גלייך ווי איך האָב געזאָגט זיין סעקרעטאַר, אַז איך האָב אַ בריוו פון טאָלמאַטשאָוו צום קאָמיסאַר,

האָט ער מיך אויפגענומען אין זיין קאַבינעט. נאָך דעם ווי ער האָט איבערגע־לייענט דעם בריוו, האָט ער אויף אים אָנגעשריבן, אַז די אַלע, וואָס האָבן די דעה צו קאָנטראָלירן און אונטערזוכן די פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן אַוועק קיין אויסלאַנד, גיב איך אייך אַ באַפעל, אַז איר זאָלט העלפן מיט אַלץ וואָס מעגלעך דער פאַמיליע יעלענסקי, וואָס פאָרט אַוועק קיין אויסלאַנד. דערצו גיב איך אַ באַפעל, אַז קיינע פּערזענלעכע זאַכן זייערע זאָלן נישט ווערן אונטערגעזוכט. ער האָט אונטערגעשריבן און אַוועקגעשטעלט דעם שטעמפּל. ער האָט מיר געפרעגט ווען דענק איך וועלן מיר אַוועקפאָרן און איך האָב אים געענטפערט, אַז אַזוי גיך ווי מיר וועלן קריגן אונדזערע פּאַספּאָרטן. איך דענק, אַז דאָס וועט גע־דויערן נאָך אפשר אַ צוויי חדשים. האָט ער מיר געזאָגט, אַז ווען איך וועל דאַרפן אַ הילף וואָס ער קאָן מיר געבן, זאָל איך קומען צו אים.

מיט די צוויי באַפעלן און אונטערשריפטן פון דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר און דעם הויפּט־קאָמיסאַר פון דער היגער טשעקאַ, בין איך געווען פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן נישט האָבן קיין שוועריקייטן ביים אַרויספאָרן. איך האָב געדענקט אַז נאָך דעם ווי איך בין געווען ביי דעם הויפּט־טשעקאַ קאָמיסאַר, וועט מען אַרונטערנעמען די טשעקאַ־אַגענטן, נאָר ווי עס זעט אויס האָט דער הויפּט־קאָ־מיסאַר פון דער טשעקאַ גאָר נישט געוווּסט פון דעם און מ׳האָט אונדז געהיט ביז דער לעצטער מינוט פון אונדזער אַוועקפאָרן.

אין אַ וואָך אַרום האָבן מיר שוין געהאַט ביי זיך די פּאַספּאָרטן און מיר האָבן אָנגעהויבן זיך ערנסט צו גרייטן צו דער רייזע.

אַ גרויסע צאָל באַקאַנטע אונדזערע און פריינד, מיט וועמען מיר זענען אויסגעוואַקסן צוזאַמען פון קינדוייז אָן, זענען אונדז מקנא געווען, וואָס מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן רוסלאַנד. די קליינע גרופּע חברים זענען אויך געווען אין דער זעלביקער שטימונג. מיר פלעגן עטלעכע מאָל אין דער וואָך זיך צוזאַמענקומען. אַפילו די אַרבעטערס, מיט וועלכע איך בין געווען פאַרבונדן פון דער צייט, וואָס אונדזער גרופּע האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן און דורכפירן דעם עקספּערימענט פון אַ פרייער געזעלשאַפט, האָבן שטאַרק באַ־דויערט וואָס איך פאָר אַוועק, נאָר זיי זענען געווען גענוג באַוווּסטזיניק צו פאַר־שטיין, אַז מיין אַוועקפאָרן איז די סאַמע לאָגישסטע זאַך און אַז איך וועל פון אויסלאַנד פּרובירן מיט עפּעס זיי באַהילפיק צו זיין.

אַפילו מיינע מיטאַרבעטערס פונעם לאָקאַלן טראַנספּאָרט האָבן געפונען פאַר נייטיק צו מאַכן אַ שמחהלע אַ טאָג פריִער. דאָס איז געווען אַ שבת, דעם 17טן יולי 1923. דאָ איז פאָרגעקומען אַן אינצידענט. גייענדיק צו דער שמחהלע פון מיינע מיטאַרבעטערס, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין דער געביידע פון דער טראַנספּאָרט־אַגענטור, וואָס האָט זיך געפונען אינעם סאָוויעט־בנין, האָב איך דערזען פון דער ווייטנס אַז לעבן דעם סאָוויעט שטייט אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט פון אַלע הויפּט־קאָמיסאַרן פון דער שטאָט. אי־נעם אויטאָמאָביל איז געזעסן אַ מענטש, וואָס מ׳האָט פון דער ווייטנס געקאָנט באַמערקן, אַז אים לעבט זיך גוט, אַ פּערזאָן וואָס האָט געדאַרפט וועגן אַרום

250 פונט. קוקנדיק אויף אים איז מיר אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז דאָס דאַרף זיין אַ פּערזאָן וואָס איך קען. און איך האָב נישט געמאַכט קיין טעות! ווען איך בין צוגעגאַנגען צום אויטאָמאָביל, האָב איך דערזען מיין אַמאָליקן חבר ביל שאַטאָוו, וואָס האָט דאַן פאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן אַלס הויפּט־קאָמיסאַר פון אַלע צפונדיקע קאַווקאַזער באַנק־הייזער.

דערזעענדיק מיך אומדערוואַרט, און איך האָב דערקענט אין זיין פּנים אַז אונדזער באַגעגעניש איז אים נישט געווען שטאַרק צום האַרצן, ווי דאָס איז געווען נישט זייער אַנגענעם, האָב איך געוואָלט אים דערמאָנען ווער ער איז געווען אַמאָל, און ווייזן די הויפּט־קאָמיסאַרן, אַז דער פּאַר וועמען זיי שטייען און ציטערן, איז לגבי מיר אַ פּשוטער בשר ודם. בין איך צוגעגאַנגען נענטער צום אויטאָמאָביל און באַגריסט זיך מיט ביל שאַטאָוון אין ענגליש און אָנגע־הויבן אויספרעגן ביי אים וועגן זיין פרוי און וואָס טוט ער. נאָר איך האָב גע־זען, אַז ער הייבט אָן צו פאַרלירן זיין געדולד און אַז אויך די קאָמיסאַרן זענען געוואָרן אומגעדולדיק, האָב איך אים געזאָגט אַז ווען ער וויל מאַכן אַ שנאַפּס זאָל ער אַריינקומען אין דער לאָקאַלער טראַנספּאָרט־אַגענטור, ווו מע מאַכט פאַר מיר אַ שמחהלע. ביל שאַטאָוו האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט נישט קיין צייט און נישט זאָגנדיק אים אַ זיי־געזונט, בין איך אַוועק פון אים. זיין סוף אין די שפּעטערדיקע יאָרן — מ'האָט אים דערשאָסן.

זונטיק דעם 18טן יולי 1923, איז געווען אין אַ געוויסן זינען, אַ געשיכט־לעכער טאָג פאַר אונדז. דאָס איז געווען דער טאָג, ווען ס'איז געוואָרן זעקס יאָר, ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין נאָוואָראָסייסק. מיר האָבן נישט געוואָלט אַז אונדזערע חברים, פריינד און אַ רייע נאָענטע און פּאָרט־אַרבעטערס זאָלן קומען צו דער שיף און די טשעקיסטן זאָלן קאָנען שפּעטער מאַכן פאַר זיי נישט אָנ־גענעמע סורפּריזן. דערפאַר איז שבת אַ גאַנצן אָוונט אונדזער הויז געווען גע־פּאַקט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

נאָר נישט געקוקט אויף מיין אויסדריקלעכן פאַרלאַנג נישט צו קומען, איז אַ גרויסע צאָל חברים און פריינד בייגעווען ביי אונדזער אָפּפאָרן מיט דער שיף.

זונטיק אין דער פרי, ווען איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך דערזען, אַז אַנשטאָט איין טשעקיסט זענען געווען צוויי.

אַרום עלף אַ זייגער איז צוגעפאָרן אַ דראָשקע צום הויז ווו מיר האָבן גע־וווינט. דאָס איז געווען מיינער אַ גוטער באַקאַנטער. ער האָט מיר געהאָלפן אַרויסטראָגן אונדזערע זאַכן און פאַרפּאַקן אויף זיין דראָשקע און נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אונדזערע שכנים, האָבן מיר זיך געלאָזט פאָרן צום פּאָרט, ווו ס'איז געשטאַנען די שיף מיט וועלכער מיר האָבן געדאַרפט אַוועקפאָרן.

ווען מיר זענען צוגעפאָרן צום פּאָרט, האָב איך דערזען פון דער ווייטנס, אַז די גאַנצע פּני פון דער פּאָרט־טשעקאַ געפינט זיך אויף דער שיף און ספּע־ציעל דער הויפּט־קאָמיסאַר — אַ יידישער בחור מיט וועמען איך בין אויסגע־וואַקסן און צוזאַמען באַלאַנגט צו דער מאַקסימאַליסטישער גרופּירונג. אין דער צייט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז ער געוואָרן אַ „הייסער" באָלשעוויק,

און איך האָב געהאַט איניקע מאָל צוזאַמענשטויסן מיט אים און די גאַנצע צייט זענען אונדזערע באַציִונגען געווען אָנגעצויגענע.

איצטער, ווען ער איז געווען דער הויפּט פּאַרט־קאָמיסאַר, האָט ער זיך געגרייט צו נעמען נקמה פון מיר. ווען מיר זענען אַרויף אויף דער שיף, איז ער צוגעגאַנגען צו מיר מיט זיין גאַנצער סוויטע און האָט מיר געשטעלט אַ פראַגע וואָס איך טו דאָ. האָב איך אים געענטפערט אַז איך און מיין פאַמיליע פאָרן קיין טערקיי. האָט ער ווידער געפרעגט ביי מיר, צי האָב איך אַלע אויסלענדישע פּאַספּאָרטן. האָב איך אים געגעבן אַ פּאַספּאָרט, האָט ער אָנגעפאַנגען דורכצו־קוקן דורך און דורך די פּאַספּאָרטן און ער האָט געפונען אַ חסרון אַז אין דעם פּאַספּאָרט איז נישטאָ קיין פאָטאָ־בילד פון מיין זון. איך האָב נאָך נישט געוואָלט אים וויזן דעם בריוו מיט דעם באַפעל פון טאַלמאַטשאַוון און דעם הויפּט־קאָ־מיסאַר פון דער טשעקאָ. בין איך געוואָרן אַ ביסל פרעך מיט אים און אים גע־זאָגט, אַז ער זאָל זיך נישט מאַכן נאַריש, אַז מאָסקווע האָט נישט געפאָדערט קיין פאָטאָ־בילד פון אונדזער זון, טאָ וואָס קומט ער דאָ פאָדערן? ער איז גע־וואָרן רויט אויף זיין פּנים און ער האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז אונדזער גאַנצער באַגאַזש און אונדז פערזענלעך זאָל מען באַזוכן.

מ׳האָט אַריינגענומען אונדזער באַגאַזש אין אַ ספּעציעלן צימער, בעסיען און דעם זון, האָבן צוויי פרויען־טשעקיסטן אַריינגענומען אין אַ באַזונדערן צי־מער און איך האָב געוווּסט, אַז מע וועט זיי באַזוכן ביזן הוילן לייב.

ווען איך בין אַריין אין דעם ספּעציעלן צימער מיט די דריי טשעקיסטן, האָב איך ביי זיי געפרעגט, ווער פון זיי איז דער עלטסטער, האָט איינער פון זיי געזאָגט אַז ער איז עס. האָב איך דאָ באַשלאָסן אויסצונוצן דעם בריוו־באַפעל, וואָס איך האָב געהאַלטן אין מיין קעשענע!

האָב איך אַרויסגענומען דעם בריוו און געזאָגט צו זיי: אפשר וועלן זיי פריִער איבערלייענען דעם בריוו־באַפעל איידער זיי הייבן אָן צו מאַכן די אונ־טערזוכונג? ווען דער עלטסטער טשעקיסט האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט ער זיך גלייך אַנטשולדיקט פאַר מיר און געזאָגט: פאַר וואָס האָב איך אים גלייך נישט געוויזן דעם בריוו. ער האָט באַלד געשיקט איינעם פון די טשעקיסטן אַריינצורופן דעם הויפּט־קאָמיסאַר און זאָגן די פרויען־טשעקיסטקעס, אַז זיי זאָלן נישט מאַכן קיין אונטערזוכונג.

דער הויפּט־קאָמיסאַר איז אַריינגעלאָפן ווי אַן אָפּגעבריטער, האָט געגעבן אַ כאַפּ דעם בריוו און ווען ער איז געווען פאַרטיק מיטן לייענען, האָט ער מיר אויך געשטעלט די פראַגע, פאַר וואָס איך האָב נישט גלייך געוויזן דעם בריוו. האָב איך אים געענטפערט אַז אַזעלכע בריוו ווייזט מען נישט עפנטלעך. ער איז געוואָרן ווייך ווי פּוטער. ער האָט געהייסן אַרויסטראָגן אונדזער באַגאַזש און מיר געווונטשן אַ גליקלעכע רייזע. בין איך אַרויס פון דעם ספּעציעלן צימער און איך האָב גלייך דערזען בעסיען און אונדזער זון. בעסיע האָט געזאָגט, אַז מע האָט איר שוין געהאַט האַלב אויסגעטאָן און דאַן האָט מען מיט אַ מאָל זיך פאַר איר אַנטשולדיקט. מ׳האָט איר אויך געהאָלפן זיך ווידער אָנצוטאָן.

ס'האָט געגומען נאָך אַ פּאָר שעה ביז וואַנען די טשעקיסטן זענען פאַרטיק געוואָרן מיטן איבערקוקן דעם גאַנצן באַגאַזש און די פּאַספּאָרטן. ווען דאָס אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט דער הויפּט־קאָמיסאַר פון פּאָרט אַרויסגעגעבן די דערלויבעניש, אַז די שיף זאָל אָנהייבן איר רייזע.

אַזוי ווי עס איז געווען אַ זונטיק־טאָג, זענען אַ גרויסע צאָל איינוווינער געקומען צום ברעג ים, צו זען ווי אַ שיף מיט פּאַסאַזשירן פאָרט אַוועק קיין אויסלאַנד. אָט צווישן דער דאָזיקער מאַסע מענטשן, האָב איך געזען צום לעצטן מאָל באַקאַנטע פּנימער פון פריינד און חברים.

ווען די שיף האָט אָנגעהויבן אָפּצושווימען פון ברעג, איז מיין האַרץ פאַר־קלעמט געוואָרן. איך פאַרלאָז ווידער דאָס פּלאַץ, ווו איך בין אויפגעוואַקסן, דורכגעמאַכט אַ רעוואָלוציאָנערע שול און איבערגעלעבט צוויי רעוואָלוציעס. און איצטער לאָז איך זיך ווידער אַרויס אויף דער גרויסער, גרויער וועלט. וואָס אונדז דערוואַרט דאָרטן — איז געווען איין גרויסער פרעגצייכן. אַזוי־אַ שטיי־ענדיק אַ פאַרטראַכטער, ווען די פאַרגאַנגענע יאָרן און די צייטן וואָס וועלן נאָך קומען, האָב איך גאָר נישט באַמערקט ווי די שיף איז אַרויס אינעם אָפענעם ים אַריין. דער ים האָט בעת־מעשה שטאַרק געבושעוועט, ווי ער וואָלט געוואָלט פּראָטעסטירן קעגן דעם אַלעמען, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין משך פון די זעקס יאָר אינעם „נייעם" רוסלאַנד.

ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן בעסיען מיט אונדזער זון, און איך האָב זיי שוין געפונען איינגעאָרדנט אין אונדזער קאַיוטע.

אויפן צוריקוועג קיין אַמעריקע

די בייזע כוואַליעס האָבן געוואָרפן אונדזער ניט־גרויסע שיף פון איין זייט אויף דער צווייטער. שלאָפן האָב איך נישט געקענט פון די אַלע איבערלעבונ־גען פונעם טאָג. צו דעם איז פון מיין קאָפּ, ווי פון אַ קינאָ־מאַשין, אַרויסגע־קראָכן בילדער־געדאַנקען, און עפּעס אַ שטימע האָט אין דער זעלבער צייט גע־שטעלט איין פראַגע נאָך דער צווייטער.

נאָר גיי געפין ענטפערס אויף די אַלע פראַגעס, ווען אין דער מיטן פון ים איז אַזאַ מוראדיקער שטורעם און געפערלעך גרויסע כוואַליעס. נאָר אַן ענטפער מוז געפונען ווערן. ווען נישט היינט אין דער פינצטערער נאַכט, אין מיטן פו־נעם שוואַרצן ים, איז אפשר מאָרגן, ווען דער בלויער הימל וועט זיין באַפרייט פון די טונקעלע וואָלקנס און די זון וועט שיינען און וואַרעמען די וועלט. ווען דאָס וועט נישט פּאַסירן מאָרגן, וועט עס מוזן פּאַסירן אין דער קומענדיקער צייט. ד י צוקונפטיקע געשיכטע וועט מוזן געפינען דעם ענטפער און די אור־זאַכן פאַר וואָס און מיט וועלכן כוח איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער גאַנג פון דער גרויסער רוסישער סאָציאַלער רעוואָלוציע!

און ווער איז שולדיק אין דער שרעקלעכער וועלט־קאַטאַסטראָפע? האַלב

פאַרשלאָפן האָב איך געזען דאָס גרויסע בילד פון דעם גרויסן רוסישן פאָלק אין די האָניק־מאָנאַטן, ווען עס האָט זיך געפילט די ברידערלעכע ליבע פון מענטש צו מענטש, און דער גרויסער פאַרלאַנג זיך מקריב צו זיין פאַר דער נייער און באַפרייטער רוסלאַנד.

זענען געקומען די באָלשעוויסטישע פּאָליטיקערס, וואָס זענען נאָר געווען פאַראינטערעסירט צו שאַפן אַ נייעם פּאָליטישן שטאַט, אונטער זייער פולן קאָנטראָל, זייענדיק שוין ביי דער מאַכט, נאָר זייענדיק נאָך שוואַך און מאַכט־לאָז, האָבן זיי געפּרוווט אָפּשטעלן דעם גיגאַנט, וואָס האָט געשטויסן די גרויסע רוסלאַנד צו אַ נייעם און גערעכטן רעזשים. די באָלשעוויסטישע פּאָליטיקערס האָבן איינגעזען אַז מיט זיי וועט פּאַסירן דאָס זעלביקע, וואָס ס'האָט פּאַסירט מיט זייערע מיטברידער, די מענשעוויקעס און די רעכטע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן! איבער גאַנץ רוסלאַנד זענען זיי דורכגעגאַנגען מיט דעם רויטן האָן;[1] די באָלשעוויקעס האָבן געמוזט גנבענען אַנאַרכיסטישע סלאָגאַנס, כדי נישט צו ווערן פאַרניכטעט פון דער גרויסער קראַפט וואָס די גרויסע רוסישע סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט געשאַפן.

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז געוואַקסן ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן. גרופּעס, צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער, קלובן איבערן גאַנצן גרויסן רוסלאַנד. די גרויסע באַוווּנדערנדיקע מאַסן האָבן זיך צוגעהערט און זיי זענען געוואָרן פאַראינטערעסירט אין דער אַנאַרכיסטישער ליטעראַטור און אין לעבעדיקן וואָרט. נאָר וואָס האָבן די אַנאַרכיסטן, די אַנאַרכיסטישע גרופּעס און איינצלנע חברים געטאָן? ווי אַ בלינדער האָבן זיי זיך אַרומגעטראָגן מיט דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט פון דעם ראָמאַנטישן גייסט פון 18טן יאָרהונדערט, און מ'איז געזעסן אין די קלובן און מ'האָט געשפּאָלטן האָר, וואָסערער וועג איז דער ריכטיקער אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. די איינציקע באַוועגונג וואָס האָט געהאַט דעם מאָראַלישן און פיזישן כוח נישט צו דערלאָזן דער באָלשע־וויסטישער פּאַרטיי צו פאַרכאַפּן די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאַכט פון גאַנץ רוסלאַנד, איז געווען די אַנאַרכיסטישע.

אָבער איר האָט זיך אַפילו נישט געחלומט דאָס צו טאָן, ווייל די גרויסע רוסישע אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז געווען פאַרנומען מיטן אַלטן אָפּגע־שטאָרבענעם ראָמאַנטישן גייסט, און אָט דאָ איז אויסגעוואַקסן — ווען איך בין שוין געווען כמעט אינגאַנצן איינגעשלאָפן — די גרויסע פראַגע פאַר מיר: „צי איז דער אַנאַרכיזם נאָר אַ שיינער חלום, אָדער ער איז אַ קאָנסטרוקטי־ווער רעאַליזם?“ און איך האָב גלייך זיך אַליין געענטפערט:

„דער אַנאַרכיזם איז אַ געזונטע, קאָנסטרוקטיווע אידייע. נאָוואָראָסייסק מיט איר עקספּערימענטאַלן פאַרנעם, און נעסטאָר מאַכנאָס פּאַרטיזאַנער אַרמיי האָבן זייער דייטלעך און קלאָר באַוויזן אין פּראַקטישן לעבן, אַז ווען דער

[1] מ'האָט געברענט די רייכע מאַיאָנטקעס.

מענטש, דער שאַפער, ווערט אַריינגעפירט אין אַ סביבה ווו ער, און נאָר ער, איז טאַקע דער שאַפער און באַזאָרגער פון זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן, ווערט אַט דער מענטש־אַרבעטער אַ פרייער אין זיין שעפערישקייט און נאָר אין אַזעלכע אומשטענדן, קאָן די מענטשהייט דערוואַרטן אַ נייעם גערעכטן סאָציאַל־עקאָנאָמישן צוזאַמענלעבן. די קומענדיקע אַנאַרכיסטישע דענקער וועלן מוזן טיף אַריינקוקן אין די דערמאָנטע פאַקטן, כדי עס זאָלן ביי דער קומענדיקער גרויסער סאָציאַלער רעוואָלוציע זיין צוגעגרייט די אַנאַרכיסטישע קאַדרן, נישט אויף צו חלומען, נאָר צו זיין קאָנסטרוקטיווע מיטאַרבעטער מיט זייערע מיטמענטשן.

און די צוויי גרויסע דערפאַרונגען פון באָוואָראָסייסק און נעסטאָר מאַכנאָס אַרמיי, וועלן גענומען ווערן ווי דער פראַקטישער וועג, וועלכער וועט פירן צו אַ נייער סאָציאַלער געזעלשאַפט.

אינהאַלט:

מיין אָנקומען קיין רוסלאַנד 5

ערב אָקטאָבער 1917 9

דער גרויסער עקספּערימענט אין נאָוואָראָסייסק 14

די קאָנטראַרעוואָלוציע באַדראָט נאָוואָראָסייסק 18

נאָוואָראָסייסק לייזט פּראָבלעמען פון בירגערקריג 22

אין די ווינקעלערן פון דער צאַרישער פאַמיליע 35

די דערפאַרונג אין אַבראַו־דוירסאָ 39

עפּיזאָדן אין אַבראַו־דוירסאָ 44

שאָטנס פון מאָסקווע 47

איך געזעגן זיך מיט אַבראַו־דוירסאָ 50

די באָלשעוויקעס צעשטערן אונדזער אַרבעט אין נאָוואָראָסייסק 54

אונדזער באַוועגונג אין ראָסטאָוו־דאָן 64

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין כאַרקאָוו 65

די סטראַטעגיע פון די באָלשעוויקעס זיך אָרויסצודרייען פון קלעם 68

נאָכן דורכפאַל פון נאָוואָראָסייסקער עקספּערימענט 72

אין כאַרקאָוו 79

איך קריג אַ שטעלע אין אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט 89

ווידעראַמאָל אין כאַרקאָוו 100

די קאָנספּיראַטיווע קאָנפערענץ 105

מיר פאַרשפּרייטן אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור 110

איך צעטייל אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור דורכן אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט 116

טשעקיסטן העלפן טראָגן אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור 127

אַ דיסקוסיע וועגן דער סאָוויעט־רעגירונג 137

אין אָדעס 139

מיט אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל 142

די חברטע נינאַ 149

דער בירגערקריג צעפּלאַקערט זיך 154

מיין צוריקקומען אין נאָוואָראָסייסק 193

די פּאַרטיזאַנער־אַרמיי פון נעסטאָר מאַכנאָ 202

די באָלשעוויקעס פאַרניכטן די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג 208

מיין לאָיאַלקייט צום אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט 214

איך בין גרייט צו פאַרלאָזן רוסלאַנד 217

געשטאָרבן פּעטער קראָפּאָטקין 218

איך מאַך אַן עקספּעדיציע איבער גרויסע טיילן פון רוסלאַנד 222

איך וואַרט חדשים־לאַנג אויפן פּאַספּאָרט 256

אויפן צוריקוועג קיין אַמעריקע 264

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Copyright by
BORIS YELENSKY, Miami, Fla.

All rights reserved. No part of this book may be reproduced in any form without permission in writing from the publisher, except by a reviewer who may quote brief passages in a review to be pronted in a magazine or newspaper.

INDUSTRIA ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

Se terminó de imprimir en el mes de julio de 1967 en los Talleres Gráficos "Zlotopioro Hnos." S. R. L., San Luis 3149, Buenos Aires, República Argentina.

BORIS YELENSKY

IN THE SOCIAL STORM

(IN SOZIALN SHTUREM)

MEMORIES OF THE RUSSIAN REVOLUTION

★

BORIS YELENSKY

EN LA BORRASCA SOCIAL

(IN SOZIALN SHTUREM)

MEMORIAS DE LA REVOLUCION RUSA

★

Editado por:

"Bujguemeinschaft bai der Idischer Razionalistischer Gueselschaft"

BUENOS AIRES — 1967